STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01120

GEKLIBENE TSIUNISTISHE-SOTSIALISTISHE SHRIFTEN

Nachman Syrkin

Permanent preservation of this book was made possible by Ruth Kogan Felmus

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געקליבענע ציוניסטיש־
סאָציאַליסטישע שריפטן

פון

ד״ר נחמן סירקין

צווייטער באַנד

דר. נחמן סירקין

(אין די לעצטע יאָה־ען פון זיין לעבען)

געקליבענע
ציוניסטיש-סאָציאַליסטישע
שריפטען

פון

דר. נחמן סירקין

צווייטער באַנד

אַרויסגעגעבען פון דעם צענטראַלען קאָמיטעט פון
דער אידיש-סאָציאַליסטישער אַרבייטער פּאַרטיי
פועלי-ציון פון אמעריקא

SELECTED WRITINGS OF DR. N. SYRKIN

Published by Central Committee Poale Zion
133 Second Avenue, New York, N. Y.

תרפ"ו 1926

Copyright, 1926
by
MASHA SYRKIN
New York

PINSKI-MASSEL PRESS, Inc.
84 Bowery, New York, N. Y.

עפּאָכען אין דער אידישער געשיכטע:

די וואונדערבאַרע אידישע נאַציאָנאַליטעט
דער מדבר־גייסט און דער „אהלים"־גייסט אין דער אידישער אור־געשיכטע
דער אידישער שטאַט און זיין היפּוך די נבואה
די לייטערונג פון אידענטום אין גלות בבל
דער גייסטיגער שטילשטאַנד אין אָנהויב פון בית שני
דער צוזאמענשטויס צווישען אידענטום און גריכענטום
די פארשפּרייטונג פון אידען אין דער היינטיגער וועלט
די גריכיש־רוימישע ליטעראַטור וועגען אידען
די אידישע פארגייסטיגונג פאר דעם צווייטען חורבן
דער אונטערגאַנג פון דער אידישער זעלבסטשטענדיגקייט
די ענטשטעהונג פון קריסטענטום
ווי אַזוי די קריסטוס־לעגענדע איז געשאַפען געוואָרען
קריסטענטום רייסט זיך אָפּ פון אידענטום
די ענטשטעהונג פון דער קריסטוס לעגענדע

די וואונדערבארע אידישע נאציאנאליטעט

עס איז א וואונדערבארע, כמעט די וואונדערבארסטע ערשיינונג אין דער גאנצער וועלט-געשיכטע, ווי דאס אידישע פאלק איז אויפגעטראטען היסטאריש אלס זעלבסטשטענדיגע נאציאן, און ווי עס האט זיך אין צוויי טויזענט יעריגען גלות אלס שה פזורה ישראל ערהאלטען, ענטוויקעלט, גע־שאפען קולטור. דורך דעם יעצט אויפגעוואכטען ווילען פון אידישען פאלק צו נאציאנאלער ווידערגעבורט, דורך זיין ווילען צו ווערען א פאליטיש זעלבסטשטענדיג פאלק מיט אן אייגענער שאפענדער קולטור, דורך זיין ווילען זיך צו שטעלען ווידער אין דעם פראנט פון דער מענשליכער געשיכטע, אפשר גאר אין איר אוואנגארד, ווערט די אידישע ערשיינונג נאך זעלטזאמער און וואונדערבארער, דערשיטערט דיזער אידישער וואונדער דעם מענשליכען געמיט.

אזוי ווי דער געהיימניספולער פלאן פון דער מענשליכער געשיכטע וואלט אין דיזער אויפלעבונג פון פאלק ישראל זיך מתגלה געווען צו איינעם פון זיינע וויכטיגסטע עטאפען.

ביז צום לעצטען גרונד קען דער פארשענדער גייסט אפילו קיינמאל ניט דערגעהן און ערקלערען דורך דעם שפיל פון סיבה און ווירקונג דעם גאנג פון דער געשיכטע. דער מענשליכער גייסט, און באזונדערס אין זיין שאפענ־דען שעפפערישען אויסדרוק, איז א געהיימניס, א מיסטעריע. אבער די פארשונג קען אריינברייגען אורזאכליכע וויסענשאפטליכע ארדנונג אין די היסטארישע ערשיינונגען, אפילו אויב דער „וואהער" און „וואוהין", דער מאין און דער לאן, פון דעם מענשען רוהען באהאלטען אין די סודות פון דער געשיכטס-פילאזאפיע.

די תנאים פון דער געגענווארטיגער עקזיסטענץ און די מעגליכקייטען פון ערלעזונג, די לעבענס-נויט און די לעבענס-האפנונג, — זיי דרענגען און וועקען יעצט דאס אידישע פאלק צו אויפלעבונג, צו געשיכטע. אבער דער טיפער באהאלטענער שאפענדער כח פון דער אידישער אויפלעבונג איז דאס אידישע פאלק, דער עם ישראל, זיין זאנדערבארע נאציאנאלע אייגענארט, דער געניוס און די קולטור, וועלכע ליגען באהאלטען, וועלכע וואכען און שלומערען אין דער אידישער געשיכטע, אין אידישען לעבען, אין דער אידי־שער נשמה, אין אידישען בלוט.

אין דער אידישער נאציאנאלער אייגענארטיגקייט, וועלכע שטראמט פון געשיכטע און שטאמט ווייט פון אורגעשיכטע, אין דעם אידישען נאציא־

נאַלען מהות ליגט דער רצון, וועלכער האָט דורך דעם שטורם פון דעם גלות געבראַכט דאָס אידישע פאָלק צו דעם האפען פון דער מאָדערנער צייט. אין דעם נאַציאָנאַלען מהות איז פאַראַנקערט דער אונשטערבליכער אידישער היסטאָרישער ווילען, וועלכער האָט אין אַלע צייטען, זייט דעם היסטאָרישען אויפטרעטען פון פאָלק ישראל און דורך די יאָר־טויזענטער פון זיין גלות, געדרענגט דאָס אידישע פאָלק צו לעבען, צו העכערער פאָלקאָמענהייט, צו פארגייסטיגונג.

* * *

וואָס איז דער אידישער נאַציאָנאַלער מהות? וואָס זיינען די אייגענ־טימליכקייטען פון דיזער וואונדערבאַרער אידישער נאַציאָנאַליטעט? אין דעם געהיימניספולען בוך פון דער אידישער געשיכטע און אין דעם אידישען לעבען, וואָס איז דער המשך פון דער געשיכטע, דאַרף מען זוכען די תשובה אויף דער פּראָבלעם פון דער אידישער נאַציאָנאַליטעט.

דער נאַציאָנאַלער מהות איז א פרוכט פון דער געשיכטע, אין דער אור־געשיכטע ליגען זיינע וואָרצלען, אין דער געשיכטע ענטוויקעלט און ענט־פאַלטעט ער זיך, אין דער דראַמע פון דער געשיכטע ווערט ער פאַרענדערט, אמאָל פאַנאַנדערבליהענדיג צו אונגעוויינליכער קראַפט און שעהנקייט, און אמאָל פאַרוועלקט און פאַרדאַרט ער און לעזט זיך אויף.

אָבער די אונטערזוכונג וועגען דעם אידישען נאַציאָנאַלען מהות פאָדערט א באַטראַכטונג וועגען נאַציאָנאַלען כאַראַקטער בכלל. אונענטשידען קען בלייבען די אַלטע פראַגע, צי שטאַמט די מענשהייט פון איין פּאָר, אָדם און חוה, (מאָנאָגענעזיס), אָדער צי זיינען מענשען אויפגעטראָטען גלייכצייטיג אין פארשידענע ערטער פון דער ערד (פּאָליגענעזיס). מיר ווייסען, אז שוין אין די פאַרהיסטאָרישע צייטען איז די מענשהייט געטיילט אין ראַסען, וועלכע אונטערשיידען זיך אזוי בולט פיזיש און גייסטיג צווישען זיך. הויט־פּאַרב, בוי פון קערפּער און געזיכט, געשטאַלטונג פון די האָר און נאָך א גאַנצע אַנצאָל פון קערפּערליכע סימנים אונטערשיידען די ראַסען שוין אויסערליך. עס איז אויך וויסענשאַפטליך זיכער, אז דער בוי פון דעם געהירן און דעם נערווען־סובסטאַנץ ביי די פאַרשידענע ראַסען איז א פאַרשידענאַרטיגער. די וויסענשאַפט ווייסט אפשר ניט גאַנץ קלאָר, אין וואָס די אונטערשידען פון דעם מאַרך און דעם נערווען־סובסטאַנץ ביי די פאַרשידענע ראַסען און נאַ־ציאָנען באַשטעהען ביאָלאָגיש, אָבער אז עס זיינען פאַראַן ביאָלאָגישע אונ־טערשידען, שטעהט אויסערהאַלב פון יעדען ספק. אין דער לעצטער צייט האָבען די ביאָלאָגען און ראַסען־פאָרשער אָנגעהויבען אונטערזוכען די בלוט־אַנאַליזען פון די פאַרשידענע מענשליכע ראַסען, ווי כינעזער, האָלענדער, מאַלאַיען. מען האָט געפונען, אז דאָס בלוט פון די פאַרשידענע ראַסען האָט

באזונדערע אייגענטימליכקייטען, דאָס בלוט פון די פארשידענע ראסען רעאגירט בעמיש אויף א פארשידענעם אופן. דאָס בלוט איז זיכער א ראסען־יסוד, ניט ווייניגער ווי דער מארך־סובסטאנץ, וועלכע איז אָבער בכלל נאָך ניט פאָלשטענדיג אונטערזוכט געוואָרען וויסענשאפטליך. אז דאָס בלוט איז א פונדאמענטאלער יסוד אין דעם איינצעלנעם מענשען און אין דער ראסע האָט די וועלט שטענדיג געפילט. אזוי זאָגט דער פסוק: כי הדם הוא הנפש, דאָס בלוט איז די זעלע. „בלוט איז א גאנץ באזונדערער זאפט", זאָגט זיך אין פאוסט.

די פארשידענע מענשען־טיפען, ראסען, נאציאָנען, זיינען א פראדוקט פון איין זייט פון די נאטור־באדינגונגען פון לעבען, פון קלימאט, פון דער באריהרונג מיט די פלאנצען און חיות אויף דער ערד, אָבער פון דער אנדער זייט — פון די לעבענס־פארהעלטניסען פון די מענשען, דאָס הייסט פון דעם, ווי זיי האָבען טעכניש געאָרדענט און געפירט זייער לעבען, דורך פיש-פאנג, יאגד, פיהצוכט, אקערבוי אָדער גאָר האנדעל. ביידע פאקטאָרען, די נאטור און דאָס היסטאָרישע לעבען, האָבען געווירקט אויף דער אויסארבייטונג פון די באשטימטע ראסען־טיפען, וועלכע האָבען זיך פאָרמירט אין אונגעהייערע משך'ן פון צייט, אין צענטויזענטער אָדער גאָר הונדערט־טויזענטער יאָרען. די נאטירליכע אויסקלייבונג און די פארערבונג האָבען פארשטארקט די ראסען און געגעבען זיי נאָך א בולט'ערען כאראקטער. די אייגענשאפטען פון דער ראסע, און שפעטער פון דער נאציאָן, וועלכע האָבען געהאָלפען דער אינוועניגער פארשטארקונג, זיינען געוואָרען שטארקער, מעכטיגער, אָרגאני־שער און האָבען זיך פארערבט בירושה. פארקערט די אייגענשאפטען און אייגענארטיגקייטען, וועלכע זיינען ענטשטאנען אין איין עפּאָכע פון דער געשיכטע, אָבער וועלכע זיינען אין דער ווייטערדיגער היסטאָרישער ענט־וויקלונג געוואָרען א שטערונג פאר דעם פאָרטשריט, זיינען ביסלאכוויין אויסגעשידען און אויסגעשטויסען געוואָרען אין דעם פראָצעס פון דער פארערבונג.

ווייל דער נאציאָנאלער טיפ איז ניט נאָר א ביאָלאָגישער, נאָר אויך א גייסטיגער, איז ער וואנדעלבאר, פארענדליך, עלאסטיש. אָבער דיזע וואנד־לונג קען פאָרקומען נאָר אין א באשטימטער ליניע. א נאציאָן קען זיך ניט פארוואנדלען אין דעם היפך פון איר לכתחילה'דיגען טיפ, אָדער דיזען טיפ באדייטענד פארענדערען. די געשיכטע, וועלכע איז אזוי אָפט אונגינסטיג פאר דער ענטוויקלונג פון א נאציאָן, קען א נאציאָן ארויספווישען, פארניכטען יעדענפאלס די גייסטיגע געשטאלט פון דער נאציאָן, אָבער זי קען זי ניט באדייטענד ענדערען און לאָזען אין איר לעבען דעם באוואוסטזיין פון איר היסטאָרישען המשך. ווארום ערוואָרבענע אייגענשאפטען ווערען ניט פאר־

ערבט בירושה, ניט נאָר ביאָלאָגישע, וואָס דאָס קען יעדערער באָבאַכטען, נאָר אויך ניט פסיכישע. און דאָס איז ריכטיג בנוגע צו נאַציאָנען, ניט ווענינער ווי בנוגע צו יחידים. א מום געהט ניט איבער בירושה פון פאָטער אָדער מוטער אויף דעם קינד, און אויך אן ערוואָרבענע גייסטיגע פעהיגקייט, ווען זי איז ניט א טיפערע גייסטיגע פעהיגקייט, וועלכע איז פאַראַנקערט געוואָרען אין אָרגאַניזם, ווערט ניט פאַרערבט. א נאַציאָן איז פעהיג צו פאַר־פאָלקאָמונג, אַזוי ווי צו ענטאַרטונג, אין אָפּהענגיגקייט פון די היסטאָרישע לעבענס־תנאים. אָבער א נאַציאָן איז ניט ביכולת איבערצוגעהן נאָרמאַל אין אַנאַנדער נאַציאָנאַלען טיפּ.

די אורשפּרינגליכע אייגענשאַפטען פון א יחיד ווערען פאַרערבט בירושה. אָבער די ערוואָרבענע אייגענשאַפטען ווערען נאָר דאַן פאַרערבט, ווען זיי זיינען גורם אַן אָרגאַנישע ענדערונג, אַן ענדערונג פון דעם קיום־פּלאַזמא. האָט זיך דער יחיד ערוואָרבען אויבערפלעכליכע אייגענשאַפטען, ניט טיף איינשניידענדע אין בלוט און פלייש, — קענען דיזע אייגענשאַפטען ניט אריבערגעהן בירושה און ניט ענדערען די ענטוויקלונג פון דעם טיפּ פון דיזען יחיד. אויך די ערוואָרבענע אייגענשאַפטען פון א נאַציאָן, וועלכע זיינען צו איר צוגעקומען דורך באַרירונג מיט אַנדערע נאַציאָנען, דורך איר שטאַנד אין דער געשיכטע, קענען נאָר דאַן איבערגעהן בירושה פון דור צו דור און ענדערען דעם נאַציאָנאַלען טיפּ, ווען דאָס זיינען טיפע מעכטיגע אייגענ־שאַפטען, וועלכע האָבען, אַזוי צו זאָגען, אָנגעריירט די סובסטאַנץ פון דער נאַציאָן.

ווערט א נאַציאָן אין איר היסטאָרישען גאַנג אריינגעבראַכט אין אַזעלכע באַדינגונגען, אַז זי מוז אין איר לעבענס־צופּאַסונג אויפנעמען ענטשיידענדע אייגענשאַפטען, וועלכע זיינען להיפּך צו איר גאַנצען אָריגינעלען כאַראַקטער, קענען זיך דיזע אייגענשאַפטען דורך דער דויער און פאַרערבונג שטאַרקען און ענדערען דעם אורשפּרינגליכען נאַציאָנאַלען כאַראַקטער. האָט אָבער א נאַציאָן היסטאָריש ערוואָרבען אייגענשאַפטען, וועלכע זיינען אין איינ־קלאַנג מיט איר אורשפּרינגליכען נאַציאָנאַל־כאַראַקטער, דאַן געהען דיזע אייגענשאַפטען איבער בירושה און פאַרשטאַרקען און פאַרטיפען דעם נאַציאָ־נאַלען מהות.

אין דיזען זין קאָן מען זאָגען, דאָס דער גרונד יסוד פון דער נאַציאָן ליגט אין דער אייגענאַרטיגער ביאָלאָגישער מאַטעריע, וועלכע איז נאָך ערב פון דער געשיכטע, אין טיפען פאַרצייטען, אור־היסטאָריש, ענטוויקעלט גע־וואָרען אין דער נאַציאָנאַלער גרופּע.

אָבער אין יעדער נאַציאָן ליגט אויך דער נידערשלאַג פון איר גאַנצער היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט, פון איר געשיכטע, און די טיפע דויערענדע

כחות פון דער געשיכטע זיינען קריסטאליזירט אין יעדער נאציאן. (זעה מכח דעם אָטאָ באוער: די נאציאנאליטעטען פראגע, זייט 22-1; זאמ־בארט: די יודען און דאס ווירטשאפטסלעבען, זייט 390).

אָרגאנישע ביאָלאָגישע באזונדערקייטען זיינען דער יסוד פון א נאציאן, און דיזע באזונדערקייטען זיינען אונטערוואָרפען צו פארשטארקונג אָדער צו פארבלאסונג און פארניכטונג אין דעם היסטאָרישען וואנדעל פון דער נאציאן. אָבער א נאציאָן איז ניט נאָר א פסיכישע ערשיינונג. א נאציאָן איז א מאָ־ראלישער סוביעקט, פאר זיך זעלבסט פאראנטוואָרטליך און פון זיך זעלבסט אפהענגיג. אין דעם אייגענעם סוביעקטיווען גייסט און ווילען לעבט די נאציאָן. ניט נאָר איז די אייגענארטיגקייט פון אָביעקטיווען באוואוסט־זיין דער כאראקטעריסטישער סימן פון א נאציאָן, נאָר א נאציאָן האָט אויך אן אייגענארטיגען סוביעקטיווען באוואוסטזיין. א נאציאָן האָט דעם באַ־וואוסטזיין פון א גלייכער ווערטפולער היסטאָרישער פארגאנגענהייט, דעם געפיל פון גלייכען היסטאָרישען שיקזאל, פון קולטורעלער געמיינזאמקייט, און א נאציאָן האָט אויך דעם ווילען אָנצוהאלטען דיזע אייגענארטיגקייט און געמיינשאפטליכקייט אין לעבען און קולטור אויף להבא.

א נאציאָן איז ניט נאָר א ביאָלאָגיש־היסטאָרישער פראדוקט, ניט א מענשען־גרופע פון מאטעריאל־און־פסיכיש צווישען זיך ענליכע יחידים, נאָר א לעבעדיגער בונד פון מענשען, וועלכע האבען א גלייכע פּאָזיטיווע אָפּשאַ־צונג פון זייער געשיכטע, פון זייער אייגנארטיגקייט און קולטור, און א גליי־כען שאפענדען רצון בנוגע צו זייער צוקונפט. א נאציאָן איז א מאָראלישער סוביעקט, אין דינסט און פאראנטוואָרטליכקייט פאר דעם אייגענארטיגען שאפענדען גייסט, וועלכע איז אין איר נתגלה געוואָרען. אין יעדער נאציאָן איז דערפאר אויך פאראן א ניצוץ פון היסטאָרישער אויסדערוועהלטקייט, ווארום יעדע נאציאָן לעבט איבער איר אינדיווידועלע אייגענארטיגקייט מיט א שטארקערען אָדער שוואכערען געפיל־טאָן.

* * *

קיין פאָלק פון דער מענשליכער געשיכטע איז אין דיזען זין ניט אזא אויסגעשפראָכענע נאציאָן, אן אויסערוועהלטעס פאָלק, ווי דאס אידישע פאָלק, כאָטש עס האָט פארלאָרען אין זיין טראגישער געשיכטע פילע אויסער־ליכע אטריבוטען פון א פאָלק.

דער מדבר־גייסט און דער „אהלים"־גייסט אין דער אידישער אור־געשיכטע

טויזענדער יאָרען פאר אונזער צייט-רעכנונג איז דאָס אידישע פאָלק אויפגעטראָטען אין דער געשיכטע, ווי אַ וואונדערבארעס פאָלק, ווי אַן עם הפלאות. אקוראט ווי דער שאפענדער געשיכטעס־ווילען האָט אין דעם אידי־שען פאָלק לכתחילה שוין געוואָלט דערהויבען דעם גייסט צו אַ העכערער מדרגה. ווי אַלע קולטור־פעלקער פון אַמאָל איז עס געווען אַ פאָלק פון מדבר, וואָס האָט געלעבט און געוואַנדערט אין די פרוכטבארע אָאַזען פון מדבר און האָט אין יענער אייגענארטיגער נאַטור באַקומען זיין גייסטיג־נאַציאָנאַלען מהות. אין אָאַזען, אין באַפרוכטעטע וואַסער־רייכע געגענדען אין מדבר, זיינען אויפגעטראָטען היסטאָריש אַלע גרויסע קולטור־פעלקער: בבל און אשור אין מעסאָפּאָטאַמיען, ביים מדבר סוריה, די עגיפּטער אין מצרים, ביים מדבר סאַהאַרא, אידען אין ארץ ישראל, ביים מדבר ערב. און אין די אייגענ־אַרטיגע נאַטור־באַדינגונגען און לעבענסבאַדינגונגען פון מדבר האָט זיך פאָר־מירט זייער גייסט (זאָמבאַרט: 403 און ווייטער). בשעת אָבער די אסיריער, בבליים, עגיפּטער און די פאַרשידענע פעלקער פון דער מדבר־אבשטאַמונג און מדבר־קולטור זיינען פארשוואונדען היסטאָריש, איידער זיי האָבען נאָך אָנגעהויבען ענטוויקלען זייער גייסטיגען מהות, האָט דאָס אידישע פאָלק, דורך דער העכערער אייגענאַרטיגקייט פון זיין ראַסע און די תנאים פון זיין לעבען כמעט אין אַלע פּעריאָדען פון זיין היסטאָרישער עקזיסטענץ, פאַרטיפט און באַרייכערט זיין נאַציאָנאַלען כאַראַקטער.

די כאַראַקטעריסטישע אייגענטימליכקייט פון דעם מדבר און אויך פון דער אָאַזע, וועלכע איז פון מדבר אַרומגערינגעלט, איז — וואָס דער מדבר־מענש גיסט זיך ניט צונויף מיט דער נאַטור, פאַרגעטערט ניט די נאַטור, נאָר איז די נאַטור מבטל, באַזיגט די נאַטור דורך זיין גייסט, שטעלט זיך איבער דער נאַטור.

האָט אַ מענשען־גרופּע איינמאָל אויפגעהויבען זיך צו אַזאַ גייסטיגער מדרגה, איז אַזוי ווי זי האָט געשאַפען אין זיך אַ נייעם כח, אַ נייעם חוש, כדי אויף אַן אַנדער אופן אויפצונעמען נאַטור און לעבען.

אין דער נאַטור ווערט דערקענט די הערשאַפט פון אונזיכטבארען גייסט, די אָרדנונג. די געזעצמעסיגקייט פון דעם גייסט ווערט געשטעלט אויף דעם כסא הכבוד פון דער נאַטור, און די ווילדע ווילקיר פון דער נאַטור הערט אויף. די וויסטע איז איינפאָרמיג, אויף הונדערטער מיילען האָט זי ניט קיין אָפּ־

וועקסלונג, קיין אונטערשיד, מיט גאָרנישט קאָן זיך באהעפטען, פארבינדען דעם מענשענ'ס אויג און זין. דורך דער ריינער דורכזיכטיגער לופט באנעמט דער מענש דעם בלויען הימעל מיט זיינע אונענדליכע העל־ליכטיגע שטערען, וועלכע הענגען אראָפּ פון זייער אונענדליכקייט מאיעסטעטיש אוןריידען אזוי נאָהענט און אינטים צום מענשען. ניטאָ אין דער מדבר קיין וואלד, קיין וואסער, קיין קוואל, קיין לעבעדיגקייט, מיט וועלכער דער מענש זאָל זיך צונויפלעבען און צונויפגיסען. אָבער דערפאר רעדט אין דעם מדבר צום מענש די אונענדליכקייט, דער „וועלטאל“, דער הימעל מיט די שטערען. דער מדבר איז תוהו ובוהו, פוסט און לעער, אָבער דערפאר איז זיך מתגלה צו דעם מענשען דער רוח אלהים, וועלכער שוועבט, „מרחפת“, ניט „על פני המים“, — נאָר על פני המדבר. אין דער מדבר־נאטור באגייסטיגט דער מענש די וועלט, מאכט ער זי מאָנאָטעאיסטיש, צעהלט און באָאבאכטעט ער די שטערען און זייערע וועגען, ברייננט ער אריין גייסטיגע אָרדנונג אין דעם פילפארביגען כאָאָס פון די ערשיינונגען.

די נאטור גובר זיין, די וועלט פארגייסטיגען, זיך וויסענשאפטליך אויף דעם הימעל אריענטירען, און די קאָנסעקווענצען דערפון — אבסטראקט דענקען און קלערען, — דיזע אייגענשאפטען האָט דאָס אידישע מדבר־פאָלק און וואנדער־פאָלק זיך ערוואָרבען שוין אין זיין אורהיסטאָרישער מדבר־פארגאנגענהייט.

מער פון אלע פעלקער פון יענע מדבריות פון אזיען און אפריקא האָט דאָס אידישע פאָלק אויפגענומען אין זיך דעם אייגענארטיגען קולטור־גייסט פון מדבר און האָט אים נאָך אין משך פון זיין געשיכטע ענטוויקעלט און געשטארקט. דער מדבר־גייסט, וועלכער איז דער מאָנאָטעאיסטישער גייסט, איז אָבער אויך דער נאָמאדען־גייסט, דער וואנדערער־גייסט, דער אהלים־גייסט. און דער נאָמאדישער אהלים־גייסט איז א סאָציאלער גייסט. אין דער וואנדערונג איז ניטאָ קיין פריוואט־באזיץ, צו דעם גאנצען שבט געהערען די סטאדעס מיט די געצעלטען מיט דאָס גוטס. איז אויסגעוואקסען דער כח צום אבסטראקטען דענקען, דער שעפּפערישער גייסט, וועלכער האָט זיך געשטעלט איבער נאטור און רעאליטעט, וועלכער האָט גובר געווען די גאנצע מיטאָלאָגיע פון דער נאטור דורך דעם אבסטראקטעסטען וואָרט: בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ. אין מדבר איז געבאָרען געוואָרען דער אידישער אינטעלעקט, וועלכער האָט דעם אידישען פאָלק געגעבען אין דער געשיכטע אזא געוואלטיגען איבערוואָג איבער די אנדערע פעלקער. און אין דעם אהלים־לעבען און וואנדער־לעבען פון מדבר האָבען אָנגעהויבען שפּראָצען די אָריגינעלע מאָראלישע כחות פון אידישען פאָלק. פון וואנדערען אין מדבר און הירטען־לעבען פון דער אורגעשיכטע, האָט דאָס אידישע פאָלק געבראכט

אין זיין געשיכטע זיינע מערקווירדיגע סאָציאַלע אייגענשאַפטען, זיין מאָ־ראַליש־קאָמוניסטישען זין, וועלכער איז טיף איינגעוואָרצעלט אין דער אידי־שער נאַציאָנאַלער נשמה.

דאָ שטויסען מיר זיך אָן אויף א מערקווירדיגע אייגענטימליכקייט פון דעם אידישען שטאַם, בשעת ער איז איבערגעגאַנגען פון אורגעשיכטע צו געשיכטע. יעדע געזעלשאַפט איז אין אורגעשיכטליכען צושטאַנד געווען קאָמוניסטיש, און ערשט אין דער געשיכטע האָט זיך די קאָמוניסטישע גע־זעלשאַפט פאַרוואַנדעלט אין דעם שטאַט פון ציוויליזאַציע און געוואַלט. די טיילונג פון ארבייט, די ענטשטעהונג פון רייכטום, דער אַקערבוי, די גרינדונג פון שטעט, די מלחמות, די איינפירונג פון שקלאַפעריי האָבען צושטערט די אמאָליגע קאָמוניסטישע געזעלשאַפט, די געגנטיל־פאַרפאַסונג פון די מענשען ערב דער ציוויליזאַציע, און עס איז ענטשטאַנען פריוואַט־אייגענטום, מאָנאָ־גאַמיע, שטאַט, אונטערדריקונג. דער קאָמוניזם פון דער נאָך האַלב־באַרבאַ־רישער געזעלשאַפט האָט פּלאַץ געמאַכט צו דער שקלאַפעריי פון דער אויפ־שטייגענדער ציוויליזאַציע און דעם אָרגאַניזירטען שטאַט. אָבער דיזער איבערגאַנג פון דעם קאָמוניזם פון דער אורגעזעלשאַפט צו דער שקלאַפעריי פון דער ציוויליזאַציע איז די מענשען אָנגעקומען ניט לייכט. דורות פון קעמפען זיינען פאַריבערגעגאַנגען, ביז דער קאָמוניסטישער מענש האָט זיך אונטערגעוואָרפען אונטער דער מאַכט פון שטאַט. די אונטער דעם דרוק פון דער עקאָנאָמישער נויטווענדיגקייט צושפּאָלטענע קאָמוניסטישע געזעל־שאַפט, צושפּאָלטען אין רייכע און אָרימע, הערשער און באַהערשטע, הארען און שקלאַפען, באַזיצער און באַזיצלאָזע, האָט זיך נאָך פילע דורות געראַנגעלט, ביז די אמאָליגע סאָציאַלע גלייכהייט האָט זיך אונטערגעגעבען אונטער דער שקלאַפעריי און הערשאַפט פון דעם אויפגעשטיגענעם שטאַט. פון דער ניט־געשריבענער געשיכטע פון דער קאָמוניסטישער אורגעזעלשאַפט צו דער גע־שריבענער געשיכטע פון די סאָציאַלע קעמפען פון שטאַט פירען גאַנצע דורות פול מיט קאַמף, ליידען, אומוועלצונג.

בשעת אָבער די זכרונות פון דער אמאָליגער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט פון דער צייט פון דער געגנטיל־פאַרפאַסונג, זיינען ביי אַלע פעלקער אין אַל־טערטום שוין אויסגעלאָשען געוואָרען, האָבען זיי אָבער ביים פאָלק ישראל, ווען עס איז שוין געוואָרען אַ שטאַט מיט ציוויליזאַציע, זיך נאָך דערהאַלטען פריש און קרעפטיג אין לעבען. אין דער גאַנצער אידישער געשיכטסלעגענדע, וועלכע איז דער ווינקעלשטיין פון דער אמאָליגער נאַציאָנאַל־רעליגיעזער קולטור, קלינגט די עראינערונג פון דעם אמאָליגען גן־עדן פון דער געגנטיל־פאַרפאַסונג, פון דעם פרייען קאָמוניזם. די געשטאַלטען פון דער לעגענדאַ־רער קאָמוניסטישער צייט טראָגען זיך אין פאָלקס־באַוואוסטזיין ווי הייליגע

סאָציאַל־מאָראַלישע געשטאַלטען. קין דער עובד־אדמה (ערד־ארבייטער) איז דער מערדער פון הבל דעם רועה־צאן (פאַסטוך), און גאָט פאַרשילט קין'ען. די לעגענדע שילדערט דאָ, ווי דער העבערער אַקערבוישטאַם קין האָט פאַרניכטעט דעם פרימיטיווערען הירטען־שטאַם הבל, און ווי די ציוויליזאַציע פון אַקערבוי און געזעלשאַפט האָט אָפּגעווישט די פריהערדיגע פרומע קאָמוניסטישע געזעלשאַפט פון דעם הירטען־לעבען אין די אהלים. מיט וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרען פרומען פּאַטאָס שטעלט זיך דער שרייבער פון דער תורה אויף הבל'ס צד. און ביז אין די שפּעטסטע יאָר־טויזענטער בײנקט דער אומבאַשטימטער היסטאָרישער זכרון נאָך הבל דעם רועה־צאן, נאָך הבל הצדיק, דעם סימבאָל פון דער קאָמוניסטישער גענטיל־פאַרפאַסונג.

טיף אין באוואוסטזיין פון פאָלק האָט זיך דערהאַלטען די עראינערונג פון דעם אורשפּרינגליכען קאָמוניזם, פון דעם פרייען הירטען־לעבען אין די אהלים, אין די אָאזען פון מדבר. ווען דאָס פאָלק איז געווען געזונקען בשעת דעם אונטערגאַנג פון זיין קאָמוניזם אין דער שטאַטס־ציוויליזאַציע, האָט עס אידעאַליזירט דעם מדבר און דאָס הירטען־לעבען, ווי דעם פאַרלאָרענעם קאָמוניסטישען גן־עדן. דער אַמאָליגער קאָמוניזם און די מאָראַל פון קאָמוניזם האָבען געהאַלטען געפאַנגען די נשמה פון פאָלק, אפילו ווען דער קאָמוניזם איז שוין פאַרביטען געוואָרען דורך דעם שטאַט. אין דער גאַנצער תורה איז דער פאַסטוך אין דער מדבר דער קוואַל פון דער סאָציאַלער און מאָראַלישער באַנייאונג און פאַראינגונג. ווען משה טרעט אויף, באַקומט ער אין מדבר זיין אמת'ע קראַפט און אין הירטען־לעבען באַהעפט ער זיך מיט'ן אמת. אויף דעם באַרג סיני, דעם מדבר־באַרג, האָט זיך גאָט מתגלה געווען צום פאָלק ישראל. אין מדבר איז דער אמת'ער גאָט, דער גאָט פון גערעכטיגקייט, פאָראויסגעגאַנגען פאַר זיין פאָלק. אלהים בצאתך לפני עמך, בצעדך בישימון סלה (תהלים, ס"ח, ח'). גאָט ווערט ביי די נביאים שטענדיג פאַרגליכען מיט אַ הירט, וועלכער איז דער סימבאָל פון גערעכטיגקייט און מאָראַלישער האַרמאָניע. דער פּסוק זוכט שטענדיג פאָרצושטעלען גאָט'ס זאָרג פאַר זיין פאָלק דורך דעם בילד פון אַ הירט און זיין סטאַדע. כרעה עדרו ירעה, בזרועו יקבץ טלאים ובחיקו ישא, עלות ינהל (ישעיה מ' י"א), (אַזוי ווי אַ פאַסטוך נעמט צונויף די לעמעלאַך מיט די הענד א. א. וו.) דער נביא זעהט אין דעם אַמאָליגען הירטען־לעבען, אין די אהלים, דעם אידעאַל פון דער צוקונפט. עוד אושיבך באהלים כימי מועד, (איך וועל דיך נאָך באַזעצען אין די געצעלטען ווי אַמאָל), דאָס זאָגט אָן דער נביא הושע דעם פאָלק ישראל פאַר דער צוקונפט.

דיזע פרייע קאָמוניסטישע הירטען־עפּאָכע, איידער דאָס פאָלק ישראל איז אריינגעצויגען אין כנען, איז די שעפּפערישע עפּאָכע, וועלכע האָט מאָ־

ראַליש און סאָציאַל ווייטער געווירקט אויף דאָס אידישע לעבען. און דאָ
ליגט שוין אין דער אורגעשיכטע דער געוואַלטיגער פונדאַמענטאַלער אונטער־
שיד צווישען דעם אידישען פאָלק און אַלע אַנדערע פעלקער. ביי אַלע פעל־
קער איז מיט דער פאַרשווינדונג פון דער אַמאָליגער קאָמוניסטישער גענטיל־
פאַרפאַסונג סוף כל סוף פאַרשוואונדען אויך די עראינערונג אָן דער אַמאָ־
ליגער קאָמוניסטישער פרייהייט און גלייכהייט. די אונטערדריקטע קלאַסען
שפאַנען זיך איין אין דער היסטאָרישער פעריאָדע אין דעם יאָך פון שקלאַ־
פעריי, שטאַט, באַזיץ, אונטערדריקונג. ביים אידישען פאָלק לעבט און
ווירקט אין דער גאַנצער שפּעטערדיגער געשיכטע דער אַלטער קאָמוניסטישער
אהלים־גייסט, וועלכער ווערט א שעפּפערישער אידעאַל פון לעבען.

דער מדבר־גייסט און דער אהלים־גייסט פון דער אורגעשיכטע זיינען
געוועזן שעפּפערישע כחות אין דער געשטאַלטונג פון דעם אידישען נאַציאָ־
נאַלען כאַראַקטער. די ענטוויקלונג פון דער אידישער געשיכטע איז געגאַנגען
אין א וועג, אויף וועלכען דער פון דער אורגעשיכטע שטאַמענדער נאַציאָנאַ־
לער כאַראַקטער האָט זיך נאָך ווייטער פאַרשטאַרקט און אויסגעבילדעט.

דער אידישער שטאַט און זיין היפך די נבואה

פון עבר הירדן, פון דעם מדבר און די אהלים, דרינגען די בני ישראל אריין אין כנען, וואָס איז שוין געווען אַ האַלב־ציוויליזירטע לאַנד. דאָרט געפינען זיי שטעט און פעסטונגען און פעלדער און גערטנער און רייכטום. די בני ישראל ווערען דאָרט מיט דער צייט זעסהאַפטע בויערן און שטאָטישע באַוואוינער. עס אָרגאַניזירט זיך אַ ציוויליזאַטאָריש לעבען, עס הויבט אָן אויסוואַקסען דער שטאַט. לכתחילה אין דער עפּאָכע פון די שופטים זיינען נאָך די לעבענס־פאַרהעלטניסען זעהר איינפאַך; די סאָציאַלע גלייכהייט ווערט נאָך ניט געשטערט; שטאַט און רעגירונג זיינען נאָך ניט אָבגעריסען פון דער געזעלשאַפט אין באַזונדערע אינסטיטוטען פון געוואַלטטעטיגקייט. דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען איז נאָך פּרימיטיוו און גלייך. דער איינפאַכ־סטער מענש קאָן ווערן אַ שופט, אַ פירער, ווי דאָס איז דער פאַל מיט גדעונ'ען, יפתח'ן און אפילו שפּעטער מיט שאול'ן.

אָבער דער וואוקס פון דער ציוויליזאַציע, די באַרירונג מיט מצרים, די פלשתים, די פעלקער אין און ארום כנען, די טיילונג פון דער ארבייט, די גרינדונג פון שטעט, די מלחמות מיט די ארומיגע פעלקער, האָבען ביסלאַכ־ווייז פאַרניכטעט דעם אהלים־קאָמוניזם, האָבען געמאַכט דאָס אידישע מדבר־אהלים־פאָלק ככל הגוים, ווי אַלע פעלקער פון ארום. דאָס קעניגטום ווערט אַ נויטווענדיגקייט פון די אורזאַכען פון דער אינעווניגער אונגלייכהייט און דער אויסערער פּאָליטיק. דאָס פאָלק פירט איין אונטער שמואל הנביא דאָס קעניגטום, ווייל עס קאָן מער ניט לעבען אין דער באַשיידענקייט פון אהלים־קאָמוניזם. והיינו גם אנחנו ככל הגוים ושפטנו מלכנו, ויצא לפנינו ונלחם את מלחמותינו (מיר ווילען אויך זיין ווי אַלע פעלקער, זאָל אונז משפּט'ן אונזער קעניג און געהן פאָראויס אונז אין קריג) (שמואל א' ח' כ'). אַזוי טענה'ט דאָס פאָלק צום נביא שמואל, בעטענדיג ביי אים אַ קעניג. פון דיזען פסוק רעדט די גאַנצע היסטאָרישע איבערקערעניש, וועלכע פירט פון דער סאָציאַלער גלייכהייט און די רעשטען פון אהלים־קאָמוניזם אין דער שופטים־עפּאָכע צו דער עפּאָכע פון קעניגטום, ציוויליזאַציע, שטאַט, רייכטום, קלאַ־סען־טיילונג, בונד מיט פרעמדע פעלקער, סאָציאַלער און מאָראַלישער פאַנאַנדערפאַלונג.

אונטער דוד, שלמה, אחז, חזקיה, אחאב ביז צום חורבן בית ראשון ווערט ארץ ישראל אַ שטאַט פון רייכטום און ציוויליזאַציע. דער לוקסוריע־זער אויפבוי פון בית המקדש אונטער שלמה, די גרינדונג פון אַ פּאַלאַץ ביי

עציון גבר ביים ים סוף, די פראכט פון שלמה'ס הויז־פירונג, זיינע טויזענט ווייבער, פון וואָס דער היסטאָריקער דערצעהלט, זאָגען עדות פון דעם וואוקס פון דעם נייעם שטאַט. דאָס לאַנד ישראל שטעהט אין ענגסטער פאָליטישער פארבינדונג מיט אשור און בבל. אין אן אונגעהייערען מאָס שטייגט דער רייכטום. דער נביא ישעיה גיט א מערקווירדיג ריכטיגען בילד פון דער עפּאָכע פון בית ראשון, פון די ימי המלכים, בשעת די ציוויליזאציע פון אזיען און אפריקא האט זיך פארשפּרייט איבער ארץ־ישראל און האט דאָרט גע־שאַפען רייכטום, לוקסוס, שקלאַפעריי. ותמלא ארצו כסף וזהב ואין קצה לאוצרותיו, ותמלא ארצו סוסים ואין קצה למרכבותיו — (זיין לאַנד איז גע־וואָרען פול מיט זילבער און גאָלד און ס'איז ניט געווען קיין סוף צו זיינע אוצרות, זיין לאַנד איז געוואָרען פול מיט פערד און ס'איז ניט געווען קיין סוף צו זיינע רייט־וועגען) (ישעיה ב׳, ז׳). ישעיה צעהלט איבער דעם גאַנצען געוואַלטיגען טואַלעטען־לוקסוס פון די בנות ציון פון זיין צייט. און עס דונערט דער נביא געגען דעם אָבפאַל פון גאָט און געגען די סאָציאַלע חטאים, מיט וועלכע יהודה האָט זיך באפלעקט.

געגען דיזער פארפלייצונג פון ארץ ישראל מיט פרעמדער ציוויליזאציע און דעם אונטערגאַנג פון דער לעבענסריינקייט און דער סאָציאַלער גלייכהייט קעמפט דער אַלטער מאָנאָטעאיסטישער מדבר־גייסט און דער אהלים־קאָמו־ניזם פון דער גענטיל־פארפאַסונג. ביי אַלע אַנדערע פעלקער איז די קאָמו־גייסטיגע עראינערונג פון דער אורגעשיכטע פארזונקען און פארשוואונדען אין שטאַט. ביים אידישען פאָלק אָבער איז פון די יסודות פון מדבר־גייסט און אהלים־קאָמוניזם אויפגעוואַקסען אין קאַמף געגען די פרעמדע שטאַטען און ציוויליזאציאָנען יענע ריינע וועלט־אנשויאונג, וועלכע האט געקלונגען צו דעם אידישען פאָלק, ווי א גרויסער סאָציאַלער און רעוואָלוציאָנערער רוף, און וועלכע האט אָנגענומען דעם אייגענאַרטיגען נאָמען נבואה. דער פרייער קול פון דעם ריינעם מענשען, וועלכער קלינגט האַרמאָניש, ווייל ער שטאַמט פון ריינעם שכל, און וועלכער דונערט שטורעמדיג געגען די זינד פון לעבען, ווייל ער רייסט זיך פון דעם פילענדען האַרץ, — דאָס איז די נבואה, און ווייל די נבואה איז אַבסאָלוט אין איר פאָדערונג און געבאָט, טרעט זי אויף אַלס גאָטס־וואָרט, גאָטס־רצון און גאָטס־אָנזאָג.

אונטער דער ווירקונג פון דער נבואה־אידעע איז אויסגעוואַקסען און האט זיך איינגעוואָרצעלט אין דער פאָלקס־נשמה די אבות־לעגענדע, וועלכע דערהויבט די הירטען־עפּאָכע צו דער מדרגה פון דעם העכסטען נאציאָנאַלען אידעאַל.

די ערצעהלונגען פון די אבות זיינען די אומוואַנדלונג פון נאַטור־מיטהען אין היסטאָרישע לעגענדען. אברהם, יצחק, יעקב, די צוועלף זין,

יוסף, — זיי וואַרצלען אַלע אין דער אַלטער סעמיטישער מיטהאָלאָגי, אין דער פאַרגעטערונג פון דער זון, דער לבנה, די שטערען, די צבא השמים. אין דעם וואָרט אברם ליגט שוין אָנגעדייטעט די אורשפּרינגליכע באַדייטונג פון דיזען וואָרט, עס איז א הימלישער גאָט, א הויכער פאָטער, אב רם, א הויכער הימלישער גאָט. אָבער אין דעם העבערען אידישען באוואוסטזיין זיינען די הימלישע געטער פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין די הייליגע אבות פון דער אומה. די אבות, וועלכע די נביאים האָבען ערפונדען פון די נאַטור־געטער, פירען א הייליגען פרומען הירטען־לעבען, וואָס דאַרף דינען אַלס ביישפּיל פאַר דער גאַנצער אידישער געשיכטע. אין די ערצעהלונגען וועגען די אבות, וועלכע זיינען שוין נאַציאָנאַל און רעליגיעז ערציהעריש, קלינגט די טיפע בענקשאַפט און פאַרערונג צו יענער קאָמוניסטישער הירטען־עפּאָכע, וועלכע איז פון פאָלקס זכרון קיינמאָל ניט פאַרשוואונדען. זיי זיינען הייליגע און פרומע, יענע אבות פון דער קאָמוניסטישער הירטען־צייט, א ביישפּיל פאַר אַלע צוקונפטיגע דורות, ווען די אַלטע ריינקייט איז שוין אַראָפּגעווישט געוואָרען דורך די נייע האַרטע לעבענסבאַדינגונגען. „כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך יהוה לעשות צדקה ומשפט". (בראשית י"ח, י"ט). אזוי שילדערט דער נביא-שרייבער פון ספר בראשית זיין מאָראַלישען העלד אברהם אבינו מיט כמעט גאַרניט באהאַלטענער טענדענץ. ויעקב איש תם יושב אהלים (בראשית כ"ה, כ"ז). דאָס איז די געשטאַלט פון יעקב אבינו, וועלכער לעבט פרום אין געצעלטען, און ניט אין דער ציוויליזאַציע מיט איר סאָציאַלער אומגערעכטיגקייט. און משה איז א רעה צאן, און אין מדבר איז זיך אים מתגלה דער איין איינציגער גאָט. און אויך דער פרומער דוד המלך איז גענומען געוואָרען מאחורי הצאן, און מיט דער מדבר, דיזען קוואַל פון אמת און ריינקייט, שטעהט דוד אין שטענדיגער פאַרבינדונג. אזוי וועבט די נבואה, וועלכע איז דער פּראָטעסט געגען דעם נייעם שטאַט, פון דער אַמאָליגער נאַטור רעליגיע א נייע העברעאישע נאַציאָנאַל־רעליגיעזע טראַדיציע אין גייסט פון אַמאָליגען אהלים־קאָמוניזם.

די נבואה, וועלכע לעגט זיך אָן אין איר טראַדיציע אָן דעם אַמאָליגען אהלים־קאָמוניזם, איז די ערשטע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין דער וועלט־געשיכטע. און ווייל זי רופט צו איר הילף די אייביגע מאָראַל, גאָטס אבסאָ־לוטען געבאָט, איז זי געוואָרען דער רעוואָלוציאָנערער עוואַנגעליום פאַר אַלע צייטען און אַלע דורות. אין דער מלכים־עפּאָכע ווערט ארץ ישראל דאָס לאַנד פון קעניגטום, באַזיץ, מלוכה, כהונה, קלאַסען־טיילונג, סאָציאַלער אונ־טערדריקונג, און דאָס ריינע ארץ ישראל, וואָס האָט געדינט צו אלהים, ווערט אריינגעשלעפּט אין דעם ווילדען טומעל פון די ארומיגע מלוכות פון געוואַלט־טעטיגקייט און גראָבער מאַטעריאַליסטישער מאַכט. ארץ ישראל איז אין

יענער עפּאָכע געוואָרען רייך און גרויס, עס האָט געטריבען האַנדעל מיט די ארומיגע פעלקער, עס האָט געהאַט גאָלד און זילבער, און די הערשענדע רייכע קלאַסען האָבען געזוכט מאַכען פון פאָלק ישראל אַ פאָלק ככל הגוים, אַ פאָלק מיט שטאַט, אונטערדריקונג, קלאַסען.

אָבער ביים אידישען פאָלק האָבען זיך די אונטערדריקטע און ערנידעריג־טע קלאַסען קיינמאָל ניט געוואָלט אונטערגעבען אונטער דער מאַכט פון די הערשענדע קלאַסען. די דלים, אביונים, עניים, ענוים, ווילען ניט טראָגען אויף זיך וויליג דעם נייעם יאָך פון די הערשענדע קלאַסען, נאָר זיי פירען אַן אונער־מידליכען קאַמף געגען דער נייער אָרדנונג. ארץ ישראל ווערט דאָס ערשטע לאַנד אין דער געשיכטע פון קלאַסען־קאַמף, אַזוי ווי עס איז געווען דאָס איינציגע לאַנד, וואָס האָט זיך בלוטיג געשיצט געגען די ארומיגע געוואַלט־מלוכות, אשור, בבל, און שפּעטער רוים. און די נביאים זיינען געווען די פירער פון דיזען קאַמף פון די אונטערדריקטע קלאַסען געגען די אונטערדרי־קער, און זיי האָבען גערופען צו דער נאַציאָנאַלער טראַדיציע פון מאָראַלישען גאָט און דער גלייכהייט פון די קאָמוניסטישע אהלים. דער אידעאַל פון די נביאים, וועלכען זיי שטעלען ארויס פאַר דעם פאָלק, זיינען די דאַמאָלטיגע בית הרכבים, יענע קאָמוניסטישע סעקטען אין גייסט פון אַמאָליגען אהלים־קאָמוניזם, וועלכע האָבען ניט געטרונקען קיין וויין, האָבען ניט געהאַט קיין באַזיץ פון וויינגאָרטען אָדער הויז און האָבען געלעבט קאָמוניסטיש אין אהלים. ובית לא תבנו וזרע לא תזרעו וכרם לא תטעו ולא יהיה לכם כי באהלים תשבו כל ימיכם, (ירמיה לה, ז), (איר זאָלט ניט בויען קיין הויז, ניט זעען קיין זוימען, ניט פלאַנצען קיין וויינגאָרטען און איר זאָלט גאָרניט האָבען, נאָר אין געלטען זאָלט איר זיצען אַלע אייערע טעג) — אַזוי שיל־דערט דער נביא ירמיה די בית הרכבים. און דיזען בית הרכבים שטעלט ירמיה אַלס ביישפּיל פאַר'ן גאַנצען פאָלק.

מיט פייערדיגע ווערטער שטראָפען די נביאים דאָס פאָלק פאַר זיין אָבפאַל פון דעם איין איינציגען גייסטיגען גאָט יהוה צבאות אלהי ישראל און פאַר זיין דינען פרעמדע געטער — אלהים אחרים (ירמיה לה). מיט אַ געוואַלטיגער רעוואָלוציאָנערער ליידענשאַפט נעמען זיי זיך אָן פאַר די אָרימע, אונטערדריקטע, ערנידעריגטע, וועלכע ווערען באַ'גזל'ט פון די רייכע און די מעכטיגע. דער קאַמף געגען די רייכע און די באַזיצער אין נאָמען פון די אָרימע, פון די עניי עמי, איז דער ווינקעלשטיין פון דער גאַנצער נבואה. און די נביאים מישען זיך אריין מיט זייער ווילען אין דעם גאַנג פון דער וועלט, אין דער נאַטור פון געזעלשאַפט. זיי זאָגען אָן דעם סוף פון די טעג, דעם אחרית הימים, דעם יום ההוא, וועלכער וועט זיין אַנדערש, ווי די וועלט פון היינט, וועלכער וועט דערלעזען די מענשען. די געזעלשאַפט

וועט זיך אין יענער צייט רעוואָלוציאָנער ענדערן, די הויכע וועלען ערנידע־ריגט ווערען. די דערהויבונג פון די געפאַלענע — דאָס איז כמעט ווי דער לייט־מאָטיוו פון דער נבואה. מקים מעפר דל מאשפות ירים אביון, דיזע האָפנונג קלינגט דורך דער גאַנצער נבואה, (שמואל א׳ ב, ח). דער גייסט, וועלכער האָט גובר געווען מעטאַפיזיש די נאַטור און האָט זי געשטעלט אונ־טער דער השפעה פון איין איינציגען גאָט, האָט אויך גובר געווען די געשיכטע און האָט זי געשטעלט אונטער דער השפעה פון דעם איינציגען מאָראַלישען אמת. און די נבואה האָט ווייטער געבילדעט און פאַרטיפט דעם אידישען נאַציאָנאַלען כאַראַקטער, ווארום די אידישע געשיכטע האָט געשטראָמט ניט להיפך, נאָר אין איינקלאַנג מיט דער אידישער אורגעשיכטע.

די לייטערונג פון אידענטום אין גלות בבל

נבוכדנצר מלך בבל, אדער ריכטיגער זיין קאנצלער נבוזראדן רב טבחים, ווי די ערשטע כראָניק רופט אים מיט פאראכטונג, האָט געלאָזט צושטערן דעם בית המקדש און פארטריבען די אידען פון ארץ ישראל אין בבל (586). עס זיינען אָבער פארטריבען געוואָרען די אריסטאָקראַטען און די באזיצער. די פארנעמע און רייכע, דאָס אָרימע פאָלק איז געבליבען אין אידישען לאנד. דער פסוק זעלבסט דייטעט עס אָן, ווען ער דערצעהלט: ומדלת הארץ השאיר רב טבחים לכורמים וליוגבים (מלכים ב׳ כ״ה, י״ב), (פון דעם אָרימען פאָלק האָט ער איבערגעלאָזען פאר וויינגערטנער און קעלטערער). אָבער א גרויסער טייל פון פאָלק, אויב ניט דער גרעסטער, איז אוועקגעגאנגען אין גלות בבל, אין פרעמדער געפאנגענשאפט, וואו עס איז שוין געווען א אידישער גלות פון די עשרת השבטים. אויך אין מצרים זיינען צאָלרייכע אידען אנטלאָפען נאָך דעם ערשטען חורבן.

אין דער געשיכטע האָט זיך אָבער ערהאַלטען אלס אן אייגענאַרטיגע ערשיינונג דער גלות בבל. די צאָל פון די געפאנגענע אין בבל קען מען שווער פעסטשטעלען, זי האָט קוים דערגרייכט פופציג טויזענט נפשות, און איז אָנגעוואקסען דורך מערערע פארטרייבונגען אין משך פון פינף יאָר. (זעה גרעץ, געשיכטע, צווייטער באנד, צווייטע אפטיילונג, נאָטע 9). אָבער שוין אין דיזען ערשטען אידישען גלות שטייגט אויף דער געניוס פון דעם אידישען פאָלק, זיין שטוינענדע לעבענסקראפט, זיין קולטורעלע איבערלע־גענהייט, זיין פעהיגקייט צו זיין א הארען־פאָלק אין אויסערליכער קנעכט־שאפט. אין קליינעם גלות בבל האָט שוין דאָס אידישע פאָלק אזוי ווי אָנ־געדייטעט סימבאָליש זיין לעבענס־פעהיגקייט, אויסדויער און מאכט אין מאכטלאָזיגקייט פאר אלע ווייטערדיגע גלות׳ען פון זיין געשיכטע. ניט איז דער קליינער גלות פארשוואונדען אין דער פיינדליכער און פרעמדער סביבה, נאָר ער איז עקאָנאָמיש און פאָליטיש אויפגעשטיגען און האָט ווייט איבער־געיאָגט די סביבה. דער איינפלוס פון דער אומגעבונג איז געווען קולטורעל און נאַציאָנאַל א צושטערענדער. אָבער די אינוועניגע כחות פון אידישען פאָלק זיינען געווען אומענדליך שטארקער, איידער די אויפלעזענדע כחות פון ארום.

אומבאקאנט איז די געשיכטע פון גלות בבל, אָבער איינינגע היסטאָרישע דאָקומענטען, גרויס דורך זייער נאציאָנאַל־מאָראַלישען שוואונג, זיינען גע־בליבען פון יענער צייט. און דיזע דאָקומענטען ווארפען אינדירעקט ליכט אויף דעם כאראקטער פון גלות בבל. דער נאַציאָנאַלער צוזאמענבונד פון

די געפאנגענע איז געווען שטארק און לעבעדיג, זיי האבען געבילדעט א באַזונדערע נאציאנאלע איינהייט און זיך רעגירט אין פילע אנגעלעגענהייטען אויטאנאם. זיי האבען באזעסען אקערלאנד און וויינגערטנער, האבען זיך אויפגעהאלטען אין די האנדעלס־שטעט און ווארשיינליך באהערשט אויך דעם האנדעל. דער נייער גלות פון יהודה האט זיך צונויפגעמישט מיט דעם עלטערען גלות פון ישראל, און צוזאמען איז עס געווארען א צאלרייכער קבוץ, וועלכער האט זיך זעהר שארף אויסגעשידען און אויסגעטיילט פון דעם ארומיגען בבלי׳שען פאלק און דער קולטור פון דער סביבה.

די אידישע נבואה־באוועגונג, דער קאמף פאר דער סאציאלער גערעכטיגקייט און פאר דער ריינער גייסטיגקייט, די נבואה, וועלכע האט זיך אנגעהויבען אין בית ראשון, איז ניט אפגעשלאסען געווארען. זי איז אנגעגאנגען מיט נאך מער ליידענשאפט אין גלות בבל. יחזקאל, דער גייסטיגער פירער פון גולה פון בבל, איז ממשיך די נבואה. אבער וויפיל נייע אידעען, געשטאלטען, וויפיל טיפערע ליידענשאפט טראגט ער אין איר אריין. די עבודה זרה, פון וועלכער אויך די געפאנגענע פון גלות בבל קענען זיך אזוי שווער אפזאגען און באפרייען, ווארים זי רופט שטענדיג מיט איר גייסטיגער איינפאכקייט און זינליכער פילפארביגקייט צוריק צו זיך דעם נאאיווען מענשליכען גייסט, די עבודה זרה האט אין יחזקאל׳ן אנגעטראפען איר ליידענשאפטליכען שטראפער. די עבודה צו פרעמדע נאטור־געטער איז ביי יחזקאל אקוראט אזא צייכען פון געפאלענקייט, ווי די שאנדע פון זנות, אין וועלכער די מענשליכע עהרע געהט פארלארען. מיט דעם נאמען „זונה" רופט ער אן דאס אידישע פאלק, וואס ווערט אומטריי צום גייסטיגען גאט צוליב די אפגעטער (יחזקאל א׳). מיט דעם אפפאל פון גאט געהט צוזאמען דער אפפאל פון דער מאראל, און דער נביא יחזקאל גיסט אויס זיין ליידענשאפטליכען צארן אויף די רעי ישראל, אויף די פאסטוכער, אויף די רייכע און אריסטאקראטישע פאמיליען אין גלות בבל, וועלכע האבען בארויבט און אונטערדריקט דאס ארימע פאלק, ׳בחזקה רדיתם אותם ובפרך (יחזקאל ל״ד) (און מיט גוואלט און שווערקייט האט איר אויף זיי געוועלטיגט).

יחזקאל איז אבער דער גרויסער טרייסטער פון זיין פאלק, וועלכער זאגט אן דעם „יום־ההוא", דעם צוקונפטס־טאג פון ערלעזונג. דער חלום, מיט וועלכען דער גאנצער גלות בבל האט געלעבט אין די טיפענישען פון זיין הארץ, האט ביי יחזקאל׳ן אויפגעלעבט צו פאעטישער גרויס און שעהנקייט. און מיט זיין גלויבען אין דער גאולה שטעלט ער זיך אנטקעגען די צווייפלער און פארצווייפעלטע, וועלכע זאגען פאראיינס: יבשו עצמותינו ואבדה תקותנו נגזרנו לנו, (אונזערע ביינער זיינען פארטריקענט, אונזער האפנונג איז פארלארען, מיר זיינען אפגעשניטען). צו דיזע פאר׳יאוש׳טע שרייט ער

אוים מיט גלויבען: ונתתי רוחי בכם וחייתם והנחתי אתכם על אדמתכם, — (איך וועל אריינגעבען אין אייך מיין גייסט, און איר וועט לעבען, און איך וועל אייך פירען צו אייער לאנד), (יחזקאל, לז, יא, יב, יג). אבער יחזקאל וויל זעהן ירושלים אין נייעם גלאנץ. די נייע ירושלים זאל שוין ניט מער זיין קיין קעניגטום, נאר זי זאל זיין א טעאקראטיע, א מלוכה פון כהנים, וואס אויף איר שפיץ זאל שטעהן דער נשיא, דאס איז יחזקאל׳ס אידעאל. אבער דער נשיא זאל זיין א גערעכטער, א דעמאקראטישער, וועלכער וועט טאן משפט און צדקה בנוגע צום פאלק וועלען זיין די נשיאים גערעכט און וועלען אים מער ניט אויסנארען. ולא יונו עוד נשיאי את עמי והארץ יתנו לבית ישראל לשבטיהם (און מיינע נשיאים וועלען מער דאס פאלק ניט אויסנארען און זיי וועלען געבען דאס לאנד צום הויז ישראל, לויט זייערע שבטים) (יחזקאל, מ״ה, ח׳). אזוי צייכענט שוין אן יחזקאל די ליניען פון דער טעאקראטישער דעמאקראטיע פון דער שפעטערדיגער אידישער צוקונפט אין ארץ ישראל.

יחזקאל איז דער אויסדרוק פון די פרומע נאציאנאלע האפנונגען, וועלכע האבען באגייסטערט דעם אויסגעקליבענעם טייל פון גלות בבל. אבער דיזע פרומע באגייסטערונג האט אנגעהויבען קלינגען ווי א גוואלטיגער עקסטאז, וועלכער האט זיך אפשר דאס איינציגע מאל געלאזט הערען אין מענשליכער געשיכטע, ווען כרש מלך פרס האט באמת פארווירקליכט דעם אידישען חלום אומצוקערען זיך צוריק אין ארץ ישראל. דער רוף פון כרש מלך פרס צו די אידען פון גלות: מי בכם מכל עמו יהוה אלהיו עמו ויעל (ווער עס איז פון גאט׳ס פאלק, זאל גאט זיין מיט אים און זאל ער זיך אויפהויבען און געהן) (דברי הימים ב׳ סוף). דיזער רוף האט אויפגעהויבען דאס אידישע פאלק צו דער העכסטער התלהבות. און דיזע התלהבות האט דערוועקט א נייעם נביא, דעם נביא אהן א נאמען, וועלכער טראגט אין דער אידישער שריפט דעם נאמען ישעיה השני. פילע שירים פון תהלים, וועלכע זיינען דורך זייער פאעטישער קראפט און טיפקייט פון זייער געפיל אריבערגענאנגען אין דעם באוואוסטזיין פון דער גאנצער מענשהייט, ווי דער קאפיטעל קל״ז, על נהרות בבל שם ישבנו גם בכינו בזכרנו את ציון, זיינען באשאפען געווארען אין יענער צייט. אבער דער צווייטער ישעיה האט אין יענער צייט פון דער נאציאנאלער דערוואכונג באגריפען מער און טיפער, ווי וועלכער עס איז נביא פון בית ראשון אדער פון זיין אייגענער צייט, די גייסטיג־מאראלישע גרויס, די מעגליכקייטען און די שלאפענדיגע כחות פון אידישען פאלק.

אין איינציג באשטעהענדער פאעטישער פארם האט ער אויפגעמאלט א בילד פון דעם אויסערוויילטען גייסטיגען פאלק, וואס קערט זיך אום צוריק אין זיין היים כדי צו ווערען דער מיטעלפונקט פון דער געשיכטע, דער אור גוים. שירו ליהוה שיר חדש (ישעיה מ״ב, י׳), זינגט צו גאט א ניי ליד, א ליד

פון נחמו. ווארים גאט איז דער העלפער פון אידישען פאלק, כי אני יהוה אלהיך קדוש ישראל מושיעך (מג, ב'), גאט איז דער העלפער, דער ער־לעזער, אל צדיק ומושיע אין זולתי (מ"ה, כ"א). אז גאט איז דער גואל ומושיע פון זיין פאלק ישראל, איז א לייט־מאטיוו ביי ישעיה דעם צווייטען. אויף דער בת־בבל, אויף דער בת־כשדים האט זיך אויסגעגאסען גאט'ס גע־רעכטע שטראף (ישעיה, מ"ז), אבער דאס פאלק ישראל האט גאט באפרייט. ניט נאר באפרייט, נאר געמאכט אים פאר'ן נר לגוים, דאס ליכט פון די פעל־קער. צדקה און משפט זאגט אן דער נביא פון גלות בבל, שמרו משפט ועשו צדקה (נ"ו, א'). און א חלק אין גאט'ס גנאד האבען אלע מענשען, אפילו פרעמדע, ווען זיי באהעפטען זיך מיט גאט, ובני הנכר הנלוים אל יהוה... כי ביתי בית תפלה יקרא לכל העמים (נ"ו, י"ז). צו תשובה און צו מאראלישער פאלקאמענהייט רופט דער נביא ישעיה, ער קעמפט געגען די מעכטיגע און שטארקע פון זיין צייט, וואס „פעל חמס בכפיהם", רויב איז אין זייערע הענט, (נ"ט, ו'). און ער זאגט אן א צייט, ווען אלע פעלקער און די בני מלכים וועלען דינען דעם אידישען פאלק, און ווען אין אידישען פאלק וועט שוין פארשווינדען אומרעכט און גוואלט־טעטיגקייט, לא ישמע עוד חמס בארצך, שור ושבר בגבוליך (ס', י"ה).

אין זיין באגייסטערונג פאר דער גרויסער צוקונפט פון אידישען פאלק בריינגט דיזער נביא דאס פאלק ישראל אין דעם ענגסטען בונד, אין דער טיפ־סטער בארירונג מיט גאט. לא יהיה לך עוד השמש לאור יומם ולנגה הירח לא יאיר לך, והיה לך יהוה לאור עולם ואלהים לתפארתך (ס', י"ט). באקאנט און אנערקענט וועלען ווערען די אבלי ציון, די פארטריבענע אידען ביי אלע פעלקער, ונודע בגוים זרעם וצאצאיהם בתוך העמים (ס"א, ט'). מיט ביי־סענדער איראניע און מיט מאראלישער עמפערונג טרעט אויף דער נביא געגען די אידען, וועלכע זיינען אפגעפאלען פון דעם אידישען גאט און דער אידישער האפנונג, וועלכע געהען נאך זייערע שקוצים, וועלכע האלטען אפ דאס פאלק, אחיכם שונאיכם מנדיכם (ס"ו, ה'). און דעם אידישען פאלק זאגט ער צו א נייע וועלט און א ניי לעבען און אייביגען נאמען, אקוראט ווי עס וועט באשטעהן דער נייער הימעל און די נייע ערד, וועלכע גאט באַ־גרינדעט, השמים החדשים והארץ החדשה אשר אני עושה (ס"ו, כ"ב).

אין געטליכער באגייסטערונג האט דער צווייטער ישעיה, אין דער צייט ווען כרש מלך פרס האט גערופען אידען צוריק אין ארץ ישראל, געטרייסט, דערהויבען, פארהערליכט דאס אידישע פאלק. אבער דער אידישער נביא שטעלט, פארשטעהט זיך, דאס פאלק ישראל און דעם גאט פון ישראל איבער כרש דעם גרויסען זיגער פון יענער צייט. כרש דער גרויסער זיגער פון דער דאמאלסדיגער וועלט איז געקומען אויף דער וועלט, נאר צוליב יעקב עבדי

וישראל בחירי (מ"ה, ד'). מיט שטארקע ענטשיידענע ווערטער ווענדעט ער זיך געגען כרש'ן און געגען דעם פערסישען גאָטעס גלויבען, אויף וועלכען כרש לעהנט זיך אָן. כרש'ס כח און גבורה שטאַמען נאָר פון גאָט פון ישראל, פון אלהי ישראל (מ"ה, ג'), וועלכער האָט אים אומבאוואוסטערהייט גערופען און געגעבען כה, אכנך ולא ידעתני... אאזרך ולא ידעתני (מ"ה, ד־ה). און דאָס איז דער אמת'ער און איינציגער אלהי ישראל, און ניט כרש'ס פאַלשער, דאָפּעלטער גאָט פון דעם פערסישען גלויבען, דער גאָט פון ליכט און דער גאָט פון פינסטערניש, דער גאָט פון שלום און דער גאָט פון שלעכטס, ארמוזד און ארימאַן. יוצר אור ובורא חושך, עושה שלום ובורא רע אני יהוה עשה כל אלה (מ"ה, ז'), אזוי מאָלט אויף דער נביא דעם גאָט פון ישראל.

אין דער גאַנצער וועלט־געשיכטע שטעהט עס אָהן א פּאַראַלעל, אז א פאָלק אין שקלאַפערײַ האָט זיך געשטעלט אויף אַזאַ אומאיבערשטייגליכער הויך איבער זיין באהערשענדען פאָלק, און נאָך אין אַ מאָמענט, ווען דאָס באהערשענדע פאָלק האָט אים געעפענט א טיר פון באפרייאונג.

דער גייסטיגער שטילשטאַנד אין אָנהויב פון בית שני

„מי בכם מכל עמו יהי אלהיו עמו ויעל לירושלים“.—ווער פון אייך פון זיין גאנצען פאָלק זאָל גאָט זיין מיט אים און ער זאָל אוועקגעהן נאָך ירושלים (עזרא א׳ ג). מיט דיזע ווערטער האָט כרש מלך פּרס געבראַכט דעם אידישען גלות די בשורה פון דער גאולה. און עס הויבט זיך אויף א קליינע מינדער־הייט, אונטער דער פירונג פון עזרא און נחמיה, וועלכע וויל זיך אומקערען צוריק אין ירושלים און אויפבויען דאָס אידישע לאַנד און דאָס אידישע הייליגטום.

קליין, אָרעם, פּאָליטיש אבהענגיג איז דער נייער ישוב, און פאר דער אונענדליכער רייכער זריעה פון דער נבואה איז דער נייער באָדען צו נישטיג. עס קען זיך ניט פאנאנדערוואקסען דער הערליכער נבואה־בוים אויף דעם ענגען זאַמדיגען באָדען פון דער ארמזעליגער ווירקליכקייט. אן „עם עני ודל“ שטייגט אויף אין ארץ ישראל מיט דעם בית שני, א קליינער ישוב פון אקער־בויער און כורמים. עס איז מער א רעליגיעזע סעקטע, איידער א זעלבסט־שטענדיגע שטורעמדיגע נאציאָן. אָבער דיזע פאראייניגטע און באנייטע קליינע נאציאָן־סעקטע, וועלכע האָט זיך באזעצט אין ארץ ישראל, די עניים, וועלכע האָבען גע׳ירשנ׳ט דאָס לאַנד, זיינען געלויטערט געוואָרען אין גייסט און כאראקטער. פארשוואונדען איז פּאָלשטענדיג ביי דעם נייעם ישוב די עבודה זרה, די אָנבעטונג פון דער נאטור. און דער איין איינציגער גאָט, דער בורא שמים וארץ, איז געוואָרען דער ענדגילטיגער שעפער פון דער וועלט און דער ליבענדער פירער פון אידישען פאָלק. ישעיה, ירמיה, מיכה, ישעיה דער צווייטער, יחזקאל האָבען זיך סוף כל סוף דורכגעדרונגען אין אידישען באוואוסטזיין.

דער גייסטיג־פּאָליטישער פירער עזרא האָט די תורה, די לערע פון דער נבואה, געמאכט פאר דאָס נאציאָנאַלע געזעץ־בוך. פּאָלשטענדיג אָפּגעשידען האָט זיך דאָס אויפגעשטיגענע גייסטיגע פאָלק פון די ארומיגע שכנים, און די אוועקשיקונג פון די פרעמד־פעלקערישע פרויען איז געוואָרען א נאציאָ־נאַלער געבאָט. די סאָציאַלע גלייכהייט, וואָס איר אידעאַל האָט געבאָרען די תורה, און וועלכע איז שפּעטער שטענדיג געווען די באגלייטונג פון דער אויפגעלעבטער תורה, איז ענדליך געוואָרען א טאטזאך אין דעם ענגען ארע־מען לעבען פון דעם נייעם ישוב. שוין נחמיה האָט דורכגעפירט, אז די הערשענדע קלאַסען, די שרים וסגנים, די הארען און אריסטאָקראטען, האָבען אָפּגעגעבען צוריק די פעלדער, הייזער, וויינגערטנער, אוילבערטען, דאָס געלד

און די תבואה צו דעם פאָלק, וואָס האָט עס ביי זיי פריער פאַר'משכנ'ט. אזוי ווי א נייער בונד פון סאָציאַלער גלייכהייט וואָלט נאָך אַמאָל געשלאָסען ווערען ביים אָנהויב פון בית שני. און א קליינע פרייע דעמאָקראַטיע איז דער צווייטער ישוב געוואָרען: דאָס אייביג פאַרהאַסטע קעניגטום איז אָפּ־געשאַפט געוואָרען, און אָנשטאָט דעם מלך איז געוואָרען א נשיא מיט גאַנץ אומבאַדייטענדע פּריווילעגיעס און רעכט. יחזקאל, דער נביא פון בית שני, רעדט שוין וועגען דעם נשיא, אנשטאט דעם מלך, וועלכער וועט שטעהן בראש פון דעם נייעם קיבוץ, אָבער וועלכער וועט אויך האָבען א גאַנץ אַנדער־רע מאָראַלישע געשטאַלט. ער וועט דאָס פאָלק ניט באַרויבען פון זיין לאַנד און וועט היטען די גערעכטיגקייט. (יחזקאל, מ"ה, ח').

דאָס צוריקגעקערט אידישע פאָלק אין ארץ ישראל, אין פינפטען יאָר־הונדערט פאַר קריסטוס, אונטער דער פירונג פון עזרא און נחמיה, ווערט באַלד אין א הויכער מדרגה א געלויטערטע גייסטיגע געמיינשאַפט. מיט ערבאַרמונגסלאָזער שטרענגקייט פירען דורך עזרא און נחמיה די אָפּשיידונג פון אידען פון די אַנדערע געצענדינערישע פעלקער, באַזונדערס דעם פאַרבאָט מתחתן צו זיין זיך מיט די פרעמדע. פון דערזעלביגער באַדייטונג ווי דער קיבוץ פון פאָלק אין ארץ ישראל איז געווען אין עזרא'ס אויגען אויך די אָב־שיידונג פון פרעמד־פעלקערישע פרויען און דער פאַרבאָט מתחתן צו זיין זיך מיט זיי. דאָס איז עזרא'ס גרעסטע רעפאָרם, וואָס ער איז אזוי שטרענג אויפגעטראָטען פאַר דער פיזיש־ראַסאָווער ריינקייט פון פאָלק. אין דער פאַרהייראַטונג פון אידען מיט פרעמדע האָט עזרא מיט רעכט געזעהען די מאָראַלישע אויפלעזונג און די ירידה פון דער מדרגה פון א גייסטיגען פאָלק אין דעם אָפּגרונד פון די גראָב־זינליכע מאַטעריאַליסטישע פעלקערשאַפטען (עזרא ט). מיט א שרעקליכער שפּראַך רעדט עזרא געגען דער אונריינקייט פון שטאַם. און נאָך אַמאָל הויבט זיך אויף דאָס פאָלק צו די הימלען פון נאַציאָנאַלער ריינקייט און היסטאָרישען וועלען און שליסט, ווי אין אַלע גרויסע היסטאָרישע מאָמענטען, א בונד, איז כורת ברית אויסצושיידען אַלע פרעמדע פרויען פון דער אידישער גייסטעס־געמיינשאַפט. „ועתה נכרת ברית לאלהינו" (עזרא י' ג), דאָס ווערט דער רוף פון פאָלק צו ווערען ריין און אָפּ־געשידען אין פיזיש־ראַסאָווען זין.

די תורה, יענער גייסטיג־מאָראַלישער לעבענס־בוך, וואָס האָט זיך אין דער גאַנצער נבואה־עפּאָכע געראַנגעלט פאַר אַנערקענונג און רעאַלער אויטאָ־ריטעט, איז אין דעם נייעם קליינעם קיבוץ געוואָרען דאָס בוך פון דער נאַציאָנאַלער לעבענס־פירונג, דאָס געזעצבוך פון פאָלק. נחמיה און עזרא האָבען דורכגעפירט, אז דאָס פאָלק האָט אָנגענומען ענדגילטיג די תורה. אויף דער אָפענער גאַס, ניט אין בית המקדש, איז פאָרגעלעזען געוואָרען די

תורה יעדען טאָג, און איז פייערליך פּראָקלאַמירט געוואָרען אלס דאָס געזעץ פון דער נאציאָן. די אבשיידונג פון פרעמדע, די הייליגקייט, די שמירת שבת, די יום־טובים, די אבהיטונג פון שנת השמיטה און די ענטזאגונג פון די חובות אין שנה השביעית, זיינען געווען די הויפּט־צילען פון דער נייער לעבענס־פירונג. און די אנערקענונג פון דער נייער לעבענס־פירונג האָט אין דער אינוועגדיגער פרייד געפונען די זיכערקייט פון איר אמת. „כי חדות יהוה היא מעזכם" — ווארום גאָטס פרייד איז אייער שטארקייט. מיט דיזע מערקווירדיגע ווערטער גיט נחמיה מוט און כח און זיכערקייט דעם פאָלק, בשעת עס האָט אָנגענומען פאר זיין לעבענס-פירונג די תורה (נחמיה ח', י').

אין דיזען גייסטיגען קיבוץ, וועלכער איז אָרעם מאטעריעל, שטייגט אלץ מער דאָס רעליגיעז־ריינע און נאציאָנאל־שאפענדע באוואוסטזיין פון אידישען פאָלק. שוין וואקסט אוים און ווערט דאָמינירענד די אידעע, אז דער גאָט פון דער נאַטור, דער גאָט פון הימעל, שטערען, רעגען, איז אויך דער גאָט פון גערעכטיגקייט, דער סאָציאַלער גאָט. און דיזער גאָט איז אויך דער גאָט פון פאָלק ישראל, וועלכען קיין אנדער פאָלק האָט ניט. גאָטס תורה איז געוואָרען דעם פאָלקס לעבענס־בוך. די שקלאַפעריי צווישען אידען איז כמעט אָפּגעשאפט געוואָרען, און דער שנת היובל האָט דערפאר פארלאָ־רען זיין אייגענארטיגע באדייטונג. דערפאר איז געהיט געוואָרען שטרענג די שמיטה, דאָס יאָר, ווען די פעלדער זיינען געווען פריי פאר די ארעמע, און די שולדען זיינען געטיליגט געוואָרען. צדקה איז איינגעפירט געוואָרען אלס סאָציאַלע אינסטיטוציע. עפענטליכע געריכטען פאר דאָס פאָלק זיינען באגרינדעט געוואָרען (גרעץ, באנד 2, צווייטע העלפט 177־175).

און דאָך הויבט זיך אָן די געשיכטע פון בית שני מיט א גייסטיגען שטילשטאַנד אין דער אידישער געשיכטע. ווייל דער קיבוץ איז געווען אזוי אומבאדייטענד אין צאָל און אזוי מאכטלאָז פּאָליטיש, האָבען דאָרט ניט גע־קענט שלאָגען קיינע קוואלען פון אָריגינעלען געדאנק, האָבען זיך דאָרט ניט געקענט עפענען קיינע נייע פערספעקטיווען פון לעבען. אָבער די נבואה פאר־שטומט באלד אין די ערשטע יאָרהונדערטער פון בית שני. מיט דער פארשטו־מונג פון דער נבואה הערט אויף די שטורעמדיגע גייסטיגע ענטוויקלונג פון דעם יודענטום. די פּאָליטישע און סאָציאַלע באדינגונגען אין די ערשטע יאָר־הונדערטער פון בית שני זיינען ניט מער גינסטיג פאר גייסטיגער שעפּפונג. דאָס קליינע אידישע פאָלק שטעהט אָן א זייט פון דער וועלט געשיכטע און אירע געשעהענישען, עס לעבט אָהן זעלבסטשטענדיגקייט, אָהן מאכט, אָהן צאָל, אין א סביבה פון פרעמדע, אונוויסענדע פעלקער און עס פארמאָגט קוים די קראַפט אָנצוהאַלטען זיין גייסטיג־רעליגיעזע אָפּגעזונדערטקייט. עזרא

הסופר איז דער זאַמלער פון די גייסטיגע אוצרות פון דער פאַרגאַנגענהייט. ער פירט אונטער דעם לעצטען סך הכל צו די קולטור־שעפּפונגען פון דער פריערדיגער צייט, ער פאַרוואַנדעלט די שטורעמדיגע ענטוויקלונג פון דעם גייסט אין א געשריבענע רעדאַקטירטע תורה. די נבואה ווערט פאַרשטיי־נערט אין דער תורה שבכתב, ווארום דאָס פליסענדע געזעלשאַפטליכע לעבען איז אויסגעטריקענט און פאַראָרעמט געוואָרען.

דער צוזאַמענשטויס צווישען אידענטום און גריכענטום

דאָס קליינע אידישע פאָלק פון גייסט און מאָראַל פון בית שני האָט אָבער באַלד געדאַרפט אויסהאַלטען א גאַנץ נייע פּראָבע פון זיין אינוועניגער קראַפט, ווען עס האָט זיך צוזאַמענגעשטויסען מיט דער העכסטער קולטור פון יענער צייט, מיט דער גריכישער קולטור, וועלכע האָט עראָבערט די דאַמאַלטיגע וועלט. זייט אַלעקסאַנדער מוקדון האָט אין פערטען יאָרהונדערט עראָבערט די דאַמאַלטיגע וועלט, מצרים, סיריען, ארץ ישראל און די ארומיגע לענדער, איז די גריכישע קולטור געוואָרען די הערשענדע פאַרנעמע קולטור פון דער וועלט. מיט דער גריכישער האָט זיך אין דריטען יאָרהונדערט פאַר קריסטוס ענג און פיינדליך, ווי צוויי ענטגעגענגעזעצטע אָבער אויך פאַרוואַנדטע פּאָליוסען, צונויפגעשטויסען דאָס גייסטיגע אידענטום.

דורך אַלעקסאַנדער מוקדון׳ס עראָבערונגען אין מצרים און אין מערב־אַזיען זיינען אידען אריינגעצויגען געוואָרען אין דער גריכישער וועלט און דער גריכישער קולטור. אין יענע באַרבאַרישע לענדער, וועלכע זיינען אויפגעוואַכט היסטאָריש דורך דער בארירונג מיט דעם גריכישען גייסט און וועלכע זיינען געוואָרען טיילען פון דער גריכיש־מאַקעדאָנישער וועלט־אימפּעריע, איז שוין אויפגעוואַקסען א גרויסער פרייוויליגער אידישער גלות, דער ערשטער אידישער גלות מיט אַלע זיינע סאָציאַלע און קולטורעלע אייגענטימליכקייטען. פרייוויליג האָבען זיך אידען פון ארץ ישראל פאַרשפּרייט אין די מלוכות פון די פּטאָלאָמייער און סעלייקידען אין דריטען יאָרהונדערט פאַר קריסטוס און האָבען דאָרט געפונען א ברייטען פעלד פון טעטיגקייט. אַלס א פאָלק פון הויכער קולטור און באַגאַבט מיט פעהיגקייטען פון האַנדעל און פאַרקער, האָבען די אידישע איינוואַנדערער געהאָלפען העלעניזירען די גריכישע וועלט, פאַרבונדען די פילע באַרבאַרישע פעלקער אין דער נייער גריכישער מלוכה, פאַרברייטעט קולטור, גריכישע שפּראַך, האַנדעל און העכערע פּראָפעסיאָנען און זיינען געוואָרען דער צעמענט פון דער נייער ציוויליזאַציאָן. זיי זיינען באַלד געוואָרען א נויטיגער און נוצליכער געזעלשאַפטליכער עלעמענט אין זייער פרייוויליגען גלות, אין אַלעקסאַנדריען, אנטיאָכיען, קירעניקע, אומעדום וואו עס איז אריינגעדרונגען די גריכישע קולטור און די גריכישע הערשאַפט. ביי דער גרינדונג פון נייע גריכישע שטעט זיינען אידען געווען דער ניצליכסטער שעפּפערישער מענשען־מאַטעריאַל.

אין דיזער נייער עגיפּטיש־גריכיש־סירישער וועלט האָבען אידען געלעבט ווי אַן אָפּגעזונדערט פאָלק, ווי אַן אָפּגעשידענע סעקטע, געהאַט זייערע באַ־

זונדערע עקאָנאָמישע פונקציאָנען, זייערע פּאָליטישע און רעליגיעזע פּריווי־לעגיעס, זייער אייגנאַרטיגע קולטור. אין אלעקסאנדריען, צום ביישפּיל, האָבען זיי, לויט דער באשרייבונג פון פילא, אין ערשטען יאָרהונדערט פאר קריסטוס, פארנומען פון פינף קווארטאלען צוויי, געהאט זייער אייגענעם בית־דין און אייגענע געזעצען. אין דער צייט פון די ערשטע רוימישע קיסרים זיינען אין אלעקסאנדריען אויף אכט מיליאָן עגיפּטער געווען איין מיליאָן אידען, און זייער איינפלוס איז געווען נאָך גרעסער. (זעה מאמזען, רוימישע געשיכטע, באנד 5, זייט 489). אידען זיינען דאָרט געווען סוחרים, באזיצער פון שיפען, פון לענדערייען, פון פאַרמס. זייערע גרויסע שולען און בתי מדרשים זאָגען עדות פון זייער רייכטום און קולטורעלען לעבען.

אויך אין רוים האָבען אידען אין יענער עפּאָכע אָנגעהויבען אריינצודרינגען אלס פאָלק פון סוחרים און העבערער קולטור. מיט צעזאר'ן און זיינע לעגיאָנען פלעגען מיטגעהן אויף די עראָבערונגען אידען, וועלכע פלעגען אָרגאַניזירען דעם האנדעל און פארקער פון סחורות; אין צווייטען יאָר־הונדערט פאר קריסטוס האָבען זיך אידען אין רוים שוין אויפגעהויבען צו מאכט און רייכטום. וואָס מער רוים איז געוואָרען א קאָסמאָפּאָליטישע וועלט-שטאָט, אזוי ווי פריער אלעקסאנדריען, אַלץ גרעסער איז דאָרט געוואָרען די צאָל פון אידען, און אלץ מעכטיגער איז געוואָרען זייער שטעלונג און זייער איינפלוס. האנדעל און געשעפט זיינען געלעגען אין זייערע הענט, און די אָרעמערע אידישע קלאסען האָבען אין יענעם ערשטען אידישען גלות שוין געלעבט אין אלע גרעסערע שטעט אין אָפּגעזונדערטע אידישע געטאָס, און דערנערט זיך פון קליין־האנדעל און דעם מסחר מיט אלטע סחורות.

אין דער אנטיקער וועלט, אין וועלכער עס איז אריינגעדרונגען דער אידישער גלות, איז דער גייסטיג־מאָראַלישער איבערוואָג פון אידענטום געוואָרען באלד אזוי קענטיג, אזוי בולט, אז די ציוויליזאציאָן פון אנדערע פעלקער האָט זיך געמוזט פארשעהמט באהאלטען פון דער שניידענדער סאטירע און דעם איידעלען גייסט פון אידענטום. פון דעסטוועגען האָט זיך אין דער גריכישער קולטור דאָס אידענטום אָנגעשטויסען אויף א פיינערער פילאָזאָפיש און קינסטלעריש פאראיידעלטער פאָרם פון קולטור, וועלכע האָט זיך געשטעלט אין אָפּענעם געגענזאץ צום אידענטום. באלד האָט זיך פאנאנדערגעברענט דער קאמף צווישען אידענטום און גריכענטום אויף דער גאנצער ליניע פון זייער באגעגענונג, באזונדערס אָבער אין ארץ ישראל, וואו דער גריכיש־רוימישער גייסט האָט זיך פאנאנדערגעשפּילט.

די גריכישע קולטור איז דער היפּך, דער ענטגעגענגעזעצטער פּאָליוס פון דער אידישער קולטור. איד און גריך זיינען די צוויי אָרגאנישע געגענזאצען פון דער מענשליכער געשיכטע. די תורה און די קדושה, וועלכע איז

געבאָרען געוואָרען פון דעם שוים פון אידישען פאָלק, איז די סתירה פון קונסט און שפיל. דאָס אידענטום קוקט אויף דאָס לעבען ווי אויף א הייליגען אָרט, וואו די אַלגעמיינע אידעע דאַרף קומען צו טריאומף. אין די אויגען פון גריכענטום איז דאָס לעבען א פרעהליכער גאָרטען פול קונסט און שפיל, כאָטש מיט דעם טראַגישען צייכען פון ענדליכקייט און אונפאָלקאָמענהייט איבער זיינע טויערען. אין דיזען פרעהליכען לעבען זאָל דער שטאַרקערער אויסערוויילטער מענש שעפּען פון בעכער פון שעהנקייט און פרייד. די עסטעטישע פרייד און זינליכקייט פון דעם גריך איז אָבער א לעבענס־עיקר, וועלכער איז טיף פאַראַנקערט אין דער מענשליכער באַשאַפענקייט, אין זיין קערפּער און זיין גייסטיגקייט. עס איז א „יצר" פון דעם מענשליכען הארץ, וועלכער מאָנט זיין רעכט אנטקעגען דער הייליגער ערנסטקייט פון דעם איד. און וואו דאָס אידענטום האָט זיך אָנגעשטויסען אין דעם גריכענטום, האָט זיך אָנגעהויבען א קאַמף צווישען די צוויי יצרים.

נאָכדעם ווי די צווייגען פון דעם אידישען שטאַם האָבען זיך אויסגע־בריים אין דער גאַנצער גריכיש־רוימישער וועלט, איז געקומען אומעדום דאָס אידישע פאָלק אין דער ענגסטער בארירונג מיט דער גריכישער קולטור. אידענטום מיט גריכענטום האָבען זיך געמאָסטען אין זייער קולטורעלען אמת און כח. אויף דער זייט פון דעם גריכענטום איז געווען די מאַכט, די פּאָלי־טישע און ציוויליזאַטאָרישע מאַכט, די מאַכט פון לעבענספאַרפירונג. אין דעם לעצטען יאָר־הונדערט פאר קריסטוס ווערט ארץ ישראל גופא פארגאָסען מיט דעם גריכישען קולטור־שטראָם, נאָכדעם ווי די סירישע קעניגען באַהער־שען פּאָליטיש דאָס לאַנד. אין אידישען פאָלק גופא רייסט זיך אריין די העלעניסטישע וועלט אנשויאונג און לעבענספירונג. ווי מיט יאָרהונדערטער פריער האָבען אַלע געטער פון די ארומיגע פעלקער, דער בעל און די עשתרת, געזוכט אראָפּצוזעצען דעם אידישען יהוה, דעם איינציגען „בורא שמים וארץ" פון זיין טראָן, אזוי האָט יעצט דער גריכישער זעאוס, אויסגעהאַקט פון שטיין, געוואָלט שטירצען דעם „אל עליון", וועלכער האָט געטראָנט אין הימעל און וועמעס גייסטיגער בית המקדש איז געשטאַנען אין ירושלים.

אין ארץ ישראל איז אויפגעשטאַנען א גרויסע און מעכטיגע פארטיי פון אידישע העלעניסטען, פון פאררעטער פון דעם אידישען גייסט, פון אסימילאנטען מיט די מעכטיגע פרעמדע. און אונטער דעם סירישען קעניג אנטיוכוס עפיפאנעס, וועלכער האָט דעם אידישען פאָלק דערקלערט דעם אויסראָטונגס קריג און וועלכער האָט געפונען די שטיץ פון די אידישע העלעניסטען, האָט זיך אָנגעהויבען דער אונגלייכער העראָאישער קאַמף פון דער אידישער גייסטיגער מינאָריטעט געגען אן איבערמעכטיגער וועלט. עס האָט זיך אָנגעהויבען דער העלדענהאַפטער קאַפּיטעל פון די חשמונאים,

וועלכער האָט דאָס אידישע פאָלק אזוי טיף באַרייכערט און פאַרגייסטיגט. וואָס די נביאים האָבען אָנגעזאָגט אלס א געבאָט, וועלכער איז נאָר געווען א אידעאַלע מעגליכקייט אין לעבען, נעמליך אז דער אמת פון לעבען דאַרף זיין ווערטפולער, ווי דאָס לעבען גופא. דאָס העראָאישע מאַרטירערטום וואָס מאַכט א פאָלק אומפאַרטיליגבאַר; וואָס די צדיקים און ענווים אין די שפּעטערע צייטען האָבען געפּרובט דורכפירען אין די ענגע ד' אמות פון זייער אייגענעם לעבען, דאָס איז אין דער מאַקאַבעער־תקופה געוואָרען אַן אלגעמיינע נאַציאָ־נאַלע לעבענסשטימונג. דאָס אידישע גייסטעס פאָלק איז געוואָרען א העראָאיש פאָלק. דאָס לעבען איז איינגעשעצט געוואָרען פאַר ווערטלאָז, ווען עס זאָל באַרויבט ווערען פון דעם קרוין פון דעם גייסטיגען אמת. דאָס גאַנצע אידישע פאָלק האָט זיך אויפגעהויבען צום רעוואָלט געגען די סיריער און גריכען, געגען די מחנות פון אנטיוכוס עפּיפאנעס. און עס איז געשעהן דאָס ערשטע גרויסע וואונדער אין דער וועלט־געשיכטע. עס איז אויפגעשטאַנען אויף דער היסטאָרישער וועלט־ביהנע א פאָלק, וואָס איז געווען וויליג מקריב צו זיין דאָס לעבען אָבער ניט פאַרשוועכען דעם לעבענסזין.

אין דער מאַקאַבעער־צייט, דער צייט פון העלדישען מאַרטירערטום, איז דאָס אידישע פאָלק באַרייכערט געוואָרען מיט נייע אידעען, מיט העכערע מאָראַלישע קרעפטען און גייסטיגע אייגענשאַפטען. עס האָט געמאַכט א גרויסען שריט פאָרווערטס אויף דעם וועג צו זיין היסטאָרישער פאָלקאָמענ־הייט, אזוי ווי די געשיכטע האָט געוואָלט געבען דעם אידישען פאָלק פאַר זיין פאנאנדערשפּרייטונג אין פיינדליכען גלות נייע כלי זין, כדי עס זאָל קאָנען אויסהאַלטען זיין קאַמף מיט דער וועלט.

דאָס אידישע פאָלק האָט אין יענער צייט אָנגעהויבען צו איבערלעבען זיין פרומע אָפּגעזונדערטקייט, זיין הייליגקייט, זיין גאָטגעטרייקייט, זיין אמת'דיגקייט, אין געגענזאַץ צו די בייזוויליגע אינהאַלטסלעערע, וועלכע בויען אויף געוואַלטטעטיגקייט און ניט אויף אמת. צדיקים און ערוה צדיקים רופט זיך אָן דאָס אידישע פאָלק אין דער מאַקאַבעער־צייט; צדיקים, וועלכע זיינען פאַרטאָן אין גאָטס געזעץ, כי תורה יהוה חפצו ובתורתו יהגה יומם ולילה, אין געגענזאַץ צו די רשעים און לצים, צו דעם מושב לצים, אונטער וועלכע עס ווערען פאַרשטאַנען די וועלטליכע אָפּגעפאַלענע אידען, די פאַרשפּאָטער פון דעם אמת, און אויך די גוי'שע באַ־דריקער. (תהלים א'). די אידען זיינען דאָס פאָלק פון חסידים, פון פרומע, וועלכע זינגען צו גאָט און שעפּען דערפון איבערמענשליכע קראַפט: „רוממות אל בגרונם וחרב פפיות בידם" (תהלים קמ"ט). דאָס אידישע פאָלק מאָנט ביי גאָט זיין רעכט אויף שוץ און הילף, וואַרום עס האָט אים ניט פאַרליי־קענט: דאָס אידישע פאָלק רופט זיך גאָט'ס נחלה, גאָט'ס עדה פון אמאָל.

די אונטערדריקטע אידען זיינען „דך נכלם עני ואביון“, וועלכע לויבען גאָטס נאָמען, מיט וועלכען זיי האָבען געשלאָסען א בונד, און פון וועמען זיי מאָנען: „הבט לברית“, אין געגענזאץ צו די אונטערדריקער, וועלכע זיינען אן עם נבל, א העסליך, געפאלען פאָלק (תהלים ע“ד).

און אין ספר דניאל, דער בוך פון יענער צייט, ווערט די נייע שטימונג, וועלכע האָט אָנגעכאפּט אין דער מאקאבעער־צייט דאָס אידישע פאָלק, נאָך בולט'ער אויסגעדריקט. אלע קעניגרייכען פון דער וועלט געהען אונטער, בבל, מדי, אלעקסאנדער דעם גרויסען'ס מלוכה, די סעלייצידען מיט אנטיוכוס עפּיפאנעס. אָבער עס בלייבט דער עם קדושים, דאָס פרומע פאָלק, די משכילים און די מצדיקי הרבים, די פארנינפטיגע און די גערעכטע, וועלכע וועלען לייכטען ווי די שטערען, ככוכבי הרקיע. צו זיי געהערט די וועלט און די צוקונפטיגע אייביגקייט, אין געגענזאץ צו די רשעים, וועלכע וועלען זיין לחרפות ולדראון עולם (דניאל י“ב).

א נייער געזאנג, „שיר חדש“, האָט אָנגעהויבען קלינגען אין דער היסטאָריש אויסגעוועהלטער אידישער מחנה אין דער עפּאָכע פון די מאקאבעער. די משיח־אידעע, וועלכע האָט שוין געלעבט ביי די נביאים, אָבער וועלכע האָט אויסגעמאָלט דעם משיח אלס איינצעל־געשטאלט, די משיח־אידעע איז אריבערגעטראָגען געוואָרען אויף דאָס גאנצע פאָלק, וואָס דארף באלד ערלעזט ווערען. און דיזע ערלעזונג וועט זיין א וואונדערבארע, א גייסטיגע. די אייביגע גערעכטיגקייט וועט טריאומפירען, און דער קדש קדשים וועט ווידער געזאלבט ווערען. און ניט נאָר דאָס פאָלק וועט דערלעזט ווערען, נאָר אפילו די טויטע, די וועלכע זיינען געפאלען אין דער עת צרה (דניאל יב, א'), אין דער מלחמה און דער פארוויסטונג אין מלחמה, די טויטע וועלען אויך אויפלעבען צום אייביגען לעבען, צו תחית המתים. (דניאל, יב, ב).

פון דעם צוזאמענשטויס פון דעם אידישען פאָלק מיט דער גריכישער וועלט און דער גריכישער קולטור, אין די לעצטע צוויי יאָר־הונדערטען פאַר קריסטוס, איז אויפגעשטאנען א נייעס אידענטום מיט א נייער מאָראלישער אידעע, מיט דער אידעע פון תחית המתים. דער קאמף פון דער אידישער מינאָריטעט געגען דער וועלט, אין נאָמען פון ריינקייט און גייסטיגקייט פון לעבען, איז דורך דעם גלויבען אין תחית המתים געוואָרען פּסיכאָלאָגיש מעגליך, רעאל. די אמונה אין תחית המתים איז געוואָרען די רעוואָלוציאָנערסטע אידעע, וועלכע דאָס אידענטום האָט דאמאָלט פון זיך געבאָרען. פאַרוואָס איז דעם צדיק שלעכט אויף דער וועלט, און דעם רשע איז גוט? דער ווידערשפּרוך אין דער מאָראלישער וועלט, וועלכער האָט געהאלטען אין אומרואיגקייט ירמיה'ן, יחזקאל'ן, דעם מחבר פון ספר איוב, דיזער פּראָבלעם פון יאָרהונדערטער האָט אין דער אידעע פון תחית המתים געפונען די לעזונג. אויף

יענער וועלט, נאך דער אויפשטעהונג פון די טויטע, ווערט אויסגעגליכען די מאראלישע סתירה. עס איז שוין ניט מער „ארץ נתנה ביד רשע“, נאר שכר און עונש ווארטען אויף אלע מענשען לויט זייער פארדינסט אויף דער וועלט. די ליידענדע מענשהייט האט באקומען א האפנונג אין איר לעבען און א זין אין איר קאמף געגען די מלכות הרשעה. דער סימבאל פון דער ליידענדער מענשהייט, דאס אידישע פאלק, איז מיט אמאל אויפגעשטיגען מעכטיג און אומבאזיגבאר אין אומגלייכען קאמף געגען א פורכטבארע וועלט.

די פארשפרייטונג פון אידען אין דער היינטיגער וועלט

נאך די מלחמות פון די חשמונאים און דעם נצחון פון דעם אידישען פאלק איבער דעם סירישען שונא און די אייגענע העלעניסטען, שיינט אויף מיט העלען ליכט דער פאליטישער און קולטורעלער גלאנץ פון אידישען פאלק. אבער עס איז דער לעצטער וואונדערבארער אויפפלאקערען פאר דעם אונ־טערגאנג, וועלכער קומט אלץ נעענטער און נעענטער.

צום ערשטען מאל אפשר אין דער אידישער געשיכטע נאך שלמה המלך'ס צייטען איז אויפגעשטאנען א פריי, זעלבסטשטענדיג אידיש פאלק אויף א פרייעם אונאפהענגיגען לאנד. די חשמונאים זיינען געווארען א נייע קעניג־ליכע דינאסטיע, און שמעון חשמונאי און זיין נאכפאלגער יוחנן הורקנוס דער ערשטער זיינען שוין ניט נאר כהנים גדולים, נאר פירען אויך דעם טיטעל פון מלכים. די אידישע מלוכה ווערט גרויס און וויט דורך די פארשידענע עראבערונגען פון די מלכים פון בית חשמונאים. דער צפון פון גליל, דער עבר הירדן, דער דרום פון אדום ווערען אנגעשלאסען צו ארץ ישראל. און אונטער הורקנוס'עס זון, אלעקסאנדער ינאי, ווערט שוין ארץ ישראל א גרוי־סער שטאט, וועלכער לעבט אויף זיין שווערד און וועלכער פארגרעסערט זיך דורך אלץ ווייטערדיגער אויסברייטונג און אויסשפרייטונג. אלעקסאנדער ינאי איז שוין הויפטזעכליך א קעניג, א מלך, און זיין כהונה גדולה איז נאר א צוגאב צום מלך־טיטעל. אבער א גרויסער וועלטליכער שטאט האט ארץ ישראל דאך ניט געקאנט ווערען אזוי ווי אלע אנדערע מלוכות פון דער געשיכטע. די אייגנארטיגע גייסטיגע און מאראלישע כחות פון פאלק, וועלכע האבען געזוכט סאציאל־מאראלישע פארפאלקאמונג און ניט פאלי־טישע גרויס און מאכט, די כחות, וועלכע האבען געביינקט נאך פרישות, אפגעזונדערטקייט פון די מאכט־מלוכות און אפגעזונדערטקייט פון דעם לעבען פון גוף און געגוס, די גייסטיג־מאראלישע טענדענצען פון אידישען פאלק האבען זיך געראנגעלט פאר עפעס אנדערעס ווי עראבערונגען און פאליטישע מאכט. נאך אלעקסאנדער ינאי'ס טויט (76 פאר קריסטוס), אין וועמעס לעבצייטען עס האט שוין ניט איינמאל אויסגע־בראכען אן אויפשטאנד פון דעם גייסטיג־דעמאקראטישען פאלק אונטער דער פירערשאפט פון די פרושים, האט זיך פאנאנדערגעברענט דער בירגער־קריג אין ארץ ישראל. אלעקסאנדער ינאי'ס צוויי זין, הורקנוס דער צווייטער און אריסטאבולוס דער צווייטער, האבען אין זייער געגענזייטיגען קאמף פאר

מאכט און טראָן דערפירט די אויפלעזונג פון דעם אידישען פּאָליטישען שטאַט צום אומגליקליכען סוף. נאָך צוויי און אכציג יאָר פון דער חשמונאישער זעלבסטשטענדיגקייט האָט ארץ ישראל ווידער פארלאָרען זיין פּאָליטישע זעלבסטשטענדיגקייט. פּאמפּעיוס, דער רוימישער קאָנסול, וועלכער האָט ערָאבערט קליין־אזיען און שוין פון לאנג געהאט אן אויג אויף ארץ ישראל, האָט אויסגענוצט דעם ברודער־קריג און בירגער־קריג פון די לעצטע חשמונאים און איז אין יאָר 63 אריינגעקומען אין ירושלים ווי א זיגער. דערמיט האָט זיך געענדיגט דער פּאָראיבערגעהענדער גלאַנץ און די פּאָליטישע מאכט פון אידישען פאָלק אין דער חשמונאים־צייט. נאָך דער אונטערוואָרפונג אונטער מצרים, אשור, בבל, פרס, די סעלעווקידען, איז ירושלים יעצט געלעגען אונ־טער די פיס פון דער אויפגעשטיגענער רוימישער אימפּעריע. און אַלץ גע־דיכטער און דונקלער ווערען די וואָלקענס, וועלכע הויבען זיך אויף פון רוים איבער ארץ ישראל, דער שטורם דערנענטערט זיך, דאָס קראַכען פון דונער דערהערט זיך, באַלד שלאָגט די לעצטע שטונדע פון דער אידישער זעלבסט־שטענדיגקייט.

אָבער אין דיזער לעצטער עפּאָכע פון דער אידישער נאַציאָנאַלער זעלבסט־שטענדיגקייט קומט אויך פאָר דאָס גרעסטע וואונדער פון דער אידישער געשיכטע. דאָס אידישע פאָלק און מיט אים די אידישע קולטור־אידעע, דאָס אידענטום, זיינען אויף דער שוועל צו ווערען אוניווערסאַלע קולטור־קרעפטען, צו עראָבערן די גאַנצע דאמאָלדיגע וועלט גייסטיג, אלס לעהרע און וועלט און לעבענס־אַנשויאונג. די אידישע אידעע דערגרייכט איר העכ־סטען פּונקט אין איר היסטאָרישען וואוקס. זי שטויסט זיך צונויף האַרט און שאַרף מיט דער וועלט־קולטור, זי מעסט זיך אין איר אמת׳ער קראַפט מיט דער גריכישער פילאָזאָפיע און קונסט, זי זוכט צו ווערן אַן אוניווערסאַלע, א וועלט־אידעע. פון אידענטום שטראַלט ארויס די האָפנונג פאר דער גייסטיגער באַ־נייאונג און ערלעזונג פון דער גאַנצער מענשהייט. איר נייעם כח שעפּט דאָס אידענטום דורך דער טיפער און ענגער באַרירונג מיט דער ארומיגער קולטור. די באַגעגעניש מיט דער פרעמדער קולטור טרייבט אייניגע צום אָפּפאַל און צו גלייכגילטיגקייט, אָבער זי צינדט אָן דוקא אין די טיפּעניש פון פאָלק דעם ליידענשאַפטליכען פייער צו דערהויבען די אידישע קולטור־אידעע פון דער לופטיגער מלוכה פון דער אידעע צו דער פעסטקייט און זיכערקייט פון לעבען. וואָס די נבואה האָט אָנגעזאָגט און פאַרזאָגט, אז דאָס פאָלק ישראל זאָל זיין א ממלכת כהנים וגוי קדוש, אָט דיזען אידעאַל ווילען די איסיים, און מיט זיי די פרושים, און שפּעטער, אין דער מלחמה מיט די רוימער, די סיקאריער, די קנאים, פאַרווירקליכען אין לעבען. דאָס אידענטום וויל ווערען לעבען, א לעבעדיגע שאַפענדע ווירקליכקייט. און דורך דער באַרירונג און

אויסשפרייטונג אין דער גאנצער וועלט, ווייל דאָס אידענטום ווערען אוניווערסאַל.

אָבער גראָד אין יענער זעלטזאמער צייט פון דעם נצחון פון דער אידי־שער אידעע איבער דער גאנצער מענשהייט ווערט דאָס אידישע פאָלק און דורך דעם די גאנצע מענשהייט געטראָפען פון דעם שווערסטען שיקזאַל. די אידישע מלוכה געהט סוף כל סוף אונטער אין אונגלייכען קאמף געגען דעם רוימישען שטאַט. דער פּראָצעס, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבען אין ארץ ישראל, די פארוואנדלונג פון אידענטום אין לעבען, דאָס אראָפּברענגען פון משיח'ן אויף דער ערד, די באגרינדונג פון דער מלכות השמים אנטקעגען דער ממשלת זדון, אָט דיזער פּראָצעס פון אויפבויען א נייע אָרדנונג און נייע געזעלשאפט נאָך דעם געבאָט פון גייסט, איז בטל געוואָרען דורך דעם אונ־טערגאנג פון דער אידישער מלוכה. די פליגלען פון דעם געניאַלען אידישען פאָלק ווערען בלוטיג אראָפּגעהאקט, און דער מרחב פון אונאפּהענגיגקייט און פרייהייט פאר דעם סאָציאַלען איבערבוי, ווערט פאראיינגט און פאר־שמעלערט דורך דער קנעכטשאפט פון גלות. די אידישע אידעע, וועלכע איז מנצח די קולטור פון דער וועלט, איז זי מנצח נאָר טיילווייז, אין אונ־ריינער פאָרם, מיט דער צושטימונג פון מיטוס, געגען וועלכען דאָס אידענטום האָט זיך אָנדערטהאַלבען יאָרטויזענט געראנגעלט ביז זיין אַבסאָלוטער ריינ־קייט. דאָס אומגעעוצליכע קינד פון אידענטום, דאָס קריסטענטום, וואָס באצווינגט די וועלט, האָט פארלאָרען דעם נבואה־געניוס צו וועלען זיין איינ־געוואָרצעלט אין לעבען, צו וועלען זיין די לעבעדיגע תורה פון דער געזעל־שאפט. אין א פארבלאסטער האַלב־טעאָרעטישער געשטאַלט, אָהן וועלכער עס איז שייכות צו לעבען אין געזעלשאפט, מיט דעם שקר־צייכען פון גלויבען אנשטאט טאָן אויף זיין שטערען, פארשפרייט זיך דאָס קריסטליך־פאראומ־שטאַלטעטע אידענטום אין דער וועלט. און דאָס געניאַלע אידישע פאָלק זעלבסט געהט אין טויזענט־יאָריגען גלות און טראָגט מיט זיך שוין די פאר־וואנדלטע און חרוב'ע אידישע אידעע, וועלכע האָט פארלאָרען איר ערדיש־סאָציאַלע אָנלענונג.

א גאנצען יאָרהונדערט פריער, איידער רוים לעגט ארויף איר האנט אויף ירושלים, הויבט זיך אָן די אויסשפרייטונג פון אידען אין דער דאַמאָלט־דיגער גריכיש־רוימישער וועלט און די אויסמישונג פון אידען מיט אלע אנדערע פעלקערשאפטען. דער האַלב־פרייוויליגער, האַלב־געצוואונגענער גלות, וועלכער הויבט זיך אָן אונטער די פּטאלאמעיער און סעלעווקידען, ווערט אונטער דער מלוכה פון די חשמונאים און נאָך די חשמונאים ניט קלענער, נאָר אפשר נאָך גרעסער. אידישע קאָלאָניען טרעטען אויף אין דער גאנצער וועלט, אין מעסאָפּאָטאמיען, סיריען, פּערסיען, מצרים, קירענאי־

קא, רוים, נאָרד־איטאַליען, אטהען, די פארשידענע שטעט פון גריכענלאַנד. ווי ווייט אויסגעשפרייט עס איז דאמאָלט געווען דער אידישער פּריוויליגער גלות, זעהען מיר פון דער בארימטער ציטאַטע ביי יאָזעפוס פלאוויוס, וועל־כער ציטירט דעם רוימישען היסטאָריקער סטראבאָן: „עס איז שווער צו געפינען א פלאץ אויף דער באפעלקערטער ערד, וועלכער האָט ניט צוגעלאָזען דיזען שטאם מענשען און וועלכער ווערט ניט באהערשט פון זיי.“ (יאָזעפוס פלאוויוס, אידישע אַלטערטימער, בוך 14, קאפּיטעל 7). פון דער אנדער זייט זיינען אָבער גריכען און אויך רוימער אריינגעדרונגען אין גרויסע צאָלען אין ארץ ישראל, סיריען און די באנאכבארטע לענדער.

אין יענער צייט קומט פאָר די אויסמישונג פון אידען מיט די ארומיגע פעלקער, און דאָס אידענטום קומט אין ענגער בארירונג מיט דעם גריכענטום. אידען און גריכען זיינען די צוויי אריסטאָקראַטישע גייסטיגע פעלקער פון יענער צייט, ביידע פעלקער זיינען אין זייער צושפּרייטונג האנדעלס־פעלקער און קולטור־פעלקער. אידען, כאָטש אומבאגרייפליך און פרעמד צו דער ארו־מיגער וועלט, זיינען אָבער ניט געשטאנען אויסערהאלב פון געזעץ. אין דער וועלטשטאָט רוים, צום ביישפּיל, האָבען זיי אויך באהויפּטעט א שטארקע פּאָליטישע פּאָזיציע. דער קיסר קלאודיוס האָט זיי ניט געקענט פארטרייבען פון רוים, ווייל זיי זיינען געווען אין א צו גרויסער צאָל. דער רוימישער שטאאטסמאן און רעדנער ציצעראָ זאָגט ניט איינמאָל אין זיינע רעדען, אז אידען מאכען אומרוען אין פאָרום, שטעלען זיך איינער פאר דעם אנדערען, באשיצען זייערע אינטערעסען און אונטערברעכען די רעדנער, וועלכע רעדען נעגען זיי עקאָנאָמיש. קולטורעל און אויך פּאָליטיש איז יענער ערשטער אידישער גלות פון א גאנץ אנדערען כאראקטער, ווי אלע שפּעטערדיגע אי־דישע גלותים, בשעת דער אידישער שטאאט איז שוין לאנג אונטערגעגאנגען. יענער ערשטער אידישער גלות איז אין זיין אָפּגעזונדערטקייט און פרעמדקייט צו דער וועלט דורכגעדרונגען פון דעם באוואוסטזיין פון זיין אינווענייגער גרויס, פון זיין גייסטיגער איבערוועגנהייט, פון אמת און דער שעהנקייט פון אמת, וועלכע ער טראָגט אין זיך. באלד פארמעסט זיך דאָס אידישע פאָלק מיט דער ארומיגער וועלט און באלד ציהט עס דורך דאָס קריסטענטום די גאנצע מענשהייט אין ווענען, וועלכע זיינען אפילו היסטאָריש און מאָראַ־ליש ניט זיינע, אָבער וועלכע ווערען באלייכט און באשיינט פון דעם ליכט, וואָס שטראַלט אויס פון זיין גייסטיגען אוצר. מיט דער אידעע פון אמת, וועלכע איז געווען פרעמד און אומבאקאנט אין דער אנטיקער וועלט, טרעט אויף דאָס אידישע קולטור־פאָלק ביי זיין בארירונג מיט די ארומיגע פעלקער. עס איז א גאנץ נייע וועלט־אויפפאסונג און א נייע לעבענסאנשויאונג, וועלכע דאָס אידענטום ברייננט מיט זיך צו דער וועלט. „וואָס איז אמת?“ פרעגט

פארוואונדערט דער רוימישער הערשער פאנטיוס פילאטוס ביי יעזוס קריסטוס, לויט דער כאראקטעריסטישער דערצעהלונג פון נייעם טעסטאמענט (יוחנן, י״ח, ל״ח). דעם אמת פון דער וועלט און דעם אמת פון לעבען האָט דאָס אידענטום געפאָדערט און געבאָטען אין א וועלט, וועלכע איז געוועזן באַגרינדעט אויף לייכטען שפיעל און ווילדער מאכט.

די גריכיש־רוימישע ליטעראַטור וועגן אידען

די באַגעגענונג פון דעם אידישען פאָלק און זיין קולטור מיט דער גריכיש־רוימישער וועלט און קולטור האָט תיכף ארויסגערופען שטורמדיגע געגענזעצליכקייט אויף ביידע זייטען. ביי אידען איז עס געווען א געפיל פון גרינגשעצונג און קריטיק, א געפיל פון פאראכטונג און ביטול, מיט וועלכען זיי האָבען זיך געשטעלט אנטקעגען דער ארומיגער וועלט. די גריכען און רוימער האָבען אויפגענומען דיזען זאָנדערבארען פאָלק מיט זיין אייגענארטיגער רעליגיאָן און זיינע באזונדערע געזעצען און לעבענס־דינים מיט א געמישטען געפיל פון שטוינען, שנאה, שרעק, פאראכטונג, פארוואונדערונג, א געפיל, וועלכער האָט געשטאַמט און זיך באזונדערס גענערט פון דעם מאַנגעל אין פארשטענדנים פאַר דיזער אידישער ערשיינונג.

דער אבסטראַקטער גייסטיגער אידישער גאָט, וועלכער האָט ניט קיין צורה און קיין געשטאַלט, און וועלכער ווערט ניט אויסגעדריקט אין קיין בילד און קיין פאָרם, האָט אריינגעבראַכט יענע היידנישע וועלט אין טיפען שטוינען. די אַנטיקער־וועלט האָט באַטראַכט מיט גרויסער פארוואונדערונג דאָס אידישע פאָלק, וועלכעס דינט דעם אבסטראַקטען גאָט פון הימעל און ערד. אָפטמאָל איז דאָס אידישע פאָלק פאָרגעקומען פאַר דער גריכיש־רוימישער וועלט ווי א גאָטלאָזעס פאָלק. די אידישע פירונגען און דינים האָבען ארויסגערופען פיל שפּאָט און פארעכטליכע פארוואונדערונג. דער אידישער ברית־מילה, שבת און דער יום מנוחה פון שבת; די שפּייז־געזעצען, דער פארבאָט צו עסען חזיר איז פאָרגעקומען דער וועלט משונה'דיג און לעכערליך.

דאָס ספּיריטואַליסטישע און שטרענג־מאָראַלישע אידענטום האָט דאָך געמאכט א זאָנדערבארען געמישטען איינדרוק אויף די דאַמאָלטיגע קולטור־וועלט. ערצעהלונגען זיינען געווען פארשפּרייט, דאָס אריסטאָטעלעס האָט שוין באוואונדערט און געלויבט אידען, ווייל זיי זיינען גובר דעם יצר הרע און ווייל זיי האָבען אין זיך אזויפיל קלוגשאַפט (יאָזעפוס פלאוויוס געגען אפּיאָן, בוך 1, 22). זיכער זיינען נאָך יאָרהונדערטער פאַר דעם חורבן, אין דער עפּאָכע פון די נביאים, שוין אין גריכענלאַנד דערגאַנגען ידיעות וועגען דעם אידישען גייסטעס פאָלק, אזוי ווי אין ארץ ישראל האָט מען געהאַט אומבאַשטימטע פאָרשטעלונגען מכח דער גריכישער נאַטור־רעליגיאָן און גאָטלאָזער פילאָזאָפיע. דער ווירקליכער צוזאמענשטוים צווישען די צוויי ענטגעגענגעזעצטע וועלטען, פון וועלכע עס איז געבאָרען דאָס קריסטענטום

און וועלכער האָט געגעבען דעם גאַנג פון דער וועלט־געשיכטע א נייעם אָנ־שטויס, הויבט זיך אָבער ערשט אָן אין דעם ערשטען יאָהרהונדערט פאַר דער צושטערונג פון בית שני.

שוין אין אלכסנדריען, וואו עס האָבען זיך צום ערשטען מאָל אידען באַגעגענט מיט אַן עגיפּטיש־גריכישער סביבה, הויבט זיך אויף א פורכטבאַרע שנאה געגען דעם פרעמדען אידישען אריינדרינגער, וועלכער פאַרנעמט באַלד א מעכטיגע פּאָזיציע אין פרעמדען לאַנד. א פיינדליכע ליטעראטור וואַקסט אויף געגען אידען, וואָס אירע אָריגינאַלען זיינען על פּי רוב פארשוואונדען, אָבער וואָס אירע עקסטראַקטען האָבען זיך דערהאַלטען דורך יאָזעפוס פלאַ־וויוס און אַנדערע שפּעטערע שרייבער. אונקענטניס, פאַרוואונדערונג, פּאָר־אורטייל, שנאה און פאַראכטונג רעדט פון דיזער ליטעראטור געגען דאָס אומבאַגרייפליכע אידישע זונדער־פאָלק. שוין אין דריטען יאָרהונדערט פאַר קריסטוס, האָט דער עגיפּטישער געלערטער און פּריסטער מאַנעטאָן, וועלכער האָט געלעבט אונטער די צוויי ערשטע פּטאָלאמעיער, דערמאָנט אין זיין בוך וועגען דער געשיכטע פון מצרים, די אידען, וועלכע זיינען אריינגעדרונגען אמאָל אין מצרים. ער רעדט וועגען אידען, וועלכע ער רופט אָן די היקסען, מיט א געפיל פון שרעק און אונפאַרשטענדניס. ער רעדט ווי וועגען אומ־ריינע, וועלכע זיינען געוועזען א שרעק פאַר מצרים און פאַר דער רעליגיע און די זיטען פון די עגיפּטער. אין ערשטען יאָרהונדערט פאַר קריסטוס זאָגט פּאָזידאָניוס פון אפאַמע, אין סיריען, א סטאָאישער פילאָזאָף און היסטאָריקער, אינטערעסאַנטע ווערטער וועגען אידען, וועלכע דריקען אויס די מיינונג פון דער דאַמאָלדיגער וועלט מכח אידען. די יועצים פון אנטיאָכוס עפּיפאַנוס האָבען געזאָגט צו אים, דאָס אידען זיינען דאָס איינציגע פאָלק צווישען אַלע פעלקער, וועלכעס האָט זיך אָפּגעזאָגט צו האָבען א שיכות מיט אַנדערע פעלקער און וועלכעס באַטראַכטעט זיי אַלעמען פאַר שונאים. זיי האָבען צו אים געזאָגט דאָס די אורעלטערען פון אידען זיינען געוועזען גאָטלאָזע און אומ־ריינע מענשען, זיינען געוועזען געהאַסט פון די געטער, זיינען געוועזען באַדעקט מיט קרעץ און זיינען פאַרטריבען געוואָרען פון די גרענעצען פון מצרים. ווען זיי זיינען אנטלאָפען פון מצרים, האָבען זיי פאַרכאַפּט די טעריטאָריע פון ירושלים, האָבען דאָרט אָרגאַניזירט דאָס אידישע פאָלק און האָבען פאַר־אייביגט ביי זיך די שנאה אנטקעגען די מענשען. אידען זיינען דאָס פאָלק, וועלכעס שטעהט מיט שנאה אנטקעגען דער מענשהייט, — אזוי האָט זיך אויסגעדרוקט דער אַנטיקער וועלט.

א גאַנץ כאַראַקטעריסטישע אַנקלאַגע געגען אידען, וועלכע ווערט איבער־געחזר'ט פון דער גאַנצער פיינדליכער וועלט אנטקעגען אידען אין אַלע זייערע גלות'ן, טרעפען מיר ביים עגיפּטיש־גריכישען שריפטשטעלער אפּיאָן.

דיזער אפּיאָן האָט געלעבט אין אַלעקסאַנדריען אין דער ערשטער העלפט פון ערשטען יאָרהונדערט פאַר קריסטוס. ער האָט צווישען אַנדערע זאַכען געשריבען די געשיכטע פון עגיפּטען אין פינף ביכער, פון וועלכע דאָס דריטע בוך רעדט מכח אידען. פון יאָזעפוס פלאוויוס ווערק געגען אַפּיאָן וויים מען פון דעם אינהאַלט פון אַפּיאָן'ס שריפט. אפּיאָן, אַקוראַט ווי זיינע פאָרגענגער, דערצעהלט וועגען דעם, דאָס משה האָט ארויסגעפירט קרעציגע און בלינדע פון מצרים און איז געקומען אין דאָס לאַנד יהודה. ער דערצעהלט נאַאיווע אָבער בייזוויליגע מעשות וועגען דעם אורשפּרונג פון אידישען פאָלק. די אידען פון זיין צייט און פון זיין שטאָט אַלעקסאַנדריען וואַרפט ער פאָר, דאָס זייענדיג אידען רופען זיי זיך אַלעקסאַנדריער. ער וואַרפט פאָר אידען, דאָס זיי זיינען די אָרגאַניזאַטאָרען פון רעוואָלטען. אָנשפּילענדיג אויף דעם, דאָס אידען פון אַלעקסאַנדריען האָבען ניט געוואָלט באַווייזען געטליכע עהרען צום קיסר קאַליגולאַ, אין יאָר 38, באַשולדיגט אפּיאָן אידען, דאָס זיי ריכטען ניט אויף קיינע סטאַטועט פאַר די קיסרים. אפּיאָן האָט עס דער ערשטער אויסגעקלערט, דאָס אידען האַלטען אין בית המקדש דעם קאָפּ פון אַן עזעל, וועלכען זיי גיבען געטליכע עהרע. דערזעלביגער אפּיאָן דערצעהלט, דאָס די אידען כאַפּען יעדעס יאָר אַ גריכען, פאַרשפּאַרען אים אין בית המקדש, שפּייזען אים אַ גאַנצעס יאָר, פירען אים אַוועק דערנאָך אין אַ וואַלד, קוילענען אים ווי אַ הייליגען קרבן און פאַרזוכען זיינע גערערים, דערביי גיבען זיי אַ שבועה צו בלייבען די שונאים פון די גריכען. אפּיאָן דערצעהלט ווייטער, דאָס די אידען גיבען אַ שבועה אין נאָמען פון גאָט, דעם שעפער פון הימעל, ערד און ים, צו האַסען יעדען פרעמדען, באַזונדערס יעדען גריכען. אַלס אַ באַווייז, דאָס די אידישע תורה איז אונגערעכט און דאָס אידען דינען ניט ריכטיג זייער גאָט, ברייגגט אפּיאָן דעם פאַקט, דאָס אידען הערשען ניט איבער אַנדערע פעלקער, נאָר זיינען פיל מאָל אונטעריאָכט געוואָרען פון אַנדערע פעלקער. אידען זיינען אונניצליך, זיי האָבען ניט ארויסגעבראַכט קיינע באַדייטענדע מענשען, קיינע ערפינדער פון קונסטען און קיינע גרויסע געלערנטע. אפּיאָן מאַכט ווייטער לעכערליך די אידישע רעליגיעזע געבאָטען, מילה, קרבנות, דעם איסור אויף חזיר.

דער באַרימטער געאָגראַף און היסטאָריקער סטראַבאָן, וועלכער האָט געלעבט אין ערשטען יאָרהונדערט פאַר קריסטוס, גיט אין זיין ווערק „היסטאָרישע עראינערונגען" זיין באַגריף מכח אידען און אידענטום. עס איז דער זעלביגער סטראַבאָן, וועלכער באַמערקט, דאָס עס איז ניטאָ אין דער וועלט קיין אָרט, וואו די אידישע ראַסע איז ניט אריינגעדרונגען, און וואו זי איז ניט געוואָרען אַ הערשענדע ראַסע. משה האָט באַגרינדעט דאָס אידישע פאָלק אין זיין רעליגיאָן, ער האָט געלערנט, דאָס אַנדערע פעלקער, די עגיפּ־

טער, ליגיער, גריכען, זיינען געווען נאריש, ווען זיי האָבען פאַרגעשטעלט די געטליכקייט אין דער געשטאַלט פון חיות אָדער פון מענשען. די געטליכקייט איז דאָס וואָס רינגעלט אונז ארום, וואָס מיר רופען אָן הימעל, וועלט, נאַטור.

מיט ניט ווייניגער שנאה און פארוואונדערונג ווי די גריכישע וועלט, האָט די רוימישע וועלט אויפגענומען דאָס וואונדערבארע אידישע פאָלק. אַלגעמיין זיינען באקאנט ציצעראָן'ס, דעם גרויסען רוימישען רעדנערס און שטאַטסמאַן'ס רייד וועגען אידען אין זיין רעדע וועגען פלאקוס. ער באַקלאָגט זיך אויף די אידען פון רוים, דאָס זיי זיינען אין גרויסער צאָל, דאָס זיי האַלטען צוזאמען צווישען זיך, דאָס זיי האָבען מאכט אין די פארזאמלונגען. ציצעראָן זאָגט, דאָס אפילו אין דער צייט ווען ירושלים איז געשטאַנען האָט די אידישע רעליגיאָן ווייניג געשטימט מיט דעם גלאַנץ פון דער רוימישער אימפעריע און דער גרויסקייט פון איר נאָמען, טאָ א פשיטא שוין היינט, ווען די אידען האָבען דורך זייער קאַמף געצייגט, וואָס זיי מיינען מכח אונזער הערשאַפט, און ווען די אונשטערבליכע געטער האָבען באוויזען, ווי זיי זאָרגען זיך פאר דיזער באזיגטער, מאכטלאָזער, פארשקלאַפטער נאציאָן.

דער גריכיש־רוימישער פילאזאף סענעקא, וועלכער האָט געלעבט אין ערשטען יאָרהונדערט נאָך קריסטוס, דערמאָנט אויך די אידען און איז פארוואונדערט וועגען זייער רעליגיאָן. שבת איז שעדליך, ווייל דורך די רו אין דיזען טאָג פארלירט דער מענש אַ זיבענטען טייל פון זיין לעבען.

טאציט, דער בארימטעסטער רוימישער היסטאָריקער, וועלכער האָט געלעבט אין ערשטען יאָרהונדערט נאָך קריסטוס, ווארפט אויף אין זיין געשיכטע אין די אנאַלען א בילד פון די אידען פון זיין צייט. דער אידישער געזעצגעבער משה, אזוי דערצעהלט טאציט, האָט באשאַפען פאר אידען געזעצען, וועלכע זיינען דער היפך פון די געזעצען פון אַלע אַנדערע שטערבליכע. אַלץ וואָס מיר פאַרערען, איז ביי די אידען אַ שרעק, פארקערט, אַלץ וואָס ביי אונז איז אומריין, איז ביי זיי ערלויבט. טאציט געפינט פאר לעבערליך די אידישע דינים, דעם פארבאָט פון חזיר, מצה, שבת ; די אידישע געזעצען רופט ער אָן שרעקליך און שענדליך. אידען האָבען א פורכטבארע שנאה אנטקעגען אַלע אנדערע מענשען, זיי האָבען ניט קיין מגע ומשא מיט פרעמדע. די, וועלכע נעמען אָן זייער רעליגיאָן, היטען דיזעלבע געזעצען. די ערשטע פאראָרדנונג, וועלכע מען גיט זיי, איז צו פאראכטען די געטער, אָפּזאָגען זיך פון פאטערלאנד, צו פארגעסען עלטערן, ברידער, קינדער. די נשמות פון די, וועלכע שטארבען אין קאַמף אָדער מארטירערטום, האַלטען אידען פאר אונשטערבליך, און דערפאר האָבען זיי ניט מורא פאר'ן טויט. זייער גאָט האַלטען זיי פאר אַן אויבערשטען און אייביגען וועזען, וועלכער קען ניט נאָכגעמאכט ווערען. דערפאר דולדען זיי ניט קיין סטאטוע אין

זייערע שטעט און א פשיטא שוין אין זייער טעמפּעל. זיי גיבען ניט דיזען כבוד ניט צו די קעניגען און ניט צו די צעזארען. דער גאָט באקכוס האָט גע־שאפען גלענצענדע און פרייליכע רעליגיעזע מנהגים, זייערע מנהגים זייגען משונה׳דיגע און טרויעריגע.

דיאָ קאסיוס, דער רוימישער היסטאָריקער, וועלכער האָט געשריבען זיין ווערק אין סוף פון צווייטען יאָר־הונדערט נאָך קריסטוס, זאָגט פאָלגענ־דעם וועגען אידען: „זיי (דאָס הייסט די אידען) אונטערשיידען זיך פון דעם רעשט פון דער מענשהייט אין יעדער פירונג פון לעבען, באַזונדערס אָבער דערמיט וואָס זיי אַכטען ניט קיין גאָט, אַ חוץ וואָס זיי פארערען זעהר שטארק איין איינציגען. זיי האָבען קיינמאָל ניט געהאט קיין סטאטוע פון אים אפילו אין ירושלים, אָבער האלטענדיג אים פאר אונאויסשפרעכליך און אונזיכטבאר פארעהרען זיי אים אויף דעם וואונ־דערבארסטען אופן פון אלע מענשען. זיי האָבען אויפגעבויט פאר אים א מערקווירדיגען גרויסען און שעהנעם טעמפּעל... און זיי האָבען פאר אים באשטימט דעם טאָג שבת, אין וועלכען, א חוץ פארשידענע אנדערע זאָנדער־בארע מנהגים, טוען זיי ניט קיין ערנסטע ארבייט". (רוימישע געשיכטע, בוך 17, קאפּיטעל 18). אָבוואָל דיאָ קאסיוס האָט געשריבען זיין רוימישע געשיכטע אין גריכיש אין צווייטען יאָרהונדערט נאָך קריסטוס, איז אָבער זיין שילדערונג כאראקטעריסטיש פאר דער גאנצער פריערדיגער עפּאָכע.

די אידישע רעליגיאָן, מאָראל און לעבענספירונג האָט זעהר שטארק פארוואונדערט די אַנטיקער וועלט, אָפּטמאָל האָט זי אפילו טיף גערירט די העכער שטעהענדע גריכיש־רוימישע וועלט. די פארעהרונג פון א איינציגען אייביגען גייסטיגען גאָט, וועלכער דולדעט ניט קיין בילד און קיין געשטאלט, האָט יענע וועלט איבערראשט און דערשראָקען, ווי א גרויסער נייער געדאַנק אנטקעגען די אַלטע רעליגיאָן און וועלטאנשויאונג. בכלל אָבער האָט דאָס זאָנדערבארע, אָבגעשידענע, פארגייסטיגטע אידישע פאָלק, דאָס אידענטום מיט זיין ריינעם גאָטעסבאגריף, זיינע מאָראלישע געבאָטען, זיינע סימבאָלי־שע דינים, זיך אָנגעשטויסען אין דער גריכיש־רוימישער וועלט אויף געלעכ־טער, אונפארשטענדניס, פאראכטונג, פארוואונדערונג. און די נאציאָנאלע געפאלענקייט האָט דיזען געפיל פון שרעק און פאראכטונג נאָך גענערט און געשטארקט אין דער אַנטיקער וועלט.

אָבער עס איז געווען א פארוואָרענער, געמישטער, אונזיכערער געפיל, מיט וועלכען די וועלט האָט אויפגענומען אידען און אידענטום. אין דיזער פארוואָרענער שטימונג, וועלכע דאָס אידענטום האָט ארייגגעטראָגען אין דער אַנטיקער וועלט, איז געבאָרען געוואָרען דאָס קריסטענטום, יענער געמיש פון דער אידישער גייסטיגער רעליגיאָן מיט דעם אַנטיקען מיטוס, וועלכער

האָט פון זיך אויסגעשידען יעדען אידישען נאַציאָנאַלען אינהאַלט און האָט ערקלערט אַ קאַמף דער אידישער היסטאָרישער טראַדיציע, דער אידישער אָפּגעזונדערטער לעבענס־פירונג מיט איר הייליגקייטס־פאַרפאַרבונג, דער אידישער תורה מיט איר געבאָט פון טאָן און לעבען.

די אידישע פארגייסטיגונג פאר דעם צווייטען חורבן

יענע עפּאָכע פאר דעם צווייטען חורבן, אין דער צייט פון דער ענט־שטעהאונג פון קריסטענטום, איז געווען אפשר די העכסטע פון דער גאנצער אידישער געשיכטע. זי איז געווען אזוי גלאנצפול אין איר אויסערליכער באדייטונג, ווי דראמאטיש און ערנסט דורך אירע אינווענינע וואנדלונגען. די אויסשפרייטונג פון דעם אידישען גלות אין דער גאנצער דאמאָלדיגער קולטור-וועלט האָט דערוועקט א טיפען אינטערעס אומעדום צו דעם מערק־ווירדיגען אידישען פאָלק און זיין וואונדערבארער גייסטיגער תורה, און א געמישטער געפיל פון שטוינען, פאראכטונג, באוואונדערונג און שרעק איז ענטשטאנען אין דער גאנצער וועלט בנוגע צו אידען. פון דער אנדער זייט אָבער האָט, אונטער דעם געשטייגטען פּאליטישען דרוק אויף דעם אידי־שען פאָלק און נאָך מער אלס פועל יוצא פון דער אריינדרינגונג פון דער גרי־כישער קולטור אין אידענטום, זיך אָנגעהויבען א טיפער גייסטיגער פּראָצעס אין אידענטום גופא. דאָס אידענטום האָט זיך אָנגעהויבען נאָך מער צו פארגייסטיגען, האָט זיך אָנגעהויבען צו בארייכערען מיט נייע אינהאלטען, האָט זיך געפּרובט מאכען ענדליך ערנסט מיט די נביאישע געבאָטען און אָנזאָגען, אזוי ווי דאָס אידענטום וואָלט געפילט דעם פּאָליטישען סוף פון אידישען פאָלק און עס וואָלט זיך געוואָלט ניי באוואפענען און זיך שטאַרקען אין כחות פאר דעם פורכטבארען גלות-וועג אין וועלכען די געשיכטע האָט אומבארמהערציג געדרענגט דאָס אידישע פאָלק.

ווי יעדע קולטורעלע און גייסטיגע ענדערונג אין דער געשיכטע, ווערט די אידישע פארגייסטיגונג אויך געבוירען אין קאמף און געגענזאץ פון לעבען, אין די סתירות פון די געזעלשאפטליכע טענדענצען. דאָס נייע ברעכט דורך דעם וועג אין קאמף מיט דאָס אלטע. די שטורמישע אויפטועענדע כחות דארפען גובר זיין די קאָנסערוואטיווע טענדענצען, וועלכע הענגען זיך אָן אָן די אלטע פון די טויזנטפּאָכע מאַטעריעלע און פסיכאָלאָגישע סיבות. אין שווערען דויערענדען קאמף ווערט ניי געבוירען א פארגייסטיגטעס אידענטום, פול מיט אוניווערסאלע אידעען און מאָראל-פילאָזאָפישע געדאנקען, און נאָך מער מיט דעם הערלאישען ענטשלוס אראָפּצוברענגען די מלכות הצדק אויף דער זינדיגער ערד און מאכען א סוף צו דער זינדיגער ממשלת זדון אין דער וועלט.

פון דריי שטרעמונגען אין גייסטיג-רעליגיעזען לעבען אין יענער צייט

דערצעהלט די געשיכטע: די צדוקים, די פרושים, די איסיים. די צדוקים זיינען די רייכע אריסטאקראטי פון פאלק, די באזיצער, זעהר אפט די פריס־טער, די פון דער רוימישער הערשאפט אנגעשטעלטע באאמטע. זיי זיינען דער הערשענדער רוהיגער קאנסערוואטיווער קלאס, וועלכער איז גרייט זיך צו אונטערווארפען אונטער די רוימישע הערשאפט. דיזער אריסטאקראטי־שער קלאס, וועלכער האט אויפגעגעבען דאס אייגענע פאלק פאר זיין נוצען פון אסימילאציע, האט אויך אפגעשניטען זיין צונויפבונד מיט דער אידישער שעפפערישער נאציאנאלער אידעע. די צדוקים האלטען זיך נאר אן דעם בוכשטאבען־זין פון דער תורה, לייקענען אבער אין דער גאנצער שאפענדער ענטוויקלונג און פארענדערונג פון דער תורה שבעל פה. זיי ווילען דאס פאלק צוריקשטויסען פון יעדער מעגליכקייט ארויסצוטרעטען אפען. זיי ווילען אויך אפטויטען דעם קאמף־מוט פון פאלק געגען די רוימישע הער־שאפט דערמיט, וואס זיי גיבען ניט דעם שטארבענדען קעמפער קיין האפנונג אויף עולם הבא. אין די רעליגיעזע מחלוקות׳ן צווישען די צדוקים און די פרושים קען מען דייטליך דערקענען דעם פאליטיש־נאציאנאלען הינטער־גרונד, פון וועלכען דיזע פון אויבען אויף רעליגיעזע מחלוקות׳ן האבען זיך אנגעהויבען. ווען די צדוקים פסקנ׳ען אין זייער מחלוקת געגען די פרושים, דאס חבוט ערבה איז ניט דוחה שבת, איז דא זיכער צו דערקענען זייער רצון, צו באגרענעצען די דעמאקראטישע פאלקס־דעמאנסטראציע פון חבוט ערבה אין בית המקדש.

דער גלויבען אין תחית המתים, וועלכער איז געווען אין יענער צייט פון זיין ענטשטעהונג דער גלויבען פון אלע דערנידעריגטע און שווערבאלאדענע און צו דערזעלבער צייט דער מאראלישער כח פון זעלבסטאויפאפפערונג אין אומגלייכען קאמף געגען די מלכות הרשעה, דיזער גלויבען איז געווען די טיפסטע מחלוקת צווישען די צדוקים און פרושים. זייט די מלחמות פון די מאקאבעער און דניאל איש המודות ביז אין די ערשטע יאהרהונדערטער פון קריסטענטום איז דער גלויבען אין תחית המתים געווען די פאליטיש רעוואלוציאנערע אידעע פון דער צייט. ווער עס האט געגלויבט אין דאס צוקונפטיגע לעבען, דאס די ישני עפר יקיצו, דער האט געקענט אויפשטעהן צום קאמף און צו גרונד געהן אין קאמף געגען דעם אונטערדריקער, אין דער האפנונג אויף זיין צוקונפטיגע אויפשטעהונג. דיזער גלויבען אין תחית המתים האט באזעעלטיגט די ליידען פון דעם אונטערדריקטען פאלק, האט אים געגעבען מוט און זיכערקייט אנהאלטען זיין נידערגעשלאגענעם גייסטיג־נאציאנאלען לעבען, געפינען א מעכטיגען טרויסט אין זיין שווערען ערדישען גורל, זיך אויפהויבען אינווענינג אין דער שפלות און ערנידערונגען איבער דעם טריאומפירענדען אבער ניט האפנונגסלאזען שונא. עס איז ניט קיין וואונ־

דער דאָס דער הויפּט קאַמף צווישען דער צדוקישער אריסטאָקראַטי און דעם פאָלק איז געווען דער גלויבען אין תחית המתים.

דאָס פאָלק איז באהערשט געווען פון א נאַציאָנאַל־רעליגיעזער ליידענ־שאַפט, וועלכע האָט טיף דורכגעדרונגען דאָס גאַנצע לעבען. דאָס לעבען לויט דער דיסציפּלין און די געבאָטען פון דער תורה, וועלכע איז אַן אייביגער פליסענדער שטראָם פון ענטוויקלונג, די שטרעבונג צו דער אינווענינער פאָלקאָמענהייט, דער ווידערשטאַנד געגען דער ארומיגער ממשלת זדון, און ועל כלם דער גלויבען אין דער צוקונפט, אין משיח און באזונדערס אין תחית המתים, דאָס זיינען געווען די געשטאַלטענדע כחות און אידעאַלען פון פאָלק. פון דיזען גייסטיגען ברונען האָט אויך געשטראָמט מיט שוימענדער קראַפט דער אוּמאויפהערליכער פּאָליטישער ווידערשטאַנד פון פאָלק געגען די רוימי־שע הערשאַפט. נאָך אויסען דער קאַמף געגען רוים, אינווענינ די מחלוקת געגען די צדוקים, אלס די אריסטאָקראַטישע הערשענדע פּאַרטיי. דאָס זיינען געווען די צוויי שטרעמונגען פון יענער צייט, וועלכע האָבען זיך פון יאָרצענט צו יאָרצענט געשטייגערט צו ברענענדער ליידענשאַפט.

זעלטזאַם און וואונדערבאַר איז געווען די פּאַרטיי פון די איסיים. וואָס יאָזעפוס פלאוויוס שרייבט וועגען די איסיים פון יענער צייט, שטעהט ווי אַן איינצעלנע שילדערונג פון רעליגיעז־קאָמוניסטישען לעבען אין דער גאַנ־צער וועלט־ליטעראַטור ביז צו היינטיגע טעג. (פלאוויוס, מלחמות, בוך צוויי, קאַפּיטעל 8). די איסיים זיינען געווען קאָמוניסטען, האָבען פּאַראַכטעט רייכטום און האָבען צוטיילט זייער רייכטום און איינקונפט אלע גלייך צווישען זיך. זיי האָבען געלעבט אין קאָמונען, וועלכע זיינען געווען אין דעם גאַנצען לאַנד פּאַרבונדען צווישען זיך. זיי האָבען געפירט א לעבען פון הייליגקייט, ריינקייט, ברידערליכקייט, ליבע און צדקה און הילף צו פרעמדע. שבת און ריינקייט אין עסען און האַלטונג זיינען געשטאַנען ביי זיי הויך. זיי האָבען פּאַראַכטעט די פּלאַגען פון לעבען, און זיינען געווען שטענדיג גרייט צו אָפּפּערען זייער לעבען פאַר זייער גייסטיגען אמת. מיט א שמייכעל אויף'ן פּנים האָבען זיי אריבערגעטראָגען אין דעם קריג מיט די רוימער אלע שרעקליכע פּייניגונגען, ווען מען פלעגט זיי מאַטערען זיי זאָלען אריבערטרע־טען זייערע געבאָטען. זיי האָבען געגלויבט אין השארת הנפש, דאָס די זעלע איז אין גוף ווי אין א געפענגנים, פון וועלכען זי באפרייט זיך און שטייגט אין פרייד ארויף.

די לעבענספירונג פון די איסיים האָט באהערשט אויך די פּרושים, ווי די ברייטע מאסע פון פאָלק איז דאַמאָלט אָנגערופען געוואָרען. אויך די פּרושים זיינען געווען אָפּגעשידען פון די מאַטעריעל־גשמיות'דיגע תאות פון לעבען, און זיי זיינען געשטאַנען אין דינסט פון דער העכערער אידעע. זיי

האבען ניט געפירט קיין קאמוניסטישען לעבען, אבער ווי פלאוויוס זעלבסט זאגט, (שם, קאפיטעל ח׳ י״ד), זיינען זיי געווען פריינדליך איינער צום אנדערען און האבען זיך פארהאלטען צום פאלק מיט שלום און אכטונג. זיי האבען געגלויבט אין השארת הנפש און תחית המתים, וואס דאס איז דאמאלט געווען א נאציאנאלע רעוואלוציאנערע שטימונג. אלס די גרויסע דעמאקראטי פון פאלק זיינען זיי אויך געווען באזעלט פון פאליטישע ליידענ־שאפטען און אין זייער מיטע האט אנגעהויבען ברענען דער פייער פון רע־וואלט געגען די רוימישע הערשאפט. די פרושים אקוראט ווי די איסיים זיינען געווען די גייסטיגע קינדער פון די פריערדיגע חסידים, פון יענע פרומע אין פאלק, וועלכע האבען אויפגעקריצט אויף זייער פאן דאס לעבען אין גייסט און די באפרייאונג פון די כחות פון גשמיות׳דיגען גוף און זיין באגרעניצונג.

די חסידים, פרושים און איסיים האבען אויפגעאקערט אין פאלק די היילינגע ערד, פון וועלכער עס איז באלד ארויסגעשפראצען יענע הערא־ישע איינציגע באוועגונג אין דער מענשליכער געשיכטע, וועלכע האט געוואלט ענדליך מאכען א סוף צו דער מלכות הרשעה אין דער וועלט און אראפ־ברענגען אויף דער ערד די מלכות הצדק, ברענגען צום טריאומף די אידעאלען און האפנונגען פון דעם עם קדש. פון די מאקאבעער מלחמות אן שטייגט פאראיינם דער ליידענשאפטליכער גלויבען אין דאס קומען פון משיח׳ן און די ענדערונג פון דער וועלט. דער לייט־מאטיוו פון דיזער נייער שטורמישער שטימונג איז, דאס משיח, דער בחיר, דער אויסערוועהלטער, דער צדיק, דער בר־אנש, וואס דאס קאן זיין א פערזענליכע באצייכנונג אדער אויך א קא־לעקטיווע, דער עם ישראל, וועט אויפשטעהן און וועט ברענגען דער וועלט גערעכטיגקייט און וועט די וועלט אונטער זיך מנצח זיין. שוין אין דער מאקאבעער־צייט, זאגט דניאל אן די נביאות המשיח. „ולה יהב שלטן ויקר ומלכו וכל עממיא אמיא ולשניא לה יפלחון שלטנה שלטן עלם די לא יעדה ומלכותה די לא תתחבל. (דניאל, ז׳, יד), „ודינא יהיב לקדישי עליונין“ (ז׳ כב). נאך מער אבער האט די משיח־אידעע, די האפנונג אויף ערלעזונג פון פרעמדער הערשאפט און די באגרינדונג פון דער וועלט פון צדק, געפונען איר טיפען אויסדרוק אין די אפאקריפען, אין יענער מערקווירדיגער ליטעראטור, וועלכע איז ענטשטאנען אין דער שטורם־צייט פאר דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום, און וועלכע איז דער בריק צווישען דעם אידענטום און דעם קריסטענטום. אין דעם ספר חנוך, געשריבען אין צווייטען יארהונדערט פאר קריסטוס, ווערט פאנטאסטיש אויסגעמאלט די הערליכע צוקונפט, ווען דער מענשען-זון, וועלכער זיצט ביי גאט, וועט קומען אויף דער ערד.

דיזע משיח האפנונג איז געווארען א ליידענשאפטליכער משיח-ווילען, ווען דער אויסערליכער דרוק איבער דעם אידישען פאלק איז געווארען נאך

שווערער און פורכטבארער. אין די לעצטע צוויי־דריי יארצענטען האט זיך דיזער דרוק ארפגעלאזען מיט בלייענעם געוויכט אויף דאס אידישע פאלק. אין רוים האבען געהערשט די קיסרים קלאוודיוס, קאליגולא, (נירון), וועלכע האבען די מאראלישע אויפלעזונג פון דער רוימישער הערשאפט געטריבען צו איר לעצטען סוף. פארברעכען, גרויזאמקייט, אונטערדריקונג, אונמאראל האט די רוימישע הערשאפט געטראגען אין אלע לענדער און פעלקער, וואו איר מאכט האט דערגרייכט. און אלע פעלקער פון איירָאפּא, אזיע, אפריקע, די מאקעדאניער, די סירער, פארטער, עגיפטער, קארטאגער, א. א. וו. האבען נאך קורצען קאמף זיך אונטערגעגעבען אונטער דער רוימישער מאכט און זיך בעסער איינגעשפאנט אין דעם יאך פון שקלאפעריי איידער צו פירען אן אומגלייכען קאמף. דער רוימישער אדלער האט געזיגט אין דער גאנצער וועלט, און די רוימישע סאלדאטען האבען אומעדום אויפגעשטעלט דאס בילד פון דעם רוימישען קיסר, וועלכער האט באקומען געטליכע אנבעטונג. נאכדעם ווי די רוימישע הערשאפט האט די קעניגליכע הייזער און דעם הערשענדען קלאס פון יעדען לאנד דעמאראליזירט, קארומפירט, אפגעקויפט דורך דעם רוימישען גלאנץ און כח, איז פאר די רוימישע לעגיאנען שוין געווארען לייכט יעדעס לאנד צו ערָאבערען אונטער די פיס פון רוים. און די דאמאלדיגע פעלקער האבען זיך אונטערגעגעבען באלד אונטער רוים, וועלכע האט דאך מיט זיך פארגעשטעלט לגבי יענע פעלקער א העכערע ציוויליזאציע.

דאס לאנד ישראל איז געווען דאס איינציגע לאנד אין דער גאנצער דאמאלטיגער וועלט, איבער וועלכען עס האבען געשוועבט די פינסטערע שאטענס פון דער רוימישער הערשאפט, אבער וועלכעס איז דאך ניט געווארען רוימישער באזיץ. שוין פאמפעיוס האט כמעט געשטעלט יהודה אונטער די רוימישע אפהענגיגקייט, אבער דאס אידישע פאלק האט דאך געפירט א זעלבסטשטענדיגע נאציאנאלע און פאליטישע עקזיסטענץ. אין די לעצטע צוואנציג יאר פאר דעם אונטערגאנג איז דער פיינדליכער צוזאמענשטויס נעקומען אלץ נעענטער, האט די נאקעטע ברוטאליטעט פון רוים ארויסגערופען דעם העראאישען גייסט פון פאלק ישראל, וועלכער האט געשטעלט העכער דעם אמת און דעם טויט פאר דעם אמת, איידער דאס טירישע לעבען פון הערשאפט אדער שקלאפעריי. די דורכדרינגונג פון דעם אידישען פאלק מיט דעם באוואוסטזיין פון זיין העכערען היסטארישען ווערט, די גייסטיגע דיסציפלין פון לעבען דורך די מצוות מעשיות פון די פרושים, די הייליגע קאמוניסטישע אידעאלען פון די איסיים, די טיפע פארגייסטיגונג פון פאלק האט געעפענט קוואלען פון ענערגיען און העלדישקייט אין אומגלייכען קאמף, אנטקעגען דער רוימישער מאכט. מיט דעם הייליגען געשריי אויף די ליפען:

ועולתה תקפץ פיה והרשעה כלה כעשן תכלה כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ, מיט דער תפילה, וועלכע איז געבוירען געווארען אין יענער צייט, האט זיך דאס אידישע פאלק געגרייט צו זיין לעצטען העראאישען קאמף פאר זיין זעלבסטשטענדיגקייט.

דער אונטערגאנג פון דער אידישער זעלבסטשטענדיגקייט

די רוימישע הערשאפט, וועלכע האט זיך נאך פאמפעאוס פארשפרייט איבער ארץ ישראל, האט אריינגעבראכט א טיפע דעמאראליזאציע אין לאנד. די שפראצלינגע פון דעם פרעמדען קעניגליכען הויז הורדוס זיינען שוין געווען פארזונקען אין די גאנצע פארדארבענקייט פון רוים. זיי זיינען געווען רוימישע קנעכט און פארדארבער אויף דער אידישער ערד. אגריפא דער צווייטער, דער לעצטער אידישער קעניג, אין ערשטען יארהונדערט נאך קריסטוס, איז שוין געווען ניט מער ווי א רוימישער שטעל-פארטרעטער אין ירושלים. אויך די אידישע אריסטאקראטי איז ערצויגען געווארען אין דער פארפעסטעטער לופט פון רוים און האט געצויגען אויף דער זייט פון רוים. דער אידישער קעניג האט באקומען דאס רעכט פון רוים אויפצושטעלען און ארא‌פצוווארפען די כהנים גדולים, דאס הייסט צו פירען די הערשאפט איבער'ן בית המקדש, וועלכער איז געווען א רעליגיעזע אקוראט ווי א פאליטישע פעסטונג. אין משך פון צוואנציג יאר האט דער קעניג אגריפא ערנענט זיבען כהנים גדולים, ווארום נאר דער פריסטער, וועלכער איז וואס נידריגער געקראכען פאר רוים און האט פארראטען די נאציאן, דער האט באקומען די בכורה ביי דער וואל. דער קעניג, די אריסטאקראטי און די כהנים זיינען געווען די רוימישע פארטיי, וועלכע האבען פון רוים באקומען זייער מאכט און האבען דיזע מאכט אויסגענוצט, כדי דאס פאלק צו קנעכטען, צו בארויבען און צו דעמאראליזירען. שוין אין אגריפא'ס צייט האט זיך אנגעהויבען פאנאנדערפלאקערען דער אלטער גייסטיגער פייער, וועלכער קען באוועגען בערג, ווען ער ברענט אויף. עס האבען זיך אויפגעהויבען קעמפער און קנאים און חולמי חלומות, וועלכע האבען פאנאנדערגעוויקעלט די פאן פון רעוואלט געגען דעם אייגענעם אריסטאקראטישען שונא. עס האבען זיך שוין אנגעהויבען ווייזען די סמנים פון דעם אידישען פרייהייטס-קריג און בירגער-קריג, וועלכער האט ניט זיין גלייכען אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט. עס זיינען אויפגעטראטען די זעלאטען, קנאים, וועלכע האבען געשווארען דעם שווערד ניט אריינצולייגען אין שייד, ביז זיי וועלען ניט באפרייען יהודה פון רוים'ס שאנדע. זיי פלעגען זיך באהאלטען אין בערג און הוילען און פון דארט פירען קריג געגען די רוימישע לעגיאנען און באאמטע. פון דיזע קנאים האט זיך אויסגעטיילט א נאך שטורמישערע גרופע, וועלכע האט געטראגען דעם נאמען סיקאריער, נאך דעם רוימישעןווארט סיקא (שווערד). זייער שווערד פלעגט אויך טרע־

פען די אינוועניגע שונאים פון פאָלק, וועלכע פלעגען זיין צוגענייגט צו דער רוימישער הערשאַפט.

בשעת די קנאים האָבען געוואָלט מיט דער וואפע אין דער האנט באַפרייען דאָס פאָלק, האָבען זיך באוויזען צאָלרייכע משיחים, וועלכע האָבען צוגעזאָגט די באפרייאונג און ערלעזונג דורך גאָטס וואונדער, דורך אותות און מופתים. דאָס פאָלק פלעגט געוועגליך נאָך זיי נאָכגעהן. אזא משיח איז געוועזן תודס, און שפעטער שמעון פון ציפערן (יאָזעפוס, אידישער קריג 4, 13. II ; אלטערטימער 2, 7, XX). אן אומבאקאנטער פון מצרים האָט זיך ארויסגעגעבען פאר משיח, האָט געזאמעלט ארום זיך אייניגע טויזענט מענשען, און האָט צוגעזאָגט מיט דער הויך פון זיינע ליפען צו שטירצען די חומות ירושלים און באוועלטיגען די רוימישע לעגיאָנען. (יאָזעפוס, אלטערטימער 6, 8, XX ; אידישער קריג, 5, 13, II ; אפאָסטאָל־געשיכטע 38, 21). די פאָלקס־פאַנטאַזיע איז געוואָרען אויפגעהיצט ביז צום זיד פונקט. דער קאמף פאר דער ערלעזונג איז שוין געוואָרען א פאנאטישער ציל, טייערער איידער דאָס נאַקעטע לעבען.

דערוייל האָבען די רוימישע שטאטהאלטער אין ירושלים אלץ מער פארלעצט דעם אידישען נאציאָנאלען געפיל און אלץ ענגער פארצויגען דעם יאָך פון אונטערדריקונג. די רוימישע גובערנאטאָרען האָבען זיך אויסגעזוכט פון דער צדוקים־פארטיי געהארכזאמע כהנים גדולים, האָבען מיט געוואָלט נעקליבען פון די אקערבויער מעשר און האָבען אָפגעטאָן דאָס ווערק פון דער רוימישער מלכות הרשעה אין די הייליגע בגדי כהונה. ניט איינמאָל איז עס אין די לעצטע יאָרען פאר דעם חורבן געקומען צו בלוטיגע צוזאמענשטויסען צווישען די רוימישע לעגיאָנען און די קנאים און סיקאריער אויף די גאַסען פון ירושלים און ארום דעם בית המקדש. אין יאָר 64 נאָך קריסטוס איז ערנאַנט געוואָרען אלס דער שטאטהאלטער פון יהודה געסיוס פלאָרוס, וועלכער האָט דורך זיין בלוטדורשטיגקייט און טיראַניי נאָר פארגיכערט דעם אויפשטאנד פון יהודה געגען רוים. פורכטבארע שטייערען האָט דיזער שטאטהאלטער ארויפגעלעגט אויף דאָס הארטנעקיגע פאָלק ישראל. פאר דעם פסח האָט ער באפוילען א פאָלקס־ציילונג פון אידען אין ירושלים, כדי די לאַסט פון די שטייערען נאָך צו פארגרעסערען. דאָס איז געוועזן דער לעצטער אָנשטויס, וועלכער האָט ארויסגערופען דעם אויפשטאנד פון פאָלק ישראל געגען דעם אלמעכטיגען רוים.

עס איז געווען א גרויסער און הייליגער קאמף, דיזער אויפשטאנד פון דעם קליינעם אידישען גייסטעס־פאָלק געגען דער רוימישער וועלט־מלוכה. ארץ ישראל איז געווען דער שוואכסטער פונקט אין דער רוימישער מלוכה, וועלכע האָט געקאָנט עראָבערען און אונטערוואַרפען אלע לענדער און פעל־

קער, אָבער האָט ניט געקאָנט בייקומען דעם קליינעם אידישען פאָלק. דער אידישער אויפשטאַנד איז געווען דער לעצטער פרייהייטס־קאַמף אין דער אונטערגעהענדער אַנטיקער וועלט. עס איז אפשר געווען די דראַמאַטישסטע און ערהאַבענסטע ערשיינונג אין דער גאַנצער מענשליכער געשיכטע, בשעת דאָס פאָלק פון גייסט האָט אלס דאָס איינציגע פאָלק פון דער דאַמאָלטיגער וועלט ערקלערט קריג דער מלכות הרשעה פון מאַכט און געוואַלט טעטיגקייט. די אידען פון ירושלים זיינען זיך געווען באוואוסט פון דער אויסערגעוועהנ־ליכקייט פון זייער העלדען שריט. וואָס פאַר אַ העלדישער הייליגער פייער עס האָט זיך אָנגעצונדען אין דער אידישער פאָלקס-נשמה, זעהען מיר אַזוי דייטליך פון די איניוועניגע קעמפען, וועלכע האָבען זיך פאַנאַנדערגעפלאַ־קערט אין ירושלים צווישען אידען גופא. דער אידישער קעניג אגריפא דער צווייטער, וועלכער איז געשטאַנען פאַר דער אונטערוואַרפונג אונטער רוים, וויל איינרעדען דאָס פאָלק, דאָס עס זאָל זיך ניט שטירצען אין אונגלייכען קאַמף.

די גאַנצע וועלט, אַזוי רעדט אגריפא פאַר דאָס עמפּערטע אידישע פאָלק אין ירושלים, האָט זיך אונטערגעגעבען אונטער דער רוימישער הערשאַפט. אַלע פרייע און מעכטיגע פעלקער פון דער געשיכטע, די פעלקער פון אַזיען, פון אפריקא, און אפילו די גריכען, וועלכע האָבען אַזא גרויסע און הערליכע פאַרגאַנגענהייט, האָבען זיך אונטערגעוואָרפען אונטער רוים, און דאָס קליינע מאַכטלאָזע אידישע פאָלק ווילט זיך אונטערנעמען אַן אונגלייכען קאַמף געגען רוים. אויף וואָס קענט איר האָפען סיידען אויף גאָט'ס וואונדער? אַזוי גיט איבער יאָזעפוס פלאַוויוס די מחלוקת צווישען דעם קעניג אגריפא און די אידען פון ירושלים.

אָבער אידען האָבען אויפגעהויבען די פאָן פון אויפשטאַנד געגען רוים. דריי יאָר האָט געדויערט דיזער געוואַלטיגער קאַמף, וועלכען די רוימישע קיסרים וועספּאַסיאַן און טיטוס האָבען געפירט געגען ירושלים. אין ירושלים זעלבסט האָבען די מאַכט אַריבערגענומען די איסיים, די קנאים, די סיקאַריער, די וואונדערבאַרע משיחים, ווי שמעון בן גיורא. זיי האָבען מיט דעם קאַמף געגען רוים פאַרבונדען אויך דעם קאַמף געגען די אינוועניגע אַריסטאָקראַטי, געגען די רייכע, געגען די כהנים, געגען די פרושים פון מיטעל־קלאַס, וועלכע האָבען געוואָלט רואיגען שלום און שענדליכע אונטערוואַרפונג. אַלע משיח־האָפנונגען און ערלעזונגס־אידעען מיט זייער נייער לעבענס בענקשאַפט האָבען אָנגעהויבען שוועבען איבער דער מיסטישער שטאָט ירושלים און גע־זוכט זייער פאַרווירקליכונג אין באַפרייאונגס קריג און בירגער קריג. דריי יאָר האָט געדויערט דיזער פורכטבאַרער אין דער גאַנצער וועלט געשיכטע איינציג ביישטעהענדער קריג, ביז טיטוס איז ענדליך אריינגעקומען אין

ירושלים און האָט אָנגעצונדען אין פֿייער דעם הייליגטום פֿון דער וועלט, דעם בית־המקדש (60 יאָר נאָך קריסטוס).

ירושלים איז חרוב געוואָרען צום צווייטען מאָל, און דאָס אידישע פֿאָלק, איצט שוין פֿיל גרעסער אין צאָל איידער ביים חורבן בית ראשון, איז אוועקגעגאַנגען אין גלות. דורך טיטוס׳ס טריאומף־צוג אין רוים האָט די רוימישע מלכות הרשעה געפֿייערט איר שווערען אָבער לעצטען נצחון איבער דאָס פּאַלעסטינישע משיח פֿאָלק. דער לעצטער אידישער פֿרייהייטס קעמפֿער שמעון בן גיורא איז נאָכגעגאַנגען נאָך טיטוס׳ טריאומף צוג און איז צום כבוד פֿון דעם עראָבערער דער׳הרג׳עט געוואָרען אויף דעם קאַפּיטאָלינום. און די אידישע מנורה, דער סימבאָל פֿון דעם אידישען ליכט, וועלכעס איז פֿאַרלאָשען געוואָרען אין ירושלים, איז אַלס טראָפֿעע פֿון נצחון אויסגעשלאָגען געוואָרען אויף טיטוס׳ טריאומף אַרקע, וועלכע שטעהט נאָך עד היום אין רוים אַלס צייכען פֿון דעם זיג פֿון דער מאַכט איבער דעם גייסט. אומזיסט האָבען זיך נאָך געפּרובט אידישע קנאים און סיקאַריער אויפצוהויבען אַן אויפשטאַנד אין אַלעקסאַנדריען, אין קיסריה, אין אַנטיאָכיען, זיי האָבען באַצאָלט מיט זייער בלוט פֿאַר זייער קינהייט. ארץ ישראל איז עראָבערט געוואָרען, ירושלים האָט אויפגעהערט צו זיין דער פּלאַץ פֿון דעם אונרואיגען שאַפֿענדען גייסט. דאָס אונאַבהענגיגע אידישע פֿאָלק איז געוואָרען א וואַנדערענדעם שטאַטסלאָזעס גלות פֿאָלק.

דאָס אידישע פֿאָלק ווערט איצט דאָס וואַנדער פֿאָלק צווישען די פֿעלקער, דער אייביגער קעמפֿער פֿון דער געשיכטע. עס ווערט אַריינגעפֿלאָכטען אין דער ווירטשאַפֿט און קולטור פֿון יעדען לאַנד און פֿאָלק, און די געשיכטע פֿון אלע פֿעלקער איז דער בלוטיגער הינטערגרונד פֿון זיין אייגענאַרטיגער געשיכטע. עס איז אַרומגערינגעלט פֿון אונענדליכע פֿיינדליכע כחות, און עס מוז זיך באַשיצען געגען דעם אייביגען שטורם פֿון דער גאַנצער מענשהייט אַנטקעגען זיך. דאָס אידישע פֿאָלק הערט אויף צו זיין א פֿאָלק אין דער וועלט, פֿון דעם אידישען פֿאָלק ווערען אידען, צוזייטע און צושפּרייטע אין דער וועלט, אָהן א ווירטשאַפֿט, אָהן א שפּראַך, וואָס זייער לעבען און ענטוויקלונג איז א וואונדערבאַרע איינציגע אויסנאַם ערשיינונג אין דער גאַנצער מענשליכער געשיכטע. דאָס אידישע פֿאַטערלאַנד פֿאַר יעדען איד איז דער קבוץ פֿון אלע איבעריגע אידען, די אידישע מאַכט איז דער בטול פֿון דער וועלט, וועלכע יעדער איד טראָגט טיף אין זיין האַרץ, די אידישע ווירטשאַפֿט איז דער זעלטזאַמער אינטעלעקט און די שטרענגע מאָראַל פֿון דעם אידישען מענש, די אידישע שפּראַך זיינען אלע שפּראַכען און אלע שפּראַך זשאַרגאָנען, וועלכע אידען באַנוצען און שאַפֿען.

אָבער דיזעס פֿאַרוואונדעטע און פֿאַרבלוטיגטע פֿאָלק, וואָס האָט ניט

זיין גלייכען אין דער מענשליכער געשיכטע, איז דאך געוואָרען א מערקוויר־דיגער קולטור כח אין דער מענשהייט. אין דער קריסטליכער און מאחאָמע־דאנישער מענשהייט איז עס געשטאַנען אלס דאָס איינציגע פאָלק, וועלכעס האָט אָפּגעוואָרפען יעדע מיטאָלאָגישע פאראונרייניגונג פון דער רעליגיאָן. דאָס אידישע פאָלק אין אייראָפּאַ איז געווען דער לעבעדיגער פּראָטעסט געגען דאָס קריסטענטום. אידען האָבען געפירט א טיפזיניגען גייסטיגען לעבען, זיי זיינען געווען ניט נאָר א פאָלק פון ליידען, נאָר אויך א פאָלק פון דענקען, א פאָלק פון תורה, און זייער לעבען איז געווען פארהייליגט דורך א שטרענגע רעליגיעז־מאָראלישע דיסציפּלין. דיזע אייגענשאפטען, וועלכע קיין אנדערעס פאָלק האָט ניט געהאט, האָט זיי געמאכט פאר דעם פאָלק פון גרויסען ער־פאָלג, וואו נאָר דער אויסערער דרוק האָט אָפּגעלאָזען און זיי האָבען באקומען א מעגליכקייט פריי אויפצואָטעמען. שוין אין אלטערטום האָבען אידען געפילט זייער אייגענאַרטיגען כח אין דער וועלט. אזוי זאָגט שוין די גמרא : כל זמן שיהודים הולכים הם נעשים שרים לאדוניהם (סנהדרין ק"ד), אידען ווערען הארען איבער זייערע הארען. אָהן אלע אויסערליכע אטריביוטען פון א פאָלק האָבען זיך אידען מער ווי יעדעס אנדערע פאָלק געפילט אלס פאָלק, אלס אייגענארטיגעס, אויסגעוויילטעס פאָלק, די משיח־האָפנונג איז געוואָרען דער אייביגער קוואל פון נאציאָנאלען מוט און כח, וועלכע האָט דאָס גלות-לעבען באזעפטיגט, געשטארקט, און אים געגעבען נאך א העכערען ווערט איבער דעם לעבען פון אלע שטארקע און מעכטיגע אומות העולם.

דורך די שורות פון די יאָר־הונדערטע איז אזוי דאָס פארגייסטיגטע פאָלק געגאנגען, אומעדום פרעמד, פארהעצט, פארפאָלגט, און דאָך ער־פאָלגרייך ביי דער ערשטער געלעגענהייט פון לעבען, מיט דעם געפיל פון זיין אויסערוויילטקייט אין זיין הארץ און דער זיכערער האָפנונג אויף די ער־לעזונג דורך משיח'ן, אן אייביגער פראָבלעם אין דער וועלט און דאָך שטענדיג א גרויסער מאטעריעלער און מאָראלישער כח אין דער מענשהייט.

די ענטשטעהונג פון קריסטענטום

די געשיכטע האָט נאָך דעם חורבן פון בית שני געשטעלט דאָס אידישע פאָלק אויף דעם ברעג פון אָפּגרונד, האָט אים ארייגעוואָרפען אין א פרעמדע וועלט פון איבערמעכטיגע שונאים, וועלכע האָבען געוואָלט פארצוקען און פארניכטען די שה פזורה ישראל. אָבער די געשיכטע האָט אויך געשטעלט דאָס אידישע תורה־פאָלק פאר דעם גרויסען נסיון, זיך זעלבסט אויפצולעזען, אונטריי צו ווערען צו זיין אייגענעם גייסט און מיסיאָן, אראָפּצונידריגען פון זיין קולטורעלען הויך צו די נידערען פון דער ארומיגער פעלקער־סביבה. פון דעם שוים פון דעם שטורעמדיגען, שאפענדען רעוואָלוציאָנערען אידענטום, וועלכעס האָט שטענדיג געוואָלט דרעהען דאָס ראָד פון דער געשיכטע אין דער ריכטונג פון דעם אידעאל, איז אויפגעשטאנען דאָס קריסטענטום, א צונויפמישונג פון אידישע מאָנאָטעאיסטישע אידעען מיט דער האלב־פילאָ־זאָפישער אָבער אנטי־סאָציאלער קולטור פון דער ארומיגער היידנישער וועלט. דאָס קריסטענטום האָט געוואָלט פארשלינגען און אויפלעזען דאָס הארטנעקיגע ממרה'דיגע קעמפענדע אידישע פאָלק.

די אידישע נאַציאָנאַלע אינדיווידואַליטעט איז געשטאנען פאר איר גרעסטער סכנה. די ענטוואגונג פון אידענטום וואָלט באזייטיגט אלע אבשיי־דונגס־גרענעצען צווישען דעם אידישען פאָלק און די ארומיגע פעלקער, און די אנערקענונג פון דער קריסטליכער לערע וואָלט געעפענט ווייט די טויערען פאר דער פאָלשטענדיגער פארשמעלצונג פון אידען מיט די ארומיגע פעלקער. נאָך דעם צוזאמענשטוים מיט די היידנישע פעלקער און די אנטיקען קולטורען, מיט מצרים, אשור, בבל, פרס, גריכענלאנד, רוים, האָט זיך יעצט דאָס אידישע פאָלק גדארפט באהויפּטען אנטקעגען זיין אייגענער גייסטיגער פרוכט, דאָס קריסטענטום, וועלכעס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם היסטאָרישען בכורה־רעכט פון אידישען פאָלק און האָט זיך צוגעפאסט צו דעם נידריגען מצב פון דער דאַמאָלטיגער פארשקלאַפטער און שקלאַפישער מענשהייט.

גאָר פילע סאָציאלע און קולטורעלע פאקטען זיינען זיך צונויפגעקומען אין דער עפּאָכע פון חורבן בית שני, וועלכע האָבען געמוזט באשאפען דאָס קריסטענטום. דער הערלאישער אויפשטייג פון אידישען פאָלק אין דער עפּאָ־כע פון חורבן בית שני, די פאנאנדערגעבליהטע האָפנונג און דער פארשעמענ־דער יאוש נאָך דעם חורבן, דאָס אויפטרעטען פון פארשידענע משיחים, וועל־כע האָבען מיט דעם שווערד אין דער האנט און מיט דעם מיסטישען גלויבען אין הארצען געוואָלט ברייגען די גאולה און זיינען טראגיש געגאנגען פאר־

לאָרען, — דאָס אַלץ האָט געבאָרען אַ כאַאָס פון שטימונגען און באַציאונגען אין פאָלק. אַנטקעגען די ליידענשאַפטליכע פלאַמענדיגע פּאַטריאָטען, וועלכע האָבען אין קאַמף געגען רוים געזעהן דעם זינען פון דער גאַנצער אידישער עקזיסטענץ און דעם מקוים ווערען פון דער נבואה, די ביאת המשיח און די תחית המתים, זיינען אויפגעטרעטען אונפּאָליטישע ריין־גייסטיגע סעקטען, פאַר וועלכע די איסיים האָבען אויסגעאַקערט דעם באָדען.

פון שטענדיג אָן זיינען געווען אין ארץ ישראל שטילע גאָטספּורכטיגע ריינע בונדען, ענוים, עניים, דלים, אביונים, וועלכע האָבען געגלויבט אין די מאָראַלישע איינפאַכקייט, אין דער גאולה, וועלכע די פערזענליכע ריינקייט פון לעבען ברענגט. מקימי מעפר דל מאשפות ירים אביון, ער ריכטעט אויף פון דער ערד דעם אָרימאַן, ער דערהויבט פון מיסט דעם אביון, אַ תהלים־פּסוק וועלכער קומט אין פאַרשידענע וואַריאַציעס פאָר, האָט אויסגעדריקט די אַלגעמיינע שטימונג פון דיזע אָרעמע בונדען. און איינמאָל רעדט דער תהלים־זינגער שוין גאָר אָפען אין נאָמען פון דיזע אונטערדריקטע אָרעמע שיכטען, וועלכע האָפען אויף גאָט. ואני עני ואביון יהוה, יחשוב לי עזרתי ומפלטי אתה אלהי (תהלים, מ, י"ח). די מערקווירדיגע תפלה פון חנה (שמואל א׳ ב׳), וועלכע איז געווען אין יענער צייט זעהר פּאָפּולער. אפילו די פילאָזאָפישע פאָלקס־מעשה מיט איוב הצדיק און זיין ענדגילטיגער גנאָד דורך גאָט, זיי אַלע אָטעמען פון דעם גייסט, דאָס פערזענליך, דורך די אינדיווידועלע נייגעבורט, קען דער מענש דערהויבען און ערלייזט ווערען. די איסיים זיינען דער המשך, אָבער אויך די שטייגערונג פון דיזער שטימונג, דאָס די גאולה וועט קומען דורך די מאָראַלישע פאַרפאָלקאָמונג פון די מענשען. די איסיים זיינען שוין אַ חברה, אַן אָרדען, וועלכער איז אונפּאָליטיש אין זיין כאַראַקטער, און וואו עס שפּינט זיך אויס אַ נייע אַנדערע באַציאונג צו דעם לעבען און אירע שטורמען, וואו די ערלעזונג ווערט געהאָפט אין אַ גייסטיגען מאָראַלישען אופן.

נאָך דעם חורבן איז דיזע אידעע, דאָס די גאולה איז מעגליך אַ פערזענליך־מאָראַלישע, אַן אוניווערסאַל־רעליגיעזע, אריינגעדרונגען טיף אין פאָלקס־באוואוסטזיין און האָט שוין דער פּאָליטישער גאולה־האָפנונג געגעבען אַ נייע גייסטיגע פאַרפאַרבונג. אין דער מערקווירדיגער דורך איר ערהאַבענקייט און הערלאַישקייט תפלה פון ימים נוראים, וועלכע איז ענטשטאַנען אין דער עפּאָכע נאָך דעם צווייטען חורבן, קלינגט שוין לעבען דער נאַציאָנאַלער האָפנונג, שמחה לארצך וששון לעירך וצמיחת קרן לדוד עבדך, אויך אַן אוניווערסאַל־רעליגיעזער גייסטיגער רצון: ועולתה תקפץ פיה וכל הרשעת כלה כעשן תכלה, כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ. אין דער עפּאָכע פון ארום און באַזונדערס נאָך דעם חורבן איז געווען שטאַרק פאַרברייטעט די אידעע,

דאָס די גאולה וועט קומען ניט נאָר דורך דער באפרייאונג פון ירושלים, נאָר דורך דער מאָראַלישער פאַרפאָלקאָמונג פון מענש און מענשהייט.

די אידישע תפילה, דער אויסגוס פון דער אידישער נשמה צו גאָט, איז געווען אין יענער צייט ריין, פאַרגייסטיגט, פול מיט האָפנונגען און ערוואַרטונגען אויף א נייעם קעניגרייך, אויף דער מלכותא דשמיא, וואו גאָט'ס נאָמען וועט געגרויסט און געהייליגט ווערען. פון יענער עפּאָכע שטאַמט די אידישע תפילה, דער קדיש, וועלכער איז ביז צום היינטיגען טאָג געבליבען דער ספּיריטועלער יסוד פון יודענטום. דער קדיש שעפּט זיין רעליגיעזען ענטוזיאַזם פון די נביאים, באַזונדערס פון יחזקאל. יחזקאל זאָגט אָן דעם אידישען פאָלק לב חדש ורוח חדשה, א נייעם הארץ און א נייעם גייסט (ל"ו, כ"ו), און לאָזט גאָט הייליגען דעם פאָלק ישראל פאַר אלע פעלקער, וידעו הגוים כי אני יהוה מקדש את ישראל (ל"ז, כ"ח). דער אורשפּרינגליכער טעקסט פון דעם קדיש איז זיכער נאָענט אין גייסט און וואָרט צו דער טראַדיציאָנעלער רעדאַקציאָן: יתגדל ויתקדש שמה רבא. בעלמא דברא כרעותה. וימליך מלכותה, בחייכון וביומיכון ובחיי דכל בית ישראל בעגלא ובזמן קריב אמן. יהא שמה רבא מברך לעלם ולעלמי עלמיא יתברך... אמן. די פאָלקס נשמה האָט מיט הייסער פרומקייט און באַגייסטערונג געוואַרט אויף דעם מלכותא דשמיא, וואו גאָט'ס נאָמען וועט געגרויסט און געהייליגט ווערען.

עס איז די טבע פון יעדער גרויסער אָריגינעלער אידעע, דאָס זי פאַרקערפּערט זיך לכתחילה אין פאַרשידענער געשטאַלט אין קליינע קרייזען, אין סעקטען, ביז זי דרינגט אריין ענדליך אין גאַנצען פאָלק אַלס א קאָלעקטיווער נייער באַוואוסטזיין. די נייע אידעע פון דער גאולה, דאָס זי קען אראָפּגעבראַכט ווערען דורך די אינווענדיגע מאָראַלישע ריינקייט און פאַרגייסטיגונג, האָט געלאָזט ארויסשפּראָצען צאָלרייכע סעקטען און חברות אין יענער צייט. עס זיינען געווען די איסיים, די חסידים, די נזירים, די טובלי שחרית, און זיכער נאָך פילע אנדערע סעקטען, וואָס זייער נאָמען איז אין דער שפּעטערער צייט אראָפּגעווישט געוואָרען. מאָראַלישע פאָלקאָמענהייט, ענטהאַלטזאַמקייט, אָפּוואַשונג, און די האָפנונג אראָפּברייגנען די גאולה און משיח'ן דורך די מאָראַלישע פאַרשענערונג איז געווען זייו אַלעמען בשותפות.

פאַר וואָס דיזע פאַרשידענע סעקטען האָבען אָנגענומען דיזע נעמען, איז ניט אין אַלע פאַלען קלאָר. וועגען דעם נאָמען איסיים און זיין אמת'ער באַדייטונג איז פאַראַן א לאַנגע חלוקי הדעות. עס איז אָבער זעהר מעגליך, דאָס דער וואָרט איסיים שטאַמט פון העברעאישען ישע, הילף. וויל די איסיים האָבען געהאָפט אַזוי שטאַרק אויף משיח'ן דעם ערלעזער און העלפער, דעם מושיע. איז דאָך אין דער גאַנצער נבואה־ליטעראַטור דער וואָרט ישע און מושיע אַזוי אינווענדיג פאַרבונדען און דער וואָרט ישע מיט דעם וואָרט

משיח: לישע פני משיחך, קומט פאַר אין פּסוק. די איסיים האָבען געפירט אַ קאָמוניסטישען לעבען און האָבען ניט געאַכטעט די ערדישע פּאַראיבער־געהענדע רייכטימער פון לעבען. די עניים, ענוים, אביונים זיינען געווען דער סאָציאַלער קלאַס, פון וועלכען דיזע קאָמוניסטען האָבען זיך אויפגע־זאַמעלט. די נזירים זיינען געווען אָפּגעשיידט פון ערדישען לעבען און זיין פרייד. ענליך צו די איסיים זיינען געווען די חסידים, די פרומע, וועלכע זיינען אויך געווען אָפּגעטיילט פון דער וועלט. אויך זיי זיינען געווען אַ קאָמוניסטישע סעקטע. פון זיי דערצעהלט די אַלטע משנה: שלי שלך, ושלך שלך זו מדת חסיד (פרקי אבות). זיי האָבען קיין פּריוואַטען אייגענטום ניט אנערקענט. אויך די חסידים ווילען דורך די מאָראַלישע פאָלקאָמענהייט אראָפּברייינגען משיח'ן. מיר זעהען עס דייטליך פון דער באַקאַנטער משנה, וועלכע קומט פאַר אין פארשידענע שטעלען פון דער תלמודישער ליטעראַטור: אמר רבי פנחס בן יאיר, תורה מביאה לידי זהירות, זהירות מביאה לידי זריזות, זריזות מביאה לידי נקיות, נקיות מביאה לידי פרישות, פרישות מביאה לידי טהרה, טהרה מביאה לידי ענוה, ענוה מביאה לידי יראת חטא, יראת חטא מביאה לידי קדושה, קדושה מביאה לידי רוח הקודש, רוח הקודש מביאה לידי תחית המתים, וחסידות גדולה מכולן. (עבודה זרה, כ׳ ב׳). פון דיזע שטעלען איז קלאָר, דאָס חסידות פירט צו רוח הקודש און תחית המתים, דאָס הייסט, דאָס זי קאָן אראָפּברייינגען משיח'ן.

די טובלי שחרית זיינען געווען ווידער אַ סעקטע פון דעם גלייבען גייסט. אין דער טבילה, אין דער וואשונג פון קערפּער יעדען מאָרגען פאַר תפילת השחרית, האָבען זיי געזעהען אַ סימבאָל פון ריינקייט, פון קערפּערליכער אזוי ווי פון גייסטיגער ריינקייט. די טהרה, וועלכע פאַרנעמט אזא ערנסטען פּלאַץ ביי די חסידים, ווערט ביי די טובלי שחרית געשטעלט אין מיטעלפּונקט פון זייער רעליגיעזען לעבען. די טובלי שחרית זיינען אויך אַסקעטען, אַקו־ראַט ווי די איסיים, די חסידים, די נזירים, אָבער מיט אַ באַזונדערער פאַר־פּאַרבונג פון טבילה.

אָבער ניט דוקא צווישען דיזע אָפּגעזונדערטע סעקטען איז אָנגעגאַנגען אַ טיפער מאָראַלישער רייניגונגס־פּראָצעס, נאָר דאָס גאַנצע פאָלק האָט אין יענער שווערער פּאָליטישער קאַטאַסטראָפען־צייט גרינדליך געענדערט זיינע מאָראַלישע לעבענס־אמת'ען, האָט זיי געמאַכט ווייך, מילד, הומאַן. הלל לערנט שוין די נייע תורה: מה דעלך סני לחברך לא תעביד, זו היא כל התורה כולה וארך פרושא. וואָס דו ווילסט ניט פאַר דיר זעלבסט, זאָלסט דו דעם אנדערען ניט טאָן, דאָס איז די גאַנצע תורה, און דאָס איבריגע איז אַ פּירוש. דער בית הלל האָט אַ טיפען איינפלוס אויף דאָס לעבען און די געדאַנקען פון פאָלק. פון יענעם בית מדרש שטאַמט די נייע מאָראַלישע תורה: תנו

רבנן עלובים ואינם עולבין, שומעין חרפתם ואינן משיבין, עושין מאהבה ושמחין ביסורין, די רבנן האָבען געלערענט, די באַליידיגטע, וועלכע באַליידיגען ניט, די וועלכע טוען מצוות פון ליבע, וועלכע פרעהען זיך אין זייערע יסורים, אויף זיי זאָגט דער פסוק — ואוהביו כצאת השמש בגבורתו (שבת פ"ח, יומא ל"ג). דאָס איין מענש טאָר אייגענטליך ניט משפט'ן און פאַרדאַמען דעם אנדערען, איז אויך געלערענט געוואָרען אין יענער צייט: אומר לו טול קיסם מבין עיניך, אומר לו טול קורה מבין עיניך, זאָגט איין מענש נעם ארויס א שפּליטער פון דיינע אויגען, זאָגט אים אנאנדערער, נעם ארויס א באַלקען פון דיינע אויגען (בבא בתרא, ט"ו, ב.). די שטרענגע דינים פון דער רעליגיעזער פירונג האָט מען אויך אָנגעהויבען פאַרשטעהן פון זייער מענשליך-מאָראַלישער זייט. אזוי האָט דער דין פון שבת באקומען א מענשליבע אָפּשאַצונג און איז אונטערגעאָרדענט געוואָרען אונטער דאָס לעבען. פקוח נפש, די סכנה פון לעבען, איז דוחה שבת. אזוי איז דאמאָלס געפסק'ענט געוואָרען. און עס איז אויך געגעבען געוואָרען דער מענשליכער פירוש אויף שבת: היא מסורה לכם, ולא אתם מסורים לה, זי (שבת) איז אייך איבערגעגעבען, און ניט איר זייט איר איבערגעגעבען (יומא פ"ה, ד.).

אויך די האָפנונג אויף משיח'ן, דיזע מאָראַלישע צענטראַלע אידעע פון יענער צייט, וועלכע האָט געטריבען דאָס פאָלק צום העראָאישען אומגלייכען קאמף, די משיח-אידעע האָט נאָך דעם חורבן געמוזט אָננעמען א גייסטיגע אונפּאָליטישע געשטאַלט. טיף איז געווען פאַראנקערט אין פאָלקס באוואוסטזיין די משיח-האָפנונג און איבערצייגונג אין דער גאולה אין יענער גאנצער צייט פון די מלחמות החשמונאים ביז צום חורבן. דניאל האָט דעם מיסטישען משיח-גלויבען אויפגעהויבען צו דער מדרגה פון נבואה. די אַפּאָקאַליפּטישע ספרים, ווי ספר חנוך, ספר שלמה, דער ספר בן סירא, האָבען אלע אָנגעזאָגט דעם וואונדערבארען קומען פון משיח'ן, און דאָס פאָלק האָט טיף געגלויבט אין דעם גואל און האָט דערפון געשעפּט אונענדליכען מוט און כח צו זיין פּאָליטישען קאמף געגען די ארומיגע שונאים, געגען די רוימער.

איינער נאָך דעם אנדערען טרעטען פאָר דעם חורבן אויף משיחים, וועלכע ציהען מיט זיך דאָס פאָלק, רופען ארויס אויפשטענדען געגען די רוימישע מלכות הרשעה און געהען צו גרונד אונטער דעם אנשטורם פון די רוימישע לעגיאָנען. אזוי איז אויפגעטראָטען א געוויסער תודס, וועלכער האָט זיך ערקלערט פאַר משיח'ן און האָט געפונען א נאָכפאָלגערשאפט פון פיר הונדערט מענשען, און האָט זיך געלאָזט געהן צום ירדן. זיי זיינען אָבער באלד פאַרניכטעט געוואָרען פון די רוימישע סאָלדאַטען. די זין פון יהודה הגלילי, דעם גרינדער פון די קנאים, יעקב און שמעון, מאכען אן אויפשטאַנד און ווערען פון די רוימער געפאנגען. זיי זיינען צו שטראף געקרייציגט גע-

וואָרען, וואָס דאָס איז געווען די שענדליכסטע שטראָף, וועלכע די רוימער פלעגען אַרויפלעגען. יוסף פלאַביוס דערצעהלט פון אַ מאַן פון מצרים, וועלכער האָט זיך אַרויסגעגעבען אין ירושלים פאַר אַ משיח, אָבער דער רוימישער שטאַטהאַלטער פון פּאַלעסטינא פעליקס האָט גענומען געפאַנגען פיר הונדערט פון די נאָכלויפער פון דיזען פאַלשען משיח. (אַלטערטימער, קאַפּיטעל 88).

דער פירער פון די קנאים שמעון בר גיורא, וועלכער האָט זיך אויך גע־האַלטען פאַר אַ משיח, איז אין די טעג פון חורבן פון טיטוס געפאַנגען געוואָרען און איז געבראַכט געוואָרען אין רוים צוליב טיטוס טריאומף. אין רוים איז ער אַרומגעשלעפּט געוואָרען אין די גאַסען און איז אַרונטערגעוואָר־פען געוואָרען פון טאַרפּעאישען פעלז. שמעון בר גיורא איז בשעת די שלאַכטען אין ירושלים צוזאַמען מיט זיינע אַנהענגער אַריינגעקראָכען אין אַ מערה, אין דער האָפנונג פון אַן אַנדער זייט אַרויסצוקומען און פאַרזעצען דעם קאַמף געגען די רוימער. אַזוי ווי דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזען אונ־מעגליך, איז ער אַרויסגעשטיגען פון דער מערה אין ווייס געקליידעט און מיט אַ פּורפּור־בגד איבער זיך, ווי אַ מלך, און האָט זיך איבערגעגעבען צו די רוימער.

משיחים, נביאים, פאַנטאַסטען זיינען געווען אָהן אַ צאָל אין יענער צייט. דיזע פאַנטאַסטישע משיחים פלעגען פון דער רעגירונג געכאַפּט ווערען, פלעגען פאַרשפּאַרט ווערען, פלעגען צום געלעכטער געקרוינט ווערען אַלס מלכים און דערנאָך געקרייציגט ווערען. אפילו אין עגיפּטען, וועלכעס האָט אַקוראַט ווי פּאַלעסטינא געהערט צו די רוימער, פלעגען אויך אויפטרעטען אַזעלכע אויפגערעגטע מענשען, מיט פאַנטאַסטישע אידעען וועגען זייער משיחיות, און פלעגען האָבען אַ טראַגישען סוף. אַזוי דערצעהלט פילאָן פון יאָרהונדערט פון קריסטוס, דאָס אין אַלעקסאַנדריען איז אויפגעטראָטען אַ געוויסער קאַראַבאַס מיט פאַנטאַסטישע און וואַנזיניגע פירונגען, וועלכען מען האָט צום געלעכטער געקרוינט פאַר אַ מלך און דערנאָך געקרייציגט (געגען פלאַקוס 6). דיזע מערקווירדיגע מעשה מיט קאַראַבאַס, וועלכע פילאָן דערצעהלט, איז פון גרעסטער וויכטיגקייט ביי דער אונטערזוכונג מכח דער ענטשטעהונג פון עוואַנגעליען און דער קריסטוס געשיכטע, ווי מיר וועלען עס שפּעטער זעהען.

אַזוי זעהען מיר דאָס גאַנצע סאָציאַלע און מאָראַלישע בילד פון ארץ ישראל אין דער חורבן־עפּאָכע, וועלכע האָט געטריבען צו דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום, לכתחילה צום אידען־קריסטענטום אין ארץ ישראל, און שפּעטער צום אַנטי־אידישען קריסטענטום אין דער דאַמאָלדיגער קולטור־וועלט.

אין דעם שטראָם פון די נייע אידעען און שטימונגען אין דער חורבן־עפּאָכע, וועלכע האָבען געזוכט די פארגייסטיגונג פון רעליגיעזען לעבען אין די אינדיווידועלע ערלעזונג, האָט זיך אָנגעהויבען אויסקריסטאַליזירען א נייע לכתחילה נאָך גאַנץ אומבאדייטענדע סעקטע. זי האָט זיך אויפגעזאַמעלט פון אנהענגער פון די פארשפּרייטע סעקטען, פון די נזירים, איסיים, חסידים, טובלי שחרית, האָט אויפגענומען פארשידענע געדאַנקען, זיי פארשאַרפט און פארטיפט און זיי געפּרובט צוזאַמענשמידען צו א נייער איינהייט. אָבער איין אייגענע אידעע האָט דיזע נייע סעקטע צוגעטאָן פון זיך זעלבסט צו די ענטנומענע געדאַנקען און שטימונגען, א אידעע, וועלכע האָט ארויפגעלעגט איהר שטעמפּעל אויף די נייע סעקטע. דאָס איז געווען די נייע אידעע וועגען משיח'ן, וועלכער איז שוין געקומען און האָט שוין געבראַכט די פּערזענליכע גאולה, אין געגענזאַץ צו דער אַלגעמיינער אידישער פאָרשטעלונג, דאָס טראָץ דער נויט און דעם יאוש פון דער צייט וועט נאָך קומען דער משיח פון דער צוקונפט און ברענגען די נאַציאָנאַלע ערלעזונג.

דיזער אויסערגעוועהנליכער געדאַנק אין יענער צייט, דאָס משיח איז שוין געקומען און האָט שוין ערלעזט די וועלט דורך דעם גלויבען פון יעדען איינצעלנעם אין אים, דייטעט אָן, דאָס די סעקטע האָט זיך אויפגעזאַמעלט פון די גייסטיג נידריגע עלעמענטען פון פאָלק. צווישען די גייסטיג נידריגע, צווישען דעם עם הארץ האָט ליידענשאַפטליך געלעבט דער זכרון אָן די פילע משיחים, וועלכע זיינען אויפגעטראָטען, אָן זייער העלדישקייט, אָן זייערע נסים און נפלאות. און צווישען דעם נאַאיווען עם הארץ האָט זיך דער גלויבען אין דעם משיח פון דער צוקונפט געקענט לייכט פארוואַנדלען אין דעם גלויבען אין א שוין געקומענעם משיח, וועלכער האָט געבראַכט די ערלעזונג צו אַלע ארעמע, שוואַך באַלאַדענע, פארשטויסענע. אין דעם גרויסען פאָלק פון תורה און קולטור האָט די נויט פון דער צייט ניט געקענט אראָבווישען די האָפנונג אויף די נאַציאָנאַלע אויפלעבונג, אויף דער פּאָליטישער גאולה. צו טיף האָט דאָס פאָלק געפילט זיין היסטאָרישע גייסטיגע אויסערוועהלטקייט אנטקעגען דער גאַנצער וועלט פון מאַטעריעלער גראָבקייט און זינליכקייט. אָבער אין די טיפעניש פון עם-הארץ פאָלק, וואו די נאַציאָנאַלע קולטור האָט אירע וואָרצלען ניט געלאָזען, און וואו פאַר יעדען נאַאיווען גלויבען איז געווען א פרוכטבארער באָדען, דאָרט האָט די אידעע פון דעם געקומענעם משיח, וועלכער האָט געבראַכט טרויסט און ערלעזונג צו אַלע זיינע גלויביגע, צו די עלענדע און נויטבאדערפטיגע, צו די עניים און אביונים, געקענט שלאָגען וואָרצלען.

און עס זאַמעלט זיך א נייע סעקטע צווישען דעם נאַאיווען עם־הארץ, וועלכער איז שוין פריהער געווען אויפגערודערט פון די באַשטעהענדע סעק־

טען, פון די איסיים, נזירים, חסידים, טובלי שחרית. ארום דיזער סעקטע קליי־
בען זיך אויף פילע זינדיגע, פארשטויסענע, פון דער עפענטליכקייט געבראנד־
מארקטע, צינז־איינגעמער, גנבים, געפאלענע פרויען. זיי ביינקען אלע אזוי
טיף נאך טרויסט, נאך געמיינשאפט, נאך מאראלישער ווידערגעבורט. וואר־
שיינליך וואקסט אוים דיזע סעקטע לכתחילה אין גליל, אין יענעם אומרואי־
גען טייל פון ארץ ישראל, פון וואנען עס זיינען ניט איינמאל געקומען משיחים
מיט באוואפענטע אנהענגער צו באפרייען דאס אידישע פאלק פון דער
רוימישער מלכות הרשעה. אין גליל איז אויך פאראן א גרויסע ניט־אידישע
באפעלקערונג, א רוימישע, א גריכישע, און דער כאראקטער פון גליל איז שוין
שטארק קאסמאפאליטיש. ווי דיזע סעקטע רופט זיך לכתחילה איז שווער
צו זאגען, ווארשיינליך האבען זיי זיך גערופען צווישען זיך ברידער, אזוי ווי
פאולוס רופט אן שפעטער די קריסטוס־גלויביגע פון די פארשידענע געמיינ־
דען. זיי האבען זיך אנגערופען אויך מיט די אלטע נעמען פון די סעקטען,
נזירים, איסיים, חסידים, אבער זיי האבען שפעטער געפונען זייער ריכטיגען
נאמען משיחיים, אויף גריכיש קריסטען, געזאלבטע.

די נויט פון דער צייט, די נויט, וועלכע געבערט אלץ אין דער געשיכטע,
טרייבט די סעקטע צו אינוועניגער קריסטאליזירונג און צו ברייטער פאר־
שפרייטונג. די פארצווייפלונג אין דער חורבן־עפאכע ווערט אלץ ביטערער,
די פאליטישע נאציאנאלע משיחים פאלען אין אונגלייכען קאמף, די צאל
פון די פארשטויסענע, שווער־באלאדענע, טרויסט־זוכענדע ווערט אומגעהייער
גרויס. עס ווערט א גאנצער קלאס, ער דעקט זיך כמעט מיט דעם גאנצען
נאאיוועט עם־הארץ. די משיח־געשטאלט, פון וועלכער די סעקטע ציהט איר
גייסטיגען לעבען, הויבט אן באקומען פארמען, די מיסטישע שטימונג פאר־
וואנדעלט זיך אין א לעגענדע, מיט א מענשליכען דראמאטישען אינהאלט.
דער געקומענער משיח ווערט א געטליך־היסטארישע פיגור, און אין דער
לעגענדע ארום אים שפיגעלט זיך אפ די שטימונג פון דער סעקטע. און די
קינסטלעריש אויסגעמאלטע לעגענדע בילדעט און פארמירט פון איר זייט
די געדאנקען און שטימונגען פון דער באוועגונג.

ווי האט געדארפט קודם כל ווערען דער נאמען פון דעם משיח? די
ספרי קודש, אין וועלכע די ביאת המשיח ווערט פאראיינס אנגעזאגט, האבען
אייגענטליך זיין נאמען שוין אנגעזאגט, האבען אנגעוויזען, אנגעדייטעט מיט
גענוג קלארקייט. די נביאים רעדען פאראיינס פון גאט דעם מושיע, פון גאט,
וועלכער וועט ברייננגען ישועות, פון דעם ישע, וועלכער איז נאענט, פון דעם
משיח, וועלכער איז אויך ישע, לישע פני משיחך. כי אתה עם עני תושיע
(תהלים, י"ח, כ"ח), וירום אלהי ישעו (תהלים, י"ח, מ"ז), מגדיל ישועות
מלכו ועושה חסד למשיחו (תהלים י"ח, נ"א), יחוס על דל ואביון ונפשות

אביונים יושיע (תהלים ע"ב, י"ג), שובנו אלהי ישענו (תהלים פ"ה, ה'), אך קרוב ליראיו ישעו (התלים, פ"ה ד'), כי אני יהוה אלהיך קדוש ישראל מושיעך (ישעיה מ"ג, ג'), קרוב צדקי יצא ישעי (ישעיה נ"א, ה'), כי הלבשני בגדי ישע (ישעה ס"א, י'), אכן ביהוה אלהינו תשועת ישראל (ירמיה ג' כ"ג). פון דיזע פסוקים, וועלכע וואָלטען געקענט נאָך פיל מער אָנגעפירט ווערען, זעהט מען, דאָס דער וואָרט ישועה, מושיע, ישע מיינט די פאָלשטענדיגע געטליכע ערלעזונג, די באפרייאונג פון נויט און דראַנג פון לעבען דורך גאָט'ס גנאָד. דער וואָרט ישע איז די וואָרצעל פון די נעמען פון פילע גרויסע נביאים: יהושע, ישעיה, הושע. די לעגענדע האָט קיין אַנדערען נאָמען ניט געקאָנט באשאפען פאר דעם געזאַלבטען ערלעזער, וועלכער איז שוין געקומען, פאר משיח'ן, ווי ישוע, און עס איז געוואָרען ישוע המשיח.

דיזער ישוע המשיח האָט, נאַטירליך, געמוזט געבאָרען ווערען, לויט דער לעגענדע, אין גליל, דאָרט וואו דיזע משיחיים־געמיינדע איז אויפגעטראָטען. אין גליל האָבען זיך אויפגעקליבען אלע פארשטויסענע און פארוואָרפענע פון דער געזעלשאַפט, אלע „ניט גוטע" פון גוטען בירגערליכען שטאַנדפונקט. געוויס האָט דיזער ישוע דער משיח געמוזט זיין א נזיר, אן אפגעשיידטער פון דער וועלט און אירע תענוגים, פון דער נזירים־סעקטע. דער מיטעל־פונקט פון גליל איז די שטאָט נצרת, א שטאָט, וועלכע האָט אין יענער צייט געהאַט א שלעכטען נאָמען. די שלעכטע רעפּוטאַציע פון דער שטאָט נצרת האָט אָנגעהאַלטען נאָך שפּעטער ביז צו דער צייט פון די עוואַנגעליסטען. „וואָס קען קומען גוטעס פון נצרת?" אזוי שטעהט נאָך ביים עוואַנגעליסט יאָהאַנעס (1, 46). און אזוי ווי דיזע לעגענדאַרע געשטאַלט פון ישוע המשיח איז פאָרגעשטעלט געוועזען אויך אלס א אָפּגעשיידטער פון עולם הזה, אלס א נזיר, האָבען אים די גריכיש־קריסטליכע געמיינדען אודאי געקאָנט בריינגען אין פארבינדונג מיט דער שטאָט נצרת, ווארום אין גריכיש איז „צ" און „ז" דערזעלביגער בוכשטאַב. ישוע פון נצרת איז אָנגערופען געוואָרען דער לעגענדאַרער משיח, און די סעקטע האָט אויך אָנגענומען דעם נאָמען די נאַצאַרענער.

די לעגענדע האָט באַפּוצט פאַנטאַסטיש דיזען ישוע המשיח, אָבער די יסודות פון דיזע פאַנטאַסטישע באַפּוצונגען זיינען געווען אָנגעגרייט אין די אידישע שריפטען און אין די טראַגישע געשעהעניסען פון דער צייט. עס איז באגרייפליך, דאָס דיזער ישוע המשיח איז פאָרגעשטעלט געוואָרען ווי גאָט'ס זון, בן־אלהים. די נביאים האָבען דאָך ניט איינמאָל אָנגעדייטעט אין א האַלב־מיסטישען טאָן אויף משיח'ן, ווי אויף גאָט'ס זון. יהוה אמר אלי בני אתה אני היום ילדתיך (תהלים, ב', ז'). עס איז ניט קלאָר, וועמען דער פסוק מיינט דערביי: דאָס אידישע פאָלק, וועלכעס וועט טריאומפירען סוף

כל סוף, אָדער אפשר א אידישען מושל אין דער צייט פון די חשמונאים, אָדער דעם קומענדען מיסטישען משיח. אָבער ווען די פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע האָפנונגען זיינען צובראָכען געוואָרען, און משיח איז שוין געקומען, האָט דער פּסוק זיך געלעגט, פארשטעהט זיך, אין גאַנצען אויף משיח'ן. דאָס משיח איז דער זון און גאָט איז דער פּאָטער, באַזונדערס דאָס גאָט איז דער פּאָטער, איז א פארשפּרייטע אידעע פון דער נבואה. און אויב גאָט איז דער פּאָטער און משיח איז דער זון, איז דיזער זון, נאַטירליך, געבאָרען געוואָרען דורך דעם היילינגען גייסט. די געבורט פון דעם מענשען דורך גאָט איז אן אלטער מיטאָלאָגישער גלויבען, וועלכער איז געווען פארשפּרייט אין דער גאַנצער פארצייטיגער וועלט. ישוע הנוצרי האָט געמוזט געבאָרען ווערען אומבאַפלעקט פון א יונגפרוי דורך דעם היילינגען גייסט. הפּנים דאָס אויך דיזער גלויבען אין דער מעגליכקייט, דאָס א יונגפרוי זאָל דורך גאָט'ס ווילען געבערען א קינד, איז געווען ביי אידען שטאַרק פארשפּרייט. איז דאָך פאַראַן ביי ישעיה א גאַנץ אומפאַרשטענדליכער פּסוק: לכן יתן ארוני הוא לכם אות, הנה העלמה הרה וילדת בן וקראת שמו עמנו אל (ישעיה, ז', י"ד). דיזער אומזיכערער פּסוק איז געוואָרען א יסוד פון דער יעזוס־קריסטוס־לעגענדע.

קריסטענטום רייסט זיך אָפּ פון אידענטום

פּאולוס קריסטענטום איז שוין אין גאנצען געווען צוגעפּאסט צום קולטור געשמאק און צום לעבענס־ווילען פון דער גריכיש־רוימישער וועלט. דער גייסטיגער איין־איינציגער אונזעהבארער גאָט איז מיטאָלאָגיש פּארדונקעלט געוואָרען אלס גאָט'ס זון. די גוי'שע וועלט האָט אזא גאָט געקענט גרינגער און וויליגער אָננעמען. די געבאָטען פון דיזען גאָט זיינען שוואכע, ביליגע, זיי פאָדערען נאָר א געוויסען צושטאנד פון דיזען גייסט, ניט אָבער א שטרענגע ריכטונג פון פּראַקטישען לעבען. מיט דיזער אויפפאַסונג פון קריסטענטום דערנעהענטערט זיך פּאולוס צו דער גריכיש-רוימישער פילאָזאָפי, וועלכע זעהט די מענשליכע פאָלקאָמענהייט נאָר אין דעם גלויבען אין ריינערע און אמת'ערע אידעען. „דורך די מעשים לויט די געבאָטען פון דער תורה וועט קיין פלייש ניט ווערען גערעכט, ווארים פון דעם מקור פון דער תורה איז אויך ארויסגעקומען דאָס וויסען פון דער זינד. א חוץ דער תורה איז ארויסגעקומען די גערעכטיגקייט פון גאָט צום ליכט. און די גערעכטיגקייט פון גאָט ליגט אין דעם גלויבען אין ישוע המשיח“ (צו די רוימער, קאפּיטעל 3, 22-20). דורך דעם גלויבען אליין קומט די ערלעזונג. אברהם אבינו האָט דערגרייכט די צדקה דורך גלויבען, והאמין אברהם באלהים ויחשבה לו צדקה (דאָרט, קאפּיטעל 4). דורך אדם הראשון איז געקומען די זינד אויף דער וועלט און דורך די זינד דער טויט. אויב אָבער דורך דעם חטא פון איין מענשען מוזען אלע שטארבען, הייגט וויפיל מער וועט ברייגגען אלע מענשען די גאנצקייט פון'ם איינציגען מענשען ישוע הנוצרי. דורך די גערעכטיגקייט פון דיזען איינעם מענשען וועלען אלע מענשען זוכה זיין צו לעבען פון גערעכטיגקייט (קאפּיטעל 5). משה שרייבט וועגען דער גערעכטיגקייט לויט די משפּטים פון דער תורה, די גערעכטיגקייט קומט אָבער פון גלויבען (קאַפּיטעל 10). דאָס וואָרט גערעכטיגקייט, וועלכען פּאולוס און מיט אים שפּעטער די עוואנגעליסטען געברויכען פאראיינס, איז דאָס העברעאישע וואָרט צדקה, וועלכען פּאולוס איבערזעצט אין גריכיש גערעכטיגקייט. אָבער פּאולוס מיינט באמת אונטער צדקה זיין נייעם באגריף, דאָס הייסט, ערלעזונג, נשמה־הילף, וועלכען דער וואָרט צדקה האָט געפונען שפּעטער ביי די נביאים, באזונדערס ביי ישעיה השני. צדקה איז ביי ישעיה גלייך מיט ישועה, אזוי זאָגט דער פּסוק: כי הלבישני בגדי ישע מעיל צדקה יעטני (ישעיה ס"א, י'), וילבש צדקה כשרין וכובע ישועה בראשו (ישיעה נ"ט, י"ז), נאָך כאראַקטעריסטישער איז דער פּסוק ביי זכריה: הנה מלכך יבוא לך

צדיק ונושע הוא, עני ורוכב על חמור ועל עיר בן אתונות (זכריה, ט׳, ט׳). ביי פּאולוס האָט צדקה דעם זין פון ישועה, און ישועה מיינט הילף, ערלעזונג, און איז דאָך אַזוי אידענטיש מיט ישוע הנוצרי.

פּאולוס טרעט דאָ אויף געגען דער גאַנצער פילאָזאָפישער מאָראַל פון אידענטום. נאָך לאַנגע זוכענישען און פּראָטעסטען געגען דעם אונמאָראַלישען יסוד פון דער וועלט, דאָס ארץ נתנה בידי רשע, די וועלט איז אָפּגעגעבען אין די הענט פון דעם רשע, און דאָס דער צדיק שטאַרבט פאַר דאָס בייז, כי מפני הרעה נאסף הצדיק, נאָך אַן עפּאָכע פון זוכענישען איז אויפגעטראָטען יחזקאל מיט זיין נייער אידעע וועגען דער מאָראַלישער פאַראַנטוואָרטליכקייט פון יעדען מענשען. הנפש החוטאת היא תמות, די נשמה, וועלכע זינדיגט, זי זאָל שטאַרבען, נאָר זי, ווארום יעדער מענש איז פאַר זיך מאָראַליש פאַראַנטוואָרטליך. דער צדיק, דער פאָטער קען ניט ראַטעווען זיין זון דעם רשע, און דורך דעם רשע דעם פאָטער קען ניט פאַרדאַמט ווערען זיין זון, אויב ער איז אַ צדיק. ניטאָ קיין אייביגע זינד און ניט קיין אייביגע גנאָד, הנפש החוטאת היא תמות. אָבער די טויערען פון תשובה זיינען ווייט און ברייט אָפען פאַר יעדער זינדיגער נשמה, כי לא אחפוץ במות המת, והשיבו וחיו. (יחזקאל י״ח). דיזער נייער געדאַנק וועגען דער מאָראַלישער פאַראַנטוואָרטליכקייט פון יעדער פּערזאָן האָט געפונען ווידערהאַל ביים פאָלק. דענהייט. רעוואָלוציאָן און בירגער־קריג זיינען געוואָרען אומנאַטירליך און דעם מענשען אין מאָראַלישער אַנשטרענגונג, און דאָס פאָלק האָט ניט געוואָלט מקבל זיין אויף זיך דעם שווערען יאָך, וועלכען די פּערזענליכע פאַראַנטוואָרטליכקייט לעגט ארויף. לא יתכן דרך אדני, (יחזקאל י״ח). עס איז ניט ריכטיג גאָט׳ס וועג, האָט דאָס פאָלק געמורמעלט אַנטקעגען דעם נביא, וועלכער האָט אויף די שולטערען פון יעדען מענשען ארויפגעלעגט זיינע זכיות און זיינע חובות, זיינע מצוות און זיינע חטאים.

אין זיין ווענדונג צו דער גוי׳שער וועלט מאַכט פּאולוס לייכט דעם מענשען דאָס לעבען און דעם חוב פון לעבען. ניט דער יחיד איז פאַראַנטוואָרטליך און שולדיג פאַר זיין זינד אין זיין טויט. אדם הראשון האָט דעם ערשטען חטא באַגאַנגען און פאַר זיין חטא זיינען אַלע מענשען געשטראָפט, און יעזוס קריסטוס האָט אויף דעם חטא מיט זיין בלוט מכפּר געווען און דורך זיין קרבן זיינען אַלע מענשען געוואָרען פריי פון זינד. דיזע לערע, וועלכע איז דער היפך פון דעם געבאָט פון אידענטום וועגען דער פּערזענליכער פאַראַנטוואָרטליכקייט פון יעדען מענשען, האָט אין דער גוי׳שער וועלט געפונען אַ לייכטען אָפּקלאַנג.

וואו עס איז ניטאָ קיין מאָראַלישע פאַראַנטוואָרטליכקייט פון דעם מענשען, פאַרשווינדעט דער געבאָט דאָס די אויסערליכע וועלט זאָל זיין

בהסכם מיט דעם מאָראַלישען אידעאַל. אין געגענזאַץ צום אידענטום, וועל־כעס שטורעמט געגען שטאַט און געזעלשאַפט, געגען שקלאַפּעריי און אונטער־טעניגקייט, פּראָקלאַמירט פּאולוס אין זיין גוי'שען קריסטענטום די הייליג־קייט פון דער שטאַטס־הערשאַפט. „יעדערער זאָל זיין אונטערטאַן צו זיין רעגירונג, וועלכע האָט איבער איס כח. ווארום עס איז ניטאָ קיין רעגירונג אָן גאָט, וואו רעגירונג איז, איז זי פאַראָרדענט פון גאָט". (צו די רוימער, 13, 1). „ווילסטו ניט מורא האָבען פאַר דער רעגירונג, טאָ טו גוטס, וועסטו פאַרדינען איר ליוב" (דאָרט 13, 3). דאָס קריסטענטום פון פּאולוס מאַכט שלום מיט דעם גוואַלט־שטאַט, מיט דער שקלאַפּעריי, מיט דער אָרימקייט, מיט דער אונטערדריקונג. עס איז פּאָליטיש און סאָציאַל קאָנסערוואַטיוו. די ליבע צו דעם צווייטען, דער ואהבת לרעך כמוך, איז נאָר אַן אבסטראַקטע איבערצייגונג, וועלכע איז אין הארטען לעבען צו גאָרנישט ניט מחייב. אַקוראַט ווי דער גלויבען אין יעזוס קריסטוס, אָהן מעשים און התחיבות'ען, קען שוין ברענגען דעם מענשען די ערלעזונג.

פּאולוס האָט ארויסגעריסען דאָס קריסטענטום פון זיין אידישען און ארץ ישראל'דיגען באָדען און האָט איס געבראַכט אין הסכם מיט דער הייד־נישער וועלט. דאָס קריסטענטום איז געוואָרען א מישונג פון אידענטום און היידענטום, פון דעם אידישען מאָנאָטעאיזם מיט דעם גריכישען מיטוס, פון דער אידישער מאָראַל מיט דער רוימישער געוואַלט. גיט גאָט, וואָס עס קומט גאָט, און גיט דעם קיסר, וואָס עס קומט דעם קיסר. מיט דיזער לערע האָט פּאולוס מבטל געמאַכט דאָס אידענטום, און האָט געטאָן דעם ערשטען שריט צום פולשטענדיגען שלום צווישען דעם געוואַלט־שטאַט און דער שקלאַ־פעריי־געזעלשאַפט מיט די אייניגע אבסטראַקטע אידישע מאָראַל־אידעען, וועלכע זיינען נאָך איבערגעבליבען אין גוי'ש געוואָרענעם קריסטענטום.

דאָס קריסטענטום, וועלכעס האָט ארויסגעשפּראָצט אין ארץ ישראל צווישען אידען אלס ניט־פּאָליטישעס אידענטום, האָט ביים אידישען פאָלק אלס גאַנצען ניט געפונען קיין געהער און קיין אָנהאַנג. שאול־פּאולוס, וועלכער האָט צוריסען זיין בונד מיט דער אידישער נאַציאָנאַליטעט, האָט אָנגעהויבען טראָגען דעם קריסטליכען עוואַנגעליום צו די פעלקער, האָט אָבער פון קריסטענטום אלץ מער און מער אַראָפּגעוואָרפען זיין ריינעם אידישען מאָנאָטעאיזם און זיין סאָציאַלען רעוואָלוציאָניזם. „זאָל עס אייך זיין צו וויסען, דאָס צו די היידען איז געשיקט געוואָרען גאָט'ס ישועה און זיי וועלען עס הערען" (אַפּאָסטאָל געשיכטע, 28, 28). מיט דיזע ווערטער ווענדעט זיך אָפּ דאָס אורקריסטענטום פון אונגלויביגען אידישען פאָלק און פאַר־שפּרייט זיך אין דער ברייטער היידנישער וועלט.

עס האָט אָבער גענומען א לאנגען משך צייט, ביז דאָס אורקריסטענטום, וועלכעס האָט זיינע וואָרצלען אין אידענטום, האָט זיך גאַנץ און פולשטענדיג אָפּגעריסען פון אידענטום. אין סוף פון ערשטען יאָרהונדערט פארשפרייט זיך דאָס פּאולינישע קריסטענטום אין דער גוי'שער וועלט, אָבער עס האָט נאָך גאָר פילע אידישע עלעמענטען אין זיך. די מערצאָל פון די אנהענגער פון דיזעס אורקריסטענטום זיינען נאָך אַלץ אידען און פון אידען דערוועקטע גוים, גרים, יראי יהוה, די פארטריבענע אידען פון חרוב געוואָרענעם ארץ ישראל. דאָס אור־קריסטענטום איז ניט מער אידיש־נאציאָנאל אָבער עס איז אידיש־גייסטיג.

פאר דער נאציאָנאלער און רעוואָלוציאָנערער משיחיות־באוועגונג איז נאָך דעם חורבן ניט געווען קיין מעגליכקייט מער. די האָפנונג אויף דער באפרייאונג פון ירושלים מיט דעם שווערד אין דער האַנט, וואָס מיט דיזער האָפנונג האָבען געלעבט די פריערדיגע רעוואָלוציאָנערע און קאָמוניסטישע משיח־סעקטען, איז אויסגעשטאָרבען. די קריסטליכע געמיינדען, וועלכע האָבען זיך אָנגעהויבען פארשפרייטען דורך דעם גלות פון אידען נאָך דעם חורבן אין דער גאַנצער דאמאָלטיגער קולטור־וועלט, האָבען אָנגעהויבען צו פארלירען זייער ריין־אידישען נאציאָנאל־רעוואָלוציאָנערען כאראקטער, אָבער זיי זיינען געוואָרען גייסטיג־רעליגיעזע קאָמוניסטישע געמיינדען מיט אידישע וואָרצלען. זיי האָבען געטיילט צווישען זיך דעם ברויט און דעם וויין, האָבען געלעבט קאָמוניסטיש, און זיינען געווען אין אבזונדערונג פון דער ארומיגער וועלט, אין פאראייניגונג מיט דעם הייליגען גייסט פון קריס־טוס. באלד אָבער זיינען דיזע אידישע קריסטען־געמיינדען אין דער רוימי־שער מלוכה אויפגעלעזט געוואָרען פון דער ארומיגער גריכיש־רוימישער סביבה און האָבען ניט נאָר פארלאָרען זייער אידישען סאָציאל־רעוואָלוציאָ־נערען כאראקטער, נאָר זיי האָבען זיך שוין פארוואנדעלט אין דעם היפוך פון דעם אידענטום בכלל.

אין דעם צווייטען יאָרהונדערט נאָך קריסטוס איז די אומרואיגע פון שטענדיגע בירגער־קריגען און מיליטערישע מרידות צוריסענע רוימישע מלוכה געוואָרען רואיג. פון דעם קיסר וואספאסיאן ביז צו דעם קיסר קאָמאדוס, צום סוף פון צווייטען יאָרהונדערט, האָט געדויערט די גאָלדענע צייט פון דער רוימישער אימפעריע, די צייט פון שלום, אָרדנונג און צופרי־דענהייט. רעוואָלוציאָן און בירגער־קריג זיינען געוואָרען אומנאַטירליך און אוממעגליך. פאר די קריסטליכע געמיינדען אין דער רוימישער אימפעריע, וועלכע האָבען שוין פארלוירען זייער אידיש־רעוואָלוציאָנערען כאראקטער און זיינען געווען שוין שטארק פארמישט מיט רוימער און גריכען, איז ניט געווען שוין קיין גרונד פאר וועלכע עס איז נייע רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאָגאַנדא

בכלל. וואָס רואיגער עס איז געוואָרען אין דער מלוכה, און וואָס ווייניגער נאַטירליך־נויטווענדיג עס איז געוואָרען דער רעוואָלוציאָנערער שטורם־גייסט פון די געמיינדען, אַלץ מער אָנהענגער האָט די קריסטען־סעקטע אָנגע־הויבען צו געפינען צווישען די גוים, און ניט נאָר צווישען דעם אָרעמען פאָלק, נאָר אויך צווישען דעם רייכען קלאַס.

פון צווייטען יאָרהונדערט אָן הויבען זיך אָן אָנצושליסען אָן די קריסט־ליכע געמיינדען אויך די רייכע עלעמענטען ביז צו דער העכסטער אריס־טאָקראַטיע.

דער אידישער מאָנאָטעאיזם און די מאָראַל פון דער תורה האָבען שוין לאַנג געהאַט א גרויסע ווירקונג אויף דער רוימיש־גריכישער וועלט, וואָס איר קולטור האָט דאַמאָלט געהאַלטען אין פאַנאַנדערפאַלען. שוין פון פריערדיגע ציַיטען זיינען דאָך געשטאַנען ארום די אידישע קהילות די גוי'שע „יראי יהוה", די גאָטס־פורכטיגע. דיזע גאָטס־פורכטיגע גוים זיינען געוואָרען אַלץ צאַלרייכער אין צווייטען יאָרהונדערט אין די אידישע קריסטען־געמיינדען און האָבען זיי כמעט פארשלונגען אין צאָל. וואָס מער אָבער די אידישע קריסטען־געמיינדען זיינען פארוואנדעלט געוואָרען אין גוי'שע, איז אויך זייער גייסט געוואָרען דער היפוך פון דעם סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערען אידענטום. דער קאָמוניסטישער לעבענס־אידעאַל איז פארשוואונדען מיט דער סאָציאַל־פּאָליטישער רואיגקייט אין דער מלוכה און דעם אנשלוס פון דעם רייכען קלאַס אָן די געמיינדען. באַלד האָבען די געמיינדען ארויסגעשטויסען די לעצטע שפורען פון דער אידישער רעוואָלוציאָנערער האָפנונג. פון אַלע אידישע קולטור־אוצרות איז איבערגעבליבען נאָר די אנערקענונג פון דעם הייליגען גייסט, אין געגענזאַץ צו דעם חומר, צו דער גראָבער מאַטעריע, וועלכע איז געווען דער פּרינציפּ פון דער פריערדיגער גריכיש־רוימישער רעליגיאָן און קולטור. אין דעם גאָטס־באַגריף, אין דעם גייסטיגען גאָטס־זון, אין דעם „וואָרט", וואָס איז געווען אין אָנהויב און וועלכער איז אַלץ, קלינגט דער טריאומף פון דער גריכישער פילאָזאָפיע אין איר פארבינדונג מיט דעם מאָנאָטעאיזם פון אידענטום איבער די געצענדינערישע פאָלקס רעליגיאָן. אין דער פאָטער־ליבע פון גאָט צו דעם מענשען איז דערפילט געוואָרען דער מאָראַלישער פּרינציפּ פון לעבען, אין געגענזאַץ צו דער גע־וואַלטיגקייט פון דער פריערדיגער געזעלשאַפט.

דער פילאָזאָפישער מאָנאָטעאיזם און די אידישע מאָראַל זיינען אָבער אין דער שפּעטערדיגער צייט טמא געוואָרען דורך דער פארמישונג מיט דער מיטאָלאָגישער אידעע פון דעם גאָטס־זון און דערמיט, וואָס דער אידעאַל פון ליבע איז אָפּגעשיידען געוואָרען פון די געזעלשאַפטליכע לעבענס־באַציאונגען. וואָס מער די אידישע און די גריכישע קולטור זיינען אויסגעוואָרצעלט גע־

וואָרען, זיינען די קריסטליכע געמיינדען אלץ מער צוגעפּאסט געוואָרען צו דעם גייסט פון די בארבארישע פעלקער, וועלכע האָבען אָנגעהויבען שפּעטער פאַרפלייצען די רוימישע אימפּעריע. דער גייסטיגער געטליכער פּרינציפּ איז פאַרפעלשט און ערנידריגט געוואָרען דורך דעם פלייש־ליכען גאָטס־זון, וועלכער איז ארויפגעשטיגען אויפ'ן הימעל; און די געשיכטליכע סאָציאַלע ערלעזונג פון דער מענשהייט דורך די איבעראַנדערשונג פון דעם לעבען אויף דער ערד איז פאַרענדערט געוואָרען אין דער ערלעזונג פון דעם איינצעל־נעם אויפ'ן הימעל דורך זיין גלויבען אין קריסטוס. דאָס סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע אידישע אורקריסטענטום איז ענטאַרטעט געוואָרען אין דעם קאָנסערוואַטיווען גוי'שען קריסטענטום.

אין צווייטען יאָרהונדערט האָט זיך דאָס קריסטענטום אָנגעהויבען אָפּשיידען פון זיין אידישען מקור, און אין דריטען יאָרהונדערט האָט עס אויסגעשידען פון זיך די לעצטע יסודות פון זיין אַמאָליגען אידענטום. עס איז שוין ארויף אויף דעם וועג צו ווערען די שטאַטס־רעליגיאָן פון דער רוימישער אימפּעריע. אָבער דיזע אָפּשיידונג פון אידענטום איז געווען א שווערער און דויערענדער פּראָצעס פאַר'ן קריסטענטום, וועלכעס האָט זיך פון א קינד און נאָכפאָלגער פון אידענטום זיך געמוזט פאַרוואַנדלען אין א פרעמדע און פיינדליכע מאַכט אנטקעגען דעם אידענטום. אין די פיר עוואַנגעליען, פון לוקאַס, מתתיהו, מאַרק און יוחנן, וועלכע זיינען געשריבען געוואָרען אין צווייטען יאָרהונדערט און וועלכע זיינען געוואָרען דער אויס־דרוק פון קריסטענטום אין יענער צייט, שפּיגעלט זיך אָפּ דער אָבפּאַל און די אָפּשיידונג פון קריסטענטום פון זיין אידענטום־מקור.

די פיר עוואַנגעליען ווילען געבען דער כאַטישער קריסטליכער לעהרע א אָפּגעשלאָסענע פאָרם, און זייער לערע איז די בשורה, וועלכע יעזוס קריסטוס האָט געבראַכט דער וועלט דורך זיין געבורט, זיין פּרעדיגט, זיין קרייציגונג און זיין אויפערשטייגונג צום הימעל. די לעגענדע וועגען יעזוס קריסטוס, וועלכע איז ביי פּאולוס, אין סוף ערשטען יאָרהונדערט, נאָך גאָר ניט אויסגעבילדעט און ניט ענטוויקעלט דראַמאַטיש, ווערט ביי די שפּע־טערדיגע עוואַנגעליסטען א דראַמאַטיש פּאָעטישעס ווערק, פול מיט טענ־דענצען און פּאָלעמישע אבזיכטען בנוגע צום אידענטום. פּאולוס ווייס נאָך גאָרנישט ניט צו דערצעהלען וועגען יעזוס קריסטוס, א חוץ דאָס ער איז גאָט'ס זון, דאָס די אידען האָבען אים געקרייציגט, דאָס ער איז אויפגעשטיגען צום הימעל, דאָס ער האָט זיך געוויזען צו זיינע שלוחים, און דאָס ער האָט ערלעזט די וועלט. די עוואַנגעליסטען דערצעהלען אָבער באריכות וועגען זיין אָפּשטאַמונג, זיין פּרעדיגט, זיין ווירקען, זיין פאַרהאַפטונג, זיין משפּט, זיין קרייציגונג, זיין אויפשטעהונג, זיין ערשיינען נאָך זיין טויט. די קריס־

טום-לעגענדע איז דאָס גאַנצע קריסטענטום, זיין גאַנצער רעליגיעזער איג־האַלט און ערבויאונג. די קריסטוס לעגענדע איז דער לעצטער טרויסט און די ערלעזונג פון די קריסטען.

אָבער די גאַנצע קריסטוס־לעגענדע וואָרצעלט אין אידישען פאָלק, אין ארץ ישראל, און דאָס גאַנצע קריסטענטום שטאַמט דאָך פון אידענטום. די זונדער־עקזיסטענץ פון אידישען פאָלק, זיין לייקענונג אין יעזוס קריסטוס און די גאולה, זיין קריטיק געגען דער קריסטליכער לערע, דאָס אַלץ איז געווען א לעבעדיגער פּראָטעסט געגען קריסטענטום. האָט דאָס קריסטענטום געוואָלט פאַר זיך אויסברייטען א וועג אין דער וועלט, האָט עס געמוזט גובר זיין דאָס אידענטום, אים פאַרשוועכען, באַווייזען זיין פאַרגאַנגענעם ווערט לגבי דער אויפשטייגענדער זון פון קריסטענטום. די קריסטוס־לעגענדע מוז אויף אַזאַ אופן דראַמאַטיזירט ווערען, דאָס ישוע הנוצרי איז געווען דער אמת'ער משיח, גאָט'ס זון, וועלכער איז געשיקט געוואָרען צום אידישען פאָלק, אָבער דיזעס זינדיגע פאָלק, דער עם סורר ומורה האָט דעם משיח ניט אנערקענט, האָט דעם אומשולדיגען לאַם, די כבשה תמימה, פאַלש פאַר'משפט און געקרייציגט, געגען דעם ווילען פון דער רוימישער הערשאַפט, און דיזעס אידישע פאָלק טראָגט איצט אויף זיך דעם קרייץ אין דער וועלט פאַר זיין זינד און זיין האַרטנעקיגקייט. די עוואַנגעליען שטעלען זיך צוויי צילען, ערשטענס, אויפבויען דורך דער קריסטוס־לעגענדע דעם יסוד פון קריסטענטום, און צווייטענס, ערנידעריגען און פאַרשוועכען דאָס אידענטום.

אין דער מיטען פון צווייטען יאָרהונדערט זיינען פאַרפאַסט און יעדענ־פאַלס רעדאַקטירט געוואָרען די פיר עוואַנגעליען, פון מתתיהו, לוקאַס, מאַרק און יוחנן. א חוץ דער לעגענדע פון ישוע המשיח איז ביי די עוואַנגעליסטען ניטאָ קיין שום נייער מאָראַלישער געדאַנק, וואָס מען קען ניט געפינען אין דער תורה און דער משנה פון אידענטום. אפילו דער געבאָט, דאָס מען זאָל ליבען די שונאים, ווי ער איז אַזוי שאַרף אויסגעדריקט ביי מתתיהו און לוקאַס, איז אייגענטליך איינגעשלאָסען אין דעם געבאָט: לא תקום ולא תטור את בני עמך (ויקרא, י"ט, י"ח). נאָר איז דער אידישער געבאָט, דאָס מען זאָל ניט האָבען קיין שנאה און ניט זוכען קיין נקמה אנטקעגען די פאָלקס־גענאָסען, אויסגעדריקט געוואָרען אָהן די פּוסטע סענטימענטאַליטעט, וועלכע ליגט אין דעם געבאָט צו ליבען די פיינד. וואָס מתתיהו זאָגט, דאָס אין דער תורה ווערט געזאָגט: דו זאָלסט דיין נעכסטען ליבען און דיין שונא האַסען, איז איינפאַך אויסגעקלערט און ניט אמת, וואָרים אין דער תורה שטעהט דער היפך: לא תקום ולא תטור. אָבער וואָס עס איז באמת ניי און פרעמד אין די עוואַנגעליען, פאַרגליכען מיט דעם אידענטום, איז די קריסטוס־לעגענדע, וועלכע איז א געמיש פון דער אידישער משיח־אידעע מיט דעם

גריכיש־רוימישען מיטאָלאָגישען באַגריף פון גאָט. און פרעמד און געגנע־ריש און א ירידה בנוגע צום אידענטום איז דער אָנזאָג, דאָס דער מענש־סען דערלעזען זיין נשמה ניט דורך דאָס מקיים זיין פון דער תורה און דעם געזעץ, נאָר דורך דעם גלויבען אין דיזער משיח־לעגענדע.

די פיר עוואַנגעליען האָבען אפילו איין געמיינזאַמע טענדענץ, אויפ־צומאָלען די קריסטוס־לעגענדע און מבטל זיין דורך איר דאָס אידענטום. אָבער זיי זיינען געשריבען געוואָרען פון פיר פארשידענע פארפאסער, און יעדערער פון די פיר פארפאסער שטיצט זיך פון זיין זייט אויף פארשידענע לעגענדען און פארשידענע טענדענצען, וועלכע ער וויל אויסגלייכען. די פיר עוואַנגעליען זיינען זיך סותר אין וויכטיגע פונקטען איינער דעם אנדערען, אין הסכם מיט די ענטגעגענגעזעצטע טענדענצען פון די פארפאסער. זיי שפּיגלען אָפּ פארשידען די סביבה, אין וועלכער יעדער עוואַנגעליום איז בא־שאפען געוואָרען און די באַזונדערע טענדענץ, וועלכע יעדערער פון זיי פאר־פאָלגט. די אורקריסטליכע געמיינדע ענטוויקעלט זיך, ראַנגעלט זיך, קעמפט אינווענינ אויף איר וועג פון א אידישער קאָמוניסטישער סעקטע צו א קאָנ־סערוואַטיווער וועלט־רעליגיאָן, און אין די סתירות אין די פיר עוואַנגעליען זעהען מיר די שפורען פון דיזע קאמפען. די געשטאַלט פון קריסטוס ווערט דערפאַר פארשידען געשילדערט ביי די עוואַנגעליסטען, אָט איז ער א קאָ־מוניסט און רעבעל, און אָט איז ער א שטילער פאסיווער דולדער, אָט איז ער דער אידישער משיח בן־דוד, און אָט איז ער דער גאָטס־זון, דער גריכישער לאגאס, די פארנונפט, דאָס וואָרט, וועלכעס איז גאָט און איז געוואָרען פלייש אין דעם זון, אין דעם מענש.

די ענטשטעהונג פון דער קריסטוס לעגענדע

דער עלטסטער עוואנגעליסט איז לוקאס. אין זיין עכטער אורשפרינג־ליכער רעדאקציאָן איז דער עוואנגעליום פון לוקאס נאָך גאַנץ באהערשט פון דער אידישער טראַדיציע. אויף א ריין אידישען אופן דערצעהלט לוקאס די נס־מעשה, ווי יוחנן דער טויפער און ישוע הנוצרי זיינען געבאָרען גע־וואָרען. עליזאבעט, דעם כהן זכריה׳ס פרוי, איז געווען אַן עקרה, און זי און איר מאַן זיינען געווען אַלט. האָט זיך דער מלאך גבריאל געוויזען זכריה׳ן און אים אָנגעזאָגט, דאָס זיין ווייב עליזאבעט וועט געבאָרען א זון און ער זאָל אים אָנרופען יוחנן. און יוחנן וועט זיין א נזיר און וועט קיין ויין ניט טרינקען. אזוי איז יוחנן געבאָרען געוואָרען. דער מלאך גבריאל איז אויך געקומען צו מרים, א יונגפרוי אין נצרת, וועלכע איז געווען פאר־קנס׳ט צו יוסף׳ן פון הויז דוד, און האָט איר אָנגעזאָגט, דאָס זי וועט שוויינ־גער ווערען דורך דעם הייליגען גייסט און געבערען א זון. און מרים איז שפּעטער געגאַנגען אין ירושלים און איז געקומען אין דאָס הויז עליזאבעט׳ס און זי האָט לויבגעזונגען: מיין גייסט פרעהט זיך מיט גאָט... די מעכטיגע שטויסט ער אראָפּ פון שטול און ער הויבט די נידעריגע... די הונגעריגע פילט ער מיט גיטער און לאָזט די רייכע לעער... (לוקאס, 46—53, 1). דיזע וואונדער־מעשה, וועלכע קומט פאָר נאָר ביי לוקאס, דערמאָנט אזוי נאָהענט אָן דער מעשה, ווי חנה האָט געבאָרען שמואל׳ן, וועלכע האָט געטאָן א נדר, דאָס „א שער וועט ניט ארויף אויף זיין קאָפּ“, דאָס הייסט, דאָס ער וועט בלייבען א נזיר. מרים׳ס לויבגעזאנג צו גאָט איז אזוי ענליך צו חנה׳ס אין גייסט ווי אין וואָרט. חנה זאָגט: עלץ לבי ביהוה, מיין הארץ פרעהט זיך מיט גאָט... שבעים בלחם נשכרו ורעבים חדלו, די זאטע וועלען פאר ברויט פארדונגען ווערען און די הונגעריגע הערען אויף... מקים מעפר דל מאשפות ירים אביון להושיב עם נדיבים וכסא כבוד ינחילם, ער הויבט אויף פון דער ערד דעם אָרעמאַן, פון שטויב הויבט ער אויף דעם אביון, כדי צו זעצען מיט די רייכע און ער שענקט זיי דעם שטוהל פון כבוד (שמואל א, ב׳, א״ח). דער עוואַנגעליסט פלעכט אריין אין זיין קריסטוס לעגענדע אידישע פאָלקס־ערצעהלונגען און די אידישע רעליגיעזע אידעע.

ישוע הנוצרי גופא איז ביי לוקאס א איד א שפּראָצלינג פון דוד המלך דורך זיין זוהן נתן, און זיין יחוס ווערט אויספירליך און אין אלע איינצעל־הייטען געפירט ביז אויף דוד המלך און אדם הראשון. דער עוואַנגעליסט לוקאס מאָלט נאָך א שטארק מענשליכען סאָציאַלען קריסטוס, ווי די לעגענדע

האָט זיך געטראָגען מכח אים אין דעם אידישען אורקריסטענטום. „זעליג זייט איר, ארעמע, ווארום צו אייך וועט געהערען דאָס קעניגרייך פון גאָט. זעליג זייט איר, וועלכע הונגערען, ווארום איר וועט ווערען זאט“. אזוי לאָזט לוקאס רעדען סאָציאַל־רעוואָלוציאָנער און ערדיש זיין קריסטוס פון דער אידישער אורקריסטליכער געמיינדע. דער אַלטער אידישער יעזוס פון לוקאס זאָגט קלאָר און בפירוש: „פארקויף וואָס דו האָסט און גיב עס צו די ארימע, דאַן וועסט דו האָבען אַן אוצר אין הימעל“ (לוקאס, 22, 18). אָבער אויך לוקאס׳ קריסטוס איז שוין אַ געוואַלטיגע סתירה געגען אידענטום און אַ אָנ־קלאַגע געגען דאָס ווידערשפעניגסטע אידישע פאָלק. דורך יודאס פון איס־קאריאָט, דאָס הייסט דער איד, ווערט קריסטוס פארראטען, געפאנגען, ווערט פאראורטיילט פון די אידען, נאַטירליך, געגען דעם אייגענטליכען ווילען פון די רוימער, און ווערט געקרייציגט. און מיט די ווערטער פון תהלים: „בידך אפקיד רוחי“ לאָזט דער געקרייציגטער קריסט ארוים זיין גייסט (לוקאס 46, 23).

דער עוואַנגעליסט מתתיהו מאָלט שוין אַן אנדער קריסטוס, ניט מער אזוי אַ סאָציאַלען רעבעל, ווי לוקאס, נאָר אַ ספּיריטואַליסטישען גייסטיגען קריסטוס. אויך העננט זיך שוין ניט אַן מתתיהו אזוי פעסט אַן דער אידי־שער טראַדיציע. ער דערצעהלט, דאָס יעזוס שטאַמט פון דוד המלך, אָבער די אָפּשטאַמונג איז ביי אים ניט דורכגעפירט אזוי גענוי, ווי ביי לוקאס. אויך מתתיהו ברייננט יעזוס׳ בערגפּרעדיגט, וועלכע איז אַ זאַמלונג פון הויפּטזעכליך אידישע אידעען און טענדענצען, אָבער מתתיהו׳ס קריסטוס איז שוין פארפאַרבט גייסטיג און ניט סאָציאַל. מתתיהו׳ס קריסטוס זאָגט: „זעליג זיינען די ארימע אין גייסט, ווארום צו זיי וועט געהערען דער מלכות השמים“ (מתתיהו, 3, 5). „זעליג זיינען די וועלכע הונגערען און דורשטען נאָך גערעכטיגקייט, ווארום זיי וועלען זאט ווערען.“ (דאָרט, 6). אונטער גערעכטיגקייט, צדקה, דאַרף מען ביי מתתיהו אויך פארשטעהן ערלעזונג, ישועה, ווארום צדקה און ישועה מיינט ביי די אורקריסטליכע אויטאָרען דיזעל־ביגע זאַך. מתתיהו׳ס קריסטוס רעדט שוין ניט אין נאָמען פון די סאָציאַל ארעמע, נאָר פון די גייסטיג ארעמע, און ניט פון די פיזיש הונגעריגע און דורשטיגע, נאָר פון די הונגעריגע נאָך ערלעזונג. די בערגפּרעדיגט פון יעזוס איז ביי מתתיהו פיל לענגער, איידער ביי לוקאס, אָבער זי ווענדעט זיך שוין שטאַרק געגען דער אידישער תורה, להיפּך צו לוקאס׳ פיל פרידליכערען טאָן.

ביי מאַרק איז אָבער שוין קריסטוס אין גאַנצען ספּיריטואַליסטיש און ניט סאָציאַל, און זיין אידישער שורש איז כמעט ווי אָפּגעשניטען. מאַרק דערצעהלט גאָרנישט ניט מכח יעזוס אָפּשטאַמונג פון דוד המלך, מכח דעם משיח בן דוד. אויך פעהלט ביי מאַרק די בערגפּרעדיגט, יענע זאַמלונג פון

„זעליג זייט איר", לויט דעם אשרי פון תהלים, וועלכע טראָגט אזא אויסגע־שפּראָכענעם אידישען כאראַקטער.

אָבער אויב ביי מארק איז יעזוס שוין אָפּגערוקט געוואָרען פון זיין אידישען ערדיש־סאָציאַלען מקור, איז דאָס שוין אין גאַנצען געשעהן ביי דעם לעצטען אינגסטען עוואַנגעליסט, ביי יוחנן. יוחנן שרייבט שוין פאַר א גריכיש־אידישען, אָדער א גריכישען עולם. יעזוס' אָפּשטאַמונג פון דוד המלך, יעזוס' האַלבמענשליכקייט און אידישקייט וואָלט גאָרנישט ניט מוסיף געווען צו זיין גרויסקייט און ריינקייט. ביי יוחנן איז יעזוס די פאַרנונפט, דאָס וואָרט, דער גריכישער לאָגאָס, וועלכער איז געוואָרען פלייש. לכתחילה איז געווען דאָס וואָרט, און גאָט איז דאָס וואָרט, און יעזוס קריסטוס איז דאָס פלייש געוואָרענע וואָרט, גאָט'ס געבאָרענער זון (יוחנן, קאַפּיטעל 1). און דער צוועק צוליב וועלכען יעזוס קריסטוס איז אראָפּגעשטיגען אויף דער ערד, איז „גאָט האָט די וועלט געליבט, האָט ער איר געגעבען זיין געבאָרענעם זון, כדי אלע וועלכע גלויבען אין אים זאָלען ניט פאַרלאָרען ווערען, נאָר זאָלען האָבען דאָס אייביגע לעבען". (יוחנן, 16, 3). יעזוס טוט וואונדער און איז מחיה מתים, ווארום „איך בין די אויפערשטעהונג און דאָס לעבען, ווער עס גלויבט אין מיר וועט לעבען, אפילו אויב ער שטאַרבט." (יוחנן 25, 11). די כהנים גדולים און די פּרושים דערשרעקען זיך פאַר יעזוס און זיינע וואונדער. ווארום זיי האָבען מורא „דאָס אַלע וועלען אין אים גלויבען, און די רוימער וועלען קומען און וועלען אָפּנעמען דאָס לאַנד און דאָס פאָלק". (יוחנן, 48, 11). יוחנן גיט דאָ ריכטיג איבער די שטימונג פון דעם אידישען פאָלק אנטקעגען דעם אורקריסטענטום, דאָס דער גלויבען אין דעם געקומענעם משיח און די ישועה, די ערלעזונג דורך דיזען גלויבען, איז א סכנה פאַר דעם אידישען קיום. די כהנים און די פּרושים פאַרהאַפטען אים, אָבער שוין ניט מער אין א אידישער סביבה ביי דער פּסח־נאַכט, ווי דאָס דערציילען די אידיש־געפאַרבטע עוואַנגעליען. יעזוס ווערט נאָך א משפט פאַראורטיילט און געקרייציגט. יעזוס שטאַרבט אויפ'ן קרייץ, פאַרשטעהט זיך אָהן א פּסוק אויף זיינע ליפען, ווארום יעזוס' אידישקייט איז ווערטלאָז פאַר יוחנן'ס סביבה, צו וועלכער און פון וועלכער ער רעדט.

אזוי האָבען די עוואַנגעליען איבערגעריסען דעם לעצטען בונד צווישען דעם אויפגעקומענעם קריסטענטום און זיין אידישען שורש. די קריסטוס־לעגענדע און דער גלויבען אין דיזער לעגענדע אלס דער וועג צו דער ערלעזונג, צו דער ישועה, האָט באשאַפען די מחיצה צווישען אידענטום און קריסטענטום פאַר אלע צייטען. דאָס אידישע פאָלק האָט אָפּגעשליידערט צוריק פון זיך דיזע מיטאָלאָגישע לעגענדע פון דעם גאָט־זון, וועלכער איז געבאָרען געוואָרען פון א יונגפרוי און איז נאָך זיין קרייציגונג אַרויפגעשטיגען און אראָפּגע־

שטיגען פון הימעל. און די מאָדערנע היסטאָרישע קריטיק האָט אָנגענומען די אידישע באַציאונג צום קריסטענטום. ישוע הנוצרי, יעזוס קריסטוס, האָט קיינמאָל אין דער געשיכטע ניט עקזיסטירט. אזוי ווי זיין געבורט און זיין אויפשטעהונג איז לעגענדע, איז אויך זיין וואַנדלען אויף דער ערד אַלס מענש, זיין משפט און זיין קרייציגונג לעגענדע. אזוי ווי דער אָנהויב און דער סוף פון די עוואַנגעליען זיינען אויסגעטראַכטע מעשיות, איז אויך דער מיטען פון די עוואנגעליען, וועלכע שילדערן יעזוס קריסטוס אין זיין מענש־ליכער געשטאַלט, אַן אויסגעטראַכטע דראַמע. די לעגענדע איז אַ פּאָעטיש־דראַמאַטישע קאָמבינאַציע פון די אידעען און דער ווירקליכקייט פון יענער אויפגערעגטער צייט. די אידישע משיח־געשטאַלט, די מיסטיש־פאַנטאַס־טישע פון די נביאים און די רעאַל־טראַגישע פון די קעמפּפער געגען די רוימער, דער גריכיש־רוימישער מענשליכער גאָט, די בייַנקשאַפט פון יענער האַלב־קולטורעלער וועלט נאָך ערלעזונג דורך גלויבען אָבער ניט דורך מעשים, און ועל כולם די שנאה און פרעמדקייט פון דער וועלט צו דעם אידישען עם־הפלאות, — דאָס זיינען די עלעמענטען, פון וועלכע די קריסטוס־לעגענדע איז צונויפגעוועבט געוואָרען.

מיר פאַרשטעהען יעצט אַלע איינצעלהייטען פון דער קריסטוס־לעגענדע, דעם מקור פון די נעמען און ווערטער, דעם שורש פון דער גאַנצער דראַמאַטי־שער פּאַרפלעכטונג. דער משיח קומט פון דער סעקטע פון די איסיים און נזירים און ער רופט זיך ישוע, מיינט דאָך ישוע ערלעזונג. ער ברייננגט ערלעזונג און גערעכטיגקייט דער וועלט, ישועה און צדקה, וואָסביידע ווער־טער מיינען ביי די שפּעטערדיגע נביאים ערלעזונג. ער טרעט אויף אין גליל, דעם אָרט פון אַלע אידישע רעבעלען און משיחים, און ווייל ער איז אַ נזיר, איז זיין געבורטס־שטאָט נצרת, אין גליל. אָבער נצרת ווערט אויך אנדערש־וואו אין פּסוק אָנגערופען בית לחם, און די דיכטערישע פאַנטאַזיע פירט אים אריבער אין בית לחם יהודה לעבען ירושלים, וואו דוד האָט געהערשט. יעדער משיח איז דאָך אַ בן דוד. ווי משה איז געבאָרען געוואָרען אונטער אַ בלו־טיגער פּאַרפאָלגונג אנטקעגען די קליינע קינדער מן הצד פון פּרעה'ן, וועלכער האָט פאַרזאָגט כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו, דאָס מען זאָל יעדעס ניי־געבאָרענע קינד אריינוואַרפען אין טייך, אזוי איז אויך דער נייער אמת'ער געטליכער משה ישוע המשיח געבאָרען געוואָרען, ווען הורדוס המלך האָט פאַרזאָגט, דאָס אַלע נייגעבאָרענע קינדער זאָלען אויסגע'הרג'עט ווערען. זיין מוטער מרים רופט אויס, בשעת זי האָט אים דערפילט, אַקוראַט ווי חנה — שמואל הנביא'ס מוטער: עלץ לבי ביהוה. און מרים שרייט אויס, אַקו־ראַט ווי יענע גאַנצע רעוואָלוציאָנערע משיח־צייט: מקים מעפר דל, די נידעריגע וועלען דערהויבען ווערען, און די הויכע וועלען ערנידעריגט ווערען.

וועגען זיין אויפוואַקסען ווידערשפּרעכען זיך די עוואַנגעליען, ביי איי־נעם וואַקסט ער אויף אין בית המקדש, ווי שמואל הנביא, ביי אַנדערע טרעט ער אויף אַלס פאַרטיגער נביא, ווי אליהו און אלישע. ער טוט וואונדער, שפּייזט אַ מענגע מענשען מיט אייניגע ברויטען, שפּרייזט איבער'ן ים, און דער קרוג אויל נעמט זיך ניט אויס. דיזעלביגע נסים, וועלכע אליהו און אלישע האָבען געטאָן אַמאָל. ער פירט אַ קאַמף געגען די כהנים, אָדער די כהנים גדולים און די פּרושים, אַקוראַט ווי די קנאים, די סיקאַריער, די גלילים האָבען אין דער עפּאָכע פון חורבן געפירט אַ קאַמף געגען די פּאָליטיש קאָנ־סערוואַטיווע פּרושים און געגען די פאַררעטערישע כהנים גדולים, וועלכע האָבען געוואָלט שלום מיט רוים.

און דאָ ווענדעט זיך די לעגענדע מיט איר גאַנצער שנאה-טענדענץ געגען דאָס פאַרהאַסטע אידישע פאָלק און דאָס ווידערשפּעניגסטע אידענטום. דאָס אידישע פאָלק, זיינע פּרושים און כהנים, גלויבען ניט אין ישוע המשיח דעם בן־אלהים און זיי ווילען אים פאַרדאַרבען. דער איד יהודה, יודאַס, פון זיינע צוועלף תלמידים, פאַרקויפט אים פאַר דרייסיג זילבער־גראָשען. אין דער נאַכט פון קרבן פּסח, אָדער אַ טאָג פריער, וואָרום מכח דער צייט ווידערשפּרעכען זיך די עוואַנגעליסטען, ווערט ישוע דער משיח פאַרהאַפטעט, ווערט געבראַכט פאַר'ן משפּט פון די פּרושים און כהנים און ווערט פאַר־אורטיילט צום קרייץ. די לעגענדע קלייבט אויס מיט כונה דעם טאָג פאַר פּסח פאַר זיין פאַרהאַפטונג, כדי ער זאָל אין דעם פרילינג־יום־טוב פּסח קענען אויפערשטעהן פון קבר צום הימעל. די רוימער זיינען אין זיין קרייציגונג, פאַרשטעהט זיך, אומשולדיג. דער רוימישער גובערנאַטאָר פּילאַטוס וויל אים ראַטעווען פון אידען, אָבער זיין מיה איז אומזיסט, ער מוז אים איבער־געבען צו דעם צאָרן פון די אידען. די אידען פאָדערען זיין לעבען און זיין בלוט. פּילאַטוס וויל ראַטעווען קריסטוס פון די אידען און פרעגט זיי, וועמען זאָל ער זיי פרייגעבען צוליב דעם כבוד פון פּסח־יום־טוב, קריסטוס אָדער באַראַבאַס. די אידען פאָדערען די פרייזאָזונג פון באַראַבאַס און די קרייצונג פון ישוע בן־אלהים. ווער איז באַראַבאַס? די עוואַנגעליסטען דערצעהלען וועגען אים פאַרשידען. ביי די ערשטע דריי עוואַנגעליסטען, וועלכע זיינען נאָך שטאַרק באַהעפטעט מיט דער אידישער טראַדיציע, איז באַראַבאַס אַ רעבעל, וועלכער ווערט פאַרקלאָגט פאַר אַן אויפשטאַנד, וואָס דערביי איז איינער ערמאָרדעט געוואָרען. ביי דעם פאַרפערמדעטען יוחנן איז ער שוין ניט מער ווי אַן איינפאַכער מערדער. אַלזאָ באַראַבאַס איז אויך אַן אויפשטענדיגער משיח, וועלכען די אידען האָבען פריי געמאַכט פון דער רוימישער קרייציגונג. וועגען דיזען באַראַבאַס, וועלכער האָט געמאַכט אַ שטיקעל אויפשטאַנד געגען דער רוימישער הערשאַפט און איז געקרייציגט געוואָרען, דערצעהלט פּילאָן

דער אַלעקסאַנדרינער, אָבער ער רופט אים אָן כּאַראַבאַס, וואַרשיינליך פאַר־גרייזט באַראַבאַס. און יעזוס ווערט געקרייציגט אויף גאָלגאָתא. וואו איז גאָלגאָתא אין ירושלים? קיינער וויים ניט פון דיזען פּלאַץ אין ירושלים. די עוואַנגעליען זיינען אָבער ניט געשריבען געוואָרען אין ירושלים, נאָר אין רוים, בשעת די קריסטליכע קירכע האָט זיך אָרגאַניזירט. אין רוים איז אָבער פאַראַן א גאָלגאָתא, דאָס איז דער קאַפּיטאָלינום. וואָס גאָלגאָתא, קאָפּ, איז ניט מער ווי די אַראַמעאישע איבערזעצונג פון לאַטייניש[ען] קאַפּיטאָלינום. און אויף די קאַפּיטאָלינום איז באמת דער'הרג'עט געוואָרען דער גרעסטער אידישער משיח־רעבעל שמעון בן גיורא, וועלכער האָט פאַרטיידיגט אַזוי העלדיש און מיט איבערנאַטירליכער קראַפט ירושלים אנטקעגען דעם קיסר טיטוס. דער משיח שמעון בן גיורא איז געבראַכט געוואָרען פון קיסר טיטוס אין רוים און איז נאָכגעשלעפּט געוואָרען אין דעם זיגער'ס טריאומף־צוג. דערנאָך איז דיזער אידישער משיח אַראָפּגעוואָרפען געוואָרען פון דעם רוי־מישען גאָלגאָתא, פון דעם קאַפּיטאָלינום און איז דער'הרג'עט געוואָרען.

אַזוי איז אויסגעוואַקסען די קריסטוס־לעגענדע פון גריכישע אידעען און פון אידישע טראַדיציעס. איר צוועק בנוגע צו אידען איז געווען דורך דער דראַמע פון קריסטוס ליידען און קריסטוס קרייציגונג אַרויפוואַרפען אַן אייביגע באַשולדיגונג אויף דעם אומגלויביגען אידישען פאָלק, וועלכער איז געבליבען טריי צו זיין נאַציאָנאַלער נבואה און זיין היסטאָרישען משיח פון דער צוקונפט. די ליידענגעשיכטע פון יעזוס קריסטוס איז נאָר א פאַנטאַס־טישע טענדענציעזע אויסטראַכטעניש. איר רעאַלער היסטאָרישער הינטער־גרונד, איר ציל און איר טענדענץ איז נאָר רעכטפערטיגען די ליידענגעשיכטע פון דעם אידישען פאָלק, פון דער שה פזורה ישראל, אין דער גרויסער האַלב־באַרבאַרישער קריסטליכער וועלט.

אידישע משיח-באוועגונגען

דאָס שעפּעלע צווישען זיבעציג וועלף
דער אָנהויב פון מיטעלאַלטער
די אידען אונטער מאַכמעד'ס אויפגעהענדען שטערען
דער אידישער רענעסאַנס אין אראבישען שפּאַניען
די אידען אין דער צייט פון די כאַליפען
אין קאַמף צווישען קאַטאָליציזם און פרייען גייסט
דוד ראובני און שלמה מלכו
דער לעצטער משיח

דאָס שעפּעלע צווישען זיבעציג וועלף

אין יאָר 73, נאָך דער כלומר'שטער געבורט פון קריסטוס, איז ירושלים חרוב געוואָרען, דער בית המקדש פארברענט געוואָרען, דאָס אידישע פאָלק פארטריבען געוואָרען אין שקלאפעריי און גלות. עס האָט זיך געקאָנט אויס־דוכטען, אז דאָס „שעפעלע צווישען זיבעציג וועלף", כבשה בין שבעים זאבים, אזוי ווי דאָס אידישע פאָלק איז באלד אָנגערופען געוואָרען, שטעהט שוין ביים ברעג פון אונטערגאנג. אזוי ווי אלע אנדערע פעלקער פון אזיען און אפריקא זיינען אונטערגעגאנגען און זיינען פארשוואונדען אין אומגלייכען קאמף אנטקעגען די רוימער. עס האָט זיך געקאָנט אויסדוכטען, דאָס דער אונטערגאנג פון דעם אידישען שטאַט דורך טיטוס און וועספאסיאנוס און די בלוטיגע אונטערדריקונג פון דעם אידישען פאָלק דורך די רוימער, איז געווען דער אָנהויב פון דעם אידישען סוף, פון דער פארניכטונג פון דעם אידישען פאָלק בכלל. פאָליטיש צובראָכען, פארשקלאפט, פארשעמט איז געלעגען דאָס אידישע פאָלק אונטער די פיס פון די רוימישע הערשער, אָן יעדע האָפנונג אויף נאציאָנאלער אויפלעבונג און באפרייאונג. דער זיגרייכער טיטוס האָט אין א טריאומף צוג אין רוים געפייערט דעם לעצטען נצחון איבער דעם הארטנעקיגען אידען־פאָלק, וועלכעס האָט אזוי לאנג געהאלטען די פאָן פון אויפשטאנד און רעוואָלט געגען דעם אלמעכטיגען רוים.

אָבער ניט נאָר איז געווען דער בארג ציון פארוויסט, הר ציון ששמם, און דאָס אידישע פאָלק פארטריבען פון זיין לאנד און הייליגטום, בנים שגלו מעל שלחן אביהם, נאָר אויך אינווייניג אין פאלק איז אָנגעגאנגען דער געפערליכער פראָצעס פון אויפלייזונג, פאנאנדערפאלונג. די אידען־קריסט־ליכע און גוי'איש־קריסטליכע סעקטען האָבען געפונען א ווייטע פארברייטונג אין אידישען לעבען. עס האָט זיך שוין אָנגעהויבען פאָרמירען און פארשטארקען דאָס ביז איצט נאָך בלאסע און הילפלאָזע קריסטענטום, וועל־כעס איז געווען נאָר א צווייג פון אידענטום. דאָס אויפשטייגענדע קריסטענ־טום האָט געזוכט צו בארויבען דאָס אידענטום פון זיין אידישען נאציאָנאלען אינהאלט, דאָס קריסטענטום האָט געוואָלט מאכען זיינע רעליגיעז־מאראלישע אידעען, אין צומישונג מיט היידנישע מיטאָלאָגישע יסודות, פאר דער רעליגיאָן און וועלט־אנשויאונג פון דער גאנצער מענשהייט, אידען און גוים צוגלייך. דער חורבן פון בית המקדש און די פארשקלאפונג פון אידישען פאָלק האָט געגעבען נייעם מוט דער באוועגונג פון קריסטענטום. אין דעם חורבן פון בית המקדש און דעם אידישען גלות האָט די נייע רעליגיאָן געזעהן

א באוויז, אז דאָס נאַציאָנאַלע אידענטום האָט מער קיין קיום ניט און באַרעכטיגונג ניט. פילע אידען־קריסטען האָבען די גאולה דורך משיח׳ן אָנגעהויבן זעהען אין דעם דערלייזענדען טויט פון ישוע המשיח און האָבען דערמיט אויפגעגעבען דעם רעליגיעז־פילאָזאָפישען תוכן פון אידענטום. צו דער פארשפרייטונג און פארשטארקונג פון קריסטענטום האָט אויך שטאַרק בייגעטראָגען די אונטערדריקונג אנטקעגען די אידען. נאָך דעם חורבן האָט קיסר וועספּאַסיאַן באפוילען, אז יעדער איד זאָל צאָלען א שטייער צו רוים. פילע אידען אויסערהאלב פון ארץ ישראל, אין רוים, אין קליין־אזיען, וועלכע זיינען שוין בכלל געוואָרען קילער אין זייער אידישען פייער, האָבען געזוכט צו באהאלטען זייער אידישקייט, כדי ניט צו צאָלען דעם שטייער. זיי האָבען שפּעטער אפילו אָנגעהויבען מפיר ברית זיין, כדי מען זאָל זיי ניט קענען מער דערקענען אָן דעם ברית קודש אלס אידען (משיכת ערלה). ווען דער אַפּאָסטאָל פּאולוס און זיינע תלמידים האָבען ערקלערט, אז ברית מילה איז בטל, האָבען זיי, נאַטירליך, געפונען א גרויסע נאָכפאָלגערשאַפט צווישען אידען און אידען־קריסטען. דער אידישער נאַציאָנאַלער קיום איז דערשיטערט געוואָרען ניט נאָר פון דרויסען, נאָר אויך פון אינווייניג.

אָבער רוים און דאָס קריסטענטום האָבען זיך ארויסגעוויזען אומ־מעכטיג איינצושלינגען אין זיך דאָס אידישע פאָלק און דאָס אידענטום. דער אַלטער היסטאָרישער וואונדער, דאָס דער גייסט איז אומבאזיגבאר, איז נאָך אַמאָל געשעהן און האָט באלד ווידער געבראכט אין שטוינען די „זיבעציג וועלף“, וועלכע האָבען ארומגערינגעלט דאָס אידישע „שעפעלע“. דאָס פּאָליטישע אידישע פאָלק איז געבליבען גאנץ, אָבוואָל עס האָט געטריפט מיט בלוט פון טויזענט וואונדען. און דער אידישער גייסט איז געווען אין יענער צייט פון דער מלכות הרשעה דער איינציגער פרייער מאָראַלישער גייסט אין דער גאנצער מענשהייט. די אידעען פון אידענטום זיינען גראד נאָך דער צושטערונג פון ירושלים געוואָרען נאָך ריינער, לויטערער, זיינען טיף באַרייכערט געוואָרען און האָבען פון דער נויט און פיין פון פאָלק געצויגען שטאַרקע און לעבעדיגע נארונג.

נייע רעליגיעזע און קולטורעלע ווערטען, וועלכע קיין רעליגיאָן און קיין קולטור באזיצען ניט עד היום, האָבען אויפגעלעבט אין אידישען פאָלק און זיינען פאר אים געוואָרען א שפרודלענדער לעבענסקוואַל, וועלכער האָט שוין ניט מער געקאָנט אויסגעטריקענט ווערען. גראד נאָך דער צושטערונג פון דעם שטאַט האָט זיך איינגעוואָרצעלט דער ריינער גאָט׳ס גלויבען אין א פאָרם, ווי ער האָט קיינמאָל ניט געלעבט אין דער אידישער געשיכטע. בשעת די נבואה וויים פון גאט הויפטזאכליך די תבונה, דאס ער איז דער איינציגער גייסטיגער און מאָראַלישער וועלטשעפער און לעבענסשעפער, ווערט איצט

דער מאָנאָטעאיסטישער גאָט־באַגריף באַרייכערט דורך אומענדליכע בילדער און ווערט נעהענטער געבראַכט צום זיטליכען לעבען. דאָס הקדוש ברוך הוא איז דער פאָטער און דאָס אידישע פאָלק זיינען זיינע ליבע קינדער, וועלכע ער האָט געשטראָפט און אויף וועלכע ער וועט זיך נאָך מרחם זיין, איז געוואָרען דער לייט-מאָטיוו פון דער אידישער גאָט־אידעע.

די ערשטע צייט נאָך דעם חורבן איז דער נאַציאָנאַלער צענטער פון אידישען פאָלק אין גייסטיגער און אפילו האלב־פּאָליטישער באַציאונג נאָך אַלץ געבליבען ארץ ישראל. אפילו נאָכדעם ווי די רוימער האבען אַ גרויסע צאָל אידען פארטריבען אין גלות, איז נאָך אַלץ געבליבען אין ארץ ישראל אַ גרויסע צאָל אידען. דאָס פארבלוטיגטע לאַנד, אין וועלכען די הויפּטשטאָט ירושלים איז חרוב געוואָרען, איז געשטעלט געוואָרען אונטער מיליטערישער רעגירונג, אונטער אַ רוימישען גארניזאן. דער פירער פון דעם רוימישען חיל אין ארץ ישראל איז אויך געווען דער פאַרוואַלטער פון לאַנד. דער רוב פון פאָלק איז אָבער דאָך געבליבען אידיש, און רעליגיאָן, שפּראַך און פירונג זיינען געבליבען אומבארירט פון דער רוימישער געוואַלד־טעטיגקייט. די רוימער האָבען נאָר איינגעפיהרט אין לאַנד אַ קאָפּ־שטייער אויף אַלע אידען, פיסקוס יודאיקוס, פאַר דעם טעמפּעל יופּיטער אין רוים, וועלכער האָט טיף דערנידעריגט און באַליידיגט דעם אידישען געוויסען. די רוימער האָבען אויך געזוכט אריינברייגנגען היידען, גריכען און רוימער אין דעם אידישען לאַנד, און אין פילע פלעצער זיינען אויפגעריכט געוואָרען טעמפּלען פאַר יופּיטער׳ן און עס זיינען אויפגעפירט געוואָרען די אָלימפּישע שפּילען, כדי ארץ ישראל צו מאַכען וואָכעדיג און רוימיש.

ירושלים איז געלעגען וויסט און חרוב און דער בית המקדש איז געווען צושטערט, אזוי דאָס נאָר טרויער און יאָמער זיינען געבליבען פון אַמאָליגען גלאַנץ. אָבער אין יבנה אָדער ימנה, לעבען יפו, איז אויפגעשטיגען אַ נייער גייסטיגער אידישער צענטער, דער צענטער פון תורה און לערע. ר׳ יוחנן בן זכאי האָט דאָרט באַגרינדעט אַ בית דין, וועלכער האָט פארנומען דעם פּלאַץ פון דעם אַמאָליגען סנהדרין, און אַ בית המדרש. דער בית דין איז געווען דער צענטער פון דער נאַציאָנאַל־רעליגיעזער זעלבסטפארוואַלטונג פון פאָלק, דער בית המדרש איז געווען דער צענטער פאַר לערנען, וואו שטאַרק און פריי האָט געפלאָסען דער שטראָם פון תורה שבעל פה. דאָס זיינען געווען פרייע פאָלקס־אינסטיטוטען, וועלכע זיינען געשאפען און דערהאלטען געוואָרען פון פאָלק און וועלכע האָבען געהאנדעלט און געוואַלטעט ניט דורך צוואַנג נאָר דורך טרייקייט און אנערקענונג. נאָר די פּערזענליכע מעלות האָבען געגעבען דאס רעכט צו פירען און צו לייטען, און אין דער ליבע און צושטימונג פון פאָלק איז געלעגען דער מקור פון דער געהאָרכזאמקייט און דער אויטאָריטעט.

דורות פון תנאים האָבען אין דעם שטאַטסלאָזען ארץ ישראל און זיין גייסטיגען צענטער יבנה ענטוויקעלט און אויסגעבילדעט דאָס אידענטום דורך דער פליסענדער תורה שבעל פה, וועלכע איז ניט געווען פארשטיינערט דאָג־מאַטיש, נאָר האָט געשטראָממט אין די ריכטונגען פון די נויטען פון לעבען און האָט זיך געשטיצט אויף דער פרייהייט פון געדאַנק. ר׳ יוחנן בן זכאי, ר׳ גמליאל, ר׳ עקיבא, ר׳ ישמעאל, ר׳ יהושע זיינען די גלענצענדע נעמען פון יענער ערשטער תנאים־עפּאָכע. זיי האָבען געזוכט דעם פאָלק צו געבען א נייע רעליגיעז־נאַציאָנאַלע פאָרם, וועלכע האָט געזאָלט אנטשפּרעכען זיין שטאַטסלאָזען צושטאַנד. אנשטאַט די קרבנות פון בית המקדש זיינען גע־שאפען געוואָרען תפלות און זיינען געפייערט געוואָרען די יום־טובים. די ערהאַבענע תפלה פון שמנה עשרה, וועלכע איז געבליבען עד היום דער יסוד פון דער גאַנצער אידישער תפלה, איז דאַמאָלסט באַשאַפען געוואָרען. די שמנה עשרה איז די העכסטע תפלה, וועלכע האָט דעם פּאָליטיש אויפגעלייזטען פאָלק גערדינט אלס א נאַציאָנאַלער שילד אין זיין לעבען. גאָט׳ס תכונות ווערען אויסגערופען אין אָט דער תפלה, ער איז דער גאָט פון די אבות, וועלכער ברייננגט די גאולה צו די קינדער, ער איז דער גאָט פון לעבען און פון גאולה, דער הייליגער גאָט. ביי דעם גאָט ווערט געבעטען בנה והשכל, פאר דעם גאָט גיסט זיך אויס די נשמה אין תשובה אויף די זינד, פאר דיזען גאָט ווערען פארשאַלטען די אידישע פיינד און די געוואַלט־טעטיגקייט, די רשעה. אין גאָט׳ס הענט ווערט אָפּגעגעבען דעם מענשען׳ס שיקזאל (מודה אני), און פון דעם גאָט ווערט געבעטען די באַלדיגע אויפריכטונג פון ציון וירושלים, און אין שלום פאר דעם גאַנצען פאָלק ישראל קלינגט אויס אָט די מערקווירדיגע תפלה. אזוי ווי די אידען־קריסטען האָבען געלייקענט אין דעם ווידעראויפבוי פון ארץ ישראל און ביאת המשיח, איז אנטקעגען זיי איינגעפירט געוואָרען די ברכת המינים, וועלכע איז שפּעטער פארוואַנדעלט געוואָרען אין ולמלשינים.

שטילע לעבענס־מאָראַל, מענשען־ליבע, צדקה, גלייכהייט, גערעכטקייט, די אָפּהיטונג פון דער תורה און מעשים טובים זיינען געלערענט געווארען אין יענער תנאים־שולע אלס דער זין פון אידענטום. אין יענער עפּאָכע איז געשאַפען געוואָרען דער וואָרט מכח דעם אידישען פאָלק: שלשה סימנים יש באומה זו: רחמנים, בישנים, גומלי חסדים (יבמות ע״ט). דאָס איז ניט נאָר געווען א באַשרייבונג, נאָר אַן אידעאַל, א געבאָט. אומענדליכע דינים און באַשטימונגען זיינען ארויסגעגעבען געוואָרען וועגען צדקה און באַרמ־הערציגקייט, וועגען דער ריינקייט צווישען מאַן און פרוי, וועגען סאָציאַלער הילף, וועגען קנעכט. און טיפזיניגע פּאָעטיש־פילאָזאָפישע באַגריפען, אויס־

געצירט מיט פּערלען פון דרוש און אגדה, זיינען געשאפען געוואָרען אין יענער באַגייסטערנדער משנה-ליטעראַטור און מדרש־דיכטונג.

אָט די העכערע מאָראַל פון לעבען און מעשים, און ניט בלויז פון גלויבען און קלערען, האָט געקלונגען ווי אן אייגנאַרטיגע דערלייזענדע סימפאָניע אין דעם מאָראַלישען מדבר פון יענער צייט. די אנטיקע מאָראַל, וועלכע איז קיינמאָל ניט געווען קיין גייסטיגע נאָר א גראָבזינליכע, איז אין יענער עפּאָכע פון דער רוימישער קיסר־הערשאַפט נאָך פיל טיפער געזונקען. סעקסועלע אויסגעלאַסענקייט און אומנאַטירליכקייט איז געווען אַלגעמיין פאַרשפּרייט אין רוים. להיפך צו דער געשלעכטליכער דעגראַדאַציע איז ביי אידען די הייראַט דערקלערט געוואָרען אַלס קדושין, אַלס הייליגקייט. שוין נאָך דעם ביבלישען באַגריף זיינען דער מאַן און די פרוי פון גאָט באַשטימט, על כי ד׳ העיד בינך ובין אשת נעוריך (מלאכי, ב׳ י״ד). א גאַנצער קאָדעקס פון דינים, גזרות, תקנות, אויסגעצירט מיט מאָראַלישען דרוש, איז באַשאַפען געוואָרען כדי אָפּצוהיטען דיזע ריינקייט און הייליגקייט צווישען מאַן און פרוי, און כדי דער־מיט אָפּצוהיטען דאָס אידישע פאָלק פון דער מאָראַלישער נידעריגערער סביבה.

דער קינדער־מאָרד, דאָס ארויסוואַרפען פון קליינע קינדער, כדי צו פאַר־קלענערען די באַפעלקערונג אָדער פּטור צו ווערען פון אומפּאַסענדע אויפגע־וואַקסענע קינדער, איז געווען נאַטירליך און ערלויבט אין דער גריכיש־רוימי־שער וועלט. פּלאַטאָן און אריסטאָטעל ערלויבען קינדער־מאָרד, אויסשלאַכטונג פון קליינע קינדער אַלס מיטעל געגען צו גרויסע באַפעלקערונג. אין דער רוימישער אימפּעריע איז דער קינדער־מאָרד געווען אומגעהייער פאַרשפּרייט. געווען אַן ערלויבטער מנהג. דער אידישער דין האָט דאָס פאַרברעכען פאַר־באָטען אויפ׳ן שטרענגסטען אופן. דער רוימישער היסטאָריקער טאַציטוס ווייס שוין צו דערציילען דערפון, דאָס קינדער־מאָרד, כדי ניט צו ערציען די קינדער, איז ביי אידען א גרויסע זינד. די תנאים האָבען פעסטגעשטעלט טויט־שטראַף אויף אַ בן נח, וועלכער האט גע׳הרג׳עט אַן עובר, דאָס הייסט, א קינד אין מוטערלייב, וועלכער האָט פאַרניכטעט די מענשען־פרוכט מיט גיפטיגע מעדיקאַמענטען. שופך דם אדם באדם ואיזה אדם שהוא באדם הוה אומר זה העובר, אַזוי זאָגט אַ טיפזיניגע אַלטע גמרא (סנהדרין נ״ז).

אַן אייגענאַרטיגע באַציאונג האָט זיך אַנגעהויבען אויסאַרבייטען צו אָרימעלייט און צו צדקה. די תורה פאַרזאָגט הילף צו דעם אָרימאַן, לקט, שכחה, פאה. העלפען דעם אָרימאַן, דער אַלמנה, דעם יתום, דעם הונגעריגען ווערט באַטראַכט אין דער תורה אַלס א הויכע מאָראַלישע טאַט. אין דער משנה־עפּאָכע ווערט אָבער די צדקה שוין ארויסגעשטעלט אַלס אַ גרויסער אידעאַל, אַלס די העכסטע טאַט. צדקה איז געוואָרען א סאָציאַלע אינסטי־טוציע, א נויטווענדיגער יסוד פון לעבען. צדקה האָט מען געמאָגט איינמאָנען

אזוי ווי שטייער, און צדקה איז שקול כנגד כל המצות פון דער תורה, זי איז מציל פון מיתה, זי איז מקרב די גאולה און איז מרבה שלום אויף דער וועלט. ווער עס גיט ניט קיין צדקה איז אזוי ווי ער וואָלט געדינט עבודה זרה. אמר ר' יצחק ארבעה דינים מקרעין גזר דינו של אדם, אלו הן: צדקה, צעקה, שנוי השם ושנוי מעשה (בבלי, ראש השנה, ט"ז). גדול העושה צדקה יותר מכל הקרבנות, כל העושה צדקה ומשפט כאלו מלא כל העולם כולו חסד (סוכה מ"ט). דער תלמוד איז פול מיט געבאָטען וועגען צדקה און ליבגעזאַנג פאַר צדקה. המבזבז לא יבזבז יותר מן החומש, האָט פעסטגעשטעלט דער בית דין שבאושא, ווער עס גיט אוים אויף צדקה, טאָר ניט אויסגעבען מער ווי א פינפטעל.

ווי אַנדערש איז די באַציאונג פון דער גריכיש־רוימישער וועלט צו צדקה. דער פילאָזאָף סענעקא דערציילט, דאָס דער רוב רוימער גיבען א מתנה צו אַן אָרימאַן מיט אַ שלעכט האַרץ און וואַרפען אים די מתנה אוים מורא ניט אָנגערירט צו ווערען. די שטאַרקייט אנטקעגען אַן אָרימאַן ווערט ביי די רוימער באַטראַכט אלס א מעלה ביי אַ מענשען. דער באַרימטער רוימישער רעדנער און שריפטשטעלער ציצעראָ זאָגט אין זיין בוך וועגען די פליכטען, דאָס דער מענש דאַרף געבען צדקה צו אָרימעלייט, נאָר אויב ער טוט דערמיט צו זיך אליין ניט קיין היזק און נעמט ביי זיך זעלבסט גאָרנישט ניט אָפּ. די רוימער האָבען נישט געוואוסט די אידישע באַציאונג צו אָרימעלייט און דעם אידישען געבאָט פון צדקה. די אידישע צדקה איז געגאַנגען להיפך צו דעם רוימישען אינדיווידואליזם, צו דעם רוימישען באַגריף, דאָס מאַכט און געוואַלט־טעטיגקייט זיינען רעכט און אמת. ווי דער רוימישער געדאַנק איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אין דעם ענין פון רחמנות און צדקה פון דעם אידישען, איז קענטיג פון דער מערקווירדיגער גמרא: „שאל טורנוסרופוס הרשע את רבי עקיבא: אם אלהיכם אוהב עניים הוא, מפני מה אינו מפרנסם? אָמר לו, כדי שניצל אנו בהן מדינה של גיהנום. אמר לו, זו שמחייבתן לגיהנום" (בבא בתרא, י'). דער טיראַן רופוס האָט געפרעגט רבי עקיבא'ן: אויב אייער גאָט ליבט אָרימעלייט, טאָ פאַרוואָס איז ער זיי ניט מפרנס? האָט ער אים געזאָגט, כדי מיר זאָלען דורכדעם ניצל ווערען פון גיהנום. האָט יענער אים געענטפערט: אָט דאָס איז אייך נאָר מחייב צו גיהנום. דער אידישער באַוואוסטזיין האָט אויך טיף געפילט דעם חלוק צווישען דער אידישער אידעע פון צדקה און דער ניט־אידישער באַציאונג צו צדקה. אין פאַרשידענע ווענדונגען ווערט אויסגעדריקט די איבערצייגונג, אז די צדקה פון די אומות העולם איז ניט קיין מאָראַלישע, ניט קיין אויפריכטיגע. ווארים זיי טוען צדקה כדי זיך צו גרויסען, כדי זיך צו באַרימען, כדי אָנצוהאַלטען זייער רעגירונג. אויף זייער צדקה האָבען די ערשטע תנאים, ווי ר' אליעזר, ר'

יהושע, ר׳ גמליאל, גע׳דרש׳ענט דעם פּסוק וחסד לאומים חטאת, די גנאָד פון די פעלקער איז א זינד. נאָר דער מילדער ר׳ יוחנן בן זכאי האָט אנערקענט אויך די צדקה פון די אומות העולם, זאָגענדיג: צדקה מכפרת על אומות העולם (בבא בתרא, י׳, י״א), צדקה איז מכפּר ביי די פעלקער.

דאָס אידענטום, וועלכעס האָט פארלאָרען דעם וועלטליכען שטאַט, האָט אָנגעהויבען בויען א גייסטיג־מאָראלישען טעמפּעל פאר דעם אידישען פאָלק, ווייל עס האָט זיך דערפילט העכער איידער אלע פעלקער, רייכער איידער אלע גלויבענס, שטארקער איידער אלע פעסטונגען. די זיבעציג וועלף האָבען דאָס אידישע שעפּעלע ניט געקאָנט פארניכטען, ניט אין ירושלים און ניט אין יבנה.

דער אָנהויב פון מיטעלאַלטער

עס איז אזוי ווי א געזעץ פון דער געשיכטע, דאָס אידען קאָנען זיך האַלטען צווישען א פרעמדען פאָלק נאָר א באשרענקטע צייט, און דאָס נאָך א צייט פון אויפבליען קומט אומעטום זייער טרויעריגער אונטערגאַנג. נאָך די יאָרהונדערטער פון עקאָנאָמישער מאכט און קולטורעלען בליען אין בבל קומט די שווערע צייט פון דעם פּאָליטישען אונטערגאנג און דער גייסטיגער פאנאנדערפאלונג פון אידען. דער צענטער פון דער אידישער געשיכטע טראָגט זיך באַלד אריבער אין מערב, אין די לענדער פון דער אמאָליגער רוימישער מלוכה, און אין מזרח, אין דעם ווייטען אראביען, וואו עס דאַרף באַלד אויפגעהן דער שטערען פון מאחמעדאניזם.

אין דער רוימישער אימפּעריע האָבען אידען אָנגעהויבען אריינצודרינגען נאָך אין דער צייט פון דעם צווייטען חורבן. זיי זיינען געקומען פון ארץ ישראל, אנטלאָפענע און אנטרונענע, פארקויפטע קנעכט און פּריוויליגע הענדלער. שוין אין צעזאר'ס צייטען זיינען אידען געווען הענדלער און שפּייז־פּארזארגער אין די רוימישע לעגיאָנען, וועלכע זיינען אריינגעדרונגען אין גאַליען און אנדערע נאכבאר לענדער. אין רוים און די אנדערע לאטייניש שטעט זיינען אידען געווען דער רייכער הענדלער־קלאַס, אָבער אויך אידישע האנדווערקער און פּראָלעטאריער האָבען נישט געפעלט, וועלכע זיינען געווען אָפּהייגגיג פון דער געמיינדע. אין גאַליען, וועלכע איז געווען א רוימישע פּראָווינץ, זיינען זינט די ערשטע יאָרהונדערטער געווען אידישע קאָלאָניען, און אין פינפטען יאָרהונדערט זיינען שוין געווען באַקאַנט אידישע קהלות אין מארסעל, פּאריז, אָרלעאן א. אז. וו. אין גערמאניען, וועלכע האט זיך דאַמאָלט אָנגערופען אויסטראזיע, זיינען אויך געווען צע־וואָרפענע אידישע קהלות. און וועגען דער אידישער קהלה אין קעלן ביים רהיין אין פערטען יאָרהונדערט זיינען איבערגעבליבען גענויע ידיעות. די צאָלרייכסטע און שטארקסטע אידישע קהלות אָבער האָבען זיך געפונען אין רוימישען שפּאניען, אויף דעם פּירענעאישען האַלב־אינזעל.

אונטער דער הערשאַפט פון די רוימער אין אלע אָט די לענדער האָבען אידען געלעבט ניט נאָר רואיג, נאָר א דאנק זייער העכערער גייסטיגער קולטור און נאציאָנאַלער אייגענאַרט זיינען זיי געווען דער סאָציאַל און עקאָנאָמיש שטאַרקערער עלעמענט. אפילו אין דער ערשטער צייט נאָך קאָנסטאַנטין דעם גרויסען (פערטער יאָרהונדערט), וועלכער האָט אָנגענומען דאָס קריסטענ־טום, איז די מאכט פון אידען אין דער רוימישער אימפּעריע ניט געבראָכען

געוואָרען. עס האָט געדויערט יאָרהונדערטער ביז דאָס קריסטענטום האָט געלאָזען וואָרצלען אין יענע לענדער און עס האָט פאַנאַנדערגעבליט די פלאַנץ פון האַס און גיפט אנטקעגען אידען.

ביז צום פינפטען יאָרהונדערט, ביז די באַרבאַרישע פעלקער האָבען ניט אָנגעהויבען אריינדרינגען אין דער רוימישער אימפעריע, זיינען די אידען געווען געשיצט און פריי אין אַלע יענע לענדער. און אפילו אין דער ערשטער צייט פון דער הערשאַפט פון די באַרבאַרען, וועלכע האָבען צו־שטערט רוים (455) און האָבען שפּעטער אראָפּגעוואָרפען דעם רוימישען קיסר ראמולוס אויגוסטולוס פון זיין טראָן (476), זיינען נאָך אַלץ אידען געווען א געשיצטער און אָנגעזעהענער עלעמענט אין אַלע לענדער פון דער ווייטער רוימישער אימפעריע. ערשט נאָך דער גרויסער פעלקער־וואַנדערונג, ווען אויף די חורבות פון דער רוימישער אימפעריע הויבען זיך אויף די אָסט־גאָטישע מלוכה אין איטאַליע, די פרענקישע מלוכה אין גאַליען, די וועסט־גאָטישע מלוכה אין שפּאַניען, ענדערט זיך די פּאָליטישע לאַגע פון אידען. אַלע יענע לענדער ווערען קריסטליך־קאַטוילישע, זיי קומען ארויס פון זייער צושטאַנד פון גלייכגעוויכט, עס פלאַקערט פאַנאַנדער דער קאַמף פון די אָנגע־קומען באַרבאַרען אנטקעגען דער אָפּשטאַרבענדער רוימישער וועלט, און אין דער צייט פון די היסטאָרישע קאַמפען און דער אויפטרעטונג פון דעם מוטיג־ווילדען יונגען קריסטענטום שטייגט דער דרוק אויף דעם פרעמדען אידישען פעלקעלע, דאָס „שעפּעלע צווישען זיבעציג וועלף“.

אָבער דער דרוק אויף אידען אין יענער עפּאָכע, ווען עס ענטשטעהען די נייע שטאַטען אין אייראָפּאַ און זיי ווערען קריסטליך, איז ניט באַשטענדיג און שטאַרק געגנוג, כדי דעם אידישען גלות צו פאַרניכטען אָדער אפילו צו שטערען אין זיין ענטוויקלונג. די אידישע באַפעלקערונג אין מערב אייראָפּאַ וואַקסט פון יאָרהונדערט צו יאָרהונדערט, אידען מערען און פרוכפּערן זיך אין שפּאַניען, איטאַליען, ביזאַנץ, פראַנקרייך, דייטשלאַנד. פון מזרח, פון בבל און פּערסיען קומען פאַראיינס נייע אידישע וואַנדערשטראָמען אין מערב־אייראָפּאַ און גיסען זיך צונויף מיט די שוין באַשטעהענדע אידישע קהלות. דאָס אידישע פאָלק אין מערב־אייראָפּאַ וואַקסט אין צאָל, שטייגט אויף אין זיין סאָציאַלער מאַכט, און שטעהט אויף דער שוועל צו ווערען א גרויסער גייסטיגער כח ניט נאָר פאַר זיך, נאָר פאַר דער גאַנצער דאַמאָלטדיגער וועלט.

וואָס איז געווען די געהיימניספולע קראַפט, וועלכע האָט געגעבען דעם אידישען פאָלק די מעגליכקייט אויפצושטייגען און גרויס צו ווערען אין מערב־אייראָפּאַ אין דער פיינדליכער קריסטליכער סביבה? די גייסטיג־קולטורעלע גרויסקייט פון אידען האָט זיי שטענדיג געהאַלטען העכער איבער די ארומיגע

פעלקער און האָט זיי פארהיט פון אויפלייזען זיך צווישען זיי. די דאָזיגע קולטורעלע גרויסקייט האָט זיי אויך אויפגעהויבען סאָציאַל און עקאָנאָמיש איבער דער סביבה און האט זיי געמאַכט פייאיג צו אלע באשעפטיגונגען, וועלכע האָבען פארלאנגט גייסט, וויסען, אויסדויער, ערליכקייט, פארבינדונגען, שפּאָרזאַמקייט, געשיקטקייט. אידען זיינען געווען דאָס פאָלק פון תורה און מעשים טובים צווישען זיך און פון האנדעל און פארקער אין דער וועלט, און די תכונות האָבען זיי געגעבען די געהיימניספולע קראפט אויסצוהאלטען צווישען די פעלקער. אידען האָבען פון די גוים גאָרנישט ניט געהאלטען, „שאין הגוים כלום", די גוים זיינען גאָרנישט ניט ווערט, אזוי פילט דאָס אידענטום אין דער גאנצער צייט. אָבער די גוים האָבען זיך שטענדיג גענויטיגט אין אידען, און פאר דער דאָזיגער נויט האָבען געמוזט אנטשווינגען ווערען האס און אומפארשטאנד און קנאה.

עס איז א כלל אין דער געשיכטע, אז די העכסטע גייסטיג-מאָראַלישע אינדיווידואליטעט פון א פאָלק, געפעסטיגט דורך רעליגיאָן, איז שטענדיג דער מעכטיגסטער שוץ פאר דער עקזיסטענץ, פאר דער ענטוויקלונג און דעם מאַטעריעלען ערפאָלג פון א פאָלק אין זיין צוזאמענשטויסען מיט אנדערע פעלקער. די געשיכטע פון די רעליגיאָנען לערנט, וויפיל לעבענס-ענערגיע רעליגיעזע סעקטען האָבען פארמאָגט, און ווי זיי האָבען געקאָנט ביישטעהן געגען די שווערסטע אונטערדריקונגען און פארפאָלגונגען. וואו אין דער געשיכטע זיינען אויפגעשטאנען באוועגונגען און סעקטען, וועלכע זיינען געווען אין גייסטיגער און מאָראַלישער באציאונג ריין און מוטיג, האָבען זיי באקומען די אויבערהאנט אין דער געזעלשאפט און האָבען זיך אפילו אָפט דערהויבען צו אומגעוויינליכער הויך.

די פוריטאנער און קוויקער אין ענגלאנד אין זיבעצענטען יאָרהונדערט, וועלכע האָבען אויפגענומען דעם גייסט פון ביבלישען אידענטום, האָבען געלייגט דעם יסוד צו ענגלאנד'ס האנדעלסמאכט און קאָלאָניאַל פּאָליטיק. מיט זייער מאָראַלישען כח איז אויך געגרינדעט געוואָרען לכתחילה די אמעריקאַנער דעמאָקראַטיע. דאָס אידישע תורה-פאָלק איז געווען אין זיין פנימות א גרויסע גייסטיג-רעליגיעזע פאָלקס-געמיינשאפט. אין זיין מאָראַלישער אינדיווידואליטעט האָט דאָס מאכטלאָזע אָבער גרויסע פאָלק געטראָגען די מעגליכקייט פון זיכערקייט און אפילו פון גרעסערען מאטעריעלען ערפאלג אין דער גלות סביבה. פאר דער ערהאלטונג פון דעם אידישען פאָלק אין גלות איז סוף כל סוף פאראן נאָר איין ערקלערונג, און דאָס איז, דאָס א גייסטיג און מאָראַליש העכערער עלעמענט אין דער געשיכטע איז אומפארטיליגבאר און אומצושטערבאר, און קאָן אויסהאלטען דעם הונדערטפאכען געגענדרוק אויף

זיך, אזוי לאַנג ווי ער איז דורכגעדרונגען פון דעם באוואוסטזיין, דאָס ער פאַרטרעט א העברעען אמת, א גרעסערע היסטאָרישע אידעע.

דורך זייער העברעער גייסטיג מאָראַלישער אינדיווידואליטעט זיינען אידען מסוגל געווען צו דערפילען באַשטימטע סאָציאַל־עקאָנאָמישע פונקציעס צווישען די פעלקער אין גלות און זיי זיינען געוואָרען א נויטיגער סאָציאַלער עלעמענט אין דער מענשליכער געזעלשאַפט. באַזונדערס אין עפּאָכען פון היסטאָרישען אויפשטייג, ווען נייע פעלקער און נייע ווירטשאַפטען האָבען זיך אָנגעהויבען בילדען און געשטאַלטען, זיינען די קולטורעל העברעע דורך זייער מאָראַל ענערגישערע אידען, וועלכע זיינען דערצו נאָך שטענדיג געווען א פאָלק־פאַמיליע, צושפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, געווען דער נויטיגער צעמענט כדי צו בויען און צוזאַמענהעפטען די נייע געזעלשאַפט.

לאַנגזאַם מיט שטילע שריט ענטוויקעלט זיך די מענשליכע געשיכטע אין יענער צייט אין אָנהויב פון מיטעלאַלטער. אין אַלע קאַמפען און מלחמות פון יענע יאָרהונדערטען בלייבט זיך דאָך די צייט א גלייכע, עס וואַקסען ניט אוים קיין נייע לעבענספאָרמען און עס שטייגען ניט אויף קיין נייע אמת'ען פון דעם אָנהויב פון קריסטענטום ביז צו דעם אָפּשלוס פון דער גרויסער פעלקער־וואַנדערונג אין זעקסטען יאָרהונדערט. אין קאַרל דעם גרויסען'ס מלוכה אין אכטען יאָרהונדערט מאַכט אייראָפּאַ דורך נאָר איין גרויסע איבערקערעניש: די פאַנאַנדערפאַלונג פון דער רוימישער אימפּעריע און די פאַרקריסטליכונג פון אַלע מערב־אייראָפּעאישע פעלקער. שטיל מיט כמעט אומבאַוועגליכע שריט געהט אָן דער היסטאָרישער פּראָצעס.

אויך די אידישע געשיכטע אין מערב־אייראָפּאַ באַוועגט זיך לאַנגזאַם. דאָס אויפשטייגענדע קריסטענטום ערקלערט קריג אנטקעגען די אידען, אָבער די אויפשטייגענדע ווירטשאַפט נויטיגט זיך אין דעם פאָלק פון האַנדעל. דער האַנדעל מיט דעם מזרח איז געלעגען אין די הענט פון אידען. דעם דאָזיגען צווישען־פעלקערליכען האַנדעל האָבען זיי אַלס א צושפּרייט אָבער געאייניגט פאָלק געקאָנט באַהערשען. דער האַנדעל מיט געווירצען פון וויטען אינדיען, מיט גאָלד, דימענטען, געלט, זיידען־שטאָפען, קאָסטבאַרע זאַכען, איז געווען אידישער האַנדעל. אויך דער שקלאַפען־האַנדעל איז אָנגעפירט געוואָרען דורך אידען. אין יענע יאָרהונדערטער אין אָנהויב פון מיטעלאַלטער, ווען מסחר איז געפירט געוואָרען נאָר פּערזענליך און פאַר דעם אויסטויש פון סחורות איז נויטיג געווען אַן אייגענאַרטיגער געזעלשאַפטליכער קלאַס, זיינען אידען געווען דער איינציג פּאַסענדער פאָלקס־עלעמענט דערצו. אומעטום פלעגען אידען קומען מיט זייערע סחורות. אומעטום וואו פילע מענשען־מאַסען האָבען זיך אָנגעזאַמעלט און באַדערפענישען זיינען ענטשטאַנען: אין קעניגליכע פּאַלאַצען, אין פאָלקס־פאַרזאַמלונגען, ביי מלחמות מיט

די ארמעען און אין אלע פלעצער האָבען זיי געהאט זייערע אייגענע שותפים און העלפער. אויך לאנדווירטשאפט און אינדוסטריע טרייבען אידען אין אלע יענע לענדער מיט דער הילף פון קריסטליכע און היידנישע שקלאפען. און בשעת קארל דער גרויסער (768-814) האָט פון אלע קליינע בארבארישע מלוכות פון דאמאלטיגען אייראָפּא געשאפען איין גרויסע אימפעריע, זיינען אידען געווען דאָרט דער צוזאמענהאלטענדער צעמענט, וועלכער האָט פאר־בונדען די מלוכה דורך האנדעל און פארקער. אידען האָבען אין יענער צייט פון אָנהויב פון מיטעלאלטער געשפּילט דיזעלביגע קולטור־ראָלע, ווי אין אַלטערטום אין דער עפּאָכע פון אלעקסאנדער דעם גרויסען'ס ערָאָבערונגען, וואו אידען האָבען דורך זייער קולטור און האנדעל צונויפגעהאלטען די אויפ־שטייגענדע גריכיש־אלעקסאנדרישע מלוכה.

אָבער די אידישע גלות־ווירטשאפט, וועלכע איז אין איין היסטאָרישער עפּאָכע געווען נויטיג און נוצליך, איז געוואָרען אָפטמאָל אין אַ צווייטער עפּאָ־כע איבערפליסיג און שעדליך, און עס פלעגט זיך אויפהויבען א שווערער געגענדרוק געגען דעם אידישען גלות־פאָלק און זיין גלות־ווירטשאפט. דאָס אידישע גלות־פאָלק איז געווען פאר די פרעמדע פעלקער א סחורה, וועלכע מען האָט אמאָל אימפּאָרטירט און אמאָל פארטריבען, אמאָל געדולדעט און אמאָל באקעמפט, לויט נאָך דעם צי מען האָט זיך גענויטיגט אין דער דאָזיגער פאָלק־וואָרע, אָדער זי איז געוואָרען גאָר אומנויטיג און צו לאסט. אין אויפשטיי־גענדע היסטאָרישע עפּאָכען, ווען די לעבעסמעגליכקייטען און די קולטור־ווענלונגען האָבען געשפּראָצט און געוואָקסען, פלעגט אויך אויפשטייגען דער שטערען פון דעם אידישען גלות־פאָלק, וועלכער פלעגט ציען דאָס נייע ליכט פון דער סביבה און פלעגט אליין אויך לייכטען אין אלע פארבען פון רעגענ־בויגען. אין עפּאָכען פון קריזיסען, פון סאָציאלע איבערקערענישען, ווען איין היסטאָרישער פּאזים פלעגט זיך נייגען צו זיין ענד, פלעגען זיך די אלטע כחות פון דער געזעלשאפט אין זייער קאמף געגען דער נייער צייט שטענדיג צוזא־מענהעפטען צום קאמף געגען דעם אידישען פאָלק. און דאָס אידישע פאָלק פלעגט צוריק שטענדיג פארבינדען זיין שיקזאל מיט דעם נצחון פון דעם פאָרטשריט און די נייע אידעען און לעבענספאָרמען אין דער וועלט.

ווי געפאלען און דערשראָקען אידען זיינען נישט געווען אונטער דעם דרוק פון די ארומיגע פעלקער, זיינען זיי דאָך געווען אין געוויסע עפּאָכען א פאליטיש־רעוואָלוציאָנערע מאכט. ווען א פריי פאָלק פלעגט זיך אויפהויבען געגען דעם לאנד פון זייער קנעכטשאפט, פלעגען אידען אָפטמאָל מורד זיין אַן זייער פאטערלאנד און זיך פארבינדען מיט דעם שונא. אין די מלחמות בשעת דער פעלקער־וואנדערונג אין זעקסטען יאָרהונדערט זיינען אידען ניט איינמאָל געשטאנען מיט די אָנקומענדע בארבארען אנטקעגען די ענטארטעטע

קריסטליכע רוימער, פון וועלכע זיי האָבען ערוואַרטעט נאָר אונטערדריקונג און געוואַלט־טעטיגקייט. אין אַכטען יאָרהונדערט האבען די אידען פון וועסט־גאָטישען שפּאַניען, וואו זיי זיינען אונטערדריקט געווען פון דער קריסטליכער אומדולדזאמקייט, געמאכט יד אחת מיט די אַראַבער פון נאָרד־אפריקא, וועלכע האָבען עראָבערט דאָס וועסט־גאָטישע שפּאַניען. און מיט יעדער פּאָליטישער ענדערונג האָבען זיי שטענדיג פארבונדען זייער אייביגע משיח־האָפענונג, וועלכע האָט זיי קיינמאָל נישט פארלאָזען און פלעגט שטענדיג אויפפלאקערען פון דעם אַש און שטויב פון זייער גלות.

די אידען אונטער מאכמעד'ס אויפגעהענדען שטערען

אין דערזעלביגער צייט ווען עס האָבען זיך אויפגעזאמעלט צאָלרייכע אידישע קהלות אין קריסטליכען מערב־איראָפּאַ, איז אויפגעוואַקסען א נייער נאָך פיל מעכטיגערער אידישער צענטער אין אראַביען און דערנאָך אין דער גאַנצער וואונדערבאַרער מלוכה פון די כאַליפען, די יורשים פון מאַכמעד. דער שטערען פון מאַכמעדאַניזם איז אויפגעגאַנגען אין פאָדער־אַזיען אין זיבעטען יאָרהונדערט, און אונטער דעם דאָזיגען נייעם שטערען איז דאָס אידישע פאָלק אויפגעטראָטען אויף דער בינע פון דער געשיכטע מיט פאַר־איינינגטע כחות און נייעם נאַציאָנאַלען מוט.

שוין אין די אַלטע צייטען, אין צווייטען יאָרהונדערט נאָך קריסטוס, האָבען זיך געפונען אידישע קהלות אין אַראַביען. אָבער זינט דעם פינפטען יאָרהונדערט הויבט זיך אָן א גרויסער אויסוואַנדערונגס־שטראָם פון אידען אין פערסיען און בבל נאָך אַראַביען. די אַמאָליגע אַראַבער, וועלכע זיינען אין נאָרד געווען וואַנדערענדע בעדואינער, און אין דער זיד, אין תימן, איינגעזעסענע אַקערבויער, זיינען געווען נאָך זייער ראַסע און שטאַם נאָענט און פאַרוואַנדעט צו אידען. די אַראַבער פון נאָרד האָבען, לויט זייער טראַדיציע, געפירט זייער אָפּשטאַמונג פון ישמעאל בן אברהם, די אַראַבער פון זיד — פון יקטן בן עבר. אין דער סעמיטישער סביבה האָבען אידען געפונען ברייטע מעגליכקייטען פאַר זייער לעבען און זייער אייגענאַרטיגקייט. אין דער נאָרד האָבען אידען געלעבט אין אייגענע באַזונדערע שבטים: בני־קוראַיזא, בני־נדיר, בני־קאַינוקאַא. זייער הויפּט־צענטער איז געווען די שטאָט יאַתריב, וועלכע איז שפּעטער אָנגערופען געוואָרען מעדינאַ, דעם נביא'ס שטאָט. זייער באַשעפטיגונג איז געווען אַקערבוי, פיהצוכט און קאַראַוואַנען־האַנדעל. אין דער זיד, אין תימן, האָבען אידען געוואוינט צוזאַמען מיט די אַראַבער און האָבען זיך באַשעפטיגט מיט אינדוסטריע און האַנדעל, הויפּטזעכליך מיט דעם וועלטהאַנדעל, וועלכער האָט זיך אויסגעשטרעקט אויף פערסיען, אינדיען, ביזאַנץ.

דער וואַנדערונגס־שטראָם, וועלכער איז געגאַנגען פון פערסישען בבל אין אַראַביען, האָט פאַרשטאַרקט און פאַראייִדעלט דעם אידישען רעליגיעז־גייסטיגען לעבען. דער תלמוד און דער מדרש זיינען געווען אפילו א צו הויכער שטאָף, זיי זאָלען קאָנען אַריינדרינגען אין לעבען פון די אַראַבישע אידען. אָבער אידען האָבען דאָרט געלעבט טיף און שטרענג מיט דעם איין איינציגען גאָט, וועלכער לאָזט ניט צו קיין תמונה און קיין פסל; זיי

האָבען געהיט שבת, יום כפור, וועלכער האָט זיך אָנגערופען פון זיי צום עשור, און זיי האָבען דורכ'ן בליק אויפ'ן מזרח בשעת דער תפילה אָנגעהאַלטען דעם בונד מיט ארץ ישראל. אידען זיינען געווען אין יענער סעמיטישער סביבה דאָס קולטורעל העכסטע פאָלק, וועמעס גייסטיגע שטראָמען עס האָבען באַפרוכפּערט די ארומיגע אַראַבישע וועלט. ווי אין די צייטען פאַר דער ענטשטעהונג פון קריסטוס האָבען צאָלרייכע רוימער און אָנגעהעריגע פון אנדערע פעלקער אָנגענומען די אידישע רעליגיע, אַזוי האָבען אין זעקסטען און זיבעטען יאָרהונדערט פילע אראבער אין אראביען זיך מגייר געווען און אָנגעשלאָסען אָן אידען. אין זעקסטען יאָרהונדערט האָט זיך אַן אַראַבישער קעניג אַבו־קאַריב פון שבט גימאַריטען אין תימן מגייר געווען און האָט אריבערגעפירט פילע פון זיינע אונטערטאַנען צו דעם אידישען גלויבען. אַראַביען איז געווען דאַמאָלט אין צושטאַנד פון טיפער סאָציאַלער און גייסטיגער אומרואיגקייט, און די אידישע אידעע איז דאָרט געווען אַ קריטיקירענדע און פרוכטבאַרע מאַכט.

אין יענער צייט, דאָס הייסט אין אָנהויב פון זיבעטען יאָרהונדערט, איז אויפגעשטאַנען צווישען די זין פון דעם מדבר דער וואונדער־מענש מאַכמעד, וועלכער איז געווען שטאַרק אויסגעמישט מיט אידען און האָט פיל געהערט פון דער גייסטיגער אידישער תורה. ער איז לכתחילה נאָך געווען זעהר נאָהענט צום אידענטום און האָט זיין לערע אָנגעבונדען אָן אידישע טראַדיציעס און אידעען. „ניטאָ קיין גאָט א חוץ גאָט" — דיזען געדאַנק האָט ער גענומען פון אידענטום און האָט אים אריינגעוואָרפען אין דער היידנישער סעמיטישער וועלט. דער מאָנאָטעאיסטישער געדאַנק האָט געטראָגען פרוכט, אַקוראַט ווי דער אידישער גייסטיגער גאָט־פאָטער האָט אויפגערייסעלט אין אָנהויב פון קריסטענטום די גריכיש־רוימישע וועלט. מאַכמעד האָט זיך אויך אין אָנהויב געווענדעט צו אידען און פון זיי געוואָלט באַקומען די אַנערקענונג פון א נביא. ער האָט געהייסען זיינע אנהענגער פאַסטען יום־כפור, עשור און האַלטען די קאָפּ געגען מזרח בשעת דער תפילה. אָבער זיין אויפטרעטען אלס געטליכער נביא האָט אָפּגעשטויסען פון אים די אידען. באַלד האָט מאַכמעד אינגאַנצען אָפּגעלענקט פון אידענטום. ער האָט אויסגערופען: עס איז ניטאָ קיין גאָט אַ חוץ גאָט, און מאַכמעד איז זיין נביא! ער האָט אויף דעם אָרט פון שבת איינגעפירט פרייטאַג אלס דעם הייליגען טאָג. ער האָט אָפּגעשאַפט דעם פאַסטען יום־כפור און האָט איינגעפירט דעם פאַסט פון ראַמאַדאַן. אנשטאַט זיך צו ווענדען צו ירושלים בשעת דער תפילה, האָט ער געהייסען זיך ווענדען מיט'ן פנים צו דער הייליגער שטאָט מעקאַ. פאַר זיינע אנהענגער, די מושלים (גלויביגע), האָט מאַכמעד באַשאַפען באַזונדערע צערעמאָניען און פיגורען. געגען דאָס

אידישע „פאָלק פון שריפט“, ווי ער האָט עם אָנגערופען, האָט ער אָנגעהויבען פירען א קאַמף. ער האָט עראָבערט די זעלבסטשטענדיגע אידישע שבטים בני־קאינוקאָא, בני־נדיר, בני־קוראית, די אידען פון באיבאַר, און דער קאָראַן האָט אויפגענומען אין זיך שנאה און פאַראורטייל געגען די ווידערשפעניגע אידען, וועלכע האָבען צוריקגעוויזען דעם לעבעדיגען מאַכמעד ווי אַמאָל די לעגענדע פון דעם אויפגעשטאַנענעם קריסטוס.

יאָרהונדערטען זיינען אריבערגעגאַנגען ביז דאָס קריסטענטום האָט זיך באַפעסטיגט אין מערב־אייראָפּע. אָבער אין משך פון יאָרצענדליגע האָט דער מאַכמעדאניזם עראָבערט פאָדער־אַזיען, נאָרד־אַפריקע און איז שפּעטער אריינגעדרונגען אין דעם אייראָפּעאישען שפּאַניען. צוזאַמען מיט א העכערער רעליגיעזער קולטור האָט מאַכמעד געבראַכט די אראַבער סאָציאַלע גלייכהייט און האָט דערוועקט אַלע לעבענס־ליידענשאַפטען פון פאָלק. נאָך מאַכמעד'ס טויט (632) האָבען זיך די אנהענגער פון דער נייער רעליגיע מיט ברענענדען פאַנאַטיזם געלאָזען עראָבערען די וועלט. די ערשטע אראַבישע כאַליפען האָבען שוין עראָבערט פּערסיען, סיריען, פּאַלעסטינע און עגיפּטען (632 — 654). פון דיזע ערשטע כאַליפען איז אָמאַר געווען דער באַדייטענדסטער. אָמאַר האָט איינגענומען ירושלים און האָט אויף דעם אָרט פון בית המקדש אויפגעבויט די בארימטע מאָשעע, וועלכע איז געוואָרען א הייליגטום פאַר דער גאַנצער מאַכמעדאַנישער וועלט. ווי שטענדיג פלעגען זיך אידען אין זייער גלות שטעלען אויף דער זייט פון א נייער רעוואָלוציאָנערער מאַכט, האָבען אידען אויך באגריסט און געהאָלפען די אויפקומענדע אראַבישע מאַכט, וועלכע האָט פאַרענדערט די גייסטיגע און פּאָליטישע יסודות פון דער דאַ־מאָלטיגער וועלט.

די ערשטע דינאַסטיע פון די כאַליפען, די דינאַסטיע פון די אָמאַיאַדען, (661—750), האָט געהאַט איר רעזידענץ אין דמשק. דיזע דינאַסטיע איז פאַרדרענגט געוואָרען פון דער מער פרידליכער און פרייער דינאַסטיע פון די אַבאַסידען אין מיטען פון אַכטען יאָרהונדערט, וועלכע האָט געהאַט איר רעזידענץ אין בגדד. דאָס איז געווען די בלי־צייט פון אראַבישען כאַליפאַט. צו דיזער דינאַסטיע האָט געהערט דער בארימטער כאַליף הארון־אַל־ראשיד (786—809). די אַראַבישע מלוכה איז דאַמאָלט געוואָרען די מעכטיגסטע און קולטורעלסטע מלוכה פון דער וועלט. האַנדעל און אינדוסטריע, קונסט און וויסענשאַפט, האָבען געבליט. דער אראַבישער שווערד האט געדראָהט דער גאַנצער קריסטליכער אייראָפּע. דער צענטער פון דער מענשליכער קול־טור איז, ווי אין די אוראַלטע צייטען, ווידער געוואָרען דער וואונדערבאַרער טאָל צווישען די טייכען טיגרים און אייפראַט, דאָס לאַנד ארום בגדד. ניט אומזיסט האָבען אידען באגריסט דאָס אָנקומען פון דער נייער אַראַבישער

הערשאפט אין דער וועלט. די אראבישע ערָאבערער זיינען געווען פרייער, איידעלער, טאָלעראנטער איידער די קריסטליכע ביזאַנץ און רוים. אידען האָבען באקומען וויטגעהענדע רעכט פון אן אינווייניגסטער זעלבסטפאר־וואלטונג אין דעם וויטען אראבישען כאליפאט. דער אידישער ריש גלותא, די גאונים אָדער די ראשי ישיבות האָבען ווידער אויפגעריכט דעם שאָטען פון אידישער זעלבסטשטענדיגקייט. אין דער אלגעמיינער קולטור־אויפלעבונג האָט באלד זיך אויך פאַנאַנדערגעבליט רייך און גרויס דער אידישער גע־דאנק אין דער עפּאָכע פון די גאונים.

אין דער צייט פון די כאליפאטען, ווען די וועלט האָט באקומען אן אנדער פאליטיש־קולטורעלע געשטאלט און ווען אידען זעלבסט האָבען אויפ־געאָטעמט פריי און זעלבסטבאוואוסט, האָט ווידער די משיח-האָפנונג אָנגע־צונדען דאָס הארץ פון פאָלק. אן ענדערונג אין דער מלוכה, א נייער פאר־מערטער דרוק אויף אידען פלעגט געבוירען שוין ניט נאָר די משיח־האָפנונג, נאָר פלעגט ארויסרופען א משיח־באוועגונג, ניט זעלטען מיט א פּאָליטישען כאראקטער.

אין יאָר 720 איז אין סיריען, אונטער דער ממשלה פון דעם כאליף אָמאר דעם צווייטען (717—720), וועלכער האָט אָנגעהויבען צו פארפאָלגען אידען און די אידישע רעליגיע, אויפגעטראָטען א משיח מיט דעם נאָמען שריע אָדער שרינו. ער האָט צוגעזאָגט אידען ברייגנען זיי צוריק אין דעם הייליגען לאנד און פארטיליגען זייערע שונאים. די אידען פון מזרח האָבען זיך אָפּ־גערופען מיט ענטוזיאסטישען גלויבען. אפילו פילע אידען פון שפּאניען, וועלכע איז אין יענער צייט ערשט אָפּגענומען געוואָרען דורך די אראבער פון דער הערשאפט פון די וועסט־גאָטען, האָבן זיך אָנגעשלאָסען אָן דעם דאָזיגען משיח. אידען האָבען פארלאָזען זייערע הייזער און אומבאוועגליכען באזיץ און האבען זיך געלאזט געהן נאָך דעם פאנטאסטישען משיח. דער דאזיגער משיח האט, ווי פילע אַנדערע משיחים, געבראכען די תורה און דעם דין, ער האט אָפּגעשאפט תפילה, טרפה, יין נסך, יום טוב שני, כתובות און גיטין, (גרעץ, באנד 5, זייט 152: שערי צדק תשובות הגאונים כ"ד). דער סוף פון דעם דאָזיגען משיח איז געווען, אז אָמאר'ס נאָכפאָלגער, דער כאליף יעזיד, האָט אים געגומען געפאנגען, און דער משיח אליין האָט זיך פארלייקענט, אזוי אז דער כאליף האָט אים איבערגעגעבען אין די הענט פון די אידען.

דרייסיג יאָר נאָך אָט דעם משיח איז אויפגעטראָטען אין דער שטאָט איספאהאן, אין פּערסיען, א משיח מיט פּאָליטישע און קריגערישע פּייאיג־קייטען. ער האָט געטראָגען דעם נאָמען עובדיה אבועיסי. צען טויזענט אידען פון איספאהאן האָבען זיך אָן אים אָנגעשלאָסען, וועלכע ער האָט גע־

מאַכט פאַר קריגער און פאַר וועלכע ער פּלעגט אויף זיין פערד פּאַראויס־רייטען. ער האָט געוואָלט עראָבערן ארץ ישראל פאַר דעם אידישען פאָלק מיט׳ן שווערד. עס איז געווען אַ פּאָליטיש און פּסיכאָלאָגיש גינסטיגע צייט פאַר דעם אויפטרעטען פון אַ משיח. עס איז געווען די צייט, ווען עס האָט אויסגעבראָכען די מרידה געגען דעם לעצטען כאַליף פון דער דינאַסטיע פון די אָמעיאַדען, געגען מערוואן דעם צווייטען. אבו מאסלים פון די אבאסידען האָט אין כאָרזאַן אויפגעהויבען די פאָן פון מרידה געגען די אָמעיאַדען (747). בשעת מערוואנ׳ס פעלדהער האָט געהאַט אַ מפלה ביים טייך אייפראַט ביי קערבעלאַן, (749), און דער כאַליף מערוואן פון די אָמעיאַדען גופא איז צושלאָגען געוואָרען ביים טייך צאַב און האָט געמוזט לויפען פון לאַנד צו לאַנד, האָט דער משיח אבועיסי אויפגעהויבען זיין קאַמף אין דער גענענט פון איספּאַהאַן. אבועיסי האָט אָבער אין ארץ ישראל ניט אריינגעמאַרשירט. ער האָט זיך באַלד דער־פילט אומזיכער אין פּערסיען און איז געגאַנגען מיט זיין חיל צום נאָרד אין דער געגענט פון ראַי. זיינע אנהענגער האָט ער דערציילט, אַז ער וויל דאָרט אויפזאַמלען די בני משה, וועלכע האָבען זיך געפונען אין יענער געגענט. דאָרט האָט ער זיך פאַראייניגט מיט אַן אַראַבישען אָנפירער, וועלכער האָט געקעמפט געגען די אבאסידען. אין יאָר 755 איז אבועיסי געפאַלען טויט אין שלאַכט און זיינע אנהענגער האָבען זיך צעשטרייט. אויך דער דאָזיגער משיח אבועיסי האָט געלייקענט אין פילע דינים און מצוות פון דער טראַדיציע און דעם תלמוד.

אין יענער צייט, ווען די מאַכמעדאַנישע מלוכה איז דערשיטערט געוואָרען דורך דעם כאַליף מערוואנ׳ס מפלה, איז אין ארץ ישראל אויסגעוואַקסען אַ טיפע משיח־שטימונג, וועלכע האָט געהאַט אַ רעאַלע פאַרפאַרבונג. עס איז אין ארץ ישראל ערשינען די אַפּאָקאַליפּטישע שריפט: נסתרות דר׳ שמעון בן יוחאי, וועלכע האָט אין דער אומרואיגקייט פון דער צייט געוועקט די האָפנונג אויף משיח׳ן. דער ספר דערציילט, אַז בשעת ר׳ שמעון בן יוחאי איז געווען באַהאַלטען אין דער מערה פאַר דעם קיסר מלך אדום, זיינען אים נגלה געוואָרען די נסתרות פון דער משיח־צייט. די מלכות אדום (רוים) וועט געפינען אין מלכות ישמעאל איר מעכטיגען שונא. די מאַכמעדאַנער הערשאַפט איז מיט אַ כונה פון גאָט באַשאַפען געוואָרען, כדי אידען צו העלפען. שאין הקב״ה מביא מלכות ישמעאל אלא כדי להושיעכם מזאת הרשעה (דאָס הייסט, מלכות אדום). נאָך די פילע כאַליפען, וועלכע דער ספר ציילט איבער, וועט אויפשטעהן אַ מלך עז פנים, און דאַמאָלט וועט קומען משיח בן יוסף. משיח בן יוסף וועט ברייננען אידען אין ירושלים און וועט בויען דעם בית המקדש. דאַן וועט אויפשטעהן דער עקעלהאַפטער

מלך רשע ארמילאוס און ער וועט פירען מלחמה מיט משיח בן אפרים, וועלכער וועט פאלען טויט. שפעטער וועט גאָט שיקען משיח בן דוד, און גאָט וועט מקבץ זיין גאַנץ ישראל און וועט זיי ברייננען אין ירושלים, און פון הימעל וועט אראָפּנידערען אן אויפגעבויטער היכל. די ימות המשיח וועלען דויערען צוויי טויזענט יאָר, ויושבין ישראל לבטח אלפים שנה ואוכלין בהמות ולויתן... ולקץ אלפים שנה הקב"ה יושב על כסא דין בעמק יהושפט. די דאָזיגע נסתרות דר' שמעון בן יוחאי זיינען ענטשטאַנען אין יענער צייט, ווען די אמעיאדען־הערשאפט איז ערשיטערט געוואָרען און די פאַנטאַזיע האָט זיך אויסגעמאָלט, אז פון דער דאָזיגער היסטאָרישער קאַטאַסטראָפע וועט דאָס אידישע פאָלק אויפשטעהן אין נייעם הערליכען גלאַנץ (גרעץ, גע־שיכטע 5, זייט 158: נסתרות דר' שמעון בן יוחאי, ערשינען ביי יעלינעק, בית המדרש חדר שלישי).

עס זיינען געווען די ערשטע משיח־באוועגונגען אין גלות, וועלכע זיינען ארויסגעשפראָצט פון די פאליטישע קאמפען פון דער צייט און וועלכע האָבען זייער מיסטיק אָנגעבונדען אָן די רעאַלע געשעהענישען פון דער ארומיגער וועלט.

דער אידישער רענעסאנס אין אראבישען שפאניען

די אפשוואכונג פון דעם אראבישען כאליפאט אין בגדד איז נאר געווען א לאקאלע און צייטווייליגע דערשיטערונג פון דער אראבישער וועלט־הערשאפט אין יענער עפאכע. די אראבער ווערען באלד א גרויסע מאכט אין אייראפא, און נארד־אפריקא איז שוין לאנג אריינגעקומען אין זייער רשות. די דאזיגע וועלט־הערשאפט פון די אראבער, וועלכע האבען אומעטום באגרינדעט קולטור און פרייהייט און האבען דערוועקט דעם גייסט פון וויסענשאפט און פארשונג, האט געראטעוועט די אייראפעאישע מענשהייט פון אונטערגאנג אין דער נאכט־פינסטערניש פון דער קריסטליכער קירך, פון וועלכער עס האט זיך אויסגעשפרייט איבער די פעלקער א נעבעל פון פארצווייפלונג און גלייכגילטיגקייט.

וואו די אראבער דרינגען אריין אלס אראבער און באגרינדען זייער דעמאקראטישע מלוכה, אהן קלאסען און פריווילעגיעס, נאר צוזאמענגעהעפט דורך די דינים פון קאראן און דעם ענטוזיאזם פון די גלויביגע, אהין דרינגט אויך אריין דער וואנדערענדער איד פון יענער צייט. און עס איז א כלל אין דער געשיכטע, אז אין נייע יונגע מלוכות, וועלכע האלטען זיך ערשט ביים ארגאניזירען, וועלכע נויטיגען זיך אין סאציאלער פארמיטלונג און קאמערציעלער באוועגליכקייט, געפינען אידען אן ארט פון מנוחה און שוץ.

אין דעם גאנצען משך פון זייער גלות האבען ביי קיין פאלק אידען ניט געפונען אזא גייסטיגע סביבה פאר זייער סאציאלער און גייסטיגער אויפבליאונג, ווי ביי די אראבער. דער אראבישער כאליפאט, וועלכער איז אזוי פלוצלונג אויפגעשטאנען אין דער וועלט־געשיכטע, ווערט באטראכט אלס א זעלטענער וואונדער אין דער קייט פון די מענשליכע געשעענישען. ווער ווייסט, אויב מען דארף ניט זוכען דעם שליסעל צו אט דעם וואונדער אין דער פלוצלונגער דערהויבונג פון אידישען פאלק דאמאלט צו מאכט און שאפונג!

שוין אין יאר 755 האבען די אראבער אויף די חורבות פון די בארבארישע וועסט־גאטען אויפגעריכט אין זיד־שפאניען דעם קארדאווער כאליפאט. עס איז געווען די פרייעסטע און קולטורעלסטע מלוכה אין דעם גאנצען דאמאלדיגען אייראפא. צו דער דאזיגער מלוכה האבען געהערט דער זידען און דער צענטער פון דעם פירענעאישען האלב־אינזעל, מיט די שטעט קארדאווא, גרענאדא, טאלעדא, וואלענסיא, לוצענא. עס איז געשטיגען און געוואקסען דער דאזיגער אראבישער שטאט אין שפאניע, און אין צענטען יאר־

הונדערט האט שוין דער כאליף אבדור־האמאן דער דריטער (912־961) אנ־גענומען דעם טיטעל „עמיר אל מוחינים“ (דער קאפ פון די גלויביגע).

דער אראביש־שפאנישער כאליפאט פון קארדאווא איז געווען א גרויסער וועלט־צענטער. רייך עקאנאמיש און גרויס און פרעכטיג קולטורעל. די שטעט זיינען געווען שטארק באפעלקערט און די הויפט־שטאט קארדאווא האט געציילט פינף הונדערט טויזענט איינוואוינער מיט הונדערט טויזענט הייזער. דאס לאנד איז געווען רייך דורך לאנדווירטשאפט, אינדוסטריע, האנדעל. סוחרים פלעגען קומען אין קארדאווא פון מצרים און אנדערע אזיאטישע לענדער, און דער האנדעל איז אנגעגאנגען אין געווירצען און איידעלשטיינער פון פרעמדע לענדער, זייד און פארשיידענע מעטאלען, גאלד און זילבער, וועלכע פלעגען אויסגעארבייט ווערען אין קארדאווא זעלבסט. קונסט און וויסענשאפט האבען געבליט אין יענעם אראבישען ווינקעל פון איירָאפא, אין דער קארדאווער אקאדעמיע זיינען געווען אויפגעזאמעלט פיר הונדערט טויזענט מאנוסקריפטען.

אין דעם דאזיגען לאנד פון האנדעל און קולטור זענען באלד אויפגעוואק־סען צאלרייכע אידישע קהלות. די נייע הארען פון לאנד, וועלכע זיינען געקומען מיט דעם קריגסגעשריי פון גלייכהייט און דער רעליגיעזער איינפאכ־קייט פון קאראן, האבען אויפגענומען דאס אידישע קולטור־פאלק צווישען זיך מיט אפענע ארעמס. באלד האבען זיך דערנעהענט ענג די אידען מיט די אראבער. און די אידען האבען געפונען א פרייען פעלד אנצואווענדען זייערע כחות און פייאיגקייטען. אידען האבען אנטייל גענומען אין דער מלוכה, און די אראבישע הערשער האבען געהאט אידישע מיניסטארען און יועצים. אבער אויך אין דעם גייסטיגען לעבען דרינגען אריין די אידישע פאעטען און געלערנטע און זיי באפרוכטען די אראבישע וועלט און באשאפען אן אייגענע טיפזיניגע קולטור.

אין יענער צייט שטעהט אויף אין קארדאווא חסדאי אבן שפרוט (915 —970), וועלכער איז אזוי טיפיש און כאראקטעריסטיש פאר דעם גאנצען אידענטום אין אראביש־שפאנישען כאליפאט. חסדאי אבן שפרוט איז א דאקטאר, א געלערנטער, א שטאטסמאן און געוויס אויך איינער פון די רייכסטע אידען אין קארדאווא. אבער ער איז אויך א גרויסער אידישער פאטריאט. ער איז דער אידישער קרוב למלכות, וועלכער שטעהט מיט זיינע פיס אין קעניגליכען פאלאץ, אבער וועמעס גייסט עס שוועבט שטענדיג איבער די געהיימניספולע חורבות פון זיין פאלק ישראל. דער כאליף אבדוראמאן האט אים געמאכט פאר זיין הויפט־מיניסטער, וועלכער האט זיך באזונדערס אויסגעצייכענט דורך זיינע דיפלאמאטישע פייאיגקייטען. אבער זיין דיגען

דעם אראבישען כאליף איז ביי חסדאי'ן נאר א נעבען־זאך, מיט דעם שרש פון זיין הארץ ווארצעלט ער אין אידענטום און אין די אידישע אינטערעסען.

חסדאי האט זיך פון די פארשידענע געזאנדטע, וועלכע פלעגען קומען פון אנדערע מלוכות אין קארדאווא, דערוואוסט וועגען דער עקזיסטענץ פון דער אידישער מלוכה פון די כאזארען, וועלכע האט עקזיסטירט אין נײנטען און צענטען יארהונדערט אויף די ברעגען פון קאספישען ים, אין זיד־אסטען פון אייראפא. אין דער צייט פון דער גרויסער פעלקער־וואנדערונג איז אויסגעוואקסען אויף דעם נארדליכען ברעג פון קאספישען ים, אין דער געגענט פון היינטיגען אסטראכאן, די מלוכה פון די כאזארען, וועלכע האבען געשטאמט פון דער פינישער אדער טערקישער ראסע. די דאזיגע כאזארען מלוכה האט זיך דורך דעם ווידערשטאנד פון די אויפגעשטאנענע כאליפען ניט געקאנט אויסשפרייטען אין דער ריכטונג פון אזיע, דערפאר אבער האט זי זיך אויסגעשפרייט אין דער ריכטונג פון אייראפא, אויף דעם האלב־אינזעל קרים און אויפ'ן באלקאן. אין אט דער נייער מלוכה זיינען באלד אויפגע־טראטען אידען, די שטענדיגע טרעגער פון האנדעל און קולטור און די פאר־שפרייטער פון א העכערען לעבענס־זין. ווי עס איז ניט איינמאל שוין פאר־געקומען אין דער וועלט־געשיכטע, אז וואו די אלטע רעליגיעס זיינען פאנאנ־דערגעפאלען פלעגט געבארען ווערען אן אינטערעס צו דער אידישער רעליגיע, איז מען אויך אין דער היידנישער כאזארען־מלוכה אין אכטען יארהונדערט אויפמערקזאם געווארען אויף דער מוטער פון אלע רעליגיעס, אויף דאס אידענטום. דער קעניג פון די כאזארען, בולאן, האט אין יאר 730 אנגענומען דעם אידישען גלויבען; זיין ביישפיעל האבען נאכגעפאלגט פילע פון זיינע מיניסטארען און יועצים, אזוי ווי אויך גרויסע טיילען פון פאלק. די כאזא־רישע מלוכה איז געווארען א אידיש קעניגטום, און אלע רעליגיעס — די אידישע, די קריסטליכע, די מאכמעדאנישע און די אלטע היידנישע, זיינען געווען פארברייט אין פאלק.

חסדאי אבן שפרוט, דער מיניסטער ביים אראבישען כאליף, האט זיך דערוואוסט וועגען דער דאזיגער כאזארען־מלוכה און האט געשריבען צו דעם אידישען קעניג יוסף א באגריסונגס־בריף אין העברעאיש, דורך וועלכען ער האט געזוכט צו דערגעהן, צי איז אמת די שמועה וועגען דער אידישער מלוכה: „כי אם לדרוש ולדעת האמת, אם יש מקום שיש ניר וממלכת לגלות ישראל, ואין רודים בהם ולא מושלים עליהם. ואילו ידעתי כי נכון הדבר, הייתי מואס בכבודי ועוזב גדולתי ונוטש משפחתי, והייתי הולך מהר אל גבעה, בים וביבשה, עד בואי אל המקום אשר אדוני המלך חונה שם, לראות גדולתו"... (מכתב ר' חסדאי אבן שפרוט למלך הכוזרים, בראש ספר הכוזרי של יהודה הלוי). „איך וויל פארשען און דערוויסען זיך דעם אמת, אויב עס

איז פאראן אן ארט וואו עס איז פאראן א מלוכה אין אידישען גלות, און מען געוועלטיגט ניט איבער זיי און מען הערשט ניט איבער זיי. וואלט איך גע־וואוסט, אז עס איז אמת, וואלט איך מואס געווען אין מיין כבוד, וואלט איך פארלאזען מיין גרויסקייט און מיין משפחה און איך וואלט געגאנגען פון בארג צו בארג, אויף ים און יבשה, ביז איך וואלט געקומען צו דעם ארט, וואו מיין האר דער קעניג רוט, צו זעהן זיין גרויסקייט"...

ווייטער בעט חסדאי דעם כאזארישען מלך, ער זאל אים מודיע זיין, „אם יש אצלכם זכר לחשבון קץ הפלאות, אשר אנו מחכים זה כמה שנים" — אויב עס איז פאראן ביי אייך א זכר צום חשבון פון קץ, אויף וועלכען מיר ווארטען אזוי פיל יארען. אין דעם פרייען קארדאווא חלומ'ט דער אידישער מיניסטער חסדאי אבן שפרוט וועגען דעם קץ הפלאות און קומט אין דער גרעסטער ענטציקונג ווען ער דערוויסט זיך, אז עס איז פאראן וואו עס איז א אידישע מלוכה, „אשר אין רודים בהם ואין מושלים בהם".

דאס אידישע לעבען אין דעם כאליפאט פון קארדאווא האט זיך שעהן און פרעכטיג פאנאנדערגעבליט. קארדאווא איז געווארען א מיטעלפונקט פון תורה און וויסענשאפט. דער העברעאישער דקדוק האט אין קארדאווא גע־פונען זיינע פארשער און בויער אין דער געשטאלט פון מנחם בן שרוק און דונאש בן לברט. באלד איז קארדאווא געווארען א נייע פומבדיתא אין אראבישען שפאניען.

דער אראבישער כאליפאט אין שפאניען איז אבער געווען א פאראיבער־פליענדער שטערען אויף דעם טונקעלען הימעל פון מיטלאלטער. דער כאלי־פאט פון קארדאווא איז באלד פארניכטעט געווארען דורך די עראבערונגען פון דעם אפריקאנער סוליימאן, וועלכער האט זיך ארייגעריסען אין קארדא־ווא (1013).

אזוי ווי די אידען זיינען געווען געשטימט קעגען דעם בארבארישען אפריקאנער, איז זייער קווארטאל פון סוליימאן צושטערט געווארען און טויזענטער אידען זיינען אויסגעשאכטען געווארען. דער כאליפאט פון קאר־דאווא איז פאנאנדערגעפאלען און האט זיך אויפגעלייזט אין קליינע מלוכות, מיט די הויפט־שטעט גראנאדא, סעווילא, מאלאגא א. אז. וו. די אידישע קהלה האט זיך אריבערגעטראגען פון קארדאווא אין גראנאדא.

יענע נייע אראבישע מלוכות האבען ווידער אין די אידען געפונען זייערע בעסטע פריינד און נויטיגסטע העלפער. אויך דער אראבישער קעניג פון גראנאדא האט זיך באלד אויסגעזוכט זיין אידישען מיניסטער אין דער גע־שטאלט פון שמואל הנגיד (1055-992). דורך זיין הויכער שטעלונג ביים גראנאדער הויף האט שמואל הנגיד געקאנט באשיצען דאס גאנצע אידענטום פון יענער צייט. שמואל הנגיד איז אויך געווען א גייסטיגער פירער ביי

אידען און א תלמוד׳ישער געלערנטער, פון וועלכען עס איז איבערגעבליבען דער באקאנטער ספר „מבוא התלמוד". נאך זיין טויט (1055) האט זיין זון יוסף פארנומען זיין פלאץ אלס מיניסטער ביים הויף און אלס אידישער נשיא, ביז א פאגראם אין גראנאדא (1066) האט געמאכט א סוף צו דעם אידישען גלאנץ און דער אידישער מאכט אין דער נייער אראבישער מלוכה. יוסף הנגיד און מיט אים 1500 אידען זיינען דער׳הרג׳עט געווארען אין גראנאדא.

די אידישע באפעלקערונג האט זיך פארשפרייט דאן אין די אנדערע קליינע אראבישע מלוכות אין שפאניע, אין סעווילא, סאראגאסא. אפילו אין דער קריסטליכער שפאניע, אין קעניגרייך קאסטיליע, אונטער אלפאנז דעם זעקסטען, האבען אידען געפונען שוץ און לעבענס־מעגליכקייט. אין אט די אלע קליינע מלוכות איז דער אידישער גייסט, אין עקאנאמישען לעבען אזוי ווי אין דער רעגירונג, געווארען נוצליך און פרוכטבאר. אידען זיינען אין אט די אלע לענדער זעהר אפט געווען מיניסטארען און יועצים ביי די מלכים. אפילו דער קריסטליכער קעניג פון קאסטיליע אלפאנז האט געהאט זיין אידישען יועץ, אברהם אבן שלביב, א דאקטאר און געלערטער. אין אן אנדער אראבישען הויף איז געווען א אידישער מיניסטער דער בארימטער אברהם בן קייא (געשטארבען אין 1136), אן אסטראנאם און פילאזאף.

ניט לאנג האט בכלל געדויערט די אידישע גלאנץ־פעריאדע אין דער אראבישער שפאניע. פון אפריקא זיינען אין מיטען פון צוועלפטען יאר־הונדערט אריינגעדרונגען די בארבארישע פאנאטיקער, די אלמאגאדען, און האבען חרוב געמאכט די אראבישע ציוויליזאציע און קולטור פון קארדאווא און גראנאדא. די אידישע קהלות זיינען אנטלאפען פון זיד־שפאניע און געפונען שוץ אין נארד, אין קריסטליכען טייל פון שפאניע, אין קאסטיליע. דארט האט אויפגעבליט דער אידישער צענטער טאלעדא, וועלכער האט אויפגענומען די אנטלאפענע און אנטרונענע פון זיד־שפאניע. אויך אונטער די קריסטליכע קעניגען פון קאסטיליע, אין צוועלפטען יארהונדערט, געפינט אנערקענונג דער אידישער גייסט, אין וועלכען יענע צעריסענע און אויפגע־רודערטע צייט נויטיגט זיך.

יענע אראביש־אידישע עפאכע פון שפאניע איז געווען א וואונדערבארע אויפלייכטונג, וועלכע איז באלד פארלאשען געווארען און איז פארזונקען אין אפגרונט פון מיטעלאלטער. דאס אידישע פאלק האט זיך פאר א קורצער צייט אין דעם אראביש־שפאנישען כאליפאט אויפגעהויבען צו אן אומגע־וויינליכער הויך, האט זעלבסט געמאכט גרויס און קולטורעל דעם כאליפאט, האט אויפגעבויט די וויסענשאפט און די פילאזאפיע, האט געשאפען אן אייגענעם קולטור־בנין און האט געבארען פון זיך יהודה הלוי, בן גבירול, דעם רמב"ם, וועלכע האבען נאכמאל אויפגעהויבען די אידישע אידעע צו אוני־ווערסאלער גרויסקייט.

די אידען אין דער צייט פון די כאליפען

פון אכטען ביז צום צוועלפטען יאָרהונדערט דויערט די הערשאפט פון די אראבישע כאליפען אין פאָדער־אזיען און מצרים, ביז די בארבארישע מאָנגאָלען זיינען אריינגעדרונגען אין די גרעניצען פון אראבישען כאליפאט, אזוי ווי אמאָל די בארבארען אין די גרעניצען פון דער אונטערגעהענדער רוימישער אימפעריע און די אראבישע מלוכה פון באגדאד און מיט איר די אויפגעוואכטע ציוויליזאציע איז אונטערגעגאנגען אין דער בארבארישער פארפלייצונג.

אונטער דער מלוכה פון די כאליפען האט דאס אידישע פאָלק און דער אידישער גייסט פאנאנדערגעבליט צו דעם העכסטען גלאנץ. די צייט פון דעם אראבישען כאליפאט איז געווען די פרידליכסטע און פרוכטבארסטע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון גלות. שפּעטער אָבער, אונטער דעם כאליפאט אין קאָרדאָווא אין שפּאניען, האט דער אידישער געניוס פאנאנדערגעשפּרייט זיינע פליגלען און זיך אויפגעהויבען אויף די העכסטע הויכען פון גייסטיגער שאפונג.

אין דער עפּאָכע פון דעם כאליפאט פון באגדאד שטעהען אויף די גאונים, וועלכע זיינען ווייטער דער המשך פון דער תורה שבעל פה. די קוואלען פון אָריגינעלער שאפונג אין דער הלכה זיינען אפילו שוין אויסגעטריקענט, אָבער דער פּאָדים פון דעם רעליגיעזען און סאָציאלען לעבען ווערט ווייטער געשפּונען. דער סדור, וועלכער האט באקומען אזא גרויסע באדייטונג אין גאנצען אידישען לעבען, איז געשאפען געוואָרען אין די ימות הגאונים. עס איז געווען דער בארימטער סדור רב עמרם. אָבער אויך פארשידענע נייע מדרשים פאר דער דערהויבונג פון דער נשמה, פאר דער פּאָעטיש־רעליגיעזער פאנטאזיע, זיינען געבוירען געוואָרען אין יענער צייט, און אָן די מדרשים שליסען זיך אָן נייע אגדתות. אזוי שטאמען פון יענער צייט דער מדרש תהלים, דער מדרש רבא, די פרקי דרבי אליעזר, דער תנא רבי אליהו, וועלכע געהען אונטער פרעמדע אלטגרויע נעמען, נאָך דעם מנהג פון יענע צייטען.

עס איז אויך די עפּאָכע פון די פיוטים און פייטנים, פון יענער רעליגיעזער סינאגאָגאַלער פּאָעזיע, אין וועלכער די כנסת ישראל גיסט זיך אויס אין פּאָעטישען געבעט צו דעם רבונו של עולם און זוכט טרייסט און קראפט אין איר צער. אליעזר הקליר, דער קלאסישער פייטן מיט זיינע שווערע חרוזים, וועלכער פלעגט אריין מדרש־מאָטיווען אין זיין פיוט, שטאמט פון יענער צייט, (נייגטער יאָרהונדערט). דער גרונד־מאָטיוו פון דעם פיוט איז

אומעטום די תפלה פאר דער גאולה, דער געבעט פאר משיח'ן, דער גלויבען פון דעם פארפאלגטען איד, דאס דער אמת'ער גאט וועט נאך נקמה נעמען פאר זיין פאלק ישראל און עס וועט בלאזען דער שופר של גאולה: „תרעם לבוזזי, תתקע בשופר, בסעדות תימן, יבוא בקול". „דו וועסט דונערען אויף מיינע ראבירער, וועסט בלאזען אין שופר, אין מזרח־שטורם וועט קלינגען די שטים". (מחזור פון מוסף צום צווייטען טאג ראש השנה). מיט די מאטיווען פון דער תפלה, ווי דער שופר, די עקדה, ווערט פאעטיש פארבונדען דער משיח־מאטיוו און די גאולה־בענקשאפט.

פון יענער עפאכע שטאמט אויך דער „ספר יצירה", יענער מערקווירדי־גער מיסטישער בוך, וועלכען מען האט פאנטאסטיש צוגעשריבען צו אברהם אבינו. עס איז פאנטאסטישע מיסטיק מכח דער באשאפונג פון דער וועלט. צו דעם דאזיגען ספר האבען אידישע פילאזאפען און מיסטיקער, ווי סעדיה גאון, דער רמב"ם, דער ראב"ד, און פילע אנדערע געשריבען פירושים, און דער ספר איז געווארען דער גרונטשטיין פון דער קבלה.

די גלאנץ־פעריאדע פון אידען אונטער דעם כאליפאט פון באגדאד איז דערגרייכט געווארען אין דער צייט פון סעדיה גאון, וועלכער איז געווען דער ראש ישיבה פון סורא (892—942). סעדיה גאון איז דער ערשטער אידי־שער רעליגיאנס־פילאזאף אין דער גלות־צייט, נאך פילאן דעם אלעקסאנדריער אין דער עפאכע פון בית שני. אין אראבישער שפראך האט סעדיה געשריבען זיין פונדאמענטאלען ווערק „אמונות ודעות", וועלכעס איז מער איידער א פילאזאפישע באגרינדונג פון אידענטום, נאר איז אויך א באגרינדונג פון דער גאנצער וייטערדיגער ענטוויקלונג פון דער תורה שבעל פה, פון משנה און תלמוד. בשעת פילאן האט געוואלט נאר מקרב זיין די תורה צום פילא־זאפישען געדאנק, האט סעדיה געפרואווט באשאפען א פילאזאפישען יסוד פאר דעם אידענטום און דער אידישער געשיכטע. ער איז ניט נאר רעלי־גיאנס־פילאזאף, נאר אויך געשיכטס־פילאזאף. סעדיה גאון פירט א געלונ־גענע פאלעמיק געגען די אויפגעשטאנענע קראים, וועלכע זיינען די דאגמא־טיקער אין אידענטום. גאט איז, לויט סעדיה גאון, א ריין גייסטיגער וועזען, אהן וועלכען שאטען פון פארקערפערונג, פון הגשמה, און די שטעלען אין דער תורה, וועלכע זיינען מגשם גאט, זיינען ניט מער ווי מליצה, פאעזיע. דער זין פון דער געשיכטע איז דאס אידישע פאלק פון גייסט, וועמען עס ווינקט א גרויסע צוקונפט בשעת משיח וועט קומען. אין דעם מאמר ח' פון „אמונות ודעות" מאלט ר' סעדיה גאון דאס פאנטאסטישע בילד פון ביאת המשיח.

אין זיין פאנטאסטישער אויסמאלונג פון דעם קומען פון משיח שטעהט סעדיה גאון אונטער דעם איינפלוס פון דעם פריער דערמאנטען ספר: נסתרות

ר׳ שמעון בן יוחאי. אזוי זאָגט דער נסתרות ר׳ שמעון בן יוחאי: „אם לא זכו, משיח בן אפרים בא, ואם זכו יבוא משיח בן דוד, ויעמוד מלך רשע ושמו ארמילאוס ועולה לירושלים ויעורר מלחמה עם משיח בן אפרים בשער מזרחי, שנאמר והביטו אליו את אשר דקרו״... כמעט אין דעמזעלביגען אופן מאַלט ר׳ סעדיה גאון דאָס קומען פון משיח: „והוא מה שאמרו (סנהדרין צ״ז), אם ישראל עושין תשובה נגאלים, ואם לא הקדוש ברוך הוא מעמיד עליהם מלך, שגזרותיו קשות כהמן והם עושין תשובה ונגאלים... ואחר כן יהיה עליהם מלך ששמו ארמילוס וילחם בהם וילכוד העיר ויהרג וישבה ויענה, ויהיה האיש אשר משבט יוסף בכלל ההרוגים, ויהיה עמנו בצרות גדולה... ואז יראה להם אליהו הנביא הגאולה.״ (אמונות ודעות, מאמר ח׳). דער מלך רשע ארמילאוס, וועלכער וועט פירען מלחמה אנטקעגען משיח בן יוסף, איז א פאַנ־טאַסטישע געשטאַלט אין דעם משיח בילד, וועלכע איז אריבערגענומען פון דער בלוטיגער ווירקליכקייט פון די מלחמות פון דער צייט און די גזרות און פאַרפאָלגונגען אויף אידען. ווי יעדער, וועלכער האָט אויסגערעכענט דעם קץ, האָט אויך ר׳ סעדיה גאון בארעכענט דעם קץ קרוב צו זיין צייט אויף דעם יאָר 964.

דאָס יאָר 964 איז געקומען און האָט דעם קץ ניט געבראַכט. אָבער די האָפנונג אויף משיח׳ן איז ניט אָפּגעשטאָרבען. קיין בארעכענטער קץ, וועל־כער איז ניט פאַרווירקליכט געוואָרען, האָט ניט פאַרמאָגט אָפּצוהאַלטען די משיח־באַוועגונג, וועלכע האָט פּאָליטיש און פּסיכאָלאָגיש געצויגען אירע וואָרצלען פון דער ווירקליכקייט. אין יאָר 1160 טרעט אויף אין אלמעדיה, אין פערסיען, אונטער פּערסישער הערשאַפט, די וואונדערבארע פיגור פון דוד אלראי. אלראי איז געווען פיזיש שעהן, גייסטיג שטאַרק און מוטיג, און האָט געהאַט אין זיך א משיח־גייסט. זיין וואונדערבארע אונטערנעמונג צו באַ־פרייען דאָס אידישע פאָלק פון די גוים איז געוואָרען א מאָטיוו פאַר ביקאָנס־פילד׳ס ראָמאַן: דוד אלראי. עס איז געווען די צייט פון גרויסע קריגס־אומרוען אין אזיען, דער כאַליפאַט איז אָפּגעשוואַכט געוואָרען, די קרייץ־צוגען האָבען אריינגעבראַכט מלחמה אין אַלע יענע געגענטען ביז קליין־אזיען, די פאַרוואַלטער פון די פאַרשידענע פּראָווינצען האָבען געריסען די רעגירונגס־מאַכט צו זיך און אָפּגעשוואַכט דעם כאַליף, און קליינע אונטערגעאָרדענטע מענשען האָבען זיך אויפגעהויבען צו גרויסע ערָאָבערונגען און שטעלונגען. דאָס האָט געווירקט אויף דוד אלראי, און ער האָט זיך ערקלערט פאַר משיח׳ן און האָט אָנגעזאָגט אידען, אז גאָט האָט אים גערופען צו באַפרייען אידען פון דעם יאָך פון די מאַכטהאַבער און זיי ברענגען אין ירושלים. ער האָט געשריבען צו די אידען פון מאסול, באַגדאַד, אדערבאַגאַן, דאָס זיי זאָלען קומען מיט וואָפען אין דער פעסטונגס־שטאָט אמאַדיא, פון וואַנען ער האָט

געוואָלט אָנהויבן קריג געגען די פעלקער. פילע אידען, וועלכע האָבען אין אים געגלויבט, זיינען ווירקליך געקומען אין די בערג מיט וואפען פארבאָרגען הינטער זייערע קליידער. דער מאַכמעדאַנישער מושל פון אמאדיא האָט צום סוף אונטערגעשיקט אלראי׳ס אייגענעם שווער, וועלכער האָט דעם משיח געטויט. די אנהענגער האָבען זיך צעשטרייט, אָבער לאַנג נאָך זיין טויט האָבען פילע קהלות אין אים געגלויבט און האָבען געטראָגען דעם נאָמען מנחמ׳יסטען, נאָך דעם אנדערען נאָמען מנחם בן שלמה, וועלכען דוד אלראי האָט געפירט.

ארום דעם יאָר 1172 איז אין תימן, אין אראביען, אויפגעטראָטען א משיח, וועלכער האָט אָנגעצייגט די נויט פון דער צייט אַלס צייכען פאַר די ימי המשיח. עס איז דאַמאָלט געקומען איבער דער מאַכמעדאַנישער וועלט די הערשאַפט פון דעם גרויסען סאלאדין (1171) און אין דער איבערגאַנגס־צייט זיינען פאָרגעקומען אין דער אראבישער וועלט אין אזיען מלחמות צווישען די סוניטען און שיאיטען. אין די דאָזיגע פאַנאַטישע מלחמות האָבען די שיאיטען־פירער אין תימן געצוואונגען די אידען אָנצונעמען דעם מאַכמעדאַנישען גלויבען. דאָס איז געווען א גינסטיגע צייט און א נאַטירליכע סביבה פאַר א משיח־באַוועגונג. דער אויפגעשטאַנענער משיח האָט אָנגעזאָגט, אז אידען זאָלען זיך האַלטען גרייט אויפצוהויבען זיך צו געהן אין ארץ ישראל, דערווייל אָבער זאָלען אַלע אידען צוטיילען זייער גאַנצען רייכטום צווישען די אָרימע. פילע זיינען אין תימן נאָכגעגאַנגען נאָך דעם דאָזיגען פאַנטאַסטישען שווערמער, וועלכער האָט געהאַט אין זיך א ברענענדיגען פונק פון קדושה. דער אומגליקליכער סוף איז געווען אז דער אראבישער הערשער פון תימן האָט פארהאַפטעט דעם משיח. דער משיח האָט אָבער אָהן מורא ערקלערט, אז ער האַנדעלט אין גאָט׳ס אויפטראַג, און אז ער וויל, מען זאָל אים אָפּהאַקען דעם קאָפּ און ער וועט גלייך ווידער לעבעדיג ווערען. דער משיח איז געטויטעט געוואָרען, אָבער פילע אידען האָבען נאָך געגלויבט אין אים אפילו נאָך זיין טויט, ווי דאָס איז דער כלל מיט אַלע משיחים.

ווי טיף די דאָזיגע משיח־באַוועגונג האָט געלאָזען אירע וואָרצלען דאַמאָלט ביי אידען אין תימן, קאָן מען דערקענען פון דער אגרת תימן, וועלכע דער רמב״ם האָט געשיקט צו די אידען פון תימן אויף דער בקשה פון זייער גייסטיגען פירער יעקב אלפיומי. דער רמב״ם טרייסט און מונטערט אויף די אידען פון תימן און פאָדערט זיי אויף אויסצוהאַרטען אין דער אידישער אמונה און ביים אידישען פאָלק. דערביי דריקט דער רמב״ם אויס די אַלטע איבערצייגונג, אז די דאָזיגע מערקווירדיגע אומה קאָן ניט מנצח ווערען פון אירע שונאים און אז צום סוף העלפט איר גאָט. „שזאת האומה בזמן הגלות

כל מי שישתדל לנצחה ולהתגבר עליה יעלה בהשתדלותו גם כל יוכל, ולבסוף יעזרה השם וירפא מחץ מכתה" (אגרת תימן 24).

ריידענדיג וועגען דעם משיח אין תימן ערקלערט אים דער רמב"ם פאַר אַ פאַלשען משיח, און עס איז העכסט אינטערעסאַנט, וואָס פאַר טעמים דער רמב"ם ברענגט אנטקעגען דעם דאָזיגען פאַנטאַסטישען משיח. דער תימנ'ער משיח האָט אָנגעזאָגט, אַז די רייכע זאָלען גלייך צוטיילען זייער גאַנצען פאַרמעגען צווישען די אָרימע, ניט אין דער געשטאַלט פון צדקה, נאָר זיי זאָלען אָפּגעבען אַלץ. אָט דער דאָזיגער קאָמוניזם האָט זעהר איבעראַשט דעם רמב"ם און ארויסגערופען זיין פּראָטעסט. אין זיין אגרת תימן שרייבט ער בזה הלשון: „כי ראית היותו עם הארץ, מה שספרת עליו שהוא צוה בני אדם שיעשו צדקה בכל ממונם ולא שמעו ממנו, הם עשו כהוגן והוא חוטא, שהוא מרת הדת כי אין ראוי בתורתנו שיתן אדם כל ממנו לצדקה אבל קצתו... ואמרו כל הרוצה לבזבז הוא בחומש... השבל שהביאו שיתפאר שהוא משיח הביאהו שיצוה בני אדם לצאת מכל ממונם ולתתו לעניים, וישובו הם עניים והעניים עשירים ויחויבו לפי מצותו להשיב להם ממונם, ויהיה הממון בין העניים ובין העשרים חוזר חלילה, וזהו תכלית השטות" (אגרת תימן, 47). „דו זעהסט, אַז ער איז אַן עם הארץ, ווי דו האָסט פון אים דערציילט. אַז ער האָט באַפוילען מענשען, זיי זאָלען טאָן צדקה מיט זייער גאַנצען געלט, אויב זיי האָבען אים ניט געפאָלגט, האָבען זיי ריכטיג געהאַנדעלט, און ער איז אַ זינדיגער, ווארים על פי תורה דאַרף אַ מענש ניט געבען זיין גאַנץ געלט אויף צדקה, נאָר אַ טייל... און עס שטעהט, ווער עס וויל פאַרספּענדען אויף צדקה, איז ניט מער ווי אַ פינפטעל... דער שכל, וועלכער האָט אים געפירט דערצו, אַז ער זאָל זיך בארימען, אַז ער איז משיח, האָט אים אויך געבראַכט אַז ער זאָל פאַרזאָגען די מענשען אָפּצוגעבען זייער גאַנץ געלט צו אָרימעלייט, אַזוי אַז זיי וועלען ווערען ארים, און די אָרימע וועלען ווערען עשירים און וועלען, לויט זיין באַפעל, ווידער מוזען צו די אָרימע אָפּגעבען צוריק דאָס געלט, און דאָס געלט וועט זיך דרייען צווישען די אָרימע און די רייכע, און דאָס איז דער העכסטער שטות". מיט דער אידעע פון משיח האָט זיך אין דעם אידישען געדאַנק שטענדיג פאַרבונדען די אידעע פון קאָמוניזם, און די גרויסע אָפּיציעלע אידען האָבען, קענטיג, שטענדיג געפונען די דאָזיגע קאָמוניסטישע זייט פון ביאת המשיח אומפּראַקטיש און פאַנטאַסטיש.

עס איז געווען דער לעצטער אויפבליץ פון דער אידישער אידעע אין דער מלוכה פון די כאַליפען. דער אידישער צענטער האָט זיך באַלד ענדגילטיג אריבערגעטראָגען אין אייראָפּאַ.

אין קאמף צווישען קאטאליציזם און פרייען גייסט

אין דער צווייטער העלפט פון פופצעהנטען יאָרהונדערט דערגרייכט די אידישע קאטאסטראָפע אין מערב־אייראָפא איר העכסטע הויך. אין שפאניען, פּאָרטוגאַל, דייטשלאנד הויבען זיך אָן די פורכטבארע פארפאָלגונגען און גירושים אנטקעגען אידען. די וועלט האָט זיך דאמאָלט געפונען אין א טיפען איבערגאנגס־צושטאנד. אנטקעגען דעם קאטוילישען קריסטענטום האָט זיך אָנגעהויבען וועקען און רעגען דער פרייער גייסט, די זיילען פון קאטוליציזם האָבען אָנגעהויבען זיך צו שאָקלען: דער איינפאלענדער בנין פון דער אלטער קריסטליכער אָרדנונג האָט געדראָהט קודם כל צו פארשיטען די געצעלטען פון דעם אידישען פרעמד־פאָלק, וועלכעס איז שטענדיג אין דער טיפעניש פון הארץ געוועז בהסכם מיט אלע נייע און פרייע אידעען.

אין דעם קאמף פון דעם פרייען גייסט אנטקעגען דעם קאטוליציזם און דעם געגענקאמף פון דעם קאטוליציזם אנטקעגען דעם פרייען גייסט, איז אָנגעצונדען געוואָרען דאָס הויז ישראל, פון אלע פיר עקען. דאָס קאטוילישע קריסטענטום האָט אָנגעהויבען זיין בלוטיגען קאמף געגען דעם נייעם גייסט מיט דעם קאמף געגען אידען, עס האָט זיין גאנצען צאָרן אויסגעגאָסען אויף דעם פרעמדען אומזיכערען פאָלק. כדי צו פארפאָלגען די קעצער, אפיקורסים, אומגלויביגע אידען, געטויפטע אידען, וועלכע זיינען ניט קיין אויפריכטיגע קריסטען, איז באשאפען געוואָרען די אינקוויזיציע, וועלכע האָט באקומען א שווארצע, טייוועלשע מאכט איבער אירע קרבנות. הויך האָט געפלאַ־קערט דער שייטערהויפען, דער אויטאָ־דא־פע, אויף וועלכען אידען פלעגען אויפגעהן אין פלאמען, צוליב דעם כבוד פון דער קאטוילישער קירך, פון דעם בארמהערציגען קריסטענטום. די מאראנען, דאָס הייסט, די דורך צוואנג גע־טויפטע אידען, וועלכע זיינען געבליבען פארבאָרגענערהייט אידען, זיינען געוועז די בלוטיגע קרבנות פון דער אינקוויזיציע. אָבער די אפקורסים און די מאראנען פארמערען זיך אין גאנץ איירָאפא, און זייער צאָל דערגרייכט הונדערטער טויזענטער. די בלוטיגע פארפאָלגונגען געגען אידען אין קא־טוילישען איירָאפא, דאָס ברענען פון אידען אויף דעם שייטערהויפען, די קוואַלען פון דער אינקוויזיציע ווערען באַלד א שטענדיגע ערשיינונג.

אין פּאָרטוגאַל און שפאניען האָט די קאטוילישע קירך ערקלערט דעם אידישען פאָלק דעם אויסראָטונגס־קריג. דורך דער גאנצער צווייטער העלפט פון פופצעהנטען יאָרהונדערט מערען זיך די רדיפות געגען אידען אויף דעם פירענעאישען האלבאינזעל און זיי זאָגען גרויזאם אָן די שווערע קאטאסטראָ־

פע, וועלכע האָט זיך צום סוף פון יאָרהונדערט, אין יאָר 1493, אויסגעדריקט אין דעם גירוש שפּאַניען. אָבער ניט נאָר אויף דעם פירענעאישען האלבּ־אינזעל, נאָר אומעטום, וואו געגען דעם קאַטוילּיציזם האָט זיך אויפגעהויבען דער נייער פרייער גייסט, האָט זיך דער קאַטוילּיציזם געוואָרפען אויף אידען ווי אויף זיינע נאָענטסטע נאַטירליכע שונאים.

אידען זיינען פאַרפאָלגט און ארויסגעטריבען געוואָרען פון פילע דייטשע שטעט, פון מאַינץ, האלע, פּאַסאַו (1478), נירענבערג (1499), גענף (1490), קערנטען, פון מעקלענבורג (1492), רעגענסבורג (1519), ראטענבורג (1520), און פון פילע אנדערע שטעט. נאָר ווייל דייטשלאַנד איז באַשטאַנען פון קליינע שטאַטען, פלעגען אָפט די ארויסגעטריבענע פון איין שטאָט געפינען צופלוכט אין אן אנדער שטאָט, ניט ווי אין איינהייטליכען שפּאַניען און פראַנקרייך, וואו אידען זיינען פולשטענדיג ארויסגעטריבען און אויסגע־ראָטעט געוואָרען פון לאַנד. אין גאַנץ אייראָפּא, פון שפּאַניען ביז נאָרד־דייטשלאַנד, האָט זיך געעפענט פאַר דעם אידישען פאָלק א שווארצער, בלוטי־גער אָפּגרונד.

בשעת דער קאַמף געגען דעם קאַטוילּיציזם אין מיטעל־אייראָפּא איז געוואָרען אן אָפענער, איז דאָס אידישע פאָלק ענג אריינגעצויגען געוואָרען אין דעם געגען־קאַמף פון קאַטוילּיציזם געגען דער אויפשטייגענדער רעפאָר־מאַציע. אין דער צווייטער העלפט פון פופצענטען יאָרהונדערט, ווען די הוסיטען און די קעצער אין בעמען האָבען זיך אָנגעהויבען רירען געגען דעם קאַטוילּיציזם, און דער קאַטוילּיציזם האָט גענומען קעמפען געגען די נייע שטרעמונגען, האָט דער קאַטוילּיציזם אויך אויפגעהויבען א באוועגונג געגען אידען, וועלכע זיינען אויך איינגעשלאָסען געוואָרען אין די אומגלויביגע. אויך אין עסטרייך זיינען אויסגעבראָכען פאַרפאָלגונגען געגען אידען אין לויף פון דעם קאַמף פון די הוסיטען געגען די קאַטוילּיקען.

עס איז געווען די צייט פאַר דער רעפאָרמאַציע, און דער קאַטוילּיציזם האָט ריכטיג דערפילט, אַז אידען און מאַראַנען זיינען זיינע באַהאַלטענע שונאים, וועלכע זיינען שטענדיג גרייט זיך צו פאַרבינדען מיט דעם אויפ־שטייגענדען פיינט. און באמת, וואו אידען האָבען געהאַט די מעגליכקייט, זיינען זיי געווען אויף דער זייט פון די כחות, וועלכע האָבען געשטורעמט דאַ־מאָלט די קריסטליכע וועלט און די קריסטליכע קירך. אין 1453 האָבען די טערקען ערָאָבערט קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אידישע מאַראַנען און אנטלאָפענע אידען האָבען געהאָלפען די טערקען ביי דער ערָאָבערונג פון קאָנסטאַנטינאָ־פּאָל. דער קאַטוילּיציזם האָט ריכטיג דערפילט, אַז אידען זיינען אין דער דאָזיגער נייער לאַגע פון דער וועלט שונאים פון דער אַלטער אָרדנונג און שטעהען אויף דער זייט פון די נייע כחות.

ווי כמעט אין אלע צייטען פון זייער גלות, זיינען אויך די אידען פון יענער עפּאָכע געווען ווירטשאַפטליך און סאָציאַל זעהר פאַרשידען פון זייער אומגעבונג. זיי זיינען געשטאַנען עקאָנאָמיש העכער איידער דאָס איבעריגע פאָלק, זיינען געווען צווישען זיך פאַרבונדען סאָלידאַריש, האָבען שטענדיג געשטרעבט פאָרווערטס, און טראָץ דער אונטערדריקונג, האָבען זיי זיך געפילט אַלס די פרייע און העכער שטעהענדע מענשען.

א מערקווירדיג געטריי בילד פון דער סאָציאַלער און ווירטשאַפטליכער לאַגע פון אידען אין יענער צייט פון מיטעל־אַלטער, פון זייער סאָלידאַריטעט צווישען זיך, פון זייער פייאיגקייט אָפּטמאָל צו באהערשען עקאָנאָמיש די ניט־אידישע סביבה, פון דער בלוטיגער ארומיגער קנאה און שנאה געגען זיי, און סוף כל סוף פון זייער גאַנצער אומזיכערקייט און עלענדקייט, אַלס אן איינגעדרונגענע העכערע מינאָריטעט ביי א פרעמדען טיש, — א בילד דערפון גיט אן אינטערעסאנטע שטעלע אין „שבט יהודה“, פון פופצענטען יאָר־הונדערט. דער „שבט יהודה“ דערציילט פון א ויכוח צווישען דעם קעניג אַלפאָנז פון שפּאַניען און דעם קלוגען טאָמאַש, וועלכער באַשיצט די אידען. די דאָזיגע שטעלע מכח דעם ויכוח וואַרפט א ליכט אויף דער לאַגע פון אידען אין דער ניט־אידישער וועלט אין מיטעלאַלטער. דער ויכוח איז בכלל א זעלטענער פּסיכאָלאָגישער דאָקומענט מכח אידען אין גלות.

המלך: „היהודי אם יבוא בית תפילתנו ויגנוב הקאלים, מיד היהודים ימהרו להצילו. החייט הולך לשר פלוני אוהבו, והצורף אל הדוכוס וכן כלם אלו במהר ומתן ואלו בתחנונים ולא ינוחו עד שיוציאו היהודי מצרתו וראוי להחשב זה בין המדות המעולות.“

תשובת טאָמאַש: „לא ראיתי מעולם בעל שכל שיהיה לו שנאה עם היהודי ואין מי שישנא אותם כי אם כללות העם, ויש להם בזה טעם. האחד כי היהודי הוא בעל גאוה ומבקש תמיד להשתרר, ולא יחשבו שהם גולים ועבדים דחופים מגוי אל גוי, אבל להפך שיבקשו להראות עצמם אדונים ושרים, לכן העם מקנא בהם... כי כאשר באו היהודים למלכות אדוננו היו באים כעבדים וגולים, לבושי בלויי הסחבות, ועמדו שנים רבות שלא לבשו בגד יקר ולא הראו שום התנשאות... אלא ודאי שבזמן שלא נתנו מקום לקנא בהם, אהובים היו. ועתה היהודי משתרר, ואם יש לו מאתים זהובים מיד לובש בגדי משי ולבניו רקמה, מה שלא יעשו השרים אשר להם הכנסת אלף כפולות לשנה. לכן מעלילים עליהם, אולי יחשק לגרשם מן המלכות. ומגאות היהודים באו בעיר טולידו לשררה כל כך, עד שהם היו מַכים בנוצרים, ומכריזין הגדולים שבהם, שמי שיכה בנוצרי יוסר בדיניהם, ועליהם אמר שלמה (משלי ל״א, כ״א, כ״ב): תחת שלש רגזה ארץ, תחת עבד כי ימלוך. טעם שני לשנאתם, כי היהודים כשבאו למלכות אדוננו, היו עניים והנוצרים עשירים, ועתה הוא

להיפך, לפי שהיהודי הוא פקח ובעל תחבולות לקרב תועלתו (ועוד שעל דבר הרבית נתעשרו מאד), ויראה אדוננו שלשה חלקי הקרקעות והנחלות, אשר בספרד, כלם הם היו בידי היהודים (וזה מצד הרבית הכבד)" (שבט יהודה, הוצאת וויענער, הנובר, 1011).

דער מלך זאָגט: „ווען דער איד קומט אין אונזער קירך און ער גנב'עט דעם קאליך (דעם וויינבעכער), לויפען אלע באלד אים מציל זיין. דער שניידער געהט צו דעם שר, זיין גוטען פריינט, און דער גאָלדשמיד געהט צום דוקעס, און אזוי אלע מיט שוחד און מתנות, ביז זיי ווע‍לען ארויסנעמען דעם איד פון זיין צרה, און דאָס דאַרף גערעכענט ווערען צווישען זייערע גוטע מעלות."

די תשובה פון טאָמאָס: „איך האָב קיינמאָל ניט געזעהען א מענש א בעל שכל, וועלכער זאָל האָבען א שנאה געגען אידען, און עס האָבען זיי פיינט נאָר דער המון פון פאָלק, און זיי האָבען דערצו א גרונט. ערשטענס, איז דער איד א בעל־גאוה און וויל שטענדיג הערשען, און זיי האַלטען זיך ניט פאר פארוואָגעלטע און קנעכט, וועלכע זיינען פארשטויסען פון פאָלק צו פאָלק, נאָר פארקערט, זיי ווילען זיך צייגען פאר הארען, דערפאר איז דאָס פאָלק זיי מקנא... ווען די אידען זיינען געקומען אין דער מלוכה פון אונזער קעניג, זיינען זיי געקומען ווי קנעכט און פארטריבענע, אָנגעטאָן אין שמאַטעס, און יאָרען לאַנג האָבען זיי ניט אָנגעטאָן קיין טייערען בגד און האָבען ניט ארויסגעוויזען קיין שום גדלות... אין דער צייט ווען מען האָט זיי ניט מקנא געווען, זיינען זיי געווען באליבט. אָבער איצט הערשט דער איד, ווען ער האָט צוויי הונדערט גאָלדשטיק, טוט ער גלייך אָן זיידענע קליידער און פאר זיינע קינדער געשטריקטע, וואָס די שרים טוען ניט, וועלכע האָבען טויזענט מאָל אזוי פיל הכנסות א יאָר. דערפאר טראַכט מען אויף זיי אויס, טאָמער וועט מען באווירקען צו פארטרייבען זיי פון לאַנד. די אידען זיינען אין דער שטאָט טאלידא געקומען אזוי צו הערשאַפט, דאָס זיי שלאָגען די קריסטען... א צווייטער גרונט פאר זייער שנאה איז, אז ווען די אידען זיינען געקומען אין דער מלוכה פון אונזער קעניג, זיינען זיי געווען אָרים און די קריסטען רייך, איצט איז פארקערט, ווארים דער איד איז א פקח און פארשטעהט זיין נוצען (באזונדערס האָבען זיי זיך באריי‍כערט א דאַנק דעם פראָצענט), און אונזער קעניג קאָן זעהען, אז א דריטעל פון די לענדער און נחלות, וועלכע זיינען אין שפאניען, זיינען אין די הענט פון אידען (דאָס איז א דאַנק דעם שווערען פראָצענט)."

קיין עפּאָכע אין מיטעלאַלטער איז ניט געווען אזוי מסוגל פאר משיח־האָפנונגען און משיח־באוועגונגען, ווי דער סוף פון פופצענטען יאָרהונדערט. אלע געשעענישען פון דער צייט, דער אויפוואַכענדער קאַמף געגען דער קאַ־טוילישער קירך, דאָס אריינדרינגען פון די טערקען אין אייראָפּא דורך קאָנ־

סטאנטינאָפּאָל, דער גירוש שפּאַניען און די פאַרפאָלגונגען אנטקעגען אידען אין אַלע לענדער, די פּריינטליכע שטעלונג פון דעם טערק ישמעאל צו אידען, דאָס אַלץ האָט באשאפען א גינסטיגען באָדען פאַר משיח-האָפנונגען און באוועגונגען.

אין איסטריען איז דאמאָלט אויפגעטראָטען אשר לעמלין, וועלכער האָט זיך זעלבסט ערקלערט פאַר משיח'ן און האָט נבואה געזאָגט, אז ער וועט זיך מתגלה זיין אין יאָר 1502. זיינע משיח־אַנזאָגונגען האָבען געמאכט א גוואַלטיגען רושם אויף דעם גאַנצען אידישען גלות. אָבער ניט נאָר אידען, נאָר אויך קריסטען האָבען געגלויבט אין דער ריכטיגקייט פון זיין נבואה. „רבי לעמלין היה מבשר על ביאת משיח בשנת ר"ם ובכל תפוצות ישראל האמינו לדבריו. גם בין הגוים היה הקול הולך וגדול. ורבים מהם גם האמינו לדבריו. ואבי זקני זעליגמאן גאנז ז"ל הרס ונתץ תנור המיוחד למצות בהבטחתו הגמורה שלשנה הבאה יאפה מצות בארץ הקדושה. ואני הכותב שמעתי מהר"ר אליעזר טריווש אבב"ד דק"ק פרנקפורט, שאמר כי לא דבר ריק היה ושנתן אות ומופת, ואמר אולי חטאתינו גרמו ועכבוהו." (צמח דוד, דוד גאנז, פראנקפורט, מ"ג).

דאָן יצחק אברבנאל, וועלכער איז געווען דער אידישער פירער בשעת דעם גרוש פון שפּאַניען, איז אפשר מער איידער וועלכער עס איז אַנדערער אידישער פירער פון יענער צייט, דורכגעדרונגען פון דעם גלויבען אין דעם באַלדיגען קומען פון משיח'ן, פון דער ביאת המשיח אין זיין צייט שוין. ער וויל אויפמונטערען זיין דור, וועלכער איז געווען פאַרצווייפעלט און פאַר־לוירען דורך די אויסערגעוויינליכע פאַרפאָלגונגען, דורך גאָט'ס צאָרן, וועלכער האָט זיך אויסגעגאָסען אויף דעם אידישען פאָלק.

„ראיתי את ישראל נפוצים על ההרים... וכי שמעתי דבת רבים, כקטון כגדול... אומרים אמור יבשו עצמותינו, אבדה תקותנו, נגזרנו לנו בארץ... עזב ד' את בני יעקב ויוסף סלה נוטש ארמון. דברתי אני אל לבי, עת לעשות לד' לחזק ידים רפות וברכים כושלות לאמץ, לשלם נחומים לכושלי הגולה אל יתר ההמון. לדרוש מעל ספר ד' את דברו הטוב... לבקש מתי קץ הפלאות... לקרא בגרון.. כי קרובה ישועתם לבוא וצדקתם להגלות" (מעיני ישועה, אברבנאל, הקדמה דף ג'). דער אברבנאל הויבט אָן אין דעם תמר א' פון מעיני הישועה די באטראכטונג וועגען דעם, אז דער קץ קאָן ניט לייכט אויס־גערעכענט ווערען, ער רעדט וועגען קושי החקירה הזאת וסכנתה. ער וויים, אז דער קץ איז ניט נתגלה געוואָרען קיינעם ניט. דער אברבנאל ברייננט די באַקאַנטע גמרא פון סנהדרין פרק חלק: ר"ל מאי דכתיב כי יום נקם בלבי אמר הקב"ה ללבי גליתי לאברי לא גליתי. ור' יוחנן אמר ללבי גליתי ולמלאכי השרת לא גליתי. אָבער דער אברבנאל פירט אויס, אז אין דער צייט ווען די

גאולה וועט זיך אָנהויבען, איז שוין מותר אויסצורעכענען דעם קץ. „אמנם בבוא עת הגאולה, יפתח ד' את אוצרו הטוב, והעם ההולכים בחשך עד הנה, עלימו יזרח ד' ויראו הם שלא ראו הראשונים... זמן הקץ חתום וסתום בהמשך הגלות, אבל יבינוהו המשכילים בסוף הגלות ובעת הגאולה" (מעיני הישועה, מעיין א', תמר ב').

די התחלת הגאולה שטעלט ער פעסט אויף ה' אלפים רס"ג (1503), דאָס הייסט גאַנץ אויף זיין צייט (מעיין י"א, תמר י'). משיח זעלבסט איז שוין געבאָרען געוואָרען אין דער צייט פון גרוש ספרד. „ואמנם לידת משיח צדקינו אין ספק אצלי שכבר נולד קודם שנתחדש הגרוש הגדול הרג ואבדון גלות ספרד, שכפי האמת מאז נתחדשו הצרות התכופות מחבלי משיח והיתה התחלה לכל צרותיהם" (מעיין י"ב, תמר ז'). די גאולה שטעלט זיך פאַר אברבנאל מער איידער די באַפרייאונג פון אידישען פאָלק פון גלות. די גאולה איז אויך א העכערע סאָציאַלע און זיטליכע אָרדענונג. „שאין יתרבה בעולם החסד בין בני אדם, והאמת באמונות האמתיות, ולא יהיה עול בעולם כי אם צדק, ולא מלחמות כי אם שלום, וזהו חסד ואמת נפגשו צדק ושלום נשקו. ואמר חסד ואמת נפגשו, לפי שהחסד הנאמר על שלמות המדות הוא סלם ומדרגה לשלמות הדעות, אשר תאר בשם אמת וכן אמר צדק ושלום נשקו, פ' שהצדק שכל אדם יצדיק את עצמו כפי היושר, ולא יעשה עול לחברו הוא השלם וההשקט הישוב המדיני, והכלל שיתחברו השמיות האלה כלם זה בזה בזמן ההוא, ואז אמת מארץ תצמח, ר"ל שכלל האנשים ישתתפו ותצמח ביניהם אמת אמונת הש"י כעשב בארץ, ואז הצדק משמים יהיה נשקף, ר"ל שיעשה הש"י צדקה בארץ בהשפעת הטובות" (משמיע ישועה, אמשטרדם, דף פ"א ע"ב). אין אנדערע שטעלען, אין זיין פירוש צו ישעיה און ירמיה, בארעכענט דער אברבנאל דעם קץ אויף רצ"ד (1534), אָבער אויך רס"ג (1503).

די משיח האָפענונג איז שטענדיג געווען פאַרקניפּט מיט דער האָפענונג אויף א נייער לעבענס-אָרדענונג. אָבער ביי אברבנאל'ן האָט די דאָזיגע משיח-אידעע, וועלכע האָט אָנגעזאָגט אן איבערקערעניש אין דער זיטליכער און סאָציאַלער וועלט, געפונען דעם העכסטען אויסדרוק.

דוד ראובני און שלמה מלכו

דער זעכצענטער יאָרהונדערט קאָן אין דער אידישער געשיכטע באַטראכט ווערען אלס א משיח־יאָרהונדערט. דאָס אידישע פאָלק שטעהט אונטער דעם איינדרוק פון דער גרויסער קאטאסטראָפע פון גירוש שפּאניען, און נאָך איז אין ערגעץ ניט געוואָרען זיכער דער אידישער גלות. אין דער שווערער לעבענס-נויט מוז קומען די ישועה און די גאולה דורך משיח'ן. דאָס איז די שטימונג פון דער צייט.

די גאנצע דאמאָלדיגע צייט איז געווען מסוגל דערצו, דאָס משיח־האָפענונגען זאָלען אין איר אויפוואכען, און ניט נאָר משיח־האָפענונגען, נאָר אויך משיח־באוועגונגען, כמעט פּאָליטישע פארזוכען, אויפצובויען צוריק ארץ ישראל און אויסלייזען אידען פון גלות. עס איז געווען א צייט, וואו אידען האָבען מיט אמאָל אָנגעהויבען פילען א נייעם ווינט אין דער וועלט. די עקבתא דמשיחא. אין די נאָרדליכע לענדער האָט זיך אויפגעהויבען דער פּראָטעסטאַנטיזם דורך מארטין לוטער אנטקעגען דער רוימישער קירך, און דער פּראָטעסטאַנטיזם האָט אָנגעזאָגט געוויסענס־פרייהייט און קולטורעלען רענעסאַנס. דער פּראָטעסטאַנטיזם האָט ערקלערט קריג ניט נאָר קעגען דעם קאטאָליציזם, נאָר אויך קעגען אלע געוואלט־פאַקטאָרען פון קאטוילישען קריסטענטום: אנטקעגען דעם פּויבסט, דער אינקוויזיציע, די יעזואיטען, די אָרדענס. די אלטע קירך מיט גאָט'ס שטעלפארטרעטער אין רוים איז ערשיטערט געוואָרען און די שפּראָצונגען פון א נייעם גייסט האָבען זיך אָנגעהויבען ווייזען פון דער אויפטויענדער ערד.

דער קאמף פון דער רעפאָרמאציאָנס־באוועגונג געגען רוים און דעם פּויבסט האָט געמוזט אויפרודערען אלע אידישע געמיטער. דערצו האָבען זיך נאָך אָנגעהויבען הערען גאָר אייגענאַרטיגע ישועות אויף אידען אין דער באנייטער קריסטליכער וועלט. די אידישע ספרים, די תורה און דער תלמוד, וועלכע זיינען אין משך פון גאנצען מיטעלאַלטער גרויזאָם פארפאָלגט געוואָרען, זיינען מיט אמאָל אויפגעהויבען געוואָרען צו כבוד און אָנזעהן. די הומאניסטען זיינען אויפגעטראָטען, און די העברעאישע ליטעראטור און די העברעאישע שטודיען האָבען אָנגעהויבען בליען אין די קריסטליכע אוניווערזיטעטען. קריסטען הויבען אָן לערנען העברעאיש און מען זוכט אין דער וועלט העברעאישע לערער, ביי וועלכע קארדינאַלען און פירשטען זיצען ביי די פיס. דער גרויסער גייסטיגער פירער, רייכלין, ראטעוועט די אידישע ליטעראטור פון אירע פארפאָלגער. מען לערענט קבלה און רייכלין זעלבסט

גיט זיך אָפּ מיט אָט דער געהיימער אידישער וויסענשאַפט. איז דאָס ניט א צייכען פון עקבתא דמשיחא, פון דעם אָנהויב פון סוף?

יענע צייט איז אָבער אויך געווען די צייט פון די גרויסע געאָגראַפּישע ענטדעקונגען, פון וואַסקאָ דע גאַמאַ און קאָלומבוס. אַמעריקא און דער ים־וועג קיין מזרח־אינדיען זיינען ענטדעקט געוואָרען, און די אויפגערעגטע פאַנטאַזיע האָט ערוואַרט נאָך ווייטערע אויסערגעוויינליכע ענטדעקונגען. פּאָליטיש איז דערצו אייראָפּא פורכטבאַר ערשיטערט געוואָרען דורך דעם אריינדרינגען פון די טערקען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, דורך דער עראָבערונג פון דער דאָזיגער הייליגער קריסטליכער שטאָט, דורך דער נייער לאַגע אין מזרח און דעם ווייטערען אריינדרינגען פון די טערקען אין אייראָפּא. עס איז געווען א צייט פון טיפע פּאָליטישע ענדערונגען, פון גייסטיגער און רעוואָלוציאָנערער ערוואַכונג, ווען די אַלטע קאַטוילישע וועלט איז ערשי־טערט געוואָרען, און די מענשליכע פאַנטאַזיע האָט באַקומען גרינגע, לופטיגע פליגלען. די משיח־האָפענונג האָט אויפגעוואַכט מיט נייער קראַפט, אָבער זי איז געוואָרען שוין רעאַל, נאָהענט, קרוב אל השכל.

און אָט טרעט אויף די מיסטעריעזע פיגור פון דוד הראובני, וועלכער דערוועקט דעם געניאַלען פאַנטאַסט און ענטוזיאַסט, שלמה מלכו, און זיי ביידע רופען ארויס א משיח־באַוועגונג, וועלכע טראָגט שוין כמעט א פּאָלי־טישען כאַראַקטער. דוד הראובני גיט זיך ארויס פאַר אַן אָפּשטאַמלינג פון שבט ראובן, וועלכער לעבט אונאַבהייגיג אין אראַביען, און ער גיט זיך אויך ארויס פאַר דעם ברודער פון דעם דאָרט רעגירענדען אידישען פּרינץ יוסף. דוד ראובני האָט אין יאָר 1522 ארומגערייזט אין חאַיבאַר, איז געווען אין נוביען, אין ארץ ישראל, וואו ער האָט דערציילט וועגען דעם שבט ראובן. אין 1524 טרעט ער שוין אויף אין ווענעדיג. אין דער וועלט-שטאָט ווענעדיג איז געווען, אין יענער צייט פון וואונדערבאַרע געאָגראַפישע ענטדעקונגען, גענוג פּלאַץ פאַר אַלערליי פאַנטאַסטישע גלויבענס אין ענטדעקונגען פון געהיימניספולע לענדער. אידען האָבען דעמאָלט געגלויבט, דאָס באַלד וועלען אויך דער נהר סמבטיון מיט די עשרת השבטים און די בני משה ענטדעקט ווערען. אידען האָבען דערפאַר לייכט געגלויבט אין דער דערציילונג פון דעם זאָנדערבאַרען דוד ראובני, דעם שליח פון שבט ראובן אין אראַביען.

אונטערשטיצט פון די אידען פון ווענעדיג, פאָרט דוד ראובני אין רוים (אין 1524), רייט אריין אויף א ווייסען פערד אין הויף פון פּויבסט קלעמענס דעם זיבעטען און ווערט עמפּאַנגען פון פּויבסט אין אוידיענץ. דער פּויבסט קלעמענס דער זיבעטער, וועלכער איז דאַמאָלט געווען שטאַרק געדריקט פון דער אויפשטייגענדער פּראָטעסטאַנטישער באַוועגונג, איז געווען גינסטיג צו אידען. ער האָט אויפגענומען דוד ראובני מיט פיל פריינדשאַפט. פּילייכט

האָט אים אויסגעזוכט מעגליך דער געדאַנק צו אָרגאַניזירען אַ אידיש חיל, כדי מיט אים ארויסצוטרייבען די מאַכמעדאַנער פון פּאַלעסטינא און זיך אליין שטעלען אָן דער שפּיץ פון אַ נייער קרייצצוג־באַוועגונג.

דער קעניג פון פּאָרטוגאַל, יאָאַ דער דריטער, האָט שפּעטער איינגע־לאַדען דוד ראובני אין זיין הויף אין אַלמיירימ, וואו דוד איז (נאָוועמבער 1525) אָנגעקומען מיט אַ גרויסער דינערשאַפט און פיל פּאָמפּ. דער קעניג האָט אים אויפגענומען מיט פיל כבוד, און עס איז אָפּגערעדט געוואָרען אַ פּלאַן, דאָס פּאָרטוגאַל זאָל שיקען וואַפען און קאַנאָנען פאַר די אידישע מלוכות אין אַראַביען און נוביען. דער קעניג פון פּאָרטוגאַל, וועלכער האָט זיך געוואָלט פאַרבינדען מיט די דאָזיגע וויטע אידישע שבטים, האָט דער־וויל אָפּגעשטעלט די פאַרפאָלגונגען געגען די מאַראַנען אין זיין לאַנד און אויך די איינפירונג פון דער אינקוויזיציע. אַ גרויסע שמחה האָט זיך פאַר־שפּרייט צווישען די מאַראַנען פון פּאָרטוגאַל און שפּאַניען, וועלכע האָבען געלעבט אין טויט־שרעק פאַר פאַרפאָלגונגען און האָבען געזיפצט טיף אונטער דעם דרוק פון דער אינקוויזיציע. די משיח־האָפנונגען זיינען הויך געשטיגען און די אַטמאָספערע איז דערהיצט געוואָרען פאַר וואונדערבאַרע נסים ונפלאות.

דוד ראובני'ס אויפטרעטען האָט אויפגעוועקט די פאַנטאַזיע פון אַן אויסערגעוויינליך טאַלאַנטפולען און זעהר פּאָרנעמען מאַראַן אין ליסאַבאָן, דיאָגאָ פּירעס, אָדער שלמה מלכו (1501־1532), וועלכער איז געווען אַ סעק־רעטער ביים קעניג. מלכו איז געבאָרען געוואָרען אַ קריסט, אָבער איז געווען אַ פאַרבאָרגענער מאַראַן און ער האָט נאָך אין זיין יוגענט געלערענט תלמוד און קבלה. ער איז שטענדיג געווען אַ פּאָעטיש־פאַנטאַסטישע נאַטור, אָבער דוד ראובני'ס אויפטרעטען האָט אים אריינגעוואָרפען אין משיח־עקסטאַז. ער האָט זיך אָנגעשלאָסען אָן דוד ראובני, האָט זיך מל געווען, האָט אָנגע־הויבען זעהען חלומות און זעהונגען, און האָט זיך באַלד אליין באַטראַכט פאַר משיח'ן. פון פּאָרטוגאַל איז ער אָפּגעפאָרען אָדער גאָר אַנטלאָפען אין דער טערקיי, און האָט זיך אויפגעהאַלטען אין סאַלאָניקי. זיין פּערזענליכ־קייט האָט דאָרט באַקומען אַ גרויסען איינפלוס, און אפילו דער באַרימטער יוסף קאַרא איז באַלד געוואָרען זיין נאָכפאָלגער. ער האָט געהאַלטען דרשות און האָט ארויסגעגעבען אַ ספר פון זיינע דרשות: ספר המפואר, וואו ער האָט דורך קבלה'שע חשבונות און גמטריאות אָנגעגעבען דעם קץ אויף 1540. דערווייל האָט דער פּאַל פון רוים (1527) דורך קאַרל דעם פינפטען אָנגע־צונדען ביי אַלע אידען פון דער דאַמאַלטיגער וועלט די שלאָפענדע משיח־האָפנונגען. אין שפּאַניען און פּאָרטוגאַל האָבען די מאַראַנען אַ דאַנק דוד ראובני און שלמה מלכו'ס אויפטרעטען באַקומען אַזוי פיל מוט, אַז זיי

האבען איינמאָל אפילו מיט וואפען אין דער האַנט באפרייט זייערע געפאַנ־גענע ברידער פון דער אינקוויזיציע.

אין ספר המפואר רעדט שלמה מלכו וועגען ביאת המשיח, אז די גאולה דארף באַלד קומען. דורך זיינע פארשטעלטע אַנדייטונגען און חשבונות קאָן מען זעהען, אז ער האָפט אויף דער גאולה אויף דעם יאָר ש׳—1540. אָבער ער זוכט נאָך דעם ריכטיגען יאָר פון דעם קץ צו באהאלטען, כאָטש ער זאָגט אים אָן אויף באַלד. „ואין לי רשות לגלות החתום אבל קרובה ישועתנו ויגלה לכל במהרה בימינו". (ספר המפואר, ווארשא, 1883, דף 41). דער מערקווירדיגער ספר המפואר האָט אַ מאָראַליש־קאַבאַליסטישען זין. ער וויל אריינברייגנען אַ מאָראַלישע אָרדנונג אין דער וועלט. די שאַפונג פון דעם וועלטאַל איז נאָר אַ משל אנטקעגען די מאָראַלישע אידעען, וועלכע זיינען דער העכסטער צוועק און דער אמת׳ער זין פון דער יצירה. דער אייביגער אידישער געדאַנק, אז די גאַנצע וועלט איז באשאַפען געוואָרען נאָר צוליב דעם פאָלק ישראל, באלעבט אויך דעם ספר המפואר. אָבער דער זין פון דעם פאָלק ישראל איז די תורה, וועלכע שטעהט איבער דער יצירה. די פאַר־פאָלקאָמענונג פון די מדות און דאָס גובר זיין דעם יצר הרע און דעם גוף, וואָס דאָס איז מקרב די גאולה, איז דער וועג צו דער תורה. מיט אַ העכסט אינטערעסאַנטער און באַלערענדער אויפציילונג פון מאָראַלישע פירונגען פאַר דעם מענשען, אויסגעדריקט אין נעגאַטיווער פאָרם, וואָס דער מענש דארף ניט טאָן, שליסט אָפּ מלכו זיין ספר המפואר.

די גינסטיגע שטימונג פון דעם פּאָרטוגעזישען קעניג צו דוד ראובני האָט אָבער באַלד אויפגעהערט. אונטער דעם איינפלוס פון מעכטיגע אידישע שונאים האָט זיך דער קעניג באַלד אויסגעניכטערט פון ראובני׳ס איינפלוס און האָט באפוילען אים צו פאַרלאָזען פּאָרטוגאַל. דוד ראובני איז אָפּגע־פאָרען אין שפּאַניען, וואו מען האָט אים געשטעלט פאַר דעם משפט פון דער אינקוויזיציע. דער קאַיזער קאַרל דער פינפטער האָט אים אָבער באפרייט, און ראובני איז אָפּגעפאָרען אין אוויניאָן. נאָכדעם ווי דער קעניג פון פּאָר־טוגאַל האָט איבערגעריסען זיינע באַציאונגען מיט דעם געזאַנדטען פון דער אידישער מלוכה, איז פאַר די אידישע שונאים אויך פיל לייכטער געוואָרען דורכצופירען ביים קעניג, אז ער זאָל ערלויבען די אינקוויזיציע אין פּאָרטוגאַל.

דערווייל איז שלמה מלכו צוריקגעקומען פון אָריענט אין איטאַליען און איז אריינגעפאָרען אין רוים. אין רוים הויבט מלכו אָן צו זאָגען משיח־נביאות, שטויסט זיך אָבער באַלד אָן אויף שונאים פון אידישער זייט, וועלכע האָבען מורא פאַר זיין אויפטרעטען. פון דער אנדערער זייט געפינט ער אויך אַ טיפען אָבקלאַנג צווישען אידען. ער דרשנ׳ט אין דער רוימישער סינאַגאָגע און זאָגט פאָראויס אַ וואסער־פאַרפלייצונג אין רוים. שפּעטער טרעפט

ער זיך מיט דוד ראובני אין וועגעדיג, אָבער ער פארנעמט שוין געגען זיין פריערדיגען לערער א זעלבסטשטענדיגע שטעלונג. צו דוד ראובני האָט מען אין וועגעדיג נאָך אַלץ געהאט צוטרויען, און דער סענאט פון וועגעדיג האָט צו אים געשיקט אמאָל א געאָגראַף, כדי צו פרעגען זיין מיינונג מכח די פּלאַנען און מיטלען ווי צו עראָבערען דעם אָריענט (1530). געגען מלכו און זיין משיח־נבואה זיינען אָבער פילע אידען געווען פיינדליך. א דאַנק דער מסירה פון אידען האָט מען מלכו געשטעלט פאר אן אינקוויזיציע־געריכט, וועלכער האָט אים פאראורטיילט צו פארברענען. אָבער דער פּויבסט קלעמענס דער זיבעטער האָט געשיקט שטילערהייט אן אנדערען צום שייטער־הויפען און האָט געראטעוועט מלכו פון טויט. די דאָזיגע וואונדערבארע רעטונג האָט נאָך מער פארשפּרייט מלכו'ס נאָמען צווישען אידען אַלס משיח.

אין יאָר 1532 טרעטען אויף שלמה מלכו און דוד ראובני זעהר דרייסט און געוואגט אין רעגענסבורג, וואו דער דייטשער קאיזער קארל דער פינפטער האָט צונויפגערופען א רייכסטאג. שלמה מלכו און דוד ראובני האָבען גע־וואָלט דעם קאיזער קארל בעטען, ער זאָל זיי געבען שיפען און אמוניציע, כדי צו עראָבערען ארץ ישראל פון די טערקען און אראבער. דאָרט האָט זיך שלמה מלכו געטראָפען מיט יאָסעלין פון ראסהיים, דעם אידישען שתדלן, וועלכער פלעגט זיך בוקען און קניען פאר די מעכטיגע פון דער וועלט און אויסבעטען טובות פאר אידען. יאסעלין פון ראסהיים האָט זיך געבעטען ביי שלמה מלכו, אז ער זאָל ניט אויפטרעטען מיט אזעלכע פורכטבארע פּלאַנען פאר'ן קיסר און זאָל ניט ברייגגען קיין גזרות אויף אידען. אָבער דער שטאָל־צער, געבילדעטער, פאנטאסטישער מאראן האָט געקוקט מיט א געפיל פון רחמנות אויף דעם נידערגעבוקטען שתדלן יאסעלין, וועלכער האָט גערעדט נאָר דייטש־אידיש און האָט דורך זיין הכנעה געוועקט רחמנות ביי גוים. דער קיסר קארל האָט, פארשטעהט זיך, געלאָזט באלד ארעסטירען די צוויי משיחים. שלמה מלכו איז אויף דעם קיסר'ס באפעהל פארברענט געוואָרען אויף דעם שייטערהויפען און איז געשטאָרבען אויף קדוש השם דעם מארטי־רער־טויט (1532). דוד ראובני האָט מען ארייגגעוואָרפען אין א געפיינגניש פון דער אינקוויזיציע, וואו ער איז אין דריי יאָר ארום שפּעטער געטויטעט געוואָרען דורך גיפט.

דורך דעם לויף פון דעם גאנצען זעכצענטען יאָרהונדערט האַלטען אָן די משיח־ערוואַרטונגען און ניט נאָר מקובלים נאָר אפילו תורגים באַשעפ־טיגען זיך ערנסט מיט אויסרעכענען דעם קץ. די בלוטיגע נויט און די שטענדיגע גזרות אויף אידען אין אלע לענדער מאַכען די אַטמאָספערע גינסטיג און עמפּפאנגליך פאר אלערליי מחשבי קצין. דער טראַגישער טויט פון שלמה מלכו האָט ניט בארואיגט און ניט אויסגעניכטערט די גייסטער,

נאָר עס זיינען אויסגעוואַקסען נייע האָפנונגען, וועלכע האָבען זיך אָנגע־קניפּט אָן שלמה מלכו'ס וואונדערבאַרער פּערזענליכקייט. די רעפאָרמאַציע באַוועגונג און דער שטורץ פון רוים האָבען די דאָזיגע האָפנונג גענערט. אַזוי שרייבט א מקובל יוסף פון ארלי, פון איטאַליען, אין זיין „לקוטים שונים" וועגען דער רעפאָרמאַציע, לוטער, שלמה מלכו און די בני משה: „תהיה ישועתנו בעת אמונת ישו בארץ תפול מפני יד דתות וחוקים רבים משונים. מ... (מארטין) יחדש נגד עמים ושרים, כי ממשלתו חזקה לנצח בכל עוז... מ... (מארטין) יבזה קלימינטי ומלכותו וכומריו ואלהיו אף נקמות יעשה והרג... פקודת מלחמות ורעות זרות, הפוכים, בלבולי מעמדות, אז תגלגל מרה לנקום שרפת מולכו ישראלי הושלך ונשרף, ה' אניות לעשרת השבטים ינשאוהו כרצונו וצביונו, להציל קדושת דמותו ותמונת שלמה יביט שונאו". (שטיינ־שניידער, המזכיר, באנד 5, בערלין, 1862, זייט 45).

די מקובלים פון יענער צייט האָבען געגלויבט, אז משיח וועט קומען אין זייערע טעג, און אז די גאולה איז נאָהענט. דער גרעסטער פון אַלע מקובלים, דער אר"י הקדוש, האָט פעסטגעשטעלט דעם קץ אויף דעם יאָר 1568. ר' חיים וויטאַל, דעם אר"י הקדוש'ס תלמיד, וועלכער האָט זיך אליין געהאַלטען פאַר א משיח, האָט גע'דרשנ'ט וועגען דער גאולה אין יאָר 1608. ווידער האָט זיך איבערגע'חזר'ט דער אַלטער כלל, אז יעדער מקובל און מחשב קצוים האָט אויסגערעכענט דעם קץ אויף זיין צייט, במהרה און בימינו.

דער לעצטער משיח

דיווירטשאפטליכע טעטיגקייט פון דעם גלות־פאָלק אין מיטעלאַלטער האָט געמאכט אים אמאָל נוצליך און ווילקאָמען צווישען די פרעמדע פעלקער, און אמאָל איבערפליסיג און שעדליך פאר דער אייגענער ווירטשאפט פון די פעלקער־בעלי־בתים. די דאָזיגע ווירטשאפטליכע טעטיגקייט האָט געגעבען די אידען די מעגליכקייט צו קומען אין דער פרעמד, אָבער זי איז אויך געווען די אורזאך פון אלע בלוטיגע פארפאָלגונגען אנטקעגען זיי. די דאָזיגע טעטיגקייט פלעגט פאראיינם פארברייטען דעם שטח פון גלות, אָבער זי פלעגט אויך שטענדיג פארשמעלערען און פאראיינגערען דעם דאָזיגען שטח דורך רדיפות און גירושים.

די אָרגאניזירונג און דער אויפבוי פון די מלוכות פון פוילען, רוסלאַנד, ליטע, בעהמען און אונגארן האָבען געשאפען ברייטע מעגליכקייטען פאר דער איינוואנדערונג פון דעם אידישען גלות־פאָלק, וועלכער האָט געהאט אזויפיל ווירטשאפטליכע פעאיגקייטען און טראַדיציעס. עס האָט זיך אָנגעהויבען אין שפּעטערען מיטעלאַלטער די אידישע וואנדערונג פון מערב־אייראָפּא אין מזרח און דרום־מזרח־אייראָפּא. ווי אין אָנהויב פון מיטעלאַלטער זיינען אידען אריינגעדרונגען פון דרום אין דייטשלאַנד, אזוי האָט זיך אין שפּעטערען מיטעלאַלטער פאנאנדערגעגאָסען די אידישע וואנדערונג אין די סלאַווישע לענדער און אין די קארפּאטען־לענדער, וואו זיי האָבען געפונען מער פרייהייטען און לעבענס־מעגליכקייטען איידער אין דייטשלאַנד. שוין אין 14־טען יאָרהונדערט, אין דער צייט פון דעם שווארצען טויט, האָבען זיך אידען געפונען אין פוילען אין א רעלאַטיוו רואיגערער לאַגע איידער אין דייטשלאַנד. מיט זייער אינדוסטריעלען חוש, מיט זייער פּראַקטישער גע־שיקטקייט האָבען אידען עקספּלואַטירט דאָס פּראָדוקטען־רייכטום אין אונגארן, פוילען, ביי די קארפּאטען. אין אונגאַרן זיינען אידען באַשטימט געוואָרען אלס באאמטע, ביי דער פאכט פון זאַלץ, מינצען, שטייערען.

אין פערצענטען יאָרהונדערט זיינען אידען געגעבען געוואָרען פאַרשיידענע פּריווילעגיעס אין פּוילישען קעניגרייך און אין ליטע, אָבער די פּריווילעגיעס האָבען געהאט אין אויג די נוצליכקייט פון אידען פאר דעם לאַנד. די אידען האָבען געבראַכט אין לאַנד פליסיגען קאַפּיטאַל. די אידען — אזוי זאָגט זיך אין סטאטוט פון קאַזימיר — דארפען האָבען אלע מיטלען אָנצוזאמלען געלט, כדי אין פאַל פון נויט זאָלען זיי א טייל דארפען אָפּגעבען דעם שטאַט. זיי זיינען צוגעצויגען געוואָרען אין יענע לענדער, כדי צו

העלפֿען ענטוויקלען אין די שטעט האנטווערק און האנדעל. זיי זיינען גע־וואָרען א נויטיגער ווינקעל־שטיין אין דעם אויפֿבוי פֿון די שטעט.

אין די פֿאראָרדענונגען פֿון דעם קרוין־סיים אונטער וולאדיסלאוו דעם פֿערטען, פֿון יאָר 1633, ווערט געזאָגט, אז אין פֿאַל ווען די פּרייזען פֿלעגען ווערען טייער אויף אלע סחורות, פֿלעגען די מיטגלידער פֿון גרויסען ליטווישען קעניגטום זיך ווענדען צום קעניג, אז ער זאָל פֿארלייכטערען דאָס רעכט פֿון אידען צו האנדלען, און דער קעניג פֿלעגט דערפֿילען זייער וואונש. אידען אין פּוילען זיינען נאָר צוליב דעם איינגעלאַדען געוואָרען, כדי זיי זאָלען זיין א געגענגעוויכט אין די פּוילישע שטעט קעגען די דייטשע האנטווערקער און הענדלער. שטענדיג, ווען עס איז נויטיג געווען אויפֿצוריכטען די שטעט, וועלכע זיינען הרוב געוואָרען דורך שׂרפֿות אָדער דורך מלחמות, אָדער ווען מען האָט געדאַרפֿט בויען נייע שטעט, האָט מען איינגעלאַדען אהין אידען. אין די דערפֿער אָבער האָבען אידען ניט געהאַט קיין שום וואוינרעכט. דאָס איז געווען די רעכטליכע לאַגע פֿון אידען אין פּוילען אין 16טען און 17טען יאָרהונדערט, וואו אידען האָבען, פּונקט ווי אין דער טערקיי, דאמאָלט גע־פֿונען א מקום־מקלט.

פֿינסטער און דערנערדיג איז געווען דער וועג פֿון דעם אידישען גלות־פֿאָלק דורך דעם גאנצען מיטעלאַלטער, און נאָר דורך די מערקווירדיגע אייגענ־ארטיגקייטען פֿון זיינע לעבענס־פֿאָרמען און זיין גייסט האָט זיך דאָס דאָזיגע פֿאָלק געקאָנט דערהאַלטען אין דער געשיכטע. אָבער אין דעם סוף פֿון מיטעלאַלטער, אין דעם 17טען יאָרהונדערט, איז איבער דעם דאָזיגען פֿאָלק געקומען די שווערסטע קאטאסטראָפֿע, א קאטאסטראָפֿע, וואָס האָט אים כמעט געשטעלט אויף דעם ברעג פֿון אָפּגרונט.

אין מערב־אייראָפּא האָט דער דרייסיג־יאָריגער קריג (1618־1648) צו־שטערט די אידישע קהלות, פֿאַראָרימט דעם פֿאָלק, געיאָגט אים און געטריבען פֿון לאַנד צו לאַנד און פֿון אָרט צו אָרט. דאָס אידישע לעבען איז צושטערט געוואָרען אין דעם שטורם פֿון דער צייט. צו דעם דרייסיג־יאָריגען קריג אין מערב אייראָפּא זיינען אָבער באַלד צוגעקומען די בלוטיגע פֿארפֿאָלגונגען, די רדיפֿות און שחיטות אויף אידען אין אוקראַינע און פּוילען דורך באָגדאַן כמעלניצקי, די אזוי־אָנגערופֿענע גזרות ת"ח.

די דאָזיגע קאטאסטראָפֿע אין דער אידישער געשיכטע איז געווען דער פּועל־יוצא פֿון דער אידישער ווירטשאַפֿטליכער פֿונקציע צווישען די פֿעלקער. זי האָט זיך פֿאַרשאַרפֿט אויף דעם העכסטען אופֿן. די סאָציאַלע סתירה צווישען דעם אידישען פֿאָלק און דער ניט־אידישער סביבה, די אלע באַ־האַלטענע ליידענשאַפֿטען, די שׂנאה, די פֿאָראורטיילען, די געפֿילען פֿון

פרעמדקייט זיינען אויסגעבראָכען ווי א בלוטיגער שטורם קעגען דעם פלוצ־לונג הפקר־געוואָרענעם אידישען פאָלק.

אין זעכצעטען און זיבעצעטען יאָרהונדערט האָט זיך מיט דעם אי־דישען פאָלק אין אוקראַינע איבערגע׳חזר׳ט דערזעלביגער פּראָצעס, וואָס ציט זיך ווי א רויטער פאָדים דורך דער גאַנצער אידישער געשיכטע. אין יענער עפּאָכע זיינען ענטשטאַנען די פּוילישע קאָלאָניעס אין אוקראַינע און דער זאפּאָראָזשסקאיא סעטש. קאָזאַקען און קליינרוסען זיינען געווען די קאָלאָניסטען און אויפבויער פון יענע רייכע נייע געגענטען, וועלכע זיינען ביז דאַמאָלט נאָך געווען פאַרשלאָסען פאַר מענשליכער ארבייט און אויפבוי. דער פּוילישער אדעל האָט די דאָזיגע קאָזאַקישע באפעלקערונג געהאַלטען אין לייב־אייגענשאַפט, און אוקראַינע איז געווען, אזוי צו זאָגען, א פּוילישע קאָלאָניע. דער פּוילישער אדעל האָט אָבער ניט געהאַט די פייאיגקייט אליין די דאָזיגע געביטען צו באַהערשען און די קאָלאָניעס אויסנוצען און עקספּלו־אַטירען. און ווידער זיינען אידען געוואָרען דער קאָלאָניזירענדער און ציוויליַ־זאַטאָרישער עלעמענט אין יענע האַלב־ווילדע געגענטען.

די סאָציאַלע ראָלע פון די אידישע איינוואַנדערער אין אוקראַינע איז געווען אן אייגענאַרטיגע. א נוצליכע פאַר דעם פּוילישען אדעל אָבער א פאַר־דערבליכע פאַר די קליינרוסישע קאָלאָניסטען. דער פּוילישער אדעל האָט אויסגענוצט די קולטורעל העכערע אידען, כדי אויפצוקלייבען די שטייערען און אָפּצאָלונגען פון די קאָזאַקען, כדי צו האַלטען אוקראַינע אין ווירטשאַפט־ליכער שקלאַפעריי. אידען פלעגען זיין ביי דעם פּוילישען אדעל אין אוקראַינע די אַרענדאַטאָרס, די שענקער, די וואָכערניקעס, און פלעגען העלפען אויס־בויטען און אויספּרעסען די קליינרוסען. ניט איינמאָל האָבען זיך די קאָזאַקען אויפגעהויבען קעגען די פּאָליאַקען און האָבען געדראָהט אויך די אידען מיט אויסשלאַכטונג און פאַרדאַרבונג. צום סוף האָבען זיך די קאָזאַקען באמת אויפגעהויבען קעגען די פּאָליאַקען, האָבען געשטירצט זייער ממשלה, האָבען זיי געקוילעט און געטריבען פון אוקראַינע. דער גאַנצער צאָרן פון דער אוקראַינישער באפעלקערונג האָט זיך דאַמאָלט אויסגעגאָסען אויף די אידען, וועלכע זיינען געווען דער ווערקצייג אין די הענט פון דעם פּוילישען אדעל. אין יענע אויפשטאַנדען, וועלכע טראָגען דעם נאָמען גזרת ת״ח, און וועלכע האָבען געדויערט פון 1648 ביז 1658, זיינען פון א פערטעל מיליאָן ביז זעקס הונדערט טויזענט אידען אויסגעקוילעט געוואָרען, גאַנצע קהלות זיינען חרוב געוואָרען, פרויען און מיידלאך זיינען געשענדעט און פאַרשלעפּט גע־וואָרען, דאָס גוטס איז צוראַבירט געוואָרען.

ווי שטענדיג אין אזעלכע פאַלען, איז דאָס אידישע פאָלק אין פּוילען און אוקראַינע, נאָך די דאָזיגע בלוטיגע הריגות, ענטרעכטעט געוואָרען אויך פון

דעם געזעץ. אין די הונדערטער טויזענטער זיינען אידען געלאָפען פון אוקראַינע אין דייטשלאַנד, אין מערב־אייראָפּע, אין טערקיי. נאָך דעם בלוטיגען חורבן איז געקומען דער אומגליקליכער הילפלאָזער גלות פון סלאַ־ווישען אידענטום. און דער חורבן און דער גלות פון אוקראַינע איז צונויפ־געפאַלען מיט דעם חורבן און דעם גלות פון די אידען אין מיטעל־אייראָפּא, וועלכע האָבען נאָך אַלץ געליטען פון די נאָכווירקונגען פון דעם דרייסיג־יאָריגען קריג.

יענע בלוטיגע צייט איז, פאַרשטעהט זיך, געווען מסוגל פאַר משיח־האָפענונגען און משיח־באַוועגונגען. דער וועה־געשריי פון אידישען פאָלק האָט אין גאַנץ אייראָפּא געשריען ביז צום הימעל. דאָס פאָלק האָט געדורשט נאָך דערלייזונג, די פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט געזוכט דעם קץ. און ניט נאָר האָט מען געזוכט דעם קץ, נאָר עס איז אויך אויפגעטראָטען א מערקווירדיגע משיח־באַוועגונג, די גרעסטע פון אלע משיח־באַוועגונגען אין לויף פון גאַנצען גלות, די גרעסטע און אויך די לעצטע אין אידישען מיטעלאַלטער, די באַ־וועגונג פון שבתי צבי.

אויף דעם יאָר ת"ח (1648) האָט שוין דער זוהר באַרעכענט תחית המתים: „באלף שתיתאי לזמן ארבע מאות ותמניא שנין יהיו קימין כל דיירי עפרין בקיומיהון, והיינו דכתיב בשנת היובל הזא"ת תשובו איש אל אחוזתו". די דאָזיגע שטעלע פון זוהר איז געווען אין יענער צייט ווי א היילונג פאַר דער פאַרוואונדעטער נשמה פון פאָלק. און אַלע מקובלים פון יענער צייט האָבען אָנגעזאָגט דעם קץ אויף דעם יאָר ת"ח. הערץ בן יעקב אלחנן (געבוירען אין פראַנקפורט), וועלכער האָט געלעבט אין סוף פון 16טען און אין אָנהויב פון 17טען יאָרהונדערט אין ארץ־ישראל און איז געווען דעם אר"י'ס א תלמיד, זאָגט אָן דעם קץ אויף דעם יאָר ת"ח, אין איינקלאַנג מיט'ן זוהר: „סוף זוהר וארא ופרשת אמור: ששת ימים תעשה מלאכה. ר' חייא ור' יוסי הוא אזלי באורחא וכו' ובשנת ת"ח יקח משיח המלוכה ממנו... ועל זה נאמר משנת היובל הזאת, דהיינו ה' אלפים זא"ת תשובו איש אל אחוזתו, שהוא ת"ח לאלף השישי, והיא עת רצון, אחת מאותם הקיצים שמתחילים מיום שלכד מלך ישמעאל קאנסטאַנטינאָ"... (עמק המלך, ל"ג).

ישעיה הורוויץ, דער של"ה הקדוש (1555־1630), דערמאָנט אויך, אז ביאת המשיח, וואָס פאַלט ביי אים צוזאַמען מיט תחית המתים, וועט זיין אין שנת ת"ח, אַלץ אין איינקלאַנג און אונטער דעם איינפלוס פון זוהר: „בשנת היובל הזאת".

אפילו דער וועלטליכער מנשה בן ישראל, וועלכער האָט זיך געווענדעט מיט דער בקשה צו דער ענגלישער רעפובליק, אז אידען זאָלען אריינגעלאָזען

ווערען אין ענגלאַנד, האָט אויך געגלויבט אז דער קץ וועט קומען באַלד אין זיין צייט. נאָכדעם ווי מנשה בן ישראל זאָגט אין זיין בארימטען ספר „מקוה ישראל" (ארויסגעגעבען אין שנת ת"י — 1550), אז די צייט פון דעם קץ איז פארבאָרגען, כמוס ולא נודע לכל חי (פרק ט"ו), זאָגט ער אָבער באַלד אָן דעם קץ פאר זיין צייט: „ואף על פי שאין אנו יכולים לברר זמן הגאולה, על כל פנים נשפוט שתהיה בזמן קרוב, באשר שאנו רואים סמנים הרבה ממנה" (פרק ט"ז). „וגם מוכח שהגאולה תהיה בזמן קרוב מהלשון שאמר הקב"ה, ונפוצות יהודה יקבץ מארבע כנפות" (פרק י"ח). אויך אין זיין בקשה צו ענגלאַנד פאר אידען אין יאָר 1655 זאָגט ער, אז דער צווייטער טעם פארוואָס אידען דארפען אריינגעלאָזען ווערען אין ענגלאַנד איז, וואָס פילע קריסטען, און אויך ער איז דערמיט מסכים, גלויבען, אז אידען וועלען זיך באַלד אומקערען אין ארץ־ישראל. אויף דעם יאָר 1666 האָבען קריסטען פון דער גאַנצער וועלט ערוואַרט דאָס ווידערקומען פון קריסטוס. אידען האָבען זיכער געגלויבט, אז דער קץ וועט דאַן קומען. אויך פילע קריסטען האָבען ערוואַרט אויף יענעם יאָר דאָס קומען פון דעם משיח פאַר אידען.

אָבער ניט נאָר מיט חשבונות ווענען דעם קץ איז געווען אָנגעזעטיגט יענע בלוטיגע צייט. די צייט האָט באַלד געבוירען אַ מעכטיגע משיח־באַוועגונג, מיט אַ פּאָליטישען הינטערגרונט, וואָס האָט אויפגעטרייסעלט דעם גאַנצען אידישען פאָלק. אין 1446 טרעט אויף שבתי צבי אַלס משיח און מיסטישער קעניג פון אידען, און דאָס פאַרבלוטיגט און פארבענקט אידיש פאָלק לויפט נאָך דעם דאָזיגען קאַבאַליסטישען משיח. אין אַלע אידישע קהלות פון דער גאַנצער וועלט איז אויפגעוואַקסען אַ באַגייסטערטע אָנהייננערשאַפט פון שבתי צבי. צווישען די אידען פון ארץ־ישראל, פון טערקיי, פון דייטשלאַנד, פון האָלאַנד, פון פוילען איז אויסגעוואַקסען אַ זיכערע האָפענונג, אז דער קץ הימים איז געקומען און אז דער שבתי צבי איז דער הייליגער משיח פון גאָט. רבנים און מקובלים, רייכע און אריטע אידען פון פוילען, סאַלאָניקי, אַמסטערדאַם, האַמבורג, האָבען טיף געגלויבט אין דעם מיסטישען משיח און האָבען איינגעאָרדענט זייער לעבען אין איינקלאַנג מיט דער ביאת המשיח. צענדליגער טויזענדער אידען פון דער וועלט האָבען זיך געלאָזט געהן אין ארץ־ישראל אנטקעגען דעם שבתי צבי. עס איז ניט נאָר געווען אַ גוואַלדיגע מיסטישע באַוועגונג, וועלכע האָט טיף אָנגעגריפען די נשמה פון פאָלק, נאָר די אַלגעמיינע באַגייסטערונג און דער זיכערער גלויבען פון די אידען האָט געגעבען דער באַוועגונג שוין אַ פּאָליטישע פארב.

אָבער די דאָזיגע לעצטע און אויך גרעסטע משיח־באַוועגונג אין דעם אידישען גלות איז געווען הילפלאָז. איר כח איז געווען אַ מיסטישער און איר גלויבען איז געווען אָנגעהאַנגען אָן שבתי צבי'ס מיסטישער פערזענליכ־

קייט. און ווען דער משיח איז געפאלען און האָט אונטער דער דראָהונג פון דעם סולטאַן מחמד אַנגענומען דעם מחמד'אַנישען גלויבען, איז די דאָזיגע גרעסטע משיח־באַוועגונג פאַנאַנדערגעפאַלען און האָט איבערגעלאָזען נאָך זיך פאַרצווייפלונג, בזיון און מאָראַלישען עלענד אין גאַנצען פאָלק.

ווי אַ גרויס וואונדער פון דער געשיכטע האָט זיך דאָס אידישע פאָלק דערשלעפּט דורך די שורות פון די יאָרהונדערטען ביז צום אַכצענטען יאָר־הונדערט, ביז צו דער מאָדערנער צייט. עס איז געווען אַ דראַמע אויף דעם משך פון זיבעצען הונדערט יאָר, וואו די פּאָעטען און די שוישפּילער זיינען אויך געווען די העלדען. און עס האָט אויסגעזעהן, אַז די דאָזיגע וועלט־דראַמע האָט אָפּגעענדיגט ניט נאָר אומגליקליך, נאָר אויך אומווירדיג. ניט נאָר דער צאָרן, נאָר אויך דער שפּאָט פון דער געשיכטע האָט זיך אויסגע־גאָסען אויף דעם אידישען פאָלק אין סוף פון 17טען יאָרהונדערט. די צאָל פון אידען אין דער גאַנצער וועלט איז דאַמאָלט געווען ניט מער ווי איין מיליאָן. רעכטלאָז, שוצלאָז, פאַראָרימט, אונטערדריקט, צובראָכען פון יאוש נאָך דעם טראַגי־קאָמישען אָפּשלוס פון שבתי צבי איז געווען דאָס אידישע פאָלק. פאַרשעמט און פאַרשפּאָט, אָפּגעריסען פון יעדער בארירונג מיט דער קולטור, פאַרטאָן אין מיסטישער קבלה און אין די מחלוקות צווישען ר' יעקב עמדין און ר' יונתן אייבשיץ וועגען סגולות און קמיעות — אזוי באַגעגענט דער שארית ישראל, נאָך דער נאַכט פון מיטעלאַלטער, די מאָדערנע צייט.

אָבער אויף קיין צייט פון דער אידישער געשיכטע האָט זיך אזוי ניט געפּאַסט היינע'ס וואָרט וועגען דעם אידישען פאָלק: „היילען קאָן מיך נאָר דער טויט, אָבער אַך, איך בין אומשטערבליך“.

דער נס, וואָס האָט דערהאַלטען דאָס אידישע פאָלק אין מיטעלאַלטער, האָט אים אויפגעלעבט ביים באַגינען פון דער מאָדערנער צייט. דער נייער קולטור־גייסט, וועלכער הויבט זיך אָן צו טראָגען אין אייראָפּאַ זינט דעם סוף פון זיבעצענטען יאָרהונדערט, רירט אָן מיט זיינע היילונגס־פליגלען אויך דעם קראַנקען אידישען גוף. אידען הויבען אָן טרינקען פון דעם ברונעם פון דער וועלטליכער קולטור, ווי אין אַלע גרויסע עפּאָכען פון זייער פאַרגאַנ־גענהייט, און דאָס פאָלק לעבט באַלד אויף און ריכטעט זיך אויף. די נייע צייט, די עפּאָכע פון אויפשטייגענדען קאַפּיטאַליזם, ברייננגט באַלד אויך אָן ענדערונג אין דער גאַנצער סאָציאַל־עקאָנאָמישער און פּאָליטישער לאַגע פון אידישען פאָלק. דאָס אידישע האַנדעלס־און וואוכערער־פאָלק הויבט זיך אָן אַריינרייסען אין די פאָדערשטע רייען פון דעם זיך־באַלעבענדען עקאָנאָמישען פּראָצעס. די נייע סאָציאַל־עקאָנאָמישע לאַגע פון אידען אין מערב־אייראָפּאַ דערנענטערט זיי נאָך מער צו דער אויפקומענדער פרייער קולטור, און עס הויבט זיך אָן די מאָדערניזירונג, די קולטורעלע ערוואַכונג פון אידישען פאָלק.

ווען דאָס אידישע פאָלק פארלאָזט די גהעטא און שליסט זיך אָן אָן דער אייראָפּעאישער קולטור, פארשווינדען די מיסטישע משיח־האָפענונגען און משיח־באוועגונגען. אָבער אויף דעם וועג פון אסימילאַציע, קולטור און נאַציאָנאַליזם וואַקסט אויף יאָרהונדערטען שפּעטער א פאליטיש־נאַציאָנאַלע באַוועגונג ביי אידען, וועלכע ווערט שוין אָנגעזאָגט פון דעם ערשטען פרייען אידען אויף דער שוועל פון דער מאָדערנער צייט, פון ברוך שפּינאָזא.

די אידענפראַגע און דער סאָציאַליסטישער אידענשטאַאט*)

די אידישע עמאַנציפּאַציע און דער אנטיסעמיטיזם

אינטערנאַציאָנאַלים און נאַציאָנאַליזם.

דער ציוניזם.

דער סאָציאַליסטישער אידענשטאַט.

---

*) די דאָזיגע שריפט סירקינ׳ס, וועלכע איז ערשינען אין בראָשור פאָרם אין דער דייטשער שפּראך אין יאָר 1898, איז צוערשט געווען פארעפענטליכט אלס רייע ארטיקלען אין דער באוואוסטער דייטש־סאָציאליסטישער מאָנאטשריפט: „דייטשע וואָרטען" וועלכע איז רעדאגירט געווען פון ערנעסט פערנעסטראָפער. זי ווערט דאָ צום ערשטען מאָל געבראכט אין אידישער איבערזעצונג. די איבערזעצונג איז געמאכט פון חבר חיים ליבערמאן.

ערשטער קאפּיטעל

די אידישע עמאַנציפּאַציע און דער אַנטיסעמיטיזם

אויסערליכע געשעהעניסען, וואָס האָבען נאָר אַ צופעליגע שייכות צו דער אידישער געשיכטע, האָבען אין דער נייער צייט געגעבען אַ שטויס דאָס אידישע לעבען אין אַ גאַנץ אַנדער ריכטונג.

ווען דאָס בירגערטום האָט אויסגעקעמפט זיינע קלאַסען־אינטערעסען געגען די איבריגע שטאַנדען פון דער געזעלשאַפט, געגען דעם אַדעל און דער ביוראָקראַטיע, האָט עס זיינע אייגענע אינטערעסען אויפגעהויבען צו דער הויך פון אָביעקטיווער אַלגעמיינהייט און האָט זיי פּראָקלאַמירט אַלס די אייביגע מענשען־רעכט וואָס קענען ניט אָפּגענומען ווערען.

דער קלאַסען־אינטערעס פון דעם בירגערליכען שטאַנד איז באַשטאַנען אין דער דערגרייכונג פון פרייהייט און דער ערשטער אַבערונג פון פּאָליטישע רעכט — דער אויסערליכער אויסדרוק פון דער קראַפט פון אייגענטום און דער אינטעליגענץ פון דער פעסטגעשטעלטער בירגערליכער מאַכט. דער אַלגע־מיינער פּרינציפּ פון דעם דאָזיגען בירגערליכען קלאַסען־אינטערעס איז גע־ווען פרייהייט און רעכט — פרייהייט פון רעליגיע, פון געוויסען, פון איי־גענטום, און דאָס רעכט פריי אַנטייל צו נעמען אין די טעטיגקייטען פון דער געזעלשאַפט, אין אַנדערע ווערטער, די פאָרמאַלע זעלבסטבאַשטימונג.

די פּראָקלאַמירונג פון פרייהייט און מענשען־רעכט האָט די אידען פּלוצ־לונג, כמעט אָהן שום באַטייליגונג פון זייער זייט, באַפרייט פון די קייטען פון דער מיטעל־אַלטערליכער קנעכטשאַפט און זיי געגעבען בירגערליכע גלייכבארעכטיגונג. ניט עס איז געשטאַנען הינטער די אידען אַ רעאַלע מאַכט, ניט זיי האָבען זיך איבערהויפּט אָרגאַניזירט אַלס אַזעלכע, כדי צו דערגריי־כען גלייכבארעכטיגונג, נאָר זי איז זיי אַריינגעפאַלען אין שוים אַריין ווי עפּעס אַן אויסערליכע זאַך, אַלס דער רעזולטאַט פון אַן אַלגעמיינעם פּרינציפּ וואָס האָט טריאומפירט.

אָט אַזוי זיינען די טויערען פון דער געטאָ אויפגעריסען געוואָרען און דער איד איז אַריינגעטראָטען אין דער וועלט אַלס אַ פרייער און גלייכ־בארעכטיגטער פאַקטאָר פון דעם בירגערליכען לעבען. די טויזענט־יעריגע אידישע נויט איז אויף אַזאַ אופן באַזייטיגט געוואָרען, און די אייטערדיגע וואונד, וואָס איז געבליבען אין דעם אידישען פאָלק מיט דעם פאַלען פון

ירושלים, האָט זיך אָנגעהויבען צו פאַרהיילען מיט דעם פאַלען פון דער באַסטיל.

און דאָ איז מיט די אידען געשעהן עטוואָס מערקווירדיגעס און אונגע־הויערעס, עטוואָס וואָס איז, אמת, ניט אָהן אַ פאַראַלעל צווישען די אַלגעמיינע אונגליקליכע רעזולטאַטען פון דער בירגערליכער פרייהייט, אָבער וואס ביי די אידען, אַ דאַנק זייער באַזונדערער לאַגע און אייגענשאַפטען, האָט עס נאָך מער און גרעבערע אַנוואוקסען געבראַכט.

די בירגערליכע געזעלשאַפט איז געקומען אויף דער וועלט מיט אַ צייכען פון אינווייניגסטען ווידערשפרוך אויף איר שטערן, און ניט קוקענדיג אויף דעם היסטאָרישען קערן פון פאָרטשריט, וואס איז געלעגען אין איר, האָט זי זיך דאָך ארויסגעוויזען פאר לעבענס־שוואכער ווי יעדע אנדער געזעלשאַפט. דאָס בירגערטום האָט אויף זיין שילד אויפגעשריבען „פרייהייט", אָבער אין קיין שום אנדער געזעלשאַפט איז נאָך ניט געווען אזא גרויסע אפּהענגיגקייט פון איין מענשען אן דעם אנדערען; די געזעלשאַפט פון „גלייכהייט" איז מער ווי יעדע אנדערע געזעלשאַפט צוריסען דורך די פאקטישע אונטערשיידען פון אייגענטום און באזיץ; די „ברידערליכקייט" פון דער בירגערליכער גע־זעלשאַפט איז געוואָרען אן איראָניע, און קיין צייט־עפּאָכע איז ניט ניט אזוי אינדיפערענט, אזוי איינזאם און גרויזאם געווען ווי אונזערע.

דאָס בירגערטום האָט אין זיין קאמף פאנאנדערגעוויקעלט די פאָן פון „מענשהייט" און „הומאַניטעט", אָבער קיינמאָל איז נאָך דער יחיד ניט גע־וואָרען אזוי אַ זעלבסט־צוועק ווי היינט. אין איר אינדיווידואַליסטישען קלאַסען־כאַראַקטער דריקט זיך אויס דער ווידערשפּרוך פון דער בירגערליכער געזעלשאַפט — אַ ווידערשפּרוך דורך וועלכען זי געהט צו גרונט נאָך איידער זי האָט אייגענטליך צייט געהאַט זיך רעכט צו באַפעסטיגען. די פאָרמאַלע פרייהייט און גלייכהייט, אויף וועלכע די בירגערליכע געזעלשאַפט איז אויפ־געבויט, און וועלכע זי אליין פאַרלייקענט איצט, איז איר דראָענדער רעוואָ־לוציאָנערער מאָמענט.

און אויב די בירגערליכע געזעלשאַפט איז געקומען אויף דער וועלט מיט דעם צייכען פון אינווייניגסטען ווידערשפּרוך, איז דאָס גלייכבארעכטיגטע אידענטום, וואס זי האָט מיט זיך געבראַכט, גאָר געשטעלט געוואָרען מיט'ן קאָפּ אראָפּ.

די לעבענס־טענדענץ פון דער בירגערליכער געזעלשאַפט, וואס באשטעהט איינציג און אליין אין דער דערגרייכונג פון מאַטעריעלע גיטער, און וואס ווערט נאָך מער פאַרשאַרפט און פאַרשפּיצט דורך דער קאָנקורענץ, וועלכע איז דערהויבען געוואָרען ביז צו אַ ווירטשאַפטליכער קאַטעגאָריע, — אַט די טענדענץ האָט אויפ'ן באָדען פון אידענטום געבראַכט אן איבערשאַצונג פון

אַלע ווערטען. די טראַדיציעס, האָפנונגען און טענדענצען פון גלות זיינען פּלוצלונג געקומען אין צוזאַמענשטוים מיט דער נייער לעבענס־אָרדנונג און האָבען דעריבער געמוזט באַזייטיגט ווערען. אויב פריער האָט זיך דאָס געטאָ־אידענטום געפילט אַלס איין שטאַם, אַלס אַ מעכטיגע, פעלזען־פעסטע, אָפּגעשלאָסענע נאַציע, האָט איצט דאָס גלייכבאַרעכטיגסטע אידענטום, וואָס האָט זיין גלייכבארעכטיגונג ניט ערוואָרבען מיט אייגענער מאַכט, געמוזט דאָס נאַציאָנאַלע ארויסוואַרפען איבער'ן פאַרקאַן, כדי פון זיין זייט צו שאַפען אַן עטישע גרונדלאַגע פאַר זיין גלייכבארעכטיגונג. אַט דאָס זעלבע אידענ־טום, וואָס האָט ניט לאַנג צוריק דריי מאָל אַ טאָג געט געבעטען אומגעקערט צו ווערען קיין ירושלים, האָט איצט זיך פאַרבלינעט מיט פּאַטריאָטיזם, פּאַטריאָטיזם צו יעדען לאַנד, וואו אידען געפינען זיך.

דאָס אָפּגעשלאָסענסטע און קאָנסערוואַטיווסטע פאָלק פון דער וועלט, אַט דאָס פאָלק וואָס האָט אין משך פון גאַנצען גלות געזויגען זיין לעבענס־זאַפט פון דעם נאַציאָנאַלען געפיל, איז פּלוצלונג געוואָרען דער אָנזאָגער פון נאַציאָנאַלער זעלבסט־פאַרלייקענונג. אויב פריער האָט דאָס אידישע פאָלק געקוקט אויף זיך אַליין אַלס די קרוין פון דער שעפּונג, אַלס דעם אָנהויב און דעם סוף פון דער געשיכטע, האָט עס איצט גענומען זיך אַליין נאָך מער צו פאַר־שפּאָטען און אינערליך פאַראַכטען, ווי זיין גרעסטער שונא האָט עס ווען געוואָגט. דער איד פון דער געטאָ האָט מיט שטאָלץ און זעלבסטבאַוואוסט־זיין ארויסגעשטעלט זיין אידישקייט אויבען־אויף, דורך זיין שפּראַך, זיין קליידונג, דורך זיינע זיטען און מנהגים, אָבער דער עמאַנציפּירטער איד האָט געזוכט אפילו זיין אינערליכע אידישקייט מיט גוואַלד אויסצוראָטען.

די האָפנונג אויף משיח'ן, די האָפנונג אויף דער ווידעראויפשטעלונג פון דער נאַציאָנאַלער איינהייט און אויפ'ן צוריקקער קיין ציון איז געווען דער הויפּט־אינהאַלט פון דעם נשמה־לעבען פון דעם גלות, אָבער אין דעם עמאַנ־ציפּירטען אידענטום האָט אויסגעבראָכען אַ ברענענדיגער קאַמף געגען דער דאָזיגער האָפנונג. און דער קאַמף האָט זיך געענדיגט בלויז ווען די משיח האָפנונג איז אינגאַנצען אויסגעוואָרצעלט געוואָרען פון דעם לעבען און פון דער סינאַגאָגע.

אין דער אַסימילאַציע מיט דער לאַנד־באַפעלקערונג האָט מען דערזעהן די לייזונג פון דער אידישער פראַגע און די באַפרייאונג פון דער טויזענט־יעריגער לאַסט וואָס האָט געדריקט אויפ'ן אידישען פאָלק. אָבער די דאָזיגע אַסימילאַציע איז ניט דיקטירט געוואָרען פון אַ העכערער אידעע, נאָר דורכ־אויס פון דער פאַרבעסערטער לעבענס אָרדנונג. אין דער אַטמאָספערע פון דער בירגערליכער פרייהייט — יענע בירגערליכע פרייהייט וואָס האָט זיך פאַרוואַנדעלט אין אַן אומגליקליכען מיטעל פון עקספּלואַטאַציע, פון דער באַ־

רייכערונג פון מענש דורך מענש און דער באהערשונג פון מענש דורך מענש.

דער אסימילאציאָנס־פּראָצעס, וועלכער האָט זיך צווישען די אידען אָנ־געהויבען, פון איין זייט, אַלס אויסדרוק פון אינוויינינגסטען ווידערשפּרוך מיט׳ן אלטען אידענטום, און, פון דער אנדער זייט, אַלס צופּאסונג צו דער בעסערער לעבענס־אָרדנונג, האָט זיך געשטעלט פאר זיין אידעאל — דעם פולשטענדיגען אונטערגאנג פון די אידען צווישען די פעלקער. אָבער אזוי לאנג ווי דער דאָזיגער אסימילאציאָנס־פּראָצעס האָט נאָך געהאלטען אין ווערען האָט מען נאָך געמוזט שאפען א פארבינדונג צווישען דעם נייעם אידענטום און די אלטע טראדיציעס, צווישען די קלאָג־לידער נאָך ציון ביי די טייכען פון בבל און די פּלאפּלערייען פון דעם בירזשען־אידענטום וואס האָט זאט און זעלבסטצופרידען שפּאצירט אויף די ברעגען פון דער שפּרעי. און די דאָזיגע אויפגאבע האָט, נאטירליך, גענומען אויף זיך די טעאָלאָגיע. די סינאגאָגע, פּונקט אזוי ווי די קירכע, האָט א געזונטען מאָגען: זי פארדייט אַלץ, אַלץ וואָס עס פאָדערען נאָר די לעבענס־אינטערעסען.

אויף אזא אופן האָט די סינאגאָגע אָנגעהויבען אינערליך זיך מקרב צו זיין און פארשמעלצען מיט דער פראנקפורטער אידישער בירזשע. די אידען זיינען פון דער נאטור אוים ניט קיין נאציע, נאָר א רעליגיעזע קהילה, פון גאָט אליין באשאפען מיט׳ן צוועק צו טראָגען דעם פאקעל פון מאָנאָטעאיזם צווישען די פעלקער — אזוי האָט פילאָזאָפירט די מאָדערנע אידישע טעאָ־לאָגיע. דאָס אידישע ווייִלען אין פּאלעסטינא און דאָס נאציאָנאַלע לעבען פון די אידען דאָרט איז לויט דעם „היסטאָריקער" יאָסט אייגענטליך געווען נאָר א טעות פון דער געשיכטע, א טעות, וואס איז ערשט דורך דעם חורבן, ווען די אידען זיינען אויפגעטראָטען אלס די גרויסע אָנזאָגער פון דער יעהאָ־וואַ־איינהייט, ווידער גוטגעמאכט געוואָרען. נאָך גייגער׳ן איז אויסגעקומען, אז דאָס וואס ירושלים איז צושטערט געוואָרען און די אידען זיינען אוועק אין גלות איז געווען דער קלוגער אויסגערעכענטער פּלאן פון דער השגחה. די אידען האָבען אויף זיך די היסטאָרישע מיסיע צו טראָגען צו דער וועלט דעם אמת וואס איז זיי אנטפּלעקט געוואָרען פון גאָט אויפ׳ן בארג סני. בנוגע די געצענדינער האָבען די אידען דעם דאָזיגען צוועק דערגרייכט דורכ׳ן קריסטענטום; אָבער אויך דאָס קריסטענטום איז נאָך ניט ריינער מאָנאָ־טעאיזם, ערשט ווען דאָס קריסטענטום וועט אינגאנצען דורכגעלייטערט ווע־רען פון דעם שטריינגען מאָנאָטעאיזם פון אידענטום, וועט די היסטאָרישע מיסיע פון די אידען זיין דערפילט.

די משיח־האָפנונגען, וועלכע ציען זיך ווי א רויטער פּאָדעם דורך אַלע אידישע שריפטען, זיינען פון דער אידישער טעאָלאָגיע אויך אין זעלבען זין פאַלש אויסגעלייגט געוואָרען. אָט אזוי האָט די מאָדערנע סינאגאָגע, אונטער

דעם איינפלוס פון דער געענדערטער לעבענס־אָרדנונג, זיך אויסגעזויגען פון די פינגער א געשיכטס־פילאָזאָפיע, וואָס געהט פונקט להפך דער היסטאָרישער ווירקליכקייט, וואס איז פול מיט לאָגישע סתירות און איז באַזאַלצען מיט אינגעלשע געדאנקען און קינדערשע נאַרישקייטען. און דאָס אַלץ איז גע־טאָן געוואָרען נאָר כדי צו שאפען אן אידעאָלאָגישען יסוד פאר דעם אסימי־לאציאָנס־פּראָצעס וואס איז דיקטירט געוואָרע דורך די פארענדערטע אומ־שטענדען פון לעבען. און וואס פאר א מיאוס׳ע גאָט־לעסטערונג איז דאן געלעגען אין דער לעגענדע פון די ראבינער, אז די מיסיע פון די אידען ליגט אין דער פארשפּרייטונג פון דעם מאָנאָטעאיזם, בעת אין אמת׳ן איז זייער מיסיע איצט גאָר געווען — וואס מער געלט צו מאכען!

עס האָט אויסגעזעהן אזוי ווי אין דער אטמאָספערע פון דער בירגערליכער פרייהייט און דער אידישער אסימילאציע וואָלט די אלטע אידען־פראגע ענדליך אויף אייביג געלייזט און באגראָבען געוואָרען. אין אמת׳ן אָבער האָט די הערליכקייט פון די אידען געדויערט נאָר אזוי לאנג ווי די ערליכקייט פון דעם ליבעראליזם. אין דעם ערך וואס די בורזשואזיע האָט אלץ מער און מער פאררעטען די פּרינציפּען פון דעם ליבעראליזם און זיך פארוואנדעלט אין דעם הערשענדען קלאס, אין זעלבען ערך איז אויך אלץ מער און מער פאר־שוואונדען דער אידעאָלאָגישער פּרינציפּ וואס האָט געזאָלט אונטערשפּארען די אסימילאציע פון די אידען. דער קאמף פאר דער ווירטשאפט און מאכט — דער אינדיווידועלער אזוי גוט ווי דער קלאסען־קאמף — ווערט דער גרונד־כאראקטער פון דער מאָדערנער בירגערליכער געזעלשאפט, נאָכדעם ווי זי האָט אירע העכערע פּרינציפּען פון דער צייט פון איר קאמף אריינגעוואָרפען אין ים אריין אלס אן איבעריגען באלאסט. די גלייכבארעכטיגונג פון די אי־דען און די צולאָזונג פון די אידען צו אלע צווייגען פון דער בירגערליכער טעטיגקייט האָט ניט געשטימט מיט דעם גאנצען עגאָאיסטישען גרונד־טאָן פון דער בירגערליכער געזעלשאפט, און דעריבער האָט די אידישע עמאנצי־פּאציע אָנגעהויבען צו פארשווינדען אין דער איבעריגער פּארע פון דעם ליבעראליזם. אז די אידישע עמאנציפּאציע איז פון אָנהויב אָן באטראכט געוואָרען אין דער בירגערליכער געזעלשאפט מער אלס א פּרינציפּיעלע קאָנ־סעקווענץ איידער אן אמת׳ע באדערפניש איז קלאָר שוין פון דעם פאקט אליין, וואָס אומעדום דאָרט, וואו די דורכפירונג פון דער אידישער גלייכבארעכטי־גונג איז אָפּגעהאנגען פון דעם שטאט אָדער דער געזעלשאפט, איז זי געבלי־בען ניט פארווירקליכט.

אלע כאראקטער אייגענשאפטען פון דער מאָדערנער געזעלשאפט זיינען אזעלכע אז די אידישע עמאנציפּאציע האָט זיך געמוזט אויסדריקען אלס א דירעקטער ווידערשפּרוך געגען זיי. די קאָנקורענץ־פרייהייט האָט זיך אין

דער בירגערליכער געזעלשאפט פארוואנדעלט אין א מלחמה פון אלע געגען אלע, אין אן אונאויפהערליכען אינדיווידועלען און קלאסען־קאמף. דער פרינ־ציפּ פון דער מאכט פון דעם שטארקען איז געוואָרען דער גרונד־זייל פון דער מאָדערנער געזעלשאפט. אין דעם עקאָנאָמישען און פּאָליטישען קאמף געהט אויך דער פּרינציפּ פון דער פאָרמאלער פרייהייט — אָט דער יסוד פון דער בירגערליכער געזעלשאפט — פארלוירען, יע, ער ווערט גאנץ חוצפה׳דיג און אָפען פאר דער גאנצער וועלט אויפגעגעבען.

וואָס איז דעריבער נאטירליכער, ווי אז מען זאָל די אידען, וועלכע זיינען טראָץ דער אסימילאציע נאָך אלץ געבליבען א באזונדער גרופּע, אויסצייכענען פון אַלעמען און אָנהויבען פאראכטען, ווייל די דאָזיגע גרופּע איז שוואכער?

אָבער אויסער דעם איז געווען נאָך א גאנצע ריי פון אנדערע באוואוסטע און אונבאוואוסטע מאָטיווען, וועלכע האָבען באוואויגען די געזעלשאפט פון קלאסען־ און אינדיווידועלען־קאמף ארויסצוגעהן אין מלחמה געגען די אידען. די אידישע ראסע איז פון דער נאטור אויס הויך באגאבט, און דער נאטירלי־כער אָפּקלייב האָט זיי אין משך פון יאָר־טויזענטער פון ליידען נאָך מער מאָדיפיצירט און פארענדערט אין זעלבען זין. אלס רעזולטאט זיינען זיי בעסער צוגעפּאסט און אויסגעריכט צום קאמף פאר דער עקזיסטענץ אלס די איבריגע באפעלקערונג. די פאקטישע, וויינינגסטענס געשעפטליכע סאָלידאר־ריטעט פון די אידען, וועלכע איז נאָך געבליבען ווי אן אלטער רעשטעל פון די געטאָ־צייטען, האָט די אידישע מאכט נאָך שטארקער געמאכט.

דעריבער האָבען די אידען אין יענע לענדער, וואו זיי זיינען עמאנציפּירט, זיך באדייטענד העכער אויפגעהויבען אויפ׳ן סאָציאלען לייטער. אָט די עקאָנאָמישע און סאָציאלע העכערקייט איז שוין אליין געווען גענוג אורזאך אויפצורייצען די געזעלשאפט פון רויב און קאמף צו א געמיינשאפטליכען באוואוסטזיניגען קאמף געגען די אידען. אָבער דאָ זיינען צוגעקומען נאָך אנדערע מאָטיוון: די קריכעריי פון די אידען, זייער זעלבסטפארלייקענונג, זייער מורא אויפצוטרעטען אלס אידען, זייער דראנג זיך צו אסימילירען, זייער פאלשער פּאטריאָטיזם וועלכען זיי האָבען פון מויל ניט ארויסגעלאָזט, זייער גאנצע מאסקירעריי — אָט דאָס אלץ זיינען געווען נאָך ווייטערע אומ־באוואוסטע מאָטיוון, וועלכע האָבען באוואפענט די געזעלשאפט געגען די אידען. ווארום ווי שוואך די אידען זיינען ניט געווען אָהן דעם, זיינען זיי דורך די דאָזיגע נארישע קונצען נאָך שוואכער געוואָרען. זייער איבערטרי־בענער פּאטריאָטיזם און זייער שטענדיגע באטאָנונג פון זייער פולשטענדיגער אסימילאציע מיט דער באפעלקערונג פון לאנד, האָט ארויסגערופען א ווידער־ווילען געגען זיי און האָט געמאכט די וועלט מיסטרויאיש צו זיי.

אָט אזוי האָט אויפגעפלאקערט דער אידען־האס אויף אלע ליניען אין

אַלע יענע לענדער, וואו די אידען זיינען אַזוי גרויס אין צאָל, אַז זיי קענען דערקענט ווערען אַלס אַ באַזונדער גרופּע. האַס, פאַראַכטונג און שפּאָט איז ווידער געוואָרען זייער ראַליע, אַזוי ווי אין מיטעלאַלטער. געזעלשאַפטליך זיינען זיי שוין פאַראַכטעט, און פּאָליטיש ווערט די פאָדערונג אַפּצושאַפען זייער גלייכבאַרעכטיגונג שטענדיג העכער. דער ענדציל פון דער פאָלקס־באַוועגונג געגען די אידען איז — זיי אינגאַנצען צו פאַרטרייבען פון לאַנד. אין דייטשלאַנד, עסטרייך און רומעניען ווערט די אידישע לאַגע, ניט קוקענ־דיג אויף זייער גלייכבאַרעכטיגונג, שטענדיג קלעגליכער. אין רוסלאַנד, וואו די אידען לעבען נאָך אונטער די אַלטע אויסנאַמס־געזעצען פון מיטעלאַלטער, איז פונדעסטוועגען דער אידען־האַס אין דער געזעלשאַפט ניט וויניגער ביי זיך אין דער היים ווי די אַנדערע לענדער. ווארום ווי ווייניג עס זיינען ניט די רעכט פון די אידען, געפינען זיך דאָך נאָך שטענדיג גענוג געביטען וואו די אידען שטעהען אין קאָנקורענץ מיט די ניט־אידען און וואו דער סאָציאַלער קאַמף געגען זיי קען געטריבען ווערען.

וואָס איז דער פּרינציפּיעלער יסוד פון דעם מאָדערנעם אידענהאַס? אין מיטעלאַלטער איז עס געווען די פאַרשידענקייט פון רעליגיע און דער תהום צווישען אידענטום און קריסטענטום. דער פּרינציפּיעלער יסוד פון דעם מאָדערנעם אידען־האַס איז די ראַסען־פאַרשידענקייט; עס הייסט, אַז די פאַראורטיילען פון ראַסען־פאַרשידענקייטען האַלטען נאָך אָן, נאָכדעם ווי דער רעליגיעזער געגענזאַץ גילט שוין אין דער בירגערליכער געזעלשאַפט אַלס אַן אָפּגעלעבטער שטאַנדפּונקט. דער אידען־האַס זעגעלט איצט אונטער דער פאָן פון אַנטיסעמיטיזם, און דאָך איז עס די זעלבע שיף און די זעלבע מאַנ־שאַפט.

עס הייסט אַזוי: די אידען זיינען פון דער נאַטור אויס אַ שלעכט פאָלק, וואָס קאָן ניט פאַרבעסערט ווערען; אַ פאָלק וואָס זוכט שטענדיג נאָר זיינע אייגענע נוצען און וויל די גאַנצע וועלט אונטעריאָכען, און וואָס טראָץ אַלע שטרעבונגען צו אַסימילאַציע בלייבט עס דאָך פרעמד און פיינדליך צו די איינגעבאָרענע; די אידען זיינען די טרעגער פון דעם קאַפּיטאַליזם, פון עקספּלואַטאַציע, פון וואוכער, פון דער פאָלקס אויסזויגונג. צו דער זעלבער צייט זיינען זיי אויך דער היסטאָרישער „הויוועון", דער צושטערער פון אַלץ וואָס באַשטעהט, דער פאַרקערפּערטער אומשטורץ, כדי צו קענען לייכטער באַפרידיגען זייער תאוה צו הערשאַפט. מיט איין וואָרט דאָס אידישע פאָלק איז די קללה פון דער מענשהייט — אַזוי שרייט די בירגערליכע געזעלשאַפט, וואָס לעבט פון קלאַסען־רויב.

אָבער דער ערליכער מענש מוז זיך דאָ הילכיג פאַנאַנדערלאַכען און ער פרעגט די בירגערליכע געזעלשאַפט: איז דען ניט דאָס בירגערליכע אידענטום

דיין „צווייטער איד״, נאָר מיט אן עטוואס אנדערען אויסזעהן? שפּיגעלסטו זיך ניט אין אים און יענער אין דיר? עקספּלואטירט דען ניט דער איד, ווייל דו קענסט עקספּלואטירען, און רויבסטו דען ניט, ווייל ער קען רויבען? איז דען ניט וואוכער, אויסזויגעריי, שווינדעל און באטרוג אזוי כאראקטעריסטיש פאר דיר ווי פאר אים און ווי פאר דיר? זייט איר דען ניט ביידע גרייט פיר־און־צוואנציג מאָל א טאג צו פארראטען דעם שטאט פאר אייערע קלאסען־אינטערעסען און אייערע קלאסען־אינטערעסען פאר אייערע פּריוואטע אינטערעסען? ניט קוקענדיג אויף אלע ליבעס־ערקלערונגען און שמייכלערייען צו דיינע אייגענע פאָלקס־ברידער — ביזטו דען ניט פיל פרעמדער און פיינדליכער דיין אייגענעם אונטערדריקטען ברודער־פאָלק ווי דעם אידען, טראָץ אלע זיינע געשרייען, אז ער איז אסימילירט? זייט איר דען ניט מער געראָטען איינער אין אנדערען ווי איר אונטערשיידט זיך איינער פון אנדערען?

דאָ שלאגט זיך די בירגערליכע געזעלשאפט אין דער פאטריאָטישער ברוסט און רופט ליגנעריש אויס: דו, איד אָדער אידען־קנעכט! דאָס וואָס ביי מיר איז רעכט איז ביי דעם אידען ניט רעכט, ווארום מיר אונטערשיידען זיך אין גייסט! דאָס וואָס איך שאַף דייטשיש און עכט, דאָס מאכט דער איד פאַלש און פארדאָרבען, דאָס איז די נאטירליכע בייזקייט פון זיין ראסע וואָס מאכט אים פריי ווי א פויגעל! העפּ, העפּ!

און אויב דער שמוציגער עגאָאיזם ווערט נאָך באדעקט מיט׳ן גרויען מאנטעל פון ראסען פארשיידענקייט, וועלכע איז אין אמת׳ן גאָר ניט פאראן, ווארום די סעמיטען און אריער באלאנגען צו דער זעלבער קאווקאזישער ראסע, אזוי ווערט יעדע דעבאטע אונמעגליך, די לאגיק ווערט פארשריען, די מאָראַל ווערט אויסגעלאכט און אהלווארדט ווערט א פילאָזאָף און דיהרינג — אן עטיקער.

אָבער דער אנטיסעמיטיזם, וועלכער איז אן אינווייניגסטער באשטאנד טייל פון דער קלאסען־געזעלשאפט, האָט ניט דיזעלבע קראפט אין דער גאַנ־צער געזעלשאפט, נאָר איז פארשידען ביי די פארשידענע קלאסען. אין א דרימלענדיגער פאָרמע ליגט ער אין אלע קלאסען פון דער געזעלשאפט, ווייל ער שטאמט פון איר קלאסען כאראקטער. ער האט אָבער זיין העכסטען גראד דערגרייכט ביי די יעניגע קלאסען וועלכע האָבען אָנגעהויבען פארלירען, געהן אראָפּ אין דעם סאָציאלען קאמף, און דאָס זיינען דער מיטעלשטאנד, וועלכער ווערט צומאָלען פון דער בורזשואזיע, די האלב רואינירטע גרונד־באזיצער, וועלכע ווערען צוריבען פון דעם קאפּיטאל, און דער זינקענדיגער פּויערטום, וואָס ווערט דערשטיקט פון די גרונד־באזיצער. די דאָזיגע קלאסען זיינען אין דער מאָדערנער געזעלשאפט די אָפּגעשטאנענסטע און מאָראליש

צופוילטסטע, ווייל אין זייער סאָציאַלער לאַגע איז עס אונפאַרמיידליך. זיי שטעהען ביים ברעג פון באַנקראָט און שלאָגען זיך פאַרצווייפעלט פאַר דעם באָדען וואָס פאַרשווינדט אַלץ מער און מער פון אונטער זייערע פיס. זיי געהערען צו די פאַרמעגליכע קלאַסען, אָבער זייער פאַרמעגען באַשטעהט פון חובות, זיי זיינען באַזיצער, אייגענטימער אָבער זיי האָבען אפילו ניט יענעם אייגענטום וואָס די אַרבייטס־קראַפט שטעלט מיט זיך פאָר. מיט איין פוס שטעהען זיי נאָך אין דעם באַזיצענדען קלאַס, אָבער מיט דעם אַנדערען שטעהען זיי שוין אין דעם פּראָלעטאַרישען לאַגער און שאָקלען זיך הין און הער, שטענדיג מיט דער פּיינליכער פּערספּעקטיווע פאַר די אויגען אַריינגע־שליידערט צו ווערען אין דעם פּראָלעטאַרישען אָפּגרונד. זיי זיינען די שוואַ־כערע אין דעם קאַמף מיט די עקאָנאָמיש שטאַרקערע קלאַסען. זיי ווערען פון די שטאַרקערע איינגעשלונגען, און וואָס ערגער עס ווערט זייער לאַגע, אַלץ מעכטיגער קלינגט דער אינווייניגסטער קאַמף צווישען זיי אַליין, אַלץ מער ווערען זיי אַרונטערגעשטויסען צו וואַמפּירען, וועלכע זויגען אויס מיט הונדערט מיילער דעם אַרבייטענדען קלאַס, וואָס ווייטער אַלץ מער זינקט אַראָפּ דאָס קליין־בירגערטום צו יענע צווייפעלהאַפטע עקזיסטענצען, וועלכע לעבען נאָר פון מעקלעריי, פון פּאַרשוס, פון נויט און אומקענ־טעניש. און די פּסיכאָלאָגיע פון דעם קליין-בירגערטום איז אַזוי ווי זיין לאַגע: אָהן בילדונג און אויך אָהן יענעם טריב צו בילדונג, וואָס האָט אין דער איצטיגער צייט ערוואַכט אין דעם פּראָלעטאַריאַט. אָהן כאַראַקטער, אָהן אידעאַל, אָהן זעלבסט־באַוואוסטזיין און אָהן אַ דראַנג צו פרייהייט, זיינען די דאָזיגע קלאַסען איינפאַך געוואָרען די פּעסט פון דער מאָדערנער געזעל־שאַפט. ניט קוקענדיג אויף זייער עקאָנאָמישער ירידה האַלטען זיי זיך אָן דעם עק פון דעם הערשענדען קלאַס; זייער בליק איז אָנגעשטעלט אויף אויבען כאָטש זיי שטעהען אַזוי טיף אונטען; זיי זיינען אַן עלעמענט וואָס האַלט אויף די געזעלשאַפט, אָבוואָל זיי זיינען לויט זייער גאַנצען וועזען אַ קרבן פון דער הערשענדער געזעלשאַפט.

די דאָזיגע קלאַסען מאַכען אַ רעוואָלוציאָנערען אָנשטעל, אָבער זייער אָפּאָזיציע איז אַן עגאָאיסטישע, ניט קיין פּרינציפּיעלע, ניט קיין אַלגעמיינע. ווערען נאָר זייערע אייגענע אינטערעסען באַפרידיגט, ווערט זיי נאָר די נויטיגע שטיצע אין שטאַטס־פּאַפּירען מזומן אויסגעצאָלט, דאַן איז אונזער וועלט די בעסטע פון אַלע וועלטען, זיינען זיי די טרייסטע שטיצער פון דער געזעל־שאַפט, אירע איידעלסטע וועכטער. אויסבויטע און אויסבוטען לאָזען, קנעכ־טען און קנעכטען לאָזען, אָט דאָס איז זייער לאָזונג לגבי די מאַכטהאָבער און די הערשער.

אויב דער אַלגעמיין דרימלענדיגער אַנטיסעמיטיזם איז ביי די דאָזיגע

פארלומפטע, פארגרעבטע און געזונקענע שטאנדען געווארען דער פאליטישער און סאציאלער לייט־מאטיוו, איז עס גאנץ באגרייפענד פון דער לאגע און דעם כאראקטער פון די דאזיגע שטאנדען. אויב די קלאסען־אינטערעסען אין אלגעמיין דיקטירען דעם קאמף געגען די אידען, דאן שטייגען זיי אין אט די שטאנדען הונדערטפאך. ווארים די אינטערעסען פון די דאזיגע שטאנדען, אויסער וואס זיי ליידען פון דער אלגעמיינער קאנקורענץ, ליידען זיי נאך ספעציעל פון דער אידישער קאנקורענץ. דער אידישער קאפיטאליסט איז עס, הגם בשותפות מיט דעם קריסטליכען קאפיטאליסט, וואס דערלאנגט דעם קליין־בירגערטום די שווערסטע קלעפ אין דעם קאנקורענץ קאמף. דער אידישער קליינבירגער איז עס וואס רייסט זיך ביי די האר מיט זיין קריסטליכען שכן איבער א קונה. דער אידישער פארמיטלער איז עס וועלכער זוכט צו פארלויפען דעם וועג זיין קריסטליכען קאנקורענט. און די קאנקורענץ וואס דער איד ברייננגט איז א העכסט געפערליכע; דער נאטירליכער אפקלייב האט אים געמאכט פאר א מעכטיגען קאנקורענט. דאריבער איז דער אנטי־סעמיטיזם געווארען דער הויפט יסוד פון דעם סאציאל־פאליטישען פראגראם פון די דאזיגע שטאנדען.

און פונקט אזוי ווי אט די שטאנדען זיינען דער שמוציגסטער און רויסטער עלעמענט פון דער קלאסען־געזעלשאפט, אזוי איז אויך זייער אנטי־סעמיטיזם דער שמוציגסטער און רויסטער. דער ווידערווילען פון אט די שטאנדען געגען די אידען ווערט אין אמת'ן ניט ארויסגערופען דורך דעם אידישען כאראקטער, וואס איז אונטער דעם איינפלוס פון דער אסימילאציע און זעלבסט־פארלייקענונג ביי א סך אידען געווארען אן אומגליקליכע און שמוציגע קאריקאטור און פאר וועלכער עדליכע קריסטען פילען אן אינסטינק־טיווען עקעל; ניט די נאציאנאלע און רעליגיעזע מיספארשטענדניש, וואס איז אין מיטעל־אלטער געווען איינע פון די וויכטיגסטע אורזאכען פון דעם אידען־האס, פארפרעמדט זיי פון די אידען און מאכט זיי פאר אידישע שונאים — אויף אזעלכע גייסטיגע איבערלעבונגען זיינען אט די פארגרעבטע און פארלומפטע שטאנדען איבערהויפט ניט מער פייאיג — נאר דער נאקע־טער עגאאיזם, דער דורשט נאך דעם אידישען געלט, דער וואונש אונטער־צוגראבען דעם קאנקורענט דעם באדען, אריינקריגען זיין אייגענטום, ארויס־יאגען אים פון לאנד — אט דאס און קיין אנדער זאך מאכט אים פאר א אידען־פיינד. שנאה, קנאה, פאלשקייט, פעלשונג, אומגערעכטיגקייט, באר־וואוסטזיניגע פארלוימדונג פון דעם אידישען כלל, אזוי גוט ווי דעם אידישען יחיד, זיינען די כאראקטער־שטריכען פון דעם דאזיגען שטאנד אין זיין קאמף געגען די אידען.

דער אנטיסעמיטיזם פון דעם מיטעלשטאנד איז א רעוואלוציאנערע

באוועגונג פון א נידעריגען סאָרט, אָן אויפשטאנד פון איין קלאַס געגען אַן אַנדער קלאַס און געגען דער עקזיסטירענדער אָרדנונג ניט צוליב העכערע, אַלגעמיינע פּרינציפּען, נאָר צוליב עגאָאיסטישע אינטערעסען וועלכע זוכען, אמת, זיך צו פאַרקליידען אין אַן אידעאָלאָגישען מאַנטעל, אָבער וועלכע ערשיינען דוקא דערפאַר נאָך מער אין זייער גאַנצער נאַקעטקייט און שמוציגקייט. דער געמיינער כאַראַקטער פון דעם אַנטיסעמיטיזם זעהט זיך אַם בעסטען ארויס אין די פירער פון דער פּאַרטיי. אַלץ וואָס געהערט צום אָפּפאַל פון דער בירגערליכער און פּראָלעטאַרישער געזעלשאַפט, אַלע וואָס האָבען פאַרלוירען יעדען געפיל פון אמת און עהרע, אַלע צווייפעלהאַפטע עקזיסטענצען, וואָס נאָר די נידעריגסטע ליידענשאַפטען זיינען אימשטאנד צו שאַפען, האָבען אויפגעהויבען די פאָהן פון אַנטיסעמיטיזם און זיינען געוואָרען אירע וואָרט־פירער. קיין פּאַרטיי האָט דאריבער ניט אזוי פיל עפענטליכע קאָמפּראָמיטירטע פירער ווי די אַנטיסעמיטישע. די פּאַרלאַמענטאַרישע און עפענטליכע פאַרטרעטער פון דער דאָזיגער פּאַרטיי האָבען מער ווי איין מאָל געמוזט פאַרבייטען זייער פּלאַץ אין פּאַרלאַמענט אויף א צעלע אין צוכט־הויז צוליב פעלשונג, כאַבאַר און באַטרוג.

אויב די סטאַטיסטיק פון פאַרברעכער צווישען די אַנטיסעמיטישע פירער איז אזא קלאָרער עדות אויף דער מאָראַלישער געפאַלענקייט פון די אַנטיסעמיטען, זעהט זיך די דאָזיגע ירידה נאָך קלערער ארויס פון די רייבונגען וואָס קומען פאָר צווישען זיי, פון די חשדים, באַליידיגונגען, ליגען, באַוואוסטזיניגע פאַלשקייטען, פאַרלוימדונגען, פון דער פּערזענליכער אויפפירונג, דער אומטרייקייט, די סקאַנדאַלען, וועלכע געהען אמת ניט אריין אין דעם געביט פון שטראָף־געזעצען, אָבער וועלכע באווייזען דאָך אזוי קלאָר דעם מאָראַלישען כאַראַקטער פון די אַנטיסעמיטען. אויף אזא אופן איז פאַרווירקליכט געוואָרען וויינינגסטענס איין העלפט פון לודוויג בערנע'ס באַרימטען וואָרט, אז די אַנטיסעמיטען וועלען אין דער צוקונפט זיין קאַנדידאַטען ענטוועדער פאַר'ן צוכט־הויז אָדער פאַר'ן משוגעים־הויז.

און טראָץ דער מאָראַלישער פאַרדאָרבענקייט פון די אַנטיסעמיטישע פירער, טראָץ דער שמאַך וואָס יעדער מאָראַלישער דורכשניטליכער מענש פילט וועגען דעם אַנטיסעמיטיזם, טראָץ דער שטענדיגער באַמיאונג מצד זיינע אנהיינגער צו האַלטען אים אין געהיים און פון דער עפענטליכקייט אים צו פאַרבאָרגען אלס עטוואָס שענדליכעס — טראָץ אַלעם דעם האַלט דער אַנטיסעמיטיזם אין איין וואַקסען. וואָס מער די געזעלשאַפטליכע קלאַסען ווערען פאַנאַנדערגעטריישעלט, וואָס שווערער און אומזיכערער עס ווערט דאָס לעבען, וואָס גרעסער עס ווערט די אַטאַקע אויף דעם מיטעלשטאַנד און וואָס דראָהענדער עס ווערט די געפאַר מצד דעם פּראָלעטאַריאַט,

וועלכער הויבט זיך אויף אי געגען דעם אידענטום, אי געגען דעם קאפיטאל, אי געגען דער מאָנארכיע, אי געגען דעם שטאט, אלץ העכער מוזען שטייגען די כוואליעס פון דעם אנטיסעמיטיזם. די קלאסען, וועלכע באקעמפפען איינע די אנדערע, וועלען זיך אלץ ענגער צוזאמענשליסען אין דעם בשותפות'דיגען קאמף געגען די אידען. די עלעמענטען פון דער געזעלשאפט, וועלכע איבען אוים די גוואלדטאט, דער קאפיטאליזם, די גרויסע גרונד־באזיצער, די מאָנארכיע, די קירכע און דער שטאט, וועלען זוכען צו פארשטופען דעם סאָציאלען קאמף אין הינטערגרונט, און אויף זיין פלאץ ארויסרופען דעם רעליגיעזען און ראסען־קאמף.

דער אנטיסעמיטיזם האָט דאריבער די טענדענץ ארומצוכאפפען די גאנצע קלאסען־געזעלשאפט און די עקזיסטענץ פון די אידען אויף אן אמת אונטערצוגראָבען. ער איז דער רעזולטאט פון דער ניט גלייכער צוטיילונג פון דער מאכט אין דער געזעלשאפט און איר נאטירליכע באגלייטענדע ערשיינונג. אזוי לאנג ווי די געזעלשאפט רוט אויף דער מאכט פון דעם שטארקערען, און אזוי לאנג ווי די אידען געהערען צו די שוואכערע, אזוי לאנג וועט די נויט און דער עלענד זיין דער אומפארמיידליכער אידישער שיקזאל.

צווייטער קאפיטעל.

אינטערנאציאנאליזם און נאציאנאליזם

אויב דער אנטיסעמיטיזם ביי די ניט־אידען שטאמט פון דער פיזישער אויבערמאכט, פון געוואלט און רויקייט, געשפייזט פון דעם אלץ מער און מער וואקסענדיגען קלאסענקאמף, האט ער אבער פון דער אנדערער זייט אין זיך דעם כח, אויף דעם צד פון די אידען, צו ווערען א מאראלישע טרייב־קראפט, אן אויסגאנגס־פונקט פאר דער באנייאונג און ניי־באלעבונג פון דעם אידישען כלל. דער אמאליגער פראטעסט פון די אידען געגען דער וועלט, וועלכער האט זיך אויסגעדריקט אין מבטל זיין די וועלט, אין האס און פאר־אכטונג געגען דעם שונא, הויבט אן אין דער איצטיגער צייט פון פרייהייט און רעכט, און אונטער די אטאקעס פון דעם אנטיסעמיטיזם, צו ווערען אן אויפגעקלערטער און מאראלישער. געווים איז דערווייל דער דאזיגער פראָ־צעס פון מאראלישער אויסלייטערונג נאך אין אנפאנג, ווארים דער אידישער כלל איז נאך צו שטארק אנגעזאפט מיט דעם שקלאפישען גיפט פון דער אסימילאציאנס עפאכע, וועלכע איז די שמוציגסטע און די יאמערליכסטע אין דער אידישער געשיכטע. אבער אין דעם אידישען פאלק לעבען מאטי־ווען, וועלכע וועלען דעם אידישען כלל פירען אויף דעם וועג פון דעם דאזיגען מאראליש־געלייטערטען פראטעסט.

ווען דער אמת'ער כאראקטער פון דעם אנטיסעמיטיזם און דער אידי־שער נויט ווערט באגריפען, אלס רעזולטאט פון דעם קלאסען־קאמף פון דער געזעלשאפט און פון דער אידישער מאכטלאזיגקייט, וואקסט שוין דערפון אליין ארוים די פארמע פון דעם אידישען פראטעסט געגען דער וועלט. די אפשאפונג פון דעם קלאסען־קאמף פון איין זייט און דאס שטרעבען צו איי־גענער נאציאנאלער קראפט פון דער אנדער זייט — אט דאס באדייט פאר די אידען דאס ענטגילטיגע פארשווינדען פון דער אידישער פראגע. די סאציאלע רעוואלוציע און די אפשאפונג פון דעם קלאסען־קאמף וועלען בא־זייטיגען אויך די אבנארמאלע לאגע פון די אידען אין מיטען פון זייער שטארקערער סביבה. דעריבער מוזען די אידען זיך אנשליסען אן דעם פראָ־לעטאריאט אלס דער איינציגער עלעמענט, וועלכער שליסט אוים דעם קלאסען־קאמף און שטרעבט צו א גלייכער פארטיילונג פון מאכט. פונקט אזוי ווי ביז איצט זיינען די אידען געווען די טרעגער פון דעם ליבעראליזם, ווייל די ליבעראלען זיינען געווען די יעניגע וועלכע האבען דורכגעזעצט די אידישע

גלייכבארעכטיגונג צו להכעיס די מאכטען פון דער אלטער געזעלשאפט, פונקט אזוי מוזען די אידען איצט ווערען די קעמפער פון דעם סאָציאליזם נאָכדעם ווי די ליבעראלע בורזשואזיע איז אומטריי געוואָרען אירע אמאָליגע פרינ־ציפּען און האָט זיך געשטעלט אויף איין מדרגה מיט די איבעריגע קלאסען, וועלכע זיינען באגרינדעט אויף גוואלט.

זינט עס האָט זיך אָנגעהויבען דער אנטיסעמיטיזם, האָט זיך שוין אייגענטליך אָנגעהויבען דער פּראָצעס פון דער אָנשליסונג פון די אידען אין דער אָפּאָזיציאָנעלער סאָציאליסטישער פּארטיי. אָבער דער דאָזיגער פּראָ־טעסט פון די אידען איז ביז איצט נישט געווען קיין מאָראליש הויכער, וואָס שטאמט פון דער דערקענטניש פון דער נויט און פון דעם שטרעבען אויפצו־האלטען די אייגענע ווירדע אנטקעגען דעם פיינד, נאָר איז געוועזען פונקט אזא פּערזענליכער און עגאָאיסטישער ווי דער פּראָטעסט פון דעם מיטעל־אלטערליכען געטאָ אידען, פון דעם מאָדערנעם בורזשואזען אידען, פון דעם אלגעמיין אומרוהיגען אידען. די אידישע סאָציאליסטען פון מערב איירפּאַ, וועלכע זיינען ארויסגעקומען פון דער אסימילאציאָנס בורזשואזיע, האָבען ליידער איבערגענומען די ירושה פון די אסימילאנטען און וויזען ארויס דעם זעלבען מאנגעל אין ווירדע און די זעלבע אָרימקייט אין גייסט, ווי דאָס בירזשען־אידענטום, מיט דעם איינציגען אונטערשייד וואָס ביי אָט די איז די אינערליכע פּוילקייט, א דאנק דעם סאָציאליסטישען מאנטעל, נאָך שאר־פער ארויסגעטראָטען. ביי די אידישע סאָציאליסטען האָט דער סאָציאליזם קודם־כל אָנגענומען די פאָרמע פון א טענדענץ צו ווערען אוים אידען, פונקט אזוי ווי דער ליבעראליזם ביי דער אידישער בורזשואזיע האָט געפירט צו אסימילאציע. און דאָך איז אָט די טענדענץ צו פארלייקענען די אידישקייט ניט נויטווענדיג, ניט דורך דעם כאראקטער פון סאָציאליזם און אויך ניט דורך דעם כאראקטער פון ליבעראליזם, נאָר איז א רעזולטאט פון דער אל־געמיינער ירידה און דער דעמאָראליזאציע פון א אידענטום, וועלכער איז גע־וואָרען שטארק אויפ'ן באָדען פון פרייער קאָנקורענץ און וואו די אידישקייט, וואָס ברייננגט גאָרנישט איין, איז געוואָרען א קייט פאר זיי.

געטריבען דורך זייער אידענטום אויפ'ן וועג פון רעוואָלוציע זיינען די סאָציאליסטען באגאנגען דעם געוואלדיגען, לאָגישען און עטישען פעלער, וואָס זיי האָבען ניט אָפּגעהיט די ריינקייט פון זייער פּראָטעסט. אנשטאט צו באטאָנען דעם הויפּט־מאָטיוו פון זייער רעוואָלוציאָנערען אויפשטאנד געגען דער קלאסען־געזעלשאפט — זייער צוגעהעריגקייט צו דעם אונטערדריק־טסטען פאלק אין דער וועלט — און אויפצושטעלען זייער פּראָטעסט לכתחילה אלס א ספּעציפיש אידישען און ערשט שפּעטער אים אויפהויבען צו אן אלגעמיינעם און העכערען פּראָטעסט, האָבען זיי, פונקט ווי אלץ איז

ביי די אידען פארקערט, די זאך געשטעלט מיט'ן קאָפּ אראָפּ. נאָך מער, זיי האָבען פון זייער פּראַטעסט אוועקגענומען יעדען אידישען כאראקטער. יע, זיי האָבען פארשטיקט און אונטערדריקט דעם באוואוסטזיין, אז זיי געהערען צום אידישען פאָלק, און אויף אזא אופן זיינען זיי געוואָרען בלויז א באזונדער מין פון דער אידישער אסימילאציאָנס-בורזשואזיע.

די אסימילאציאָנס-בורזשואזיע האָט זיך אָפּגעקערט פון דעם אידענטום און האָט פארלייקענט איר פאָלק, ווייל דאָס אידישע פאָלק איז געווען שוואך און ניט איינטרעגליך; דער אידישער סאָציאַליזם האָט זיך אויסגעלייזיגט פון זיין אידענטום, ווייל ער איז ניט אנטשטאנען פון א מאָראַלישען פּראָטעסט-געפיל געגען דער וועלט פון די אונטערדריקער, נאָר ווייל ער איז געוואָרען דער לעצטער האפען, די אכסניה פאר דער אידישער אסימילאציאָנס-בורזשואזיע, וועלכע איז אויך פון דעם ליבעראַליזם פארראטען געוואָרען. די אידישע אסימילאציע האָט זיך איינגעוויקעלט אין דעם מאנטעל פון דעם נאציאָנאַליזם, דעם פּאַטערלענדישען שאָוויניזם; און דעם אידישען סאָציאַליזם האָט דער אינטערנאציאָנאַליזם געדינט אלס דעק פאר זיין נאקעטקייט. און דאָך איז אָט די נעגאַטיווע, אומווירדיגע און עהרענלאָזע האַלטונג צום אייגענעם שטאַם פונקט אזוי ווייניג בארעכטיגט דורך דעם ליגען פון דעם פרעמדען נאציאָנאַליזם, ווי דורך דער ווארהייט פון אלגעמיינעם אינטערנאציאָנאַליזם.

אין דעם באגריף פון „אינטערנאציאָנאַליזם" ווייזט זיך ארויס די אייביגע צרה מיט דער שפּראך, נעמליך, אז דער אויסדרוק איז אָרימער ווי דער אינהאַלט און דורך דעם ווערט זי אָפּט א קוואַל פון אומבאוואוסטזיניגען טעות אזוי גוט ווי פון באוואוסטזיניגער פעלשונג. צוויי גאנץ להיפּוך'דיגע ערשיינונגען פון לעבען, וועלכע האבען א פאָלשטענדיג להיפּוך'דיגען עטישען און געשיכטס-פילאָזאָפישען ווערט, געהען אונטער דעם בשותפות'דיגען אויסדרוק „אינטערנאציאָנאַליזם". מען מוז דעריבער אָנקומען צו קריטיק און אנאַליז, כדי צו קומען דאָ צו א ריכטיגער פארשטענדניש פון דעם באגריף.

דער אינטערנאציאָנאַליזם, ניט נאָר אין דעם מאָדערנעם אָפּגעשוואכטען זין, נאָר אין גייסט פון דעם ראציאָנאַליסטישען קאָסמאָפּאָליטיזם, איז אָהן ספק דער אידעאַל צו וועלכען די געשיכטע שטרעבט. די צונויפגיסונג פון אלע נאציאָנען אין אן איינציגער איינהייט, די שאפונג פון אן איינציגער מענשהייט מיט א בשותפות'ער שפּראך, בשותפות'ע טעריטאָריע און אייגענטום, און בשותפות'ער געשיכטע, ווי עס האָבען געטרוימט די גרעסטע גייסטער פון אלע צייטען, איז זיכער א הויכער נצחון פון דעם מענשליכען שכל איבער דער היסטאָרישער צופעליגקייט און אומבאוואוסטקייט. דאָס נאַ-

ציאָנאַלע איז שטענדיג בלויז אַ צופעליגער פּראָדוקט, אַ ניט שכל'דיגע ערשיינונג אין דער געשיכטע. דאָס נאַציאָנאַלע איז נאָר אַ היסטאָרישע קאַטעגאָריע און ניט קיין אבסאָלוטע. די נאַציאָנאַלע פֿאַרשידענאַרטיגקייט איז אנטשטאַנען אין אַ געוויסער היסטאָרישער פּאַזע און וועט אויך אין אַ העכערען היסטאָרישען מאָמענט פֿאַרשווינדען. דער כאַראַקטעריסטישער צייכען פֿון נאַציאָנאַליטעט איז ניט די שפּראַך, ניט די רעליגיע, ניט דער שטאַט, נאָר דאָס באַוואוסטזיין פֿון היסטאָרישער צוזאַמענגעהעריגקייט, פֿון בשותפות'ער געשיכטע. דער סאָציאַליזם, וועלכער וועט אָפּשאַפֿען מלחמה, טאַריפֿען און דעם גענענזאַץ פֿון עקאָנאָמישע אינטערעסען צווישען די קולטור־פֿעלקער און וועט אונטערגראָבען די מעגליכקייט פֿון מאַכט פֿון איינעם איבער דעם אַנדערען, און פֿון דער אַנדערער זייט וועלען פֿאַרקער און קולטורעלע באַרירונג שטייגען און שאַפֿען אַ בשותפות'דיגקייט פֿון אינטערעסען און גייסט, וועט שוין דערמיט אַליין אויסלייגען אַ וועג פֿאַר אַ בשותפות'ער געשיכטע. די בשותפות'ע געשיכטע און סאָלידאַריטעט פֿון די קולטור־פֿעלקער וועט זיי אויך פֿאַרשמעלצען אין אַן איינהייטליכען פֿאָלק. דער סאָציאַליזם מיט זיינע גרונד־יסודות: פֿאָלקס־פֿרידען, געמיינשאַפֿט פֿון אינטערעסען און העכערע קולטור טראָגט אויך אין זיך דעם קערן פֿאַר דער פֿאַרווירקליכונג פֿון דעם ריינעם אינטערנאַציאָנאַליזם, דעם קאָסמאָ־פּאָליטיזם.

פֿון אָט דעם געהויבענעם אינטערנאַציאָנאַליזם לאָזט זיך בשום אופן ניט אויסדרינגען דער ביטול פֿון די אידישע סאָציאַליסטען לגבי דעם אי־דישען פֿאָלק, פּונקט אַזוי ווייניג ווי די גלייכגילטיגקייט פֿון יעדען אַנדערען פֿאָלק לגבי דער אייגענער ווירדע און פֿרייהייט. די גלייכגילטיגקייט גענען דעם אייגענעם שטאַם, די ענטנאַציאָנאַליזירונג פֿון די אונטערדריקטע און פֿאַראַכטעטע פֿעלקער — די אַסימילאַציע איז שטענדיג נאָר דער רעזולטאַט פֿון אַ שקלאַפֿישען, עלענדען גייסט, פֿון בוקען זיך פֿאַר מאַכט, פֿון עהרענ־לאָזיגקייט און ווירדעלאָזיגקייט, פֿון פּחדנות און דעגענערירטען כאַראַקטער. זי שטעהט אין אבסאָלוטער סתירה צו דעם אויבען־אָנגעוויזענעם אינטער־נאַציאָנאַליזם און איז זיין לאָגישער און עטישער היפּוך. דאַגעגען איז די אַסימילאַציע אין איר עצם פֿאַרוואַנדט מיט דעם אינטערנאַציאָנאַליזם פֿון די בירזשען־הענדלער און שווינדלער, די קריכער וואָס קענען קיין אַנדער פֿאָטערלאַנד ניט, נאָר זייערע אייגענע נוצען. קיין אַנדער פֿאָלק, נאָר די פּראָפֿיטען; קיין אַנדער כבוד, נאָר די קריכעריי. אָט דער סאָרט נאַציאָנאַ־ליזם, וועלכער באַשטעהט אין פֿאַרלייקענען די אייגענע נאַציאָן, אין גלייכ־גילטיגקייט צו איר שיקזאַל און אין אַסימילאַציע מיט אַ שטאַרקערער נאַציאָן, שטעהט מאָראַליש נאָך אויף אַ נידעריגערער מדרגה ווי דער אינטערנאַציאָ־

נאַליזם פון גוואַלט, ווי דער קאָסמאָפּאָליטיזם פון דער שווערד. דער אינטער־נאַציאָנאַליזם פון גוואַלט, אַזוי ווי, צום ביישפּיל, דער מאַרש פון אַלכּסנדר מוקדון, די וועלט־הערשאַפט פון רוים, דער איבערפאַל פון די מאָנגאָלען, די מלחמות פון נאַפּאָלעאָנען דערוועקט אין אונז צאָרן און פּראָטעסט געגען הערשאַפט און מאַכט; אָבער דער אינטערנאַציאָנאַליזם פון שקלאַפעריי, ווי דער פּוילישער פאַרראַט, די אידישע אסימילאַציע רופען אין אונז ארויס עקעל דורך דעם פריייוויליגען אונטערגעבען זיך, דורך דער עלענדער קריכעריי פאַר דער גוואַלט. צו וועלען דערגייכען דעם קאָסמאָפּאָליטיזם אויפ'ן חשבון פון דער פרייהייט און דער ירידה פון אייגענעם פאָלק איז פּאַברעכען און פאַרראַט.

דער סאָציאַליזם, וועלכער האָט פּראָקלאַמירט די הייליגקייט פון פריי־הייט און דאָס רעכט פון זעלבסטבאַשטימונג איז סיי אין זיין נאַטור, סיי אין זיין פּראַקטישער טעטיגקייט, דער אבסאָלוטער היפּך פון אָט דעם סאָרט שווינדעל־אינטערנאַציאָנאַליזם. אַלע שטרעבונגען, וועלכע שטיצען זיך אויף דער אונטערדריקונג און דער פאַרלייקענונג פון א פאלק, געפינען אין דעם סאָציאַליזם זייער אויסגעשפּראָכענעם געגנער. פאַרקערט ווידער, אלע פאַרזוכען פון די אונטערדריקטע פעלקער זיך צו באַפרייען און דער־הויבען ווערען פון דעם סאָציאַליזם באַגריסט. אין דער סאָציאַליסטישער עטיק און אין דעם סאָציאַליסטישען באַגריף פון פרייהייט געפינט יעדע נאַ־ציאָנאַלע פרייהייטס־באַוועגונג איר מאָראַלישען יסוד. עס איז געווען דער אינטערנאַציאָנאַל, וואָס האָט דער ערשטער באַגריסט דעם לעצטען פּוילישען אויפשטאַנד אין רוסלאַנד, אויך זיינען עס געווען די סאָציאַליסטישע פאָלקס־מאַסען פון פראַנקרייך און איטאַליען, וועלכע האָבען קורץ נאָך דעם פריי־הייטס־קריג פון די קרעטען געגען טערקיי זיי אויסגעדריקט סימפּאַטיע. אויף די נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנגרעסען איז דאָס רעכט אויף זעלבסט־באַשטימונג פון יעדער נאַציאָן פּראָקלאַמירט געוואָרען, פּונקט אַזוי ווי דאָס שטרעבען פון די פעלקער זיך צו באַפרייען און צו דער־הויבען איז ערקלערט געוואָרען אלס א טייל פון דעם עצם און דער עטיק פון דעם סאָציאַליזם.

ביי די סאָציאַליסטען פון אלע פעלקער איז שוין די פראַגע וועגען דער שייכות צווישען סאָציאַליזם און נאַציאָנאַליזם לאַנג געלייזט. ביי קיין פאָלק קען מען נישט אָנווייזען אויף סאָציאַליסטישע קעמפער, וועלכע האָ־בען פון דעם נאַציאָנאַליזם און אינטערנאַציאָנאַליזם ארויסגעדורנגען א טעאָריע, וועלכע איז מבטל די אייגענע נאַציאָנאַליטעט, וועלכע פּרעדיגט די נויטווענדיגקייט זיך צו אסימילירען מיט דעם שטאַרקערען פאָלק. ווער ביי די אונטערדריקטע פעלקער פאַרלייקענט יע און פאַרראַט די נאַציאָנאַליטעט

— דאָס איז די בורזשואַזיע, דאָס זיינען די הערשענדע קלאַסען. אַט די פּאַרראַטען און פאַרלייקענען זייער אייגענע נאַציאָן אין דעם ערשטען מאָ־מענט, ווען עס לוינט זיך נאָר פאַר זייערע פּראָפיטען. אזוי האָט די פּוילישע בורזשואַזיע פאַרראַטען פּוילען און די פּוילישע נאַציאָנאַליטעט און האָט די ערשטע נאָכגעגעבען דעם פיינד און מיט אים שותפות געשלאָסען. אזוי האָט די אידישע בורזשואַזיע געשאַפען די אַסימילאַציע, האָט אוועקגעגעבען די אידישע נאַציאָנאַליטעט צוזאַמען מיט אירע האָפנונגען און נאַציאָנאַלע אידעאַלען, כדי עס זאָל זיי גרינגער זיין אָהן דעם אידישען באַלאַסט זיך צו באַוועגען אויף דער בירזשע. די טרעגער פון נאַציאָנאַלען פרייהייט־קאַמף זיינען ביי די אונטערדריקטע פעלקער די אינטעליגענץ, די סאָציאַליסטען און דאָס ארבייטענדע פאָלק.

בלויז ביי די אידען, וואו אַלץ איז קאַפּויר, האָבען די סאָציאַליסטען איבערגענומען די אַסימילאַציע פון דער אידישער בורזשואַזיע אַלס אַ גייס־טיגען פאַרמעגען. אין דעם מוז מען ניט אַנדערש ווי זעהן די ירידה פון זייער סאָציאַליסטישען און פרייהייטליכען ערנסט. דער פּראָטעסט פון די אידען, וואָס האָט געפונען זיין אויסדרוק אין דער אָנשליסונג אָן די סאָ־ציאַליסטען, איז אַלזאָ נישט ארויסגעקומען פון העכערע מאָראַלישע מאָטיוען, נאָר איז ווי יעדער ביזהעריגער אידישער פּראָטעסט אין דער געשיכטע, גע־ווען אַ פּערזענליכער, אַן אינדיווידואַליסטישער. אזוי לאַנג ווי דער ליבע־ראַליזם איז געווען מעכטיג און איז געבליבען געטריי זיינע פּרינציפּען האָט זיך דאָס אידענטום געטוליעט צו אים; אָבער ווען די קריסטליכע בור־זשואַזיע האָט די אידען ארויסגעיאָגט, האָט די אידישע בורזשואַזיע זיך געמאַכט אַן אַכסניה אין דעם סאָציאַליזם. בנוגע זיין אידישען געפיל, ווייזט זיך דער אידישער סאָציאַליזם ארוים פּונקט אזוי ניט אויפגעקלערט, שקלאַ־פיש, ווי די אידישע בורזשואַזיע.

אויב די נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ פון די אידען האָט ניט קיין אינהאַלט, איז דאָס קיין רעכטפערטיגונג ניט פאַר די אידישע סאָציאַליסטען זיך אָפּ־צוזאָגען פון זייער אידענטום. געוויס פלעגען די אידען נישט האָבען קיין שום העכערעס נאַציאָנאַלעס און דאָס איז די טראַגיק פון זייער לעבענס־סתירה. אָבער דאָך איז זי דורכדעם נישט וויינינגער אַן אָפּגעשלאָסענע נאַ־ציאָן. זי ווערט פון דעם פיינד שטענדיג אזוי באַטראַכט און איז דורכ־געדרונגען מיט דעם באַוואוסטזיין פון אָפּגעזונדערטקייט. אָבוואָל די אידען זיינען באַרויבט פון אַלע אויסערליכע נאַציאָנאַלע סמנים, פאַרשפּרייט אין אַלע לענדער, רעדענדיג אַלע שפּראַכען און דעם מיש־מאַש פון אַלע שפּראַכען, אָהן נאַציאָנאַלע גיטער, אָהן שעפערישער נאַציאָנאַלער קראַפט, דאָך זיינען די אידען אַ קלאָר־אָפּגעצייכענטע אומה, וואָס שוין אין איר עקזיסטענץ אליין

ליגט דער אינהאַלט פון איר זיין. די עקזיסטענץ פון די אידען, וועלכע האָבען זיך זייט יאָרהונדערטען אויפגעהאַלטען אין שלימסטען קאמף געגען דער דרויסענדיגער וועלט, האָט שוין אין זיך אַליין אַ העבערען זין, וואָרים מיט זייער עקזיסטענץ פאַרטרעטען די אידען די פרייהייט פון געוויסען און אַ שטיק פון העכערען מענשען־רעכט. אויב דער קאַמף געגען די אידען איז אַן אומגערעכטער און שטאַמט פון דער מאַכט פון דעם שטאַרקערען, דאַן איז די עקזיסטענץ פון די אידען אַ פּראָטעסט געגען גוואַלט, אַ קאַמף פאַר רעכט. אין די אידען איז פאַרקערפּערט אַ גרויסע שטיק מענשען־רעכט, וואָס וואָלט פאַרלעצט געוואָרען, ווען די אידען וואָלטען אונטערגעגאַנגען. דער אונטער־גאַנג פון די אידען דאַרף פאַרגליכען ווערען צום אונטערגאַנג פון דער מענש־ליכקייט.

פאַר די אידען אַליין וואָלט זייער נאַציאָנאַלער טויט געווען די שרעק־ליכסטע טראַגעדיע פון זייער שיקזאַל, און יענע אידישע עפּאָכע, וואָס וואָלט דעם דאָזיגען טויט דורכגעמאַכט, וואָלט געווען די עלענדסטע און יאָמערליכסטע אין דער מענשליכער געשיכטע. פון איין זייט פאַרראַט געגען דעם מענשענטום און געגען זיך, פון דער אנדערער זייט — פאַרצווייפלונג, גייסטיגע ירידה, אונגלויבען, מוטלאָזיגקייט, וואַקסען אויף דעם קראַנקהאַפ־טען באָדען פון דער אידעאַל־לאָזיגקייט און דער פאַרפלאַכונג פון לעבען. מען דאַרף זיך נאָר פאָרשטעלען די לאַגע פון דעם לעצטען אידען, וועלכער וואָלט געדאַרפט דורכמאַכען די לעצטע גסיסה פון זיין פאָלק, אין מיטען פון די בליהענדע פעלקער פון דער מענשהייט. ווען דער דאָזיגער לעצטער איד זאָל נאָך איבערהויפּט פייהיג זיין אויף אַ העכערער שטימונג. די ימים בלוט, וואָס זיין פאָלק האָט פאַרגאָסען אין קאַמף פאַר זיין דערהאַלטונג, די מיליאָ־נען קרבנות, וואָס די ערד אין אַלע לענדער טראָגט פאַרבאָרגען אַלס בלוטיגע עדות פון דעם רעוואָלוציאָנערען טראָץ פון דעם אידישען פאָלק אין קאַמף געגען דער וועלט פון די מעכטיגע — דאָס אַלץ וואָלט אים געדאַרפט אויס־זעהן ווי אַן אומגליקליכער פּאַרס, ווי אַ פאַרלוירענער שפּיל. פאַר דעם אידען שטייגט אויף די הייליגע פליכט צו לעבען, ווייל ער פאַרטרעט מיט זיך רעכט און פרייהייט. שאָפּענהויער זאָגט אין איין אָרט, אַז דאָס לעבען איז אַ פאַרברעכען, ווייל מען באַצאָלט פאַר אים מיט׳ן טויט; פאַר די אידען איז דאָס לעבען אַ פליכט, ווייל פאַר זיי איז דער טויט אַ פאַרברעכען.

אין אַזאַ צייט ווי אונזערע, וואו די גרויסע אידישע פאָלקס־מאַסען ווילען ניט און קענען זיך גאָר ניט אַסימילירען, ווען די אידען זיינען ארומגע־רינגעלט פון אַ וועלט פון בלוטיגע שונאים, ווען די נויט און דער עלענד זיינען דער שיקזאַל פון אידישען כלל, ווען דאָס רעכט פון אידען ווערט עפענטליך פאַרלעצט, זיין כבוד מיט די פיס געטראַטען און זיין אומגליק

אויסגעלאכט — אין אזא צייט צו רעכטפערטיגען די אסימילאציע דערפאר, ווייל דאָס אידישע לעבען איז אָהן אינהאלט, איז עס נור חוזק איבער דעם יאָמער. ניט זיך פארלייקענען ווייל דאס לעבען איז ליידיג און אינהאלטס־לאָז, נאָר זיך באהויפטען און געבען דעם לעבען א העכערען ווערט — אָט דאָס מוז זיין דער לאָזונג פון די בעסערע אידען. פון דער פליכט און נויט־ווענדיגקייט פון די אידען צו בלייבען לעבען, וואקסט אלזאָ ארויס זייער העכערע, עטישע אויפגאבע צו געבען זייער לעבען א העכערען נאציאָנאלען אינהאלט און אויך באזייטיגען יענע שטערונגען, וועלכע שטעלען א צאם צו דעם שאפען פון דעם אידישען פאָלקס־זשעני.

אויב דער אידישער סאָציאליזם, וועלכער באהויפטעט, אז ער שטאמט נישט פון קלאסען־אינטערעסען, נאָר פון אידעאָלאָגישע מאָטיווען, וויל זיך דערהויבען צו אן אויפריכטיגען, נארמאלישען פראטעסט־אויסדרוק, דאן מוז ער דעם אידישען פראָטעסט, אויף וועלכען ער בארוהט אין דער ווירקליכ־קייט, אויפנעמען אלס זיין לייט־מאָטיוו און דאָס גאנץ אָפען פראָקלאמירען. דער סאָציאליזם פון די אידען דארף אויך ווערען אן אמת׳ער אידישער סאָ-ציאליזם.

פון דעם קלאנג פון די ווערטער קען מען נאָך דאָ אפשר דערזעהן א מין רעאקציאָנערען סאָציאליזם, ווייל דאס וואָרט „אידיש" לאָזט זיך פארגלייכען מיט קריסטליך, נאציאָנאל, דייטש א. א. וו.; אין אמת׳ן אָבער וואָלט עס נאָר געווען א פאָלעמישער קינדער־קאמף, ווארום לאגיש און אמת׳דיג דארף דער אידישער סאָציאליזם געשטעלט ווערען אין איין רייע מיט דעם פּראָלע־טארישען סאָציאליזם, ווארום זיי ביידע האָבען זייער בשותפות׳ן וואָרצעל אין אונטערדריקונג און אין אומגלייכער מאכט־צוטיילונג.

דאָרט וואו דער אידישער פראָלעטאריאט האָט זיך דערהויבען צום קלאסען־באוואוסטזיין, דאָרט האָט ער אויך אין אמת׳ן א אידישען סאָציא־ליזם געשאפען, פריי פון יעדער שקלאפישער צוטשעפעניש פון אסימילאציע. דער סאָציאליזם פון אידישען פּראָלעטאריאט טראָגט אין זיך אויך א ספּעצ־ציפיש־אידישען פּראָטעסט־מאָמענט, וואָס קומט קלאָר צום אויסדרוק ביי דער זייט פון דעם קלאסען באוואוסטזיין. די באזונדערע אויסשפּראך, שריפט, געדאנקענגאנג און שטימונג פון דער אידישער מאסע, וועלכע גיבען איר אן אויסגעשפּראָכענעם נאציאָנאלען שטעמפּעל און שיידען זי אָפּ אזוי באשטימט פון אלע פעלקער, שפּיגלען זיך אויך קלאָר אָפּ אין איר סאָציא־ליזם. פריי פון יעדען אסימילאציאָנס שווינדעל און אָהן דעם עלענדען פארלאנג זיך צו פארלייקענען, טראָגט דער אידישער פּראָלעטאריאט בא־וואוסטזיניג, און נאָך מער אומבאוואוסטזיניג, א ספּעציפיש־אידישען פּראָ־טעסט אין זיך.

אמת, אויף ווי ווייט דער אידישער פּראָלעטאַריאַט האָט אין אָנפאַנג פון זיין ענטוויקלונג געשעפּט זיין אויפקלערונג פון דער אסימילאַציאָנס־אינטעליגענץ זיינען אויך אין אים אריינגעוואָרפען געוואָרען גיפטיגע זאָמען פון אסימילאַציע. אָבער דאָס געזונטע זעלבסטבאוואוסטזיין פון דעם פּראָ־לעטאַריאַט, זיין נאַטירליכקייט, זיין זעלבסט־צוטרוי און זיין ווירדע האבען אים אָפּגעהיט פון דעם דאָזיגען שעדליכען קערן און ער בּאַפרייט זיך אלץ מער און מער פון דער אסמילאַציאָנס־קראנקהייט. פאַרקערט, דער אידישער קלאַסען־באוואוסטער פּראָלעטאַריאַט ווירקט פרוכטבאר צוריק אויף דער אי־דישער אינטעליגענץ, וואָס שטעהט מיט אים אין גייסטיגער בארירונג און רופט זי צו ווירדע און זעלבסטבאוואוסטזיין.

דער אידישער סאָציאַליזם וועט, פריער אָדער שפּעטער, זיך ארויס־וויקלען פון דעם אסימילאַציאָנס־שווינדעל און וועט זיך טריי און פריי ערקלערען אלס א געוואַלדיגער פּראָטעסט פון די אידען, וואס האָט נאָר אין דעם סאָציאַליזם זיין העכערע מאָראַלישע פּאָרמע געפונען. אלס א פּראָ־טעסט־פאָרמע געגען דער אידישער שמאַך קען דער סאָציאַליזם ווערען דער בשותּפות׳ער פאָרמעגען פון אַלע אידען, וואָרים די אידישע נויט פילט דער אידישער פּראָלעטאַריאַט, אזוי ווי די אידישע אינטעליגענץ; דער אידישער מיטעלשטאַנד אזוי ווי די אידישע בורזשואַזיע. שמאַך און שאַנדע, נויט און קריינקונג איז דער חלק פון אַלע קלאַסען פון אידישען פאָלק, און ווען דער איד וואָלט באַגריפען זיין גאַנצען עלענד, וואָלט ער פאַר דעם דאָזיגען גרענעצלאָזען יאָמער פון זיין עקזיסטענץ ביז די טיפענישען פון זיין הארצען אויפגעציטערט.

די דערקענטניש פון דעם וועזען פון דעם אנטיסעמיטיזם ווירקט דע־ריבער צווישען די אידען אלס א מאָראַלישע און באַנייענדיגע קראַפט. די בשותּפות׳ע נויט קלעפּט די אידען צוזאַמען און האַלט אויף אין זיי דעם באוואוסטזיין פון נאַציאָנאַלער צוזאַמענגעהעריגקייט. זי שאַפט פון זיי א פאָלק וואָס מוז קעמפען און שטרייטען, לעבען און טראַכטען. פון דער דער־קענטניש פון זייער נויט דערהויפּט זיך דאָס אידישע פאָלק צו כבוד און ווירדע און הויבט אָן צו שטרעבען צו א העכערען לעבענס־אינהאַלט. עס דאַרף אָבער דערפון ניט ארויסשווימען דער טעות, אז די נויט פון די אידען איז א געווינשטער מיטעל פאַר זייער מאָראַלישער דערהויבונג, אז דער אנטיסעמיטיזם איז ביי דעם אידען אן אָנגעלייגטע זאַך. ניט די נויט וועט העלפען די אידען צו זייער מאָראַלישער אויסלייטערונג, נאָר די דערקענט־ניש פון דער נויט. די אַדישע נויט איז א רעזולטאַט פון דער אומגלייכער מאַכט־צוטיילונג, און מוז אויך אזוי לאַנג דויערען ווי לאַנג עס וועלען זיין שטאַרקע און שוואַכע. דאָס איז אַן אָביעקטיווער פאַקט פון סאָציאַלען לע־

בען, וועלכער ווערט ניט באאיינפלוסט פון דעם ווילען און ווינשען פון די מענשען. ערשט אזוי שנעל ווי די דערקענטניש באגרייפט דעם פאקט, ווערט די נויט דער אויסגאנגס־פונקט פון א העכערען, מאָראליש־געלייטערטען לעבען.

א גוטער משל פאר דער דאָזיגער ערשיינונג איז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אויך זי שעפט איר מאכט און מאָראלישע קראפט פון דער נויט און דער עקאָנאָמישער ירידה פון ברייטע קרייזען, א ירידה, וועלכע ווערט פארווירקליכט מיט סאָציאַלער נויטווענדיגקייט. דאס באדייט אָבער בשום אופן ניט, אז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע ווינשט דעם עקאָנאָמישען חורבן פון דעם מיטעלשטאנד, ווי עס ווערט איר פאָרגעוואָרפען פון די רעאקציאָנערע פארטייען; זי פארצייכענט בלויז דעם סאָציאַלען פאקט, דערקענט זיין וועזען און פארוואנדעלט אים אין שטאָף פון קלאסען־קאמף. אזוי אויך מיט דער אידישער פראגע. אויך דאָ ווערט די דערקענטניש פון דער אידישער נויט און איר וועזען פארוואנדעלט אין סאָציאַלען קאמף — אין דעם וואָס די אידען שליסען זיך אָן א ל ס א י ד ע ן אין די סאָציאַליסטישען רייען און עס ערוואכט זייער נאציאָנאַלער זעלבסטבאוואוסטזיין.

דער סאָציאַליזם איז דעריבער יענע פארטיי, וואוהין די פּאָליטישע אינסטינקטען, די ווירדע און דער עהרען־געפיל פון די אידען טרייבען זיי. די אידען דארפען אָבער אויפנעמען דעם סאָציאַליזם אלס אידען, אים מאַכען פאר זייער נאציאָנאַלער פארטיי און אים באפרייען פון דעם אסימילאַציאָנס־שווינדעל. ווארים דער סאָציאַליסטישער פּראָלעטאריאט איז דער איינציגער פריינד פון די אידען, וועמעס זיג מיינט די אָפּשאַפונג פון דער אידישער נויט.

אָבער אזוי שנעל ווי די אידען דערגרייכען זייער נאציאָנאַלען זעלבסטבאוואוסטזיין און קעמפען אלס פאָלק, אזוי שנעל ווי דער אידישער סאָציאַליזם, ביי דער זייט פון עקאָנאָמישען קלאסען־קאמף, נעמט אויך אויף אין זיך דעם אידישען פאָלקס־פּראָטעסט געגען דער גרענעצלאָזער נויט פון יאָרטויזענטען, טרעט ארויס נאָך אן אנדער פּראָטעסט־פאָרמע פון די אידען, נאָך אן אנדער טענדענץ פאר זייערע פּאָליטישע און נאציאָנאַלע אינסטינקטען, וועלכע וואקסען ארויס פון דער ספּעציפישער געשטאלט פון דער אידישער נויט.

דריטער קאפיטעל.

דער ציוניזם

די נייע פארהעלטנישען וואס דער סאָציאליזם וועט ברייגגען וועלען קענען באזייטיגען די אידישע נויט נאָר אין דער צוקונפט. אָבער אין דער געגענוואַרט איז דער סאָציאליסטישער קאמף מאכטלאָז זי צו לינדערען. ווארים אָבוואָל די אידישע נויט איז א רעזולטאט פון דער אלגעמיינער נויט, דאָך האָט זי נאָך א באזונדערן כאראקטער וואס קען נישט בארירט ווערען פון דעם וואקסענדען סאָציאליזם. די פראָלעטארישע נויט געפינט איר איצטיגע רפואה אין דעם קלאסען־קאמף. דער סאָציאליזם, וועלכער פאָלט זיך פאנאנדער אין צוויי טיילען, אין אן ענד־ציל און אין דעם קאמף פון איצטיגען מאָמענט צו שאפען בעסערע צושטענדען אין די ראמען פון דער איצטיגער געזעלשאפט, קומט געוויס צו הילף אלע אונטערדריקטע. דורך דעם סאָציאליסטישען קאמף האָבען אלע אונטערדריקטע די מעגליכקייט צו פארשטארקען זייער פּאָליטישע מאכט, צו פארבעסערען זייער עקאָנאָמישע לאגע און צו דערהויבען זייער גייסטיגען מצב.

אנדערש אָבער איז עס מיט די אידען. די עקאָנאָמישע צוזאמענשטעלונג פון די אידען, זייער פּאָליטישע רעכטלאָזיגקייט, זייער סאָציאלע לאגע, ווי אויך, פון דער אנדערער זייט, דאָס מאַנעווורירען פון די סאָציאליסטען אליין מיט פאָלק און רעגירונג, שאפען פאר די אידען א באזונדערע־לאגע, וואָס קען ניט פארבעסערט ווערען דורכ'ן סאָציאליסטישען קאמף אין דער געגענוואַרט.

לויט איר סאָציאלער צוזאמענשטעלונג, באַשטעהט די אידישע געזעלשאפט פון א מעכטיגער און רייכער בורזשואזיע, פון א מיטעלשטאנד וואָס טיילט זיך אין א סוחרים־שטאנד און אין אן אינטעליגענץ, און פון אן אָרימען קלאס, וועלכער פאלט זיך ווידער פאנאנדער אין אן ארבייטענדיגען און ניט־ארבייטענדיגען פּראָלעטאריאט, אין ארבייטער און אָרימע־לייט.

די מאָראלישע נויט, אונטער וועלכער אלע אידען ליידען, טראָגט פארבאָרגען אין זיך די טענדענץ זיך צו פארוואנדלען ביי אלע קלאסען אין א מאטעריעלער נויט. דער געזעלשאפטליכער קאמף, וואס ווערט געפירט געגען די אידען, שעדיגט אָבער אין דער ערשטער רייע די עקאָנאָמישע אינטערעסען פון דעם אידישען מיטעלשטאנד. ניט וויניגער האָט די אידישע אינטעליגענץ, וועלכע געהערט צום מיטעלשטאנד, אויסצושטעהן פון

דעם אַנטיסעמיטישען שטורם. דער אידישער מיטעלשטאַנד איז דעריבער געצוואונגען אַנצושטריינגען זיין העכסטע ענערגיע, כדי זיך צו דערהאַלטען אין דעם קאַמף פאר זיין עקזיסטענץ און אויפצוהאלטען ווי עס איז זיין כבוד און ווירדע אונטער די גוואַלדיגע העצעס.

דער דאָזיגער נויט פון דעם אידישען מיטעלשטאַנד קען דער קלאַסענ־קאַמף און די סאָציאַליסטישע פּראַקטיק ניט העלפען. דאָס אייביגע יאָגען און האַוועןׄ דאָס פיבערהאַפטע טרייבען און קעמפען זיינען די כאַראַקטער־שטריכען פון דעם אידישען מיטעלשטאַנד און זיינען נאָר אַ באַווייז ווי וואַקעלדיג זיין לאַגע איז, וואָס ווערט מיט׳ן וואַקסענדען אַנטיסעמיטיזם מיט יעדען טאָג שוואַכער. ניט נאָר קען דער קלאַסענקאַמף די דאָזיגע נויט ניט העלפען, נאָר אַזוי ווי דער אַנטיסעמיטיזם ציט זיין נאַרונג פון דעם קלאַסענקאַמף, איז וואָס שאַרפער עס ווערט דער קלאַסענקאַמף, אַלץ גרעסער שטייגט די נויט פון דעם אידישען מיטעלשטאַנד.

אויך די נויט פון דער אידישער אינטעליגענץ קען דורכ׳ן קלאַסענקאַמף נישט באַזייטיגט ווערען. פאַרקערט, וואָס העכער עס שטייגט די קאָנקור־רענץ, אַלץ שאַרפער ווערט די דאָזיגע נויט. דער געזעלשאַפטליכער באָיקאָט, וועלכער שטייגט אַלץ מער און מער געגען דעם אידישען פאָלק בכלל און דער אינטעליגענץ בפרט, קען דורך קיין שום פּראָטעסט פאָרמע פון די אידען ניט באַקעמפט ווערען. זי קען שוין בעסער אַריבערטראָגען די דאָזיגע עקאָנאָ־מישע שעדיגונג און מאָראַלישע ערנידערונג מיט אַ געפיל פון רעזיגנאַציע. אָבער ניט בלויז דער געזעלשאַפטליכער באָיקאָט, נאָר אויך די רעגירונג טרעט אויף געגען דעם דאָזיגען קלאַס, און אפילו אויך אין יענע לענדער, וואו די אידען זיינען פאָרמעל גלייכבאַרעכטיגט. וואָרים די אינטעליגענץ פון אַ פאָלק ווערט אַלץ מער און מער אָבהייננגיג פון דער רעגירונג. געגען די דאָ־זיגע העצעס און רעכטלאָזיגקייט איז דער איד אונמעכטיג און פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי קען אים אין איצטיגען אויגענבליק קיין הילף ניט קומען, וואָרים די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע קען ניט, צוליב איר פּראָלעטאַרי־שען כאַראַקטער און צוליב טאַקטישע גרונדען, נעמען אונטער איר אַקטיווער שוץ די לאַגע פון דעם בירגערטום, דערצו נאָך פון אַ פאַרהאַסטען פאָלק.

אָבער אויך די נויט פון דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט קענען דער דער סאָציאַליזם און קלאַסענקאַמף פון איצטיגען מאָמענט ניט העלפען אין דער זעלבער מאָס ווי די נויט פון וועלכען עס איז אַנדערען פּראָלעטאַריאַט. דער לומפען־פּראָלעטאַריאַט, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דעם גרעסטען טייל פון דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט, און וועלכער ווערט רעקרוטירט פון קליינע הענדלער, מעקלער, פאַרמיטלער, פעדלער, פאַכטער, א. ז. וו., איז איבער־הויפּט נישט פייאיג צום קלאַסענקאַמף און סאָציאַליסטישער טעטיגקייט.

ער קען העכסטענס שטרעבען צום ענד־ציל פון סאציאליזם און מיטפילען דעם סאָציאַליסטישען קאמף, אָבער אונמיטעלבאר קען אים דער סאָציאַ־ליסטישער קלאסענקאמף נישט נוצען.

אויך אונטערגעהן קען דער דאָזיגער קלאָס ניט. די קאפיטאליזירונג פון דער געזעלשאפט און די אויפלייזונג פון די קליינע זעלבסטשטענדיגע עקזיסטענצען קומט נישט פאָר אין אזא שנעלען טעמפא ווי די סאָציאַליס־טישע טעאָריע האָט עס לכתחילה אָנגענומען. דער אָביעקטיווער פּראָצעס פון דער ענטוויקלונג קומט פאָר זעהר לאנגזאם, און די טרעגער פון דעם עקאָנאָמישען פּראָצעס פּאסען זיך ווי עס איז צו און אנטרינען דעם אונ־טערגאנג, וואס סטראשעט זיי פון דעם אָביעקטיווען עקאָנאָמישען פּראָצעס.

אין מזרח אייראָפּא, וואו דער דאָזיגער אידישער פּראָלעטאריאט לעבט און וואו ער געפינט זיך אין דער גרעסטער נויט, וועט ער ניט אזוי שנעל קענען ארויסגעשטויסען ווערען פון דער סאָציאַלער לאגע, וואָס איז אים היסטאָריש צוגעפאלען. די אידישע פּראָלעטאריער אָהן ארבייט קענען און מוזען נאַ־טירליך, אלס אונטערדריקטע און אלס אידען, אָננעמען דעם סאָציאַליזם, אָבער די סאָציאַליסטישע פּראַקטיק טרעפט ניט צו זייער ווירקליכקייט.

הילף אין דער נויט קען דער סאָציאַליזם אין זיין איצטיגער טעטיגקייט ברייננען בלויז א קליינעם טייל פון דער אידישער מאסע, דעם ארבייטענ־דיגען פּראָלעטאריאט. אָבער אויך די לאגע פון דעם אידישען פּראָלעטאריאט איז א פּיל ערגערע ווי די לאגע פון יעדען אנדערען פּראָלעטאריאט. ווארים וואו עס לעבט א אידישער פּראָלעטאריאט, געפינט ער זיך אונטער ספּעציע־לע אידישע אויסנאמס־געזעצען און אפילו פון זיין רעלאטיווער באוועגונגס־פרייהייט איז ער אויך בארויבט. ער קען דורך דעם קלאסענקאמף פארבע־סערען זיין עקאָנאָמישע לאגע, אָבער ער איז אונמעכטיג אויפצוהויבען דעם פּאָליטישען דרוק, וואָס ליגט אויף אים. דאָס וואָס דער אידישער קלאסענ־קאמף דערגרייכט שוין קען אויך דורך די אויסנאמס־געזעצען געגען די אידען צוריק פארוואנדעלט ווערען אין אן אילוזיע.

דער סאָציאַליזם און דער קלאסענקאמף טרעפען אלזאָ גאָרנישט צו צום גרעסטען טייל פון דער אידישער ווירקליכקייט, בשעת אפילו דער פּראָלע־טארישער רעשטעל פון די אידישע מאסען קען אין דעם קלאסענקאמף ניט געפינען די זעלבע רפואה וואס דער פּראָלעטאריאט פון יעדען אנדער פאָלק. דאָס איז דער באזונדערער אויסנאמס־כאראקטער פון דער אידישער נויט.

נאָך א ווידערשפּרוך צווישען דער סאָציאַליסטישער פּראַקטיק און דער אידישער ווירקליכקייט באשטעהט אין דעם וואָס דאָס אידישע פאָלק ווערט פון די סאָציאַליסטען ניט שטענדיג גענומען אונטער זייער שוץ. אָבוואָל דער פּרינציפּ און דער ענד־ציל פון דעם סאָציאַליזם לאָזט נישט צו קיין שום

פארלעצונג פון די רעכט פון׳ם אידישען פאָלק, דאָך פאסירט עס זעהר אָפּט, אז צוליב דער טאַקטיק און דעם אָפּאָרטוניזם פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען נעמען זיי אָן א פּאַסיווע האלטונג צו די אידישע רדיפות, יע, אָפּטמאָל זאָגאר א גוטהייסונג. ווי שטארק להיפוך עס געהט ניט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע צום אנטיסעמיטיזם אין פּרינציפּ און אין דער טאַקטיק, דאָך פעלען נישט קיין פּאָליטישע מאָמענטען ווען די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פּרעהט זיך מיט׳ן אנטיסעמיטיזם, אָדער וויינינגסטענס האלט זיך צוריק פון באקעמפען אים. די פּאָליטישע געשיכטע פון די לעצטע יאָרען ליפערט אייניגע ביישפּילען פון אָט אזא מין שטעלונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אלס איין ביישפּיל פון א סך קען דאָ דינען די שטעלונג וואָס די פראנצויזישע סאָציאַליסטען האָבען אָנגענומען אין דער דרייפוס אפערע. פּונקט אזוי ווי דער אָפּאָרטוניזם פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע שטעלט זיך אָפּט אין ווידערשפּרוך צו אירע אלגעמיינע גרונד־פּרינציפּען פון דעם ענדליכען ציל פון סאָציאַליזם, רעוואָלוציע ,א. ז. וו., אזוי פּארוואַרפט אָפּט די דאָזיגע פּאַרטיי, צוליב אָפּאָרטוניזם, אויך איר אבסאָלוטען גערעכטיגקייטס־כאראקטער בנוגע דער אידישער פראגע.

אויב אלזאָ די אָנשליסונג פון די אידען אָן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין די קאָנסטיטוציאָנעלע לענדער איז פאר זיי אין דער געגענווארט ניט אזוי פּרוכטבאר ווי פאר די אונטערדריקטע פון אלע אנדערע פעלקער, איז עס נאָך וויניגער פּעולה פאר זיי דאָרטען, וואו די אידען האָבען נאָך זייער גלייכבארעכטיגונג נישט געקראָגען. דער גרעסטער טייל פון׳ם אידישען פּאָלק וואָס לעבט אין רוסלאנד געפינט זיך אונטער דעם דרוק פון אויסנאמס־געזעצען, וועלכע מוזען אָנהאלטען ביז דער סאָציאַליזם וועט טריאומפירען. די איינריידעניש, אז די אידען אין רוסלאנד וועלען קריגען גלייכבארעכטיגונג דורך דעם וואָס זיי וועלען זיך אָנשליסען אָן די אָפּאָזיציאָנעלע און סאָציאַליסטישע עלעמענטען פון לאנד, איז א געפערליכע אוטאָפּיע, וועלכע קען געשטיצט ווערען נאָר פון שוואך־קעפּיגע אָדער שארלאטאנעם. ווען די אלעמיינעג אָפּאָזיציע פון רוסלאנד וועט שאפען אָ קאָנסטיטוציע נאָכ׳ן אייראָפּעאישען מוסטער, וועט דאָרטען דער פּאראגראף פון אידישער גלייכבארעכטיגונג פעלען. וואָרים וועלכער סאָציאַלער קלאָס האָט אין דער איצטיגער צייט אן אינטערעס אין דער גלייכבארעכטיגונג פון די אידען? די פּויערים האָבען דעם גרעסטען אינטערעס, אז די אידען זאָלען נישט ארויסקומען פון דעם תהום, און אז איבערהויפּט זאָל די געזעצגעבונג וואָס שיצט דעם פּויער גענען דער פּאַרמיטלונג פון די פרעמדע אידען בלייבען. דער מיטעלשטאנד מוז אויך שטרעבען דערצו, אז די רעכט פון די אידען זאָלען בלייבען וואָס מער באשרענקט, ווייל אין געשעפט און אין די

פרייע פראָפעסיעס איז דער איד שטענדיג זעהר א געפערליכער קאָנקורענט. אָדער וועלען אפשר די גרויס־בורזשואזיע, דער באאמטען־שטאנד, אָדער די גרויסע גרונד־באזיצער, זיין פאראינטערעסירט צו עפענען איבעראל פאר די אידען טיר און טויער? דער איינציגער קלאס וואס וועט זיך פארהאלטען נייטראל צו דער פראגע פון דער אידישער גלייכבארעכטיגונג, איז דער ארבייטער קלאס. דעם געפיל פון סאלידאריטעט פון די אידישע ארבייטער, און צוליב זיין פיינדליכען אינסטינקט געגען אלע רייכע, קען ער ווייניגסטענס בלייבען גלייכגילטיג צו דער אידישער עמאנציפאציע, אָבער קיין אקטיווען אינטערעס אין דער גלייכבארעכטיגונג האָט ער ניט. עס מאַכט נישט אויס וואס אין זיין קאמף פּראָקלאמירט דער ארבייטער קלאס די עמאנציפאציע פון אלע פעלקער: אין קאמף וועט יעדער אנדערער קלאס אויך אזא לאָזונג ארויסשטעלען. אזוי שנעל ווי די אידען אין רוסלאנד וועלען קריגען זייער גלייכבארעכטיגונג, וועלען זיי פארלירען א טייל פון זייער פּראָלעטארישען כאראקטער: זיי וועלען זיך פארוואנדלען אין א מיטעלשטאנד. וואס פאר אן אינטערעס האָט דער רוסישער פּראָלעטאריאט אויסצולייגען דעם וועג פאר דעם אידישען לומפען־פּראָלעטאריאט, אָט די קאנדידאטען אויף בור־זשואזיע, און אים העלפען דורכמאכען די דאָזיגע וואנדלונג?

אין רוסלאנד, וואו אידען זיינען נישט גלייכבארעכטיגט, דארפען זיי אויך נישט האָפען אז זיי וועלען אויסגעלייזט ווערען דורך אן אומשטורץ פון דער פאליטישער לאגע. וועלכער נייער קלאס עס זאָל דאָרט נישט קומען צו דער מאכט און ברייגען אן אומשטורץ פון די פארהעלטענישען. וועט ניט זיין שטארק פאראינטערעסירט אין דער גלייכבארעכטיגונג פון די אידען. אז די עמאנציפאציע זאָל צופאלען די אידען אלס א מתנה אין שוים אריין, פון אידעאליזם און פון פּרינציפּיעלער גרויס־מוטיגקייט — דערפון קען מען אפילו ניט טראכטען. אין רוסלאנד קענען די אידען זיך דערווערבען גלייכבארעכטיגונג נאָר אין דעם צוקונפטיגען סאָציאַליסטישען שטאַט. ביז דאמאָלט וועלען זיי מוזען זיך טאָפּטשען אונטער דעם דרוק פון דער אויס־נאמס־לאגע. כאָטש אָט דער פאקט דארף זיי נישט אָפּהאלטען, צוליב זייער געזונטען פראטעסט־אינסטינקט, פון אָנשליסען זיך אָן די פארטייען פון דער עקסטרעמער אָפּאָזיציע.

פאר די אידען באקומט זיך אלזא דער טרויעריגער רעזולטאַט, די טרויע־ריגע אויסנאמע, אז פאר זיי, להיפוך צו אַלע אַנדערע אונטערדריקטע, איז קיין קאמף־מיטעל נישטאָ צו לינדערען זייער נויט אין איצטיגען מאָמענט. זיין רעטונג פון דעם עלענד זוכט דאריבער דער איד איצט, אזוי ווי מיט יאָר־הונדערטען צוריק, אין אנטלויפען און אָבזונדערען זיך. אין די מערב לענדער זוכען די אידען זייער רעטונג אין דער געזעלשאפטליכער אָבגעזונדערטקייט;

אין מזרח־איירָאפּאַ — אין דער אימיגראַציע אין די פרייע לענדער. אַ טראַ־גישער ווינט וועהט יעצט אין אידישען לאַגער. דער אייביגער איד האָט ווידער דעם וואַנדער־שטעקען אין האַנט גענומען. די מויערען פון דער געטאָ ווערען ווידער אויפגעשטעלט. „ארויס פון לאַנד, אריין אין דער געטאָ!“ שרייען מיליאָנען צינגער דעם אומגליקליכען אידען. נויט און עלענד, שמאַך און שאַנדע זיינען ווידער זיין שיקזאַל געוואָרען, אַזוי ווי מיט יאָרהונדערטען צוריק. און דער דאָזיגער יאָמער איז נאָך שרעקליכער דערמיט, וואָס ער איז באַגלייט מיט דעם באַוואוסטזיין, אַז עס איז פון אים קיין אַנטרינונג ניטאָ.

ווי אַזוי, נון, זאָל דער איד רעאַגירען אויף דער דאָזיגער ספּעציפישער נויט זיינער?

אין מיטעלאַלטער האָט דער איד זיין שיקזאַל מקבל באהבה געווען און האָט נאָר ביחידות פּראָטעסטירט געגען דער וועלט. אָבער ביי די מאָדערנע אידען האָט זיך באַפעסטיגט דער שכל׳דיגער געדאַנק פון עמיגראַציע און אָבזונדערונג, און דער דאָזיגער געדאַנק וויל טרייבען דעם אידישען עלענד אין אַזאַ ריכטונג, אַז עס זאָל פון אים ארויסוואַקסען אַ מאָראַליש דערהויבענע נייע לעבענס־פאָרמע. פאַר אַט דער געצוואונגענער עמיגראַציע פון די אידען אויסצולייגען אַן איינהייטליכען וועג; פאַר די פיין־פילענדיגע און חשוב׳ע אידען, וועלכע פילען זיך טיף באַליידיגט און געטראָפען, צו מעגליך מאַכען די אָבזונדערונג; פאַר די ראָמאַנטיש־און פרום־געשטימטע אידען, וועלכע טרויערען אויף דער ירידה פון דער אומה און וויינען אויפ׳ן חורבן פון ירושלים, פאַר די וואָס זיינען נאָך פייאיג צו האָפען, די וועלכע גלויבען אין דער אידישער גאולה, קורץ: פאַר אַלע וועלכע פילען דעם יאָמער פון גלות, — צו געבען זיי אַן אויסוועג אין אַ פאַרנינפטיגער פאָרמע און דער־הויבען זייער אינדיווידועלען פּראָטעסט צו אַן אַלגעמיין מאָראַלישען פּראָ־טעסט, צו אַ נייער איבערבויאונג פון דעם אידישען לעבען — אַט דאָס איז די טענדענץ פון דעם ציוניזם, אַ באַוועגונג וועלכע האָט, אַלס אַ נאַטירליכער פּועל יוצא פון דער אידישער נויט, ארומגעכאַפּט איצט אַלע שיכטען פון אידישען פאָלק. אַזוי ווי קאַבעט האָט געוואָלט שאַפען אַ סאָציאַלע רעפּובליק פאַר אַלע אומגליקליכע אין איקאַריאַ, אַזוי ווי הערטצקא האָט געוואָלט אונ־טערנעמען דעם אַנאַרכיסטיישען עקספּערימענט פון אַ שטאָטלאָזער געזעלשאַפט אין פריילאַנד, פּונקט אַזוי וויל די דערמאָנטע באַוועגונג שאַפען פאַר אַלע אידישע אונטערדריקטע אַ געמיינשאַפטליכען פּלאַץ. מיט דעם אונטערשיד נאָר, וואָס דער דאָזיגער אידישער געמיינשאַפטליכער וועזען זאָל ווערען אויך אַ היים פאַר דעם וואַנדערענדיגען אידישען פאָלק. און מיט דעם וויטערען אונטערשיד, וואָס די דאָזיגע באַוועגונג וואַקסט ארויס פון נויט און ווערט געטראָגען פון רעאַלע קרעפטען, אין דער צייט וואָס די ניט־געלונגענע אוטאָ־

פיעס זיינען געווען די ארבייט פון איינצעלנע אויסגעוויילטע גייסטער. דאָס געזוכטע לאַנד, איקאריא, איז אָנגעקניפּט אָן דעם נאָמען קאבעט, פּונקט אזוי ווי דאָס אומבאַקאַנטע פרייַלאַנד איז פאַרבונדען מיט'ן נאָמען הערטצקא. אָבער דער אידען־שטאַט איז א פּראָדוקט פון דער אידישער לאַגע און פון דעם בשותפות'דיגען גייסט פון די אידען און איז אָנגעקניפּט אָן דעם אַלטען פאָטערלאַנד פון די אידען, אָן ציון. ציוניזם רופט זיך די באַוועגונג, וועלכע שטרעבט צו געבען די אידען צוריק א שטאַט. דערביי איז פּאַלעסטינא, אמת, פּונקט אזוי ווייניג וועזענטליך פאַר דעם ציוניזם, ווי אמעריקא פאַר איקאריא און אפריקא פאַר פרייַלאַנד; עס ווערט דערמיט נאָר אָנגעוויזען אז די דאָזיגע שטרעבונג צום נאַציאָנאַלען לאַנד האָט אירע וואָרצלען אין דער נאַציאָנאַלער נויט און אין דעם נאַציאָנאַלען געפיל.

נאָך א וויכטיגער אונטערשיד איז פאַראַן צווישען דעם אוטאָפּיסטישען אידען־שטאַט און די דערמאָנטע סאָציאַליסטישע אוטאָפּיעס. ביי די לעצטע איז דער סאָציאַליסטישער אידעאַל געווען דער טרייב־מאָטיוו וואָס האָט געדאַרפט די מענשען געפעלען און דאָס לאַנד ענטדעקען — אָבער דער אידען־שטאַט איז אָנגעקניפּט אָן א באַשטימטען געגעבענעם פאָלק. ביי יענע איז דער טרייב־מאָטיוו געווען דער אידעאַל, ביי די — נויט. און וואָס נעענטער דער ציוניזם וועט צוגערוקט ווערען צו זיין קאָנקרעטער פאַרווירקליכונג, אַלץ מער וועט ער זיך אויסלייטערען אין א סאָציאַליסטישער אוטאָפּיע. דער אידעאַליסטישער אינהאַלט פון דעם ציוניזם קען נאָך פיל מעכטיגער ווערען ווען ער וועט זיך באַרייכערען דורך אַנדערע אידעאַלען.

דער ציוניזם איז א רעאַלע ערשיינונג פון דעם אידישען לעבען. ער האָט זיינע וואָרצלען אין דער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער לאַגע פון די אידען, אין זייער מאָראַליש־אויסגעלייטערטען פּראָטעסט־אינסטינקט, אין זייער אידעאַליסטישען שטרעבען צו געבען א העכערען אינהאַלט זייער עלענ־דען לעבען. ער ווערט געטראָגען פון רעאַלע, לעבעדיגע קרעפטען פון דעם אידישען פאָלקס־לעבען. פּחדנות און גייסטיגע ארימקייט קענען אים אָנ־רופען אן אוטאָפּיע וואָס האָט ניט קיין אויסזיכטען. און דאָך איז ער נישט קיין אוטאָפּיע. ער איז פּונקט אזוי ווייניג אוטאָפּיע ווי אַלץ וואָס איז גרויס איז זיין אָנפאַנג, וואָס איז פון קליינע גייסטער ווּטענדיג אין דער געשיכטע פאַרשריגען געוואָרען אַלס אוטאָפּיע.

וואָס איז אן אוטאָפּיע? מען דאַרף אונטערשיידען צווישען טעכנישע און פּאָליטישע אוטאָפּיעס. א טעכנישע אוטאָפּיע איז יעדע וויסענשאַפטליכע פאַראויסזאָגונג, וועלכע געהט להיפך די געזעצען פון דער נאַטור. די „פּער־פּעטואום מאָבילע", דער געדאַנק, אז די רעדער וועלען זיך פון זיך אליין שטענדיג באַוועגען, איז דער קלאַסישער ביישפּיל פון א טעכנישער אוטאָפּיע.

ווייל זי געהט נעגען דעם פונדאמענטאלען געזעץ פון דער פיזיק, די דער־האלטונג פון דער ענערגיע. אלע וויסענשאפטליכע פאראויסזאגונגען נעגען וועלכע עס איז גאר נישטא איינצואווענדען מעטאדאלאגיש און „א פריארי" קענען נישט פאראויס סתם צוריקגעוויזען ווערען אלס אונמעגליך. די גע־שיכטע פון דער טעכניק וויים פון טויזענטע אזעלכע פאלען, וואו דאס וואס איז צו ערשט געווען אן אונמעגליכקייט, איז שפעטער געווארען א ווירקליכקייט.

א פאליטישע אוטאפיע, פארקערט, איז יעדער פראיעקט פון א יחיד, וואס געהט להיפוך דער ריכטונגס־ליניע פון מענשליכען שטרעבען, אדער וואס עס זיינען ניטא אין דער געזעלשאפט קיין גענינענדע מאטיוועז פאר זיין פארווירקליכונג. יעדעס שטרעבען פון דעם מענשליכען גייסט, וואס וויל ווענדען די געשיכטע, פארווערטס אדער ריקווערטס, להיפוך צו דער הויפט־טענדענץ פון דער צייט, מוז באטראכט ווערען אלס אן אוטאפיע. אזוי, צום ביישפיל, איז עס געווען אן אוטאפיסטישער פארזוך, ווען אין די ערשטע צייטען פון דער מאשינען־אינדוסטריע האבען די ארבייטער און זייערע פריינד געפרואווט אוועקשטעלען א דאמבע נעגען איר אויסברייטונג. פון דער אנדערער זייט איז עס געווען אן אוטאפיע, ווען דער סאציאליסט פוריע איז יארען לאנג געזעסען יעדען טאג צוועלף א זייגער ביי זיך אין הויז און גע־ווארט, אז עס זאל קומען צו אים דער מיליאנער וואס וועט אים געבען דעם נויטינען קאפיטאל צו פארווירקליכען דעם סאציאליסטישען שטאט. ווארים די מאטיוועז, וועלכע האבען אים דיקטירט דעם סאציאליזם, האבען ניט גע־האט קיין אלגעמיינע גילטיגקייט. און ווען אפילו עס זאל זיך יא געווען גע־פינען אזא מיליאנער, וואלט די זאך סיי־ווי צוזאמענגעבראכען אויף דער גלייכגילטיגקייט פון די מענשען פון יענער צייט. די אלגעמיינע לעבענס־אינטערעסען פון דער צייט האבען ניט געשטימט מיט דעם סאציאליסטישען פראיעקט, וואס פוריע האט אויסגעשפונען פון זיין מח אויף עטישע און פארנינפטיגע יסודות. דאגעגען, איז די פאנטאסטישע אונטערנעמונג אלס אזעלכע קיין אוטאפיע נישט, אויף ווי ווייט זי קען געבראכט ווערען אין איינקלאנג מיט די לעבענס־מאטיוועז פון די מענשען.

דעריבער איז דער ציוניזם קיין אוטאפיע ניט, ווייל ער שטעהט אין איינקלאנג מיט די לעבענס־מאטיוועז פון די אידען און וואקסט ארויס פון זייער נויט. ער איז פונקט אזוי ווייניג אוטאפיע ווי דער סאציאליזם, וועל־כער ווערט געטראגען פון די אינטערעסען פון דער סאציאלער נויטווענדיג־קייט. דער ציוניזם איז באגרינדעט אויף דער נויט פון די אידען, וועלכע האבען אין דער מאדערנער צייט דערפילט זייער מאכט און ווירדע.

פארקערט, אלע ניט־ציוניסטישע פארזוכען צו לעזען די אידישע פראגע

טראָגען אויף זיך דעם צייכען פון אן אוטאָפּיע. אן אוטאָפּיע איז, צום ביי־שפּיל, ווען די אסימיליאנטען טראָגען זיך ארום מיט דער האָפנונג, אז די אידען וועלען אין דער אטמאָספערע פון זייערע בלוט־שונאים זיך אויפליזען. אן אוטאָפּיע איז עס, ווען אייניגע גראָבע בייכער פון משה רבינו'ס גלויבען, און „אייניגע אידישע אויפגעקלערטע, וועלכע ווינשען גוטס זייער פאָלק אויך", בילדען זיך איין, אז די אידען קענען אויף זייערע איצטיגע וואוינ־ערטער זיך נעמען צו ערד־ארבייט און די בירזשע־אידען און אינטעליגענץ־אידען וועלען זיך אראָפּלאָזען אויף א נידעריגערע לעבענס־מדרגה. אן או־טאָפּיע איז עס, ווען די בירזשע־אידען, וועלכע פילען זיך פון דעם ציוניזם געטראָפען אין זייער שאכערשער נשמה, גלויבען אז דער ציוניזם וועט פאַר־שווינדען און די אידען וועלען זיך צוריק אומקערען צו זייער פריערדיגער רעזיגנאציע. אָט די אלע לעזונגען פון דער אידישער פראגע זיינען אוטאָפּיעס, ווייל זיי שטימען ניט מיט דעם שטרעבען און פילען פון די היינטיגע אידען.

ניט דאָס אוטאָפּיסטישע איז עס, וואָס האלט צוריק ברייטע שיכטען פון אידען פון דעם ציוניזמוס, נאָר דער שקלאַפישער גייסט, די ארימקייט פון געמיט און די שטומפּיגקייט געגען דער אייגענער עהרע און ווירדע, וועלכע זיינען דער רעזולטאט פון אונזער טויזענט־יעריגער קנעכטשאפט. די געגנער פון ציוניזם ציהען זייער נעגנערשאפט צום ציוניזם פון פארשידענע, זיך־ווידערשפּרעכענדע אנשויאונגען, און דאָך רעדט ארויס פון זייער געגנערשאפט איינע און דיזעלבע זאך: די אינוועניגסטע פּוסטקייט און גייסטיגע אָרימקייט.

די אידישע בורזשואזיע, וועלכע ארבייט שוין מער ווי א האלבען יאָר־הונדערט אויפצובויען דעם ליגען פון אסימילאציע; דאָס געלד־און בירזשען־אידענטום, וואָס קלאמערט זיך ווי א קאַץ אָן זיין געמיינער עקזיסטענץ, אן עקזיסטענץ, וואָס איז אָהן ווירדע און אָהן עהרע, מיט שמאך און שאנדע באדעקט — אָט די אידען זעהען אין דעם ציוניזם א געפערליכע זאך, וואָס קען פיליכט שאדען זייערע געשעפטען.

קיין אנדער קלאס איז ניט אזוי מאָראליש געזונקען און פארדאָרבען ווי דער דאָזיגער קלאס. ער לעבט אין אן אטמאָספערע פול ליגען און באטרוג, פול פאלשקייט און שווינדעל, אויף אינוועניג ווי אויף דרויסען. די בורזשואזע אידען שטעלען זיך עפענטליך ארויס אלס די שטיצען פון דער געזעלשאפט און דערהאלטער פון שטאט, אלס פריינד פון דער רעגירונג און אירע נאָענט־סטע בונד־גענאָסען, און דאָך, טיף ביי זיך אין הארצען, באגריסען זיי די רעוואָלוציאָנערע פארטייען, אויף וועלכע זיי קענען זיך אָנשפּארען אלס אידען. זיי ציילען זיך צווישען די עלעמענטען, וואָס דערהאלטען דעם שטאָט, אָבער טיף אין זייער נשמה זיינען זיי געפערליכע שטירצער. זיי פארבלינען

זיך מיט פּאַטריאָטיזם און שאָוועניזם און באַטראַכטען דאָס לאַנד און דאָס פאָלק, וואו זיי וואוינען, בלויז אלס א זאַך פון עקספּלואַטאַציע. זיי ליאַרמען פון לאַנד־און פאָלקס־ליבע, און צווישען זיך לאַכען זיי ציניש דערפון אָפּ.

דער ציוניזם רייסט אַרונטער די מאַסקע פון אָט דעם קלאַס מענשען און שטעלט זיי אַרויס נאַקעט פאַר דאָס וואָס זיי זיינען, אלס עלענדע מענ־שען, קריכער און קנעכט, אָהן עהרע און ווירדע, וואָס זייער גאַנצער לעבענס־זין איז נאַר אָנצוזאַמלען וואָס מער געלד, פאַררעטער פון אייגענעם און פרעמדען פאָלק, אומשטירצער און שטאַטס־דערהאַלטער, אינטערנאַציאָנאַלע שווינדלער. דערמיט וואָס דער ציוניזם רופט די אידען צו עהרע און ווירדע לאָזט ער זיי דערקענען אין זייער אומעהרע און אומווירדע. ער וועקט די אידען צו אויפשטאַנד און צום פּראָטעסט און לאָזט זיי דערמיט טיפער דערקענען זייער אייגענע ווערטלאָזיגקייט און יאָמערליכע עקזיסטענץ.

דער שותּף פון דער אידישער בורזשואַזיע איז די מאָדערנע סינאַגאָגע. מיט איר שטויסט זיך דער ציוניזם שטאַרק צוזאַמען. קיינמאָל אין דער געשיכטע האָט זיך אַ קירכע ניט אַזוי צוגעפּאַסט צו די פאָדערונגען פון דעם הערשענדיגען קלאַס ווי די אידישע סינאַגאָגע פון דער היינטיגער צייט. די אידישע טעאָלאָגיע האָט זיך ווי א גאַסען־פרוי פּראָסטיטואירט געגען דעם פאַרענדערטען לעבענס־שטאַנדפּונקט פון די אידען. די אידישע סינאַגאָגע איז געוואָרען די דינסט־מויד פון דער אידישער בורזשואַזיע. דער ציוניזם, וועלכער טרעפט דעם באַלעבאָס, טרעפט דאַריבער אויך דעם קנעכט. ער מאַכט צונישט די אויסגעטראַכטע מעשה פון די ראַבינער וועגען דער אידישער „מיסיאָן" און מיט איין מאַך מיט דער האַנט וואַרפט ער אום זייער גאַנצע שווינדלערישע געביידע. דאַריבער באַגעגענט דער ציוניזם אין ערגעץ נישט אַזאַ ווידערשטאַנד ווי אין דער רעפאָרמירטער סינאַגאָגע, וואו די אידישע בירזשע איז מתפּלל צום אַלטען יהוה וועגען פּראָפיטען.

פון נאָך אַנאַנדער זייט איז אויפגעשטאַנען א פּרינציפּיעלע געגנערשאַפט צום ציוניזם, און דאָך וואָלט מען דוקא פון דער דאָזיגער זייט אַמווייניגסטען געדאַרפט ערוואַרטען א ווידערשטאַנד. עס איז העכסט באַדויערנסווערט און שמערצליך, אַז די אידישע סאָציאַליסטען פון די רייען פון דער אינטע־ליגענץ זאָלען זיך שטעלען פיינדליך צום ציוניזם. ווי איז עס מעגליך פון די פּרינציפּען פון דעם סאָציאַליזם, וואָס זיין הויפּט גרונד־זאַץ איז די גלייכ־באַרעכטיגונג און זעלבסטבאַשטימונג פון די פעלקער, — ווי איז עס מעגליך פון דאַנען אַרויסצודרינגען אַ סתירה געגען אַ באַוועגונג, וועלכע האָט דאָך קיין אַנדער צוועק ווי נאָר צו שאַפען א היים פאַר אן אומגליקליכע, געהעצטע, פאַרפאָלגטע און געיאָגטע מענשען־מאַסע? פון דער געגנערשאַפט פון די

אידישע אסימילאַציאָנס־סאָציאַליסטען געגען דעם ציוניזם ווייזט זיך אַם בעסטען ארויס, אז זיי פארשטעהען ניט דעם תוך פון סאָציאַליזם.

אידישע אַסימילאַציאָנס־סאָציאַליסטען גראָבען אוים אַלעם מעגליכעס כדי צו שאַפען א מאַנטעל פאר זייער אַנטי־ציוניזם. אז עס איז שוין נאָר נישט געבליבען פון זייערע טענות וועגען אינטערנאַציאָנאַליזם, פון דעם לאַנדסמענישען פאַטריאָטיזם, פון דעם אויסגעקלערטען ליגען, אז עס איז קיין אידיש פאָלק נישטאָ, האָט מען זיך גענומען צום קלאַסען־קאַמף אלס ארגומענט געגען דעם ציוניזם. די אידען זיינען אויך צוטיילט אין קלאַ־סען — לויטעט דער דאָזיגער ארגומענט — קלאַסען, וועלכע באַקעמפען איינע די אַנדערע; דער ציוניזם געהט ארויס פון דער הנחה, אז עס איז פאַראַן אַן איינהייטליכע אידישע אומה, אָבער דער געגענזאַץ פון די עקאָ־נאָמישע אינטערעסען מאַכט די דאָזיגע איינהייט צו נישט. עס קאָן נישט זיין קיין נארישערע זאַך, ווי ווען מען וויל ארויסשטעלען דעם אידישען קלאַסען־קאַמף געגען ציוניזם. מען פארשטעהט שלעכט דעם קלאַסען־קאַמף און אויף אַזאַ אופן האָט מען געשאַפען סתירות אין דער אידעע, וועלכע זיינען אין דער אמת'ן נאָר ניט פאַראַן. פארוואָס זאָל דען דער אידישער פראָלעטאַריאַט, פאר וועמען דער ציוניזם וועט אין ערשטער ליניע זיין א טובה אין עקאָנאָמישער הינזיכט, פאר וואָס זאָל ער די דאָזיגע טובה צוריק־ווייזען נאָר דערפאַר, וואָס אויך יענע קלאַסען, וועלכע קעמפען מיט אים עקאָנאָמיש, נעמען זי אָן צוליב נאַציאָנאַלע און אידעאַלאָגישע מאָטיווען?

דער קלאַסען־קאַמף שעפט מיט זיך ניט אוים אַלע אויסדרוקס־פאָרמען פון דעם סאָציאַלען לעבען. ווען א פאָלק איז אין געפאַר פון אַן אויסער־ליכען פיינד, פאַראייניגען זיך צו פארטיידיגען אַלע פארטייען, וועלכע קעמ־פען געוויינליך איינע מיט די אַנדערע. אויך געגען אַן אינוועניגסטען פיינד פארבינדען זיך די קעמפענדיגע פארטייען אין וואַל־קאַמפּאַניעס און אין אַפּמאַכען, נאַטירליך אין די ראַמען פון זייערע פרינציפּען. דער גאַנצער מאָדערנער פּארלאַמענטאַריזם איז געבויט דערויף. אין יעדער וואָוילטע־טיגער איינריכטונג, אין יעדער ליגע, אין יעדער פאַראייניגונג פון מענשען פאר אידעאַליסטישע צוועקען, פארשווינדעט דער קאמף וואָס צוטיילט די מענשען, און די העכערע סאָלידאַריטעט טרעט ארויס צום פראָנט. דער קלאַסען־קאַמף איז דער ערשטער טרייב־מאָטיוו אין דער געשיכטע, אָבער זיין כאַראַקטער ווערט אינגאַנצען ניט פארשטאַנען ווען מען וויל אין אים אויפלייזען דאָס גאַנצע סאָציאַלע לעבען אין אַלע זיינע פארשידענע טעטיג־קייטען. אַלע טעטיגקייטען צוליב צוועקען פון פארטיידיגונג, אַלע בויענדע אידעאָלאָגישע טעטיגקייטען ווערען פארווירקליכט ניט דורך דעם קלאַסען־קאַמף, נאָר פיל מער טראָץ אים. דער ציוניזם איז אַן אויפבויענדע ארבייט

פון די אידען און שטעהט ניט אין ווידערשפרוך מיט'ן קלאסען־קאמף, נאר שטעהט איבער אים. אים קאנען אננעמען אלע קלאסען אידען, נישט קוקענדיג אויף די קלאסען אונטערשידען.

דאגעגען קאן דער אידישער פראלעטאריאט, און ניט נאר דער פראלע־טאריאט, נאר אויך די גאנצע מאסע ארימעלייט, די אינטעליגענץ און דער מיטעלשטאנד, מיט רעכט ארויסטרעטען געגען דעם, אז א אידישער שטאט זאל אויפגעבויט ווערען אויף יסודות פון פריוואט אייגענטום, און קאפי־טאליזם. אמת, דער אידישער שטאט אלס אזעלכער, וועלכע פארמע ער זאל ניט האבען, וועט באזייטיגען א גרויסען טייל פון דער אידישער נויט, אבער דער מאדערנער באוואוסטזיין איז אזוי שטארק דורכגעדרונגען פון סאציאליסטישע, עקאנאמישע און גערעכטיגקייטס־אידעאלען, אז א קאפי־טאליסטישער אידישער שטאט מוז פאר די ברייטסטע שיכטען פון אידישען פאלק זיין נישט אננעמבאר. צו העלפען בויען א געמיינשאפטליכע זאך, וואס איז פון אנפאנג אן א ווידערשפרוך צו די אידעאלען פון סאציאלען צוזאמענלעבען — דערצו קאנען און דארפען די אידישע פראלעטאריער און סאציאליסטען ניט מיטווירקען. די קאנקרעטע פארמע איז די איינציגע פרינציפיעלע איינוועגדונג וואס קאן, מיט רעכט, ארויסגעשטעלט ווערען געגען דעם ציוניזם.

מיט אט דעם בארעכטיגטען ווידערשטאנד פון די ברייטע אידישע פאלקס־קרייזען דארף דער ציוניזם זיך רעכענען. אהן די ארבייטער איז דער ציוניזם א טויט־געבארען קינד. די רעדער פון דעם אידישען שטאט וועלען ניט קאנען געבראכט ווערען אין באוועגונג, ווען די מעכטיגע ארעמס פון דעם אידישען ארבייטער וועלען זיך ניט א נעם טאן. דער ציוניזם וועט זיך דארפען רעכענען מיט די סאציאליסטישע שטרעבונגען פון דעם אידישען פראלעטאריאט און פון די אידישע סאציאליסטען, ווי אויך מיט די שטרע־בונגען פון דעם מיטעלשטאנד און דער אינטעליגענץ, אויפצוהיטען זייער עקאנאמישע זעלבסטשטענדיגקייט און אונאפהייגיגקייט. דער ציוניזם וועט זיך מיט דעם סאציאליזם נויטווענדיגערוויז מוזען צוזאמענשמעלצען. דער אידען־שטאט וועט מוזען זיין א סאציאליסטישער שטאט. צווישען דעם אידישען פאלק זיינען נישטא קיינע אינטערעסען וואס זאלען זיין געגען א סאציאליסטישען שטאט. דער עיקר אבער שטעהט די דאזיגע פארמע אין אנקלאנג מיט די הייליגסטע ווּאונשען און האפנונגען פון די גרויסע אידישע פאלקס־קרייזען.

אבער ניט נאר איז די סאציאליסטישע פארם פון דעם אידישען שטאט די געווינשטע פארמע, נאר יעדע אנדערע פארמע איז טעכניש און סאציאל גראדע אונמעגליך.

פערטער קאפיטעל

דער סאָציאַליסטישער אידען־שטאַאט

דער איצטיגער פּאָליטישער ציוניזם שטרעבט אויפצובויען א אידישען שטאַאט אויפ'ן באָדען פון פּריוואַט אייגענטום. ער געהט ארויס פון דעם שטאַנדפּונקט, אז ס'איז מעגליך, אז די אידען, ווערענדיג ארויסגעשטויסען פון זייערע פריערע לעבענס־באַדינגונגען, זאָלען דורך געמיינשאַפטליכע מיטעל קענען אויסוואַנדערען. כדי צו שאַפען פאַר די ארבייטער א באַזונ־דערען אינטערעס אין דעם אידישען שטאַאט, וועט זיי גאַראַנטירט ווערען א קירצערע ארבייטס צייט. די פּראַקטישע קאָלאָניזאַציאָנס־אונטערנעמונגען, וועלכע זיינען ביז איצט געמאַכט געוואָרען אין פּאַלעסטינא און ארגענטינא, האָבען אויך געהאַט אלס זייער יסוד פּריוואַט אייגענטום.

אָבער, עס לאָזט זיך בשום אופן נישט גלויבען, אז די מענשען וועלען זיך וועלען ארייגלאָזען צו גרינדען א זעלבסטשטענדיגען שטאַאט אויפ'ן פּרינ־ציפּ פון סאָציאַלער אומגלייכהייט, דאָס וואָלט דאָך גלייך געווען „א סאָצי־אַלער קאָנטראַקט אויף שקלאַפעריי“. כדי א געזעלשאַפטליכער אָפּמאַך זאָל קענען צו שטאַנד קומען זאָל ער זיך שטיצען נאָר אויף פרייהייט. סאָציאַלע אומגלייכהייט ווערט קודם־כל אויפגעהאַלטען דורך היסטאָרישע כוחות, זי איז א פּראָדוקט פון דעם אומבאַוואוסטזיניגען ווילען פון דעם געשיכט־לעכען פּראָצעס. די באַוואוסטזיניגע סאָציאַלע טעטיגקייט וויל דאָס היס־טאָריש־געוואָרענע ענדערען אויף א פאַרנינפטיגען אופן און מאָראַליש דערהויבען. אָבער אויפצושטעלען בכיון א נייעם, געמיינשאַפטליכען בנין אויפ'ן פּרינציפּ פון קאָנקורענץ־פרייהייט און סאָציאַלער אומגלייכהייט, אָהן א פּלאַן און אָהן פאַרנונפט, — דאָס איז א סאָציאַלע און פּסיכאָלאָגישע פאַרזעהעניש.

עס לאָזט זיך גאָר לאָגיש ניט באַגרייפען א אידען־שטאַאט, געגרינדעט אויפן פּרינציפּ פון פּריוואַט־באַזיץ לויט דעם מוסטער פון די היסטאָריש געוואָרענע שטאַטען. לאָמיר עס פּרואווען פאַרשטעהן. אָנגענומען, אז די ציוניסטיש־אָרגאַניזירטע אידען פאַרמאָגען א לאַנד און פירען דאָרט איין קאָלאָניזאַציע אויפן פּרינציפּ פון פרייער קאָנקורענץ — א זאַך וואָס לאָזט זיך בשום אופן ניט אָננעמען, ווייל די מאַיאָריטעט אידען, וועלכע באַשטעהט פון דעם מיטעלען קלאַס און פון דעם פּראָלעטאַריאַט, וואָלטען אַזא זאַך ניט

געקענט צולאָזען. מיט דער הילף פון אן אָרגאַניזירטער לאַנד־מאַכט — אַ קאָלאָניאַל באַנק, — נעמט איין גרופּע קאָלאָניסטען איבער אַ שטיק לאַנד אין איר באַזיץ. דאָס לאַנד ווערט דאַן פאַנאַנדערגעטיילט צווישען די קאָ־לאָניסטען. אַזוי ווי צווישען דער קאָלאָניסטישער גרופּע געפינען זיך אויך פאַרמעגליכע פּערזאָנען, האָבען זיי דעריבער די מעגליכקייט זיך איינצו־שאַפען גרעסערע גיטער. די דאָזיגע גיטער ווערען באַארבייט פון פאַרם־אַר־בייטער — און, נאַטירליך, מיט דעם קלענסטען לוין וואָס איז נאָר מעגליך, לויט די געזעצען פון דער פרייער קאָנקורענץ. מיט אַזאַ אָנפאַנג, וואו עס איז פאַראַן אַן אונטערשייד אין דעם פאַרמעגען, און מעגליכקייטען פאַר אונגלייכער קאָנקורענץ, אַנטוויקלען זיך וואָס ווייטער אַלץ נייע אונטער־שיידען אין די פאַרהעלטנישען פון אייגענטום. וואָס ווייטער ווערט די גרעסטע צאָל פון די קאָלאָניסטען ווירטשאַפטליך אַלץ מער אָפּהענגיג אַן דער קליינער גרופּע רייכע.

אַזוי ווי פאַר דער פרייער קאָנקורענץ זיינען דאָ אָפען טיר און טויער, מאַכט די אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג אַ טיפען שניט אין סאָציאַלען לעבען. דער קאַפּיטאַליסט בויט אויס פאַבריקען און ווערט דער באַזיצער פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען. אַזוי ווי די גאַנצע קאָלאָניזאַציע גייט אָן אין אַ לאַנד, וואָס איז ווייניג קולטיווירט, איז דער אַרבייטס־לוין דאָ אַ גאַנץ מינימאַלער. מיט אַזאַ לוין קען זיך ניט באַגניגען דער אייראָפּעאישער איד, וועלכער איז צוגעוואוינט צו אַ בעסערען סאָרט לעבען. דעריבער ווערען די אַרבייטער רעקרוטירט פון דער אָרטיגער באַפעלקערונג, וועלכע אַרבייט פיל ביליגער. די קאָלאָניזאַציע נעמט שטענדיג אָן אַלץ מער און מער אַ כאַ־ראַקטער פון אַ געשעפטליכער אונטערנעמונג. די אידען וואָס זיינען געקו־מען אין לאַנד הויבען אָן בּיסלאַכוויז דאָס לאַנד צו פאַרלאָזען. די נעקס־טע גרופּען ווערען אָפּגעשראָקען, די גאַנצע באַוועגונג גייט אונטער גלייך ביים אָנהויב.

אָבער אַזאַ קאָלאָניזאַציע, וואָס ווערט אָנגעפירט אונטער פרייער קאָנקורענץ און פּריוואַט אייגענטום, וואָלט אפילו קיין איין טאָג ניט גע־קענט לעבען. דער אינוויינינגסטער קאַמף צווישען די יחידים, וואָס באַזי־צען אויטאָנאָמישע רעכט, וועט גלייך אין אָנהויב זיין אַזאַ שרעקליכער, אַז די אַטאָמען וועלען צופליען נאָך איינער זיי וועלען צייט האָבען זיך צו פאַרשמעלצען אין איין גאַנצעס.

אָט די אַלגעמיינע קאָלאָניזאַציע גייט אַרויס פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז די פינאַנץ־אָרגאַניזאַציע — די קאָלאָניאַל באַנק — וועט די אונטערנע־מונג פירען און קאָנטראָלירען כדי אויפצוהיטען דעם קאַפּיטאַל אין זיכער־הייט. די קאָלאָניסטען ווערען אויף אַזאַ אופן אָפּהענגיג פון אַ פּאַרוואַל־

טונג. וואָס קען קיינמאָל ניט זיין גוט, ווייל זי איז שטענדיג שלעכט. שלעכט צוליב איר כאראקטער אלס פארוואלטונג. עס אנטשטעהען אויף אזא אופן געגענזייטיגע אינטערעסען, מיסברויכען, קנאה־שנאה, און ענדליך — גוואלד־אקטען. ביי די אידען, מיט די פּרייהייטליכע און אינדיווידועלע נויגונגען אין זייער כאראַקטער, וועלען די דאָזיגע סתירות אָננעמען די ערגסטע פארמען וואָס מען קען זיך נאָר פארשטעלען, און זיי וועלען פירען סוף כל סוף דערצו, אז די קאָלאָניעס וועלען אינגאנצען אויפגעלייזט ווערן.

דאָס זיינען אין אלגעמיין געווען די פאָרמען אין וועלכע עס האָט זיך באוועגט די ביז איצטיגע אידישע קאָלאָניזאציע אין ארגענטינא און פאלעסטינא. די קאָלאָניעס, וועלכע עקזיסטירען איצט אין פאלעסטינא, זיינען נאָר א קליינער פּראָצענט פון די אונצייליגע קאָלאָניזאציאָנס אונטערנעמונגען, וועלכע זיינען אונטערגעגאנגען צוליב אינווייניגסטע ווידערשפּרוכען.

אָבער אויפצובויען א אידישען שטאט אויפ'ן יסוד פון פרייער קאָנקורענץ און פּריוואט באזיץ איז ניט נאָר אונמעגליך סאָציאל, נאָר געהט אויך טעכניש להיפך פון נאָרמאלען גאנג. איינצופירען מאשינען אין דער לאנדווירטשאפט, ווי אויך אויפצושטעלען גרויסע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, איז ניט מעגליך ביי קליינעם פּריוואט אייגענטום. וואָס גרעסער עס איז די ווירטשאפט אין דער אינדוסטריע, אלץ גרינגער און נוצליכער איז די מאשין. אָבער וואָס אומפאָלקאָמענער די פּראָדוקציאָנס טעכניק איז, אלץ מאָגערער, שווערער, און גייסטלאָזער איז די ארבייט. אין דער ליטעראטור איבער פאָלקס ווירטשאפט איז אָנגענומען, אז אן ארבייטער אין גרויסען פאבריק־באטריב שאפט פיר מאָל אזוי פיל ווי א מענש, וואָס ארבייט מיט דער האנט אָדער אין דער הויז־אינדוסטריע, צוויי מאָל אזוי פיל ווי א פערזאָן וואָס איז באשעפטיגט אין א קליינער פאבריק.

די אינווייניגסטע פּראָדוקציאָן און דער האנדעל ווערען אונטער דער סיסטעם פון פרייער קאָנקורענץ באטריבען אָהן פּלאן און אָהן פּארנונפט, דער מארק מוז רעגולירען די פּראָדוקציאָן, אָבער מיט די גרעסטע קרבנות פאר דער פּראָדוקציאָן אליין, ווייל עס ווירקען אויף איר צוריק די פארלוסטען, וואָס נוצלאָזע קאָנקורענץ אין מארק ברייגנט מיט זיך. איין סחורה פארלירט אין ווערט אויף אן אומגעריכטען אופן צוליב א צופעליגקייט אין דער נאָכפראגע, און א צווייטע סחורה געווינט אָבער פּונקט אזוי אומגעריכט און אומלאָגיש צוליב אנדערע צופעליגקייטען. אין אזא סיסטעם איז א קריזיס אומפארמיידליך, אזוי לאנג ווי עס טרעט ניט ארוים דער סאָציאַליסטישער עלעמענט צום פראָנט, וועלכער נעמט רעגולירען דעם גלייכגעוויכט צווישען אָנבאָט און נאָכפראגע. דער אינווייניגסטער האנדעל אין א סיסטעם פון פרייער קאָנקורענץ פאָדערט א סך מער מענשען, ענערגיע און

קאפיטאל, איידער ווען ער ווערט אָנגעפירט פון אַן אָרגאַניזירטער קערפּער־שאַפט. נאָך מער איז דאָס אמת וועגען עקספּאָרט.

צו וועלען גרינדען אַ נייעם שטאַט אויף אַ פונדאַמענט פון פּריוואַט אייגענטום איז סאָציאַל אונמעגליך און טעכניש ניט פּאַרנינפטיג. די מענ־שען ווייסען שוין איצט גאַנץ גוט דעם אינערליכען ווידערשפּרוך פון דעם מאָדערנעם בירגערליכען שטאַט, און זיי וועלען זיך ניט אריינלאָזען אין אַן אונטערנעמונג לכתחילה אויפצובויען אַ שטאַט וואָס איז אומגערעכט, ניט פּאַרנינפטיג, וואָס פונקציאָנירט שלעכט, און ברייינגט ווייניג אריין.

כדי דער אידישער שטאַט זאָל פון אַ האָפנונג ווערען אַ פאַקט, פון אַן אוטאָפּיע אַ ווירקליכקייט, דאַרפען גלייך פון אָנפאַנג ניט אריינגעבראַכט ווערען די סתירות פון דעם מאָדערנעם לעבען. אַ אידישער שטאַט דאַרף זיך שטעלען פאַר אַן אידעאַל די גערעכטיגקייט, פּאַרנינפטיגקייט, און די סאָציאַלע סאָלידאַריטעט, אויב ער וויל ארויסרופען אַ טיפערען אינטערעס ביי דעם מאָדערנעם מענשען. און ערשט ווען די סאָציאַל־וויסענשאַפט־ליכע יסודות פון דעם אידישע שטאַט וועלען זיין דערפילט, וועלען אויך די טעכנישע ערשעבערונגען פון דער מאָדערנער צייט דאָרט קענען געפינען זייער אָנווענדונג. דער אידישער שטאַט מוז זיין אַ סאָציאַליסטישער, אויב ער זאָל איבערהויפּט פּאַרווירקליכט ווערען. דער ציוניזם מוז זיך פּאַראיי־ניגען מיט דעם סאָצאַליזם כדי עס זאָל ווערען דער אידעאַל פון דעם אידי־שען כלל, פון דער אידישער ארבייטערשאַפט, דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט אין אַלע זיינע פאָרמען, דעם אידישען מיטעלשטאַנד, דער אידישער אינטע־ליגענץ און דעם אידישען אידעאַלאָג.

אין אַ סאָציאַליסטישען לבוש קען דער ציוניזם ווערען דער געמיינ־שאַפטליכער אידעאַל פון גאַנצען אידישען פאָלק. דורך דער פאַרשמעלצונג מיט דעם סאָציאַליזם וועט דער ציוניזם דערהויבען ווערען צו אַ גוואַלדיגער פאָלקס לייַדענשאַפט. אַלע אידען וועלען האָבען אַן אינטערעס, אַז ער זאָל געלינגען, קיינער וועט אים ניט פרעמד בלייבען. די האָפנונג אויף משיח'ן, וואָס איז שטענדיג געווען די גרונט־שטימונג פון די אידען אין גלות, וועט פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ פּאָליטישען פאַקט, דאָס אידישע פאָלק וועט קריגען אַ נייעס, ערהאַבענעם לעבענס אינהאַלט.

אָבער ווי אַזוי זאָל דער אידישער סאָציאַליסטישער שטאַט פאַרווירק־ליכט ווערען?

די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע אויפ'ן באַזעלער קאָנגרעס.

לויט דעם פּרינציפּ וואָס איז אונעקגעלייגט געוואָרען אַלס יסוד פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, ווערט די דאָזיגע אָרגאַניזאַציע אויפגע־

בויט פון אַלץ מעהר און מעהר אידען, ביז עס ווערט ארומגענומען די גאַנ־צע אידישע געזעלשאַפט. יעדעס לאַנד האָט זיין ציוניסטישען לאַנד קאָ־מיטעט, און זיי אַלע זיינען אונטערוואָרפען צו א צענטראַל קאָמיטעט. דער צענטראַל קאָמיטעט רעפּרעזענטירט אויף אזא אופן דאָס ציוניסטישע יודענטום און האָט זיין זיץ אין ווין. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט א צווייפאַכען ציל אין אויג: צו קריגען א לאַנד, און אויפבויען דאָרט א אי־דישע געזעלשאַפט אויף סאָציאַליסטישע יסודות. פאַר דעם צוועק דאַרפען געשאַפען ווערען צוויי פינאַנץ אינסטיטוטען: א נאַציאָנאַל פאָנד און א נאַציאָנאַל באַנק.

דער נאַציאָנאַל פאָנד מאַכט מעגליך צו ערווערבען אַן עפענטליך רעכט־ליך געזיכערטע לאַנד פאַר'ן פאָלק. די נאַציאָנאַל באַנק קאָלאָניזירט די אי־דען אין דעם דאָזיגען לאַנד.

דער נאַציאָנאַל פאָנד.

דער שקל, וואָס איז געשאַפען געוואָרען אויפ'ן ערשטען באַזעלער קאָנ־גרעס, און וואָס האָט זיך אויף אזא גרויסאַרטיגען אופן איינגעבירגערט, זאָל ווערען דער יסוד פון דעם נאַציאָנאַל פאָנד. ווען מען זאָל אָננעמען די צאָל פון אידען וואָס זיינען געוואונען געוואָרען פאַר'ן ציוניזם אלס א מיליאָן — א ציפער, וואָס ביי די איצטיגע אומשטענדען איז גאָר ניט מער קיין פאַנ־טאַזיע — וועט דער שקל אריינברייננגען יערליך אונגעפער צוויי מיליאָן פראַנק. ביי דער זייט פון דער דאָזיגער פרייוויליגער ביישטייערונג פון יע־דען אידען אלס יחיד, זאָלען אויך אַלע אידישע אינסטיטוציעס פון דער וועלט ארויפלייגען אויף זיך א שטייער פאַר'ן ציוניזם. קהילות, שולען, וואָלטעטיגע אנשטאַלטען, פאַראיינען, געווערקשאַפטען, — אַלע זאָלען מנדב זיין פאַר'ן נאַציאָנאַל פאָנד. איבעראַל וואו עס ווירקט נאָר דער אונפאַר־גלייכליכער אידישער חוש פאַר צדקה, זאָל אויך דער גרעסטער אידעאַל פון אידישען פאָלק ארויסשטעלען זיין פאָדערונג. קיין זאַך זאָל ניט פאָרקומען אין דעם אידישען לעבען, סיי אין פרייד, סיי אין לייד, וואָס דער איד זאָל דערביי זיך ניט דערמאָנען אויף זיין העכסטער נאַציאָנאַלער פליכט.

איבעראַל, וואו ציון ווערט דערמאַנט, אין תפילות אָדער אין מנהגים, זאָל אויך פאַר ציון א געשאַנק געגעבען ווערען. און אונזער פאָלק, וואָס איז געוואוינט אזוי שעהן צו געבען, זאָל אויך דאָ ארויסווייזען זיין פרייגיביג־קייט. אָט די שטענדיגע ביישטייערונגען פון דער אידישער געזעלשאַפט וועט אויך ברייננגען א גרויסע סומע געלט. וואָס גרעסער עס וועט ווערען די באַ־וועגונג, אַלץ רייכער וועט ווערען די צאָל פון אירע אָנהענגער, און אַלץ שטאַרקער דער אינטערעס. מען קען גאַנץ גוט אָננעמען, אז די ציוניסטישע

אידען וועלען אין איינינע יאָר צייט שוין אימשטאַנד זיין צו שאַפען פינף מיליאָן פראַנק א יאָר דורך פרייוויליגע באַשטייערונגען. נאָכדעם ווי עס ווערען ארונטערגענומען די אָרגאַניזאַציאָנס אויסגאַבען, ווערען די דאָזיגע געלדער באַנוצט צו אָרגאַניזירען דעם נאַציאָנאַלען פאָנד, און אין דעם פּאַסיגען מאָמענט וועט דער נאַציאָנאַל פאָנד ארויסטרעטען און ערווערבען דאָס לאַנד.

די נאַציאָנאַל באַנק

ביי דער זייט פון דעם נאַציאָנאַל פאָנד גרינדעט דער ציוניסטישער צענטראַל קאָמיטעט א נאַציאָנאַל באַנק, לויט דעם פּלאַן פון דער אידישער קאָלאָניאַל באַנק וואָס עקזיסטירט שוין, מיט דעם אונטערשייד נאָר, וואָס די דאָזיגע באַנק שטייט פאָלשטענדיג אונטער דער צענטראַל ביורא און אויף אַזאַ אופן — אונטער דער גאַנצער מאַסע שקל צאָלער. די דאָזיגע נאַציאָנאַל באַנק לאָזט זיך ניט אריין אין קיינע ספּעקולאַציעס, נאָר וואַרט ביז זי וואַקסט אוים ביסלאַכווייז צו א פינאַנץ אַנשטאַלט מיט אונגעפער א האַלבען מיליארד פראַנק. די קונדען ווערט גאַראַנטירט זייער קאַפּיטאַל און פּראָצענט, אָבער זיי זיינען ניט די לייטער פון דער באַנק, בלויז דער צענטראַל קאָמיטעט איז דער בעל הבית איבער איר.

אזוי ווי די באַנק דינט נאָר דעם ציוניסטישען כלל, ווערען די אַקציעס ניט ארויסגעבראַכט אויף דער בירזשע. די ספּעקולאַציע איז ניט פּאַראינטערעסירט זיי אריינצוקריגען אין אירע הענט. די באַנק איז א נאַציאָנאַלע אונטערנעמונג פון דעם אידישען פאָלק. אין איינינע יאָר קען די דאָזיגע סומע אויסוואַקסען, אָבער מיט דעם תנאי, אַז עס זאָלען געשאַפען ווערען אַלע גאַראַנטיעס, אַז די באַנק וועט אויפהאַלטען איר נאַציאָנאַלען כאַראַקטער. נאָכדעם, ווי דאָס לאַנד ווערט ערוואָרבען, הויבט די נאַציאָנאַל באַנק אָן איר טעטיגקייט.

די קאָנגרעסען.

יעדען יאָר ווערט אָפּגעהאַלטען א ציוניסטישער קאָנגרעס. די שקל צאָלער קלייבען אוים זייערע פּאַרטרעטער לויט דער איצט אָנגענומענער פאָרמע. כדי צו געבען אַלע שטרעמונגען אין דעם ציוניזם די מעגליכקייט צו זיין פאַרטראָטען, ווערט איינגעפירט די פּראָפּאָרציאָנעלע וואַל-סיסטעם. דער קאָנגרעס ווענדט זיך יעדען יאָר מיט אַן אויפרוף צום אידישען פאָלק, אין וועלכען עס ווערט געגעבען אַן איבערבליק איבער דער אידישער לאַגע פאַר דעם אָפּגעלאָפענעם יאָר, און עס ווערען אויך אַנטוויקעלט די נעקסטע ציעלען פון דעם ציוניזם און דער צושטאַנד פון דער באַוועגונג.

ווי אזוי דאָס לאַנד וועט ערוואָרבען.

דאָס לאַנד, וואָס קומט צוערשט אין באַטראַכט פאַר'ן אידישען שטאַט, איז פּאַלעסטינע — די אַלטע היים פון די אידען, דאָרט וואו די אידען האָבען געהאַט זייער היסטאָרישע זעלבסשטענדיגקייט. די אידען זיינען צוערשט אַ נאַציע, און שפּעטער ערשט געאָגראַפען. זיי שטעלען זיך אָפּ אויף יענעם לאַנד, וואָס לעבט אין זייער באַוואוסטזיין אַלס דאָס אידישע לאַנד, ארץ ישראל. די מעגליכקייטען צו קריגען דאָס דאָזיגע לאַנד אין באַזיץ פון אידישען פאָלק זיינען פאַראַן אַ סך. ענטוועדער די ציוניסטען מאַכען אָפּ אויף אַ פרידליכען וועג מיט טערקיי פאַר אַ געלט סומע, אָדער זיי געווינען די אייראָפּעאישע דעמאָקראַטיע און דעם פּראָלעטאַריאַט און איבען אויס אַ פּאָליטישען דרוק אויף טערקיי, אָדער זיי קומען צו זייער ציל אויפ'ן וועג פון דיפּלאָמאַטיע.

דער שענסטער און ערליכסטער וועג איז אָבער די פאַרבינדונג מיט די אַנדערע אונטערדריקטע פעלקער אין טערקיי אין אַ בשותפות'דיגען אַרויסטריט קעגען די טערקען. דאָס מיינט ניט, אַז די טערקען זאָלען פאַרלירען זייער אונאָפּהענגיגקייט און פּאָליטישע פרייהייט, נאָר אַז די אַנדערע פעלקער אין דעם אָטאָמאַנישען רייך זאָל זי אויך געווינען. די מאַקעדאָניער, אַרמעניער, גריכען, און די איבעריגע ניט־קריסטליכע פעלקער, דאָרט וואו זיי זיינען אין דער גרויסער מאַיאָריטעט, זאָלען פאָלשטענדיג באַפרייט ווערען פון טערקישען יאָך. דאָרט וואו די באַפעלקערונג איז אַ געמישטע, זאָל פאַרגענומען ווערען אַ פרידליכע פעלקער וואַנדערונג און אַ נאַציאָנאַלע פאַרטיילונג פון טעריטאָריע. פאַר די אידען זאָל אָפּגעטראָטען ווערען פּאַלעסטינאַ, וועלכע איז זעהר שיטער באַפעלקערט, און וואו די אידען זיינען שוין איצט צען פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג. די אידען שליסען אַ בונד מיט די אונטערדריקטע פעלקער פון טערקיי און שטרעבען צו דער גערעכטער צוטיילונג פון דעם דאָזיגען ערוואָרבענען רייך. זיי שטיצען די רעוואָלוציאָנערען („אינסורגענטען") מיט'ן געלט פון נאַציאָנאַל פאָנד און שטעלען אויך צו פרייוויליגע פאַרן קריג. טערקיי וועט דאַן קיינמאָל מער ניט רואיג.

דורך זייער מאַכט אין דער פּרעסע, אויף דער בירזשע און אין דער דיפּלאָמאַטיע, שטרעבען זיי צו ברייינגען אַ לייזונג פון דער אָריענט פראַגע, וועלכע זאָל זיין גינסטיג פאַר זיי. די אייראָפּעאישע שטאַטען האָבען אַן אינטערעס, אַז פּאַלעסטינאַ זאָל באַזעצט ווערען דורך די אידען. פון איין זייט, ווערען די שטאַטען פּטור פון די אידען — די אידען, וועלכע זיינען איבעראַל אַן אורזאַך וואָס שטערט דעם סאָציאַלען פרידען און דאָס שטאַט־

לעבען, און פון דער אנדערער זייט, ווערט אזיען דורך די אידען ווידער גע־עפענט עקאָנאָמיש און קולטורעל.

אויב, אָבער, אלע פארזוכען צו קריגען פאלעסטינא פאלען דורך, דאַן קלייבען די אידען אויס אַן אַנדער לאַנד, וואָס קען זיי אָפּגעטראָטען ווערען פאר געלט. זייער בליק פאלט צוערשט אויף ציפערען, און אויף די לענדער וואָס גרענעצט זיך מיט פאלעסטינא, און שטייען אונטער׳ן שוץ פון עגיפּ־טען, כדי כאָטש טיילווייז אויפצוהאלטען די פארבינדונג מיט דער נאציאָנאַ־לער טראדיציע. קויפען א גרויסע, פרוכטבארע שטיק לאַנד ערגעץ אַנדערש, אָם בעסטען אין אפריקא, ענטשליסט מען זיך שוין אלס לעצטען אויסוועג.

די סאָציאַליסטישע קאָלאָניזאציע.

אזוי שנעל ווי דאָס לאַנד ווערט ערוואָרבען און ווערט עפענטליך רעכטליך געזיכערט פאר די אידען, הויבט זיך אָן די קאָלאָניזאציע. דער אידישער פראלעטאריאט ווערט איינגעטיילט אין גרופען פון אונגעפער צען טויזענט מאַן, וועלכע ווערען באזעצט איינע נאָך די אַנדערע. דער באָדען איז דאָס בשותפות׳דיגע איינענטום פון דער גרופע, וועלכע באארבייט און פארבויט עס אויף א בשותפות׳דיגען אופן דורך מאשינען. די הייזער, די אינדוסטריעלע פאבריקען, און די פּראָדוקציאָנס מיטלען באַלאַנגען אויך צו דער גאַנצער גרופע. דער מאסשטאב פון דער ארבייט איז די שטונדע. וויפיל עס זאל דויערן יעדע סארט ארבייט ביי באַשטימטע מאשינען און אונטער סאציאליסטישע ארבייטס באדינגונגס — דאָס ווערט פעסט־געשטעלט אין יעדען פאל לויט די אומשטענדען. אויך אין די פאבריקען, וואס ווערען באטריבען קאפּיטאליסטיש, ווערט די דויער פון פארשיידענע ארבייטען פעסטגעשטעלט און איז די מאס פאר יעדער טיילונג פון ארבייט.

אָבער ניט אלע ארבייטען זיינען גלייך: די ארבייט ווערט ניט בלויז געמאסטען לויט דער צייט, נאָר אויך לויט דעם גראד פון ווידערוויל׳ען וואָס מען מוז בייקומען ביי איר. די פארשידענקייט פון דער ארבייט און קוואליטעט ווערט, דעריבער, אויסגעגליכט דורך איר קוואנטיטעט. צום ביישפיל, איין שטונדע פון פריידיגע ארבייט אויפ׳ן לאַנד איז גלייך צו אנדערטהאלבען שטונדען פון לאנגווייליגער ארבייט ביי דער אינדוסטריע, און פיליכט צוויי שטונדען פון אנדערער שווערער, זינלאָזער ארבייט.

די ארבייט, וואס איז גינסטיג אין קוואליטעט איז צו דער קוואנ־טיטעט פראפארציאָנעל; די ארבייט וואס איז ניט גינסטיג אין קוואליטעט איז צו דער קוואנטיטעט אומגעקערט פּראָפּאָרציאָנעל. די דאָזיגע פאר־העלטעניש צווישען די ארבייטען וואס אונטערשיידען זיך אין קוואליטעט, ווערט רעגולירט דורך דער ווירטשאפטליכער פראקטיק, דורך דעם פרייען

אַנבאַט, און דורך דער בוכהאַלטונג. אויב מיר לייגען אוועק אלס מאָס פאר יעדער ארבייט די שטונדע פון לאַנדווירטשאַפטליכער ארבייט, דאן קען מען אָננעמען, אז פיר שטונדען ארבייט וועט קלעקען צו באַזאָרגען יעדען איינעם מיט אַ פאלשטענדיג היגיענישען און באַקוועמען לעבען, און אויך גענוג צו באַצאָלען צוריק דער נאַציאָנאַל באַנק דעם קאַפּיטאַל צוזאַמען מיט צינזען.

פרייהייט און אַרבייט.

קיין מענש ווערט אין דער גרופּע ניט געצוואונגען צו ארבייטען, אָבער פאר יעדען איינעם ווערט גאַראַנטירט דאס רעכט אויף ארבייט. די מיטגלידער באַקומען פון דער ארבייטס פארוואַלטונג אַ קוויטאַנציע פאר דער מאס ארבייט וואס זיי האבען אָפּגעטאָן, אויסגעדריקט לויט דעם אַנגענומענעם מאַסשטאַב. פאר דער דאָזיגער קוויטאַנציע קריגען זיי אַלע פּראָדוקטען און לעבענס באַדערפנישען, צאָלען דירה־געלט, דעקען זייערע שטייערען פאר פארוואַלטונג, פארקער־מיטעל, שולען, קאַפּיטאַל־פארמערונג, ווי אויך צו באַצאָלען דעם קאַפּיטאַל און די צינזען צו דער אידישער נאַ־ציאָנאַל באַנק. אויף אַזאַ אופן איז אַ מינימום פון דער ארבייט אויף צו דעקען די שטייערען פון כלל און פאר דער נאַציאָנאַל באַנק אַ תנאי פאר יעדען איינעם וואס באַלאַנגט צו דער גרופּע. און דאָס וואָס עס בלייבט איבער איז יעדער איינער פריי צו טאָן דערמיט וואָס ער וויל. יעדער קען זיין לעבענס שטייגער פירען לויט דער ארבייט וואס ער לייסטעט. אויך ווערט דערמיט געגעבען די ברייטסטע פרייהייט וואס אנבאַלאַנגט דעם אינהאַלט מיט וועלכען איינער וויל אויספילען זיין לעבען.

ווי אַזוי די גיטער ווערען פאַרטיילט.

די לאַנדווירטשאַפטליכע פּראָדוקטען, אַזוי גוט ווי די פּראָדוקטען פון דער אינדוסטריע, ווערען אוועקגעלייגט אין די קהל'שע שפּייכלערס, און יעדער איינער איז פריי צו קומען זיי אָנקוקען. פון די סחורות ווערט איין טייל באַנוצט פאר דעם אייגענעם געברויך, אַ צווייטע טייל ווערט פאַר־קויפט אין אויסלאַנד. די ארבייטס־פאַרוואַלטונג באַשטימט די פּראָדוקטען לויט קוואַליטעט און קוואַנטיטעט, וועלכע זאָלען פארקויפט ווערען אין אויסלאַנד. די איינגעלייזטע געלט ווערט טיילווייז באַנוצט איינצוקויפען סחורות פון אויסלאַנד, און טיילווייז ווערט זי פאַרטיילט צווישען די מיט־גלידער פון דער גרופּע לויט זייער ארבייטס־קוויטאַנציע, פונקט ווי יעדער אנדער סחורה. אַ טיכטיגע בוכפירונג און רעגיסטראַציע פון דעם ווירט־

שאפטליכען לעבען מאכט מעגליך די סיסטעמאטישע פירונג פון דער אינדוסטריע, אזוי גוט ווי פון דעם אויסטויש.

די פאַרוואַלטונג.

די געמיינשאפטליכע פארוואלטונג האט צו טאָן כמעט אינגאנצען נאָר מיט דער רעגולירונג פון דעם עקאָנאָמישען לעבען. קיין אַנדער פאַרוואַלטונג, אין דער פאָרמע פון אַ שטאַט און זיין עקזעקוטיווע, איז ניטאָ. די מענשען קומען זיך צוזאמען כדי צו באהערשען די גיטער, ניט אָבער צו באצווינגען איינער דעם אַנדערען. דער שטאַט ווערט אַן איבעריגע זאַך. זיין פּלאַץ פארנעמט די פאַראייניגונג פון פרייע פּראָדוצענטען. פער־זענליכע צוזאמענשטויסען צווישען די מענשען מוזען פּאָרקומען זעהר זעלטען; ביי דער סאָציאַלער גלייכהייט, ביי דער פּאַלשטענדיגער קלאָרקייט פון די פארהעלטענישען און ביי דער פרייער זעלבסטבאשטימונג וואס הערשט. קליינע מיספארשטענדנישען ווערען אויסגעגליכען דורך דער עפענטליכער מיינונג, און גרעסערע געהען שוין ארונטער אונטער דער מעדיציון, ווארים זיי זיינען נאָר אַן אומגליקליכע אָפּווייכונג פון דאָס גע־זונטע און דאָס גוטע.

די אינדיווידועלע טעטיגקייט.

די פרייע צייט, וועלכע בלייבט יעדען איינעם נאָך די עטליכע שטונ־דען ארבייט, ווערט אויסגענוצט פון יעדען איינעם לויט זיינע נייגונגען, גייסט, און געשמאַק. קונסט און וויסענשאַפט, געזעלשאפטליכקייט און אונטערנעמונגען, פייערען זייער העכסטען טריאומף. אין דער פרייער צייט קען יעדער איינער אויך פארמערען זיין פריוואַט אייגענטום. דער שריפט־שטעלער קען פארקויפען זיינע ווערק, דער מאָלער זיינע בילדער, דער שוישפּילער לאָזט זיך באַצאָלען פאר זיינע פאָרשטעלונגען, דער פּאָרשער פאר זיין פארטראג, דער בארימטער דאָקטאר פאר זיין עצה. דער פרייז פון די דאָזיגע לייסטונגען ווערט באשטימט לויט דעם אנבאט און נאָכ־פראגע, אָבער פאטענטען ווערען אויסגעשלאָסען. פאר אַן ארבייט קען מען פארלאנגען פריוואטע באלוינונג, אָבער ניט פאר אַן ערפינדונג. דעם פּלאַץ פון פאטענט פארנעמט די סיסטעם פון עפענטליכע פרייזען. יעדע ערפינדונג ווערט לויט נאָך איר באדייטונג באלוינט פון דער ווירטשאַפט־ליכער פארוואלטונג לויט אלגעמיין אָנגענומענע פרינציפּען. דאס רעכט פון אַ פּראָפעסער אויף זיינע ווערק דארף געהן בלויז ביז אַ געוויסער אויפלאגע, אָבער נאָך דעם גייט דאס אייגענטומס רעכט איבער צום כלל.

די פאַרהעלטעניש פון דער קאָלאָניע צו דער נאַציאָנאַל באַנק.

אזוי שנעל ווי די ערשטע קאָלאָניע האט זיך באפעסטיגט, הויבט זי אָן מאַכען אירע צוריקצאָלונגען צו דער נאַציאָנאַל באַנק. אין עטליכע יאָר צאָלט זי אויס דעם קאפיטאל צוזאמען מיט צינזען, דערביי זיינען די צינזען הויכע כדי נאָך מער צוצוציען די אידען צו דער באַנק. כדי אָבער דער גרויס קאפיטאל זאל ניט קענען אריינקריגען אין זיינע הענט די אקציעס פון דער באַנק, זיינען די באַדינגונגען ביים קויפען א גרויסע צאָל אקציעס וויניגער גינסטיג ווי א קלענערע צאָל. אזוי שנעל ווי עס הויבען אָן אריינקומען די געלדער פון דער ערשטער קאָלאָניע, ווערט א צווייטע קאָלאָניע געגרינדעט אויפ'ן זעלבען פּלאַן, ביז עס אנטוויקעלט זיך א מאַסען־אימיגראַציע. די נאַציאָנאַל באַנק ווערט שטענדיג רייכער, די אימיגראַציע נעמט ארום אלע ברייטערע קלאַסען. דער מיטעלשטאַנד פילט זיך אין דער נייער אָרדנונג זעהר גוט; דאָס אייגענטום, וואס יעדער בריינגט מיט, קען ער, ווען אים געפעלט, אריינלייגען אין אקציען פון אויס־לענדישע אונטערנעמונגען. דורך דעם אלטען קאפיטאל קען דער רייכערער אויך אין דעם אידישען שטאַט דערגרייכען א בעסערען לעבענסשטאַנד, אָבער ער קען דורך זיין קאפיטאל ניט קריגען קיין מערווערט. בלויז פּאַר דער רייכער בורזשואזיע לוינט זיך פּילייכט ניט צו גיין אין אידישען לאַנד.

די פעדעראַציע פון די גרופּען.

די גרויסע צאָל פאַריינען פאַרשמעלצען זיך צווישען זיך דורך אַן אָפּמאַך אין איין ווירטשאַפטליכער און סאָציאַלער איינהייט. זיי בילדען אויס צווישען זיך א צענטער, פון וועלכען דאָס גאַנצע ווירטשאַפטס לעבען קען רעגולירט ווערען. דער פאַרקער צווישען די גרופּען איז זעהר א לעבעדיגער, ווירטשאַפטליך אזוי גוט ווי גזעלשאַפטליך. אין דער פעדע־ראַציע זיינען ניטאָ קיינע שטעט און דערפער, מיט דער קאָנצענטראַציע פון דער אינדוסטריע און דעם האנדעל אין די שטעט, און פון דעם לאַנד־ווירטשאַפט אין די דערפער. גיכער שטעלט דאָס לאַנד מיט זיך פּאָר א ריזיגען אינדוסטריעלען דאָרף, אין וועלכען אינדוסטריע און ערד־ארבייט בארירען זיך. דער קאָנטראַסט צווישען שטאָט און דאָרף איז אָפּגעשאַפט. עס זיינען אָבער פאַראַן איינינע צענטרען, וואו די ווירטשאַפטליכע פאַר־וואלטונג האט איר הויפּט זיץ. דאָרט געפינען זיך אויך די גרויסע טע־אַטערס, מוזייען, העכערע שולען, באַשטענדיגע אויסשטעלונגען, א. א. וו. די באַפעלקערונג פון די צענטרען איז ניט קיין באַשטענדיגע, נאָר א צייטווייליגע; מען פאָרט אין די צענטראַלע ערטער צוליב א באַשטימטען

צוועק און פאר אַ באַשטימטער צייט. אָבער דער צענטער האט אַ באזונדער סעזאָן פאר די פארשיידענע זייטען פון לעבען.

דער שוץ געגען דרויסען.

געגען דרויסען איז דאס אידישע לאנד אַ נייטראלער שטאַט. ער שטרעבט צו דעם אלגעמיינעם וועלט־פרידען און דער סאָציאַלער גערעכ־טיגקייט אין אלע לענדער. ער האט די גרעסטע סימפּאטיעס פאר די פּארגעשריטענע עלעמענטען אין אלע קולטור לענדער, און געניסט פון זיין זייט זייערע געגען־סימפּאטיעס.

אָבער כדי צו קענען זיך שיצען געגען דעם דרויסען, ווערט איינגע־פירט די פּאָלקס מיליץ. אין מלחמה צייט הייסט עס: יעדער מאַן צו די וואַפען!

מיט די דאָזיגע אויפצייכנונגען, מיין איך ניט צו זאגען, אז די פראגע ווערט אינגאנצען אויסגעשעפּט, אָדער אז די זאַך דארף דוקא זיין אזוי און ניט אַנדערש. זיי זיינען נאָר אַ סקיצענהאפטער אנטוואורף פון אַ יחיד, פון איינעם וואס דענקט סאָציאַליסטיש, און איז דורכגעדרונגען פון דער איבערצייגונג, אז דער אידישער שטאַט קען נאָר פארווירקליכט ווערען אויף סאָציאַליסטישע יסודות. דער גאנצער אַנטוואורף איז באַ־זירט אויף די צוויי גרונט פּרינציפּען: אז די פרייע קאָנקורענץ און פּריוואַט־אייגענטום פון ערד און פּראָדוקציאָנס מיטעל מוזען אויסגעשלאָסען ווערען. אַלע אַנדערע זאכען קענען דיסקוטירט און אונטערזוכט ווערען, און וועלען געפינען זייער לייזונג אין דער עקאָנאָמישער פּראַקטיק.

דער ערפאָלג פון ציוניזם פון אינווייניג ארויס הייננגט אָפּ אין דעם סאָציאַליזם. וואס אנבאלאנגט דעם דרויסען, וועלען קיינע שוועריגקייטען זיך אים ניט שטעלען אין וועג דערפאר וואָס ער איז זיך משדך מיט'ן סאָ־ציאַליזם. אויב די שטאַטען וועלען צולאָזען אַ אידישען שטאַט איבער־הויפּט, וועט מען זיך ניט אָפּשטעלען אויף דער קאָנקרעטער פאָרמע וואס ער זאָל אָננעמען.

די „פריילאנד"־באוועגונג, וועלכע איז ענליך צום סאָציאַליסטישען ציוניזם, איז פון די רעגירונגען ווארים באגריסט געוואָרען, איבערהויפּט אין ענגלאנד. אויך די מאָדערנע „דעבס'ישע" באַוועגונג אין צפון אמעריקא, וואס האט אויך געוויסע ענליכקייטען צום ציוניזם, האט געוואונען די סימפּאטיע פון איינפלוסרייכע קרייזען. און דער סאָציאַליסטישער ציוניזם וועט אויך אויף זיך ניט ציען די פיינדשאפט פון די רעגירונגען. געוויס ניט אין רוסלאנד, וואו דער אידישער פּראָלעטאריאַט איז דער אוואַנגאַרד

פון דער ארבייטער באוועגונג, און וואו די רעגירונג וועט ערוואַרטען, אז פון אזא באוועגונג זאל די ארבייטער באוועגונג אָפּגעשוואַכט ווערען. פון דער אנדערער זייט, געווינט דער סאָציאַליסטישער ציוניזם די לעבעדיגע סימ־פּאַטיע פון דעם פּראָלעטאריאַט, דער דעמאָקראַטיע, די אידעאַליסטען פון דער בירגערליכער געזעלשאַפט, די סאָציאַליסטען, די סאָציאַלע רעפאָרמער פון אלע שאַטירונגען — סימפּאַטיעס, אויף וועלכע ער וועט זיך קענען באמת שטיצען.

אין אַ סאָציאַליסטישען אידישען שטאַט האבען אַ שטאַרקען אינ־טערעס ניט נאָר די אידען און די שטאַטען וואָס ווילען פון די אידען פּטור ווערען, נאָר אַלע יענע, וועלכע שטרעבען איבערהויפּט צו העכערע סאָ־ציאַלע לעבענס פאָרמען — די סאָציאַליסטען און די סאָציאַלע רעפאָרמער.

אויף אַזאַ אופן האָבען די אידען די רעאַלע מעגלאַכקייט צו זיין די ערשטע צו פאַרווירקליכען דעם סאָציאַליזם. זיי געפינען זיך אין דער באַ־זונדערער לאַגע, וואָס זיי זוכען אַ היים, וואָס זיי מוזען גרינדען אַ געזעל־שאַפט. דאָס איז די טראַגעדיע פון זייער היסטאָרישען שיקזאַל, אָבער דאָס ליגט אויך אויף זיי ארויף אַ באַזונדערע היסטאָרישע מיסיע. דאָס וואָס ערגעץ אַנדערש איז נאָר אַ פאַנטאַזיע פון אַ יחיד, ווערט ביי די אידען אַ גוואַלדיגע פאָלקס באַוועגונג, דאָס וואָס ערגעץ אַנדערש איז נאָר אַן אוטאָפּיע, איז ביי די אידען אַ נויטווענדיגקייט.

די אידען זיינען געווען דאָס צעשטערענדסטע פאָלק אין דער גע־שיכטע. איצט דאַרפען זיי ווערען דאָס רעוואָלוציאָנערסטע אין דער וועלט. זיי זיינען געווען דאָס אָפּגעלאָזענסטע פאָלק, זאָלען זיי איצט ווערען דאָס שטאָלצעסטע און מוטיגסטע. פון זייער נויט זאָלען זיי שאַפען מאָראַלישע דערהויבונג, פון דעם יאַמער פון זייער עקזיסטענץ — די העכערע אויס־בילדונג פון זייער לעבען. קליין, העסליך, שקלאַפיש, פאַרלאָזען, און גרוי־זאַם איז דער איד, ווען ער דערמאַנט זיך ניט אַן זיין גרויסען „איך" און פאַרלייקענט זיך אַליין, אָבער גרויס, שעהן, מאָראַליש און סאָציאַל איז ער, ווען ער קומט צוריק צו זיך און דערקענט זיין אייגענעם „איך".

דאָס אידישע פאָלק איז גלייך צו אַ שלאָפענדיגען ריז, וועלכער הויפּט זיך אויף פון טונקעלען טאָל, גלייכט זיך אויס, און טרעט ארויס אין דער אומבאַקאַנטער הויך. זיין געזיכט איז פאַרקלערט פון דעם גרויסען וועלט שמערץ, וועלכען ער פילט אַזוי היים. ער פילט זיך בארופען גערעכטיגקייט צו שאַפען און די וואָרהייט צו פּראָקלאַמירען. פון זיין היסטאָרישער טראַגעדיע וואַקסט ארויס אַן ערהאַבענע היסטאָרישע מיסיע, ער לייזט אויס די וועלט וואָס האט אים געקרייציגט. דאָס אידישע פאָלק ווערט ווידער דאָס אויסגעוויילטע פאָלק.

שפראכען פראגע

נאַציאָנאַלע קולטור און נאַציאָנאַלע שפּראַך
אידיש אָדער העברעאיש
געזאָגט נביאות און אליין ניט געוואוסט

נאַציאָנאַלע קולטור און נאַציאָנאַלע שפּראַך

א

די שפּראַך איז דאָס מענשליכקייט, דאָס מענשליכע. און די שפּראַך איז אויך די נאַציאָנאַלע פאָרם פון דאָס מענשליכע, דער מענש אין זיין ווירקליכען בילד און געשטאַלט, אין זיין זיך ראַנגלענדיגען ווילען צו פאַרווירקליכען דאָס אוניווערסאלע, דאָס אלמענשליכע.

דורך דער מתנה פון דער שפּראַך אונטערשיידעט זיך דער מענש פון דער חיה. די שפּראַך דערציילט שטום און אין ווערטער פון דעם אומענדליכען אָפּגרונט, וועלכער טיילט אָפּ די פארנונפט-חיה־מענש פון דער גאַנצער לעבעדיגער וועלט. דער גאַנצער וואוקס פון דעם מענש, פון זיין טונקעלען אורשפּרונג ביז צו דער זונען־אויפגאַנג פון געשיכטע, איז אָנגעדייטעט אין דעם וואוקס פון דער שפּראַך. אין דער שפּראַך האָט זיך אויפגעקליבען די ערפאַרונג פון אומענדליכע דורות פון לעבען, און אין דער שפּראַך האָט זיך קריסטאַליזירט די פארנונפט, ביז די שפּראַך איז געוואָרען אַ פאַרטיגער נאַטור־פּראָדוקט, וועלכער לעבט אין באוואוסטזיין פון דער געזעלשאַפט, און מיט וועלכען יעדער יחיד באהעפט זיך דורך לערנען. אזוי ווי דער מענש איז בכח צו רעגולירען דעם פארצווייגטען מעכאַניזם פון זיין קערפּער דורך אומבאַדייטענדע, אָפט גאָר אומבאַוואוסטזיניגע, עקספּערימענטירונג, אַזוי נעמט ער אויף דעם געניאלען מעכאַניזם פון דער שפּראַך. נאָך אַ מער באוואוסטזיניגער לערנונג, אָריענטירט ער זיך דורך איר און שאַפט אָרדנונג אין דער וועלט.

קיין זאַך האָט דעם ערוואַכטען מענשליכען באוואוסטזיין ניט געבראַכט אין אזאַ שטוינען, ווי די שפּראַך. די מענשען האָבען דערפאַר שטענדיג באַטראַכט די שפּראַך אלס אַ הימלישען וואונדער. גאָט האָט געגעבען אָדם הראשונ'ען די שפּראַך, און אָדם הראשון האָט אַלע זאַכען אין דער וועלט געגעבען אַ נאָמען. די שפּראַך איז איינע פון די צען נסים, וועלכע זיינען געשאַפען געוואָרען ערב שבת, לויט אַן אנדערער אידישער פאָרשטעלונג.

די שפּראַך איז אויך דער אוצר און דער וועקצייג פון דער קולטור. זי איז ניט נאָר אַ באַדייטענדער אינהאַלט פון דער קולטור, נאָר זי איז די ווידערהאָלונג און פאַרשטאַרקונג פון דער קולטור אין גייסט. רעליגיאָן, קונסט, וויסענשאַפט, שטאַט, געשיכטע זיינען אינהאַלטען פון קולטור, אָבער זיי פירען, אזוי צו זאָגען, אַ צווייטען אבסטראַקטען פאַרדיכטעטען לעבען

אין דער שפּראַך. אין דער שפּראַך ווערט איבערזעצט די גאַנצע קולטור און ווערט נעענטער געבראַכט צום מענשליכען פאַרשטאַנד און צו דער פאַנ־טאַזיע. וואָס די גריכישע סטאַטוע, דער מיטלאַלטערליכער קאַטעדראַל רעדט דורך דעם צויבער פון די ליניען און די האַרמאָנישע גראַנדיאָזיטעט פון דעם בנין, דאָס דערציילט איבער די קונסט־געשיכטע אין דער אַבסטראַקטער שפּראַך פון געדאַנקען. וואָס די מענשליכע געזעלשאַפט האָט געשאַפען, איבערגעלעבט, געליטען, געפילט, ווערט אין דער געשריבענער געשיכטע נאָך אַמאָל דערציילט אין דער שפּראַך פון באַגריפען, איבריגענס איבערגע'חזר'ט אין שפּראַך ניט צום צווייטען מאָל, נאָר צום וויפילטען מאָל, ווייל די היסטאָרישע געשעעניש איז ביי איר ערשטען אויפטרעטען דורכגעפלאָכטען מיט שפּראַך.

די שפּראַך איז דער באַגרייפליכער אוצר פון דער קולטור, אָבער זי איז אַ לעבעדיגער אוצר, אַ שטענדיגער, זיך באַוועגענדיגער, מעכאַניזם, וועלכער העלפט דער פאַרנונפט אין איר ווערק צו ברענגען אָרדנונג אין דער וועלט און אין דער געשיכטע, און וועלכער ווערט פון דער פאַרנונפט גופא שטענדיג פאַרבעסערט און פאַרפאָלקאָמט. די שפּראַך איז מער ווי אַן אוצר און אַן אינסטרומענט, זי איז אַ שאַפענדער כח, אַן אָנדייט און סימבאָל, און אַקוראַט אַזוי מיסטיש אין איר לעבען און ווירקען, ווי דער מענשליכער גייסט גופא.

ווייל יעדע קולטור איז איינגעוויקעלט אין אַ נאַציאָנאַלען קלייד און ראַנגעלט זיך צו באַשאַפען דאָס אַבסאָלוט־אַלמענשליכע אויף דעם באַזונדערן נאַציאָנאַלען אופן, איז די שפּראַך דער אוצר און אויך דער ווערקצייג פון נאַציאָנאַלען באַוואוסטזיין. דער גניוס פון יעדען פאָלק, זיין שאַפענדער כח, וועלכער האָט אים געפירט דורך די שטורמען פון זיין געשיכטע, איז קריסטאַליזירט אין זיין קולטור, אין זיינע גייסטיגע ערצייגנישען. אָבער די נאַציאָנאַלע קולטור געפינט אין דער נאַציאָנאַלער שפּראַך איר פאָרם, איר אויסדרוק, און די שפּראַך טראָגט זיך איבער דעם פאָלק פון דור צו דור. זי וואַקסט און באַרייכערט זיך מיט דעם וואוקס פון דער קולטור, זי דעגראַ־דירט און זינקט, ווען די נאַציאָן און איר קולטור פאַלען און זינקען. ווי אַ טאָכטער, אָבער אויך ווי אַ מוטער, איז צוגעבונדען די שפּראַך צו דער קולטור, זי שטאַמט אָפּ פון דער קולטור און זי שאַפט אויך קולטור. ניט נאָר איז זי אַ קולטור־שפּייכלער, נאָר אויך אַ קולטור־ווערקצייג.

ווייל די שפּראַך, אַזוי ווי די גאַנצע קולטור, איז די פּרוכט פון דעם נאַציאָנאַלען גייסט, טראָגט די שפּראַך גופא, אין איר לויט, בוי, פאָרם, לאָגיק, אַ בולט'ן נאַציאָנאַלען כאַראַקטער. ווי אין קונסט, פילאָסאָפיע, וויסענשאַפט, געשיכטע פון אַ פאָלק לעבט זיין נאַציאָנאַלער גייסט, אַזוי פאַרקערפּערט ער זיך אויך אין זיין שפּראַך.

דער גריכישער גייסט, וועלכער איז געווען געווענדעט אויף דער אָביעק־טיווער דערקענטניש פון דער וועלט, האָט זיך איבערגע׳חזר׳ט אין דער גרי־כישער שפּראַך, וועלכע איז אַזוי רייך אין וואָקאַלען, און באַזונדערס אין דעם אַריסטאָקראַטישען וואָקאַל „אַ“. די אָביעקטיווע וועלט געפינט איר רואיגען, קלאָרען אָפּקלאַנג אין דער גריכישער שפּראַך. פאַרקערט איז די העברעאישע שפּראַך, אַלס די שפּראַך פון דעם סוביעקטיווען פאָלק, אַ שפּראַך אייגענטליך אָן נקודות, אָן וואָקאַלען. מיט ליידענשאַפט רייסען זיך אַרויס די לויטען פון דער ברוסט, און שפּראַך און וועלט־אינהאַלט גיסען זיך צונויף אין איין איינהייט, איין אחד. די נקודה איז אַ שפּעטערדיגע פאָרמאַציע פון דער העברעאישער שפּראַך, בשעת זי האָט זיך שוין אָריענטירט און באַרואיגט אין דער אָביעקטיווער וועלט. אין איר ווייטערדיגען וואוקס דערגרייכט די העברעאישע שפּראַך, אַ דאַנק איר טיפען רייכטום, פילאָסאָפישע גענוי־איגקייט, פאַרלירט אָבער קיינמאָל ניט איר ליידענשאַפטליכען סוביעקטיווען כאַראַקטער.

אַ פאָלק, אַזוי לאַנג עס איז אַ פאָלק, קאָן זיין שפּראַך ניט פאַרלירען. נאָר ווען אַ פאָלק פאַרלירט און פאַרגעסט זיין נאַציאָנאַלען כאַראַקטער, זיין קולטור, ווען עס געהט אויס פון אומפּראָדוקטיווקייט, ווערט אויפגעלייזט אין דער סביבה, דאַן שטאַרבט אויך אָפּ זיין שפּראַך. אין דער געשיכטע קאָן מען ניט אָנווייזען אויף אַ פאָלק, וועלכעס האָט אויפגעגעבען זיין שפּראַך און האָט זי פאַרביטען אויף אַן אַנדער שפּראַך, האָט אָבער טראָץ דעם אָנ־געהאַלטען זיין קולטור און דעם באַוואוסטזיין פון זיין נאַציאָנאַלער צוגע־העריגקייט צום שטאַם־פאָלק. פעלקער, וואָס גרויסע טיילען פון זיי האָבען אויפגענומען על פּי נויט אַ פרעמדע שפּראַך, אָבער אַזוי ווי זיי האָבען זייער נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ ניט פאַרלאָרען, האָבען זיי שפּעטער אויפגעלעבט מיט זייער נאַציאָנאַלער שפּראַך, ווי, למשל, די טשעכען, ליטווינער, לאַטישען אין אונזער צייט. די איינהייטליכקייט פון זייער שפּראַך־באַוואוסטזיין איז ביי זיי ניט צעבראָכען געוואָרען. ביי דער גינסטיגער היסטאָרישער געלע־גענהייט האָבען זיך די דאָזיגע פעלקער אומגעקערט צוריק צו זייער היסטאָ־רישער שפּראַך.

די אַנטיקע פעלקער, די באַבילאָניער, עגיפּטער, גריכען, רוימער, זיינען פיזיש און קולטורעל אונטערגעגאַנגען, און עס איז מיט זיי אויך פאַרשוואונ־דען זייער שפּראַך. אויף דעם בונטען היסטאָרישען פאָן זיינען אָבער דאָ פאַראַן פאַרשידענע וואַריאַציעס. אַמאָל דערהאַלט זיך פיזיש אַ פאָלק, אָבער זיין שטאַנדהאַפטע קולטור ווערט פאַרגעסען, און דאָס פאָלק פאַרגעסט זיין אורשפּרינגליכע שפּראַך, ווי דאָס איז דער פאַל, למשל, מיט די נעגער אין אַמעריקאַ, אויף וויפיל די נעגער האָבען אַמאָל געהאַט אַ פּרימיטיווע

אייגענאַרט. דאָס געניאַלע גריכישע פאָלק איז פארשוואונדען פיזיש, אָבער די גריכישע שפּראַך, וועלכע איז אַמאָל אויך געווען א וועלט־שפּראַך, איז געבליבען לעבען און אין א שטאַרק־געענדערטער פאָרם איז זי געוואָרען די שפּראַך פון דעם נייעם פעלקער־געמיש אין גריכענלאַנד. דאָס מאָדערנע גריכישע פאָלק איז אָבער ניט אין קולטור און ניט אין שטאַם־באַוואוסטזיין די פאָרזעצונג פון דעם אַלטען גריכישען פאָלק. די טעריטאָריע פון דעם אַמאָליגען רוימער־פאָלק, איטאַליען, איז שוין אין פריען מיטלאַלטער, נאָך דער פעלקער־וואַנדערונג, געוואָרען א לאַנד פון פארשידענע פעלקערשאַפטען, און דאָרט האָט זיך ענטוויקעלט, אין צוזאַמענהאַנג מיט לאַטיין, די איטאַליע־נישע שפּראַך. די פאַראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקא האָבען ביי זייער ערשטער אָרגאַניזירונג פּראָקלאַמירט ענגליש אַלס די שפּראַך פון די שטאַטען, און ענגליש איז געוואָרען די שפּראַך פון דעם אַמעריקאַנער „מעלטינג־פּאָט“, וועלכער האָט, זינט דעם ניינצענטען יאָרהונדערט, אריינגענומען דרייסיג מיליאָן איינוואַנדערער פון ניט־ענגלישער שפּראַך.

ביי א פאָלק קאָן פאַרדרענגט ווערען זיין שפּראַך, א פרעמדע שפּראַך קאָן אַמאָל ארויפגעצוואונגען ווערען, א נייע שפּראַך קאָן אויסוואַקסען אין א פעלקער־געמיש, א שפּראַך ענטוויקעלט און ענדערט זיך, א שפּראַך געבערט דיאַלעקטען און זשאַרגאָנען, א שפּראַך קאָן פאַנאַנדערבליען און אָנטאַרטען. אָבער א שפּראַך שטעהט אין אָרגאַנישען צוזאַמענהאַנג מיט דער נאַציאָנאַלער קולטור פון א פאָלק. האָט א פאָלק געבראָכען מיט זיין היסטאָרישער שפּראַך, האָט עס זיך אויך אָפּגעריסען פון דער קולטור און דער געשיכטע, וועלכע האָט געשטראָמט אין זיין נאַציאָנאַלער שפּראַך. די פעלקער פון די פאַר־אייניגטע שטאַטען פון אַמעריקע, די דייטשען, די איטאַליענער, סלאַווען, סקאַנדינאַווער, א. ז. וו., האָבען אויפגעגעבען און פארגעסען זייער נאַציאָ־נאַליטעט און קולטור דורך דעם אַנשלוס אָן דאָס נייע לאַנד און די פרעמדע ענגלישע שפּראַך. וואָלטען די אריבערגעקומענע איינוואַנדערער אָנגעהאַלטען אין אַמעריקע זייערע אָריגינעלע שפּראַכען, וואָלטען די פאַראייניגטע שטאַטען זיין א נייער, זייער אייגענאַרטיגער, נאַציאָנאַליטעטען־שטאַט, און יעדעס פאָלק וואָלט זיך באַטראַכט פאַר א צווייג פון זיין אַלטען שטאַם־פאָלק. ווי נאָר א פאָלק פאַרלירט זיין שפּראַך, פאַרלירט עס זיין נאַציאָנאַלען באַ־וואוסטזיין און זיין נאַציאָנאַלע קולטור, און עס טרעט אריין אין אַן אַנדער קרייז פון פאָלק און קולטור.

פילע פעלקער אין אונזער צייט, וועלכע זיינען פריי געוואָרען פון נאַ־ציאָנאַלער אונטערדריקונג, האָבען, צוזאַמען מיט זייער נאַציאָנאַליטעט, גע־בראַכט צום לעבען אויך זייער היסטאָרישע שפּראַך. אין לעבען פון אַלע אונטערדריקטע פעלקער, אין לעבען פון די טשעכען, לעטען, ליטווינער, אַל־

באַנעזער, אַרמעניער, אירלענדער, האָבען זיך אַריינגעריסען פּילזייטיג די שפּראַכען פון זייערע אונטערדריקער. די טשעכען האָבען שטאַרק גערעדט דייטש, באַזונדערס דער מיטעלקלאַס און די אינטעליגענץ. אין די ליטווישע שטעט פלעגען די ליטווינער ריידען רוסיש און פּויליש, און נאָר די פּויערים האָבען גערעדט די פאַראַרימטע נאַציאָנאַלע שפּראַך. ביי די לאַטישען האָט שטאַרק געהערשט דייטש און רוסיש, ביי די אַרמעניער ווערט פיל גערעדט טערקיש, רוסיש און פּערסיש, ביי די אַלבאַנעזער איז פאַרברייטערט טערקיש, די פּאָליאַקען פון אויבער־שלעזיען ריידען אין דער מאַיאָריטעט דייטש. די שפּראַכען פון די אונטערדריקענדע פעלקער זיינען אויך פיל רייכער קולטורעל, איידער די אָרימע נאַציאָנאַלע שפּראַכען פון די אַלע קלענערע און קליינע פעלקער. אָבער מיט עלעמענטאַרער קראַפט האָט זיך ביי די דאָזיגע פעלקער אַרויסגעריסען דער דראַנג אומצוקערען זיך און אויסבילדען די נאַציאָנאַלע שפּראַך צוזאַמען מיט דער נאַציאָנאַלער ווידעראויפלעבונג.

שווערער, פאַרוויקעלטער און אויך פאַרוואָרענער איז דער שפּראַך־רענע־סאַנס ביים אידישען פאָלק. אין די יאָרטויזענטער פון גלות זיינען אידען געוואָרען א פילשפּראַכינעס און פילזשאַרגאָנישעם פאָלק, כאָטש זייער נאַ־ציאָנאַלע שפּראַך האָט אין משך פון זייער גאַנצען גלות פאַרנומען אָן אָנגע־זעהענעם אָרט אין נאַציאָנאַלען באַוואוסטזיין. זי איז געבליבען די שפּראַך פון דער רעליגיאָן, פון דער תורה, פון דעם אינטימען גייסטיג־מאָראַלישען לעבען. אין דעם וואָכעדיגען לעבען אָבער איז די נאַציאָנאַלע העברעאישע שפּראַך פאַרדרענגט געוואָרען פון פילע שפּראַכען און שפּראַך־מישונגען. שוין אין דער צייט פון בית שני האָבען אידען אין ארץ ישראל און סיריען גערעדט פיל אַראַמעאיש־כאַלדעאיש, און אויסערהאַלב פון ארץ ישראל — גריכיש. אין יעדען גלות־לאַנד האָבען אידען גערעדט די שפּראַך פון אַרומיגען פאָלק, ווייל די העברעאישע רעדע־שפּראַך איז שוין לאַנג פאַרגעסען געוואָרען. כמעט אַלע שפּראַכען פון דער אייראָפּעאישער קולטור, אַראַביש איינגעשלאָ־סען, זיינען געווען אויך די שפּראַכען פון אידען. אין גריכיש, אַראַביש, דייטש, ענגליש, רוסיש האָבען אידען אפילו טיילווייז געשאַפען זייער קולטור. אָבער אפילו אויך די שפּראַכען פון קלענערען קולטור־ווערט, ווי שפּאַניש, פּאָרטוגעזיש, האָלענדיש, פּויליש, איטאַליעניש, זיינען געוואָרען שפּראַכען פון אידען, און אויך אין זיי האָט דער אידישער קולטור־געדאַנק איבערגע־לאָזען קולטור־ווערטען.

אחוץ דעם, וואָס אידען האָבען אויפגעהאַלטען זייער נאַציאָנאַלע שפּראַך אין דעם אינטימען גייסטיג־רעליגיעזען לעבען און האָבען געלעבט און גע־שאַפען אין אַלע שפּראַכען פון דער אומגעבונג, האָבען זיי אויך געשאַפען אין יעדעם לאַנד שפּראַך־מישונגען, אָדער זשאַרגאָנען, וועלכע האָבען דער־

גרייכט אָפטמאָל א געוויסע מדרגה פון קולטורעלער אָריגינאַליטעט. אין דער אמאָליגער גריכישער וועלט האָבען אידען געברויכט א שלעכטען גריכיש, דורכגעוועבט מיט העברעאישע ווערטער און זאַצען. אין דער אַראַבישער עפּאָכע האָבען אידען גערעדט און אויך געשריבען א בלאַסען אַראַביש, וועלכעס איז געווען דורכגעדרונגען מיט העברעאיש. ביי די שפּאַנישע אידען איז באַשאַפען געוואָרען דער שפּאַניאַלישער זשאַרגאָן, אָדער לאַדינא, וועלכער ווערט געברויכט נאָך עד היום אין מזרח פון דער אמאָליגער טערקישער אימפּעריע. אין תימן רעדען אידען א זשאַרגאָניזירטען אַראַביש, אין האָלאַנד איז פאַראַן א מין אידיש־האָלענדיש, אין קאַווקאַז רעדען אידען א זשאַרגאָן פון די אַרומיגע פעלקער, די קאַראַימער האָבען געשאַפען א אידיש־טאַטאַריש, די אידען פון קאַרפו, אין גריכענלאַנד, רעדען א מין אידיש־איטאַליעניש, ווייל יענע אידען זיינען געקומען אין קאָרפו פון ווענעציען אין איטאַליען, אין צייט פון רדיפות. פון די דאָזיגע אַלע אידישע דיאַלעקטען האָט אָבער דאָס אידיש־דייטש געפונען א גרויסע פאָלקס־פאַרברייטונג און האָט אויך דערגרייכט די שטופע פון א ליטעראַרישער שפּראַך.

די דאָזיגע אַלע אידישע שפּראַך־מישונגען, דיאַלעקטען און זשאַרגאָנען זיינען אויפגעבויט נאָך איין און דערזעלביגער אינוויינינגסטער לאָגיק, וואָס איר פאַרשטעהן העלפט אין דער אָריענטירונג מכח דער אידישער נאַציאָנאַלער שפּראַך. זיי באַשטייען פון דריי עלעמענטען, פון דער העברעאישער שפּראַך, וועלכע איז, אזוי צו זאָגען, די גייסטיג־מאָראַלישע גרונטשיכט פון די דאָזיגע שפּראַכען און פון צוויי פרעמדע שפּראַכען, פון דער שפּראַך פון לאַנד, פון וואַנען די אידען זיינען מיט איר געקומען, און דער שפּראַך פון לאַנד וואוהין אידען זיינען אַריינגעוואַנדערט. די אידישע שפּראַך־מישונגען זיינען בכלל אויפגעוואַקסען נאָר אין דער אידישער וואַנדערונג, בשעת אידען פלעגען איינוואַנדערען אין א נייעם לאַנד מיט דער שפּראַך אָדער שפּראַך־מישונג פון דעם פריערדיגען לאַנד. אַלע מאָראַלישע איבערלעבונגען, לאָגישע באַגריפען, אַלע ענינים, וועלכע האָבען א שייכות צו דער רעליגיע און צו דעם אינטימען לעבען, זיינען דערהאַלטען און אפילו ווייטער אויסגעבילדעט געוואָרען דורך דעם העברעאישען עלעמענט. די צוויי אַנדערע שפּראַכען, די שפּראַך פון פאַרלאָזענעם לאַנד און די שפּראַך פון נייעם לאַנד, ראַנגלען זיך אין די אידישע שפּראַך־מישונגען פאַר זייער אָרט, איינפלוס און הערשאַפט.

ווייל די יסודות פון די דאָזיגע שפּראַך־מישונגען זיינען אומזיכער, ניט־באַשטענדיג, ווייל די דאָזיגע שפּראַכען זיינען קיינמאָל ניט קיין אָפּגעשלאָסענע, נאָר שטענדיג פליסענדע, זיך בייטענדע אין זייערע יסודות, טראָגען זיי דעם כאַראַקטער פון א זשאַרגאָן. זייער גראַמאַטיק איז ניט קיין בינדענדע, זייער סטיל איז אַרים, ווייל עס פעלט די דאָזיגע שפּראַכען יעדע ליטע־

ראַרישע טראַדיציע און יעדע אַנלענונג אָן קולטור. פון דעם אייגענעם קוואַל שטראָמט אין די דאָזיגע שפּראַכען ניט אריין קיין נייער רייכטום און קיין באַלעבענדע קראַפט. די אַלע דאָזיגע אידישע שפּראַך־מישונגען אָדער זשאַרגאָנען זיינען יעצט כמעט אין צושטאַנד פון אויסשטאַרבען און פאַר־שווינדען. אפילו דער אידיש־שפּאַניאָלישער זשאַרגאָן, וועלכער איז געווען אין געברויך ביי א גרויסער צאָל אידען אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטען, קאָן אויך ניט אויסהאַלטען דעם אָנדראַנג פון דער אייראָפּעאישער קולטור און פון דעם אויפוואַכענדען העברעאיש, און האַלט אין שטענדיגען פאַרמינדערען זיך אַלס גערעדטער דיאַלעקט.

פון אַלע שפּראַך־מישונגען, וועלכע זיינען אויפגעוואַקסען ביי אידען אין גלות, האָט זיך אויפגעהויבען די אידיש־דייטשע שפּראַך־מישונג צו א הויך און באַדייטונג צו וועלכער קיין אנדערער אידישער דיאַלעקט האָט זיך קיינ־מאָל אין ערגעץ ניט אנטוויקעלט. די אידיש־דייטשע שפּראַך־מישונג איז געוואָרען די שפּראַך פון מיליאָנען אידען, האָט געבאָרען פון זיך א ליטע־ראַטור, איז געוואָרען א פאַקטאָר אין דער אָרגאַניזירונג פון דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט צום סאָציאַליזם, איז אריינגעדרונגען אין א באַשטימטען מאָס אין דער אידישער פאָלקס־שולע. זי ראַנגעלט זיך אין דעם אידישען באַ־וואוסטזיין פאַר דער אַנערקענונג אַלס א שפּראַך, אַלס אידיש. זי וויל זיך אפילו אויסקעמפען דאָס רעכט צו זיין די אידישע נאַציאָנאַלע שפּראַך פון דער אידישער פאָלקס־אויטאָנאָמיע. די דאָזיגע שפּראַך־מישונג איז די באַ־דייטענדסטע שפּראַך־שאַפונג, וועלכע איז אויסגעוואַקסען אין אידישען לעבען צווישען אַנדערע פעלקער, און רעדט מען וועגען דער אידיש־נאַציאָנאַלער שפּראַך אַחוץ אָדער אין געגענזאַץ צו העברעאיש, מיינט עס אידיש.

מיר דאַרפען דערפאַר נאָך אויפמערקזאַמער אונטערזוכען דעם כאַראַק־טער פון דער אידישער שפּראַך, כדי אויסצוגעפינען איר נאַציאָנאַלען חיות, כדי צו ענטדעקען די קראַפט, וועלכע מאַכט זיי פאַר דער אידישער שפּראַך. דער אַלגעמיינער כלל מכח די אידישע שפּראַך־מישונגען, דאָס זיי באַשטייען פון דריי עלעמענטען, מיט העברעאיש אַלס אינטימער האַרציגער גרונטשיכט, איז בנוגע צו אידיש מער אָנצוואַווענדען, איידער אויף יעדער אנדערער אידי־שער שפּראַך־מישונג. דער דאָזיגער אידיש, וועלכער האָט זיך פאַרמירט אין 18טען און 19טען יאָרהונדערט אין די סלאַווישע לענדער, אונטערשיידט זיך פון אַלע אַנדערע אידישע שפּראַך־מישונגען דורך דעם מערקווירדיגען רייכטום פון זיין העברעאישען עלעמענט. פון תורה און לערנען און דער אידישער נאַציאָנאַלער פאַרגייסטיגונג אין דער צייט פון זיין ענטשטעהונג, האָט אידיש אריינגענומען אן אומענדליכען אוצר פון העברעאישע ווערטער, אויסדרוקען, באַגריפען, באַציאונגען, אָפּשאַצונגען, שפּראַכליכע פראַגמענטען.

אידיש איז אָנגעזעטיגט מיט העברעאיש, מיט גאַנצע פראַגמענטען פון העב־רעאיש, וועלכע טרעטען שוין ניט נאָר אויף כדי אויסצודריקען די מאָראַליש־לאָגישע באַגריפען און באַציאונגען, נאָר שטראָמען בכלל אין אידיש פון דער איבערפולקייט פון תורה און לערנען אין פאָלק.

יענער אידיש, וועלכער איז איצט אין דעם נייעם קולטור־אידיש שוין שטאַרק געענדערט געוואָרען אין דער ליניע פון דייטש, ווי מיר וועלען עס שפּעטער זען, האָט אריינגענומען א העברעאישען וואָרט אָדער אויסדרוק כמעט פאַר יעדען אידישען וואָרט. עס איז כמעט ניטאָ קיין וואָרט אין יענעם אידיש, וועלכער האָט ניט זיין פּאַראַלעלען העברעאישען וואָרט, כאָטש אָפט אין אַנאַנדער צוזאַמענהאַנג און פראַגמענטאריש. אפילו אזעלכע פראָ־זאאישע ווערטער פון געוויינליכען אומגאַנג, ווי ברויט, זאַלץ, וואַסער, פלייש, פיש, פרוכט, געטראַנק, שנאַפּס, וויין, מילך, שפּייז, מאָלצייט, דעסערט, זיסקייטען, האָניג, א. ז. וו., האָבען אין אידיש געפונען זייער פּאַראַלעלען וואָרט דורך העברעאיש. און ניט נאָר איינצעלנע ווערטער, נאָר גאַנצע העברעאישע זאַצען, העברעאישע פראַגמענטען, זיינען אריינגעדרונגען אין דער אידישער שפּראַך, באַזונדערס אין דעם עפענטליכען רעדען, אין לערנען, דיסקוסיעס, דרשות, מגידות, בדחנות, ווי אויך ביי די קלאַסישע שרייבער, ווי אַבראַמאָוויץ, לינעצקי, שלום־עליכם. ווי געוואַלטיג אידיש האָט אריינ־גענומען אין זיך העברעאיש פון זיבעצענטען ביז צום ניינצענטען יאָרהונדערט, ווערט קענטיג, ווען מען פאַרגלייכט אַן ערך די אידיש־דייטשע פּאָעטען פון זיבעצענטען און אכטצענטען יאָרהונדערטען, וועלכע שרייבען כמעט גאַנץ דייטש מיט אייניגע העברעאישע ווערטער, אָדער די מעמוארען פון גליקל פון האַמעלן אין זיבעצענטען יאָרהונדערט, מיט די אידישע געדיכטען אין דער בליאונג־צייט פון דער אידישער שפּראַך, די געדיכטען פון יהודה ליב גאָרדאָן, מיכל גאָרדאָן, מיט די ערשטע אידישע קלאַסיקער.

אזוי ווי אידיש האָט זיך אָנגעהויבען בילדען און ענטוויקלען אויסער־האַלב פון דער דייטשער שפּראַך, אין דער רוסיש־פּוילישער סביבה, האָט אָנגעהויבען אריינדרינגען דער סלאַווישער שטראָם אין דער שפּראַך, און די שפּראַך און די פאָרמען זיינען געוואָרען צעמישט, יעדע גענויאיגקייט און שיינקייט פון אויסדרוק און וואָרט איז צעשטערט געוואָרען, אַלע ראַמען פון גראַמאַטיק און סינטאַקס זיינען פאַנאַנדערגעפאַלען. דער וואָרט אוצר איז געוואָרען שוואַנקענד, אומזיכער. אוים מאַנגעל פון טראַדיציע און באַשטענ־דיגקייט זיינען וואָרט, פאָרם און אויסשפּראַך צעקריפּעלט געוואָרען ; קיין גראַמאַטישעס געזעץ האָט אין דער שטענדיגער פליסענדער שפּראַך־מישונג, וועלכע האָט געצווינגען אירע זאַפּטען פון פרעמדען שפּראַך־אוצר, ניט געקאָנט זיך איינפונדעווען. די אידישע שפּראַך אין איר גלאַנץ־פּעריאָדע, ווען אין

איר האָט פון איין זייט אויפגעלעבט פראַגמענטאַריש העברעאיש, איז זי פון דער אַנדער זייט, אין איר אומבאַהאָלפענקייט און טראַדיציאָנסלאָזיגקייט, און נאָך מער דורך דער אינווייניגסטער באַציאונג פון דעם אידיש־שפּרעכער גופא צו דער שפּראַך, מבולבל און מטושטש געוואָרען צו דער געשטאַלט פון אַ זשאַרגאָן.

די אויסבילדונג פון דעם העברעאיש־געזעטיגטען אידיש, די אויפלעבונג אין אידיש פון גאַנצע אוצרות פון העברעאישע ווערטער און פראַגמענטען, איז אָבער געווען אַ גרויסע שפּראַכליכע שאַפונג פון אידישען פאָלק. בשעת די באַנוצונג און די אַנטלייאונג פון ווערטער פון די אַרומיגע שפּראַכען, פון דייטש און די סלאַווישע שפּראַכען, איז געווען דער רעזולטאַט פון הילפלאָזער געצוואונגענקייט, איז העברעאיש אויפגעלעבט געוואָרען אין אידיש דורך פרייע שאַפונג, אַקוראַט ווי די העברעאישע שפּראַך וואָלט געוואָלט נאָך אַמאָל אויפלעבען צווישען דעם אידישען פאָלק צו דער הויך פון אַ לעבעדיגער שפּראַך.

יענע עפּאָכע, ווען עס איז אויפגעוואַקסען דאָס העברעאיש־אידיש אין די סלאַווישע לענדער, איז בכלל געווען די פרוכטבאַרסטע נאַציאָנאַלע עפּאָכע אין משך פון אידישען גלות. נאָכדעם ווי אין זיבעצענטען יאָרהונדערט איז כמעט ווי חרוב געוואָרען דאָס אידישע פאָלק אין אייראָפּע דורך דעם דרייסיג־יאָריגען קריג און די האידאַמאַטשינע, הייבט זיך אָן אַ גרויסע אויפלעבונג אין אַכטצענטען יאָרהונדערט. די אידישע באַפעלקערונג פאַרמערט זיך געוואַלטיג. דער שטראָם פון תורה און לערנען פליסט דורכ'ן גאַנצען פאָלק. דאָס אידישע לעבען איז אָפּגעזונדערט און אָפּגעטיילט דורך סאָציאַלע און מאָראַלישע מחיצות פון אַרום. די אידישע קהלה פאַרוואַלטעט זיך זעלבסט־שטענדיג. ווי אָפּגעשלאָסען דאָס אידישע לעבען איז ניט געווען פון דער אייראָפּעאישער קולטור, איז עס געשטאַנען אומענדליך העכער איידער דאָס קולטור־לעבען אין דער פוילישער, רוסישער, ליטווישער שטאָט. די רבנות האָט אָנגעהאַלטען דאָס גייסטיגע לעבען, די חסידות האָט דערוועקט די אונטערשטע פאָלקס־מאַסען צו רעליגיעזען ענטוזיאַזם, האָט געהויבען דאָס פאָלקס זעלבסטגעפיל, האָט מיט מיסטיק פאַרזאָגט עלענד און נויט, האָט געשאַפען אַ מין קאָמוניזם, אַ העכערע סאָציאַלע באַציאונג צווישען מענש און מענש. באַלד האָט די אייראָפּעאישע קולטור זיך אָנגעהויבען אַרייַנ־רייסען אין דער רעליגיעז־פאַר'חלומ'טער, חסיד'יש־אויפגערודערטער אידישער געטאָ־גאַס. אין טריאומף־מאַרש איז זי געגאַנגען דורך דער אידישער וועלט. זי האָט געבאָרען די ניי־העברעאישע ליטעראַטור, וועלכע איז געוואָרען אַ השכלה־מיטעל און אַ נאַציאָנאַליזירענדער כח פון פאָלק. עס איז אויפגעשטאַנען אַ גרויס קאָמפּאַקט לעבענד פאָלק, וועלכעס איז געווען אויסערליך

צעדריקט און ערנידעריגט, אָבער האָט געלעבט אין אַן אייגענער אייגענ־ארטיגער קולטור, וועלכע האָט אומענדלאך אריבערגעשטיגען דאָס גייסטיגע לעבען פון ארום. אָט אין יענער צייט פון דער טיפער נאַציאָנאַלער פאר־גייסטיגונג האָט דאָס פאָלק געמאכט יענע מערקווירדיגע פרובונג אריינצו־פלעכטען אין זיין אידישער לעבענס־שפראך זיין העברעאישע ספר־שפראך.

די ענטשטעהונג פון דעם נייעם אידיש און זיין מערקווירדיגע דורכ־זעטיגונג מיט העברעאיש אין דער עפּאָכע פון דער פאָלקס־ערוואכונג און נאַציאָנאַלער פארגייסטיגונג אין די לעצטע צוויי יאָרהונדערטען איז דער היסטאָרישער באַוויז דערפאר, אז די אידישע נאַציאָנאַלע קולטור זוכט שטענדיג איר אויסדרוק אין דער נאַציאָנאַלער שפראך־פאָרם. פארשטעהט זיך, דאָס אין קיין צייט אחוץ דער צייט פון ציוניזם, ווען דאָס אידישע פאָלק ווערט קולטורעל זעלבסטשטענדיג און גייסטיגאגרעסיוו, איז ניט געווען קיין מעגליכקייט פאר א ווירקליכע אידישע קולטור און פאר דעם רענעסאַנס פון אידיש.

אָבער אין אונזער צייט, ווען עס שטייגט אויף פון די טיפענישען פון אידישען פאָלק א נאַציאָנאַלע קולטור, אין ענגסטען צוזאמענהאַנג מיט'ן נאַציאָנאַלען און פּאָליטישען רענעסאַנס, וואָלט עס געמיינט אייגענטליך די פארטריקענונג אָדער גאָר די באוואוסטזיניגע פארלייקענונג פון דער נאַציאָ־נאַלער קולטור, ווען זי זאָל ניט זוכען איר אויסדרוק און איר שאפונג אין דער נאַציאָנאַלער העברעאישער שפראך.

גראַד איז די נאַציאָנאַלע אידישע קולטור פון אזא בלייבענדען אוניווער־סאַלען ווערט, דאָס דער אידישער רענעסאַנס מוז טיף און אָרגאַניש זיך באַ־העפטען מיט דער היסטאָרישער נאַציאָנאַלער קולטור. די אידישע קולטור, דאָס אידענטום, וועלכע איז א גרויסער געשיכטס־וואונדער, האָט ניט געהאַט די רעאַלע מעגליכקייט סאָציאַל און קינסטלעריש פאַנאַנדערוואקסען און פאַנאַנדערבליען. אין דער אידישער קולטור ליגען גייסטיגע און קינסטלע־רישע אוצרות, וועלכע זיינען אינטואיטיוו באשאפען געוואָרען פון דעם אידי־שען געניוס, וועלכע זיינען נתגלה געוואָרען, ווי אין דער רעליגיעזער שפראך ווערט געזאָגט, אָבער וועלכע דארפען ערשט פון דעם מאָדערנעם גייסט דער־קענט ווערען באוואוסטזיניג און ווערען פּאָטענצען פון לעבען און שאפען. דער באַגריף פון דער איינהייט פון אוניווערזום און געשיכטע, דער גלויבען אין דעם גאָט־גייסט, וועלכער לעבט אין דער וועלט און פירט די געשיכטע, דער געגענזאַץ געגען דעם מיטוס, אפילו דער מיטוס פון מאטעריע, די באַ־גרינדונג פון דער וועלט אויף דעם „זאָל“ און ניט אויף דעם „איז“, די פאר־געטערונג, אָדער בעסער, די פארהייליגונג פון געשיכטע, דער באַגריף פון דער משיח־ערלייזונג אין דעם אחרית הימים, דער גלויבען אין דער אויסער־

ווייַלטקייט פון פאָלק ישראל, די אידעע פון דער מענשהייט, דער געבאָט פון שבת אלס רו־טאָג און לערן־טאָג, דער געבאָט פון יום־כפור אלס תשובה־טאָג און מאָראַלישער רייניגונגס־ווילען, די אידעע פון דער פאַראַנטוואָרטליכער פּערזענליכקייט, די אידעע פון מענשליכער גלייכהייט, דאָס זיינען אייניגע פון די יסודות פון דער אידישער קולטור־אנשויאונג, וועלכע האָבען די וועלט־געשיכטע אויפגעאַקערט, אָבער זי נאָך עד היום ניט באַפרוכפּערט, דאָס עס זאָל ברענגען זאָמען. אין דער העברעאישער ליטעראַטור און שפּראַך זיינען אָנגעזאַמעלט די דאָזיגע קולטור־אוצרות, וועלכע דער אידישער נאַציאָנאַלער רענעסאַנס דאַרף איצט שמידען און שמעלצען צו שיינענדען גאָלד.

די העברעאישע שפּראַך, די שפּראַך פון יענער ליידענשאַפט און בענקשאַפט נאָך אַ נייער וועלט־אידעע און לעבענס־פאָרם, איז זעלבסט איינע פון די וואונדערבאַרסטע שאַפונגען פון מענשליכען געניוס. דער גייסטיגער ווערקצייג, דורך וועלכען די אידענטום־אידעע האָט זיך אין דער געשיכטע מתגלה געווען, מוז דאָך זיין ניט ווייניגער אויסערגעוויינליך, ווי די אידעע גופא. פלאַטאָ'ס מעטאַפיזישער וועלט־אויפבוי דורך דער אידעע און אַריסטאָטעל'ס וויסענשאַפטליכער אַנאַליז פון דער ווירקליכקייט האָבען געקאָנט אויסגעדריקט ווערען נאָר אין דער גריכישער שפּראַך. אויך דער לשון פון דער נשמה מיט גאָט און דער וועלט, דער ממעמקים קראתיך, האָט געקאָנט אויסקלינגען נאָר אין העברעאיש. אין דער דאָזיגער שפת־הפלאות פון דעם עם־הפלאות איז באַשאַפען געוואָרען אַ דראַמאַטישע פאָעזיע, פול שטורם און התפעלות, וואו אָט זינגט די זעלע צו גאָט „גדלת מאוד“, אָט רופט זי אַרויס גאָט צו שטרייט, אָט פאַרוואַנדעלט זי די גאַנצע צופעליגע זיכטבאַרע וועלט אין אַ משל און מליצה, וואָס ערשט לעבען איר און איבער איר רוט די אמת'ע פרידליכע וועלט פון זעלע און גייסט. און אויך פאַר אַלע פיינסטע פילאָסאָפישע און וויסענשאַפטליכע באַגריפען, פאַר דעם גאַנצען אויפבוי פון דער געדאַנקען־וועלט, וועלכע קען זיך נאָר האַלטען אויף דער שטרענגסטער אַרכיטעקטאָרישער גענויקייט, איז די העברעאישע שפּראַך מערקווירדיג געאייגענט. לעזט פירסטענטאַל'ס העברעאישען פירוש צום רמב"ם'ס „מורה נבוכים“.

העברעאיש האָט אייגענטליך געדאַרפט ווערען די אינטערנאַציאָנאַלע שפּראַך פון דער גאַנצער מענשהייט, באַזונדערס נאָכדעם ווי העברעאיש האָט באַוויזען דורך דער מאָדערנער העברעאישער ליטעראַטור זיין כח איינצוראַמען די וועלט פון מאַטעריע און געדאַנק אין פאָרמען, באַוועגען די וועלט דורך דעם ריטם, אויפדעקען דורך דעם סימבאָל פון די ווערטער דעם פאַרהאַנג, וועלכער פאַרדעקט די נסתרות פון די נגלות. ווער עס מיינט אין זיין נאַאיוויטעט, אַז די וועלט דאַרף מען מאַכען פראָסט און גרינג, דער קען בלייבען

ביי עספעראנטאָ אָדער וואלאפיק אַלס וועלט־שפּראַך. פאַר דער טעכניק, און אפשר אפילו מער ניט ווי פאַר דער טעכניק פון דער טעכניק, וואָלט עספּעראַנטאָ געטויגט. די אויפגאַבע פון דער קולטור איז אָבער ניט די וועלט מאכען גרינג, נאָר די וועלט מאַכען שווער, פארמערען איר געהיימניש, אָנצינדען אין איר די ליכטלאַך פון סימבאָלען, לייטערען דאָס לעבען אין קדושה, באַשאַפען פאַראיינס דעם האָמאָ נאָוואוס, דעם נייעם אָדם, וועלכער שטעהט מיט די פיס אויף דער וואָכעדיגער ערד פון דער טעכניק, אָבער מיט זיין גייסט און נשמה זאָל ער אויפבויען די געטליכע וועלט פון נשמה, פרייהייט, ליבע, קונסט און דענקען; אויב דאָס איז דער ציל פון קולטור, האָט העברעאיש געדאַרפט זיין דער ערשטער ווערקצייג פון דער קולטור. און ווער ווייס, אויב דער דאָזיגער געדאַנק פון דער העברעאישער וועלט־שפּראַך וואָלט ניט אויפגעוואַקסען אין דער וועלט, ווען די עקזיסטענץ פון די פאַרפאָלגטע און פאַראַכטעטע אידען אין דער וועלט, וואָלט ניט געוועזען דער אומגליקליכער ווידערשפּרוך דאַגעגען.

אין דער דאָזיגער אָרגאַנישער נויטווענדיגקייט פון דער אידישער קולטור זיך צו באַהעפטען מיט העברעאיש קאָן לייקענען נאָר דער, וועלכער איז גלייכגילטיג צו דער אידישער קולטור און דער אידישער שפּראַך בכלל, כמעט על פּי אונס באַנוצט ער זיך מיט אידיש. עס קען אָבער ניט פירען קיין קאַמף געגען העברעאיש דער פּרינציפּיעלער אידישיסט, וועלכער וויל די באַהעפטונג פון דעם אידישען לעבען און קולטור מיט דער נאַציאָנאַלער שפּראַך. סיידען דער אידישיסט זאָל אונז זאָגען, אַז די אידישע שפּראַך איז מער אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך איידער העברעאיש און מער מסוגל צו זיין דאָס קלייד פון דעם אידישען נאַציאָנאַלען גייסט און דער נאַציאָנאַלער קולטור, איידער העברעאיש. אָדער דער אידישיסט מוז זיין פאַרצווייפעלט זיכער, אַז די אויפלעבונג פון העברעאיש, ווי גרויס אירע מעלות זאָלען ניט זיין, איז אַ פאַרפירעניש און אַ חלום און מיר מוזען זיך, ווען אפילו מיט אַ פאַרקלעמטען האַרץ, האַלטען אָן אידיש, ניט דער בת השמים, נאָר דער בת הארץ, אויף וועלכער מיר זינדיגע מענשען פויזען רעאַל־פּאָליטיש.

ב.

פון צוויי זייטען ווערט דער העברעאיזם באָמבאַרדירט. אָבער בשעת די סטראַטעגיק פון איין זייט איז אַ זיכערע, אָן אָפענע און צילעוועט אין דעם רעכטען האַרץ פון העברעאיש, האָט די סטראַטעגיע פון דער אַנדערער זייט אַ סך קריגס־מוזיק און טרומפּייטען־שאַל, אָבער צו דעם בלוטיגען שוס האָט זי ניט קיין מוט. זי קען ניט טויטען, נאָר פאַרוואונדען. אָבער עס

גייט איר ווי יענעם מיטאָלאָגישען העלד, דאָס דער שפּיז, מיט וועלכען זי פאַרוואונדעט, ברייננט אויך די היילונג.

דער אסימיליאַטאָר, וועלכער שטעהט אויף דער אידישער ערד, — דער אַקטיווער אסימילאַטאָר איז געגענזאַץ צום פּאַסיווען אסימילאַטאָר, וועלכער שטעהט מחוץ למחנה, — איז געגען העברעאיש, ווייל אים איז שטאַרק ניט צום האַרצען יעדע פאָרם פון אידישען נאַציאָנאַליזם. אידיש איז א נאַציאָנאַלע פאָרם, וועלכע ווערט אַנטשולדיגט דורך רעאַל־פּאָליטיק. רעאַל־פּאָליטיק האָט אידיש געבאָרען און דורך רעאַל־פּאָליטיק וועט אידיש אַרויסלאָזען זיין נשמה. דערמיט אַנטשולדיגט זיך און באַרואיגט זיך דער אסימילאַטאָרישער אידישיסט. די נויטען פון דער פאָלקסמאַסע, די מאַטעריעלע און די קולטורעלע נויטען, האָבען באַשאַפען די אידישע ליטעראַטור און דערהויבען די שפּראַך, אָבער די פאַרשפּרייטונג פון דער אַרומיגער רייכער קולטורעלער שפּראַך וועט אַרויסשלאָגען דעם זעגל פון דעם אידישיסטישען שיפל. העברעאיש אָבער איז א פרייער נאַציאָנאַלער אַקט. דער אסימילאַטאָר ראַנגעלט זיך אָבער געגען דער פרייער אידישער נאַציאָנאַלער אידעע.

למען האמת, בנוגע צו די אסימילאַטאָרען מחוץ למחנה, מוז געזאָגט ווערען, דאָס זיי האָבען אין גרונד א פּאָזיטיווערע באַציאונג צו העברעאיש איידער צו אידיש. יעדער אידישער ענין איז ביי דעם פרעמדען אידישען אסימילאַטאָר, ביים בורזשואַזנעם אַקוראַט ווי ביים סאָציאַליסטישען, אַן אויסלענדישע פראַגע, וועלכע איז אים ניט נוגע. אָט דאָרטען ביי אידען געהט עפּעס אָן אַ מחלוקת מכח אידיש און העברעאיש, און ער, דער זייטיגער פּאַסיווער אסימילאַטאָר, פּסקנ'ט פאַר העברעאיש. אויב מען וואָלט געמאַכט אַ רעפערענדום ביי אַלע אידען, אסימילאַטאָרען איינגערעכענט, וועגען אידיש און העברעאיש, וואָלט דער פּאַסיווער אסימילאַטאָר, דער אסימילאַטאָר מחוץ למחנה, געשטימט פאַר העברעאיש, דער אַקטיווער אסימילאַטאָר פאַר אידיש. ווי גלייכגילטיג דער אסימילאַטאָר, וועלכער שטעהט און ווירקט צווישען אידען, זאָל ניט זיין צו אידיש, פאַלט דאָך אויף זיין אידיש ניט קיין שום חשד פון נאַציאָנאַליזם, בשעת העברעאיש איז דאָך כלו נאַציאָנאַליזם. פאַרקערט איז די שטעלונג פון דעם אסימילאַטאָר מחוץ למחנה צו דעם ענין א ריין־אַקאַדעמישע. ווי אונווירדיג פון אידישען שטאַנדפּונקט זיין פּסקנ'ען זאָל ניט זיין, קען דאָך האָבען זיין אורטייל א קולטורעלערען און קינסטלערישען ווערט. עס מוז דאָך עפּעס ליגען אין אידיש און העברעאיש זעלבסט, ווען דער רשע דער אסימילאַטאָר, וועלכער איז דאָך אָפּטמאָל גאָר א חכם מחוכם, פּסקנ'ט פאַר העברעאיש.

אַנדערש איז די סטראַטעגיק פון דעם נאַציאָנאַלען אידישיסט געגען

העברעאיש. עס איז ניט קיין אַנגריף, נאָר א מיספארשטענדניש. עס איז א דיסקוסיע, וואו ביידע צדדים זיינען מסכים אין געוויסע ערשטע פרעמיסען, קענען זיך ניט פארשטענדיגען אין דער אָפּשאַצונג פון אייניגע טאטזאכען, און פאלען סוף כל סוף אריין אין דעם אייביגען שטרייט צווישען אידעאליזם און רעאל-פאליטיק.

דער אידישיסט גייט אָפּ א שטיק וועג צוזאמען מיט דעם העברעאיסט. ער וויל א נאציאָנאלע שפראך פאר דער אידישער קולטור אין דעם נאציאָנאלען לעבען, אָבער דיזע שפראך דארף זיין די צופעליגע אידישע שפראך, וועלכע די פאָלקס-מאסען געברויכען טיילוויז אין אונזער צייט. דער ערשטער און לעצטער פרינציפּיעלער טעם פון אידישיזם קען אָבער נאָר זיין, דאָס די קולטור אין אידיש האָט דעמועלביגען נאציאָנאלען ווערט, קען ענטוויקלען דיזעלביגע שאפענדע גייסטיגע פּאָטענצען, ווי די קולטור אין העברעאיש. דער אידישיסט קאָן מודה זיין אין דער גאנצער אָריגינעלער גרויס פון דער העברעאישער קולטור און אירע שאפונגען און קען וועלען זיי אריינגעמען אין דער אידישער איבערזעצונג אין דער נאציאָנאַלער אידישער קולטור. דער גאָלדענער פאָדים פון דער אידישער קולטור זאָל אפשר אין אינהאלט ניט איבערגעריסען ווערען, אָבער די שפראך-פאָרם זאָל זיין די אידישע, וועלכע איז ניט מינדערווערטיגער ווי די העברעאישע.

דאָס אליין וואָלט אָבער געווען א גאנץ אומגעניגענדער ארגומענט נעגען העברעאיש. אויב אידיש און העברעאיש זיינען גלייכווערטיג, און אידיש קאָן אָניאָגען און אריינגעמען העברעאיש דורך די איבערזעצונג, איז דער פילאָזאָפישער גרונד נעגען העברעאיש און פאר אידיש צערונען און צעשוואומען. דאן האָט די איראציאָנאלע ליידענשאפט פון דעם העברעער פאר זיין העברעאיש און נעגען אידיש געדארפט מכריע זיין אין די אויגען פון אידישיסט פאר העברעאיש. אויב דער אידישיסט האלט העברעאיש אלס שפראך ניט ערגער ווי אידיש, האָט ער געדארפט מסכים זיין אויף העברעאיש, זעהענדיג דעם פּאטאָס מיליטאנס פון דעם העברעאיזם, אנטקעגען וועלכען דער אידישיסט קעמפט העכסטענס מיט'ן קאלטען סארקאזם. דאָס וואָס אידיש איז פאראן און העברעאיש איז נאָך אלץ, הייסט עס, ניטאָ, איז נאָך דערווייל קיין ארגומענט ניט, ווארום מיר שמועסען דאָ נאָך אלץ זיך באוועגענדיג אין דער מלוכה פון דער אידעע און מיר האָבען נאָך די הייליגע ליבע ערד פון דער רעאל-פאָליטיק ניט באטראָטען. אפשר אז מיר וועלען געפינען דעם אמת אין דער אידעע, וועט אונז נאָט ווייטער ביישטעהן, ווי ער טוט שטענדיג דעם נס צו זיינע מאמינים, און די אידעע וועט גאָר ווערען ווירקליכקייט און די נעשטאָרבענע רעאל-פאליטיק וועט זיך שעמען כבושת גנב.

אלא וואָס מוז דער אידישיסט זיין איבערציינט, דאָס אידיש איז אלס

שפּראַך העכער ווי העברעאיש און פאַר דעם אויסדרוק פון דער אידישער נאַציאָנאַלער קולטור אויך מער פּאַסיג. ווי טיף אָרגאַניש העברעאיש זאָל ניט זיין פאַרקניפּט מיט דעם אידישען קולטור־גייסט, איז אידיש, הייסט עס, פאַרבונדען אין נאָך א העכערער מדרגה. דיזע מעלות פון אידיש לגבי העברעאיש ווארטען נאָך אויף א טעאָרעטישע באַגרינדונג, וואָרים די פאַר געדאַנקען, וועלכע זיינען מכח דעם ארויסגעזאָגט געוואָרען, זיינען דערוויילּ נאָך ניט קיין באַגרינדונג. מיסטיש און מעטאַפיזיש וואָלט אָבער אַזא דער־שיינונג געוועזען א מערקווירדיגער וואונדער. וואָרים, ווי, באמת, איז עס דענקבאַר, דאָס אן אנטליענע שפּראַך, וואָס איר גאַנצע נאַציאָנאַלע אָרגינאַ־ליטעט שטאַמט פון איר נאַציאָנאַלען, אין אונזער פאַל, העברעאישען יסוד, זאָל זיין אין איר גייסט און כאַראַקטער מער נאַציאָנאַל, איידער די אָריגינעלע נאַציאָנאַלע שפּראַך גופא?

ווייל שפּראַך איז ניט נאָר א טעכנישער מיטטיילונגס־מיטל, ווי בלינדער ראַציאָנאַליזם מיינט עס ביי אונז, נאָר א קונסטווערק, אפשר דאָס העכסטע קונסטווערק, געשאַפען פון קאָלעקטיוו־גייסט אין משך פון יאָרטויזענטער, און דעריבער קאָן דאָס אורטיילען איבער שפּראַכען קיינמאָל ניט פליסען אין דעם שטראָם פון קליינער לאָגיק. אזוי ווי אין דער קונסט, איז אויך אין דעם שפּראַך־קאַמף פאַר דער עמאַציאַן פאַראַן מער פּלאַץ און בארעכטיגונג, ווי פאַר דעם טרוקענעם פּשט. מען מוז דערפאַר די דיסקוסיע וועגען דער שפּראַך גופא איבערטראָגען אויף דאָס אנדערע פעלד, וואו די שפּראַך טרעט אויף אין איר העכסטער שטאַרקייט, אין איר קאָנקרעטער בילדליכקייט, אין איר גאַנצער שאַפענדער אייגענאַרט, אויף דאָס פעלד פון פּאָעזיע. פאַר־גלייכענדיג די אידישע פּאָעזיע מיט דער העברעאישער פּאָעזיע, קריגען מיר אייגענטלאַך אויך דעם אורטייל מכח דער קראַפט, דער נאַציאָנאַלקייט און דער צוקונפט פון אידיש און העברעאיש.

און עס איז מערקווירדיג, דאָס דאָס אידישע פאָלק פון פּאָעזיע און מוזיק, דאָס פאָלק פון תהלים, האזינו, יהודה הלוי, ביאַליק, שניאור האָט אין זיין אומגאַנגס־שפּראַך אידיש ניט געשאַפען קיין פּאָעזיע, קיין עכטע, ערשטע־רענדע, געשטאַלטענדע פּאָעזיע. דער דראַנג און דער רצון צו פּאָעזיע איז ביי דעם אידישען פּאָעטען־פאָלק אומענדלאַך, און קיין ליטעראַטור האָט אפשר ניט צו באַווייזען אזוי פיל פּאָעטישע פּרובונג און כונה, ווי די אידישע. אָבער פּאָעטען זיינען אין אידיש ניט אויפגעשטאַנען. קיין איינציג פּאָעטיש בילד, קיין איינציג פּאָעטיש וואָרט, קיין איינציגע דיכטערישע חכמה איז ניט פאַרבליבען פון דער גאַנצער אידישער פּאָעזיע. די גאַנצע אידישע פּאָעזיע איז אויפגעבויט מיט'ן שכל און פאַרשווינדט מיט'ן ווינט. זאָל מען אָנרופען א י י ן אידישע געדיכט וויינינגסטענס, וואָס איז מיט זיין נאָמען אפילו

געבליבען אין זכרון פון פאָלק; איין פערז, וועלכען מען לעזט און מ׳חזר׳ט איבער און מ׳פאַרגעסט ניט, ווייל עס איז געבאָרען מיט דעם רוח הקדש פון אייביגקייט. אָט דאָס איז די וואָרנונג און די שטראָף אויף א שפּראַך, וועלכע א פאָלק האָט ניט געבאָרען אין היסטאָרישע חבלי לידה ויצירה, נאָר האָט זי אנטליען אין דער פרעמד און באנוצט אין זיין הילפלאָזיגקייט, שטענדיג פילענדיג אין גרונט פון זיין נשמה, דאָס עס איז פאַרראַט, פאַרראַט פון דער שפחה אנטקעגען דער גבירה, פון דער פרעמדער פאָרם אנטקעגען דעם עכטען גייסט. וואָלט ווירקליך אויפגעטראָטען אן עכטער פּאָעט אין אידיש, וואָלט ער זיך געפילט אזוי איינזאַם, ענג און פרעמד אין דער אידי־שער שפּראַך־פאָרם, אזוי אָפּגעשפּאָלטען פון דעם אייביגען פאָלקס־שרש, אזוי פאַרשווערט און פאַרפּענטעט פון אן אייז־קאַלטען שפּראַך־קולטורעלען ארום, דאָס זיין גרעסטע דיכטונג וואָלט נאָר געקאָנט זיין דער צער און יאָמער מיט זיך זעלבסט, מיט זיין שפּראַך און זיין פאָלק און זיין האָפנונג.

ווי עס איז שוין פריער דערמאָנט געוואָרען, איז די אידישע שפּראַך פליסענד אין אירע יסודות. זי איז אמאָל אין איר ערשטער אויפטרעטונג אין דייטשלאַנד, געווען כמעט כלו דייטש אין וואָרט און אין פאָרם אפילו, מיט העברעאישע אותיות און קאַפּיטאַל העברעאישע ווערטער פאַר גייסטיג־מאָראַלישע באגריפען. זי איז געוואָרען גוואַלטיג העברעאיזירט אין איר קלאַסישער שאַפונגס־צייט, אין דער אטמאָספערע פון תורה און לערנען, אין די סלאַווישע לענדער. אָבער יעצט, בשעת אידיש וויל ווערען א שפּראַך פון קולטור און וויל ענטפערען אויף די פראַגען פון קולטור, ווערט זי ווידער א דייטשע שפּראַך, מיט א פיל פאַרמינדערטען העברעאישען יסוד. אידיש איז איצט דייטש און נאָר אויף אזוי פיל אידיש, אויף וויפיל דער דייטש איז אָרים, באשרענקט, אומבאהאָלפען, אָהן שוואונג, אָהן טיפקייט, אָהן פאַרוויקלונג, אָהן אבסטראַקטער מאַיעסטעט. עס איז דייטש מיט אראָפּ־געהאַקטע, פאַרדאַרטע פליגלען. דאָס ביסל ווילקירליכקייט אין דעם וואָל פון וואָרט, אין דעם ארטיקל, אין דער גראַמאַטיק, אין דער אָרטאָגראַפיע, אין די אייניגע הונדערט העברעאישע ווערטער פון דעם נייעם קולטור־אידיש, מאַכען זי ניט פאַר א באזונדערע אידישע שפּראַך. אויב אידיש זאָל אָלץ מער ווערען די קולטור־שפּראַך פון אידישען פאָלק, וועט זי מוזען שטרעבען צו מער אָרדנונג, קאָרעקטקייט, געזעצליכקייט, שטרענגקייט, דאָס הייסט, זי וועט זיך אנטוויקלען אין דער ליניע פון דייטש. ווארים שוין יעצט קאָן יעדער דייטש, וועלכער האָט קיינמאָל קיין אידיש ניט געהערט, אין אייניגע שטונדען אָנ־הייבען פאַרשטעהן א אידישען בוך און ארטיקל; העכסטענס וועט אים בלייבען פרעמד דאָס ביסל לשון־קודש׳דיגע ווערטער, וואָס זייער נאַציאָנאַלער גלאַנץ ווערט שוין אָפּגעבלאַקט.

ווי ווייט דאָס מאָדערנע אידיש דערנענט זיך צו דייטש, וויל איך דאָ דעמאָנסטרירען דערמיט, וואָס איך וועל געגענאיבערשטעלען די ערשטע זייט פון דר. ח. זשיטלאָווסקי׳ס פּראָגראַם־אַרטיקל וועגען דעם אויפגעוואַכטען „דאָס נייע לעבען“ אין דעם אידישען טעקסט מיט מיין דייטשער איבערזעצונג. דער אידישער טעקסט פון דעם זשורנאַל פאַר טעאָרעטישען אידישיזם לעזט זיך ווי פאָלגט:

„די הויפּט אויפגאבען פון „דאָס נייע לעבען“ וועלען זיין:

א) די טעאָרעטישע און פּובליציסטישע באַלייכטונג פון די סאָציאַליסטישע פּראָבלעמען פון דער היינטיגער צייט.

ב) די ווייטערדיגע ענטוויקלונג, לייטערונג און קריטישע אויסטייטשונג פון אונזער קולטור אין אַלע אירע פאָרמען און דערהויפּט פון דער ליטעראַטור אין דער אידישער שפּראַך.

די גרויסע ענדערונגען אין דער וועלט׳ס סאָציאַלע ווירקליכקייט, וועלכע זיינען פאָרגעקומען און קומען פאַר אין אונזער צייט, באַדייטען דעם איבערגאַנג פון דער קאַפּיטאַליסטישער צו אַ סאָציאַליסטישער אָרדנונג. די דאָזיגע גרויסע און באַדייטונגספולע איבערגאַנגס־צייט מאַכט שאַרפער די אַלטע און רוקט ארויס גאָר נייע פּראָבלעמען פאַר דעם אלגעמיינעם און אויך דעם אידישען סאָציאַליסטישען געדאַנק. דאריבער מוז ווייטער געפירט ווערען די רעוויזיע פון אלע סאָציאַליסטישע און סאָציאַל־פּאָליטישע לערען, ווי אויך פון זייער אָנווענדונג אין דער אידישער ווירקלאַכקייט, — די רעוויזיע, וועלכע עס האָט אָנגעהויבען „דאָס נייע לעבען“ (אונטער דער רעדאַקציע פון דר ח. זשיטלאָווסקי), אין די יאָרען 1908—1913.

די אבסטראַקטע פאָרמולעס פון דעם ביזאַהעריגען סאָציאַליזם מוז אָנגעפילט ווערען מיט אַ לעבעדיגען אינהאַלט; קלאָרקייט מוז אריינגעבראַכט ווערען אין דעם גרויסען ספסוך, וואָס איז אויסגעוואַקסען צווישען סאָציאַליזם און קאָמוניזם; עס מוז אויסגעפאָרשט ווערען די ראָל, וועלכע עס קאָן נאָך בלייבען פאַר דער פּריוואַטער איניציאַטיוו אין דעם ווירטשאַפטליכען לעבען; עס מוז אַנאַליזירט און אָפּגעשאַצט ווערען דער ווערט פון יענע געדאַנקען און פּראַקטישע פּרואוון, וואָס זייער ציל איז פאַרבייטען די פּאָליטישע פאָרמען פון דער מאָדערנער דעמאָקראַטיע אויף די פאָרמען פון אַ „סאָוועטישער“ פאַרוואַלטונג; עס מוזען אויסגעפאָרשט ווערען די מיטלען פון אַ סאָציאַליסטישען איבערקער און קלאָר געמאַכט ווערען די ראָל און באַדייטונג פון דעם עקאָנאָמישען און פּאַרלאַמענטאַרישען קלאַסענקאַמף, פון איין זייט, און פון א רעוואָלוציאָנערער דיקטאַטור, פון דער אַנדערער.

אין אונזער אידישען לעבען מוזען אַרויסגעשטעלט ווערען אין פאָדערגרונט די אַלע פראגען, וואָס זיינען פארבונדען מיט דעם ראַדיקאַלען איבערבוי פון דעם אידישען סאָציאַלען אָרגאַניזם“.

די דייטשע איבערזעצונג דערפון איז בזה הלשון:

„די האופטאויפגאבען דעם „נייען לעבענס" ווערדען זיין:

1. די טעאָרעטישע אונד פובליציסטישע בעלייכטונג דער סאָציאַלען אונד בע־זאָנדערס דער סאָציאַליסטישען פּראָבלעמע דער היינטיגען צייט.

2. די וויטערע ענטוויקלונג, לאוטערונג אונד קריטישע ערקלערונג אונזערער קולטור אין אַלען אירען פאָרמען אונד בעזאָנדערס דער ליטעראַטור אין דער אידי־שען שפּראַך.

די גראָסען ענדערונגען אין דער סאָציאַלען ווירקליכקייט דער וועלט, וועלכע פאָרגעקומען זינד און אין אונזערער צייט פאָרקומען, באַדייטען דען איבערגאַנג פון דער קאַפּיטאַליסטישען צו איינער סאָציאַליסטישען אָרדנונג. דיזע גראָסע אונד בעדייטונגספאָלע איבערגאַנגס־צייט מאַכט שאַרפער די אַלטען פּראָבלעמע אונד ריקט פאַר גאָר נייע פּראָבלעמען פיר דען אַלגעמיינען ווי אויך דען יודישען סאָציאַליס־טישען געדאַנקען. דאריבער מוס ווייטער געפירט ווערדען די רעוויזיאָן אַללער סאָציאַליסטישען אונד סאָציאַל־פּאָליטישער לערען ווי אויך אירער אַנווענדונג אין דער יודישען ווירקליכקייט, — די רעוויזיאָן, וועלכע „דאָס נייע לעבען" (אונטער דער רעדאַקציאָן פאָן דר. ח. זשיטלאָווסקי) אין דען יאָרען 1908—1913 אַנגעפאַנגען האַט.

די אבסטראַקטען פאָרמעלען דעס ביסהעריגען סאָציאַליזמוס מיסען אַנגעפיללט ווערדען מיט לעבענדיגעס אינהאַלט: קלאַרהייט מוס הינגעבראַכט ווערדען אין דען גראָסען געגענזאַץ, וועלכער צווישען סאָציאַליזמוס אונד קאָמוניזמוס הערויס־געוואַקסען איזט. עס מוס די ראָלע אויסגעפאָרשט ווערדען, וועלכע אין דעם ווירט־שאַפטליכען לעבען נאָך פאַר די פּריוואַטע איניציאַטיווע בלייבען קאָן: עס מוס אַנאַליזירט אונד אַבגעשעצט ווערדען דער ווערטה יענער געדאַנקען אונד פּראַקטישער פּריפונגען, דערען ציעל איזט צו ענדערן די פאָליטישען פאָרמען דער מאָדערנען דעמאָקראַטיע פיר די פאָרמען איינער „סאָוויעטישען" פערוואַלטונג: עס מוסען אויס־געפאָרשט ווערדען די מיטעל איינער סאָציאַליסטישען אומוועלצונג אונד קלאָר גע־מאַכט ווערדען די ראָלע אונד בעדייטונג דעם עקאָנאָמישען אונד פּאַרלאַמענטאַרישען קלאַסענקאַמפּעס פון דער איינען זייטע, אונד איינער רעוואָלוציאָנערען דיקטאַטור פון דער אַנדערן זייטע.

אין אונזערעס אידישן לעבען מיסען אין פאָדערגרונד געשטעלט ווערדען אַלע פראַגען, וועלכע מיט דעם ראַדיקאַלען איבערבוי דעם אידישען סאָציאַלען אָרגאַניזמוס פערבונדען זינד".

עס איז אַן אָרימעס, אומבאַהאָלפענעס, קלאָגעדיגעס דייטש, אָבער קיין אַנדער שפּראַך ניט ווי דייטש. אין דער גאַנצער זייט אָרימעס דייטש זיינען פאַראַן איין אידיש־דייטשער וואָרט „אויסטייטשונג" און איין העברע־אישער וואָרט „סכסוך". א דריטער וואָרט, „איבערקער", איז אפילו אַן

עכט־דייטשער וואָרט, אָבער ווערט דאָ געברויכט אין אַ גאַנץ אַנדערן זין. אויב די אידישע שפּראַך זאָל ווערען אַ גענויע רייכע ליטעראַרישע שפּראַך וועלען אויך דיזע ווערטער מוזען פאַרביטען ווערען אויף גענויערע און שטרענגערע דייטשע ווערטער. דער קריטישער לעזער קאָן, למשל, גאַנץ שווער פאַרשטיין, וואָס אַזוינס מיינט גענוי און אַקוראַט, „די קריטישע אויס־טייטשונג פון אונזער קולטור" בנוגע צום וואָרט „אויסטייטשונג". פאַר־בייטען דעם צעשוואומענעם אידישען וואָרט „אויסטייטשונג" אויף אַ קלאָרען און גענויערען דייטשען וואָרט וואָלט געווים געווען לטובת הלשון. דער גע־ברויך פון דעם העבּרעאישען וואָרט „סכסוך" צווישען סאָציאַליזם און קאָמו־ניזם, אַנשטאַט געגענזאַץ, איז איינפאַך על פּי טעות. צווישען סאָציאַליזם און קאָמוניזם איז ניטאָ קיין „סכסוך", ווייל סכסוך לייגט זיך נאָר אויף גאַנץ קאָנקרעטע ענינים. אַ סכסוך קאָן זיין צווישען צוויי קרעמער, אָבער ניט צווישען צוויי אידעען, צווישען סאָציאַליזם און קאָמוניזם. דער העברעער וואָלט געזאָגט נגוד, „הנגוד בין הסציאליות והקמוניות", אָבער אַזוי ווי דער וואָרט נגוד איז אין אידיש ניטאָ, אָבוואָל ער האָט אַ לייבליכען קאָזין אין דעם וואָרט מתנגד, דאַרף מען געברויכען אין דיזען פאַל דעם דייטשען וואָרט געגענזאַץ, וועלכער איז נאָך פּאָפּולערער אין אידיש איידער סכסוך. דער דריטער אידיש־געברויכטער וואָרט „איבערקער" איז אַ גוטער דייטשער וואָרט, נאָר ער באַדייטעט אין דייטש ניט רעוואָלוציע, נאָר במחילה אויס־קעראַכץ. פאַר רעוואָלוציע איז פאַראַן אין דייטש דער „וואָרט „אומוועלצונג" אָדער אפילו „אומקערונג". איבערקערונג אָדער איבערקער איז אַ נייער וואָרט אין אידיש פאַר דעם באַגריף רעוואָלוציע, פאַלש געשאַפען פון רוסישען וואָרט „פּערעוואָראָט". אויב די שפּראַך וועט זיך ענטוויקלען און וועט ווערען גענוי, וועלען מוזען אַ סך ניט־ריכטיג געברויכטע אַלט־אידישע אָדער העברעאישע ווערטער, אָדער ווערטער דורך מיספאַרשטענדניש גענוצטע, פאַרביטען ווערען אויף דייטש.

די פאַראיינפאַכטע גראַמאַטיק און קאָנסטרוקציע און די ביסעל ווירק־ליכקייט מאַכען דיזען אָרימען דייטש נאָך ניט פאַר קיין אידיש. די פּער־ספּעקטיוו, דאָס די מזרח־אייראָפּעאישע אידען וועלען אויפנעמען אַזאַ פאַר־אָרימטען דייטש פאַר זייער שפּראַך איז גאָר ניט אַזאַ געהויבענע, ניט אין נאַציאָנאַלען, ניט אין קולטורעלען זין.

יע, מיר זיינען מודה, — אַזוי ענטפערען די שוואַכערע אידישיסטען, — דאָס אַ אידישע קולטור אין העברעאיש וואָלט געווען עכטער, אָריגינעלער, שאַפונגספולער, וואָלט געווען מער בהסכם מיט דעם אידישען נאַציאָנאַלען גייסט און וואָלט געגעבען אַ גאַנץ אַנדערען שוואונג דער אידישער קולטור. אָבער מיר גלויבען ניט אין דער מעגלאַכקייט, דאָס העברעאיש זאָל אין גלות

קאָנען ווערען די לעבעדיגע שפּראַך פון דעם אידישען פאָלק. „די בשורה הער איך וואויל, מיר פעלט אָבער די אמונה״.

ווידער האָט זיך ארויסגעגליטשט די דיסקוסיע פון די ענגע ד׳ אמות פון דער קליינער לאָגיק און שטעהט אויף דעם אומענדליכען מרחב פון רצון און אמונה. סוף כל סוף שאַפט און אנטשיידט אין דער וועלט די אמונה, וועלכע פאַרענטפערט זיך לכתחילה מיט דער לאָגיק, און וועלכע קאָן נאָר לעתיד לבוא ווערען באלוינט דורך דעם אמת פון די געשעהענישען. איידער עס איז געבאָרען געוואָרען דער וויסענשאַפטליכער מארקסיזם, איז שוין געווען אויף דער וועלט דער גלויביגער סאָציאַליסט און ווילענדער רעוואָלוציאָנער קאַרל מארקס. אין זיין הילפלאָזיגקייט האָט זיך מארקס אָנגעהאַנגען אָן דעם ראָד פון דער וועלט-געשיכטע, גלויבענדיג אליין און נאָך מער מאַכענדיג גלויבען דעם פּראָלעטאריאַט, דאָס דער וועג פון דער געשיכטע און דער ווילענס-וועג פון דעם פּראָלעטאריאַט געהען אין דערזעלביגער ליניע. מארקס איז געווען אייגענטליך דער עכטסטער סאָציאַלער וואָלונטאריסט, נאָר ער האָט פארשטארקט זיין ווילען דורך דער איבערצייגונג, דאָס זיין ווילען איז דעם פּראָלעטאריאַט׳ס ווילען, און דאָס דעם פּראָלעטאריאַט׳ס ווילען איז די נויטווענדיגקייט פון דער געשיכטע. אויב די אידישיסטישע אינטעליגענץ זאָל האָבען מוט צו ווילען העברעאיש, קאָן העברעאיש שוין באַלד ווערען, דורך די פאָלקס-שולען און דער ערציאונג, די ערשטע שטופע צו דער נאַציאָנאַלער קולטור אין העברעאיש. ווארים אפילו אָהן און געגען דעם ווילען פון דער אידישיסטישער אינטעליגענץ הייבט העברעאיש יעצט שוין אָן צו ווערען די שפּראַך פון דער אידישער פאָלקס-שול אין גלות דורך דעם אויפגעוואַכטען נאַציאָנאַלען ווילען אין פאָלק.

איז מען מסכים דערמיט, דאָס אין העברעאיש קאָן געשאַפען ווערען א העברעאיש אידישע קולטור איידער אין אידיש, דאַרף דיזע דערקענטניש אליין שוין מחייב זיין דעם ווילען. דאָס פאָלק, וועלכעס ווייס קיינמאָל ניט פון דעם דין, דאָס מען מאָג נאָר דאָס טאָן, פּאַרוואָס מען וועט באַקומען באַלד דעם שכר מעשה, נאָר וועלכעס ווערט געטריבען אין זיינע מעשים פון אינסטינקט און ווילען, האָט שוין לאַנג באַשלאָסען פאַר העברעאיש אין דער פאָלקס-שולע און דער אידישער ערציאונג. דאָס ביסעל אידיש, וועלכעס איז נאָך געבליבען אין דער אידישער שולע אין אמעריקא, פּוילען און ליטע, שטיצט זיך ניט אויף דעם אידישיסטישען רצון פון א נאַציאָנאַלען פאָלקסטייל, נאָר אויף דער גלייכגילטיגקייט פון א נאַציאָנאַל נאָך נייטראַל געבליבענעם פאָלקס-טייל. מיט דער דאָזיגער העברעאישער פאָלקס-ווילען, וועלכער איז מער ווערט איידער די אידישע לעבעדיגקייט און פראַקטישקייט אין פאָלק, מאַכט דעם העברעאיזם רעאַלער סוף-כל-סוף, ווי דער אידישיזם.

אין לעצטען גרונט איז אָבער אין גלות, אומאפּהענגיג פון זיין ציוניסטישען אנטיטעזיס, ניטאָ קיין מעגליכקייט פאר קיין נאציאָנאלען רענעסאַנס און פאר קיין נאציאָנאלער שפּראך. דער חילוק צווישען דער גוי'שער אייגענער וועלט און דער אידישער גלות־וועלט איז, דאָס דער גלות ענטוויקעלט זיך ניט. זייט צוויי טויזענט יאָר איז דער גלות געבליבען אין איין און דעמזעלביגען צושטאַנד. ניט נאָר איז קיין שום מאטעריעלע קולטור ניט געשאפען געוואָרען אין אידישען גלות, נאָר אפילו קיין שום גייסטיגער קאפּיטאל איז ניט אָנגעוואקסען, און דאָס אייביגע פאָלק לעבט נאָר פון די פּראָצענטען פון זיין אייביגען קאפּיטאל. די סאָציאלע לעבענספאָרמען, אזוי ווי די גייסטיגע שאפונגס־פאָרמען, זיינען אין זייער וועזען געבליבען אומפארענדערליך אין גלות, זיי בייטען זיך נאָר אין אויבערפלעכליכען אויסזעהן, אין צוזאמענהאנג מיט דער וועלט'ס גאַנג. דאָס לעבען פון אידען אין גריכישען אלכסנדריען, אין ערשטען יאָרהונדערט פאר קריסטוס, אין אראבישען בגדד אין נייגטען יאָרהונדערט, אין אראביש־שפּאַנישען קארדאבא אין עלפטען יאָרהונדערט, אין פּוילישען קראָקאָוו אין זיבענצענטען יאָרהונדערט, אין אמעריקאנעם ניו יאָרק אין צוואנציגסטען יאָרהונדערט, איז אויסערליך און אינוויייניג דאָסזעלביגע. דיזעלביגע רעליגיע, דיזעלביגע שול, דיזעלביגע מנהגים, דערזעלביגער משפּחה־בונד, דיזעלביגע עקאָנאָמיק, דיזעלביגע קלאַסען־צעטיילונג, דיזעלביגע וועלט־באהערשונג, דיזעלביגע באהעלטעניש אין די שפּאַלטען פון סאָציאלען אָרגאַניזם, דיזעלביגע משיח־האָפנונג, דיזעלביגע אלטע שקלאפען־הארען־קללה, שפוך חמתך על הגוים אשר לא ידועך! דער גלות ענטוויקעלט זיך ניט, נאָר פון תקופה צו תקופה וויקעלט זיך אין אים אלץ מער פאנאנדער מיט אנטיקער גרויסקייט די אידישע טראַגעדיע, וועלכע איז אויך דער וועלט'ס חטא און צער. דאָס איז דער זין פון דעם ציוניזם, דאָס ער וויל פאראייניגען דאָס אידישע פאָלק פון גלות־טויט, אריבערראטעווען אים פון שיקזאל צו אומשטערבליכקייט. דער דיכטער האָט אי געזאָגט דעם צדק הדין אויף אידען, אי געטרונקען פון זיין אומשטערבליכען לעבענס־ברונען, ווען ער האָט געזונגען: „היילען קאָן מיך נאָר דער טויט, אָבער אך, איך בין אומשטערבליך“!

נאָר אן אויפגעלעבטעם פאָלק אין ארץ ישראל קאָן געבען א שפּראך דעם אידישען פאָלק אין דער וועלט. לאָמיר וועבען די אוטאָפּיע, מיט וועלכער מען דארף זיך מער ניט שעמען, נאָר וועלכע פארשעמט שוין היינטיגע צייטען די קטני אמונה. אין צען יאָר ארום וועלען זיין פארזאמעלט אין ארץ ישראל פינף הונדערט טויזענט אידען. זיי זיינען א פאָלק פון ארבעט, פון גייסט, געוויס אויך פון סאָציאליזם. די שפּראך אין ארץ־ישראל איז העברעאיש. ווארים דער אידישיסט האָט ניט דעם ווילען צו קעמפען. ניט ער

קומט אין ארץ ישראל, און אז ער קומט, לאָזט מען אים ניט אויפהויבען דעם קאָפּ. אַ גאַנץ־נייע העברעאישע ליטעראַטור, אַן אייגענע און אַן איבערזעצטע, אַ וויסענשאַפטליכע און אַ פּאָפּולערע, אַ גאַנצע אָנצאָל פון צייטונגען און צייטשריפטען זיינען דאָרט אויפגעוואַקסען. אין דעם העברעאישען אוני־ווערסיטעט לערענט מען אַלע וויסענשאַפטען און קונסט, און מענער פון גרויסען רוף און ווערט זיינען די לערער. עס שפּילט אַ העברעאישער טעאַטער און עס זינגט אַ העברעאישע אָפּערע. די העברעאישע עלאָקווענץ איז שוין אויף אַ הויכער מדרגה. הונדערטער טויזענטער אידען אין ארץ ישראלריידען העברעאיש. די גאַנצע וועלט, די גוישע און די אידישע, איז ניט נאָר פּאַרוואונדערט וועגען דער דאָזיגער ערשיינונג, נאָר זי שטעהט מיט איר אין אינגוועניגער באַרירונג. דער נאַציאָנאַלער טייל פון אידישען פאָלק, דער ציוניסטישער עולם, שטיצט ניט נאָר ארץ־ישראל, נאָר גרייט זיך אַליין צו פאָרען און הייבט אָן דערווייל אין גלות זעלבסט צו לעבען מיט דער נייער ארץ־ישראל׳דיגער קולטור. בקיצור, עס האָט זיך אין צען יאָר אַרום פאַרווירקליכט דאָס, וואָס עס האָט שוין אָנגעהויבען אַ קליין אויפלעבען הייגט. דעמאָלט הייבט אָן די העברעאישע שפּראַך צו ווערען די קולטורעלע און די טעגליכע שפּראַך פון אַלע אידען אין גלות. ניט דאָס אידישע פאָלק אין ארץ ישראל האָט זיך אָפּגעריסען פון די איבריגע אידען, נאָר אַלע איב־ריגע אידען שליסען זיך אָן גייסטיג אָן די אידען פון ארץ־ישראל. דאָס איז דער גאַנג פון דער נאַציאָנאַלער ענטוויקלונג.

דער היסטאָרישער פאַרדינסט פון דעם אידישיזם באַשטעהט אין דעם, וואָס ער האָט פּראָקלאַמירט די נויטווענדיגקייט פון אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך פאַר דעם אידישען פאָלק. ער האָט אויפגערודערט דעם אידישען שפּראַך־געוויסען. אָבער דער אידישיסט דאַרף וועלען ניט נאָר האָבען אָנגעהויבען דעם שפּראַך־רענעסאַנס, נאָר ער מוז אויך וועלען אים ווייטער פירען דורך דעם פרייען נאַציאָנאַלען אַקט, און ניט בלייבען שטעהן אין דער צופעליגער שפּראַך־באַגרענעצקייט. דערמיט איז אַ זאַך גרויס, וואָס זי קאָן ניט ענדיגען, זאָגט געטע. דערמיט, קאָן מען זאָגען, איז אַ היסטאָרישע אידעע אַמאָל גרויס, וואָס זי ענדיגט אַנדערש, איידער זי האָט אָנגעהויבען.

„דאָס נייע לעבען“, נומ. 5־6, פעבערואַר און מערץ, 1923.

אידיש אָדער העבּרעאיש

די דיסקוסיע וועגען דער שפּראַך־פּראַגע, וועלכע גערהט איצט אָן און־מעדום מיט אזא אינטענסיווער לעבהאַפטיגקייט, האָט בולט׳ער ארויסגע־בראַכט די צוויי שטרעמונגען: די אידישיסטישע און די העברעאיסטישע און האָט דערצו נאָך געבוירען די קאָמפּראָמיס־שטרעמונג למען השלום, וועל־כע איז מזכה דאָס ביז איצט־נאַציאָנאַל שפּראַכלאָזע אידישע פאָלק מיט גאַנצע צוויי נאַציאָנאַלע שפּראַכען מיט אמאָל.

דער אידישיסטישער שטרעמונג קומט אין דער דיסקוסיע דער ערשטער פּלאַץ, ווייל זי איז דער תקיף אין דער ווירקליכקייט און ווייל די העברעאיס־טישע שטרעמונג מוז זי נאָך באקעמפען און זוכען אראָבצושלאָגען פון איר מעכטיגער פּאָזיציע. דער אידישיזם שטיצט זיך אויף דער ווירקליכקייט און האָט דעם שטאַרקסטען פון אלע ארגומענטען, דעם ארגומענט פון פּראַק־טישקייט. אָבער דאָ וואו ער איז שטאַרק, איז ער אויך שוואַך און באשרענקט.

דער געדאַנקען־גאַנג פון אידישיזם איז אונגעפער פאָלגענדער: אידען זיינען קודם כל אַ פאָלק פון דער געגענוואַרט. זייער פאַרגאַנגענהייט, וועלכע ציהט זיך צו דער אַלט־גרויער צייט און צו אַ גאַנץ אַנדערער וועלט, איז אַ קאַפּיטעל פון געשיכטע, אפשר גאָר פון דער וועלט־געשיכטע, וועלכער האָט ניט קיין שייכות ניט צו דעם לעבעדיגען אידישען פאָלק און ניט צו זיין ווירקליכער ניי־אייראָפּעאישער געשיכטע. אויך האָט דאָס אידישע פאָלק ניט קיין צוקונפט, וועלכע וועט האָבען אַן אַנדער גייסטיג־קולטורעלען כאַ־ראַקטער, איידער די געגענוואַרט. דאָס אידישע פאָלק איז די אידישע גע־גענוואַרט אין דער פּאָליטיש־נאַציאָנאַלער און גייסט־קולטורעלער פאָרם, אין וועלכער זי איז באשאַפען געוואָרען אין לויף פון דער לעצטער צייט. דאָס איצטיגע אידישע פאָלק איז דאָס אידיש־שפּרעכענדע גלות־פאָלק. אָט דאָס אידיש־שפּרעכענדע גלות־פאָלק וויל דער אידישיזם אויפהאַלטען, ענטוויקלען, נאַציאָנאַל שטאַרקען און דאָס הויפּט־מיטעל דערצו איז דער אידישער זשאַר־גאָן, וועלכער דאַרף זיך פאַרוואַנדלען דורך דער שול און ליטעראַטור אין אַ לעבעדיגער נאַציאָנאַל־שפּראַך. העברעאיש האָט ניט קיין ווערט אָדער נאָך אַ גאַנץ קליינעם ווערט פאַר דער היינטיגער אידיש־שפּרעכענדער גלות־נאַציאָן, אַ חוץ דעם וואָס איר ווידער־אויפלעבונג איז ניט רעאַל און ניט פּראַקטיש אין דער הארטער אָבער גאָר ניט אזוי פּסל׳ער ווירקליכקייט.

געגען דעם טרעט אויף דער העברעאיזם קודם כל מיט אַלגעמיינע נאַ־

ציאָנאַלע ארגומענטען און ווייטער שוין מיט שפּראַכליכע און פּעדאַגאָגישע טענות. דאָס אידישע פאָלק, אזוי זאָגט דער העברעאיזם, איז עלטער איידער די אידישע שפראך, אין וועלכער א טייל פון די היינטיגע אידען רעדט. די אידישע געשיכטע און די אידישע קולטור, וועלכע זיינען אלט יאָר־טויזענדער און וועלכע האָבען געפונען זייער העכסטען אוניווערסאלען אויסדרוק אין דער העברעאישער שפּראַך, לעבען נאָך אין גייסט פון אידישען פאָלק און פון זייער ברונען שעפּט דער נאַציאָנאַלער באוואוסטזיין קרעפטען פאר דער ווייטערדיגער נאַציאָנאַלער ענטוויקלונג. די אידיש־דייטשע שפּראַך איז נאָר אַן אונגליקליכער עפּיזאָד אין דער געשיכטע פון דעם אידישען גלות, אזוי ווי די פילע אַנדערע זשאַרגאָנען, ווי שפּאַניאָליש, אידיש־טאַטעריש, אידיש־אַראַביש, אידיש־האָלענדיש, וועלכע זיינען ארויסגעוואקסען דורך דעם גלות. דער גלות זעלבסט, אַבוואָל ער איז פיעל לענגער איידער די אידישע זעלבסטשטענדיגקייט, איז א טראַגישער צופאַל אין לעבען פון אידישען פאָלק. דאָס פאָלק מוז דעם גלות איבערוויגדען דורך דער פּאָליטיש־נאַציאָנאַלער אויפלעבונג און דעם באוואוסטזיניגען איבערבוי פון דעם גאַנצען אידישען לעבען. אידיש, וועלכעס האָט ניט קיין היסטאָרישע פארגאנגענהייט, האָט אויך ניט קיין היסטאָרישע צוקונפט. בשעת אין העברעאיש זיינען באַשאַפען געוואָרען די איידעלסטע אוצרות פון דער אידישער און דער אלוועלטליכער קולטור, און איצט נאָך באנייט זיך די העברעאישע שפּראַך דורך אריגינעלע פּאָעטען און דענקער, האָט די אידישע שפּראַך ניט געקענט זיך דערהויבען איבער די גרענעצען פון א ביסעל פאָלקס־פּאָעזיע און דער קליינער רעאַליס־טישער לעבענס־שילדערונג.

אַקוראַט ווי אידיש איז ניט היסטאָריש, ניט קולטורעל און איז ניט פארבונדען מיט דער אידישער צוקונפט, איז אויך אידיש אין דער געגענוואַרט דורכאויס ניט די שפּראַך פון אלע אידען, ניט אין דער ווירקליכקייט און ניט אין דער מעגליכקייט. אידיש ווערט גערעדט פון די רוסיש־פּוילישע אידען אין מזרח־אייראָפּא און אין אמעריקא. די אידען פון דייטשלאַנד, דייטש־עסטרייך, פראנקרייך, ענגלאנד, פון דעם גאַנצען אָריענט, פון אפריקא און פון אזיען, די ניט רוסיש־פּוילישע אידען פון אַמעריקא ריידען די לאַנדס־שפּראַכען אָדער פארשידענע אַנדערע אידישע זשאַרגאָנען. אָבער אויך דאָס רוסיש־פּוילישע אידענטום אין אייראָפּא און אמעריקא רעדט ניט דורכאויס אידיש. דער געבילדעטער קלאַס, די דורות, וועלכע זיינען דורכגעגאנגען דורך די עפענטליכע שולען, ריידען די לאַנדעס־שפּראַכען. אידיש איז די אומגאַנגס־שפּראַך פון די „ניט־קולטורעלע" מאַסען און פון די וואַנדערענדע מאַסען, וועלכע פארלירען די מעגליכקייט איבערצוגעהן צו דער לאַנדס־שפּראַך. די אַלגעמיינע בילדונג שטופּט ארויס אידיש פון פאָלקס־לעבען...

ניט נאָר היסטאָריש איז אידיש אן עפּיזאָד, נאָר אויך אין דער געגענוואַרט איז אידיש די אומגאַנגס־שפּראַך נאָר אין אייניגע לענדער פון אידישען גלות און נאָר ביי געוויסע שיכטען פון דער אידישער באַפעלקערונג.

אז דער אידיש־דייטשער דיאַלעקט זאָל אָבער ווערען די נאַציאָנאַלע שפּראַך פון דעם גאַנצען פאָלק איז אונמעגליך, ווייל ער האָט ניט די הייליגקייט פון היסטאָרישער און נאַציאָנאַלער קולטור, ווייל ער איז ביי די קולטורעל מער פאָרגעשריטענע שיכטען פון פאלק מער קיין קולטור־מיטעל ניט, און ווייל ער איז אונפעהיג זיך צו ענטוויקלען אין א זעלבסטשטענדיגער, אָריגינעלער שפּראַך. די טיילען פון אידישען פאָלק, וועלכע האָבען היסטאָריש קיינמאָל ניט אויפגענומען אידיש־דייטש, די טיילען, וועלכע האָבען זיך שוין לאַנג אָפּגעריסען פון דער אידישער שפּראַך, ווענען איר בלייבען פרעמד. אויך די פאָלקס־מאַסען רייסען זיך אָפּ פון דיזער שפּראַך אַלס אומגאַנגס־שפּראַך און פאַרבייטען זי ביי דער ערשטער געלעגענהייט אויף דער אַרומיגער שפּראַך פון קולטור.

זי איז אָבער אויך קיין נאַציאָנאַל־שפּראַך ניט אין דער מעגליכקייט. אין איר איצטיגער זשאַרגאָן־פאָרם איז זי אין פאָלקס־באַוואוסטזיין ניט הייליג, איז זי ניט געאַכטעט, נאָר אייגענטליך פאַרמיאוס׳ט. און דאס שטאַמט ניט פון דער אידישער זעלבסטפאַראַכטונג, נאָר פון פיל טיפערע, ערנסטערע סבות, וועלכע האבען זייער שרש אין דעם נאַציאָנאַלען געפיל און קולטור־ווילען פון פאָלק. אויב אָבער דאָס אידיש־דייטש זאָל זיך רעפאָרמירען, זאָל אָננעמען א פעסטשטעלענדע גראַמאַטיק און סינטאַקס, זאָל זיך באַרייכערען אין וואָרט און פאָרם, האָט עס פאַר זיך צוויי וועגען: אָדער זי וועט זיך מוזען אָנלעהנען אָן דער דייטשער שפּראַך, שעפּען פון איר לעבעדיגען קוואַל, און וועט זיך אויף אַזאַ אופן דערנעהענטערען צו אָן אָרימען, שלעכטען דייטש און פאַרלירען דאָס לעצטע ביסעל אָריגינאַליטעט. אָדער עס וועט זיך מוזען באַרייכערען און פאַרשענערען דורך העברעאיש און אויף אַזאַ אופן רופען צו לעבען טיילען פון העברעאיש און וועקען די העברעאישע שפּראַך. אין ביידע ענטוויקלונגס־מעגליכקייטען ליגט די איבערווינדונג פון אידיש אַלס שפּראַך און נאַציאָנאַל־שפּראַך.

געגען דיזען ווידערשפּרוכפולען, באַגרענעצטען, פרעמדען און ניט־נאַציאָנאַלען אידיש טרעט אויף העברעאיש מיט דער שטאָלצער פּרעטענזיע צו זיין די אמת׳ע נאַציאָנאַלע שפּראַך. זיין היסטאָרישער יחוס, זיין קולטורעלע שטעלונג אין דער געשיכטע פון דעם אידישען פאָלק און זיין אוניווערסאַלע קולטור־ראָליע גיבען אים דאָס רעכט אויף דיזער פּרעטענזיע. דער ציוניזם, וועלכער באַשאַפט שוין א אידישען נאַציאָנאַלען און פּאָליטישען ישוב אין ארץ־ישראל, דערוועקט די העברעאישע שפּראַך צו א לעבעדיגער

קולטור־שפראך, ווערט פון גאנצען פאָלקס־באוואוסטזיין אנערקענט אַלס נאַציאָנאַלע שפּראַך, און האָט די אינווייניגע סימפּאַטיע אפילו פון די שיכטען אידען, וועלכע זיינען דורך אסימילאציע אָדער דורך אידיש פרעמד צו דיזער שפּראַך. אבוואָל העברעאיש איז פארשוואונדען אַלס אומגאנגס־שפּראַך, איז עס אָבער ניט אויסגעוואָרצעלט געוואָרען פון לעבעדיגען פאָלקס זכרון. רייכע טיילען פון דער העברעאישער שפּראַך האָבען זיך אפילו דער־האַלטען עד היום אין דער אומגאַנגס־שפּראַך, אָדער זעלבסטשטענדיג אָדער אין פארשידענע פארבינדונגען און ענדערונגען. ניטאָ כמעט קיין וואָרט אין אידיש, וועלכעס זאָל ניט האָבען אין דיזער אָדער יענער פאָרם אויך זיין העברעאישען אויסדרוק.

אויב דאָס אידישע פאָלק האָט דעם נאַציאָנאַלען מוט צו וועלען אויפ־הויבען זיך צו א נאַציאָנאַלער שפּראַך, און דער אידישיזם וויל דאָס מאַכען מעגליך און לייכט דורך דער אידישער שפּראַך, קומט דער העברעאיזם און פאָדערט זיין רעכט. אַלס די נאַציאָנאַלע שפּראַך דאַרף ערקלערט ווערען די שפּראַך פון נאַציאָנאַלען געניוס און קולטורעלען גלאַנץ. המות והחיים ביד הלשון. אידיש אַלס נאַציאָנאַל־שפּראַך וועט דאָס פאלק נאָר פאַראָרימען און פארמאוס׳ען, העברעאיש וועט דאָס פאָלק באַשענערען, באַרייכערען און מאַכען מוטיג און זעלבסט־באוואוסטזיניג. אמת די ווידער־אויפלעבונג פון העברעאיש איז שווער און דאָס אָנהאַלטען פון אידיש איז לייכט. אָבער דאָס אָנהאַלטען פון אידיש איז נאָר כלומרשט לייכט. די שוועריגקייטען דערפון זיינען אפשר גרעסער איידער די מניעות פון העברעאיש. די שוועריגקייט פון העברעאיש אין דער געגענוואַרט ווערט איבערגעוואויגען פון דער מעגליכקייט אין דער צוקונפט. און געגען דער כלומר׳שטער לייכטקייט פון אידיש אין דער געגענוואַרט שטעהען אויף גוואַלטיגע שוועריגקייטען אין דער צוקונפט. אויב מען וויל, למשל, מאַכען אידיש פאַר דער שפּראַך פון שול, איז אין זעהר פיל פּרטים דער אידיש באידיש ניט וועניגער שווער און אקוראט אזוי פרעמד, ווי דער עברית־בעברית.

אזוי האָט דער אידישיזם אייגענטליך ארויסגערופען דעם גייסט פון העברעאיזם און קען אים ניט פארטרייבען. ווי באַלד די „שפחה” האָט זיך אָנגעטאָן אין די בגדים פון א שפּראַך, מוז קומען די „גברתה” און פאָדערט איר רעכט. און דאָ איז געקומען דער קאָמפּראָמיס און האָט געמאַכט א ציטווייליגען שלום.ביידע שפּראַכען זיינען נאַציאָנאַלע שפּראַכען און ביידע שפּראַכען זאָלען געלערענט ווערען. דאָס איז דער זין פון די רעזאָ־לוציאָנען, וועלכע זיינען אָנגענומען געוואָרען אויף דעם צוזאַמענפאָר פון חברי מפיצי השכלה אין פּעטערבורג און אויף דעם צוזאַמענפאָר פון די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלען שולען אין ניו יאָרק. עס איז א „זיג” פאַר ביידע

שפּראַכען, וועלכען עס האָט געפאָדערט פון איין זייט די פּראַקטישקייט און פון דער אַנדערער זייט דער העבערעל שכל. דאָס טראַדיציאָנאַלע אידיש פון דעם אַלטען חדר איז געוואָרען, וויינינגסטענס אין דער רעזאָלוציע, א שפּראַך פון דער פּאָלקס־שול, און די העברעאישע שפּראַך, וועלכע איז באַקעמפּט געוואָרען אַלס נאַציאָנאַל־שפּראַך, פאַר איר הייליגקייט, מוטיג־קייט, ציוניסטישקייט, פרעמדקייט, האָט באַקומען א באַדייטענדע אַנער־קענונג אַלס נאַציאָנאַל־שפּראַך.

אָבער עס פאַרשטעהט זיך, אז די פּראָקלאַמירונג פון צוויי נאַציאָנאַל־שפּראַכען איז נאָר אַ קאָמפּראָמיס און האָט זיין אורזאַך דערין, וואָס דער באַגער צו איין נאַציאָנאַל־שפּראַך איז נאָך ניט אריינגעדרונגען טיף אין באַוואוסטזיין. זיי וועלען מוזען אָנהויבען קעמפען פאַר דער אַליין־הערשאַפט, די אייגענע אָבער פרעמדע העברעאישע שפּראַך מיט דער פרעמ־דער אידישער שפּראַך, וועלכע איז געוואָרען אַן אייגענע. דער קאַמף צווישען דער „גברתה" און דער „שפחה", ווי עס רעדט זיך אין דער העברע־אישער מליצה זעהר ריכטיג, וועט אָנגעהן מיט אַלע גרעסערע לעבהאַפטיגקייט. און זיגען וועט העברעאיש אָדער אידיש אין דער צוקונפט לויט נאָך דעם, וועלכער נאַציאָנאַליזם עס וועט אויפלעבען ביים אידישען פאָלק, דער גרוי־סער נאַציאָנאַליזם אָדער דער קליינער, דער "גברתה'שער„ אָדער דער „שפחה'שער" נאַציאָנאַליזם.

(„טאָג", יוני, 1916).

געזאָגט נביאות און אליין ניט געוואוסט

א

אין זיין לעצטער אטאַקע אויף העברעאיש, וועלכע דר. זשיטלאָווסקי רופט אָן סעריע קולטור־פּראָבלעמען, האָט אונזער אַלטער געגנער פון העברעאיש, פאַרשטעהט זיך, ניט באַגרייפענדיג דאָס אליין, ארויסגעדונערט אַ הלויה פאַר העברעאיש און דער העברעאישער אידעע, ווי קיין פייערדיגער לאומי ציוני וואָלט עס ניט געקאָנט מאַכען בעסער. נבא ולא ידע מה נבא, ווי עס זאָגט זיך שטענדיג ביי אַזאַ פאַל אין אונזער העברעאיש. דאָס, אייגענטליך, מאַכט די דאָזיגע אַרטיקלען העכסט אינטערעסאַנט, ניט דוקא פּסיכאָלאָגיש, נאָר אפילו אויך צוליעב דער פּראָפּאַגאַנדע.

דר. זשיטלאָווסקי איז אין זיין קאַמף געגען העברעאיש אַ שטענדיגער בעל־חרטה. ניט קיין בעל תשובה, נאָר אַ בעל־חרטה. ער בויט אויף אַ מזבח אויף איין באַרג, איז מקריב קרבנות און לאָזט דעם ווינט פאַנאַנדערטראָגען די וואָלקענס פון ווייהרויך אין אַלע וועלט־עקען. אָבער באַלד האָט ער שוין חרטה אויף דעם באַרג און דעם מזבח, און ער שטייגט אַרויף אויף אַן אַנדער הויך, ריכט אויף אַן אַנדער מזבח, שעכט אָקסען און רינדער, און שרייט פּלוצלינג נאָר אויס מה טובו... אָט דאָס האָט מיט אים פּאַסירט אין זיין לעצטער אַרויסטרעטונג.

מיט אייניגע יאָר צוריק האָט דר. זשיטלאָווסקי אַרויסגעשטעלט אַנטקעגען דער העברעאישער שפּראַך די מאַרקסיסטישע קלאַסען־טעאָריע. די בורזשואַזיע איז פאַראינטערעסירט אין העברעאיש, אויף דעם איז זי דאָך טאַקע אַ רעאַקציאָנערע, רעליגיעז־ראָמאַנטישער קלאַס. דער פּראָלעטאַריאַט האַלט זיך אָן אידיש, וואָס דאָס איז זיין פאַרשטענדליכער אינטימער לשון פון האַרץ און קולטור. כדי אָבער דעם פּראָלעטאַריאַט בעסער צו עקספּלואַטירען, באַרויבען אים פון אַלע לעבענס־מעגליכקייטען, פירט איין די בורזשואַזיע אין ארץ ישראל די העברעאישע שפּראַך, וועלכע דער פּראָלעטאַריאַט קאָן ניט און וויל ניט. דערמיט האָט די בורזשואַזיע ניט נאָר באַ׳גזל׳ט דעם פּראָלעטאַריאַט מאַטעריעל, נאָר זי וויל אים אונטערדריקען אויך גייסטיג, אין זיין סאַמע מענשליכקייט, אין דער שפּראַך. די בורזשואַזיע וויל אָפּנעמען ביים פּראָלעטאַריאַט זיין שפּראַך. לאַ די, הייסט עס, וואָס זי זויגט אויס זיין בלוט אין דער פּראָדוקציע, וויל זי נאָך דורך דער גנבה פון העברעאיש אים דערשלינגען מיט הויט און ביינער.

דער דאָזיגער אַרגומענט געגען העברעאיש, אַז עס איז אַ מיטעל פון

דער בורזשואזיע אין איר קלאַסען־קאַמף געגען דעם פּראָלעטאַריאַט, איז אזא שטאַרקער און געוויכטיגער, דאָס זשיטלאָווסקי וואָלט נאָך גענאַרפט אים פאַרטיפען און פאַרשטאַרקען אביסעל. און העברעאיש וואָלט געשלאָגען געוואָרען לעולם ועד. די גאַנצע העברעאישע אידעע וואָלט ענטפּלעקט געוואָרען אונטער דער האַנט פון דעם דאָזיגען אַרגומענט אַלס א קרימינעלע ערשיינונג, אַלס אַ טריק פון דער בורזשואזיע אַנטקעגען דעם פּראָלעטאַריאַט. האָט אָבער זשיטלאָווסקי פּלוצלונג פאַרלאָזען דעם דאָזיגען פּראָנט, האָט א דרעה געטאָן די קאַנאָנען אין אַן אַנדער ריכטונג, און האָט געלאָזט דעם וויסענס־באַגריגען עולם אין אומוויסענהייט. פאַרוואָס העברעאיש איז שוין ניט מער קיין מיטעל פון עקספּלואַטאַציע אין די הענט פון דער בורזשואזיע. ער האָט חרטה געקראָגען.

און אָט שטעהט זשיטלאָווסקי אויף אַן אַנדער באַרג. דאָס אידענטום, אָדער בעסער, דאָס נבואה־אידענטום, איז א גרויסע, שאַפענדע קולטור־אידעע. זי איז די אידעע פון אמת און יושר אין דער קולטור, זי איז די אידעע פון מענשליכקייט, הומאַניטעט, וועלכע זאָגט אָן דאָס גלייכקייט פון אַלע מענשען. זי איז דורכגעדרונגען פון א סאָציאַל־עטישען כאַראַקטער. דאָס נבואה־אידענטום האָט פאַרזייט אין דער מענשהייט אַלס אייביגע זריעה דעם סאָציאַליזם. דאָס נבואה־אידענטום האָט נאָך ניט פאַרענדיגט זיין קולטור־ווערק אין דער מענשהייט, זיינע שאַפענדע כחות זיינען נאָך פול מיט לעבען. דאָס דאָזיגע עכטע אידענטום איז אין דער מאָדערנער העברעאישער ליטעראַטור פאַרלייקענט געוואָרען, עס האָט אָבער אויפגעלעבט אין דער מאָדערנער אידישער ליטעראַטור. דערפאַר דאַרף די אידישע נאַציאָנאַלע שפּראַך זיין אידיש און ניט העברעאיש. עד כאן זשיטלאָווסקי'ס נייער אַרגומענט אַנטקעגען העברעאיש, נאָכדעם ווי ער האָט צובראָכען זיין פיל מער שניידיגען כלי־זין אַנטקעגען דער העברעאישער שפּראַך, אַז זי איז נאָר א מיטעל פון דער בורזשואזיע צו פאַרשקלאַפען דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט.

פון דעם נבואה־אידענטום דענקט זשיטלאָווסקי, ווי מיר זעהען, הויך, כאָטש אין דער אַלטער טראַדיציאָנעלער פאָרם, איך וואָלט געזאָגט, אין דער אַרט און ווייזע ווי די רעפאָרם־ראַבאָנים. דאָס אידענטום איז, לויט אים, די שענסטע בליאונג פון הומאַניזם. באמת איז אָבער דאָס אידענטום א פיל טיפערער און ערנסטערער באַגריף, וועלכען מען וואָלט געקענט דעפינירען מיט דעם וואָרט „הייליגקייט". קדושה איז דער איינציגער פילאָזאָפיש־מאָראַלישער באַגריף, וועלכען דאָס אידענטום האָט באַשאַפען אין היפך צו אַלע אַנדערע פעלקער. לעבענס־הייליגקייט איז א פונדאַמענטאַלער באַגריף, וועלכער גיט א נייעם וועג און א נייעם אינהאַלט דער קולטור. הומאַניזם איז אַ שטיקעל געבאָט פון סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע, קדושה איז

מאראלישע זעלבסט־דיסציפלין, אן סוף און שיעור אין איר שטרעבונג און ציל. אויף דער אידעע פון לעבענס־קדושה קאן אויפגעבויט ווערען די גייסטיגע הארמאנישע געזעלשאפט פון דער צוקונפט. ניט אויף דעם ביליגען הומאניזם. פארשטעהט מען דעם זין פון אידענטום אלס הייליגקייט, האט מען אויך אן אנדער פארשטענדניש און אן אנדער באציאונג צו דער צוויי־טויזענט־יאריגער געשיכטע פון משנה ביז חסידות, אין וועלכע זשיטלאווסקי, צוזאמען מיט דעם אויפגעקלערטען עולם, זעהט ניט קיין שאפענדע קולטור־קראפט. אונטער דעם שימעל פון שלחן ערוך ליגט דיסציפלין פון לעבען, דער באשטענדיגער חשבון החיים והנפש, וואס אהן דעם איז ניטא קיין סאציאלע פאלקאמענהייט און קיין קולטורעלער וואוקס אין דער געשיכטע.

יעדענפאלס אבער דענקט זשיטלאווסקי הויך וועגען דעם נבואה־אידענטום. עס איז א גרויסע קולטור־אידעע, וועלכע געשטאלטעט די מענשהייט. נו, איז עס ידוע, אז דאס נבואה־אידענטום איז אויפגעוואקסען און האט פאנאנדערגעבליט אין דער העברעאישער שפראך, וועלכע האט פון איר תוכן ווייטער געשעפט אויסערגעוויינליכע געשטאלטענדע און פאעטישע קראפט. אויב דאס נבואה־אידענטום איז די געניאלע ערשיינונג פון גייסט, מוז דאך אויך די שפראך פון נבואה־אידענטום זיין א געניאלע שפראך. די פעלקער האבען זייער אייגענארטיגע קולטור־באגאבונג, זייער באזונדערע געניאליטעט, און דא שפרייט זיך אויס א גאנצער פעלד פון מדרגות, פון סדום ועמורה ביז ירושלים, בבל, טהעבעס, אטען, רוים, פאריז. דער לעבעדיגסטער אויסדרוק פון דער קולטור־געניאליטעט פון א פאלק איז זיין שפראך. שפראכען זיינען גייסטיגע ארגאניזמען, לעבעדיגע קונסטווערק, וואס יעדערער פון זיי האט זיין מאס שאפענדע קראפט, פראכט, טיפזיניגקייט, לאגיק, כח צו דערגרונטעווען און צו בויען די וועלט פון נאטור אין לעבען. צווישען גריכיש און טאטאריש, צווישען העברעאיש און פערסיש, צווישען פראנצויזיש און ליטוויש איז געווים פאראן אן אונגעהייערער קולטור־אונטערשייד, אקוראט ווי די דאזיגע גרויסע קולטור־שפראכען גופא אונטערשיידען זיך צווישען זיך אין זייער קולטור־געוויכט. מיט דעם קרום־ווערטעל, אז די העברעאישע שפראך איז א יש־לפרה־זנב־שפראך, באווייזט מען נאר, אז מען האט ניט קיין אכטונג פאר קולטור. די אלע גלייכווערטלעך און קרום־ווערטלעך גלייכען און קרימען גארנישט ניט אויס אין דער דיסקוסיע. איז דאס נבואה־אידענטום דער אויפבליץ פון מענשליכען געניוס, איז אויך די שפראך פון נבואה־אידענטום די פרוכט פון העכסטער געניאליטעט.

עס איז דערפאר שוין גארניט קיין גוזמא, ווען מען זאגט, אז די

העברעאישע שפּראַך איז רייכער און טיפער און איידעלער און הייליגער, איידער אַלע אונז באַקאַנטע קולטור־פאָרמען. אזוי לאַנג, פאַרשטעהט זיך, ווי זשיטלאָווסקי האָט ניט קיין חרטה אויף זיינע רייד וועגען נבואה־אידענ־טום, האָט ער דאָך אליין געראַפט באַגרייפען דעם קולטור־געוויכט פון דער העברעאישער שפּראַך; ווען מען זאָל ארויפלייגען אויף איין וואָגשאָל אַלע עטישע און געשיכטס־פילאָזאָפישע באַגריפען פון פּלאַטאָן, אריסטאָטעל, קאָנ־פוציוס, בודא, סענעקא, און אויף דעם אַנדער וואָג־שאָל דעם מאָראַלישען רצון בנוגע צו לעבען און געשיכטע פון ירמיה, יחזקאל, דניאל איש חמודות, וועט דער וואָגשאָל פון נבואה־אידענטום מכריע זיין. וואָס לערענט עס אונז אין אָנווענדונג אויף דער שפּראַך? ווען מען זאָל וועגען די העברעאישע שפּראַך, די גייסטיגע כלי פון דעם נבואה־אידענטום, מיט אַנדערע שפּראַכען, אין וועלכע עס זיינען געבאָרען געוואָרען אַנדערע קולטור־אינהאַלטען, וועלכע זיינען עטיש און געשיכטס־פילאָזאָפיש מינדערוויכטיג אין פאַרגלייך מיט׳ן אידענטום, וועט די העברעאישע שפּראַך זיך ארויסווייזען מעכטיגער, לייד־ענשאַפטליכער, טיפזיניגער, פּאָעטישער. ווען זשיטלאָווסקי וואָלט זיך אריינטראַכטען, לשם האמת, אין וואָס איך האָב געזאָגט וועגען העברעאיש, און וואָלט ניט מגזם זיין לשם פּאַלעמיק וואָס מען זאָגט, וואָלט ער באַגריפען דעם אינווייניגען צוזאמענהאַנג צווישען דעם נבואה־אידענטום און דער נבואה־שפּראַך. אָבער עס איז סוף כל סוף גלייכגילטיג, צי פאַרשטעהט זשיטלאָווסקי גופא דעם דאָזיגען צוזאמענהאַנג. פון א הויכער אָפּשעצונג פון נבואה נעמט זיך לאָגיש די ניט וויניגער הויכע איינשעצונג פון העברע־איש. דאָס איז דער פּאָזיטיווער יסוד אין זשיטלאָווסקי׳ס מאמרים.

זשיטלאָווסקי פאַרוואַרפט און פאַרדאַמט אָבער העברעאיש אַלס נאַ־ציאָנאַל־שפּראַך און אפילו אַלס קולטור־קראַפט, ווארים די מאָדערנע העברע־אישע ליטעראַטור פאַר די לעצטע דרייסיג יאָר האָט פאַרראַטען דעם נבואה־גייסט פון „אונזערע הייליגע שריפטען”. די אור־קוואַלען פון אידישען שאַפען, וואָס האָבען אָנגעהויבען צום ערשטען מאָל שלאָגען אין די גרונט־לעהרען פון די נביאים, האָבען אָנגעהויבען ווייטער שטראָמען אין דער מאָדערנער צייט, ניט אין דער נייער העברעאישער ליטעראַטור, נאָר אין דער אידישער ליטעראַטור. פאַר דעם דאָזיגען חטא פון דער ניי־העברעאישער ליטעראַטור, וויל ער שטראָפען די העברעאישע שפּראַך בכלל.

ב

די העברעאישע שפּראַך איז א געניאַלע שפּראַך, אַקוראַט ווי איר אינ־האַלט, דאָס נבואה־אידענטום איז א געניאַלע ערשיינונג פון מענשליכען

גייסט. דאָס נבואה־אידענטום איז א געשטאַלטענדער קולטור־כח, און די העברעאישע שפּראַך האָט געדאַרפט זיין די פּאַסענדסטע פאָרם פאַר דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג פון דער נבואה־קולטור אין איר בונד מיט דער מאָדערנער מענשליכער קולטור. דאָס איז דער לאָגישער פועל־יוצא פון זשיטלאָווסקי׳ס הללויה פאַר׳ן נבואה־אידענטום. סיידען דער גאַנצער לויבגעזאנג פאַר׳ן נבואה־אידענטום איז ביי אים ניט מער ווי אַ סטראַטעגישע דיווערסיע, כדי צו פארשטאַרקען די אַטאַקע אויף דער מאָדערנער העברעאישער שפּראַך.

דערפירט אָבער זשיטלאָווסקי ניט זיין אייגענעם געדאנק ביז צו זיינע קאָנסעקווענצען, מאַכט מיט א מאָל אַ האָזען־שפּרונג אָן אַ זייט און פאַלט אָן מיט דער גאַנצער ביסעל קראַפט אויף דער הייליגער שפּראַך פון נבואה־אידענטום, וועלכע לעבט איצט אויף אַלס נאַציאָנאַלע אידישע שפּראַך. דער טעם דערפון איז, וואָס די מאָדערנע אידישע ליטעראטור פאַר די לעצטע דרייסיג־פערציג יאָר איז אַוועקגעגאַנגען אויף שלעכטע דרכים. אין דער השכלה־עפּאָכע איז די העברעאישע ליטעראטור געווען אויפקלערונג אַקעגען די רעליגיעזע יסודות פון אידישען לעבען. „אין אירע שאַפונגען איז ניט געווען קיין שפור פון א פארשטענדניש פאר די „אייביגע" יסודות פון דעם אידענטום". אין דער ציוניסטישער עפּאָכע איז זי אָדער נאַציאָנאַלער שאָוויניזם, וועלכער וויל „איבעררייסען איר פאַרבינדונג מיט דער פּראָגרעסיווער מענשהייט", אָדער זי זאַפּט פון דער מאָדערנער מענשהייט אריין אין זיך דעם העלעניזם, דעם עסטעטיציזם, דעם ניטשעאיזם, דעם פּעסימיזם און די פארשיידענע קאַפּריזען פון דער דעקאַדענץ. אמת, ס׳פאַראַן אין דער נייער העברעאישער ליטעראטור איין עכטער דיכטער, ביאליק, אָבער איינער איז קיינער, ווי די וועלט זאָגט. אַנדערש איז עס מיט דער אידישער ליטעראטור. אויף איר האָט זיך אַראָפּגעלאָזט גאָט׳ס ברכה. זי האָט פון אָנהויב אָן גענומען א שעהנעם „טאָן", זי איז געבאָרען געוואָרען אין סאָציאַליזם, דאָס הייסט, אין דעם נבואה־גייסט. און איר שלאָגט דער „רוח־היהדות", דער „אידענטום־גייסט". דער איצטיגער שאַפענדער גייסט אין אידיש איז דורכגעדרונגען מיט דעם חוש פאַר ווירקליכקייט און איז איינג אויסגעבונדען מיט דעם טאָג־טעגליכען גאַנג פון לעבען, סיי ביי אונז, סיי אין דער ניט־אידישער וועלט". דער אידישער ליטעראטור איז נאָהענט דער גורל פון די אידישע פאָלקס־מאַסען, פון דעם גאַנצען אידישען פאַלק, פון דער גאַנצער ליידענדער מענשהייט. זי איז פול מיט רעוואָלוציאָנערען פּראָטעסט. „די שטעלונג און געפיל, וועלכע די אידישע בעלעטריסטיק ברענגט אַרויס, אָפּט אונבאַוואוסטזיניג פאר זיך אליין, איז אַזאַ וואָס האַרמאָנירט אין אַלע פּרטים, סיי מיט יענע צענטראַלע קולטור־אידעע, וועלכע דאָס אידענטום האָט אַרויסגע־

בראַכט דורך די נביאים, סיי מיט יענע, וועלכע די מאָדערנע, פּראָגרעסיווע מענשהייט האָט אויסגעאַרבייט דערנאָך". היינט די אידישע פּובליציסטיק, וואָס דאָס איז פאַר זשיטלאָווסקי'ן דער עיקר. זי איז דורכגעדרונגען מיט דעם סאָציאַל־עטישען הומאַניטאַרען כאַראַקטער פון אונזערע נביאים און דעם פּראָגרעסיווען כאַראַקטער פון אונזער צייט. און דר. זשיטלאָווסקי גיט אויך אָן דעם אדרעס פון דעם אידישען פּובליציסט, אויף וועלכען דעם נביא'ס פּאַטאָס האָט זיך אראָפּגעלאָזט.

שטעהט מען און מען וואונדערט זיך, ווי אַזוי דער שיקזאַל פון א קול־טור־אידעע ווערט באַשטימט פון א צופעליגען עפּיזאָד. זאָל זיין דאָס די נייַ־העברעאישע ליטעראַטור ווערט ניט געטראָגען פון סאָציאַליסטישען גייסט, וואָס דאָס איז דער אייגענטליכער תמצית פון זשיטלאָווסקי'ס גאַנצער אָנ־קלאַגע. טאָ וואָס האָט דער דאָזיגער חסרון פון דער נייַ־העברעאישער ליטע־ראַטור צו טאָן מיט אונזער ענין, צי דאַרפען מיר וועלען אָננעמען די העברע־אישע שפּראַך, די שפּראַך פון אונזער גאַנצען נאַציאָנאַלען מהות, פון נבואה־אידענטום, אַלס די נאַציאָנאַלע שפּראַך. וואָס דער סאָציאַליסטישער גייסט פעלט אין דער נייַ־העברעאישער ליטעראַטור, איז דאָך ניט דער חסרון פון דער סאָציאַליסטישער נביאים'דיגער העברעאישער שפּראַך אַלס קונסט־ווערק, נאָר פון דער סאָציאַלער סביבה, אין וועלכער די נייַ־העברעאישע ליטעראַטור איז אויפגעוואַקסען. די ליטווישע שפּראַך האָט ביז דרייסיג יאָר צוריק ניט געהאַט קיין אַנדער ליטעראַטור, ווי דעם נייעם טעסטאַמענט און דאָס קריסט־ליכע געבעט־בוך. אין דעמזעלביגען מצב איז געוועזען די לעטישע, אַרמענישע ליטעראַטור. וואָס פאַר א סאָציאַליסטישע ליטעראַטור איז איצט פאַראַן אין דער טערקישער, כינעזישער, אַראַבישער, פּערסישער שפּראַך, אין אַלע די שפּראַכען פון באַגינענדער קולטור? וועלכער שטיקעל מטורף, אום צו ריידען אין זשיטלאָווסקי'ס טערמינאָלאָגיע, וואָלט פאַרדאַמט די דאָזיגע שפּראַכען פון יענע פעלקער, ווייל זיי האָבען נאָך ניט קיין סאָציאַליסטישע ליטעראַטור? מאַרקס האָט אין קאָמוניסטישען מאַניפעסט אָנגערופען די גאַנצע דייטשע סאָציאַליסטישע ליטעראַטור פון די דרייסיגער און פערציגער יאָרען א דעמאָראַליזירענדע, אָבער די אָפּשאַפונג פון דער דייטשער שפּראַך האָט ער, אויף וויפיל מיר איז באַקאַנט, קיינמאָל ניט געפאָדערט. וואָס האָט אייגענטליך די נישטיגקייט פון דער נייַ־העברעאישער ליטעראַטור, אין וועלכער זשיטלאָווסקי איז דאָס אַזוי איבערצייגט, בכלל צו טאָן מיט אונזער ענין וועגען העברעאיש אַלס נאַציאָנאַל־שפּראַך?

אָבער די דאָזיגע גאַנצע פאַרדאַמונג פון דער נייער העברעאישער ליטע־ראַטור טרעפט אייגענטליך גאָרנישט העברעאיש, נאָר זי איז כאַראַקטעריס־טיש פאַר דער אידישיסטישער פּובליציסטיק און איר פּוסטען הפקר־טאָן.

די ניי־העברעאישע ליטעראטור איז א גרויסע קולטור־שאפונג פון אידישען גייסט, פון דעמזעלבינגען געוויכט ווי די אידישע שאפונג אין אלע אידישע רענעסאנס־באוועגונגען. זי האט קודם כל אויפגעבויט די ניי־העבראישע שפראך און האט זי דערהויבען צו דער מדרגה פון א קונסט־ווערק. די ניי־העברעאישע שפראך איז דורך די שאפונגען פון מענדעלע מוכר ספרים, ביאליק, שניאור און דער גאנצער איצטיגער ליטעראַרישער שטרעמונג געווארען אפשר די גרעסטע שפראך־שאפונג פון דער מענשהייט. זי פאראייניגט אין זיך די שטורעמדיגע ליידענשאפט פון דער ביבעל מיט דעם אונענדליכען רייכטום פון אויסדרוקען פאר די באגריפען, באציאונגען, שאטירונגען, אפשטופונגען און שטייגערונגען פון דער מאדערנער קולטור. ביי ליטען איז דאס א שטיקעל קולטור־געווינס. מען שעצט אין דייטשלאנד הויך די אויפבליאונג און פארטיפונג פון דער דייטשער שפראך דורך לוטער און ניטשע. מען צעהלט אין רוסלאנד א נייע עפאכע פון גייסט, זינט עס איז אויפגעשטאנען א נייע רוסישע שפראך דורך פושקין. דער אידישיסטישער שרייבער באמערקט אפילו ניט די גאנצע קולטור־שאפונג פון א נאציאנאלער שפראך.

אין איר ערשטער פעריאדע איז די ניי־העברעאישע ליטעראטור געווען א השכלה־ליטעראטור, א ליטעראטור פון פרייען, אויפקלערענדען געדאנק אנטקעגען דער טראדיציע. געווים האט זי ניט באגריפען די אלטע אידישקייט מיט איר גייסטיגער שעהנקייט און העלדישקייט אונטער דעם רבנ׳ישען שטריימעל און דער חסיד׳ישער זשופיצע. זי איז געשטאנען אין שלאכטפעלד מיט׳ן טראדיציאנעלען אידענטום און האט געקאנט זעהן נאר זיין אויפטרעטען און ניט זיין באהאלטענעם וועזען. אחר המעשה איז, פארשטעהט זיך, גרינג צו זיין א חכם און קריטיקירען. אבער די השכלה ליטעראטור האט אויפגעבראכען די מויערען פון דער געטא און האט געלאזען אריינשיינען די זון פון אייראפעאישער קולטור אין דעם אידישען לעבען. דאס איז א גרויסער היסטארישער פארדינסט. די השכלה־ליטעראטור האט, אמת, געליטען פון שווינדזוכט, זי האט אליין ניט געגלויבט אין דער וויטערדיגער עקזיסטענץ פון דעם העברעאישען ווארט. בין איך ניט דער לעצטער פון די העברעאישע דיכטער? — האט געקלאגט דער השכלה־פאעט. זי איז געווען אנגעפילט מיט אסימילאציע און יאוש, און דאס האט איר אפגעהאקט די פליגלען.

די העברעאישע השכלה־ליטעראטור, אין איר זוכעניש נאך א תשובה אויף דעם זין פון לעבען און דער טראגיק פון דעם אידישען גלות, האט געטראגען אויך סאציאליסטישע פרוכט. אבער די דאזיגע העברעאיש־סאציאליסטישע שטימונג איז נאך מער געווען פארוואונדעט מיט דעם גיפט

פון אידישער זעלבסט־פארניינונג, איידער די השכלה־ליטעראטור. זי האָט זיך באַלד אויפגעלייזט אין דעם אייגענעם נאַציאָנאַלען ביטול.

מיט דער פאַנאַנדערפאַלונג פון דער השכלה־ליטעראטור איז די העברע־אישע ליטעראטור ניט פארשוואונדען. דורך דעם ציוניזם איז אויסגעוואקסען א נייע נאַציאָנאַל־העברעאישע ליטעראַטור. פאַרוואָס מען זאָל זי אָנרופען שאָוויניסטיש, ווי דר. זישטלאָווסקי טוט עס, איז מיר ניט באגרייפליך. זיכער האָט אין איר ניט געשלאָגען קיין סאָציאַליסטישער פּולס, און דער נבואה גייסט האָט אין איר ניט אויפגעלעבט. זי איז געווען די ליטעראטור פון דעם נאציאָנאַל געשטימטען אידישען מיטעלקלאַס און זיין אינטעליגענץ. זי האָט זיך ענטוויקעלט גאַר אָן א זייט פון דער ארבייטער־מאַסע און אירע נויטען און האָפנונגען, איר לייט־מאָטיוו איז געווען נאַציאָנאַלער זעלבסט־באוואוסטזיין און נאַציאָנאַלער רצון. און וואו עס איז ניטאָ קיין ווילען צום סאָציאַליזם, איז אויך ניטאָ קיין אמת׳ער פארשטעהן פון דער תורה. דאָס האָט דער סאָציאַליסטישער ציוניזם פארשטאנען און ארויסגעבראכט נאָך מיט צוואַנציג יאָר צוריק, איידער זשיטלאָווסקי איז געקומען איצט מיט דער ענטדעקונג, אז די ציוניסטישע העברעאישע ליטעראטור איז גלייכ־גילטיג צום סאָציאַליזם.

אָבער זשיטלאָווסקי דערערדט ניט דעם גאנצען אמת מכח דעם העב־רעאישען סאָציאַליזם. קוים האָט זיך אָנגעהויבען אויפזאמלען א אידישע ארבייטערשאפט אין ארץ ישראל, און עס איז אויסגעוואקסען א גאנצע סאָ־ציאַליסטישע ליטעראטור און פּובליציסטיק אין העברעאיש. ניט דאָס איז וויכטיג, וואס ביכלעך פון מארקס און קאוטסקי זיינען שוין ערשינען אין העברעאיש אין ארץ־ישראל. נאָר פיל וויכטיגער איז, וואס דאס ראַנגלען זיך נאָך א סאָציאַליסטישער לעבענס־פאָרם פון דער אידישער ארבייטערשאפט אין ארץ ישראל קלינגט אָפּ אין א נייער, אייגענארטיגער סאָציאַליסטישער פּובליציסטיק אין ארץ ישראל. און אין דעם דאָזיגען העברעאישען סאָציאַ־ליזם אין ארץ־ישראל איז פאַראַן מער שאפונגס־קראפט און אויפריכטיגקייט, ווי אין דער גאנצער אידישער סאָציאַליסטישער באוועגונג אין גלות. אמת, דער רוף, אז דער רוח היהדות אין סאָציאַליזם, וואָס זשיטלאָווסקי מאָנט פון דער ניי־העברעאישער ליטעראטור, קלינגט דאָרטען ניט אזוי הילכיג, אָבער עס קאָן זיין דערפאר, ווייל סאָציאַליזם אין ארץ־ישראל איז מער פּשט איידער דרוש.

דער לייט־מאָטיוו פון דער ניי־העברעאישער ליטעראַטור אין איר ציו־ניסטישען קאַפּיטעל איז אָבער גאָר געווען די דערוועקונג פון דעם נאַציאָ־נאַלען באוואוסטזיין, און דערמיט פון דער מענשליכער ווירדע, ביי דעם געפאַלענעם גלות איד. און דאָס, דאַכט זיך מיר, איז מאָראַליש און קולטורעל

א סך א גרעסערע גנווינס, איידער די פריידיגונג פון סאָציאַליזם צווישען אידען. סאָציאַליזם ביי אידען איז גאָר ניט אזוי דער נביא'שער פּראָטעסט אקעגען דער וועלט, ווי א סך מער א פּאָליטישער פּראָגראַם, א טירעלע ווי אריינצוטרעטען אין דער הערליכער וועלט פון „ראוונאָ־פּראַוויע" און „פּראָ־וואַ טאָרגאָוולי", א שלום־עליכם־טאָווארישטש פון קליינינקען גלות־פּעלקעלע צום אלמעכטיגען אינטערנאציאָנאַל. נאציאָנאַל־מענשליכע ווירדע, אפילו גאָר אמאָל מיט א ביסעל שאָוויניסטישען פעפער, וועלכער פעלט גאָר אין אַט דער ליטעראַטור, איז א גרויסער קולטורעלער גנווינס, א שענערע סאָ־ציאליסטיש־אלמענשליכע איבערלעבונג, איידער דער אידישער פאַלען כורעים פאַר'ן סאָציאַליזם בבחינת ראַוונאָ־פּראַוויע, איידער דער אידישער בטל ומבוטל ווערען פאַר דעם רעכט אָנצורופען דעם פריץ קאמעראד. די דאָזיגע נייע מענשליכע שטימונג ביי אידען האָט דערוועקט די ניי־העברעאישע לי־טעראַטור, טאקע דערמיט וואָס זי האָט אריינגעפירט דעם אידען אין די הערליכע פּאַלאַצען פון אייגענער קולטור־שאפונג, וואָס זי האָט דערוועקט האָפענונג און האָט אָנגעצונדען נאציאָנאַלע העזה.

און צום סוף, מיט זיין לעצטען ביסעל פולווער, שיסט זשיטלאָווסקי אוים אויף דעם אַדרעס פון די העברעאיסטען מיט דעם פורכטבאַרען ארגו־מענט פון א משל. די פראַנצויזען האָבען אמאָל גערעדט פרענקיש און גאַ־ליש, האָבען אָבער אָנגעהויבען רעדען לאַטיין און פון אים געמאַכט פראַנצוי־זיש. די איטאַליענער האָבען אמאָל גערעדט לאַטיין, און האָבען באַשאַפען איטאַליעניש. די רוסען האָבען אמאָל גערעדט אַלט־סלאַוויש און רעדען איצטער רוסיש. וואָלט עס געווען א שכל, אָדער וואָלט עס ניט געווען א משוגעת — אזוי פרעגט זשיטלאָווסקי — ווען מען וואָלט געמאָנט ביי די פראַנצויזען, זיי זאָלען אָנהויבען רעדען זייער פאַרצייטיגען אייגענעם פרענקיש און גאַ־ליש, אָדער די איטאַליענער זאָלען אָנהויבען צוריק רעדען זייער אייגענעם לאַטיין?

זשיטלאָווסקי זעהט ניט דעם עיקר פון דעם ענין. געמישטע פעלקער האָבען אויפגעגעבען זייער אייגענע אורשפּרינגליכע שפּראַך און האָבען באַ־שאַפען נייע שפּראַכען אָדער האָבען איבערגענומען פרעמדע שפּראַכען. אין דער איצטיגער איטאַליע וואוינען ניט די אַלטע רוימער, נאָר א געמיש פון פעלקער, וואָס איז זינט דער פעלקער־וואַנדערונג געוואָרען אַלץ פילפאַרביגער און פאַרשידענאַרטיגער. לאַטייניש איז גאָר ניט די נאציאָנאַלע שפּראַך פון דעם איטאַליענישען פעלקער־געמיש, ווי זשיטלאָווסקי מיינט, און די ענט־שטעהונג פון א נייער שפּראַך אין איטאַליע איז געווען אקוראַט אזוי נאַ־טירליך ווי נויטווענדיג. דער פעלקער־געמיש פון אמעריקא האָט אויפגענו־מען די היסטאָריש שטאַרקסטע שפּראַך פון אמעריקא — ענגליש, און צוואַ־

מען מיט דעם אָפּשטארבען פון די נאציאָנאלע באוואוסטזיינס פארזינקען אין פארגעסענהייט אויך די אייגענע שפראכען פון די פארשידענע פעלקער פון אמעריקא.

דער משל פאסט זיך שלעכט און קרום צו אונזער אידישען שפראך־פּראָבלעם. דאָס אידישע פאָלק האָט אויפגעהערט צו רעדען די העברעאישע שפראך, האָט זי אָבער געהאלטען הייליג אין זיין רעליגיעזען און ליטעראַרישען לעבען און האָט פון איר געשעפּט נארונג פאר די פארשידענע שפּראַזשארגאָנען, וועלכע עס האָט באשאפען. א טייל אידען האָבען אָנגעהויבען רעדען אידיש און האָבען אין די לעצטע צענדליגער יאָרען באשאפען א ליטעראטור אין אידיש. איצט, אין דער עפּאָכע פון נאציאָנאלען רענעסאַנס, שטעהט דאָס פאָלק פאר דער וואל: וואָס זאָל עס וועלען, וואָס זאָל עס איינפירען אין ארץ־ישראל, וואס זאָל עס אויסבילדען אלס די אייגענע נאַציאָנאלע שפּראך — העברעאיש, וואָס זשיטלאָווסקי אליין האלט פאר די שענסטע שפּראך פון דער וועלט, אָדער אידיש, וואס מען האָט נאָך עד־היום ניט באפרייט פון דעם נאָמען זשארגאָן?

און אויב אפילו די אידישע ליטעראטור, און באזונדערס די פּובליציסטיק, איז אזא געוואלדיג קולטור־ווערק, ווי זשיטלאָווסקי מיינט, האָט עס נאָך אלץ קיין שייכות ניט צו דעם פּראָבלעם וועגען דער העברעאישער נאַציאָנאל־שפּראך. ווער עס איז אינערליך איבערצייגט פון דעם קולטור־ווערט פון נבואה־אידענטום, דער דארף וועלען דעם המשך פון רוח היהדות אין דער העברעאישער שפּראך. אין זשיטלאָווסקי'ס הלל־הגדול פאר'ן נבואה־אידענטום ווערט בטל בששים די גאנצע התפעלות פאר דעם קורצען עפּיזאָד פון דער אידישער ליטעראטור.

„טאָג“, מערץ 1923.

וועגען אינטערנאַציאָנאַל.

דער אינטערנאַציאָנאַל און דאָס אידישע פאָלק.

די פּועלי ציון אין אינטערנאַציאָנאַל.

אוטאָפּיסטיש, רעפאָרמיסטיש און קאָנטר־רעוואָלוציאָנער.

נאַציאָנאַלע פרייהייט און אינטערנאַציאָנאַלע איינהייט.

דער אינטערנאַציאָנאַל און דאָס אידישע פאָלק.

די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנפערענץ אין האאג, וועלכע איז געווען א וויכטיגער שריט אויף דעם וועג פון דעם ווידער אויפבוי פון דעם אינטערנאַציאָנאַל, האָט אָנגעדייטעט ריכטיג די נייע טענדענצען און פּראָבלעמען פון צוקונפטיגען סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל און דערמי'ט אויך פון דער צוקונפטיגער אינטערנאַציאָנאַלער ענטוויקלונג.

„דער אינטערנאַציאָנאַל וועט זיין נאַציאָנאַל, אָדער ער וועט גאָרניט זיין", — אָט דיזע נייע איבערציינונג, וועלכע ווערט אין לויף פון דער וועלט־מלחמה די הערשענדע צווישען די סאָציאַליסטען פון דער גאַנצער וועלט, האָט געפונען אויף דער האאגער קאָנפערענץ איר אויסדרוק.

דער פרינציפּ פון נאַציאָנאַליטעט איז פּראָקלאמירט געוואָרען אלס דער יסוד פון דעם שלום און דער איינאָרדנונג פון די פעלקער און זייערע גרענעצען אין דער צוקונפט. מארקס האָט שוין אין יאָר 1871, נאָך דעם דייטש־פראנצויזישען קריג, אין זיין בארימטען אדרעס צום אינטערנאַציאָנאַל נבואה געזאגט, דאס די ערא‏בערונג פון עלזאס־לאטרינגען און די פארלעצונג פון פרינציפּ פון נאַציאָנאַליטעט מוז פירען צו רעאקציאָן, מיליטאריזם און צום סוף צום וועלט־קריג. עס האָט גענומען 45 יאָר מיליטאריזם און עס האָט געמוזט קומען א וועלט־קאטאסטראָפע, ביז די מענשהייט הויבט אָן צו באגרייפען, דאָס א נאַציאָן איז אַקוראט אזוי הייליג ווי אַן אינדיווידיאום, און דאָס דער שלום פון דער וועלט איז נאָר מעגליך דורך דער אָנווענדונג פון די געזעצען פון מאָראַל, יושר און גערעכטיקייט אויף די באַציאונגען פון פעלקער. דאָס איז דער נאַציאָנאַלער אינטערנאַציאָנאַליזם צו וועלכען מאַרקס האָט זיך שוין דערהויבען אין יענעם בארימט געוואָרענעם אדרעס.

אָבער די האאגער אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנפערענץ האָט באקומען נאָך א באזונדערע באדייטונג דורך איר שטעלונג צום אידישען נאַציאָנאַלען פּראָבלעם. דער פּאָרזיצענדער פון דער קאָנפערענץ האָט אויסדריקליך ערקלערט ביי דער רעזאָלוציע, דאס די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע באציט זיך אויך אויף אידען, און דאָס אין דעם פרייען און זעלבסטשטענדיגען פוילען זאָל אויך די אידישע מינאריטעט האָבען אירע באזונדערע נאַציאָנאַלע רעכט. צום ערשטען מאָל אנערקענט דער אינטערנאַציאָנאַל דאָס רעכט פון דער אידישער נאַציאָן אויף נאַציאָנאַלען לעבען, נאַציאָנאַלע ענטוויקלונג און נאַציאָנאַלע צוקונפט. דערמיט איז אין פרינציפּ אויך אנערקענט געוואָרען דאָס רעכט פון דעם אידישען פאָלק אויף נאַציאָנאַלע און

טעריטאָריעלע זעלבסטשטענדיגקייט. אויף דעם צוקונפטיגען סאָציאַליסטי־שען אינטערנאַציאָנאַל, צו וועלכען די האאגער קאָנפערענץ איז נאָר א פאָרשפּיל, וועט דאָס פּראָבלעם פון דעם איבערבוי פון אייראָפּא אויף דעם יסוד פון פרייע נאַציאָנאַליטעטען אוועקגעשטעלט ווערען אין זיין גאַנצער וועלט־היסטאָרישער גרויסקייט און אויך דאָס פּראָבלעם פון דער אידישער נאַציאָנאַליטעט וועט דאָרט פאַרהאַנדעלט ווערען. די האאגער קאָנפערענץ האָט פּאָרבאַרייטעט דעם וועג פאַר די פאַרהאַנדלונגען פון דעם אידישען פּראָבלעם אויף דעם צוקונפטיגען אינטערנאַציאָנאַל און די אויפנאַמע פון דעם אידישען פאָלק אין דעם אינטערנאַציאָנאַלען בונד פון די פרייע פעלקער פון דער צוקונפט.

דאָס אידישע פאָלק, וועלכעס איז דאָס אומגליקליכע שטיפקינד פון דער מענשהייט, איז אויך צום אומגליק געווען דאָס שטיפקינד פון דעם סאָציאַ־ליסטישען אינטערנאַציאָנאַל. בשעת אלע אונטערדריקטע פעלקער האָבען באַקומען זייער שוץ און רעכט אויף דער טריבונע פון אינטערנאַציאָנאַל, איז די אידישע נויט אויף דעם אינטערנאַציאָנאַל ניט דערמאָנט געוואָרען. ווייטער פון אן איינמאָליגען פּראָטעסט געגען די פּאָגראָמען, וועלכע האָבען אויפגעטרייסעלט דאָס געוויסען פון דער מענשהייט, איז דער אינטערנאַ־ציאָנאַל ניט געגאַנגען בנוגע די אידען. די אנערקענונג פון דער אידישער נאַציאָן, אָדער גאָר פון דער אידישער נאַציאָנאַלער רעכט וואָלט ניט געקענט האָפען אויף דער צושטימונג פון דעם פריערדיגען אינטערנאַציאָנאַל.

עס פאַרשטעהט זיך, דאָס די אייגענטליכע שונאים פון דער אידישער נאַציאָנאַליטעט אויף דעם אינטערנאַציאָנאַל זיינען שטענדיג געווען די אי־דישע אַסימילאַטאָרען, געטויפטע, און ניט־געטויפטע, וועלכע קומען פון ארבע כנפות הארץ צום אינטערנאַציאָנאַל און פאַרשרייבען זיך אויף פרעמדע פּאַספּאָרטען. בשעת אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליסטישען קאָנ־גרעס אין בריסטעל, אין יאָר 1891, האָט מען א דאַנק דעם הערר אייב קאהן פון אמעריקא פאַרהאַנדעלט וועגען א רעזאָלוציע געגען דעם אנטיסעמיטיזם, האָט דער געטויפטער איד וויקטאָר אדלער פון וויען צוריקגעוויזען דיזע רעזאָלו־ציע. אנשטאָט דעם האָט מען אָנגענומען א רעזאָלוציע, דאָס מען איז ניט קיין שונאי ישראל און ניט קיין אוהבי ישראל, דאָס מען איז „געגען אנטי־סעמיטיזם און געגען פילאָסעמיטיזם". יאָרען לאַנג האָבען אידישע אסימילירד־טע סאָציאַליסטען, און אפילו „בונדיסטען", דורך דיזער אונזיניגער רעזאָלו־ציע אויסגעדריקט זייער גאַנצע שטעלונג צום אידישען פּראָבלעם. „ניט קיין שונאי ישראל און ניט קיין אוהבי ישראל", אקוראט ווי אויב מען טאָר אידען ניט האַסען, טאָר מען זיי אויך ניט ליבען. ניט אומזיסט האָט ווילהעלם ליבקנעכט א קלאָפּ געטאָן דעמאָלט האַלב פריינדליך און האַלב פאַרעכטליך

דעם געטויפטען איד וויקטאָר אדלער אויפ'ן פלייצע און אים אָנגערופען „פייגער אידעל". אדלער איז איצט פון די אקטיווסטע דייטשע סאָציאַל־שאָוויניסטען צווישען אלע סאָציאליסטען פון דער גאנצער וועלט.

אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלען קאָנגרעס אין פאריז אין יאָר 1900 איז אָנגענומען געוואָרען א רעזאָלוציע געגען דער אונטערדריקונג פון פינלאנד און פוילען און רוסלאנד, אָבער עס איז מיט איין וואָרט ניט דערמאָנט געוואָרען די אידישע רעכטלאָזיגקייט אין רוסלאנד. אויף יענעם קאָנגרעס זיינען אָבער געוועזען אויך מוטיגע פארטרעטער פון „בונד", וועלכע האָבען אויף דעם קאָנ־גרעס געשוויגען און האָבען זיך שפּעטער היפּאָקריטיש פארענטפערט אין זייערע אויסגאבען. דערפאר האָט דער „בונד" צוגעשטעלט צום אמסטער־דאַמער קאָנגרעס אין יאָר 1904 א מעמאָראנדום, אין וועלכען ער האָט גע־רעכטפערטיגט זיין עקזיסטענץ אלס א באזונדערע אידישע אָרגאניזאציע, ווייל ער פירט דעם קאמף געגען דעם אידישען נאציאָנאַליזם און ציוניזם.

דער אינטערנאַציאָנאַל זעלבסט, אויף וויפיל ער האָט זיך געקענט בא־פרייען פון די אידישע אסימילאטאָרען, האָט יאָ פארמאָגט אין זיך די קראפט אויפצוהויבען זיך צו דער אנערקענונג פון דער אידישער נאציאָנאַליטעט און פון די אידישע נאציאָנאַלע רעכט. ווי באלד דער אידישער פּראָלעטאריאט האָט זיך אָנגעהויבען פילען נאציאָנאַלער און האָט געפאָדערט פון אינטער־נאציאָנאַל זיין אנערקענונג, האָט דער אינטערנאַציאָנאַל אים ניט צוריק־געוויזען. די ציוניסטען־סאָציאליסטען (טעריטאָריאליסטען) פון רוסלאנד האָ־בען באקומען דעם צוטריט צום אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאליסטישען קאָנ־גרעס אין שטוטגארט אין יאָר 1907.

מען געדיינקט נאָך ווי די אסימילאטאָרען פון כל המינים, דער „בונד" און דער „בינטעל", — וועלכע זיינען געוועזען פארטראָטען אויף דעם שטוט־גארטער קאָנגרעס, האָבען אָנגעפאנגען א גאנצען קאמפּיין פון ליגענס און פארלוימדונג כדי ניט צוצולאָזען די פארטרעטער פון א אידישער נאציאָנאַ־לער פארטיי צום אינטערנאַציאָנאַל. דער צוטריט פון די ס. ס. צום אינטער־נאציאָנאַל איז געווען א מאָראַלישער טויטקלאפּ פאר'ן „בונד", פאר זיין אליין־הערשאפט, פאר זיין לעבערליכער אסימילאטאָרישער אויסטייטשונג פון אינטערנאַציאָנאַליזם. וויקטאָר אדלער און די דייטשע און עסטרייכישע סאָציאליסטען האָבען אין נאָמען פון „אינטערנאַציאָנאַליזם" געשטימט געגען דער צולאָזונג פון די ס. ס., בשעת די פראנצויזישע, בעלגישע, ענגלישע, און איטאַליענישע האָבען געבילדעט א מערהייט פאר דער צולאָזונג פון די ס. ס. צום אינטערנאַציאָנאַל. דאָס איז געווען דער ערשטער שריט צו דער באגרינ־דונג פון א אידישער סעקציע אין אינטערנאַציאָנאַל, וועלכע איז ניט מעגליך געווען כל זמן דער „בונד" און דער „בינטעל" האָבען געהערשט איבער דער

אידישער וועלט. אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלען קאָנגרעס אין קאָפּענהאַגען אין 1910, וועלכער איז פאָרגעקומען אין דער צייט פון דער פאנאנדערפאַלונג פון אַלע אידישע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, זיינען, אויסער אַן אויפרוף פון די פּועלי ציון צו די דעלעגאַטען, ליידער ניט געמאַכט געוואָרען קיינע פאַרזוכען צו באַקומען אַ פאַרטרעטערשאַפט פאַר די נאַציאָנאַל סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און ווייטער צו פירען דעם קאַמף פאַר דער אידישער סעקציע.

די רעזאָלוציע פון דער האאגער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפערענץ, וועלכע פּראָקלאַמירט די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמי פון אַלע אונטערדריקטע פעלקער און אנערקענט אויך די אידישע נאַציאָנאַליטעט, ראַמט אָפּ דעם וועג פאַר אַ פרייער דיסקוסיע פון דעם גאַנצען אידישען פּראָבלעם אין אינטערנאַציאָנאַל. דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער קאָן ניט צולאָזען קיין שום אויסנאַמע פון אַ פּרינציפּ, וואָרום זיין גרויסקייט ליגט נאָר אין זיין אבסאָלוטער אוניווערסאַלקייט, וועט ווערען אַ שטיץ און הילף פאַר דאָס אידישע פאָלק אין זיין קאַמף פאַר אויפלעבונג און באַפרייאונג. געוויס וועלען זיך אויך אין צוקונפטיגען אינטערנאַציאָנאַל לאָזען הערען פאַררעטערישע שטימען פון דערשראָקענע און דעמאָראַליזירטע אידלאַך געגען אַ אידישער נאַציאָן און אַ אידישע לאַנד. אָבער דיזע שטימען וועלען מוזען באַלד פאַרשטומען, וואָרום זיי וועלען זיין להיפך צו דעם פרייען אוניווערסאַלען גייסט פון דעם אינטערנאַציאָנאַל.

אָבער דאָס בלייבט דער טרויעריגער פּאַראַדאָקס פון דער פּראַגע, דאָס דער סאָציאַליסטישער נאַציאָנאַליזם האָט זיך דורך זיין אייגענער ענטוויקלונג און דורך דער ענטוויקלונג פון דער וועלט־געשיכטע דערהויבען צו דער מדרגה פון אוניווערסאַלקייט און אָפּגעשאַפען דאָס אידישע אויסנאַמס־געזעץ, בשעת דער אידישער אַסימילאַטאָר אין אינטערנאַציאָנאַל וויל נאָך אַלץ ניט מער ווי בירגערליכע גלייכבארעכטיגונג, דאָס הייסט מאַטעריעלע נוצען פאַר זיך, אָבער ער וויל אויף זיך ניט נעמען די איידעלע לאַסט צו קעמפען פאַר נאַציאָנאַלער פרייהייט, קולטור און שאַפונג.

(פון „אידישען קעמפער“, 1916)

די פועלי ציון און אינטערנאַציאָנאַל

דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל האָט געגעבען א פּלאַץ די פּועלי ציון אויף דער סטאָקהאָלמער קאָנפערענץ און דערמיט אַנערקענט די אידישע סאָציאַליסטישע אַרבייטער פּאַרטיי, וועלכע שטעהט אויף דעם באָדען פון טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע, פאר א גלייכבארעכטיגטען מיטגליד. אויך דער פּאַרטרעטער פון די ס. ט., וועלכע אונטערשיידען זיך איצט פון די פּועלי ציון נאָר דורך זייער פאַרגאַנגענהייט, איז צוגעלאָזען געוואָרען צו דער סטאָקהאָלמער קאָנפערענץ. די צולאָזונג פון סאָציאַליסטען ציוניסטען איז א דאָפּעלטער זיג פאר דער רעוואָלוציאָנערער אידעע אין אינטערנאַציאָנאַל, און אַ זיג פאַר דעם סאָציאַליסטישען ציוניזם, פאַר דעם געדאַנק און פאר דער רעאַליזירונג.

דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך ערשט אין לויף פון דער וועלט מלחמה, וועלכער טראָגט אין זיך דעם קערן פון דער וועלט רע־וואָלוציע, אויפגעהויבען צו דער גרויסקייט פון עכטען און אמת'ען אינטער־נאַציאָנאַליזם. דער רעוואָלוציאָנערער פּרינציפּ פון פרייער און אויטאָנאָמער נאַציאָנאַליטעט איז מיט יאָרען צוריק געווען נאָך פרעמד אין דעם סאָציאַ־ליסטישען אינטערנאַציאָנאַל. די סאָציאַליסטען פון די הערשענדע פעלקער, וועלכע האָבען צוזאַמענגעשטעלט דעם אינטערנאַציאָנאַל, האָבען געקוקט מיט א פיינדליכען און גלייכגילטיגען אויג אויף די קאַמפּען און האָפנונגען פון די אונטערדריקטע פעלקער. אויף דער זעלביגער אינטערנאַציאָנאַלער טריבונע, אויף וועלכער עס האָט געקלונגען דער רוף פון פּראָטעסט און רעוואָ־לוציע געגען קאַפּיטאַליזם, געגען די רעכטלאָזיגקייט פון דער פרוי, געגען מיליטאַריזם, אויף דער זעלביגער טריבונע האָט די שטימע פון אונטערדריק־טע פעלקער ניט געהאַט קיין מוט פאַנאַנדערצוקלינגען, וואָרום זי וואָלט ניט געפונען קיין אָפּקלאַנג און וואָלט ארויסגערופען ווידערשפּרוך. א ווידער־שפּרוך, מחמת די סאָציאַליסטען פון די הערשענדע פעלקער זיינען נאָך אַליין געווען פאַר'סמ'ט פון דעם רעאַקציאָנערען נאַציאָנאַליזם און אימפּעריאַליזם פון זייער הערשענדען קלאַס און זיינען געווען אינטערנאַציאָנאַל נאָר אין וואָרט. יאָ, אָפטמאָל האָבען זיי זייער אינטערנאַציאָנאַליסטישע פראַזעאָ־לאָגיע געברויכט צוליב דער אייגענער נאַציאָנאַלער הערשאַפט און צוליב דער פרעמדער אונטערדריקונג.

ערשט די סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערע אויפוואַכונג פון דעם פּראָלע־טאַריאַט פון די אונטערדריקטע פעלקער האָט באַשאַפען א בעסערע פאַר־

שטענדעניש אין אינטערנאַציאָנאַל פאַר דעם רעוואָלוציאָנערען פּרינציפּ פון פרייער נאַציאָנאַליטעט. ביסלאַכווייז האָט דער אינטערנאַציאָנאַל אנער־קענט אין פּרינציפּ די לעבענס בארעכטיגונג פון נאַציאָנען, וועלכע זיינען בארויבט געוואָרען פון זייער זעלבסטשטענדיגקייט און וועלכע האָבען זיך ניט אָפּגעזאָגט פון זייער היסטאָרישער האָפנונג. דיזע אונטערדריקטע פעל־קער זיינען אנערקענט געוואָרען אין זייער רעכט אויף נאַציאָנאַלע רעפּרעזענ־טאַציע אין אינטערנאַציאָנאַל. דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל האָט נאָר צוליב דעם אַרומיגען צוואַנג און נאָר אויף אַ האַלבען וועג אנער־קענט דאָס רעכט פון יעדען פאָלק און אַלע פעלקער אויף פרייהייט און באַ־פרייאונג, זעלבסטשטענדיגקייט און אָריגינאַליטעט.

עס פארשטעהט זיך, אז דאָס אידישע פאָלק האָט ווייניגער פאַר יעדעס אנדערע פון די אונטערדריקטע פעלקער געקענט ערוואַרטען גערעכטיגקייט און אנערקענונג פון סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל. דער רעאַקציאָנערער אייגענער נאַציאָנאַליזם פון דער מאַיאָריטעט פון אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך צוזאַמענגעטראָפען מיט דעם רעאַקציאָנערען פרעמדען נאַציאָנאַליזם פון די אידישע אסימילאַטאָרען, וועלכע פלעגען אונטער אַלערליי פרעמדע נאַציאָנאַ־לע פעדערען אָנפילען דעם אינטערנאַציאָנאַל. דער אידישער מה־יפית־סאָ־ציאַליסט איז געווען דער פאַרביסענער און דערשראָקענער געגנער פון יעדער אידישער זעלבסטשטענדיגקייט אין אינטערנאַציאָנאַל. בשעת דער אינטער־נאַציאָנאַל האָט געגעבען אין יאָר 1907 אויף דעם קאָנגרעס פון שטוטגאַרטען די סאָציאַליסטען־טעריטאָריאַליסטען בעראַטונגס רעכט, איז דאָס געווען אַ טרויעריגע שטונדע פאַר דעם „בונד". יאָרען לאַנג פלעגען די „בונדיסטען" אין זייערע מעמאָראַנדומס צום אינטערנאַציאָנאַל פאַר'מסר'ען די אידישע באַפרייאונג און די אידישע רענעסאַנס, זיי פלעגען כשר'ען זייער אידישע אָבגעזונדערטקייט מיט זייער הייליגען קאַמף געגען דער אויפלעבונג פון אי־דישען פאָלק. די צולאָזונג פון ס. ס. צום אינטערנאַציאָנאַל, אבוואָל מיט אַ בעראַטונגס שטימע, איז געווען אַ מאָראַלישער קלאַפּ פאַר דעם „בונד", אַ שפּאָט פון אינטערנאַציאָנאַל איבער דעם „איינציגען פאָרשטעהער".

דורך די איצטיגע איינלאַדונגען פון די פּועלי ציון צום אינטערנאַציאָנאַל, שוין אַלס אַ גלייכבארעכטיגטער מיטגליד אין דעם פּראָלעטאַרישען וועלט קאָנגרעס, האָט דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל איינמאָל פאַר אַלע מאָל זיך אָפּגעזאָגט פון יעדען אימפּעריאַליזם און נאַציאָנאַלען שאָוועניזם. דער אינטערנאַציאָנאַל האָט דורך די אנערקענונג פון סאָציאַליסטישען־ציוניזם אַלס אַ רעוואָלוציאָנערע פאָדערונג פון אידישען פּראָלעטאַריאַט, וועל־כע ליגט אין דער ליניע פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, ענטגילטיג זיך אויפ־געהויבען צו דעם רעוואָלוצאָנערען פּרינציפּ פון פרייער נאַציאָנאַליטעט בכלל.

דער סאָציאַליסטישער־ציוניזם פייערט דורך זיין אַריינטריט אין אינטערנאַציאָנאַל אַ גרויסען זיג. געווים נויטיגט זיך ניט די אידישע פרייהייט־אידעע אין דער אַנערקענונג פון אינטערנאַציאָנאַל, כדי צו באַקומען מער אינווייניגע זיכערקייט פון איר אמת. אויב דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליזם האָט ביז איצט ניט אַנערקענט דעם סאָציאַליסטישען ציוניזם, איז דאָס געווען נאָר אַ מאָראַלישער אונגליק פאַר דעם אינטערנאַציאָנאַל און דורכאויס ניט א באַווייז פון אָרימקייט פאַר דער אידישער פרייהייט אידעע. די אַנערקענונג פון אינטערנאַציאָנאַל איז א גרויסער נצחון איבער דעם מה־יפית סאָציאַליסט, וועלכער האָט פון דער מאָראַלישער שוואַכקייט פון אינטערנאַציאָנאַל געשלאָגען קאַפּיטאַל פאַר זיין אַסימילאַטאָרישען פּאַראַט. דער „בונד” אין רוסלאַנד, דער „גענאָסע” אין אַמעריקאַ, האָבען אויסגענאַרט ביי דעם גוי׳ישען סאָציאַליסט דעם „לייבעל”. זיי האָבען זיך ביליג איינגעקויפט, אַלץ אויפגעגעבען און גאָרניט געמאַנט און געפאָדערט. אין זיין בלינדער אונוויסענהייט וועגען דעם אידישען גייסט און דער אידישער מאַטעריע האָט דער גוי׳ישער סאָציאַליזם געמיינט, אַז ער האָט געהאַנדעלט א מציאה, בשעת באמת האָט ער נאָר געקויפט א גנבה. אָבער דער אויסגענאַרטער „לייבעל” האָט געגעבען קוראַזש דעם מה־יפית סאָציאַליזם, האָט ארויפגעוואָרפען א שרעק אויף די נאָך אונפרייע אידישע מאַסע, האָט געהאַלטען אין גייסטיגער געפאַנגשאַפט דעם מוטלאָזען אידישען אינטעליגענט. דער אידיש־שפּרעכענדער „גענאָסע”, דער איינציגער פאָרשטעהער, זיינען געווען אַלמעכטיג אויף דער אידישער גאַס ניט דורך די אייגענע מאָראַלישע קראַפט, נאָר דורך די פרעמדע, אויסגענאַרטע אנערקענונג, דורך די פאַרלוימדונג פון דער אידישער פרייהייטס באַוועגונג.

דער אַריינטריט פון די פועלי ציון אין סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל איז דערפאַר א גרויסער נצחון פאַר דער רעוואָלוציאָנערער אידעע אין דעם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליזם, פון דעם ציוניזם אויף דער אידישער פּראָלעטאַרישער גאַס. דיזע אַנערקענונג מצד דעם אינטערנאַציאָנאַל מיינט אָבער אויך א גרויסע הילף פאַר דער פאַרווירקליכונג פון ציוניזם. די מלחמה האָבען ארויסגערופען די רעגירונגען. דעם פרידען וועלען גרינדען די פעלקער, די דעמאָקראַטיען, דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַריאַט. דורך די איינלאַדונג פון די פועלי ציון האָט דער אינטערנאַציאָנאַל אַנערקענט דעם סאָציאַליסטישען־ציוניזם און האָט אים געגעבען דאָס רעכט, פון זיין רעוואָלוציאָנערער טריבונע צו לאָזען הערען די שטימע פון דעם אידישען פאָלק פאַר א סאָציאַליסטישער אידישער רעפּובליק אין ארץ ישראל.

(פון „אידישען קעמפער” 1917).

אוטאָפּיש, רעפאָרמיסטיש, קאָנטער־רעוואָלוציאָנער.

א.

אוטאָפּיש, רעפאָרמאטאָריש, קאָנטער־רעוואָלוציאָנער, — אזוי האָט אקארשט אָנגערופען די עקזעקוטיוו קאָמיטע פון דעם דריטען אינטערנאַציאָנאַל דעם פּאַלעסטינישען יסוד פון די פּועלי ציון בשעת זיי האָבען זיך געווענדעט צום דריטען אינטערנאַציאָנאַל וועגען אנשלוס. דער עקזעקוטיוו האָט געשטעלט די פאָדערונג צו די פּועלי ציון, אז זיי זאָלען פולשטענדיג ליקווידירען די פּאַלעסטינישע אידעאָלאָגיע. צו דערזעלביגער צייט האָט דער עקזעקוטיוו פון אינטערנאַציאָנאַל אנערקענט, אז די אידישע עמיגראַציאָנס־באַוועגונג איז א רעזולטאט פון דער באַזונדערער עקאָנאָמישער לאַגע פון אידישען פּראָלעטאַריאַט און אַז די סעקציעס פון קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל אין די פארשידענע לענדער דאַרפען שיינקען זייער אויפמערקזאַמקייט צו דעם פּראָבלעם פון דער אידישער וואַנדערונג. אין דעם בריף פון דעם עקזעקוטיוו פון דריטען אינטערנאַציאָנאַל צו די פּועלי ציון האָבען מיר, אזוי צו זאָגען, די וועלט־אנשויאונג פון דריטען אינטערנאַציאָנאַל וועגען אידען און אידישקייט.

אזוי דוכט זיך אוים אָבער נאָר אויבערפלעכליך. אויפ'ן פּאַפּיר קאָן זיך אויסדוכטען, אז פון דיזער רעזאָלוציע רעדט דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל. באמת רעדען דאָס די אַלטע אידישע פארשוינען, די אָפענע אסימילאַטאָרען, די בונדיסטישע אידען על־פּי־אונס, די פאַר ענטלאָפענע טעריטאָריאַליסטען, סיימאָוועצעס און, דאכט זיך, אויך ציוניסטען. דער אינטערנאַציאָנאַל, אין זיין גוי'אישער צוזאַמענזעצונג, גיט נאָר זיין אפּאָרטוניסטישע הסכמה, אביסעל מיט א שמייכעל פון גרינגשעצונג, צו דיזער גאַנצער אידישער קאָפּ־דורעניש אויף דער אַנטי־ציוניסטישע רעזאָלוציע. עס האַנדלען אידען מיט דער סחורה אידען און אידישקייט אויף א פרעמדען בילעט, אונטער א פרעמדער וויזע, אונטער דעם שילד פון דריטען אינטערנאַציאָנאַל.

זייט כמעט צוואַנציג יאָר פירט דער סאָציאַליסטישער ציוניזם מיט יענע אידען־על־פּי־אונס א דיסקוסיע, און די דיסקוסיע האָט זיך אייגענטליך געשלאָסען. די בונדיסטישע אויפפאַסונג פון אידישען פּראָבלעם, אז סאָציאַל איז דער אידישער פּראָבלעם ניט מער ווי אַ קאַמף פון אידישער אַרבייט געגען אידישען קאַפּיטאַל, און נאַציאָנאַל איז ער די שטרעבונג פון אידישען

פאָלק צו פּאָליטישער גלייכבּערעכטיגונג אין אלע לענדער. יענע אויפפאסונג האָט שוין פולשטענדיג באַנקראָטירט. זי האָט באַנקראָטירט אין דער טעאָריע. זי האָט באַנקראָטירט היסטאָריש אין די פּראַקטישע געשעהענישען, זי האָט ארויסגערופען דעם ווידערשפּרוך פון דעם גאַנצען פּראָגרעסיווען באַוואוסטזיין. דיזער קריסטאל־ריינער אידישער קלאסען־קאַמף, וועלכער בלאָזט זיך און פּלאַצט אויס אין אידישער „ראַוונאָפּראַוויע", דאָס הייסט אין אוניווערסאלער קרעמעריי, שטעהט שוין לאנג פאר דעם ריכטער־שטול פון סאָציאליזם ווי א מיאוס'ע קאַריקאַטור, ווי א שווינדעל, וועלכער האָט זיין מקור אין דער אידישער בורזשואַזער אידעאָלאָגיע. לגבי דעם ציוניזם, וועלכער וויל מאַכען פון דעם ניט־פּראָדוקטיווען אידישען פּאָלק א פּאָלק פון אַרבייט און סאָציאליזם און וועלכער וויל אויפהויבען דעם כבוד און דעם גייסט פון אידישען פּאָלק דורך נאַציאָנאַלער באַזינונג און לייטערונג, איז דער בונדיזם מיט זיין אידעאל פון אַ בעסער באַצאָלטען אַרבייטער, פון גלייכבּערעכטיגונג און פארשווינדונג פון אַנטיסעמיטיזם, נאָר אַן אומגליקליכע נאַרישע השגה. וואו איז די ליטעראַטור פון „בונד", וואו ער האָט אויפגענומען אַן ערליכען אידעען־קאַמף געגען דעם ציוניזם און סאָציאליסטישען ציוניזם, וועלכער האָט געשאפען אַן אומגעהייערען אוצר פון דער־קענטנישען און אונטערזוכונגען און וועלכער ווערט אַלץ מער באַרייכערט און פארטיפט דורך פּאַראייניגס אַנוואקסענדע געדאַנקען? א חוץ א פּאָר שקרים, בלבולים און א פּאָר אידיאָטסקע אנעקדאָטען האָט דער „בונד" גאָר־נישט ניט געענטפערט אויף די ציוניסטישע קריטיק און דעם ציוניסטישען רוף.

די דיסקוסיע מיט דיזע אידען־על־פּי־אונס וואָלט מען געקענט רוהיג באַטראַכטען פאַר פאַרענדיגט. ניט פון אידעאָלאָגישע, מאָראַלישע מאָטיווען פירען יענע אידען יעצט דעם קאַמף געגען דעם ציוניזם, און זייער לעצטער סטראַטעגישער אויסדרעה איז, אַז זיי מיידען אויס פאָרזיכטיג יעדע טעאָרעטישע אָנרירונג פון דעם אידישען פּראָבלעם בכלל. רעדען אָבער יענע אידען־על־פּי־אונס יעצט ניט פון א פארזאַמלונג אין ווילנע אָדער ניו יאָרק, נאָר פון דריטען אינטערנאַציאָנאַל אין מאָסקווע. און די טריבונע, אויף וועלכער זיי שטעהען און וועלכע זיי מיסברויכען, פאָדערט שוין א תשובה אויף זייער נייער אטאקע, כאָטש דיזע נייע אטאקע איז אין איר אינהאלט גענוג אַלטגעבאַקען און פאַרשימעלט.

אז דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל האָט באמת מיט דיזער פארניינונג און פארלוימדונג פון דער אידישער באפרייאונג גאָרנישט צו טאָן, איז, פאר־שטעהט זיך, פאר קיינעם קיין סוד ניט. די באַציאונג פון די ניט־אידישע סאָציאליסטען צום אידישען פּאָלק און צום ציוניזם איז אמאָל אפילו ניט שטענדיג געשטאַנען אויף דער אבסאָלוטער הויך פון סאָציאליזם, אָבער זי

איז סוף כל סוף געוואָרען אומעדום א פּאָזיטיווע און ערליכע. אין די ערשטע פּאָר יאָרען פון דער אידישער ארבייטער־באוועגונג, בשעת עס האָט געהערשט אין איר אלס איינציגער פאָרשטעהער דער איד־על־פּי־אונס, האָט אין דעם טעמפּעל פון אינטערנאציאָנאלען סאָציאליזם געקלונגען דער פּוסטער קול פון דער אידישער אסימילאציע. די פירער פון די אידישע ארבייטער פלעגען זיך וואָרפען ביי יעדער פאסענדער געלעגענהייט צו די אינטערנאציאָנאלע ארבייטער אויפ'ן האלז קושען. און שוין פון סאָציאליסטישער העפליכקייט האָבען די ניט־אידישע סאָציאליסטען ניט געקענט אָפּזאָגען די אידישע גע־נאָסען אין אסימילאציע, און די איינפלוסרייכע אידישע גענאָסען פון דעם אינטערנאציאָנאלען פּראָלעטאריאט. די זינגערס, אדלערס, שטאדטהאגענס, וואורמס, א. ז. וו. פלעגען ניט איינמאָל ארייננהאקען שטילערהייט א גוטען וויץ וועגען אידען אין דער סאָציאליסטישער קאָמפּאניע, פלעגען א זידעל טאָן דעם איד, מיינענדיג דעם אידישען בורזשוא, וואס דאס איז נאָך א ירושה פון קארל מארקס. דער אינטערנאציאָנאלער סאָציאליזם האָט געהאלטען אין דעם ענין אידישקייט מיט'ן „בונד". און ער האָט לכתחילה אויך גאָר ניט געוואוסט פון אן אנדער שטרעמונג אין אידישען סאָציאליזם. בכלל זיינען די פּניות פון דער בורזשואזער אסימילאציע געוואָרען די טעות'ן פון דעם אינטערנאציאָנאלען סאָציאליזם.

מיט זיין שטענדיגער גייסטיגער קורצזיכטיגקייט האָט דער „בונד" טאקע געמיינט, אז דער אינטערנאציאָנאלער סאָציאליזם וועט אין זיין קאמף געגען דער אידישער באפרייאונג בלייבען אייביג שטעהן אויף זיין, דעם בונד'ס, צד. צו דעם אינטערנאציאָנאלען סאָציאליסטישען קאָנגרעס אין אמסטערדאם אין יאָר 1904 האָט דער „בונד" צוגעשטעלט זיין בארימטען מעמאָראנדום, אין וועלכען די באזונדערע עקזיסטענץ פון „בונד" ווערט גערעכטפערטיגט דורך זיין קאמף געגען ציוניזם און אלע פּראָלעטארישע פאָרמען פון ציוניזם. דעם ציוניזם האָט דער „בונד" ארויסגעשטעלט פאר די נאאיווע גוי'שע סאָציא־ליסטען אלס א שטרעבונג פון דער אידישער בורזשואזיע, כדי אָנצוהאלטען די זעלבסטהערשאפט און דעם קאפּיטאליזם. דער ציוניזם האָט מורד גע־ווען אן פּראָלעטאריאט און אָן פּראָגרעס. מיט דיזער „ערליכער" אָנקלאגע האָט דער קלוגער „בונד" געוואָלט געווינען פאר זיך דעם אינטערנאציאָנאלען סאָציאליזם אין זיין קאמף געגען ציוניזם.

האָט די פארדינטע שטראָף פאר דיזער דומהייט און נידערטרעכטיגקייט באלד געטראָפען דעם „בונד". צו דעם אינטערנאציאָנאליסטישען קאָנגרעס אין שטוטגארט אין יאָר 1907 האָבען שוין די ס. ס. באקומען א צוטריט ווי אנערקענטע סאָציאליסטען. אומזיסט האָט דער „בונד" מרעיש עולם געווען און געלאָזען אין באוועגונג זיין גאנצען איינפלוס. ביי דער ערשטער עפענט־

ליכער באַגעגעניש מיט די ציוניסטען־סאָציאַליסטען האָט דער „בונד" לעכער־ליך פאַרשפּילט. די מאַיאָריטעט פון דעם קאָנגרעס־עקזעקוטיוו האָט גע־שטימט פאַר דער צולאָזונג פון די ס. ס. צום קאָנגרעס. און עס איז אינטע־רעסאַנט, אַז זשאָרעס און ראָזאַ לוקסעמבורג האָבען געשטימט פאַר דער צולאָזונג פון די ס. ס. און די אידישע אַסימילאַטאָרישע בערען ווי אַדלער און זינגער האָבען געווירקט אויף זייערע לאַנדמאַנשאַפטען צו שטימען געגען. אַזוי האָט דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליזם געמאַכט צו שפּאָט דעם בונד'ס מיאוס'ע שקרים וועגען ציוניזם.

מיט אַ פאַרשעמטען פּנים האָט דער „בונד" נאָך זיין אומגליקליכער מפּלה אויפ'ן שטוטגאַרטער קאָנגרעס אויפגעגעבען זיין פּרעטענזיע צו זיין דער איינציגער פאָרשטעהער פון אידישען פּראָלעטאַריאַט. וויינינגסטענס האָט ער עס אויפגעגעבען אין סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל. פון וויטערדיגע מעמאָראַנדומס צום אינטערנאַציאָנאַל, וואו דער „בונד" זאָל זיך באַרימען מיט זיין קאַמף געגען ציוניזם, איז שוין גאָרנישט ניט באַקאַנט. דער פּסק דין פון אינטערנאַציאָנאַל, אַז דער סאָציאַליסטישער ציוניזם ליגט ניט אין חרם פון סאָציאַליזם, איז געווען אַ שווערע נידערלאַגע פאַר'ן „בונד". די אַלטע קראַפט פון דער אַסימילאַציע, דער הסכם, דאָס גוטע וואָרט פון די גוים, האָט זיך צו זיין איינגענער איבערראַשונג אָפּגעטאָן פון דעם „בונד".

אין די לעצטע צען יאָר האָבען אָבער די פּועלי ציון, וועלכע זיינען גע־בליבען די איינציגע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי צווישען אידען, געפונען אַן ענגען אַנשלוס צו דעם סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל. באַ־זונדערס איז זייט דער וועלט־מלחמה געשטיגען דאָס פאַרשטענדניס פאַר'ן ציוניזם אין די סאָציאַליסטישע רייען אין דער גאַנצער וועלט. די סאָציאַליס־טישע פּאַרטייען און די סאָציאַליסטישע פירער פון דער גאַנצער וועלט, פון קאַשען אין פראַנקרייך ביז דעבס אין אַמעריקאַ, האָבען ניט איינמאָל אויס־געשפּראָכען זייערע אויפריכטיגע סימפּאַטיען פאַר'ן ציוניזם. אויף אַלע אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע צוזאַמענקונפטען פאַר די לעצטע יאָרען, פון בערן ביז ווין, האָבען די פּועלי ציון שוין פאַרנומען אַ גאַנץ באַדייטענדען פּלאַץ, און די פאַרטרעטער פון „בונד" האָבען שוין ניט געוואַגט מער אפילו צו פּראָווען פירען אַ קאַמף געגען ציוניזם אין אַנוועזענהייט פון ניט־אידישע סאָציאַליסטען.

די סימפּאַטיע צום ציוניזם וועט באַלד שלאָגען וואָרצלען אויך אין דריטען אינטערנאַציאָנאַל. דוקא דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער שטעהט שוין פאַר די אויפגאַבען פון קאָנסטרוקטיווען סאָציאַליזם, מוז האָבען אַ טיפען פאַרשטענדניס פאַר דער אידישער סאָציאַלער קאָלאָניזאַציע, וועלכע וויל פאַרבייטען דעם פּאַראַזיטישען מסחר־גלות אויף אַרבייט, און

וועלכע וויל באַרייכערען די מענשהייט מיט דער אויפלעבונג פון דעם רעוואָ־לוציאָנערען אידישען פאָלק. עס איז נאָר א געלעכטער צו זאָגען, אז דער רוסישער סאָוויעט, דאָס רוסישע דאָרף, דער רוסישער קאָאָפּעראַטיוו, די סאָציאַליסטישע פאבריק, קענען עפּעס האָבען פּרינציפּיעל געגען דער אויס־וואנדערונג פון אידען אין ארץ ישראל און זייער קאָלאָניזירונג דאָרט מיט א סאָציאַליסטישען און נאציאָנאַלען אויסקוק. אָדער קענען עפּעס האָבען א טענה געגען ציוניזם, לונאַטשאַרסקי, בוכאַרין, לענין, טשיטשערין, אָדער גאָר די דייטשע, פראנצויזישע, איטאַליענישע קאָמוניסטען, דיזעלביגע קאָמו־ניסטען, וועלכע האָבען גאָרניט לאַנג געגעבען די שפּאַלטען פון זייער פּרעסע פאר סאָציאַליסטיש־ציוניסטישע ארטיקלען? די ניט־אידישע קאָמוניסטען פון דריטען אינטערנאציאָנאַל זיינען באמת אַקוראַט אזוי ווייניג געגען דעם ציוניזם, ווי די סאָציאַליסטען פון די אנדערע ריכטונגען, זיי זיינען נאָר א קרבן פון דער שנאה צום ציוניזם, וועלכע לעבט נאָך עד היום ביי די על־פּי־אונס־אידען. ביי די אידען, וועלכע האָבען זיך אָנגעטשעפּעט מיט גאָט'ס הילף א באָלשעוויסטישען טשין. עס דאַרף יעצט ווערען די אויפ־גאַבע פון די פּועלי ציון צו צורייסען דעם געוועב פון שקר און פאַרלוימדונג, אין וועלכען יענע אידען האָבען אריינגעשלעפּט דעם דריטען אינטערנאַ־ציאָנאַל צו א רעוויזיאָן פון זיין באציאונג, וועלכע מאַכט דעם דריטען אינ־טערנאציאָנאַל ניט קיין כבוד.

אוטאָפּיסטיש, רעפאָרמאַטאָריש, קאָנטר־רעוואָלוציאָנער איז דער ציוניזם — צו אזא ערקלערונג האָבען דימענטשטיין און ראַפעס, אָדער ווי זיי רופען זיך דאָרט אָן, פאַרנאַרט דעם אומשולדיגען דריטען אינטערנאַציאָנאַל. מיר דאַרפען פּרוּאווען די ערליכקייט פון דיזע באַשולדיגונגען.

ב.

אוטאָפּיש, רעפאָרמאַטאָריש, קאָנטר־רעוואָלוציאָנער איז דער ציוניזם, אזוי רעדען די פּאָר על־פּי־אונס־אידען אין מאָסקווע, מיט ווייניג שרעק פאר דער געוואַלטיג אויפשטייגענדער ציוניסטישער באַוועגונג.

דער ציוניזם איז אוטאָפּיש. דאָס איז א טענה, וועלכע איז אזוי אַלט ווי דער ציוניזם גופא. אזוי ווי א פּאַרקרימעניש פאַרפאָלגט דאָס וואָרט אוטאָפּיע יעדע שעהנע און הערויאישע אידעע אין דער געשיכטע. אוטאָפּיע איז אין קאַמף געגען אידען דער כלי זין פון אַלע זאַטע, זעלבסטצופרידענע מאַכטהאָבער און באַזיצער,, און פאר דיזען כלי זין כאַפּען זיך אָן אַלע סקעפּטיקער און ציניקער, וועלכע האָבען עפּעס אַן אורזאַך ניט צו וועלען דעם ערפאָלג פון א געוויסער אידעע. וויפיל שפיכת דמים איבער אַלע ריינע אידעען און אידעאַליסטען האָט מען געפּראַוועט אין דער וועלט מיט דיזען

זעלבסטצופרידענעם ווערטעל אוטאָפּיע. אין זיינע פארשידענע וואריאציעס איז דיזער ווערטעל געלעגען אין וועג ענטקעגען אלע ענטדעקער, ערפינדער, רעפאָרמאַטאָרען, רעוואָלוציאָנערען פון דער וועלט. מיט דיזען ווערטעל האָט מען געוואָלט מבטל מאַכען קאָלומבוס'ן, סטיפענסאָן, אלע נייע וועג־זוכער אין וויסענשאַפט, טעכניק, לעבען; לאַסאַל'ן, מאַרקס'ן, לענינ'ען די אלע טרוימער און קעמפער פאר דאָס, וואָס אין דער וויסענשאַפט און דער געזעלשאַפט איז נאָך ניטאָ, נאָך ניט רייף געוואָרען.

עס איז אַן אומקריטישער, געדאַנקלאָזער וואָרט, וועלכען עס געברויכט דער זעלבסטצופרידענער מאַכטהאָבער און דער אומגליקליכער פּראָסטאַק, ווען זיי שטויסען זיך אָן אויף אַ נייע אידעע, אַ נייע אָפּשאַצונג, אַ נייע וועהלונג, אַ נייע באַוועגונג אין דער וועלט. „ניט קיין פּאַרווירקליכענדע (דאָס מיינט אוטאָפּישע) חלומות", האָט ניקאָלאַי דער צווייטער אָנגערופען אַמאָל די רוסישע ליבעראַלע שטרעבונגען. יעדער דייטשער רעאַקציאָנער און צור־קראָכענער ליבעראַל האָט אַ רעוואָלוציאָן אין דייטשלאַנד ניט נאָר געהאַלטען פאַר שלעכט, נאָר קודם כל פאַר אוטאָפּיש און אוממעגליך. און ראַפּעס און דימענטשטיין זידלען מיט דעם וואָרט אוטאָפּיע די אידישע נאַציאָנאַלע וועהלונג, וועלכע האָט, ווי אלע גרויסע אידעען יעצט געשטייגערט כמעט צו מיסטישער גרויס, און וועלכע האָט אין אונזער צייט דערוועקט אלע העכערע מענשען פון פאָלק, פון מאָזעס העס ביז די העלדישע חלוצים.

די ערליכע פאָרשונג האָט ניט געפונען קיין שום מאַסשטאַב, מיט וועלכען מען זאָל קענען מעסטען און פּרואווען אַ געזעלשאַפטליכע וועהלונג, צי איז זי רעאַל אָדער פאַנטאַסטיש, אוטאָפּיש בלע"ז. ווען אַ געזעלשאַפטליכע וועהלונג שטראָמט פון נויטען פון לעבען, שטרעבט צו אַ העכערער פאָרם פון לעבען, שטיצט זיך אויף די פּראָגרעסיווע קרעפטען פון דער וועלט, איז זי רעאַל, איז זי געשיכטע. דער ציוניזם איז ניט אוטאָפּיש, נאָר דער ציוניזם איז דאָס אידישע לעבען, די אידישע געשיכטע, דער אידישער פּראָגרעס, די אידישע רעוואָלוציע, ווען דער ציוניזם שטייגערט זיך צו זיין העכסטען אויסדרוק, צום סאָציאַליסטישען ציוניזם. נאָר אַ געפיל פון רחמנות און, מען מוז דעם וואָרט געברויכען, אַ געפיל פון עקעל רופען אַרויס די זעלבסטצופרי־דענע נשמות, אין די פרעמדע קאָמוניסטישע פעדערען, ווען זיי ווילען פאַר־יאָגען די לעבעדיגע אידעען מיט דעם אויסגעקראָכענעם בעזים פון אוטאָפּיע.

דער ציוניזם איז רעפאָרמאַטאָריש, איז די צווייטע אָנקלאגע פון די על־פּי־אונס־אידען אין דריטען אינטערנאַציאָנאַל. אויב דער ציוניזם איז רעפאָרמאַטאָריש, איז דער גלות, אָדער וויינינגסטענס די סאָציאַליסטישע, די קאָמוניסטישע באַוועגונג אין גלות, רעוואָלוציאָנער. פון דעם קלאַנג פון די ווערטער: „ציוניזם און סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין גלות" לאָזט מען זיך

צום באַדויערען אַזוי ליכט פאַרנאַרען. און מען זוכט רעוואָלוציע, וואו עס זשוזשעט נאָר דער וואָרט רעוואָלוציע, און מען שרייט רעפאָרם, וואו דיזע זשוזשעריי איז ניטאָ.

די אידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג וואָלט דאַמאָלט געווען א סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע, ווען זי וואָלט אויפגעבויט געווען אויף דער שטאַנדהאַפטער אידישער ארבייט. איז אָבער די אידישע פּראָלעטאַרישע ארבייט אין גלות ניט מער ווי א צייטווייליגער עפּיזאָד, וועלכער איז אויפגעטרעטען נאָר אונטער דעם פורכטבארען פּאָליטישען און סאָציאַלען דרוק אויף אידען אין די לעצטע פופציג יאָר. שוין יעצט געהט די דעפּראָלעטאַריזירונג פון דער אידישער פּאָלקסמאַסע, אין קאַפּיטאַליסטישען אמעריקא און נאָך מער אין קאָמוניסטישען רוסלאַנד, מיט ריעזען־שריט. אין אמעריקא זיינען די אידישע ארבייטער נאָר צייטווייליגע ארבייטער, ארבייטער על־פּי־אונס, וועלכע ברעכען מיט דעם אידישען שכל דעם עקאָנאָמישען אונס און געהען אריבער אין אַן אַנדערען סאָציאַלען מצב. די איינוואַנדערונג ברייננגט כוואַליעס אידישע פּראָלעטאַריער אין אמעריקא, וואו זיי קאָכען זיך אביסעל אין פּראָלעטאַרישען קעסעל, פון וועלכען זיי שפּרינגען אָבער ארויס פאַראיינס אין דער געשטאַלט פון קאַפּיטאַליסטישע העכט אָדער קליינבירגערליכע הערינג. דאָס איז דער סאָציאַלער פּראָצעס, וועלכען די אידישע באַפעלקערונג אין אמעריקא מאַכט דורך, אין היפך צו די אַלע אַנדערע פעלקערשאַפטען, וועלכע קומען אין אמעריקא. און אין רוסלאַנד איז דיזער פּראָצעס נאָך בולט'ער, שרעקליכער, דראַהענדער. אין קאָמוניסטישען רוסלאַנד זיינען נייַנציג פּראָצענט אידען ספּעקולאַנטען, הענדלער, קרעמער, פּאַרמיטלער, און יעצט ווען דער קליינהאַנדעל ווערט אין רוסלאַנד ערלויבט, וועלען מיר באַלד האָבען א קריסטאַל־ריינעם אידישען הענדלער־פאָלק כמעט אָהן וועלכע פּראָלעטאַרישע צומישונג. דאָס איז דער געזעץ פון דער אידישער סאָציאַלער ענטוויקלונג אומעדום, וואו דער דרוק אויף אידען לאָזט א ווייַלע אָפּ.

דערפאַר זיינען אידען אין דער וועלט א צילברעט פאַר אַלע פאַרפאָלגונגען און אונטערדריקונגען. די שנאה געגען אידען זאַמעלט זיך אָן און ווען דער בעכער ווערט איבערפול, שוימט ער איבער און באַגיסט מיט בלוט די אידישע שטאָט און שטעטעל. דערפאַר איז דער אידישער נאָמען אַזוי צו שפּאָט און צו געלעכטער, און דערפאַר איז דער איד אַזוי געפאַלען איינוויניג ביי זיך, אַזוי דערשראָקען פאַר'ן גוי, מה־יפית'דיג אונטערטעניג — עס פעלט, דערפאַר, דעם איד די קראַפט, די האַלטונג אין דער וועלט, ווייל עס פעלט אים דער סאָציאַלער האַלט, וועלכער שטאַמט נאָר פון לאַנד און ארבייט. און עס פעלט די האַלטונג דעם אידישען רעוואָלוציאָנער אָפּטמאָל נאָך א סך מער, איידער דעם אידישען בעל־הבית, דעם איד פון שול.

דער ציוניזם וויל באַשאַפען די שטאַנדהאַפטע אידישע ארבייט, די אידישע פּראָלעטארישע ווירטשאַפט, אָנשליסען דאָס אידישע ארבייטס־פאָלק אָן די פעלקער און די מענשהייט דורך די ארבייט. אויף דעם באָדען פון דער ארבייט וועט אויסוואַקסען און וואַקסט שוין אויף אַ שעפערישער סאָציאַליזם, פון וועלכען עס וועט געבארען ווערען אַ נייע אידישע קולטור. וואָס ערווארטעט דעם אידישען פאָלק אין גלות, אויב דער גלות זאָל אפילו מער ניט זיין אַ ים פון בלוט און אַ זומפּ פון שאַנד פאר אידען? ווען מענשען וואָלטען געווען פאראינטערעסירט אין דעם, וואָלטען זיי געזאָגט, דאָס צוויי מאָל צוויי איז זיבען, די פּאָר אידען ארום דעם קאָמוניסטישען סאָוויעט זיינען פּאַראינטערעסירט צו רעפּרעזענטירען אין דער סאָוויעטען־רעגירונג א אידישע קאָמוניסטישע פּארטיי, וועלכע האלט חלילה ניט ביי אויסוואַנדערען, ביי קאָלאָניזירען, ביי פארלאָזען דעם „פאטערלאנד”, ערקלערען זיי די אידישע אויפלעבונגס־באַוועגונג אלס רעפּאָרמאַטאָריש לגבי דער פּאראזיטישער אויפלעזונג פון אידען אין גלות.

און דער לעצטער פּונקט פון דער פּאראורטיילונג איז, דאָס דער ציוניזם איז קאָנטר־רעוואָלוציאָנער, ווייל דער ציוניזם העלפט דעם ענגלישען אימפּעריאליזם. האָבען **די רוסישע קאָמוניסטען** געלעזען דיזען דעמאַגאָגישען אויסגוס פון **ראַפּעס** און **דימענטשטיין**? אויב זיי האָבען געלעזען, האָבען זיי זיך זיכער פארשעמט פאר זייערע אידישע חברים. די סאָוויעטען־מאַכט זוכט צו באַשאַפען האנדעלסבאַציאונגען מיט די אייראָפּעאישע לענדער, חקודם כל מיט דעם אימפּעריאליסטישען ענגלאנד. זי וויל געבען קאָנצעסיעס צו ענגלישע קאַפּיטאַליסטען, זי וואלט וועלען באקומען אַן הלואה פון ענגלישע אָדער אַנדערע קאַפּיטאַליסטען. עס פארשטעהט זיך, דאָס די סאָוויעטען־רעגירונג מוז דערמיט דינען דעם ענגלישען קאַפּיטאַליזם און אימפּעריאַליזם. ווארום דאָס איז דאָך דער באזיס, אויף וועלכען די סאָוויעטען־רעגירונג קאָן ערווארטען עפּעס צוריק פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. טאָ פאר וואס מעג די רוסישע סאָוויעטען־מאַכט יע האָבען א מגע ומשא מיט ענגלאנד און מאַכען ביזנעס מיט'ן אימפּעריאליזם, און דאָס אידישע פאָלק טאָר ניט אָננעמען ארץ־ישראל פון די הענט פון ענגלישען אימפּעריאַליזם צוליב קאָלאָניזאציע? דאָס איז שוין גערעדט, ווען די גאנצע מעשה, דאָס דורך דעם ציוניזם ווערט דער ענגלישער אימפּעריאַליזם אויסגעהאָלפען, וואָלט טאקע געווען אַן אמת, און וואָלט ניט געווען אַן אידיאָטסקער דעמאַגאָגישער שווינדעל. איז דען ניט ווירקליך צייט, דאָס לענין זאָל אָנדרעהען אַן אויער די פּאָר אידישע קאָמוניסטען, וועלכע ווילען זיך מאַכען זיכער אין זאָטעל אויף דעם חשבון פון אידישען פאָלק און אידישען פּראָלעטאריאט.

מיט די נארישע אָנפאַלען, דאָס דער ציוניזם איז אוטאָפּיש, רעפאָרמאַ־טאָריש, קאָנטער־רעוואָלוציאָנער, וועלכע זיינען שוין אזוי אַלט ווי דער ציוניזם גופא, קאָן מען יעצט קיינעם מער ניט פאנגען. אמאָל זיינען דיזע אָנפאַלען געווען טרויעריג, היינט זיינען זיי לעכערליך. געוויס קאָן מען דעם קליין־אידעלע, וועלכער איז פאראינטערעסירט אין פארלוימדען די אידישע באַ־פרייאונג, ניט אָנכאַפּען ביים גאַרגעל, אזוי לאנג ווי ער שליידערט זיינע שקרים פון די טרענטשעס פון אינטערנאציאָנאַל. אָבער דורך אויפקלערונג אין די רייען פון דריטען אינטערנאציאָנאַל, אין די רייען פון די ניט־אידישע קאָמוניסטען, קאָן מען אים פארשעמען און ברייגען צום שווייגען, אזוי ווי ער איז שוין אנשוויגען געוואָרען אומעדום וואו ער טרעפט זיך צונויף מיט ניט־אידישע סאָציאַליסטען אויף דעם פעלד פון דעם אידישען פּראָבלעם.

(די „צייט", דעם 2־טען און 3־טען נאָוו. 1921).

נאַציאָנאַלע פרייהייט און אינטערנאַציאָנאַלע איינהייט *)

(צו דער פראַגע וועגען נאַציאָנאַליזם און אינטערנאַציאָנאַליזם)

א.

דאָס פּראָבלעם פון נאַציאָנאַליזם

ווי יעדער פּראָבלעם, וועלכער האָט נאָך ניט געפונען זיין אויפקלערונג און לייזונג און שטעהט אין מיטען פון דער דיסקוסיע פון דער צייט, איז דער פּראָבלעם נאַציאָנאַליזם פארוויקעלט און פליסענד. עס איז א נייער, אזוי צו זאָגען מאָדערנער פּראָבלעם, אויסגעוואַקסען אין דער נייער צייט. די היסטאָרישע ווירקליכקייט האָט נאָך ניט געפונען די לעבעדיגע תשובה אויף דיזען פּראָבלעם, זי האלט ערשט אין אויפקלערען און לייזען דיזען פּראָבלעם. דער זונען־אויפגאַנג פון דער נייער צייט, וועלכען עס זאָגט אָן דער וועלט־שטורם, דאַרף ברענגען ליכט אין דיזע פארוויקעלטסטע ערשיינונג פון מענשליכער געשיכטע און מענשליכען גייסט, און צוזאמען מיט ליכט אויך פרידען אין דיזען אייביגען קוואַל פון מענשליכע קאמפען און היסטאָרישע געגענזאַצען.

דער פּראַקטישער פּראָבלעם פון נאַציאָנאַליזם איז געוואָרען א ברענענדע היסטאָרישע פראגע אין דער מאָדערנער שטונדע און ערוואַרטעט ענדגילטיגע לייזונג ערשט פון דער צוקונפט. אָבער טעאָרעטיש איז דער פּראָבלעם אויסגעוואַקסען ביסלעכווייז אין לויף פון דעם ניינצענטען יאָרהונדערט. פּאַראַלעל מיט דעם היסטאָרישען לעבען און דער קולטור־ענטוויקלונג פון ניינצענטען יאָרהונדערט איז אויך געוואַקסען דער פּראָבלעם פון נאַציאָנאַליזם, האָט געשטיגען זיין געוויכט, האָט ער זיך פארצווייגט, פארדיכטעט, ביז ער האָט דערגרייכט די מדרגה פון דראַמאַטישער ערנסטקייט אין אונזערע טעג.

אין אַלטערטום און אין מיטעלאַלטער האָט דער פּראָבלעם פון נאַציאָנאַליזם ניט באשעפטיגט און ניט באאונרוהיגט דעם מענשליכען באוואוסטזיין. דער מענשליכער געדאַנק האָט זיך ביז צו דער מאָדערנער צייט ניט פארטראַכט וועגען דעם גייסט פון דער קולטור, וועגען דעם זין פון פעלקער־לעבען, וועגען דער צוועקמעסיגער אָרגאַניזירונג פון דער מענשליכער גע־

---

*) אַרויסגעגעבען פון אידיש־נאַציאָנאַלען ארבייטער פארבאנד פון אמעריקא, אין יאָר 1917.

שיכטע. די אידעע פון געשיכטספילאָזאָפיע, — און די טעאָריע פון נאַ־ציאָנאַליזם באַרירט זיך זעהר איינג און נאָענט מיט געשיכטספילאָזאָפיע, — איז ערשט א דערקענטניס פון דעם מאָדערנעם מענשליכען גייסט.

אין אַלטערטום איז נאָר דאָס גייסטיג אריסטאָקראטישסטע פאָלק, דאָס אידישע פאָלק, וועלכעס האָט דאָס ערשטע באשאפען די אידעע פון געשיכטס-פילאָזאָפיע, געווען דורכגעדרונגען פון דעם גרויסען ווערט פון דעם אייגענעם נאַציאָנאַלען איך. דער אידישער נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַוואוסטזיין איז געווען אַזוי באַטאָנט און אַזוי אויסשליסליך, דאָס דער נביא רופט אָן נאָר אידען פאָלק, בשעת פאַר די אַנדערע פעלקער לייקענט ער אַפילו דעם נאָמען פאָלק. אידען זיינען עם, און די ניט־אידען זיינען לא־עם, יען כי הם המירו אותי בלא יהוה, ואנכי המרתי אותם בלא־עם. די גריכען זיינען זיך באַוואוסט פון זייער אייגענער נאַציאָנאַלער גרויסקייט, און רופען אַלע אַנדערע פעלקער „באַרבאַרען“, אויך שפּראַכלאָזע, „צונגלאָזע“, ווייל זיי קענען ניט רעדען די גריכישע שפּראַך. ביי די רוימער לעבט דער שטאַרקער באַוואוסטזיין פון זייער בירגערליך־פּאָליטישער פרייהייט, זייער אויסנאַמע־שטעלונג אין דער וועלט. „איך בין א רוימישער בירגער“, דערמיט האָט דער אַלטער רוימער אויסגעדריקט זיין שטאַרקסטען נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיין. אין מיטעלאַלטער האָט געפעלט יעדעס טיפּע נאַציאָנאַלע לעבען און דער־מיט אויך דער נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין פון די פעלקער. די רעליגיאָן, וועלכע איז געווען דער העכסטער און כמעט איינציגער גייסטיג־קולטורעלער אויסדרוק פון לעבען, איז געווען אין מערב־אייראָפּא קאַטאָליש־קאָסמאָפּאָ־ליטיש, און אויך איר גאַנצע אָרגאַניזאַציע, די קירכע מיט דעם פּאַבסט אָן דער שפּיץ, איז געווען א קאָסמאָפּאָליטישע אינטערנאַציאָנאַלע אינסטי־טוציע. אויך די קולטור־שפּראַך פון מיטעלאַלטער איז געווען דער קאָסמאָ־פּאָליטישער לאַטיין, וועלכען די געלערנטע און די רעגירונגען פון אַלע שטאַטען האָבען געברויכט אַלס דעם גלייכען גייסטיגען פאַרבאַנד פון אַלע קולטור־מענשען. אין מיטעלאַלטער האָט ניט געלעבט די אידעע פון נאַציע, דער קעניג פון דעם פאָלק איז געווען די נאַציע. אין מיטעלאַלטער האָט מען געזאָגט, דאָס די נאַציע באַשטעהט פון צוויי העלפט: איין העלפט איז דער קיסר און די אַנדערע העלפט איז דער פּאַבסט. און בשעת לודוויג דער זעכצענטער אין דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז געכאַפּט געוואָרען ביי זיין אַנטלויפען פון פראַנקרייך, האָבען פילע פראַנצויזען אין פאַרצווייפלונג אויסגעשריען, „וואָס וועט זיין מיט דער נאַציע, ווען דער קעניג איז אַנטלאָפען“?

ערשט מיט דער אויפבליהונג פון דער מאָדערנער קולטור און דער

ענטוויקלונג פון דער דעמאָקראַטיע, הויבט זיך אָן אין אייראָפּאַ דער פּראָצעס פון נאַציאָנאַלער זעלבסט־דערקענטניס און נאַציאָנאַלער ערוואַכונג, און עס הויבען זיך אָן די געבורטסוועהען פון דעם נאַציאָנאַלען פּראָבלעם. די ענטשטעהונג פון אַ נאַציאָנאַלער קולטור ביי אַלע אייראָפּעאישע פעלקער, די ענטוויקלונג פון דער אייגענער שפּראַך, ליטעראַטור, קונסט, פילאָזאָפיע, וויסענשאַפט, גיט יעדען פאָלק אַ באַזונדערע פאַרב און טראָגט אריין אין דעם גייסט פון יעדען פאָלק אַ באַזונדערען איינווייניגען אינהאַלט, אַ באַזונדערע קולטור־טענדענץ און באַזונדערען היסטאָרישען געוויכט. אין דעם אָנהויב פון נייצענטען יאָרהונדערט שטעהען שוין אַלע פירענדע פעלקער פון אייראָפּאַ, דאָס דייטשע, פראַנצויזישע, ענגלישע, דאָס רוסישע פאָלק, אָפּגעזונדערט שטאַטליך און פּאָליטיש פון איינאַנדער, מיט הויך ענטוויקעלטע נאַציאָנאַלע קולטור־שפּראַכען, מיט באַזונדערע ליטעראַטורען, פילאָזאָפיען, קונסטפאָרמען, וויסענשאַפטען. אין יעדען פון דיזע פעלקער איז זיך שוין מתגלה באַוואוסטזיניג די נאַציאָנאַלע אייגענאַרטיגקייט, די באַזונדערע היסטאָרישע פּאַטענץ.

עס איז אָבער פאַראיבערגעגאַנגען אַ גאַנצער משך פון צייט אין דער מאָדערנער געשיכטע, נאָכדעם ווי די שטאַטען זיינען שוין אויסגעוואַקסען אין זייער פּאָליטיש־עקאָנאָמישער אינדיווידואַליזירונג, און די נאַציאָנאַלע קולטורען האָבען זיך שוין פאַנאַנדערגעבליט, איידער עס איז אַרויסגעשוואָמען אויף דער אויבערפלעכע פון דעם מענשליכען באַוואוסטזיין די נאַציאָנאַלע אידעע און דער נאַציאָנאַלער פּראָבלעם. די גרינדער פון די נאַציאָנאַלע קולטורען אין ענגלאַנד, פראַנקרייך, דייטשלאַנד אין סוף אַכטצענטען און אפילו אין אָנהויב פון נייצענטען יאָרהונדערט פאַרקלערען זיך נאָך ניט וועגען דעם זין און דער פּאַטענץ פון דער אייגענער נאַציאָנאַליטעט, און אַ פשיטא שוין ניט וועגען דער אידעע פון נאַציאָנאַליזם בכלל. ניט ראַסין און מאָליער, די אָנזאָגער פון דער קומענדער פראַנצויזישער פּאָעזיע און דראַמאַ, ניט רוסאָ און וואָלטער, די באַגרינדער פון דעם נייעם רעוואָלוציאָנערען פראַנקרייך, זיינען זיך באַוואוסט פון דעם באַזונדערען ווערט פון דער פראַנצויזישער אידעע, אָדער פּרובען זיך אַנאַליזירען און אָפּגרעניצען אין דעם אַלוועלטליכען היסטאָרישען פּראָצעס די וועגען און אויסזיכטען פון דעם פראַנצויזישען פאָלק. אויך די דייטשע דענקער און דיכטער, קאַנט, לעסינג, שילער, געטע, ביי וועלכע דער דייטשער נאַציאָנאַלער געניוס האָט זיך מתגלה געווען אין זיין גאַנצער גרויס, האָבען ניט קיין באַגריף פון דייטשטום אַלס אַ באַזונדערע נאַציאָנאַלע אידעע און דעם דייטשען שטאַט אַלס אַ מעכטיגען נאַציאָנאַל־פּאָליטישען אָרגאַניזם. די ענגלישע ליטעראַ־

טור און פילאָזאָפיע פון אכטצענטען יאָרהונדערט איז געווען נאָך צו קרי־טיש און אויפקלערענד, און די קינסטלעריש־טיפּזיניגע אידעע פון דעם זין פון דער אייגענער נאציאָנאליטעט איז געווען איר פרעמד.

ערשט אין נייַנצעטנטען יאָרהונדערט, ווען די אייראָפּעאישע פעלקער האָבען דורך זייער ליטעראטור און לעבען דערגרייכט שוין א הויכע שטופע פון נאציאָנאלער זעלבסטערקענטניס, איז ענטשטאנען די אידעע פון נאציאָ־נאליזם. אָבער דער נאציאָנאליזם אין זיין ערשטער פילאָזאָפישער באַ־גרינדונג איז נאָך געווען אונרייף, באשריינקט, באגרענעצט אויף דער איי־גענער נאציע און דעם אייגענעם קולטור־קרייז.

דער ערשטער דענקער, וועלכער האָט דערקענט דעם ווערט, די פאר־שידענע נאציאָנאלע מיסיאָנען, וועלכע די פעלקער האָבען אין דעם היס־טאָרישען פּראָצעס, איז געווען דער דייטשער פילאָזאָף העגעל, וועלכען מען קען באטראכטען אלס דעם ערשטען טעאָרעטיקער פון נאציאָנאליזם.

העגעל האָט אין זיין געשיכטס־פילאָזאָפיע ענטוויקעלט דעם געדאנק, דאָס די מענשליכע געשיכטע פארווירקליכט מיט זיך א פּלאַן, און דאס די פארשידענע עפּאָכען פון דער געשיכטע שטעלען מיט זיך פאָר א באשטימ־טען טייל, א באשטימטען אקט פון דיזען אוניווערסאלען געטליכען פּלאַן. אזעלכע עפּאָכען זיינען געווען אין דער געשיכטע פיער: די אָריענטאלישע, גריכישע, רוימישע און די מאָדערנע גערמאנישע. די גערמאנישע וועלט פארווירקליכט דעם לעצטען צוועק און דעם סוף פון דער וועלט־געשיכטע. אלע אנדערע און מאָדערנע פעלקער, ווי צום ביישפּיל דאָס פראנצויזישע פאָלק אָדער די סלאווישע פעלקער, האָבען קיין ווערט און קיין מיסיאָן ניט אין דער וועלט.

העגעל׳ס געשיכטס־פילאָזאָפיע, לויט וועלכער די אוניווערסאלע אידעע האָט זיך מתגלה געווען אין איר לעצטער און העכסטער פאָרם אין דער גערמאנישער וועלט, האט נאטירליך געמוזט ארויסרופען א גייסטיגע אונ־רואיגקייט ביי דער דאמאָלט ערשט אויפגעקומענער רוסישער אינטעליגענץ. די רוסישע און סלאווישע וועלט איז דורך דער העגעל׳שער געשיכטס־פילאָ־זאָפיע אויסגעשלאָסען געוואָרען פון היסטאָרישען פּראָצעס און דעם מענש־ליכען פּראָגרעס. די רוסישע אינטעליגענץ האָט ניט געוואָלט אונטערגעבען די גרויסע סלאווישע וועלט און דאָס מעכטיגע רוסלאנד אונטער העגעל׳ס פילאָזאָפישען נאציאָנאליזם. אין רוסלאנד איז דערפאר ענטשטאנען אן אנדער גייסטיגע שטרעמונג, די סלאוואָפילישע, וועלכע האָט אָנגעווענדעט די זעלביגע העגעל׳שע געדאנקען, אָבער ניט אויף דייטשלאנד, נאָר אויף רוסלאנד. די געשיכטע האָט דערגרייכט איר העכסטען פּונקט ניט אין

דייטשלאנד, נאָר אין רוסלאנד, אין דער סלאווישער וועלט. די מערב איי־ראָפּעאישע קאטאָלישע און פּראָטעסטאנטישע וועלט איז פאראורטיילט צו אונטערגאנג, צום „צופוילען". און רוסלאנד וועט אויפנעמען דעם פּאָדים פון דער וועלט־געשיכטע. די פּארלאמענטען, קאָנסטיטוציעס, דעמאָקראטיען פון מערב איירָאפּא זיינען טעות'ען, דער העכסטער אמת ליגט אין רוסלאנד'ס פּאָליטישער אָרדנונג, וואו דאָס פאָלק, דאָס לאנד, די קירכע און די זעלבסט-הערשאפט זיינען פאראייניגט אין איין איינהייט. דאָס איז געווען די שאָ־וויניסטיש־נאציאָנאַליסטישע לערע פון די סלאוואָפילען, וועלכע האט גע־האט א טיפע ווירקונג אויף דער גאנצער שפּעטערדיגער ענטוויקלונג פון רוסלאנד.

העגעל'ס געשיכטס־פילאָזאָפיע און די רוסישע סלאוויאנאָפילסטוואָ זיינען געווען אין דער ערשטער העלפט פון פאריגען יאָרהונדערט דער ערש־טער ערנסטער פארזוך, פעסטצושטעלען דעם ווערט און זין פון די נאציעס אין היסטאָרישען פּראָצעס, צו באגרינדען דעם נאציאָנאַליזם.

יעדער יאָרצענטער פון היסטאָרישער ענטוויקלונג אין נייִנצענטען יאָרהונדערט, אלע מלחמות און רעוואָלוציעס, און באזונדערס די אויפ־בליאונגען פון נאציאָנאַלער ליטעראטור און קונסט אין יעדען פאָלק, האָבען ווייטער קולטיווירט, פארטיפט און פארפיינערט די אידעע פון נאַ־ציאָנאַליזם. אין דער מיטען פון נייִנצענטען יאָרהונדערט איז שוין ענט־שטאַנען א באזונדערע וויסענשאפט, די „פעלקער פסיכאלאגיע", וועלכע האָט זיך געשטעלט פאר איר ציל צו דערגרינדען און צו דערקענען דעם באזונ־דערען גייסט פון די פעלקער, אין פארגאנגענהייט און געגענווארט. ווי יעדעס פאָלק דענקט, פילט, וואס איז זיין אויפפאסונג פון לעבען, געשיכטע, נאטור, גאָט; וואָס זיינען זיינע האָפנונגען און זיינע שרעקען; הקצור וואָס איז דער כאראקטער פון דעם גייסט פון יעדען פאָלק, — דאָס איז גע־וואָרען דער געגענשטאנד פון דער פעלקער־פסיכאָלאָגיע. קולטור־געשיכטע, עטנאָגראפיע, סאָציאָלאָגיע און גאנץ באזונדערס געשיכטס־פילאָזאָפיע האָבען ביי־געטראָגען זייער טייל צום פּראָבלעם פון נאציאָנאַליזם.

דער פּראָבלעם פון נאציאָנאַליזם, וועלכער איז אזוי טיפזיניג און ערנסט פאר דעם גאנצען קולטור־לעבען פון דער מענשהייט, האָט שוין אין זיין ריין פילאָזאָפישער אויפפאסונג ארויסגערופען די צוהיצטע און עגאָאיסטיש־שאָוויניסטישע ליידענשאפטען פון זיינע באגרינדער. העגעל און זיינע תלמידים האָבען געזעהן נאָר אין דער גערמאנישער נאציע דאָס אויסגעקלי־בענע פאָלק, בשעת אנדערע פעלקער פון דער געגענווארט האָבען ניט קיין היסטאָרישע מיסיאָן פאר דער צוקונפט. דיזע העגעל'שע איבערשעצונג פון

דער גערמאנישער נאציע האָט באהערשט די מוחות פון אַלע דייטשע נאַציאָנאַליסטען און שאָוויניסטען ביז צום היינטיגען טאָג און האָט געהאט אויך אַ גוואַלטיגע ווירקונג אויף דעם פּאָליטישען ענטוויקלונגס־גאנג פון דייטשלאנד. מיר האָבען געזעהן, ווי אין רוסלאנד האָט דיזע העגעל׳שע אויפפאסונג פון דער דייטשער נאציע, דיזער נאַציאָנאַל־עגאָאיסטישער פאַרשטעהן פון פּראָבלעם נאַציאָנאַליזם, ארויסגערופען די סלאַוויאַנאָפילסטווע, וועלכע איז אריינגעפאלען אין אַן ענטגעגענגעזעצטען עגאָאיסטישען טעות בנוגע צו דער אפשאצונג פון דער רוסישער נאציע. אפילו אין זיין ריין־פילאָזאָפיש־טעאָרעטישער באגרינדונג איז דער פּראָבלעם פון נאַציאָנאַליזם אַ פּאָלעמישער אונרואיגער פּראָבלעם, אין וועלכען די פארשידענע דענקער פון די פארשידענע פעלקער טראָגען אריין זייער באַזונדערע ליידענשאַפט, זייער בלינדען עגאָאיזם, זייער נאַציאָנאַל באגרענעצטע איינזייטיגקייט.

אָבער דער פּראָבלעם נאַציאָנאַליזם איז ניט נאָר אַ קולטורעלער, געשיכטס־פילאָזאָפישער פּראָבלעם. דער פּראָבלעם „נאַציאָנאַליזם" באשעפטיגט זיך ניט נאָר מיט דעם זין און דעם ווערט פון די נאַציאָנען פון קולטורעלען און געשיכטס־פילאָזאָפישען שטאנדפּונקט, נאָר אויך מיט דעם ווערט און דער באַרעכטיגונג פון יעדער נאציע אין דעם פּאָליטישען, עקאָנאָמישען, שטאַטליכען קאמף פון דער געגענוואַרט. און אזוי ווי אין דער געשיכטע ענטשיידעט ניט נאָר רעכט נאָר אויך מאכט, ווערט שוין דאָס פּראָבלעם נאַציאָנאַליזם אַ פּראָבלעם פון מאכט־ערווייטערונג, עראָבערונג, באהערשונג פון איין פּאָלק דורך דעם אנדערען. פון דער אנדער זייט שטייגט אויף דער פּראָבלעם פון נאַציאָנאַליזם ביי די אונטערדריקטע פעלקער, וועלכע קעמפען פאַר זייער באפרייאונג, זעלבסטבאשטימונג און אויפלעבונג, און ערשיינט דאָרט אין אַ מאָראַלישען, הערואישען פרייהייטס־ליכט.

דאָס וואָרט „נאַציאָנאַליזם" איז דערפאַר געוואָרען אַ וואָרט פול מיט אונקלאָרקייט, צווייזייטיגקייט, מיספארשטענדניסען, ווי קיין אנדער וואָרט פון דער מענשליכער שפּראך. דעם וואָרט נאַציאָנאַליזם טראָגען אויף זייערע ליפּען אַלע רעאקציאָנערען און אונטערדריקער פון דער מענשהייט: די דינאַסטיען, די רעגירונגען, די קאפּיטאַליסטען, די אריסטאָקראַטיע, די קירכע, וועלכע שטעהען פאַר די גרויסקייט, די מיליטערישע עראָבערונגען, די אונטערדריקונגס־פּאָליטיק פון דער אייגענער נאציע. נאַציאָנאַליזם מיינט אין דער שפּראך פון די הערשענדע קלאסען רעאקציע און שאָוויניסטישער פּאַטריאָטיזם, וואָס הינטער דעם באהאַלט זיך און באשיצט זיך יעדער געוויסענלאָזער מענש. אָבער אויך די אונטערדריקטע פעלקער און קלאסען, אַלע רעוואָלוציאָנערע פרייהייטס־קעמפער געברויכען דעם וואָרט „נאַציאָנאַליזם"

און פאַרבינדען דערמיט אַלע העראָאישע אידעאַלען פון מענשליכען לעבען. דער באַגריף און דאָס וואָרט נאַציאָנאַליזם האָבען אַ פאַרשידענע באַדייטונג און אַ גאַנץ ווידערשפּרעכענדען אינהאַלט. נאָר אַ דאַנק דער אָרימקייט פון דער שפּראַך אין דער טערמינאָלאָגיע ווערען דיזע פאַרשידענע אינהאַל־טען און טענדענצען פאַראייניגט אין איין באַגריף און איין וואָרט — „נאַציאָנאַליזם“.

מען האָט געזאָגט, דאָס דער נייצענטער יאָרהונדערט איז דער יאָר־הונדערט פון נאַציאָנאַליזם. אָבער נאָך ריכטיגער איז צו זאָגען, דאָס דער לעצטער האַלבער יאָרהונדערט, נאָך דעם דייטש־פראַנצויזישען קריג פון 1870, איז די צייט ווען דער נאַציאָנאַליזם אין זיינע פאַרשידענע אינהאַל־טען און טענדענצען איז געוואָרען די כאַראַקטעריסטישע ליניע פון דער גאַנ־צער היסטאָרישער ענטוויקלונג. אימפּעריאַליזם, קאָלאָניאַל־פּאָליטיק, מילי־טאַריזם, האָבען אין די לעצטע צענדליגער יאָרען אויסגעפילט דאָס לעבען פון אַלע הערשענדע פעלקער. אַלע מלוכות, וועלכע האָבען זיך ענטוויקעלט גרויס־קאַפּיטאַליסטיש, ווי דייטשלאַנד, ענגלאַנד, רוסלאַנד, פראַנקרייך, און שפּעטער אויך איטאַליען, עסטרייך און יאַפּאַן, האָבען באַשאַפען פאַר זיך דעם קולט פון נאַציאָנאַלער אויסברייטונג, פון קאָלאָניאַל־פּאָליטיק און אימפּעריאַליזם; פון אַזאַ נאַציאָנאַליזם, וואָס פליסט נאַטורנויט־ווענדיג פון דער אינווייניגער לאָגיק פון קאַ־פּיטאַליזם.

דיזער נאַציאָנאַליזם פון די הערשענדע קלאַסען און רעגירונגען פון די אייראָפּעאישע מלוכות האָט אין די לעצטע יאָרען אוועקגעשטעלט אויך דעם פּראָלעטאַריאַט פאַר דעם פּראָבלעם פון נאַציאָנאַליזם און פאַר אַלע ווייטער־דיגע פראַגען, וואָס וואַקסען אַרויס פון דיזען פּראָבלעם.

שוין זייט יאָרען האָט דער פּראָלעטאַריאַט פון די אייראָפּעאישע פעל־קער געזוכט צו געפינען אַ זיכערע פּאָזיציע אין די פראַגען פון פּאַטריאָטיזם, נאַציאָנאַלע באַוואַפנונג, נאַציאָנאַלע אויסשפּרייטונג און אימפּעריאַליזם. ער האָט שוין געפילט, דאָס אַקוראַט ווי עס איז געפערליך און פּרוכטבאַר דער שאָוויניסטישער נאַציאָנאַליזם פון די הערשענדע קלאַסען, אַקוראַט אַזוי איז אונגעניגענד, אינהאַלטלאָז און אויך רעאַקציאָנער די אַמאָליגע אונקריטי־שע, פאַרניינענדע שטעלונג פון דעם פּראָלעטאַריאַט צום פּראָבלעם פון נאַ־ציאָנאַליזם. פאַר די לעצטע צוואַנציג יאָר איז די סאָציאַליסטישע ליטעראַ־טור אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך, ענגלאַנד, עסטרייך, איטאַליען געווען פול מיט דעם פּראָבלעם פון פּאָליטישען נאַציאָנאַליזם, אויף וועלכען דער פּראָ־לעטאַריאַט האָט געזוכט אַ תשובה.

אָבער ניט נאָר דער נאַציאָנאַליזם פון זיין פּאָליטישער און שטאַטליכער זייט, נאָר אויך דער נאַציאָנאַליזם פון זיין קולטורעלער זייט איז געוואָרען דער געגענשטאנד פון דעם לעבעדיגסטען אינטערעס פאר דעם אונטערדריקטען קלאַס. גורם געווען דערצו האָט די דעמאָקראַטיזירונג פון דער קולטור. אין אַלע פריערדיגע עפּאָכען פון דער געשיכטע ביז דער נאָר לעצטער צייט איז די קולטור געווען דאָס פּריווילעגיום פון די הערשענדע קלאַסען. נאָר די רייכע און די מעכטיגע, די הערשער און געלערנטע האָבען אָנגעהאַלטען דאָס גייסטיגע נאַציאָנאַלע לעבען, האָבען געלעבט מיט קונסט, ליטעראַטור, פילאָזאָפיע, וויסענשאַפט. די גרויסע מאַיאָריטעט פון דעם פּאָליטיש און עקאָנאָמיש פארשקלאַפטען פאָלק, די פארזאָרגטע און פארהאַוועטע פאָלקס־מאסען זיינען געשטאַנען אויסערהאַלב פון דער נאַציאָנאַלער קולטור. יעדע נאַציאָן איז באַשטאַנען פון א נאַציאָנאַלען קערן און א ניט־נאַציאָנאַלען אומקרייז פון אַרבייטענדע מאַסען, וועלכע זיינען געווען פרעמד און אויסגעשלאָסען פון דעם נאַציאָנאַל־קולטורעלען לעבען. אפילו אין אכטצענטען יאָרהונדערט, ווען ביי די אייראָפּעאישע פעלקער האָט שוין פאַנאַנדערגעבליט די מאָדערנע קולטור, איז די פאָלקס־מאַסע אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך, ענגלאַנד געשטאַנען נאָך גאַנץ אויסערהאַלב פון דער נאַציאָנאַלער קולטור. וואָלטער און רוסאָ, קאַנט און געטע, יום און אַדאַם סמיט האָבען געלעבט נאָר צווישען אויסגעקליבענע קרייזען פון די הערשענדע קלאַסען.

זייט דעם נײַנצענטען יאָרהונדערט אָבער גיסט זיך די נאַציאָנאַלע קולטור אַלץ מער און מער פאַנאַנדער אויף דעם גאַנצען שטח פון נאַציאָנאַלען לעבען און פארברייטערט זיך איבער דעם גאַנצען אומקרייז פון דער נאַציע. עס פארשטעהט זיך, דאָס אפילו אין דער מאָדערנער צייט איז נאָך אַלץ די קולטור אין איר העכסטער און שענסטער פאָרם דאָס פּריווילעגיע פון דער בורזשואַזיע און דעם הערשענדען קלאַס. פון דעם ברונען פון נאַציאָנאַלער מוזיק, קונסט, ליטעראַטור, פילאָזאָפיע שעפּען נאָך אַלץ די רייכע און העכערע קלאַסען פון דער נאַציע. אָבער די גרונד יסודות פון דער קולטור הויבען אָן אַלץ מער און מער צו ווערען דער בנין פון דעם גאַנצען פאָלק, אין דער מדרגה ווי יעדע נאַציע ווערט דעמאָקראַטישער. וואָס מער די אונטערשטע קלאַסען ווערען אריינגעצויגען אין נאַציאָנאַלען קולטור־לעבען, ווערען זיי פון אומבאַוואוסטזיניגע שטיף־קינדער — באַוואוסטזיניגע אָרגאַנישע ברידער פון דער נאַציאָן. דער שעפּפערישער געניוס פון דער נאַציע ערוואַכט אויך באַוואוסטזיניג אין זיי, און זיי גיסען זיך צונויף מיט דעם גייסט, דעם ווילען, דער געשיכטע, דער שאַפונג, פון דער גאַנצער נאַציע. די פאַרברייטונג פון דער דעמאָקראַטיע ברייטערט אויס די גרענעצען פון דער

נאַציע, אין קולטורעלען זין ניט ווייניגער ווי אין פּאָליטישען זין. אַלע קלאַ־סען פון דער נאַציע ווערען דורכגעדרונגען פון דעם געפיל פון געמיינשאַפט־ליכען לאַנד, געמיינשאַפטליכען שיקזאַל, געמיינשאַפטליכער קולטור, גע־מיינשאַפטליכער צוקונפט.

פאַר די אונטערשטע קלאַסען פון אַלע ציוויליזירטע פעלקער איז אויף אַזאַ אופן יעצט ארויסגעוואַקסען באוואוסטזיניג דער פּראָבלעם פון נאַציאָ־נאַלער קולטור, פון קולטורעלען נאַציאָנאַליזם. האָט די נאַצאָנאַלע קולטור אַן אבסאָלוטען ווערט, אַ ווערט פאַר זיך? אָדער זי איז נאָר אַ צופעליגע ערשיינונג אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט? האָט די נאַציאָנאַלע שפּראַך, קונסט, ליטעראַטור, דער געפיל פון דער נאַציאָנאַלער צוזאַמענגע־העריגקייט, דער באוואוסטזיין פון דעם גלייכען היסטאָרישען שיקזאַל, דער שותפות'דיגער רצון בנוגע צו דער צוקונפט, דער געמיינשאַפטליכער גייסט און דאָס געמיינשאַפטליכע לאַנד, אָט די אַלע יסודות, פון וועלכע די נאַציאָנאַ־ליטעט ווערט צוזאַמענגעזעצט, — האָט דאָס אַ ווערט פאַר דעם פּאָרטשריט פון פאָלק? דערהויבט עס דעם כלל און דעם יחיד? איז דאָס אַ קוואַל פון שעפערישען און שאַפענדען לעבען פאַר דער גאַנצער מענשהייט? איז דאָס בהסכם מיט דעם באַהאַלטענעם שכל פון דער וועלט־געשיכטע? אָדער איז עס אַ באַשרענקונג, אַ באַגרענצונג פון לעבען, אַ טעות פון דער געשיכטע, אַ שווערינקייט פון דער ענטוויקלונג, אַ מניעה אויף דעם וועג צו אַן אוניווער־סאַלער מענשהייט און אוניווערסאַלער קולטור? דיזער קולטורעלער נאַציאָ־נאַליזם איז ניט ווייניגער ווי דער פּאָליטישער נאַציאָנאַליזם געוואָרען דער מיטעלפּונקט פון אַלע גייסטיגע פראַגען און זוכענישען ביי דעם מאָדערנעם פּראָלעטאַריאַט.

אויב ביי די הערשענדע נאַציאָנען האָט זיך אין לויף פון דער דעמאָקראַ־טישער ענטוויקלונג דער אונטערדריקטער קלאַס אַלץ מער אָנגעשלאָסען אָן דאָס נאַציאָנאַלע לעבען, פּאָליטיש און קולטורעל, איז דאָס נאָך פיל שטאַר־קער פאָרגעקומען ביי די אונטערדריקטע נאַציאָנען. ביי די אונטערדריקטע נאַציאָנען לעגט זיך די לאַסט פון דעם נאַציאָנאַלען דרוק קודם כל אויף די אונטערשטע קלאַסען, עקאָנאָמיש, פּאָליטיש און קולטורעל. דאָס הערשענדע פאָלק זוכט אומעדום צו שטערען די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג פון'ם אונטער־דריקטען פאָלק, ווי ענגלאַנד האָט עס געטאָן שטענדיג בנוגע צו אירלאַנד און אינדיען און האָט עס אויך אַמאָל געטאָן בנוגע צו אַמעריקא, בשעת אַמעריקא איז געווען ענגלאַנד'ס קאָלאָניאַל־באַזיץ. עסטרייך וויל האַלטען אין עקאָנאָ־מישער אָפּגעשטאַנענקייט גאַליציען, רומעניען און אפילו בעהמען. רוסלאַנד האָט שטענדיג געזוכט צו צוברעכען די עקאָנאָמישע פאָרגעשריטענקייט פון פּוילען דורך דער ענטוויקלונג פון דער אינער־רוסישער אינדוסטריע. דאָס

הערשענדע פאָלק רויבט פון אונטערדריקטען פאָלק א גאנצע אַנצאָל בירגער־ליכע רעכט, מאַכט די זין פון פרעמדען פאָלק פאר בירגער פון צווייטער מדרגה, אָדער שטעלט א פרעמד פאָלק כמעט גאנץ אויסערהאַלב פון געזעץ, ווי למשל, דאָס אידישע פאָלק אין רוסלאנד און רומעניען. דאָס הערשענדע פאָלק רויבט פון אונטערדריקטען פאָלק די פרייהייט פון שפּראך, קולטור, צווינגט ארויף אויף אים די פרעמדע שפּראך, די פרעמדע שולע, די פרעמדע לעבענס־פאָרם, מאַכט צו שפּאָט און צו שאַנד די נאַציאָנאַלע היילינטימער און פארוואונדעט דאָס היסטאָרישע הארץ פון דעם אונטערדריקטען פאָלק. וואָס מער די אונטערדריקטע קלאסען פון אונטערדריקטען פאָלק וואַקסען קולטורעל און ווערען פּאָליטיש באוואוסטזיניג, וואָס מער, באזונדערס, דער דעמאָקראטיזם און דער סאָציאַליזם דרינגען אריין אין פאָלק, אַלץ מער ווערט די פאָלקסמאסע נאַציאָנאַל, שליסט זיך אָן אָן דאָס גאנצע נאַציאָנאַלע לעבען און שטעלט זיך אונטער דער פאָן פון נאַציאָנאַלען קאַמף. וועלכער פאַלט צוזאַמען מיט דעם דעמאָקראטישען און סאָציאַליסטישען קאַמף. דער נאַציאָנאַלער פּראָבלעם ווערט ביי די פאָלקסמאסען פון די אונטערדריקטע פעלקער דער הויפּט־פּראָבלעם פון דעם גאנצען פּאָליטישען און סאָציאַל־קולטורעלען לעבען.

דער נאַציאָנאַליזם פון די אונטערדריקטע קלאסען, באזונדערס פון די אונטערדריקטע קלאסען פון די אונטערדריקטע פעלקער, האָט א גאנץ אנדערען אינהאַלט איידער דער נאַציאָנאַליזם פון די הערשענדע קלאסען, באזונדערס פון די הערשענדע קלאסען פון די הערשענדע פעלקער. איין און דאָס זעלביגע וואָרט ענטהאַלט אין זיך צוויי פארשידענע און ענטגעגענגעזעצטע טענדענצען. דער נאַציאָנאַליזם פון די הערשענדע עלעמענטען מיינט אונטערדריקונג פון פרעמדע פעלקער, איבערשעצונג פון דער אייגענער נאַציע, פארגליווערונג און פארשטיינערונג פון דער נאַציאָנאַלער קולטור, היילינונג פון דער טראַ־דיציע, פארלייקענונג פון דעם לעבענסרעכט פון פרעמדע פעלקער און פאר־אכטונג פון זייער קולטור־גייסט. דאָס איז דער רעאַקציאָנערער, פּארטיקו־לאַריסטישער, אסימילאַטאָרישער נאַציאָנאַליזם, וועלכער באַטראַכט די איי־גענע נאַציע פאר אבסאָלוט און זעהט אין אלע אנדערע פעלקער נאָר א מיטעל פאר דער אייגענער נאַציע. דער נאַציאָנאַליזם פון די אונטערדריקטע עלע־מענטען מיינט די אַנערקענונג פון דעם פּרינציפּ פון נאַציאָנאַליטעט בכלל, די גלייכהייט פון אלע פעלקער, די שטענדיגע ענטוויקלונג פון דער אייגענער נאַציאָנאַלער קולטור. דאָס איז דער פּראָגרעסיווער, אינטערנאַציאָנאַלער, אַלמענשליכער נאַציאָנאַליזם, וועלכער באַטראַכט ניט די נאַציע, נאָר די מענשהייט אלס אבסאָלוט און זעהט אין דעם אייגענעם פאָלק ניט נאָר א צוועק פאר זיך, נאָר אויך א מיטעל פאר דער אוניווערסאַלער מענשהייט.

ב.
נאַציאָן און קולטור

אין דער מאָדערנער צייט ראַנגלען זיך די פעלקער באוואוסטזיניג פאר זייער פּאָליטישע, גייסטיגע, קולטורעלע אינדיווידואַליטעט. אָבער היסטאָריש זיינען די פעלקער און זייערע קאַמפען אַזוי אַלט ווי די מענשליכע געשיכטע גופא.

די גאַנצע מענשליכע געשיכטע, דאָס גאַנצע סאָציאַלע און גייסטיגע לעבען פון דער מענשהייט, האָט זיך אויסגעדריקט אין נאַציאָנאַלע פאָרמען. יעדע נאַציע איז געגאַנגען איר באַזונדערען וועג און האָט ארויסגעבראַכט איר אייגענאַרטיגען אינדיווידועלען כאַראַקטער אין דער געשיכטע.

עס וועט בלייבען אן אייביגע געהיימניס פאר דער וויסענשאַפט, ווי אַזוי די אורשפּרינגליכע ראַסען, די ערשטע פעלקער און נאַציאָנען, זיינען ענטשטאַנען. שטאַמען אָפּ אַלע פארשידענע ראַסען לכתחילה פון איין אַרט (מאָנאָגענעזים)? אָדער זיינען זיי פון דער האַנט פון דער נאַטור שוין ארויסגעקומען אין זייער פארשידענהייט און פארצווייגטקייט (פּאָליגענעזים)? די וויסענשאַפט קאָן דארויף ניט געבען קיין ריכטיגען ענטפער, אַקוראַט אַזוי ווי טראָץ נאַטורוויסענשאַפט און דאַרוויניזם בלייבט נאָך די ענטשטעהונג פון דעם מענשען א דונקעלער פּראָבלעם. און אויך איז ניטאָ נאָך קיין וויסענשאַפטליכע קלאָרקייט מכח דעם, וויפיל און אין וועלכע ראַסען מען דאַרף די מענשהייט פאַנאַנדערטיילען. דאָס דריי ראַסען זיינען געוויס אורשפּרינגליך, די ווייסע אַרישע, די געלבע מאָנגאָלישע און די שווארצע נעגרישע, דארין זיינען מודה נאַטירליך אַלע אַנטראָפּאָלאָגען. אַנדערע פאָרשער רעכענען נאָך אַנדערע ראַסען צו: די מאַלאַישע, די סעמיטישע. פון אַנדערע פאָרשער ווערען אָנגענומען זיבען און אפילו ניין אורשפּרינגליכע ראַסען. די פאָרשער, וועלכע בלייבען ביי די דריי אורשפּרינגליכע ראַסען, ערקלערען אַלע אַנדערע פארשידענהייטען אין דער מענשהייט דורך די מישונג פון דיזע אָריגינעלע ראַסען. אַזוי, למשל, זאָגט מען, דאָס די הינדוס זיינען אַריער מיט א היבשע ביסעל צומישונג פון נעגערשען בלוט. די סעמיטען ווערען אויפגעפאַסט אַלס אַריער מיט א גאַנץ אומבאַדייטענדער צומישונג פון שווארצען נעגערשען בלוט. בנוגע צו די פארשידענע מישונגען פון די ראַסען און די וואַריאַציעס פון ראַסען פאַרלאָזט שוין די וויסענשאַפט אין גאַנצען דאָס זיכערע פעלד פון פאָרשונג און באַטרעט דעם דונקעלען לאַבירינט פון השערות.

עס איז דונקעל דער אורשפּרינגליכער פּראָצעס פון דער דיפערענצירונג פון דער מענשהייט. עס איז אָבער קלאָר דער אינווייניגער שכל, די צוועקמעסיגקייט, דער היסטאָרישער געווינס פון דיזער דיפערענצירונג. דורך דיזער

דיפערענצירונג פון די מענשען אין ראסען, פעלקער, מלוכות, איז מעגליך געוואָרען די ענטוויקלונג פון דער קולטור. פון די אורשפּרינגליכע ראסען זיינען ענטשטאַנען אין לויף פון דער געשיכטע די געמישטע ראסען, די וואַריאַציעס פון ראסען, די פאַרשידענע פעלקער און נאַציאָנען, מיט דער גאַנצער היסטאָרישער פאַרשידענאַרטיגקייט פון שפּראַכען און קולטורען. די פעלקער און קולטורען זיינען די פאַרשידענע ראַמען, אין וועלכע די מענשליכע געשיכטע וועבט איר אייביגעס קלייד אין פאַרשידענאַרטיגע געוועבען און פילפאַכיגע פאַרבען, דאָס קלייד פון פילפאַכיגע פאַלטען און צוזאַמענהענגענדער איינהייט.

די נויטען פון לעבען האָבען אין אוראַלטע צייטען שוין צונויפגעבראַכט ראסען און שטאַמען אין די פרוכטבאַרע טאָלען ארום די טייכען פון ניל, טיגריס, עפראַט, גאַנגעס, וואו עס האָבען זיך אָרגאַניזירט צענטראַליסטישע מלוכות, איינשטאַמיגע און פילשטאַמיגע, כדי קאָלעקטיוו צו באַשיצען דעם פרוכטבאַרען באָדען פון איבערפלוטונגען און כדי צו באַשאַפען מעגליכקייטען פון לעבען דורך געמיינזאַמע ארבייט. אזוי זיינען ענטשטאַנען די ערשטע היסטאָרישע מלוכות פון מצרים, בבל, אשור, אינדיען, כינא, די ערשטע ציוויליזאַציעס ארום די גרויסע טייכען און אין די פרוכטבאַרע טאָלען פון דעם ערד־קוגעל.

דורך מלוכה־אָרגאַניזאַציעס זיינען אין דעם היסטאָרישען פּראָצעס ענטשטאַנען שטענדיג נייע פעלקער און נאַציעס און נייע שפּראַכען און קולטורען. אין דער מלוכה פלעגען זיך אָפט צונויפשמעלצען פאַרשידענע פעלקער אין **א י י ן** נאַציע און פאַרשידענע קולטורען אין **א י י ן** קולטור. אשור, בבל, מצרים, אינדיען, פּערסיען, רוים, גריכענלאַנד ביז צו די מאָדערנע שטאַטען זיינען געווען געמישטע פון ווייטע אָדער קרובת'דיגע פעלקער און שפּראַכען. אין יעדער נאַציע און קולטור קאָן מען דערפאַר דערקענען די שפּורען פון אן אנדער פאָרמאַציע, די פאַרשידענע היסטאָרישע שיכטען. אָבער אין יעדער געמישטע נאַציע און מלוכה שלאָגט דאָך דער פּולס פון דער קולטורעל שטאַרקערער און העכערער נאַציע, וועלכע אַסימילירט מיט זיך די שוואַכערע טיילען און לייגט אויף זיי אַרויף איר גייסטיגען שטעמפּעל.

אין דעם שטורם פון דער געשיכטע זיינען דורך קריג, נויט, וואַנדערונג, אסימילאַציע, פעלקער פאַרשוואונדען, פאַרטיליגט געוואָרען, אויפגעלייזט און אויסגעריסען געוואָרען פון זייער באָדען, און אַנדערע פעלקער און קולטורען האָבען זיך צוזאַמענגעמישט און זיינען אויפגעוואַקסען אויף זייער ערד. כמעט אויף יעדען טייל פון ערד־קוגעל האָבען זיך געביטען די נאַציאָנאַלע און קולטורעלע בעלי־בתים אין לויף פון דער געשיכטע. דורך די היסטאָ־

רישע יארטויזענטע ביז צו דער געגענווארט האט זיך געביטען נאציע, שפראך, קולטור און אפטמאל אפילו ראסע. אין מצרים, בבל, מערב־אזיע, זיד איירא̈פא, אמעריקא און פילע אנדערע לענדער פון דער וועלט. דאס יעצטיגע איטאליענישע פאלק איז שפראכליך, נאציאנאל און קולטורעל פארשידען פון די אמאליגע רוימער פון איטאליען. דאס ענגלישע פאלק איז א מישונג פון אנגלא־קעלטען און אנגלא־סאקסען, און די ענגלישע שפראך שפיגעלט אפ אין זיך דיזע ביידע נאציאנאלע און שפראכליכע עלעמענטען. אומגעהויער גרויס איז דער עטנאגראפישער און קולטורעלער חלוק צווישען דעם היינטיגען און דעם אמאליגען גריכענלאנד. אין דער מאדערנער צייט איז אויפגעוואקסען די רומענישע נאציע און שפראך, אלס אן עטנאגראפישער און שפראכליכער געמיש. פאר אונזערע אויגען בילדעט זיך פאר איינס די נאציע פון יונייטעד סטייטס דורך דעם שמעלץ־טאפ פון אלע נאציעס פון דער וועלט. אין זיד־אמעריקא וואקסען אויס נייע נאציעס, ווי די ארגענטינישע און בראזילישע, וואס זייער מישונגס־פראצעס האט נאך ניט אויפגעהערט דורך די שטענדיגע צוואוואנדערונג פון אייראפעאישע פעלקער, באזונדערס פון איטאליענער. דאס רוב פון נאציעס און קולטורען זיינען אין פליסענדען צושטאנד, זיי ענטשטעהען און פארשווינדען אין שטענדיגען שטורם פון דער געשיכטע.

וויבאלד א העכערעס פאלק דערגרייכט א באשטימטע מדרגה פון פעסטקייט און איינהייטליכקייט אין זיין היסטארישען לעבען, ענטוויקלען זיך ביי אים יענע באשטימטע אריגינעלע תכונות און שעפערישע כחות, וועלכע לייגען אויף אים ארויף דעם שטעמפעל פון קולטור־היסטארישער אריגינאליטעט. אויב מען וויל רעדען אין דער שפראך פון בילדער, קאן מען זאגען, דאס דער קולטור־גייסט פון דער מענשהייט האט זיך מתגלה געווען אין פארשידענע אופנים, אין פילפאכיגע פארמען. וויל מען רעדען אין א מאטעריאליסטיש־ביאלאגישער שפראך, קאן מען זאגען, דאס ביי יעדער נאציע ארבייט זיך אויס אין לויף פון די דורות א באזונדערע ביאלאגישע מאטעריע, וועלכע גיט זיך איבער בירושה פון דור צו דור און ציט זיך איינהייטליך און פעסט דורך די גאנצע געשיכטע. דיזע באזונדערע ביאלאגישע מאטעריע איז די טרעגערין פון דעם אזוי אנגערופענעם נאציאנאלען גייסט. דיזע באזונדערקייט פון א פאלק, פון וואנען איר שורש זאל ניט שטאמען, איז די אריגינאליטעט, דער כח פון פאלק, זיין לעבענסקראפט, וועלכער פירט אים אויף דעם וועג פון דער געשיכטע און ווערט זיין שאפענדער ארגאנישער מהות. וואס מער דיזע פאלקס־אריגינאליטעט האט אן אביעקטיווען אוניווערסאלען ווערט פאר דאס לעבען בכלל, אלץ העכער איז איר ווערט און אלץ טייערער איז זי סוביעקטיוו פאר דאס פאלק זעלבסט.

יעדע נאציע האָט אויף אזא אופן, אזוי צו זאָגען, איר מיסיאָן אין דער געשיכטע, וועלכע נעמט זיך ניט נאטירליך פון א פאנטאסטישען פּלאן פון דער געשיכטע, נאָר וועלכע איז די סומע פון די ראסען־תכונות, נאציאָנאלע אייגענטימליכקייטען, קולטורעל־גייסטיגע קרעפטען, מאָראלישע נייגונגען, אויפפאסונגס־פאָרמען און ווילענס־ריכטונגען, וועלכע האָבען זיך אויסגעבילדעט ביי א פאָלק פון די אוראלטע פאָרהיסטאָרישע צייטען און האָבען באקומען א ווערט פאר דעם לעבען פון דעם פאָלק. זיי האָבען זיך אין לויף פון דער געשיכטע שטענדיג פאראיידעלט און פארבעסערט און זייענען באוואוסטזיניג דערקענט געוואָרען אלס שעפּפערישע ווילענס כחות בנוגע צו דער צוקונפט. אן אויבערפלעכליכער בליק אויף דער געשיכטע פון די פעלקער אין דער פארגאנגענהייט און אויף דעם לעבען פון די פעלקער אין דער געגענווארט באווייזט אונז די קולטורעלע פארשידענקייט און באזונדערע שעפּפערישע אָריגינאליטעט פון די פעלקער, וועלכע דריקט זיך אוים אין שפּראך, ליטעראטור, קונסט, רעליגיע, סאָציאלען לעבען, היסטאָרישען ווילען. מען קען אפילו רעדען פון פארשידענע קולטור־טיפּען, וועלכע ווערען פאָרגעשטעלט פון די פארשידענע קולטור־פעלקער.

דאס אלטע גריכישע פאָלק, דאס אריסטאָקראטישסטע פאָלק פון דער ארישער ראסע, האָט באשאפען שעהנקייט, קונסט, מאלעריי, סקולפּטור, האָט זיך דערהויבען צו די ערשטע יסודות פון וויסענשאפט און פילאָזאָפיע, האָט געגרינדעט א שטאאט. אָבער ווי גרוים עס איז געוועזן זיין געניוס אין דער באָאבאכטונג און אנבעטונג פון נאטור און מענש, אזוי אונאיבערשטרייטבאר זיינען געוועזן די גרעניצען פון זיין פעאיגקייט בנוגע צו העכערער רעליגיע, מאָראל, געשיכטס־פילאָזאָפיע, גערעכטיגקייט, קאָלעקטיוויזם. דאָרטען אָבער וואו עס האָבען זיך געענדיגט די פעאיגקייטען פון דעם גריך האָבען זיך אָנגעהויבען די געניאלע פעאיגקייטען פון דעם איד, דעם אריסטאָקראטישסטען פארטרעטער פון דער סעמיטישער ראסע. דער גריך האָט פארגעטערט די נאטור, דער איד האָט פארגעטערט די געשיכטע. דער גריך האָט געזוכט די שעהנקייט, דער איד האָט זיך געראנגעלט פאר הייליגקייט. דער גריך איז געוועזן באגרעניצט מיט דעם אינדיווידואום, דער איד האָט געפילט פאר דעם כלל. דער גריך האָט געזעהן די פילפאכיגקייט, דער איד האט דערפילט די איינהייט און איינינקייט, דעם צוועק און זין אין וועלט און געשיכטע. דער גריך האָט אויפגענומען דעם רוים, דער איד האָט געפילט די צייט אין דעם אוניווערסום. די צוויי נאציאָנען פון אלטערטום האָבען באשאפען צוויי אייגענטימליכע אינהאלטען און פאָרמען פון קולטור, צוויי באזונדערע טענדענצען פון גייסט.

באטראכטען מיר די גרויסע קולטור־פעלקער פון דער מאָדערנער צייט, די דייטשען, פראנצויזען, ענגלענדער, רוסען, זעהען מיר די טיפע פארשידענהייט אין זייער קולטור־אָריגינאליטעט און קולטור־שאפען. דאָס שטארקע, רואיגע, דיסציפּלינירטע, זעלבסטבאוואוסטע דייטשע פאָלק האָט נאָך היינט ענליכע תכונות, ווי דער רוימישער היסטאָריקער טאציט האָט געפונען ביי די גערמאנען פון זיין צייט. די לעבהאפטע, אונרואיגע, צו ענדערונגען גענייגטע פראנצויזען זיינען אין גאָר פילע פרטים ענליך צו די אמאָליגע גאלליער, ווי צעזאר האָט זיי באשריבען.

אָבער ווי גרויס זיינען דאָך ניט נאָר די פיזישע, נאָר די גייסטימאָראלישע פארשידענהייטען צווישען דיזעביידע פעלקער! פילאָזאָפיע, מעטאפיזיק, מוזיק, דראמאטישע מוזיק, סיסטעמאטישע פאָרשונג און וויסענשאפט זיינען די גרויסע קולטור־שאפונגען פון דייטשען פאָלק. דער דייטשער גייסט דרינגט אריין אין דעם אינווייניגען וועזען פון דער וועלט, אזוי ווי ער איז זעלבסט טיף און פאראינערליכט. לוטער, קאנט, געטע, העגעל, בעטאָווען זיינען די פארטרעטער פון דעם דייטשען פאָלקס־געניום.

דער אמת'ער געניוס פון דעם פראנצויזישען פאָלק האָט זיך ארויסגעוויזען אין גראציע און דזשעסט, אין ריטם און רעטאָריק, אין פּאַטאָס, אין שענקייט פון לעבען, אין דעם עסטעטישען קולט פון מענשען, אָט דאָרט וואו דער דייטשער געניוס האָט געפונען זיין באגרעניצונג. אויב אָרדנונג און דיסציפּלין זיינען די כאראקטעריסטישע אייגענשאפטען פון דעם דייטשען פאָלק, איז העכסט כאראקטעריסטיש פאר דעם פראנצויזישען פאָלק די בארימטע אויפשריפט אויף דעם מאָנומענט פון דעם גרויסען רעוואָלוציאָנער דאנטאן: וואגען, און וואגען, און ווידער וואגען! רוסאָ, סען סימאָן, וויקטאָר הוגאָ, זאָלא זיינען די מאָדערנע כאראקטעריסטישע געשטאלטען פון פראנקרייך.

די אָרימקייט פון דעם ענגלישען פאָלק אין מוזיק און פילאָזאָפיע איז אים באגיטיגט געוואָרען דורך מענליכען שטאָלץ און ווירדע, דורך א גרויסער מאָס פון הומאניטעט און לירישער סענטימענטאליטעט, ווי דאָס דריקט זיך אויס אין דער ענגלישער פּאָעזיע. טיילווייז אויך פון דיזע כאראקטער־אייגענשאפטען, און ניט בלויז פון די סאָציאל־היסטאָרישע סבות, שטאמט דער טיפער זין פון דעם אנגלאָ־זאקסען פאר אונאפהענגיקייט און פרייהייט. די מיסטיש־סאָציאלע וווייכליכקייט און רעליגיאָזיטעט און דערמיט אויך דער גרויסער הומאניטארער פּאַטאָס פון דעם רוס איז א מערקווירדיגע נאציאָנאלע תכונה, וועלכע איז פיל שוואכער ביי יעדען אנדערען פאָלק.

דאָס וועט ווערען די אויפגאבע פון דער געשיכטס־פילאָזאָפיע, פון דער פעלקער־פסיכאָלאָגיע, פון דער סאָציאלאָגיע פון דער צוקונפט—פעסטצושטעלען און צו דערגרינדען די אייגענטימליכקייטען, די שעפפערישע אָריגינאַליטעט און די ווילענס־טענדענצען פון די פארשידענע נאציעס אין דעם אַלגעמיינעם גאנג פון דער מענשליכער קולטור. דער גרונד־געדאנק איז אָבער איצט געוואָרען קלאָר, דאָס די געשיכטע האָט געפונען איר העכסטען אויסדרוק אין דער פילפאכיגקייט פון די נאציעס און פייערט איר טריאומף אין דער פארשידענקייט און פילפארביגקייט פון די נאציאָנאלע קולטורען. און עס ווערט אלץ ווייטער קלאָר, דאס מיט דער ענטוויקלונג פון דעם היסטאָרישען פראָצעס ווערט די נאציאָנאלע קולטור־אינדיווידואליטעט פון יעדען פאָלק אלץ טיפער און איידעלער, טיפזיניגער און אלמענשליכער. ווען די נאציאָנאלע קולטור דערגרייכט איר העכסטע מדרגה, דערהויבט זי זיך צו אן אוניווערסאלער הויך און חלומ'ט וועגען דער אלמענשליכער פארברידערונג און פאראיינהייטליכונג פון דער גאנצער נאציאָנאל פארנאנדערגעטיילטער מענשהייט. אזוי האָט דאָס אידישע פאָלק אויף דעם העכסטען פונקט פון זיין קולטור, אין דער צייט פון דער נבואה, באשאפען דעם באַגריף פון דער פאראייניגטער מענשהייט, כל העמים. די גריכישע פילאָזאָפיע אין דער נאָך־סאָקראטישער צייט, אין דער בליהונג־צייט פון דעם גריכישען קולטור־גייסט, האָט זיך אויפגעהויבען צו דער אידעע פון וועלט־בירגערטום, קאָסמאָפאָליטיזם. נאציע און אינטערנאציאָנאליטעט, פאָלק און מענשהייט, אינדיווידואליטעט און אוניווערסאליזם זיינען אויף דער העכסטער שטופע פון קולטור זיך דערגענצענדע באגריפען.

ג.

וואָס איז נאציע

פון דער באטראכטונג מכח דעם צוזאמענהאנג פון נאציע און קולטור, מכח דעם פלאץ פון די נאציעס אין דעם היסטאָרישען פראָצעס, קענען מיר שוין קומען אויך צו דער באשטימונג מכח דעם, וואס איז נאציע. דאָס האָט ניט נאָר א טעאָרעטישע באדייטונג, נאָר דאָס האָט שוין אויך א גרויסע פראקטישע באדייטונג, צוליב דער ריכטיגער אָריענטירונג אין די מאָדערנע נאציאָנאלע קאמפען.

דער טעאָרעטישער געדאנק האָט זיך זעהר פיל באשעפטיגט דערמיט, אין לויף פון דער פאָרשונג און דער באאָבאכטונג איז די דעפיניציע פון נאציע געענדערט געוואָרען, און דער שווערפונקט פון נאציע איז

אריבערגעטראָגען געוואָרען פון אויסערליכע פּאָליטיש־שטאטליכע סמנים אויף גייסטיג־קולטורעלע איבערלעבונגען און כחות פון דער נאציע.

דאָס די נאציע פאלט ניט צוזאמען מיט דעם שטאט און דער טערי־טאָריע, איז שוין איצט אלגעמיין קלאָר, אָבער דאָס אינטערנאציאָנאלע רעכט און די אָפיציעלע פּאָליטיק אנערקענען אפילו איצט נאָך נאָר די נאַ־ציעס, וועלכע שטעלען מיט זיך פאָר א פּאָליטישע מאכט. פאר דעם אינ־טערנאציאָנאלען רעכט, פאר דער אָפיציעלער פּאָליטיק פון די מלוכות עק־סיסטירט א מאָנטענעגריש פאָלק, וואָס צעהלט נאָר 300,000 מענשען, ווייל עס איז פאראָן א קליינער מאָנטענעגרישער שטאט. פארקערט, אנערקענט ניט דאָס אינטערנאציאָנאלע רעכט קיין פוילישען אָדער אידישען אָדער בעהמישען פאָלק.

דער אָפיציעלער סאָציאליסטישער אינטערנאציאָנאל איז געווען פריי־גיביגער צו די נאציאָנאליטעטען, איידער די אָפיציעלע שטאטליכע פּאָלי־טיק. דער אינטערנאציאָנאל האָט שוין ניט דוקא געפאָדערט פון דער נאציע א זעלבסטשטענדיגען שטאט, אָבער ער האָט אנערקענט אויך אזעלכע נאַ־ציאָנאליטעטען, וועלכע וואוינען אויף זייער היסטאָרישער טעריטאָריע, און שטרעבען צו דער נאציאָנאלער אויפלעבונג. דערמיט איז די פוילישע נאַציע אַנערקענט געווארען, אָבער אלע צוזייטע און פארטריבענע פעלקערשאפטען, ווי שטארק זייער נאציאָנאלער באוואוסטזיין זאָל ניט זיין, זיינען אויסגעשלאָסען געוואָרען פון דעם רעכט אויף נאציאָנאליטעט.

דאָס די באזונדערע איינהייטליכע שפּראך איז ניט די נויטווענדיגע באדינגונג פאר דער עקזיסטענץ פון א נאציע, איז ווידער געוואָרען קלאָר דורך דער ערנסטער פארטיפונג אין דעם פּראָבלעם פון נאציאָנאליזם. פאראָן פארשידענע נאציעס, וועלכע רעדען איין און דיזעלביגע שפּראך, און עס קען געבען א נאציע, וועלכע רעדט פארשידענע שפּראכען. די שפּאנישע נאציע און די פארשידענע זיד־אמעריקאנישע פעלקער, וועלכע זיינען דאָך אזוי פארשידען צווישען זיך אין זייער ראסען־צוזאמענזעצונג, זייער געשיכטע, און זיינען שטאטליך־פּאָליטיש אפּגעטיילט, רעדען דיזעלביגע שפּאנישע שפּראך. די פראנצויזען און די קאנאדיער פון מזרח־קאנאדא רעדען פראנ־צויזיש. די ענגלענדער און די אמעריקאנער רעדען אלע ענגליש. פארקערט רעדט די איינהייטליכע שווייצער נאציע דריי שפּראכען: דייטש, פראנצוי־זיש און איטאליעניש. דאָס איינהייטליכע בעלגישע פאָלק רעדט צוויי שפּראכען: פלעמיש און וואלאניש. דאָס אידישע פאָלק רעדט אחוץ די אייגענע שפּראך און זיינע זשארגאָנען נאָך אלע שפּראכען פון די פעלקער, צווישען וועלכע עס לעבט. יעדעס פאָלק, ווען עס דערהויבט זיך צום אמת'ן

נאציאָנאַלען זעלבסטבאוואוסטזיין, זוכט זיך אָנצואייגנען א נאציאָנאַלע שפּראַך, אָבער ניט די געמיינשאפטליכע שפּראַך מאכט די פארשידענע נאציעס פאר איין נאַציע, און ניט די פילשפּראַכיגקייט פון אַ פאלק צוטיילט אים אין פארשידענע פעלקער.

נאָך וויניגער קאָן, נאַטירליך, די געמיינשאפטליכע אָפּשטאַמונג דינען אלס צייכען פון נאַציאָנאַלער איינהייט. ריינע ניט-געמישטע נאַציעס זיינען אפשר פאראן יעצט זעהר ווייניג. אין יעדען פאָלק פליסט בלוט פון פארשידענע קוואלען און פארשידענער אָפּשטאַמונג. די דייטשען האָבען אין זיך אַ סך סלאווישעם בלוט און אנדערע פעלקער־צומישונג. די אַנגלאָ־זאַקסען האָבען קעלטישעם בלוט, גערמאנישעם בלוט און נאָך אנדערע צומישונגען. ווי פיל זיינען דאָך פאראן טאטארישע און פינישע באַשטאַנדטיילען אין דער רוסישער נאַציע. דאָס יעצטיגע גריכישע, איטאַליענישע, רומענישע, אמעריקאנער פאָלק זיינען געמישטע פעלקער, אקוראט אזוי ווי די פארשידענע נייע פעלקער פון זיד אמעריקא. מען קאָן זאָגען, דאָס פון אלע נאַציעס פון דער געשיכטע זיינען אידען די ראסען־ריינסטע און איינהייטליכסטע, וועלכע האָט וויניגער פרעמדע צומישונג, ווי יעדעס אַנדערע פאָלק. די סיבה ליגט אין דעם, דאָס די אבטריניגע פון אידישען פאָלק, די גע׳שמד׳טע אָדער די וועלכע האָבען געהייראט מיט קינדער פון אנדערע פעלקער, האָבען זיך אין דעם צווייטען דור אָפּגעשיידט פון אידישען פאָלק אין גאנצען. אזוי דאָס אידישע בלוט איז שטענדיג געפלאָסען אין אנדערע פעלקער, אָבער אידען אליין האָבען זיך דערהאלטען מעהר פאר אלע פעלקער אין זייער ראסען און נאַציאָנאַלער ריינקייט. פאר דער נאַציאָנאַלער איינהייט און קאָנטינואיטעט אין דער היסטאָרישער ענטוויקלונג איז נויטווענדיג, נאַטירליך, דאָס דער יסוד פון דער ראסע, דער הויפּט־שטראָם פון דעם בלוט זאָל ניט בטל ווערען אין לויף פון דער צייט אין אַנדערע צומישונגען. שטאַרקע צומישונגען פון אַנדערע ראסען און אַנדער בלוט קאָנען, פארשטעהט זיך, דעם נאַציאָנאַלען כאַראַקטער שטארק ענדערען און ארויסרופען ביי דעם פאָלק אַנדערע אומערווארטעטע תכונות און כחות, אָבער ווי א פאָלק זאָל זיך ניט מישען טיילווייז מיט אנדער בלוט, האַלט עס דאָך אָן זיין נאַציאָנאַלען גרונדכאַראַקטער און געהט זיין אייגענארטיגען וועג, ווייבאַלד עס האָט זיך שוין אויסקריסטאַליזירט אין א נאַציע און באַזונדערס ווען עס האָט א חוץ די אינערליכע באוואוסטזיניגע כחות פון א נאַציע אויך די אויסערליכע קרעפטען און מיטלען פון א נאַציע.

דער אמת׳ער יסוד פון דער נאַציע איז א גייסטיגער, קולטורעל־היסטאָרישער. א סאָציאלע גרופּע, וועלכע האָט אויסגעארבייט אין לויף פון די היסטארישע דורות א געוויסע גלייכהייט און איינהייט אין איר גייסטיגען

לעבען, אין איר דיינקען און פילען, וועלכע האָט אַ היסטאָרישען שיקזאַל און איז זיך באַוואוסט פון דיזען שיקזאַל, און וועלכע האָט אַ ווילען פאַר ווייטערדיגע היסטאָרישע עקזיסטענץ, אַזאַ גרופּע איז אַ נאַציע. מיט אַנדערע ווערטער, די הויפּט אייגענשאַפט, דער ענטשיידענדער סימן פון אַ נאַציע איז די היסטאָרישע קולטור. געמיינשאַפטליכע עראינערונג וועגען דער פאַרגאַנגענהייט, געמיינשאַפטליכער באַוואוסטזיין אין דער געגענוואַרט און געמיינשאַפטליכער ווילען בנוגע צו דער צוקונפט, דאָס בילדעט אַ נאַציע. אַ נאַציע איז אַ קולטור־פּסיכאָלאָגישע ערשיינונג.

עס האָט גענומען אַ לאַנגע צייט פון דיסקוסיע ביז עס איז אַלגעמיין אַנערקענט געוואָרען דיזע דעפיניציע פון נאַציע. לויט דיזער דעפיניציע האָבען אַ רעכט אויף נאַציאָנאַליטעט און דערמיט אויך אַ רעכט אויף נאַציאָנאַלע אַנערקענונג אַלע די פעלקער, וועלכע זיינען פון די הערשענדע פאַקטאָרען פון דער פּאָליטיק ביז יעצט באַרויבט געוואָרען פון זייער רעכט פון נאַציאָנאַליטעט. ניט נאָר די פעלקער, וועלכע האָבען פאַרלאָרען זייער פּאָליטישע זעלבסטשטענדיגקייט ווערען לויט דיזער דעפיניציע אַנערקענט אַלס נאַציע, נאָר אויך די פעלקער, וועלכע זיינען צוזייט צווישען אַנדערע פעלקער, אָדער וועלכע וואוינען מיט אַ פּאָליטיש און קולטורעל הערשענדען פאָלק, האָבען לויט דיזער דעפיניציע דאָס רעכט אויף נאַציאָנאַליטעט. אידען, וועלכע זיינען צוזייט צווישען אַלע פעלקער און רעדען אַלע שפּראַכען, זיינען אַ נאַציע, וויבאַלד זיי האָבען זייער קולטורעלע אייגענאַרט, האָבען דעם באַוואוסטזיין פון זייער געמיינשאַפטליכען שיקזאַל, און עס וואַקסט ביי זיי אויף אַ געמיינשאַפטליכער נאַציאָנאַלער ווילען בנוגע צו דער צוקונפט. פעלקער פון קליינע קולטור, ווי די ליטאָווצעס, לאַטישען, רוטענער, קראָאַטען, אַרמעניער, אַלבאַניער, טאַטאַרען, גרוזינער, און אַז. וו. וויבאַלד עס זיינען פאַראַן ביי זיי דיזע דריי אייגענטימליכקייטען, אַפילו אין אַ שוואַכער מדרגה, זיינען פאַר זיך נאַציעס, און מוזען פון דער איבעריגער וועלט באַטראַכט און אַנערקענט ווערען אַלס פרייע זיך זעלבסטבאַשטימענדע נאַציעס.

דיזע דעפיניציע פון נאַציע איז די טעאָרעטיש אמת'ע און די היסטאָריש גערעכטע. און דערפאַר איז זי די טעאָרעטיש אמת'ע, ווייל זי איז די היסטאָריש גערעכטע. און דאָך האָבען אַפילו אַלע די, וועלכע האָבען שוין אַנערקענט דעם פּרינציפּ פון נאַציאָנאַליטעט, נאָך שטאַרק געזינדיגט געגען דיזע לעצטע גערעכטע אויפפאַסונג פון נאַציאָנאַליטעט און אמת'ע דעפינירונג פון נאַציע.

לאַסאַל, צום ביישפּיל, וועלכער דערהויבט זיך אין זיין שריפט: „דער איטאַליענישער קריג" (1859) צו אַ ריכטיגען פאַרשטענדניס פון דער איטאַליענישער נאַציאָנאַליטעט, ווייל דאָס איטאַליענישע פאָלק האָט אַ געשיכטע

פון קולטור און נאַציאָנאַלע טאַטען, פאַרמאָגט ניט צו אַנערקענען דאָס רעכט פון נאַציאָנאַליטעט פאַר אַלע אין זיין צייט קליינע און אומבאַדייטענדע פעלקערשאַפטען. אויף די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנגרעסען זיינען אויך ניט אַנערקענט געוואָרען אַלס נאַציעס אַלע קליינע אונטער־דריקטע פעלקער לויט דיזער אוניווערסאַלער פאָרמעל. אפילו אָטאָ בויער, דער טיפזיניגער טעאָרעטיקער פון נאַציאָנאַליזם, וועלכער דעפינירט די נאַציע דורך די געמיינשאַפט פון דעם שיקזאַל, אַנערקענט ניט די אידישע נאַציע אַלס א פּאָליטישע נאַציע מיט א צוקונפט, ווייל ער משפט אָפּ, דאָס דער אַסימילאַציע־ווילען איז אין אידישען פאָלק שטאַרקער און דורך די לעבענספאַרהעלטניסען רעאַלער, איידער דער ציוניסטישער ווילען. אָבער לויט אונזער דעפיניציע פון דער נאַציע איז שוין געגוג וועלכער עס איז נאַציאָנאַלער ווילען בנוגע צו דער צוקונפט, אין וועלכער עס איז מדרגה, אַז די נאַציע זאָל ווערען אַנערקענט פון דעם וויסענשאַפטליכען דענקען און פון דער פּאָליטיק.

דיזע גייסטיג־קולטורעלע כחות און פּאָטענצען, וועלכע זיינען דער אמת׳ער אינוויינינגער יסוד פון א נאַציע, זיינען אויך די סובסטאַנץ פון דער נאַציע. דיזע נאַציאָנאַלע סובסטאַנץ איז די נשמה פון דיזען פאָלק, וועלכע קען ניט איבערגעגעבען ווערען צו וועלכען ס׳איז אַנדערען פאָלק. א פאָלק קאָן איבערנעמען פון אַן אַנדער פאָלק זיין רעליגיע, זיין שפּראַך, זיין ציוויליזאַציע אָבער ניט די אינוויינינגע נאַציאָנאַלע קולטור. די נעגער אין אַמעריקא רעדען די ענגלישע שפּראַך, אַבוואָל זיי קענען ניט אויס־רעדען גוט דעם נאָרדישען ריש, אָבער די אַנגלאָ־זאַקסישע אָדער אַמע־קאַנישע קולטור האָבען זיי ווייט ניט איבערגענומען. די יאַפּאַנעזער האָבען איבערגענומען די גאַנצע אייראָפּעאישע ציוויליזאַציע, די וויסענשאַפט, טעכניק, אָרגאַניזאַציע, אפילו פילאָזאָפישע און סאָציאָלאָגישע אידעען, אָבער זיי האָבען ניט אריינגענומען אין זיך די אינוויינינגע קולטור פון וועלכען עס איז אייראָפּעאישען פאָלק. אידען לעבען זייט יאָרטויזענטער אין אייראָפּא, האָבען געערדט אַלע לשנות און אַנטייל גענומען אָן אַלע קולטור־באַוועגונגען פון דער געשיכטע, און זיינען דאָך געבליבען א נאַציע מיט אַן אייגענאַרטיגער און אָריגינעלער קולטור־נשמה. דער גייסטיג־קולטורעלער איך פון א פאָלק, דאָס איז זיין נאַציאָנאַליטעט, זיין נאַציאָנאַלע נשמה, וועלכע קאָן פון אים ניט אָפּגענומען ווערען, וועלכע קאָן ניט אריבערגעטראָגען ווערען אויף אַן אַנדער פאָלק, ווייל די נאַציאָנאַליטעט איז אזא אינוויינינגע אינטימע נשמה אַנגעלעגענהייט, קאָן די נאַציאָנאַליטעט ניט געביטען ווערען פרייוויליג, אַזוי ווי די רעליגיע, די שפּראַך, דאָס בירגערטום. א מענש קאָן ניט דורך זיין באַשלוס און ווילען אויפגעבען זיין נאַציע און אָנשליסען זיך אָן אַן אַנדערער,

ווען ער וויל בלייבען טריי און ווארהאפטיג צו זיך זעלבסט. א מענש טאָר זיך ניט אָפּרייסען פון זיין נאַציע, ניט נאָר דערפאר, ווייל ער האָט פליכטען צו זיין נאַציע, צו זיין געשיכטע, צו דער היסטאָרישער אינדיווידואליטעט, וועלכע זיין נאַציע פארטרעט בנוגע צו דער צוקונפט, נאָר ווייל דורך די אָפּרייסונג פון זיין נאַציע פארזינדיגט ער זיך און באגעהט א שקר נעגען זיין אינווייניגע אינדיווידואַליטעט. דער מענש קאָן זיך אזוי ווייניג אָפּרייסען פון זיין אייגענער נאציע, ווי ער קאָן זיך ניט אָנשליסען אָן א פרעמדע נאַציע. ביידע זאכען זיינען א מאָראלישער ליגען, א פארברעכען נעגען דעם העכסטען אמת, דעם אמת פון דעם אייגענעם איך. די אסימי־לאציע, צו וועלכער די הערשענדע קלאסען פון די אונטערדריקטע פעלקער זיינען שטענדיג גרייט, האָט ניט קיין מאָראלישע בארעכטיגונג, זי איז נאָר די שטרעבונג פון די העכערע קלאסען צו מאטעריעלען נוצען און צו א מער נוצליכער קולטור. ביי אלע אונטערדריקטע פעלקער, ביי אידען, פאליאקען, טשעכען א. א. וו. האָבען די הערשענדע קלאסען שטענדיג געהאט די נטיה צו אסימילאציע, בשעת די פאָלקסמאסען זיינען אינסטינקטיוו געבליבען טריי צו זיך זעלבסט.

יעדע נאַציע, וועלכע האָט ניט פארלאָרען איר גייסטיג־קולטורעלען איך און כח, שטרעבט, אזוי לאנג זי לעבט נאָך, צו ווערען א פולשטענדיגע נאַציע און צו באקומען איר נאַציאָנאַלע שפראך, איר לאנד, איר פאָליטישע זעלבסטשטענדיגקייט. ווארים נאָר אונטער דער פולשטענדיגער זעלבסט־שטענדיגקייט און אומאפהענגיגקייט פון לעבען קאָן דער קולטורעל־גייסטיגער איך פון דער נאַציע נתגלה ווערען, פאנאנדערבליען און דערגרייכען אלץ מער און מער שעפּפערישע אינדיווידואליטעט. א נאַציע, וועלכע איז בארויבט געוואָרען פון איר שפראך, איר לאנד, איר אומאפהענגיגקייט, פילט א שטערונג אין איר עקזיסטענץ, א מניעה אין דער ענטוויקלונג, און קעמפט פאר איר נאַציאָנאַלע פארפולשטענדיגונג און אויסגלייכונג. די גאנצע מענשליכע געשיכטע איז אויך דערפאר אָנגעפילט מיט קאמפען פון פעלקער, וועלכע זיינען בארויבט געוואָרען פון אן עלעמענט פון זייער נאַציאָ־נאַלען לעבען, און וועלכע קעמפען פאר זייער נאַציאָנאַלע דערגענצונג און היסטאָרישע פולקאָמענהייט.

דיזע באטראכטונגען לערנען אונז שוין ממילא צו פארשטעהן, אין וועלכען פונקט פון נאַציאָנאַלען לעבען א נאַציע דערגרייכט איר העכסטע מדרגה. די נאַציאָנאַליטעט איז די געמיינשאפטליכע עראינערונג, דער געמיינשאפטליכער באוואוסטזיין, דער געמיינשאפטליכער רצון פון פאָלק. דאָרט וואו עס פארבינדעט זיך די עראינערונג, דער באוואוסטזיין און דער ווילען פון א נאַציע, כדי צו פארזיכערען אָדער צו עראָבערען די אויסערע

לעבענס־פֿארמען און מיטלען פֿון אַ נאַציע. דאָס לאַנד און די נאַציאָנאַלע פֿרייהייט, אָט דאָרט דערגרייכט די נאַציע איר העכסטע שטופֿע פֿון נאַ־ציאָנאַלען לעבען. די טאַט איז די העכסטע לעבעדיגע אויסערונג פֿון אַ נאַציע, וועלכע בינדט די נאַציע נאָך מער צונויף, פֿאַרשטאַרקט איר אינווייניגען תוכן און ניט איר דעם הערָאישען צויבער, וועלכער לעבט ווייטער אין די צוקונפֿטיגע דורות. ווען אַ פֿאָלק פֿירט אַ נאַציאָנאַלע מלחמה, ווען עס מאַכט דורך אַ גרויסע רעוואָלוציע, ווען פֿון די טיפֿעניסען פֿון זײַן גייסט ווערט געבאָרען אַ נייע באַלעבענדע רעליגיע, ווען אַ נייער קולטור־גייסט גיסט זיך אויס איבער דאָס פֿאָלק דורך די שטראָמען פֿון פֿילאָזאָפֿיע, מוזיק, ליטעראַטור, זיינען דאָס אַלע טאַטען, אין וועלכע דאָס נאַציאָנאַלע לעבען דערגרייכט איר העכסטען אויסדרוק. מיט דיזע נאַציאָנאַלע טאַטען לעבט אַ פֿאָלק אין לויף פֿון יאָרטויזענטער און שעפּט פֿון זיי נאַציאָנאַלע גבורה, איידער ער איז נאָך אפילו געקומען דורך קולטור און אויפֿקלערונג צו נאַציאָנאַלען באַוואוסטזיין. דאָרט וואו אַ פֿאָלק שטעהט אין ספֿקות, אין זיינע אייגענע אויגען און די אויגען פֿון דער וועלט, אויב עס איז אַ פֿאָלק, ענטשיידעט די נאַציאָנאַלע טאַט. ווען נאָך אַלע קולטור־מאָנומענטען פֿון אידישען פֿאָלק אין זײַן פֿיל־טויזענטיאָריגער געשיכטע איז אין נײַנצענטען יאָרהונדערט ענטשטאַנען אַ ספֿקות וועגען זײַן נאַציאָנאַלער לעבענסקראַפֿט און זיינע נאַציאָנאַלע רעכט, האָט ענטשידען דער ציוניזם. די אַרמעניער זיינען געוואָרען ווידער אַ נאַציע דורך זייערע נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערע און סאָציאַליסטישע פֿאַרטייען. די נאַציאָנאַלע טאַט דער־הויבט אַ געפֿאַלענעם פֿאָלק צוריק צו אַ פֿאָלק. אַזוי ווי די רעוואָלוציע, אפילו די ניט־געלונגענע, איז מכפּר, לויט מאַרקס, אַ גלענצענדען וואָרט, אויף אַלע חטאים פֿון אַ פֿאַרשקלאַפֿטען פֿאָלק און ווישט פֿון אים אָראָפּ די היסטאָרישע שאַנדע.

לויט אונזער דעפֿיניציע פֿון אַ נאַציע קענען מיר איצט אויך פֿאַר־שטעהען דעם אונטערשיד צווישען ווירקליכער נאַציע און לאָקאַלער פּראָווינץ, וועלכע קאָן על פּי טעות אָפּטמאָל אויך פּרעטענדירען אויף באַזונדערע נאַציאָנאַליטעט. די באַיערען אין דייטשלאַנד, אָבוואָל זיי רעדען אַ באַזונ־דערען באַיערישען דיאַלעקט, וועלכע אונטערשיידעט זיך גאַנץ שטאַרק פֿון דער דייטשער פֿאָלקס־שפּראַך און שריפֿט־שפּראַך, און אָבוואָל זיי געפֿינען זיך אין אַ באַזונדערער אָפּגעשלאָסענער פּראָווינץ, זיינען דאָך ניט קיין באַזונדערע נאַציע לעבען דער דייטשער. די פּרעטענזיעס, וועלכע ווערען פֿון אייניגע פּראָווינציאַל־פּאַטריאָטען געמאַכט אויף אַ באַיערישע נאַציאָ־נאַליטעט, זיינען ניט מער ווי אַ טעות אין דעם אורטייל און דער טענדענץ. די אַלע סימנים, וועלכע כאַראַקטעריזירען אַ נאַציע, זיינען ניטאָ ביי די

באיערען אין געגענזאַץ צו די דייטשען. זיי זיינען נאָר א פּראָווינציעלע וואריאציע אין דער איינהייטליכער דייטשער נאַציע, און זיי טיילען מיט דעם גאַנצען דייטשען פאָלק די געמיינשאַפטליכע עראינערונג, דעם נאַציאָ־נאַלען באוואוסטזיין און דעם נאַציאָנאַלען רצון. דאָס זעלבינע קאָן מען אויך זאָגען בנוגע די ווייס־רוסען (ביעלאָרוסי) און אפשר צו די אוקראַינצעס אין רוסלאַנד. דיזע אַלע פּראָווינציעלע וואריאציעס פון גרויסע נאַציעס זיינען בארעכטיגט צו זייער פּראַווינציעלער און לאָקאַלער אייגענאַרטיגקייט. זייערע לאָקאַלע באזונדערקייטען דארפען געשיצט און גאראַנטירט זיין דורך די אַלגעמיינע קאָנסטיטוציע פון לאַנד. אָבער זיי זיינען אָרגאַנישע טיילען פון דער גאַנצער אומטיילבארער נאַציע.

ניט וויינינגער איידער די אַלגעמיינע באַטראַכטונגען און איבערלייגונגען וועגען נאַציע לערנט אונז אָבער די געשיכטע פון די נאַציאָנאַלע קאַמפען אין דער מאָדערנער צייט. וועלכע מענשען־גרופּען זיינען אמת'ע נאַציעס, און ווי טיף איינגעוואָרצעלט די נאַציאָנאַלע אייגענאַרטיגקייט איז, דאָס די נאַציעס קעמפען דערפאַר ווי פאַר זייער העכסטען היסטאָרישען אוצר און לעבענסזין.

ד.

די נאַציאָנאַלע פרייהייט־קאַמפען אין דער מאָדערנער צייט

פון דעם שוים פון דער געשיכטע און אירע פאַרבאָרגענע וועגען זיינען ארויסגעקומען די נאַציעס, וועלכע זיינען צוזאַמענגעהאַלטען פון געמיינ־שאַפטליכע לעבענסגויטען און אין וועלכע דער מענשליכער קולטור־גייסט האָט זיך אויסגעדריקט אין זיינע פארשידענסטע אינהאַלטען און פאָרמען. אין דער געשיכטע זיינען נאַציעס אויפגעוואַקסען, האָבען פאַנאַנדערגעבליט, האָבען דערגרייכט זייער העכסטע הויך, האָבען געקעמפט פאַר זייער היסטאָ־רישען לעבען און זיינען אויך אונטערגעגאַנגען אין דעם אפּגרונד פון דער געשיכטע.

אָבער ערשט אין דער מאָדערנער צייט, אין דער צייט פון דעמאָקראַטיע און פרייהייט, פון שטאַטס־ווירטשאַפט און עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציע, האָבען די קולטור־פעלקער אָנגעהויבען באוואוסטזיניג צו דערקענען זיך זעלבסט, צו דערגרינדען זייער אינדיווידואַליטעט, צו באַשטעהן אויף זייער נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ און פרייהייט, און באוואוסטזיניג צו געהן זייער אייגענעם וועג אין דער אַלמענשליכער געשיכטע.

אזוי לאַנג ווי אין אייראָפּא האָבען געהערשט געוואַלט־טעטיגקייטען און דעספּאָטיע און די פעלקער זיינען געוועזען פאַרזונקען אין פינסטערניש, איז

ניט געווען קיין אַרט און קיין מעגליכקייט פאר נאַציאָנאַלע אידעען און נאַציאָנאַלע באוועגונגען. פעלקער האָבען אפילו עקזיסטירט אין אייראָפּא זייט די צייטען פון מיטעלאַלטער, אָבער זייערע רעכט זיינען פון קיינעם ניט אנערקענט געוואָרען און די פעלקער זעלבסט האָבען ניט פארבונדען מיט זייער עקזיסטענץ וועלכען עס איז רעכטליכען באגריף. די גרענעצען פון די פעלקער פלעגען באַשטימט ווערען ניט פון די אינטערעסען און וואונשען פון די פעלקער, נאָר פון די רעגירענדע דינאַסטיען. וואו עס זיינען ניט געווען קיינע פרייהייטען און רעכטע פון מענשען, זיינען אויך ניט געווען קיינע רעכטע פון פעלקער. מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק פלעגט א פּרינ־צעסין קענען אָנגעבען א גאנצען פאָלק און לאנד אין נדן. דער שטאַט מיט אַלע זיינע פעלקער איז געווען דאַס אייגענטום פון מאָנארך, וועלכער פלעגט קענען פארשיינקען און אויסבייטען זיינע פעלקער און פּראָווינצען. אין זעכצענטען יאָרהונדערט האָט, צום ביישפּיל, קארל דער פינפטער פערזענליך באהערשט דייטשלאנד, שפּאַניען, די נידערלאַנדען, נעאפּעל און א גרויסען טייל פון דער נייער וועלט. ערשט אין סוף פון דעם אכצענטען יאָרהונדערט האָט זיך אָנגעהויבען צו אָרגאניזירען דער מאָדערנער שטאַט און עס האָט אָנגעהויבען צו ערוואַכען די דעמאָקראַטיע געגען די פינסטערע כחות פון מיטעלאַלטער. דער שטאַט האָט אָנגעהויבען ווערען א צענטראַליזירטע ווירטשאַפטליכע איינהייט מיט באזונדערע ווירטשאַפטליכע אינטערעסען און צילען, און דיזע שטאַטליכע אָרגאַניזאַציע האָט ארויסגערופען דעם געפיל פון שטאַרקען צוזאַמענבונד און סאָלידאַריטעט ביים גאַנצען פאָלק. די דעמאָקראַטיע, וועלכע איז געבאָרען געוואָרען אין קאַמף געגען די פינסטערע כחות פון מיטעלאַלטער, האָט מיט זיך אויסגעדריקט אַלע האָפנונגען און פּראָגרעסיווע טענדענצען פון דעם אומעדום צום באוואוסטזיין ערוואַכענדען פאָלק און האָט אומעדום געווירקט אלס א נאַציאָנאַליזירענדער כח און פאַקטאָר.

צוויי גרויסע געשעהענישען זיינען פאָרגעקומען אין סוף פון אכצענטען יאָרהונדערט, וועלכע האָבען געהאָלפען צו דער געבורט פון דער נאַציאָנאַלער אידעע און האָבען געגעבען א מעכטיגען אָנשטויס צו די נאַציאָנאַלע באווע־גונגען. דאָס זיינען געווען די פראַנצויזישע רעוואָלוציע און די צוטיילונג פון פּוילען צווישען רוסלאַנד, פּרייסען און עסטרייך, וואָס איז פּאָרגעקומען כמעט אין דער זעלביגער צייט (1793).

אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָט זיך דאָס נאַציאָנאַל איינ־הייטליכע פראַנצויזישע פאָלק דערקענט אלס נאַציע געגען דער הערשענדער מאָנאַרכיע. די פראַנצויזישע רעפּובליק איז „איינציג און אומטיילבאר", איז פּראָקלאַמירט געוואָרען אין דער רעוואָלוציע. דאַמאָלט איז צום ערשטען

מאָל געבאָרען געוואָרען דער זעלבסטבאַוואוסטזיין פון דער פראַנצויזישער נאַציע. די נייגעבאָרענע אידעע פון פרייהייט האָט אָפּגעשאַפט אַלע פּרי־ווילעגיעס פון די הערשענדע קלאַסען און אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען ניט אין הסכם מיט דעם „אַלגעמיינעם ווילען“, ווי רוסאָ האָט עס אויסגעדריקט. די נאַציע, דאָס איז געווען דער „אַלגעמיינער ווילען“. די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט פּראָקלאַמירט דאָס רעכט און פרייהייט פון דער נאַציע זיך זעלבסט צו רעגירען, דאָס קעניגטום אָפּצושאַפען און דעם קעניג צו ברייגנען אויף דעם עשאַפאָט, און דורך דער פרייהייט אָפּצוראַמען דעם וועג פאַר די צוקונפטיגע גלייכהייט.

די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט דורך פּראָקלאַמירונג פון דעם פּרינ־ציפּ פון פרייהייט און פאָלקס־ווילען אינדירעקט געגעבען אַ גוואַלטיגען אָנשטויס צו אַלע אונטערדריקטע נאַציעס אָנצופאַנגען אַ העפטיגען קאַמף פאַר זייער פרייהייט. אויב דאָס פראַנצויזישע פאָלק האָט געקענט אַראָפּ־וואַרפען דעם יאָך פון שקלאַפעריי, טאָ פאַר וואָס זאָלען זיך ניט באַפרייען דאָס איטאַליענישע פאָלק, דאָס טשעכישע, פּוילישע, אונגארישע פאָלק א. אַ. וו. פון זייערע אונטערדריקער? אַ גרויס טייל פון רעוואָלוציאָנערער אומרואיגקייט האָט נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אָנגעכאַפּט אַלע מענשען און פעלקער פון דער גאַנצער וועלט פון רוסלאַנד ביז מעקסיקאָ, און אומעדום האָט מען אָנגעהויבען חלום׳ען דעם שעהנעם חלום פון פרייהייט און באַפרייאונג. די פעלקער, וועלכע זיינען געווען אונטערוואָרפען אונטער אַנדערע פעלקער, ווי בעלגיען, איטאַליען, בעהמען, אונגאַרן, אָדער דאָס דייטשע פאָלק, וועלכעס איז געווען צוטיילט אין מער ווי דריי הונדערט קליינינקע מלוכה׳לאַך מיט אייגענע קעניגען און הויפען, האָבען, פאַרשטעהט זיך, ניט געקענט פאַרקערפערען די פּרינציפּען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אין זייער לעבען. זאָלאַנג דאָס אייגען לאַנד איז נאָך ניט געווען פריי און זעלבסטשטענדיג אינערליך, איז ניט געווען קיין מעגליכקייט פאַר דעמאָקראַטישע און סאָציאַלע רעפאָרמען. אָבער אַלע פעלקער פון דער וועלט, אפילו דאָס ווייטע מעקסיקאַנישע פאָלק, זיינען טיף אויפגערודערט געוואָרען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

אויב די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט ביי אַלע פעלקער דערוועקט דעם געפיל פון פרייהייט און אומאָפּהענגיגקייט פון דעם אייגענעם און פרעמדען אונטערדריקער, האָט די צוטיילונג פון פּוילען באַשאַפען אין אייראָפּאַ אַ קאָנקרעטע נאַציאָנאַלע פראַגע. דאָס פאַרבלוטיגטע, פאַרניכטעטע פּוילען האָט אָנגעהויבען צו קעמפען פאַר זיין נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ און פרייהייט, און דאָס פּוילישע פאָלק איז באַלד געוואָרען דאָס רעוואָלוציאָנערע פאָלק פון אייראָפּאַ. דורך די צושטערונג פון פּוילען און דעם קאַמף פון

פוילען פאַר זיין אומאפּהייננגיגקייט איז לעבעדיג געוואָרען אין אייראָפּעאישען באוואוסטזיין דאָס נאַציאָנאַלע רעכט. אין דעם פאַל פון פוילען האָט מען דערזעהן די סתירה צווישען שטאַט און נאַציע. און מען האָט אָנגעהויבען אומעדום פילען די אומגערעכטיגקייט פון דער וועלט בנוגע צו דיזען פאָלק אָהן א לאַנד. דאָס פּוילישע פאָלק איז געוואָרען א נשמה אָהן א גוף, וועלכעס האָט אָנגעהויבען וואַנדערען צווישען אַלע פעלקער פון אייראָפּאַ און האָט אומעדום פאַרזייט דעם זאמען פון רעוואָלוציע און ווידערשפּענסטיגקייט געגען נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, געגען דער רעגירונג און הערשענדען קלאַס.

די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט ארויסגערופען נאַפּאָלעאָן און זיינע וועלט־מלחמות. דאָס רעוואָלוציאָנער ערוואַכטע פראַנצויזישע פאָלק און די מעכטיגע און זעלבסטבאוואוסטזיניג געוואָרענע פראַנצויזישע בורזשואזיע האָבען געוואָלט עראָבערען די וועלט מיט דעם נייעם כח פון בירגערליכער פרייהייט. נאַפּאָלעאָן האָט מיט דער רעוואָלוציאָנערער פראַנצויזישער ארמעע און מיט דער אונטערשטיצונג פון דער בורזשואזיע געבראַכט אומעדום די פראַנצויזיש פּאָליטישע פאָרמען, אָבער גלייכצייטיג אויך די אייגענע פּאָליטישע אונטערדריקונג. די עראָבערונג פון נאַפּאָלעאָן האָבען אומעדום געוועקט דאָס געפיל פאַר נאַציאָנאַלע פרייהייט, פאַר נאַציאָנאַלע זעלבסט־באַשטימונג, און באַלד האָבען זיך אָנגעהויבען די נאַציאָנאַלע פרייהייטס־מלחמות פון אַלע פעלקער. דער נאַציאָנאַלער געפיל, וועלכער האָט געשלאָפען, איז ערוואַכט געוואָרען, און דער נאַציאָנאַלער ווילען איז אויפגעטראָטען ווי א לעבעדיגע שעפּפערישע קראַפט. די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות האָבען אָפּגערא‏מט דעם באָדען און האָבען געלייגט דעם גרונטשטיין פאַר די באַפרייאונג און איינהייט פון דייטשלאַנד און איטאַליען. נאַפּאָלעאָן האָט געוואָלט אונטערוואַרפען אייראָפּאַ און אפשר די גאַנצע וועלט אונטער זיין שווערד, אָבער ער דוקא האָט גורם געווען, דאָס אין דייטשלאַנד איז אויפגעטראָטען דער פילאָזאָף פ י כ ט ע מיט זיינע נאַציאָנאַלע רעדען צו דער דייטשער נאַציע, דורך וועלכע דער ראַדיקאַלער פילאָזאָף האָט אויפ־געהויבען און דערהויבען דאָס דייטשע פאָלק. אין רוסלאַנד האָבען די נאַפּאָ־לעאָנישע מלחמות דערוועקט אַלע שלאָפענדע נאַציאָנאַלע און קולטורעלע קרעפטען, און זיי האָבען גורם געווען דעם ערשטען רעוואָלוציאָנערען אויפ־שטאַנד פון 1825, דעם דעקאַבריסטען־אויפשטאַנד.

נאַפּאָלעאָנ'ס מאַכט איז צובראָכען געוואָרען דורך די ערוואַכטע נאַציאָ־נאַלע קרעפטען ביי אַלע אייראָפּעאישע פעלקער. אַלע פעלקער האָבען אין דער נאַציאָנאַלער סכנה דערפילט זייערע כחות און זייער חוב צו זיך זעלבסט און האָבען געמאַכט א סוף צו דעם א ו ז ו ר פּ א ט א ר פון פראַנצויזישען טראָן. די פעלקער האָבען אראָפּגעוואָרפען פון זיך די

קייטען פון נאפּאָלעאָן, און אויף דעם וויענער קאָנגרעס פון 1814 האָט געדאַרפט איבערגעבויט ווערען די קאַרטע פון אייראָפּא נאָך דעם פּרינציפּ פון נאַציאָנאַליטעט. פאַר דעם שטורץ פון נאפּאָלעאָן האָבען אפילו די רעגירונגען פאַרשפּראָכען די גרעניצען פון די מלוכות איבערצושטעלען נאָך די גרענעצען פון די פעלקער און געבען די פעלקער פרייהייט און זעלבסט־שטענדיגקייט. אָבער דער ווינער קאָנגרעס איז ניט געווען קיין קאָנגרעס פון פאַרטרעטער פון פעלקער, נאָר פון רעגירונגען און דינאַסטיען. דער איינציגער, וועלכער האָט פאַרטראָטען אויף דעם ווינער קאָנגרעס מער ליבעראַלע אידעען, איז מערקווירדיגערווייזע געווען דער מיסטישער רוסישער צאַר אַלעקסאַנדער דער ערשטער. אָבער זיין שוואַכע און אומזיכערע שטימע, וועלכע ער האָט אויפגעהויבען פאַר א נאַציאָנאַל זעלבסטשטענדיגע פוילען, איז אריבערגעשריגען געוואָרען פון אַלע איבריגע פאַרטרעטער. אַנשטאָט צו עפענען א נייע עפּאָכע פון פרייהייט, האָט דער ווינער קאָנגרעס אָפּגעשאַפט אַלעס, וואָס די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט אויפגעטאָן, און האָט צוריק אריינגעוואָרפען די פעלקער אין דער לאַגע פון אכטצענטען יאָרהונדערט. אויף דעם ווינער קאָנגרעס האָבען געזיגט די אינטערעסען פון די דינאַסטיען און די הערשענדע קלאַסען, און אַנשטאַט א צייט פון נאַציאָנאַלער פריי־הייט האָט זיך אָנגעהויבען די עפּאָכע פון רעאַקציאָנערער הערשאַפט, און עס איז געלייגט געוואָרען דער יסוד צו דער „הייליגער אליאַנץ" פון די קעניגען.

נאָך דעם ווינער קאָנגרעס זיינען פאָרגעקומען נאָך ווייטערע אינטער־נאַציאָנאַלע רעגירונגס־קאָנגרעסען אין די יאָרען 1818, 1819, 1820, 1822, וועלכע האָבען אַלע נאָר געהאַט איין צוועק, צו פארשטאַרקען די רעגירונגס־אויטאָריטעט אין דער וועלט און צו קעמפען געגען די רעשטען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. די הייליגע „אַליאַנץ" פון די הערשער פון רוסלאַנד, עסטרייך און פּרייסען, צו וועלכער עס האָט זיך אָנגעשלאָסען כמעט גאַנץ אייראָפּא, א חוץ ענגלאַנד, איז געוועזען אַ בונד כדי צו באַשיצען די אינטערעסען פון די דינאַסטיען און מאָנארכיען. זי איז געוואָרען די אַנטי־רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע פון די דינאַסטיען און דער אַריסטאָקראַטיע געגען די רעוואָלוציאָנערע פעלקער, וועלכע האָבען זיך אומעדום אָנגעהויבען אויפצוהויבען געגען דער טויזענט־יאָריגער קנעכטשאַפט. דער אַנטי־רעוואָלוציאָנערער בונט פון די הערשער האָט געוואָלט א דרעה טאָן צוריק דאָס ראָד פון דער געשיכטע, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבען צו באַוועגען אין דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

אָבער דער אויפגעוואַכטער רעוואָלוציאָנערער גייסט פון דער מענשהייט האָט ניט געקענט מער איינגעשטילט ווערען. דער רעוואָלוציאָנערער פלאַם איז ניט איינגעלאָשען געוואָרען, און די פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע רעוואָ־

לוציאָנען האָבען זיך באַלד פאַרשפּרייט פון איין עק וועלט ביז צו דעם אַנדערען. דער גריכישער באַפרייאונגס־קריג געגען דער טערקיי אין די צוואַנציגער יאָרען האָט אפילו געהאַט די סימפּאַטיע און אונטערשטיצונג פון רוסלאַנד, וועלכע האָט שטענדיג געפירט א פיינטליכע פּאָליטיק געגען טערקיי. אין זיין וועזען איז דיזער נאַציאָנאַלער באַפרייאונגס־קריג געווען אויך א רעוואָלוציאָנערער קריג. ער האָט דערוועקט דעם צאָרן פון דער גאַנצער מענשהייט געגען די אונטערדריקער פון שוואַכע פעלקער און נאַציעס און האָט געלערנט די וועלט דעם נייעם אמת פון נאַציאָנאַלער פרייהייט און רעכט. ניט אומזיסט האָט זיך דער גרעסטער געניוס פון דער צייט, דער ענגלישער פּאָעט ב י י ר אָ ן, אַזוי באַגייסטערט פאַר די גריכישע באַפרייאונג, אין וועלכער עס האָט טריאומפירט אין דער וועלט דער פּרינציפּ פון פרייהייט און רעוואָלוציע.

אין ווייטען אמעריקא האָט זיך אין יאָר 1826 פאַרענדיגט די באַפרייאונג פון די זידליכע מלוכות פון דער הערשאַפט פון שפּאַניען. דרום־אמעריקא איז נאָך געווען אונטעריאָכט אונטער שפּאַניען, אַזוי ווי צפון־אמעריקא איז פריער געווען אונטערוואָרפען אונטער ענגלאַנד. אונטער דער פירונג פון׳ם בארימטען זיד־אמעריקאַנישען פּאַטריאָט ב א ל י וו א ר האָבען די זיד־אמעריקאַנישע מלוכות אויפגעהויבען זיך געגען שפּאַניען און זיך ערקלערט אַלס פרייע זעלבסטשטענדיגע רעפּובליקען. באַליוואַר האָט אין דרום־אמעריקא געהאַט די זעלביגע היסטאָרישע באַדייטונג, ווי וואַשינגטאָן אין צפון־אמעריקא. אומזיסט האָט די „הייליגע אליאַנץ" געדראָט, דאָס זי וועט העלפען שפּאַניען אונטערדריקען די רעוואָלוציע פון אירע ווידערשפּעניג געוואָרענע פעלקער אין אמעריקא. די דרום־אמעריקאַנישע שטאַטען זיינען דאָך פריי געוואָרען פון דעם פרעמדען שפּאַנישען יאָך, און כמעט גאַנץ אמעריקא איז באַלד געוואָרען רעפּובליקאַניש און אומאָפּהענגיג.

די „מאָנראָ דאָקטרין", וועלכע איז אין יאָר 1825 פּראָקלאַמירט געוואָרען דורך די ערקלערונג פון פּרעזידענט מאָנראָ צום קאָנגרעס, איז געווען אויף דעם באָדען פון אמעריקא א גרויסער שריט פאָרווערטס אויף דעם וועג פון פרייהייט און נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַשטימונג. דורך דער „מאָנראָ דאָקטרין" האָבען די פאַראייניגטע שטאַטען ערקלערט, אַז אַלע רעפּובליקען און נאַציעס פון אמעריקא זיינען פריי און זעלבסטשטענדיג, און דאָס קיין אייראָפּעאישע מלוכה טאָר ניט וואַגען אריינצומישען זיך אין דאָס פרייע און זעלבסטשטענדיגע אמעריקא. יעדער פאַרזוך פון אן אייראָפּעאישער מלוכה, צו אונטערוואַרפען אונטער זיך וועלכעס עס איז אמעריקאַנישעס פאָלק, וועט אַרויסרופען דעם באַוואָפענטען ווידערשטאַנד פון די פאַראייניגטע שטאַטען. דערמיט איז ניט נאָר פּראָקלאַמירט געוואָרען דער פּרינציפּ פון אמעריקאַניזם

און די פירערשאַפט פון די פאַראייניגטע שטאַטען אויף דעם גאַנצען אַמעריקאַנעם קאָנטינענט, נאָר אויך דער פּרינציפּ פון פרייער נאַציאָנאַליטעט בכלל.

די רעוואָלוציע פון יולי 1830 אין פראַנקרייך איז געווען דער ערשטער רעוואָלוציאָנערער בליץ אין דער רעאַקציאָנערער אייראָפּאַ. אַלע אונטערדריקטע פעלקער און אַלע קעמפער און טרוימער פון פרייהייט האָבען אויפגענומען מיט פריידען־געשריי דעם רעוואָלוציאָנס־רוף פון פּאַריז. ווי האָט דאָך היינע אויסגעשריען פון פרייד, ווען די אייראָפּעאישע פינסטערניש איז פאַנאַנדערגעריסען געוואָרען פון דעם רעוואָלוציאָנערען ליכט און שטורם בליץ פון דעם חדש יולי.

די יולי רעוואָלוציע האָט באַשאַפען אַ נייע פרייע אָרדנונג אין פראַנקרייך. אָבער זי האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף די רעוואָלוציאָנער־נאַציאָנאַלע ערוואַכונג פון פאַרשידענע פעלקער פון אייראָפּאַ. דאָס בעלגישע פאָלק האָט זיך אויפגעהויבען געגען האָלאַנד, מיט וועלכען עס איז געווען פאַרבונדען געצוואונגענערהייט. און בעלגיען איז נאָך אַ רעוואָלוציאָנערען קאַמף ערקלערט געוואָרען אַלס אַ זעלבסטשטענדיגער נייטראַלער שטאַט. דעם 10־טען נאָוועמבער, 1830, האָט דער בעלגישער נאַציאָנאַל־קאָנגרעס באַשלאָסען, דאָס בעלגיען איז אַן אומאָפּהייניגער שטאַט מיט אַ קאָנסטיטוציאָנעלער מאָנאַרכיע. נאָר 13 שטימען געגען 174 האָבען געשטימט פאַר אַ רעפּובליק. נאָך פילע זוכענישען איז אויך געפונען געוואָרען דער קעניג פון בעלגיען, און דאָס איז געווען דער פּרינץ לעאָפּאָלד פון קאָרבורג, וועלכער האָט ניט לאַנג פריער זיך אָנטזאָגט צו פאַרנעמען דעם גריכישען טראָן. זייט דאַן איז בעלגיען געבליבען אַ נייטראַלער שטאַט אונטער דער גאַראַנטיע פון אַלע אייראָפּעאישע מלוכות, דייטשלאַנד איינגעשלאָסען, ביז דייטשלאַנד האָט מבטל געמאַכט דאָס „שטיקעל פּאַפּיר״ אריינטרעטענדיג אין אויגוסט 1914 מיט דער אַרמעע אין די גרעניצען פון דעם נייטראַלען בעלגיען.

די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט אָבער ווייטער ארויסגערופען אַ נאַציאָנאַלען אויפשטאַנד אין פּוילען. דער רוסישער צאַר אַלעקסאַנדער דער ערשטער האָט געגעבען פּוילען ענגליבעס צו אַ קאָנסטיטוציע. אָבער ניקאָלאַי דער ערשטער האָט אַזוי גוט ווי אָפּגעשאַפען די פּוילישע קאָנסטיטוציע, און פון איר איז נאָר געבליבען אַ שאָטען. וויבאַלד עס האָט זיך פאַרברייטעט די ידיעה פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָט זיך אין פּוילען אָנגעהויבען אַ גרויסע רעוואָלוציאָנערע אומרואיגקייט. אין דעצעמבער, 1830, האָט זיך דאָרט אָנגעהויבען אַ נאַציאָנאַלער אויפשטאַנד, וועלכער האָט זיך באַלד פאַנאַנדערגעפלאַמט צווישען דעם גאַנצען פאָלק. די פּאָליאַקען האָבען געהאָפט, דאָס ענגלאַנד און פראַנקרייך וועלען קומען זיי צו הילף, און זיי האָבען אויך געשיקט געזאַנדטע אין פּאַריז און לאָנדאָן. אָבער

פראנקרייך און ענגלאנד זיינען געבליבען גלייכגילטיגע צושויער פון דיזען פורכטבארען קאמף פון פוילען פאר זיין נאציאנאלע באפרייאונג. מער ווי א יאר האט דיזער אומגלייכער קאמף געדויערט, אין וועלכען די פאליאקען האבען ארויסגעוויזען זעהר פיל טאפפערקייט אבער ניט גענוג פייאיגקייט. די פוילישע אריסטאקראטיע, וועלכע האט אנגעפירט דעם אויפשטאנד, איז ווייט ניט געשטאנען אויף איר הויך. אנשטאט צו באפרייען די פויערים פון פאנשצינע אין די טעג פון דעם אויפשטאנד און אויף אזא אופן צונויפ־שמידען דאס פאלק נאך שטארקער צום רעוואלוציאנערען קאמף, האט די ווארשאווער נאציאנאל־פארזאמלונג זיך באשעפטיגט מיט די פראגען וועגען דער צוקונפטיגער גרויס פון פוילען. די רעוואלוציאנערע ארמיי איז געשטאנען אונטער דער פירונג פון אומפייאיגע און אומזיכערע גענעראלען, אויף וועלכע עס איז געפאלען דער פארדאכט פון פאראט. דעם צאר'ס ארמיי איז באלד געשטאנען אין ווארשא און דער אויפשטאנד איז אונטער־דריקט געווארען. דער לעצטער רעשט פון פוילען'ס אומאפהייגיגקייט איז אויף אזא אופן פארשוואונדען. אבער דיזער נאציאנאלער אויפשטאנד האט געהאט א געוואלטיגע ווירקונג אויף די גאנצע ווייטערדיגע ענטוויקלונג פון דער דעמאקראטיע און רעוואלוציע אין איירפא. די אנטלאפענע פוילישע רעוואלוציאנערען האבען זיך פארשפרייט צווישען אלע איירפאפעאישע לענדער און זיינען געווארען דער זויערטייג ביי אלע פאליטיש און נאציאנאל אויפ־וואכענדע פעלקער.

ווידער ברעכט אוים אין 1848 א רעוואלוציע אין פראנקרייך, וועלכע פארברייטעט זיך באלד אין גאנץ מיטעל איירפא, אין דייטשלאנד און עסטרייך. דיזע פאליטישע רעוואלוציע האט באלד ארויסגערופען נאציאנאלע באפרייאונגס־קאמפען צווישען די אונטערדריקטע פעלקער. אין אונגארן ערהויבט זיך דאס פאלק אונטער דער פירונג פון קאסוט געגען דער עסטרייי־כישער הערשאפט און ערקלערט זיך אלס א פרייע אומאפהייגיגע רעפובליק. נאר א דאנק דער הילף פון דעם צאר ניקאלאי דעם ערשטען, וועלכע ער האט געגעבען דעם עסטרייכישען קיסר, איז די אונגארישע רעוואלוציע אונטער־דריקט געווארען. אבער די גרעסטע מאס פון נאציאנאלער פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט, וועלכע אונגארן האט דאך דערגרייכט, שטאמט פון יענעם נאציאנאלען אויפשטאנד.

אויך צווישען די סלאווישע פעלקער פון עסטרייך האט זיך אנגעהויבען אין יענעם רעוואלוציע־יאר א נאציאנאלע באפרייאונגס־באוועגונג. אין דער טשעכישער שטאט פראג איז אויסגעבראכען א נאציאנאלער אויפשטאנד, וועלכער האט געוואלט דורכפירען די נאציאנאלע זעלבסטשטענדיגקייט פון בעהמען. אבער די סלאווישע פעלקער פון עסטרייך האבען אין זייער

נאַציאָנאַלען קאַמף ניט אויפגעהויבען זיך צו דער רעוואָלוציאָנערער הויך און פאַרשטענדניס, וועלכע וואָלטען געקענט מאַכען ערפאָלגרייך זייער נאַציאָנאַלע באַפרייאונג. זיי זיינען געוואָרען באַלד אין עסטרייך אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע קראַפט, וועלכע האָט געהאָלפען אויפהאַלטען די אַלטע אָרדנונג אין לאַנד. דער אויפשטאַנד אין פּראַג איז אונטערדריקט געוואָרען אין בלוט און פון דעם טשעכישען באַפרייאונגס־קריג איז נאָר איבערגעבליבען אַ נאַציאָנאַלע עראינערונג.

אויך דאָס אונטערדריקטע און צוריסענע איטאַליען האָט זיך אין דער רעוואָלוציע־צייט אויפגעהויבען צו אַ קאַמף פאַר נאַציאָנאַלע באַפרייאונג און איינהייט. נאָרד־איטאַליען האָט זיך ערהויבען געגען דער פרעמדער עסטרייכישער הערשאַפט, און אין גאַנץ איטאַליען האָט זיך פאַרשפרייט דער פלאַם פון נאַציאָנאַלען אויפשטאַנד און פּאָליטישער רעוואָלוציע געגען די פרעמדע און אייגענע טיראַנען. פון די גרויסע נאַציאָנאַלע רעוואָלוציאָנערען, מאַציני און גאַריבאַלדי, איז געפירט געוואָרען מיט פאַרשידענעם גליק דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונגס־קאַמף. דער באַפרייאונגס־קריג איז צום סוף, נאָך צוויי יאָרען קאַמף, אומגליקליכערהייט אונטערדריקט געוואָרען, און אויף די חורבות פון דעם פאַרוויסטעטען לאַנד האָט ווידער אָנגעהויבען פלאַטערן די פרעמדע עסטרייכישע פאָן. דער פאַרטריבענער פּאַבסט איז ווידער דורך דער הילף פון דער אייראָפּעאישער קאָנטער־רעוואָלוציע אריינגעפירט געוואָרען אין רוים און ארויפגעזעצט געוואָרען אויף דעם הייליגען שטול. מיט נידערלאַגע און פאַרצווייפלונג האָט זיך געענדיגט דער איטאַליענישער באַפרייאונגס־קריג. אָבער פון יענעם אויפשטאַנד איז איבער־געבליבען ביי דעם איטאַליענישען פאָלק אַ טיפער נאַציאָנאַלער האַס געגען די פרעמדע אונטערדריקער און אַ לעבעדיגע נאַציאָנאַלע האָפנונג. דיזער האַס און דיזע האָפנונג זיינען ניט איינגעלאָשען געוואָרען ביי דעם איטאַליענישען פאָלק. זיי האָבען זיך פאַנאַנדערגעברענט שפעטער מיט צען יאָר, אין יאָר 1859.

צען יאָר שפעטער, אין יאָר 1859, האָט דאָס איטאַליענישע פאָלק אין אַ צווייטען קריג געגען עסטרייך, אין וועלכען עס איז אונטערשטיצט געוואָרען פון פראַנקרייך, דערגרייכט זיין ווירקליכע נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיגקייט און אומאָפּהענגיגקייט. די באַפרייטע איטאַליענישע נאַציע האָט ערשט יעצט געקענט אויפטרעטען אויף דעם וועג פון דעמאָקראַטישען און געזעל־שאַפטליכען פאָרטשריט. די קולטור־מענשהייט איז באַרייכערט געוואָרען מיט נאָך אַ גרויסער נאַציע, וועלכע האָט אָנגעהויבען בויען מענשליכע קולטור אויף איר אייגענעם פרייען אופן.

אין דעם סוף פון די זיבעציגער יאָרען פון פאָריגען יאָרהונדערט האָט

זיך אנגעפאנגען די נאציאנאלע דערוואכונג פון די זייט הונדערטער יארען אונטערדריקטע קריסטליכע פעלקער אויף דעם באלקאן. די סערבען, בולגארען, מאנטענעגרער, אלבאניער האבען זיך אויפגעהויבען געגען דער טערקישער אונטערדריקונג, נאכדעם ווי רומעניען האט זיך שוין פריער באפרייט. א בלוטיגער קריג האט זיך פאנאנדערגעברענט אויף דעם באלקאן צווישען טערקיי און די אונטערדריקטע נאציעס. דער קריג פון רוסלאנד געגען טערקיי אין 1878 האט געבראכט א פולקאמענע נידערלאגע די טערקען, און די אונטערדריקטע סלאווישע פעלקער האבען באקומען זייער נאציאנאלע זעלבסטשטענדיגקייט. זייט דאן האט זיך אנגעהויבען ענטוויקלען אן אומ־אפהייניגעם סערבישעם, בולגארישעם און מאנטענעגרישעם פאלק. דיזע אויפגעוואכטע סלאווישע פעלקער האבען נאך פילע יארען געהאט צו קעמפען געגען רוסלאנד'ס באשיצונג, געגען טערקיי, געגען עסטרייך, געגען די אינערליכע שונאים און פאררעטער. און האבען אויך צווישען זיך זעלבסט געפירט א ברודער־קריג. אבער נאך הונדערטיאריגער שקלאפעריי האבען זיך דיזע פארבלוטיגטע פעלקער סוף כל סוף באפרייט און האבען אנגעהויבען פירען א זעלבסטשטענדיגעם נאציאנאלעם לעבען. אויף דעם פרייען נאציא־נאלען באדען האבען זיך אויך באלד אנגעהויבען ווייזען די אייגענארטיגע שפראצונגען פון קולטור, דעמאקראטיע און סאציאליזם.

דאס נייינצענטע יארהונדערט איז געווען דאס יארהונדערט פון נאציא־נאליזם, עס איז געווען אנגעפילט מיט נאציאנאלע קאמפען און נאציאנאלען אויפשטאנד. אין פייער און בלוט האבען די אונטערדריקטע פעלקער אראפ־געווארפען פון זיך דעם יאך פון די הערשענדע פעלקער, און האבען זיך ערווארבען זייער זעלבסטשטענדיגקייט. די באפרייאונג און די ניי־ארגאני־זירונג פון דער מענשהייט איז אנגעגאנגען אין נייינצענטען יארהונדערט אין דריי ליניען, אין דער ליניע פון רעוואלוציאנערען נאציאנאליזם, אין דער ליניע פון דעמאקראטיזם, און אין דער ליניע פון סאציאליזם. די אידעע פון דער דעמאקראטיע האט זיך לכתחילה שוין פאראייניגט מיט דער אידעע פון נאציאנאליזם. צווישען דער אידעע פון נאציאנאליזם און סאציאליזם איז אבער ערשט אין לויף פון דער ענטוויקלונג ארויסגעבראכט געווארען די אינווייניגע ארגאנישע פארבינדונג. אבער אויך נאר דאן האט די נאציא־נאלע אידעע געקענט דערגרייכען איר טריאומף אלס א רעוואלוציאנערע און שעפפערישע אידעע אין דער מענשליכער געשיכטע, ווען זי איז צונויפגע־פאלען מיט דער אידעע פון סאציאליזם. נאך יארען פון ווידערשפרעכונגען, זוכענישען, געגענזאצען האט זיך דער פראגרעסיווער מענשליכער געדאנק אויפגעהויבען צו דעם סינטעז ניט נאר פון דעמאקראטיע און נאציאנאליזם, נאר אויך פון דעמאקראטיע, נאציאנאליזם און סאציאליזם. פון די דריי

באַוועגונגען און אידעען, וועלכע פירען צו דער אָפּגרענעצונג פון שעפּפערישע האַרמאָנישע נאַציעס אין אַ שעפּפערישער האַרמאָנישער אינטערנאַציאָנאַלער מענשהייט.

ה.

נאַציאָנאַליזם און סאָציאַליזם

די דעמאָקראַטישע בורזשואַזיע האָט אין אַלע אונטערדריקטע לענדער געפירט דעם נאַציאָנאַלען פרייהייטס קאַמף אין הסכם מיט אירע מאַטעריעלע און גייסטיגע קלאַסען־אינטערעסען. אָבער באַלד קומט צו נאָך אַ נייער קעמפּפער פאַר דער נאַציאָנאַלער פרייהייט אין דער וועלט, פאַר דעם איבערבוי פון דער מענשהייט אויף די יסודות פון פרייער נאַציאָנאַליטעט, פאַר דעם אינטערנאַציאָנאַלען בונד פון די פעלקער, און דאָס איז דער רעוואָלוציאָנערער און סאָציאַליסטישער פּראָלעטאַריאַט.

די באַציאונג פון סאָציאַליזם צום נאַציאָנאַליזם איז ניט געווען אַזאַ קלאָרע און דעפיניטיווע, ווי די באַציאונג פון דעמאָקראַטיזם צום נאַציאָנאַליזם. בשעת די דעמאָקראַטיע האָט אומעדום אויפגעהויבען די נאַציאָנאַלע פאָן פון פרייהייט, האָט, פאַרקערט, דער ערוואַכענדער פּראָלעטאַריאַט, פירענדיג דעם קלאַסען־קאַמף צווישען זיין אייגענעם פאָלק און אויפנעמענדיג די אידעע פון אינטערנאַציאָנאַליזם, זיך געשטעלט לכתחילה גלייכגילטיג קריטיש אָדער גאָר פיינדליך צו די נאַציאָנאַלע פרייהייטס־באַוועגונגען. נאָר שטופּענווייז האָט דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַריאַט דערקענט די פּראָגרעסיווע באַדייטונג פון די נאַציאָנאַלע פרייהייטס קאַמפּען, באַזונדערס נאָכדעם ווי ביי די אונטערדריקטע פעלקער האָט זיך אויפגעהויבען אַ רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט אָנגעהויבען פאָדערען זיין איינטריטס־רעכט אין דעם אינטערנאַציאָנאַל. ערשט דורך די פּראָבלעמען און קאַמפּען פון דער וועלט־מלחמה האָט דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַריאַט אויפגעהויבען זיך צו דעם היסטאָרישען אמת, דאָס יעדעס פאָלק האָט אַ הייליגעס רעכט און אַ הייליגע פליכט אויף זיין זעלבסטבאַשטימונג און זיין באַזונדערען גאַנג אין דער געשיכטע.

דער סאָציאַליסטישער פּראָלעטאַריאַט האָט ערוואַכט היסטאָריש לכתחילה אין די קאַפּיטאַליסטיש מער אָדער ווייניגער פאָרטגעשריטענע לענדער פון מערב־אייראָפּאַ, אין ענגלאַנד, פראַנקרייך און שפּעטער אין דייטשלאַנד. יענע קאַפּיטאַליסטיש־פאָרטגעשריטענע לענדער זיינען אָבער געווען נאַציאָנאַל זעלבסטשטענדיג און אומאָפּהייננגיג און האָבען ניט געוואוסט פון קיינע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען אין זייערע גרענעצען. דער פּראָלעטאַריאַט

פון ענגלאַנד, פראַנקרייך, דייטשלאַנד האָט נאָר געפילט דעם סאָציאַלען דרוק אויף זיך, דעם יאָך פון קאַפּיטאַליזם, וועלכער האָט אים אראָפּגעדריקט צו דער ערד. די ערוואַכטע רעוואָלוציאָנערע ענערגיע פון פּראָלעטאַריאַט איז דערפאַר געפאַלען ניט אין דעם וועג פון נאַציאָנאַליזם, נאָר פאַרקערט, אין דעם וועג פון קלאַסען-קאַמף אינערהאַלב פון פאָלק גופא. ניט די נאַציאָנאַלע באַפרייאונג, נאָר די אינטערנאַציאָנאַלע פאַראייניגונג און די אָפּשוואַכונג פון נאַציאָנאַלען שאָוויניזם און פּאַטריאָטישער אויסשליסליכקייט זיינען געוואָרען די אידעאַלען פון דעם ערוואַכענען פּראָלעטאַריאַט.

די ערשטע סאָציאַליסטען, אַבוואָל ניט די ערשטע פילאָזאָפען פון סאָציאַליזם, ווי קאַנט, פיכטע, העגעל, האָבען זיך גאָר ארומגעטראָגען מיט דער אידעע פון אן איינפאָרמיג פאראייניגטער מענשהייט, ווייל עס האָט זיך זיי אויסגעדוכט, אין זייער פילאָזאָפישער נאַאיוויטעט, דאָס די מערצאָל פון שפּראַכען און פעלקער זיינען שטערונגען פון דעם פרייען און ראַציאָנאַלען לעבען. אמת, יענע ערשטע סאַציאַליסטען האבען ניט געהאט קיין קלאָרען באגריף, וועלכע שפּראַך און וואָס פאר א שפּראַך זאָל קומען אויף דעם אָרט פון די פילע שטערענדע און איבריגע שפּראַכען, און וועלכע נייעס פאָלק זאָל אויפשטעהן אויף דעם פּלאַץ פון די פילע פעלקער. פאר די ערשטע סאָציאַליסטען, ווי וויטלינג, משה העס אין אָנהויב פון זייער טעטיגקייט, און אפילו אין א געוויסען מאָס פאר מארקס און לאַסאַל האָט געשוועבט דער צושוואַומענער אידעאַל פון א קאָסמאָפּאָליטישער איינהייטליכער און איינשפּראַכליכער מענשהייט אויף דער עקאָנאָמישער גרונדלאגע פון סאָציאַליזם, אין וועלכער אַלע עטנאָגראַפישע און קולטורעלע אונטערשידען זאָלען פאַרשווינדען. דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט (1847) איז נאָך דורכגעדרונגען פון דיזען אומבאַשטימטען און אומזיכערען קאָסמאָפּאָליטיזם.

מארקס און לאַסאַל האָבען געהאט אן אנדערען מער קאָנקרעטען און דאַמאָלט בארעכטיגטען גרונד פאר זייער פיינדליכקייט צום נאַציאָנאַליזם. אין מיטען פון פאָריגען יאָרהונדערט האָט אויסגעבראָכען די דעמאָקראַטיש-רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין אייראָפּא, מיט וועלכער עס איז געווען פאַרבונדען אויך א נאַציאָנאַל-רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג. די רעוואָלוציע פון 1848 האָט אין די פארשידענע לענדער פון אייראָפּא געהאט א פארשידענע פאָרם. אין פראַנקרייך איז עס געווען א דעמאָקראַטישע און טיילווייז פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע. אין עסטרייך איז עס געווען א דעמאָקראַטיש-רעוואָלוציאָנערע און נאַציאָנאַל-רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג צו דער זעלביגער צייט. אין לויף פון דער רעוואָלוציע האָבען זיך אויפגעהויבען אין עסטרייך נאַציאָנאַל אויך די פארשידענע סלאַווישע פעלקער, די רוטענער, סלאָוואַקען, קראָאַטען, באָסניער, א. אז. וו. אָבער דיזע קליינע סלאַווישע פעלקער, וועלכע

האָבען זיך דאמאָלט אויף א ווײַלע אויפגעהויבען פאר זייער נאַציאָנאַלע באפרייאונג, זיינען גלייך איבערגעגאנגען צו דער קאָנטר־רעוואָלוציע, וועלכע האָט דערשטיקט די רעוואָלוציע. א דאנק דעם רעאַקציאָנערען כח פון יענע סלאווישע פעלקער איז אונטערדריקט געוואָרען די דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע אין עסטרייך.

דער דאמאָלט נאָך זעהר יונגער מארקס איז דערפאר געקומען צו דעם באשלוס, דאָס די אָפּגעשטאַנענע סלאווישע פעלקער האָבען קיין היסטאָרישען ווערט ניט און קיין רעכט ניט אויף נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיגקייט. דער רוסישער רעוואָלוציאָנער באקונין האָט די סלאווישע פעלקער פון עסטרייך אגיטירט און אָרגאניזירט צו נאַציאָנאַלען אויפשטאַנד, און האָט געזעהן אין עסטרייך, וועלכע אונטערדריקט די סלאווישע פעלקער, די גרעסטע היסטאָרישע געוואַלט־טעטיגקייט. ער האָט פאר איינס גערופען צו דער צושטערונג און אויפלעזונג פון עסטרייך. מארקס, פארקערט, האָט דאמאָלט ערקלערט, דאָס די סלאווישע פעלקער דארפען זיך אַסימילירען מיט דעם דייטשען פאָלק און זיך אויפלעזען פולשטענדיג אין דער קולטורעל הויכשטע־הענדער דייטשער נאַציע. מארקס האָט אין יענער צייט פון זיין ערשטער רעוואָלוציאָנערער טעטיגקייט בכלל אויפגעפאסט אלע היסטאָרישע געשעהענישען נאָר פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער הערשענדער ציוויליזאציע און דעמאָקראַטיע. אזוי האָט ער, צום ביישפּיל, אויך באגריסט די עראָבערונג פון מעקסיקאָ דורך די פאראייניגטע שטאַטען, וועלכע איז אָנגעגאַנגען אין די פערציגער יאָרען. די פאראייניגטע שטאַטען פון אמעריקא זיינען, לויט מארקס, די טרעגער פון ציוויליזאציע און קולטור, און דיזעם לאַנד פון ציוויליזאציע האָט א רעכט און אפשר גאָר א חוב צו עראָבערען און ציוויליזירען דאָס ווילדע מעקסיקאַנישע פאָלק, ווענעם נאַציאָנאַלער באוואוסטזיין און זעלבסטשטענדיגקייט האָבען ניט קיין ווערט. נאָר בנוגע צו דעם פוילישען פאָלק, וועלכעס האָט שטענדיג רעוואָלטירט און איז געווען די פאָנאַנדערשיידונג צווישען דעם בארבארישען רוסלאַנד און דעם דעמאָקראַטישען אייראָפּא, האָט מארקס געמאַכט אַן אויסנאַם און האָט אָנערקענט זיין רעכט אויף נאַציאָנאַלע פרייהייט.

אויך לאַסאַל האָט אין אָנהויב פון זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיגקייט ניט אויפגעפאסט די אידעע פון נאַציאָנאַלער פרייהייט אלס אַן אבסאָלוטע. לאַסאַל האָט ערקלערט, דאָס די סלאווישע פעלקער אויף דעם באלקאַן און אין עסטרייך, ווי די בולגארען, סערבען, מאָנטענעגרער, באָסניער, רוטענער, קראָאַטען, סלאָוואקען, דארפען ניט עקזיסטירען, און דאָס זייער איינציגע היסטאָרישע רעכט איז, זיך אויפצולעזען אין דער גרויסער דייטשער נאַציע. לאַסאַל, אזוי ווי מארקס, האָט נאָר אָנערקענט די נאַציעס פון ציוויליזאַציע,

װעלכע די געשיכטע האט באגנאדעט מיט איר אויסצייכנונג. זייביידע האבען ניט געזעהן און ניט געפילט די אונטעראירדישע היסטאָרישע קרעפ־טען, װעלכע דערהויבען אויך געפאלענע נאציעס צו דער הויכקייט און גרויסקייט פון נאציעס פון קולטור.

די נעגאטיװע שטעלונג פון די באגרינדער פון סאָציאליזם צו די נאָ־ציאָנאלע פרייהייטס־קאמפען איז געװען ניט די פרוכט פון א געשיכטס־פי־לאָזאָפישער אויפפאסונג, ניט דער רעזולטאט פון װיסענשאפטליכער אונטער־זוכונג, נאָר זי האט געשטאמט פון דער אפּלעהנונג פון דער אויפמערקזאמקייט פון דעם נאציאָנאלען פּראָבלעם, איז געװען א צופעליגע מיינונג, װעלכע האט געהאט איר באגרינדונג און צופעליגע געשעהענישען. אָבער נייע היסטאָ־רישע געשעהענישען האבען באלד געשטעלט דעם נאציאָנאלען פּראָבלעם אין א נייע ליכט און האבען ביי לאסאל און מארקס ארויסגערופען א נייע שטע־לונג צום נאציאָנאליזם. דיזע נייע געשעהענישען האבען זיך אָנגעהויבען מיט דעם איטאַליענישען קריג אין יאָר 1859.

דער איטאַליענישער קריג געגען עסטרייך אין יאָר 1859 האט געהאט אן אינטערנאציאָנאלע באדייטונג. אָבער ער האט ניט נאָר אָנגערירט די אינטערעסען פון אלע מערב־אייראָפּייאישע פעלקער, נאָר ער איז געװאָרען אויך א פּראָבלעם פאר דער גאנצער אייראָפּייאישער דעמאקראטיע און סאציא־ליסטען. עס איז געװאָרען א פראגע, װי די דעמאָקראטיע דארף זיך שטע־לען צו דיזען נאציאָנאלען באפרייאונגס־קריג. לאסאל איז אויפגעטראטען מיט זיין בארימטער שריפט: „דער איטאַליענישער קריג". אין דיזער שריפט האט לאסאל צום ערשטען מאָל ערקלערט אין דער סאָציאליסטישער ליטעראטור, דאס יעדעס פאָלק, װעלכעס האט ניט פארלאָרען דעם היסטאָ־רישען באװאוסטזיין און װעמעס היסטארישער לעבענספאדים איז ניט איבערגעריסען געװאָרען, האט א רעכט און חוב אויף נאציאָנאלע זעלבסט־שטענדיגקייט און נאציאָנאלע ענטװיקלונג לויט דעם היסטאָרישען גייסט פון פאָלק. די נאציאָנאלע פרייהייט, האט לאסאל ערקלערט, איז די ערשטע באדינגונג פון דער דעמאקראטיע. אויך פאר דעם סאציאליזם און די סאָ־ציאלע רעװאָלוציע. דערזעלביגער לאסאל, װעלכער האט אין זיין יוגענד גע־האט ציוניסטישע שטימונגען און גע'חלומ'ט װעגען דער ערָאבערונג פון אָרץ ישראל פאר אידען, און װעלכער האט זיך שפּעטער פארפרעמדט צום אידישען פאָלק און געפאָדערט די אסימילאציע פון אלע קליינע פעלקער בכלל, —לאסאל האט צום ענדע פארט דערפילט דעם גרויסען װערט פון נאציאָנאלער אָריגינאליטעט אין דער היסטאָרישער ענטװיקלונג.

דער איטאַליענישער קריג געגען עסטרייך האט אויך דערװעקט מאָזעס העס, איינעם פון די באגרינדער פון דער סאָציאליסטישער פילאָזאָפיע, צו

דער איבערראשונג פון זיינע אידעען וועגן דעם צוזאַמענהאַנג צווישן נאַציאָנאַליזם און סאָציאַליזם. העס האָט זיך, אַזוי ווי לאַסאַל, אין זיין יוגענט באַגייסטערט פאַר דעם אידישען פאָלק. דער עלילת דם בלבול פון דמשק אין די פערציגער יאָרען פון פאַריגען יאָרהונדערט האָט געמאַכט אויף העס, אַזוי ווי אויף לאַסאַל, א פורכטבאַרע ווירקונג. צום סוף אָבער האָט העס, אַזוי ווי אַנדערע סאָציאַליסטען פון יענער צייט, געפּריידיגט די אויפלייזונג פון אַלע פעלקער און דאָס פאַרשלינגען פון דעם פּרט אין דעם כלל, אין דעם פעלקער־לעבען. אָבער דער איטאַליענישער קריג האָט געמאַכט א געוואַלטיגע ענדערונג אין העס' נשמה. העס האָט נאָך דעם איטאַליענישען קריג אַרויסגעגעבען זיין באַרימטעס ווערק: „רוים און ירושלים, די לעצטע נאַציאָנאַליטעטען־פראַגע" (1861). עס איז א בוך וועגען דער אידישער נאַציאָנאַלער פראַגע פון שטאַנדפּונקט פון דער ראַדיקאַלער פילאָזאָפיע און דער רעוואָלוציע. „נאָכדעם ווי עס האָט זיך באַפרייט די אייביגע שטאָט אויף דעם טייך טיבער, מוז זיך אויך באַפרייען די אייביגע שטאָט אויף דעם הר המוריה", דאָס זיינען די ווערטער פון העס אין זיין פאָררעדע צו „רוים און ירושלים". „רוים און ירושלים" איז ניט נאָר דאָס ערשטע ווערק וועגען סאָציאַליסטישען ציוניזם, נאָר עס איז אויך א ווערק וועגען דעם נאַציאָנאַלען פּראָבלעם בכלל.

נאָך א גרויסע היסטאָרישע געשעהעניש איז פאָרגעקומען דאַמאָלט, וועלכע האָט געווירקט, דאָס דער סאָציאַליזם האָט פאַרגרעסערט זיינע גרענעצען און האָט אַריינגעטראָגען אין דעם קרייז פון זיינע שטרעבונגען און האָפנונגען די באַפרייאונג פון אונטערדריקטע פעלקער. דאָס איז געווען דער אויפשטאַנד פון פוילען געגען רוסלאַנד אין יאָר 1863. עס איז געווען א טראַדיציע ביי דער דעמאָקראַטיע און ביי סאָציאַליסטען, דאָס פוילען דאַרף ווערען פּאָליטיש זעלבסטשטענדיג, כדי עס זאָל ווערען דאָס שיידונגסלאַנד צווישען דעם דעספּאָטישען רוסלאַנד און דעם ציוויליזירטען אייראָפּא. מאַרקס האָט שטענדיג געקעמפט פאַר דער באַפרייאונג פון פוילען פון רוסישען יאָך, ווארים פוילען האָט דורך אירע רעוואָלוציעס ערוואָרבען דאָס רעכט אויף זעלבסטשטענדיגקייט. די רעוואָלוציע אין פוילען האָט אַרויסגערופען אן אַלגעמיינע אויפרעגונג אין דעם רעוואָלוציאָנערען אייראָפּא. דער אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער איז דאַמאָלט באַגרינדעט געוואָרען דורך קאַרל מאַרקס, איז טיילווייז באַשאַפען געוואָרען דורך דיזער, פון דעם פּוילישען אויפשטאַנד אַרויסגערופענער, רעוואָלוציאָנערער טעטיגקייט. דער אינטערנאַציאָנאַל האָט געשיקט אויך זיין באַגריסונג צו די פוילישע פרייהייטס־קעמפער.

די פראַגען וועגען דער באַפרייאונג פון פוילען און דער מלחמה פון

דעם דעמאָקראַטישען אייראָפּא געגען רוסלאנד זיינען יאָרען לאנג געשטאַנען אויף דער טאגעסאָרדנונג פון ערשטען אינטערנאציאָנאל.

באַלד אָבער איז פאָרגעקומען א געשעהעניש פון וועלט־היסטאָרישער באדייטונג, וועלכע האָט אפילו געגעבען נייע נארונג דעם רעאקציאָנערען פעלקער־אונטערדריקענדען נאציאָנאליזם, אָבער וועלכע האָט פון דער אנדער זייט געפירט מארקס און דעם אינטערנאציאָנאל צו דער דערקענטניס פון דעם פריוהייטליכען נאציאָנאליזם. עס האָט אויסגעבראָכען דער קריג צווישען דייטשלאנד און פראנקרייך אין יאָר 1870, און דייטשלאנד האָט באַקומען די אויבערהערשאַפט אין אייראָפּא, נאָכדעם ווי פראנקרייך איז צוטראָטען געוואָרען מיט די פיס. דער נצחון פון דייטשלאנד האָט געבאָרען דעם נאציאָנאל־שאָוויניסטישען גייסט אין דייטשלאנד, דעם גייסט פון ביסמארק און טרייטשקע, וועלכער האָט געשטעלט מאַכט איבער רעכט און „דייטשלאנד איבער אלעס". דער שאָוויניסטישער נאציאָנאליזם האָט דער־גרייכט זיין טריאומף אין דער נייער דייטשער אימפעריע, און פון דאָרט האָבען זיך זיינע כוואליעס פארשפּרייט איבער אלע אייראָפּייאישע לענדער.

אָבער אין דער צייט פון דעם דייטש־פראנצויזישען קריג אין 1871 האָט מארקס געהאלטען אין אינטערנאציאָנאל זיין בארימטען אדרעס וועגען דעם קריג. אין יענעם היסטאָרישען אדרעס פּראָקלאַמירט מארקס צום ערשטען מאָל דעם געדאנק, דאָס צווישען פעלקער דארפען עקזיסטירען די זעלביגע באציאונגען פון רעכט און יושר, ווי צווישען איינצעלנע פּערזאָנען. אָט דאָס איז די צוקונפט פון דער מענשהייט, וועלכע די סאָציאלע רעוואָ־לוציע דארף אראָפּברייינגען. דערמיט האָט מארקס צום ערשטען מאָל אנערקענט דאָס רעכט פון די פעלקער אויף היסטאָרישער ענטוויקלונג און זעלבסטבאשטימונג, און האָט, אין געגענזאַץ צו זיינע פריערדיגע פאנאנדער־טיילונגען פון פאָרטגעשריטענע און אָפּגעשטאַנענע פעלקער, ערקלערט אלע פעלקער פאר גלייך, אזוי ווי אלע מענשען אָהן אונטערשיד פון ראנג און אָפּשטאַמונג זיינען גלייך אין רעכטליך־מאָראלישען זין. דער פּרינציפּ פון נאציאָנאליזם איז דערהויבען געוואָרען דורך דעם באגרינדער פון סאָציאליזם צו אן אבסאָלוטען פּרינציפּ.

אזוי לאנג אָבער ווי דער סאָציאליזם איז געווען פארשפּרייט נאָר צווי־שען די מערב־אייראָפּייאישע פעלקער, איז ער דאָך געבליבען גלייכגילטיג צו די נאציאָנאלע אויפלעבונגס־שטרעבונגען און נאציאָנאלע האָפנונגען פון די אונטערדריקטע פעלקער. דער פּוסטער וואָרט פון דער פארוואנדלונג פון אלע נאציעס אין „מענשען" פלעגט פארבייטען ביי די נאציאָנאל זעלבסטשטענדיגע אָדער גאָר הערשענדע סאָציאליסטען דעם אינטערעס און די סימפּאַטיע פאר דער נאציאָנאלער נויט פון אונטערדריקטע פעלקער. דער

פראָלעטאריאט האָט נאָר געפילט זיין אייגענע עקאָנאָמישע נויט און האָט געקוקט מיט אומפארשטענדניש און דערפאר מיט פיינטשאַפט אויף דאָס נאַציאָנאַלע ראַנגלען זיך און קעמפען פון די אונטערדריקטע פעלקער.

ערשט ווען דער סאָציאַליזם האָט אָנגעהויבען אריינצונעמען אונטער זיינע באַשיצענדע פליגלען די ארבייטער פון די אונטערדריקטע פעלקער, האָט זיך אָנגעהויבען פולשטענדיג צו ענדערן די שטעלונג פון סאָציאַליזם צום נאַציאָנאַליזם. זייט די נײַנציגער יאָרען הויבט זיך אָן צו ענטוויקלען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג צווישען די אונטערדריקטע פעלקער פון מזרח־אייראָפּא. עס ענטשטעהען סאָציאַליסטישע פאַרטייען צווישען די פינלענדער, פוילען, טשעכען, לאַטישען, ליטוואַקעס, סלאָוואַקען, רוטענער, אוקראַינצעס, אידען, ארמעניער, גרוזינען, א. ז. וו. דיזע נייע סאָציאַליס־טישע באַוועגונג צווישען די אונטערדריקטע פעלקער האָט שוין גענומען נאַטירליך א גאַנץ אנדערע שטעלונג צו דעם נאַציאָנאַלען פראָבלעם. דער פראָלעטאַריאַט פון אַן אונטערדריקטען פאָלק קאָן ניט זיין גלייכגילטיג צו די נאַציאָנאַלע ליידען און דער היסטאָרישער געפאַלענקייט פון זיין אייגען פאָלק. אמת, לכתחילה האָבען אויך פילע סאָציאַליסטען פון די אונטער־דריקטע פעלקער, אונטער דעם דרוק פון דער אַלטער קאָסמאָפּאָליטישער אידעאָלאָגיע און כדי צו פאַרשאַרפען דעם שטאַנדפּונקט פון אינווייניגען קלאַסען־קאַמף, אויסגעשלאָסען פון זייער סאָציאַליזם יעדען נאַציאָנאַלען קאַמף. אַנדערע סאָציאַליסטען פון אונטערדריקטע פעלקער, ווי למשל, די אידישע, זיינען נאָכגעגאַנגען אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע דער בורזשואַזיע און האָבען ערקלערט די אסימילאַציע מיט דעם הערשענדען פאָלק און זיין קולטור אַלס זייער סאָציאַליסטישע לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע. אָבער דאָס זיינען נאָר געווען די וויניגע אויסנאַמען אין אָנהויב פון דער ענטוויקלונג. אַזוי באַלד ווי די סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט געלאָזען טיפערע וואָרצלען צווישען די פאָלקסמאַסען, האָט זי פאַראייניגט דעם סאָציאַלען קאַמף מיט דעם נאַציאָנאַלען קאַמף צו איין אײנהייטליכען קאַמף פאַר פרייהייט און ווידעראויפלעבונג. די סאָציאַליסטישע פאַרטייען פון די אונטערדריקטע פעלקער האָבען אומעטום ארויסגעשטעלט די נאַציאָנאַלע פרייהייט אַלס א גרונטפּרינציפּ פון זייערע פּראָגראַמען. אויף דער רויטער פאָן פון דעם סאָציאַליזם פון די אונטערדריקטע פעלקער איז אויפגעשריבען געוואָרען אין איין שורה סאָציאַלע גלייכהייט און אין דער צווייטער שורה נאַציאָנאַלע פרייהייט.

וויבאַלד דער סאָציאַליזם האָט זיך אָנגעהויבען אריבערצוטראָגען פון די הערשענדע פעלקער צו די אונטערדריקטע פעלקער, האָט זיך צווישען די סאָציאַליסטען אָנגעהויבען די נייע טעאָרעטישע אויפפאַסונג פון נאַציאָנאַ־

ליזם. דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציאָנער און סאָציאַליסט ל א ו ו־ ר אָ ו ו איז געווען איינער פון די ערשטע, וועלכער האָט שוין אין די אַכטציגער יאָרען דערפילט דעם טעאָרעטישען טעות פון קאָסמאָפּאָליטיזם. לאַווראָוו האָט ערקלערט דער ערשטער אין זיין שריפט „נאַציאָנאַליטעט און סאָציאַליזם" (1886), דאָס אינטערנאַציאָנאַליזם מיינט ניט קאָסמאָ־פּאָליטיזם, און דאָס דער קאָסמאָפּאָליט קאָן זיין אַן עגאָאיסט, וועלכער וואַרפט פון זיך אַראָפּ אַלע התחיבות'ן פאַר דעם אַנדער מענש, בשעת דער אינטערנאַציאָנאַליסט מוז באַווייזען זיין אויפריכטיגקייט דורך טאַטען בנוגע צו דער נאָהענטער סביבה. אין דעם שטרעבען פון אַ יחיד און אַ כלל אָנצוהאַלטען נאַציאָנאַליטעט ליגט ניט קיין סתירה צום סאָציאַליזם. דאָס איז געווען אַ גרויסער שריט פאָרווערטס אויף דער ליניע פון אויפקלערונג וועגען סאָציאַליזם און נאַציאָנאַליזם.

דער נאַציאָנאַלער קאַמף אין עסטרייך און די דעמאָראַליזירונג פון דער גאַנצער עסטרייכישער אימפּעריע דורך די נאַציאָנאַלע קאָנפליקטען האָט געווירקט אויף דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, דאָס זי זאָל אריינ־נעמען אין איר פּראָגראַם די נאַציאָנאַלע רעאָרגאַניזירונג און אויטאָנאָמיע פון די פאַרשידענע פעלקער פון דער מלוכה. אויף דעם פּאַרטיי־צוזאַ־מענפאָר אין ברין אין יאָר 1899 האָט די עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פּראָקלאַמירט דעם פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. יעדעס פאָלק פון עסטרייך זאָל האָבען דאָס רעכט אויף דעם פרייען געברויך פון זיין שפּראַך, אויף די נאַציאָנאַלע שול, קולטור, פאַרוואַלטונג ביז צו טערי־טאָריאַלער אויטאָנאָמיע. עסטרייכישע סאָציאַליסטען זיינען געוואָרען די טעאָרעטיקער פון פרייהייטליכען פּראָגרעסיווען נאַציאָנאַליזם, פון דעם נאַציאָנאַליזם, וועלכער איז ניט נאָר בהסכם, נאָר וועלכער איז דער אמת'ער פאָרשפּיל צום אינטערנאַציאָנאַליזם. דער סאָציאַליסט שפּרינגער־רענער האָט אויסגעאַרבייט די טעאָריע, ווי אין נאַציאָנאַל־געמישטע געגענדען זאָל קאָנען דורכגעפירט ווערען די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע. דער סאָציאַליסטי־שער טעאָרעטיקער אָ ט אָ ב ו י ע ר האָט אין זיין בארימטען בוך: „די נאַציאָנאַליטעטען פראַגע און די סאָציאַלדעמאָקראַטיע" (1907) באַשאַפען די טעאָריע פון מאָדערנעם נאַציאָנאַליזם. דיזע טעאָריע דערגרייכט איר הויכפּונקט אין דעם געדאַנק, דאָס ערשט אין סאָציאַליזם וועט די נאַציע באַקומען איר העכסטע קולטורעלע באַזונדערקייט און פולקאָמענהייט, און דאָס ערשט די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט וועט פירען צו דעם טריאומף פון דעם נאַציאָנאַלען פּרינציפּ אין דער געשיכטע.

דער צווייטער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל האָט שוין אַנער־קענט די באַרעכטיגונג פון די נאַציאָנאַלע קאַמפען פון די אונטערדריקטע

פעלקער און דעם נאַציאָנאַלען פראָגראַם פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון די אונטערדריקטע פעלקער. אין דעם בוי און דער אָרגאַניזאַציע פון אינטערנאַציאָנאַל נאָך די פעלקער איז פּראָקלאַמירט געוואָרען די גלייכבאַרעכטיגונג פון אַלע פעלקער, פון די שטאַרקע אַקוראַט ווי די שוואַכע, שטאַטליכע אַזוי גוט ווי שטאַטלאָזע. אַבוואָל דיזער פּרינציפּ איז נאָך אַלץ ניט דערקענט געוואָרען אַלס אַ קולטור־פּאָליטישער געבאָט און איז אין זיין פּראַקטישער אָנווענדונג ניט דערפירט געוואָרען ביז צו דער לעצטער פּאָליטישער קאָנסעקווענץ. דער אינטערנאַציאָנאַל איז אָבער געוואָרען די רעוואָלוציאָנערע טריבונע, פון וועלכער עס איז פאַרטיידיגט געוואָרען יעדעס אונטערדריקטעס פּאָלק און ס'איז אָנגעקלאָגט און פאַרדאַמט געוואָרען יעדע נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג און יעדע בארויבונג פון נאַציאָנאַלער פרייהייט דורך געוואַלט־טעטיגקייטען פון שטאַרקערע מלוכות.

אמת, נאָך ניט דער גאַנצער סאָציאַליזם האָט געמאַכט דעם גאַנצען שלום מיט דעם פרייהייטליכען אינטערנאַציאָנאַלען נאַציאָנאַליזם. די סאָציאַליסטען פון די הערשענדע פעלקער האָבען ביז צו דער מלחמה נאָך ניט געוואָלט אָנערקענען אין דער גאַנצער ברייטקייט די נאַציאָנאַלע פאָדערונגען פון די שוואַכע פעלקער. דאָס נאַציאָנאַלע פּראָבלעם איז אין דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור נאָך אַלץ באַטראַכט געוואָרען ווי אַ נויטווענדיגער איבעל, און ניט ווי אַ פּראָבלעם פון דער גרעסטער קולטור־היסטאָרישער באַדייטונג. די רוסישע סאָציאַלדעמאָקראַטיע האָט געקוקט מיט אַ קרומען אויג אויף די נאַציאָנאַלע אומרואיגקייט פון די פאַרשידענע קליינע פעלקער פון דער רוסישער אימפּעריע. דער ענגלישער סאָציאַליזם האָט נאָך ניט אָנערקענט די אירלענדישע נאַציע. דער דייטשער סאָציאַליזם איז געווען גלייכגילטיג אין זיין אינווייניגער נשמה צו די גרויסע פּאָליטישע און קולטורעלע קאַמפען פון די אונטערדריקטע פעלקער. די דייטשע סאָציאַליסטען האָבען געקעמפט געגען די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציאָנס־פאָרמען פון די טשעכישע סאָציאַליסטען. פילע סאָציאַליסטען פון די אונטערדריקטע פעלקער זעלבסט האָבען ניט פאַרשטאַנען דעם גאַנצען היסטאָרישען ערנסט און די קולטורעלע גרויסקייט פון נאַציאָנאַלען רענעסאַנס. אָבער דיזע לעצטע פיינדליכקייט און גלייכגילטיגקייט האָט זיך שוין גאָרניט גענומען פון קאָסמאָפּאָליטישע מיספאַרשטענדניסען, נאָר פאַרקערט, פון דעם רעאַקציאָנערען נאַציאָנאַליזם און אימפּעריאַליזם, מיט וועלכען עס איז פאַרגיפטעט געוואָרען אַ טייל פון די סאָציאַליסטען פון די הערשענדע פעלקער. נאַציאָנאַל פאַר דאָס אייגענע פּאָלק און קאָסמאָפּאָליטיש־אַנטינאַציאָנאַל פאַר דאָס שוואַכע פרעמדע פּאָלק, דאָס איז געווען דער מיאוסער געפיל פון דיזע סאָציאַליסטען. זיי האָבען ניט געוואָלט אויפגעבען די נאַציאָנאַלע

אויבערערבט פון זייער הערשענדען פאָלק און האָבען באַקעמפט דערפאַר די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע טענדענצען ביי אונטערדריקטע פעלקער. און פילע סאָציאַליסטען פון די אונטערדריקטע פעלקער, ווי צום ביישפּיל די אידישע, האָבען זעהר אָפט נאָכגעטאָן זייערע מעכטיגערע חברים פון די הערשענדע פעלקער. ווארים „עס אידעלט זיך אזוי ווי עס קריסטעלט זיך". און ווי די שטאַרקע שפּילען, אזוי טאַנצען די שוואכע.

דורך דיזע גלייכגילטיגקייט פון די סאָציאַליסטען פון די הערשענדע פעלקער אין זייערע געדאַנקען און געפילען בנוגע צו די שטרעבונגען און האָפנונגען פון די אונטערדריקטע פעלקער איז טיילווייז מעגליך געוואָרען דער וועלט־קריג. דער סאָציאַליזם איז אלס פּראָלעטארישע לעבענס־אנשויאונג נאָך ניט דורכגעדרונגען געוואָרען פולשטענדיג פון דער אידעע פון דער גלייכיגקייט פון אַלע פעלקער פאַר דעם ריכטער־שטול פון דער וועלט־געשיכטע. די סאָציאַליסטען זיינען אויך טיילווייז אריינגעפאלען אין דער זינד פון שאָוויניזם און אימפּעריאַליזם. אויף אזא אופן איז מעג־ליך געוואָרען די קריגערישע האלטונג פון דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע צו סערביען, פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע צו דעם עראָבערונגס־קריג. דער וועלט־קריג איז דאָס וועלט־געריכט, אזוי קאָן מען איבעראַנדערשען הענגעל'ס בארימטען וואָרט: די וועלט־געשיכטע איז דאָס וועלט־געריכט. פון דיזען וועלט־קריג געהט ארויס אויסגעלייטערט א ניי מענשהייט און א נייער סאָציאַליזם, דאָס הייסט דער סאָציאַליזם, וועלכער וועט אנערקענען די גלייכווערטיגקייט און גלייכבארעכטיגונג פון אַלע פעל־קער, און זייער פרייע אָרגאניזירונג אין אן איינהייטליכער אינטערנאַציאָנאַל־נאַציאָנאַלער מענשהייט.

ו.

אינטערנאַציאָנאַלער בונד פון די פרייע נאַציאָנען

אזוי ווי מכח דעם וואָרט נאַציאָנאַליזם זיינען אויך מכח אינטערנאַ־ציאָנאַליזם ארויסגעוואקסען צאָלרייכע מיספארשטענדניסען און מיס־ברויכען. ווען מען ברויכט דאָס וואָרט אינטערנאַציאָנאַליזם, שטעלט מען זיך דערמיט געוויינליך נאָר פאר אַלע נעגאַטיווע נעגענזאצען פון נאַציאָ־נאַליזם, וועלכען מען לייקענט און פארניינט. מען מיינט דערמיט ניט א פּאזיטיווען אינהאַלט, נאָר מען וויל דערמיט אויסדריקען די געגנערשאַפט צום שאָוויניזם, צו מלחמות, צו רעאַקציע. אָפטמאָל ליגט אין דעם אויך באהאַלטען דעם געדאַנק פון גלייכגילטיגקייט אָדער פיינדשאַפט צו נאַ־ציאָנאַלע פּראָבלעמען און שטרעבונגען. וועלכער פּאזיטיווער אינהאלט עס

ליגט אָבער אין דעם וואָרט אינטערנאציאָנאַליזם, איז אייגענטליך קיינמאָל ניט געמאַכט געוואָרען קלאָר.

די פילדייטיגקייט און דער מיסברויך פון דעם וואָרט „אינטערנאַציאָנאַליזם“ נעמט זיך אָבער סוף כל סוף דערפון, ווייל עס איז ניטאָ גאָר קיין אינהאלט אין דעם וואָרט אינטערנאַציאָנאַליזם אויסערהאַלב פון דעם באַגריף נאַציאָנאַליזם. אפילו דאָס וואָרט קאָסמאָפּאָליטיזם, וועלכעס שטאַמט פון גריכישען וואָרט אַלטערטום און מיינט וועלט־בירגערטום, האָט אויך קיין פּאזיטיווען אינהאַלט ניט געהאַט, א חוץ דער קריטיק צו דער אייגענער נאַציאָנאַלער באַשריינקונג.

דער אידעאל פון אוניווערסאליזם, אַלמענשליכקייט, קאָסמאָפּאָליטיזם, פעלקער־פּארברידערונג, וועלכער איז ענטשטאַנען אין די געלויטערטע רע־ליגיעם און פילאָזאָפיעם, האָט געהאַט נאָך אַ מאָראַלישען אינהאַלט, איז געוועזן נאָר די אויפוואַכענדע מענשליכע דערקענטניס, דאָס דער זין פון דער געשיכטע איז די אַלמענשליכע האַרמאָניע.

מען קאָן אָבער אין דעם באַגריף פון אינטערנאַציאָנאַליזם ניט אריינ־טראָגען קיין נייעם עטנאָגראפישען אָדער פעלקער־פּסיכאָלאָגישען אינהאַלט איז היפּך צו דעם באַגריף פון נאַציאָנאַליזם. וואָס קאָן מיינען אינטער־נאַציאָנאַליזם אין היפּך צו נאַציאָנאַליזם? זאָל עס מיינען די פאַר־אייניגונג פון אַלע ראַסען פון דער וועלט אין איין ראַסע, פון אַלע פעלקער אין איין פאָלק, פון אַלע שפּראַכען אין איין שפּראַך, פון אַלע קולטורען אין איין קולטור? זאָל עס מיינען די פאַראייניגונג פון דער שווארצער, געלער און ווייסער ראַסע, פון די נעגער, כינעזער און איראָפּייער אין איין ראַסע? אַזאַ ראַסען־פאַרשמעלצונג וואָלט געווען אקוראַט אזוי אומנאַטירליך און אבסורד ווי שלעכט און לעבענסצושטערענד. אויב אינטערנאַציאָנאַליזם זאָל מיינען די אויפלייזונג פון אַלע פעלקער אין איין פאָלק, קאָן עס יעדענפאַלס ניט מיינען די פאַרשמעלצונג פון די פעלקער פון אַלע ראַסען, נאָר פון די פעלקער פון דער איראָפּייאישער ווייסער ראַסע. וואָס מיינט אָבער די צונויפגיסונג פון דעם דייטשען, פראַנצויזישען, ענגלישען, אמע־ריקאַנער, רוסישען, איטאַליענישען, אידישען א. ז. וו. פאָלק אין א י י ן פאָלק? וועלכעס נייע פאָלק זאָל באַשאַפען ווערען פון דיזע צענדליגער פעלקער? זאָלען זיך אַלע פעלקער אסימילירען מיט איין שטאַרקען פאָלק, זאָלען אַלע פעלקער ווערען א גרויסעם ענגלישעם, דייטשעם, רוסישעם פאָלק? אָדער זאָל גאָר באַשאַפען ווערען פון דיזער פעלקער־צונויפגיסונג גאָר א נייעם פאָלק, וועלכעס וועט זיך אונטערשיידען פון אַלע ביזאַהעריגע פעל־קער פון דער וועלט? וועלכע שפּראַך זאָל ווערען די איינציגע וועלט־שפּראַך? איינע פון די באַשטעהענדע שפּראַכען, אָדער א נייע קינסטליך־

אויסגעטראַכטע שפּראַך? און וואָס וועלען זיין די גייסטיג־קולטורעלע אייגענשאַפטען פון דיזער נייער וויסער נאַציע? פון וואַנען וועלען זיי שטאַמען און אין וועלכער קולטור־פאָרם וועלען זיי זיך אויסדריקען? וואָס וועט זיין דער גייסט, דער טעמפּעראַמענט, דער לעבענס־אַמת, דער לעבענס־סטיל, די פילאָזאָפיע, קונסט, אָרגאַניזאַציע, דער צוקונפטס־ווילען, די היסטאָרישע טראַדיציע פון דיזער נייער מענשהייט־נאַציע? וועט דיזע קולטור באַשאַפען ווערען א יש מאין? אָדער וועט עס זיין אַן אומגליקליכע צונויפמישונג פון אַלע קולטורען? אָדער וועט עס זיין גאָר א קולטורלאָזע נאַציע נאָר מיט א גרויסען מאַטעריעל־טעכנישען אוצר?

קיינער האָט אייגענטליך קיינמאָל ניט געפּרואווט אריינטראַגען אין דעם וואָרט אינטערנאַציאָנאַליזם דעם אינהאַלט פון דער פארשווינדונג פון די נאַציעס און זייער פארוואַנדלונג אין א נייע נאַציע. ווארים דער באַגריף פון א נייער איין־נאַציע איז א ווידערשפּרוכספולער און דער ווערט דערפון איז א נעגאַטיווער און אנטי־קולטורעלער. די מענשהייט וואָלט פאַראָרימט געוואָרען גייסטיג, אירע שעפּפערישע קרעפטען וואָלטען פאַרטריקענט געוואָרען, זי וואָלט פאַרלאָרען די מאָראַלישע כחות פון נאַציאָנאַלער שיקזאַל־געמיינשאַפט, ווען די נאַציאָנאַלע אייגענטימליכקייטען, דער פאַרשידענער נאַציאָנאַלער ווילען, די באַזונדערע פעלקער־גייסטער וואָלטען פארשווינדען.

אמת, אין די פאַראייניגטע שטאַטען פון אמעריקא איז ענטשטאַנען א געמישטע נאַציע, ווי זי האָט נאָך קיינמאָל ניט עקזיסטירט אין דער געשיכטע, א פאַראייניגונג און צונויפגיסונג פון די פאַרשידענסטע נאַציעס אין איין נאַציע. די צענדליגער מענשען, וועלכע זיינען אין לויף פון ניינצענטען יאָרהונדערט געקומען פריער פון ענגלאַנד און דייטשלאַנד און שפּעטער פון מזרח־אייראָפּא, האָבען מער אָדער ווייניגער אָפּגעזאָגט זיך פון דער אייגענער נאַציאָנאַליטעט און זיך פאַרשמאָלצען אין א נייע נאַציע. אָבער דיזע נייע אינטערנאַציאָנאַלע נאַציע איז סוף כל סוף א פּראָדוקט פון קולטור־נאַציאָנאַלער אסימילאַציע דורך דעם כח פון איין שטאַרקען פאָלק און איז פאַר דעם אמעריקאַנער פאָלק בכלל א גרויסער קולטורעלער און היסטאָרישער פאַרלוסט. אין אָנהויב פון ניינצענטען יאָרהונדערט איז אמעריקא שוין געווען אָרגאַניזירט ענגליש, א דאַנק דער פריערדיגער אַנגלאָ־סאַקסישער איינוואַנדערונג, און די שפּראַך, קולטור און לעבענספירונג איז געווען ענגליש. די נייע איינוואַנדערער האָבען זיך טיילווייז פון נויט און טיילווייז פרייוויליג אַסימילירט מיט דער שוין באַשטעהענדער אַנגלאָ־סאַקסישער שפּראַך און קולטור. די פאַרשידענע איינוואַנדערענדע פאָלקס־מאַסען האָבען אויפגעגעבען זייער שפּראַך, קולטור און באַלד אויך די היס־

טאָרישע עראָינערונגען, ווייל זיי זיינען געווען ניט־אָרגאַניזירטע מינאָריטעטען פון פאַרשידענער פּעלקערליכער אָפּשטאַמונג און זיינען געשטאַנען אויף אַ זעהר נידריגער שטופע פון קולטור. די פּאָליטישע פרייהייט און עקאָנאָמישע אויסזיכט פון דעם נייעם לאַנד האָבען אראָפּגעווישט די אָרימע נאַציאָנאַלע פּיזיאָנאָמיע פון די איינגעוואַנדערטע פאָלקסמאַסען, וועלכע זיינען אין זייערע היימאַטען געשטאַנען אין דעם ווייטען אָרום און ניט אין דער מיטען פון נאַציאָנאַלען לעבען. דיזע אינטערנאַציאָנאַלע נאַציע פון אַמעריקאַנער שמעלץ־טאָפּ האָט אויך דערפאַר ניט קיין אָרגאַנישע קולטור, נאָר אַ מעכאַנישע ציוויליזאַציע. אָבער אויך אין דיזער דורך איינוואַנדערונג און אַסימילאַציע אויסגעוואַקסענער אינטערנאַציאָנאַלער אַנגלאָ־סאַקסיש־אַמעריקאַנישער מיש־נאַציע מערקען זיך נאַציאָנאַלע טענדענצען צוזאַמען מיט דעם קולטור־וואוקס פון די איינגעוואַנדערטע מאַסען.

אין דער מאָדערנער צייט פון אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליזם האָט זיך ביסלעכווייז אויסגעקריסטאַליזירט דער אמת׳ער זין פון אינטערנאַציאָנאַליזם. אָבער ערשט די וועלט־מלחמה האָט אויפגעטרייסעלט דעם מענשליכען געוויסען בנוגע צו די הייליגע רעכט פון נאַציאָנען אויף זייער עקזיסטענץ און האָט דורך די שרעקען פון קריג געוויזען דעם מענשליכען שכל די מעגליכקייט פון אינטערנאַציאָנאַלער האַרמאָניע און אייביגען שלום. עס איז רייף געוואָרען דער געדאַנק, וועלכער איז ביז יעצט געווען העכסטענס אַ ווייטע טעאָרעטישע מעגליכקייט, דאָס יעדע נאַציע האָט אַ רעכט אויף איר אומאבהייניגקייט, און דאָס די מלוכה טאָר ניט שטעהן איבער דער נאַציאָנאַליטעט, נאָר מוז צונויפפאַלען מיט דער נאַציאָנאַליטעט. די זעלבסטשטענדיגקייט און הייליגקייט פון יעדער נאַציע, אומאבהייניגקייט פון איר גרויס, מאַכט, היסטאָרישען ווערט, איז געוואָרען אין לויף פון דעם וועלט־קריג די מאָראַלישע איבערצייגונג פון דער צייט. די הייליגקייט פון די נאַציעס, זייער אבסאָלוטע רעכט אויף לעבען און ענטוויקלונג און זייער עקאָנאָמישע האַרמאָניע איז אינטערנאַציאָנאַליזם.

דורך דעם שטורם פון וועלט־קריג זיינען געוואָרען לעבעדיגע אמת׳ען און פּראַקטישע שטרעבונגען די פילאָזאָפישע חלומות און מאָראַלישע באַגערונגען פון אכטצענטען יאָרהונדערט. וואָס די ראַדיקאַלע פילאָזאָפיע פון סוף פון אכטצענטען יאָרהונדערט האָט באַגריפען, דאָס פאַרווירקליכט די דעמאָקראַטישע וועלט פון אָנהויב פון צוואַנציגסטען יאָרהונדערט אין סאָציאַלען לעבען אזוי ווי אין פעלקער־לעבען. דער זעלבסט־צוועק פון יעדער אינדיווידואַליטעט און די האַרמאָניע פון אַלע אינדיווידואַליטעטען איז שוין אנערקענט געוואָרען אין דער פילאָזאָפיע פון אכטצענטען יאָרהונדערט. באזונדערס האָט דער דייטשער פילאָזאָף קאַנט געגעבען דעם

טיפסטען פילאָזאָפישען אויסדרוק צו דער אידעע פון הארמאָניע צווישען מענש, פאָלק און מענשהייט.

קאַנט דעפינירט דעם מאָראַל־פּרינציפּ פון לעבען, דאָס דער מענש טאָר ניט באטראכטען דעם אנדער מענשען אלס א מיטעל, נאָר יעדער אינ־דיווידיאום איז א זעלבסט־צוועק פאר זיך. אויב דיזער קאַנטישער מאָראַל־פּרינציפּ זאָל אָנגעווענדעט ווערען ביז צו זיין לעצטער קאָנסעקווענץ אויף די מענשליכע געזעלשאפט, מוז די געזעלשאפט פארוואנדעלט ווערען פון אן אינדיווידואליסטישער אין א סאָציאליסטישע. פאָליטישע קנעכטשאפט, עקאָנאָמישע עקספּלואטאציע, סאָציאלע אומגלייכהייט זיינען דאָך נאָר מעג־ליך, ווייל איין מענש באטראכט דעם אנדערען מענשען אלס א מיטעל פאר אים און ניט אלס א זעלבסט־צוועק פאר זיך אליין. ערשט אין דער סאָציא־ליסטישער געזעלשאפט פון אלגעמיינער גלייכהייט וועט פארווירקליכט ווערען קאַנט׳ס מאָראַל־פּרינציפּ, דאָס יעדער אינדיווידיאום איז א זעלבסט־צוועק פאר זיך.

דיזער קאַנטישער מאָראַל־פּרינציפּ מוז אָנגעווענדעט ווערען אויף דאָס צוזאַמענלעבען פון אלע פעלקער אין דער מענשהייט, אויף דעם אינטערנאַ־ציאָנאלען בונד פון אלע נאציעס. קיין פאָלק טאָר ניט באטראכטען אן אנדער פאָלק אלס א מיטעל פאר זיין ענטוויקלונג און היסטאָרישען פּראָגרעס, נאָר יעדעס פאָלק איז א זעלבסט־צוועק פאר זיך. דער איינצעלנער אינדי־ווידיאום איז א זעלבסט־צוועק אין דער נאציאָנאלער געזעלשאפט, דאָס איינ־צעלנע פאָלק איז א זעלבסט־צוועק אין דעם בונד פון די פעלקער. די פּראָ־קלאַמירונג פון דיזען מאָראַל־פּרינציפּ בנוגע צו די באַציאונגען פון די פעלקער פירט צו דער באגרינדונג פון דעם פרייעם אינטערנאציאָנאלען בונד פון די פעלקער און דעם אייביגען פרידען. קאַנט, וועלכער האָט נאָך די אידישע נביאים ווידער ערוועקט די האָפנונג און דעם באַגער פון די מענשען צו דעם אייביגען פרידען, האָט אויך געשאפען יענע מאָראַלישע פאָרמול, וואָס איר אָנווענדונג אויף דאָס פעלקער־לעבען קאָן ווערען דער יסוד פון דעם אינטערנאציאָנאלען פעלקער־בונד און פעלקער־שלום.

דער פרייער אינטערנאציאָנאלער בונד פון די פעלקער איז אָבער אין דער פּראַקטישער ווירקליכקייט נאָר דאַן מעגליך, ווען די מענשהייט וועט דורכגעדרונגען ווערען פון דעם פּרינציפּ, דאָס אלע פעלקער מוזען ווערען פריי און די מלוכות דארפען אויפגעבויט ווערען אויף דעם פּרינציפּ פון פרייער נאציאָנאליטעט. דאָס מיינט א גאנצע איבעראַנדערשונג פון דער לאַנדקאַרטע. די וועלט־מלחמה פירט די מענשהייט צו דעם נצחון פון דיזען פּרינציפּ און דער איבעראַנדערשונג פון די מלוכה־גרענעצען. אויב דיזע וועלט־מלחמה זאָל ווירקליך זיין די לעצטע וועלט־מלחמה און דערמיט מכפר

זיין אויף דעם געוואַלטיגען נאָך קיינמאָל ניט דאַ־געוועזענעם פאַרברעכען, וועלכען די מענשהייט האָט באַגאַנגען געגען לעבען, גייסט און מאָראַל.

כמעט אַלע היינטיגע מלוכות, מיט דער אויסנאַם פון נאָר זעהר ווייניגע, וועלכע מוזען איבערגעבויט און איבערגעאַנדערשט ווערען אין זייערע גרע־נעצען, כדי ס'זאָל קאָנען ארויסוואַקסען דער פרייער אינטערנאַציאָנאַל־בונד פון די פעלקער. דיזער פּרינציפּ פון פרייער און אונאַבהיינגיגער נאַציאָ־נאַליטעט וועט מוזען קומען צו עהרען ניט נאָר אין אייראָפּאַ. נאָר אויס־געשפרייט ווערען אויך אויף אַלע לענדער און פעלקער פון אזיען און אפריקא, וואו נאָר עס דערגרייכט דער כח פון דער מאָדערנער קולטור און דעם רעוואָ־לוציאָנערען סאָציאַליזם.

פעלקער, וועלכע זיינען אין לויף פון דער געוואַלט־טעטיגער געשיכטע צוזייט און צושפּרייט געוואָרען צווישען אַנדערע פעלקער, האָבען ניט ווײ־ניגער רעכט אויף טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע, ווי טעריטאָריאַלע פעלקער. אויף וויפיל די טעריטאָריאַלע רעאָרגאַניזירונג פון פעלקער, וועלכע זיינען צונויפגעמישט אין איין טעריטאָריע, איז אוממעגליך אָדער איז דערווייל נאָך אַ היסטאָרישער פּראָצעס, זיינען זיי באַרעכטיגט צו דער ווייטגעהענדסטער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. דער היסטאָרישער פּרינציפּ פון נאַציאָנאַליטעט מיינט טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע. נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע איז נאָר אַ קאָמפּראָמיס מיט דער האַרטער היסטאָרישער ווירקליכקייט, וועלכע שטעהט אַלס רעזולטאַט פון דער פאַרגאַנגענהייט איבער דער געגענוואַרט, און וועלכע קאָן נאָר אין דער צוקונפט באַפרייט און אויסגעלויטערט ווערען פון אַלע פּסולת און חטאים פון דער געשיכטע.

די אָנווענדונג פון פּרינציפּ פון פרייער נאַציאָנאַליטעט ענטהאַלט אויך אין זיך די אַבסאָלוטע לייזונג פון דער אייביגער אידישער פראַגע. די אַזוי אָנגערופענע נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע איז פאַר דאָס אידישע פאָלק ניט קיין לייזונג פון דעם נאַציאָנאַלען פּראָבלעם. די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע פאַר אידען ווערט קאָנקרעט צוריקגעפירט אויף דאָס רעכט פון דער נאַציאָנאַלער שפּראַך, נאַציאָנאַלער שולע, נאַציאָנאַלער געמיינדע און זעלבסטפאַר־וואַלטונג פון די געמיינדע־אַנשטאַלטען און אינסטיטוציעס. דערביי איז אָבער נאָך פּראָבלעמאַטיש, אויף וויפיל דיזע נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע ענט־שפּרעכט צו די ווירקליכע באַדערפניסען פון דאָס אידישע לעבען און ער־שעפּט זיי. זאָל דאָס אידישע פאָלק זיך ווירקליך ענדגילטיג אָפּזאָגען פון יעדער טעריטאָריאַלער זעלבסטשטענדיגקייט און זאָל עס אומעדום פאַר־בינדען זיין היסטאָרישען שיקזאַל מיט דעם שיקזאַל פון דעם ארומיגען פאָלק?

דאָס לעבען פון אידען צווישען אַנדערע פעלקער זייט יאָרטויזענדער האָט געוויזען, אַז דאָס אידישע פאָלק קאָן זיך ניט אסימילירען און קאָן

זיך ניט איינלעבען אבסאלוט מיט די ארומיגע פעלקער. די צושטרייטקייט פון דעם אידישען פאָלק צווישען הערשענדע פעלקער בעלי־בתים, וועלכע זיינען אין דער מאיאָריטעט, רופט שטענדיג אַרויס טראגישע ווידערשפּרוכען אין לעבען פון אידען און אומענדליכע רייבונגען מיט דער ארומיגער וועלט. די אידישע צוזייטקייט אין דער וועלט איז א לעבענס־סתירה פאר אידען און א פּראָבלעם פאר דער וועלט. די אָנווענדונג פון דעם פּרינציפּ פון נאציאָנאליטעט אויף דאָס אידישע פאָלק קאָן נאָר זיין אין זין פון טערי־טאָריעלער אויטאָנאָמיע. דער פּרינציפּ פון אינטערנאציאָנאליזם פאָדערט, דאָס דעם אידישען פאָלק זאָל געגעבען ווערען פון דעם בונד פון די פעלקער דאָס רעכט און די מעגליכקייט אויפצובויען א פרייע סאציאליסטישע רע־פּובליק אין ארץ ישראל. דיזע טעריטאָריאלע אויטאָנאָמיע פאר דאָס אי־דישע פאָלק איז אין הסכם מיט די העכסטע אידעאלען, האָפנונגען, שטרע־בונגען פון אידישען פאָלק, און איז די ראציאָנעלסטע תשובה אויף דאָס אידישע פּראָבלעם, וועלכעס איז א פּראָבלעם פאר דער גאַנצער מענשהייט.

ערשט דיזע רעאָרגאניזירונג פון דער מענשהייט אויף דעם פּרינציפּ פון נאציאָנאליטעט, ערשט דיזע אויסבעסערונג פון דער געשיכטע, דער טריאומף פון קאַנט'ס מאָראלישען פּרינציפּ אין זיין אָנווענדונג אויף נאַ־ציאָנאלע אינדיווידואליטעט, וועט מעגליך מאכען דעם אינטערנאציאָנאליזם און אים געבען אן אינהאַלט. דיזער אינטערנאציאָנאליזם איז דער בונד פון אלע פעלקער און די אָרגאניזירונג פון דער מענשהייט איבער די איינ־צעלנע פעלקער. נאָר ביי דיזער אויסבילדונג פון דעם פּרינציפּ פון נאציאָ־נאַליטעט צו דער אינטערנאציאָנאַלער אָרגאניזירונג פון די זעלבסטשטענדיגע פעלקער איז מעגליך א דויערענדער, אייביגער פרידען. די מענשהייט, וועלכע איז אין דער ביזהעריגער געשיכטע געווען א מאָראַל־היסטאָרישער אידעאל, וועט ווערען א פּאָליטיש־סאָציאלע ווירקליכקייט. אָבער נאָר אין דער פאראייניגטער מענשהייט זיינען לאָגיש און רעכטליך מלחמות אומ־מעגליך. די מלחמות וועלען פארלירען זייער ביז איצטיגען מאָראַליש־רעכטליכען גרונד, די סבות ווערען באזייטיגט, די פארבארייטונגען — פארבאָטען.

דער אינטערנאציאָנאַלער בונד פון די פעלקער וועט אַלס רעכטליך־פּאָליטישער אָרגאן פארוואלטען און באשטימען איבער אלע די באזונדערע ערטער און פונקטען פון דעם ערד־קוגעל, וועלכע זיינען נאָך זייער ווערט און לאגע דער אינטערנאציאָנאַלער געברויך פון אלע פעלקער. אזוי זיינען למשל, קאָנסטאנטינאָפּאָל, די דארדאנעלען, דער סועץ־קאנאל, דער גיבראל־טאר, אדען, דער פאנאמא־קאנאל, פונקטען אויף דעם ערד־קוגעל וועלכע קאָנען ניט שטעהן אונטער דער מאכט פון איין פאָלק, נאָר פון דעם אינטער־

נאַציאָנאַלען בונד פון אַלע פעלקער. דער אמת'ער אינטערנאַציאָנאַליזם וועט באַשאַפען אויך אַ נייעס אינטערנאַציאָנאַלעס רעכט און נייע באַציאונגען צווישען די פעלקער.

פון דיזען נאַציאָנאַלען אינטערנאַציאָנאַליזם פירט דער וועג צום סאָציאַליזם. אזוי לאַנג ווי די פעלקער האָבען ניט אנערקענט דאָס גלייכע רעכט פון יעדען פאָלק אין דער פעלקער־משפחה, קאָנען זיי ניט דורכפירען אין יעדער געזעלשאַפט באַזונדער די סאָציאַלע גלייכהייט פון אַלע מענשען און די אָפּשאַפונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער אונטערדריקונג. ווי קאָן דער פּראָלעטאַריאַט פון איין פאָלק קעמפען געגען זיין קאַפּיטאַליזם, ווען ער איז צוזאַמען מיט זיין הערשענדען קלאַס באַרייט צו אונטערדריקען אַן אַנדערעס, שוואַכערעס פאָלק, ווען ער אַנערקענט זעלבסט ניט דאָס רעכט אויף פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט פון אַנדערע פעלקער? דער ארבייטער־קלאַס קאָן ניט זיין רעוואָלוציאָנער בנוגע צו זיין בורזשואזיע און רעאַקציאָנער בנוגע צו אַנדערע פעלקער. דאָס איז געווען דער שוואַכער פּונקט פון דעם סאָציאַליזם ביז יעצט. דער פּראָלעטאַריאַט פון די הערשענדע פעלקער איז געווען דער היפך פון אינטערנאַציאָנאַל. פאַר די נויט און די האָפנונגען פון די אונטערדריקטע פעלקער האָט דער פּראָלעטאַריאַט פון די שטאַרקע פעלקער ניט געהאַט קיין אינטערעס און קיין פאַרשטענדניס. נאָר וואו דער פּראָלעטאַריאַט פון די הערשענדע פעלקער האָט געזוכט אָפּצולייקענען און קריטיקירען די נאַציאָנאַלע פאָדערונגען פון אונטערדריקטע פעלקער, האָט ער געברויכט און מיסברויכט די אינטערנאַציאָנאַלע פראַזעאָלאָגיע, וועלכע איז ביי אים געווען נאָר די פּראָלעטאַרישע פאָרם פון שאָוויניזם און אימפּעריאַליזם. דערפאַר איז מעגליך געוואָרען די וועלט־מלחמה, און עס האָט באַנקראָטירט דער ביזהעריגער פאַר'טעות'טער אינטערנאַציאָנאַליזם און דער סאָציאַליזם. אין דער קומענדער צוקונפט מוז דער פּרינציפּ פון פרייער נאַציאָנאַליטעט פּראָקלאַמירט ווערען אַלס הייליג און אומבאַרירבאַר, אַלס דער מאָראַלישער יסוד פון מענשליכען לעבען און מענשליכע באַציאונגען. וואָרים ערשט דער פרייער נאַציאָנאַליזם מאַכט מעגליך דעם אינטערנאַציאָנאַליזם, און דער אינטערנאַציאָנאַליזם איז די פאָר־שטופע צום סאָציאַליזם.

דער קאָנסטרוקטיווער סאָציאַליזם אין ארץ ישראל*)

ווי קליין עס איז אפילו אונזער באראטונג, קליין אין דעם גרויסען סאָציאַליסטישען קרייז פון דער גאנצער וועלט, און קליין אין דער אידישער ארבייטער־וועלט, באהאנדלען מיר אָבער דאָ פּראָבלעמען און פראגען, וועלכע האָבען אַן ענטשיידענדע באַדייטונג ניט נאָר פאַר אונזער אידישער פּראָלעטאַרישער באוועגונג, נאָר פאַר דעם אידישען נאציאָנאַל־סאָציאַלען רענעסאַנס. זיי באַרירען זיך מיט די גרויסע וועלט־פּראָבלעמען פון דער צייט בכלל. מיר שטעהען דאָ פאַר דער פאראנטווארטליכער אויפגאבע, אויפצוצייכענען די גרונטליניען פון דעם צוקונפטיגען שטאַט אין ארץ־ישראל, באשאפען קלאָרקייט וועגען דער נייער אידישער געזעלשאַפט אין דעם היסטאָרישען אידישען לאַנד. ווארום ניט א נייעם שטאַט זאָל דאָס אידישע פאָלק אויפריכטען אין ארץ־ישראל, נאָר א נייע געזעלשאַפט זאָל דער אידישער פּראָלעטאַריאַט דאָרט באַגרינדען, אַ געזעלשאַפט, וועלכע זאָל ניט מער זיין קיין קלאַסען־געזעלשאפט, וואו עס זאָל קומען צום טריאומף די מאָראַלישע אידעע. אונזער באראטונג איז קליין, אונזער גאנצע באוועגונג איז אין שטורם פון דער צייט אפשר אויך ניט גענוג גרויס, ווייניג באַמערקבאַר, אָבער אונזער אידעע און אונזערע צילען, ווייל זיי זיינען געריכטעט אויף די העכסטע פראַגען און שטרעבונגען פון לעבען און געשיכטע, טראָגען אין זיך א אוניווערסאַלען, אַ וועלט־ערלייזענדען אינהאַלט.

פּאָליטישע דעמאָקראַטיע אין ארץ ישראל.

וועגען די פּאָליטישע גרונטלאגען פון דעם צוקונפטיגען ארץ־ישראל קענען מיר לייכט קומען צו קלאָרקייט און פארשטענדיגונג. אין דיזען פּונקט קומט אונז די מאָדערנע היסטאָרישע ערפאַרונג צו הילף, און מיר באטרעטען אַ מער אָדער ווייניגער אויסגעטראָטענעם וועג. אין די ראַמען פון דעם ביסל זעלבסטשטענדיגקייט, וועלכע די פרעמדע קאַפּיטאַליסטישע מאַכט גיט דעם אידישען פּאָלק אין ארץ ישראל, דארפען מיר אויסבילדען די פּאָליטישע דעמאַקראַטיע ביז צו אירע לעצטע קאָנסעקווענצען. דער אָנהויב פון דער דעמאָקראַטיע איז די גלייכהייט און גלייכווערטיגקייט פון אלע בירגער. דאָס איז דער מאָראַלישער יסוד פון דער דעמאָקראַטיע. דער לע־

---

*) רעפעראַט געהאַלטען אויף דער באַראַטונג פונ׳ם וועלט־פּאַרבאַנד פּועלי ציון אין ס ט א ק ה אָ ל ם, אין סעפּטעמבער 1919.

בעדיגער תוכן פון דער דעמאָקראַטיע באַשטעהט אין דעם, אַז דאָס גאַנצע פּאָליטישע לעבען ווערט באַוואוסטזיניג און דירעקט געלייטעט פון אַלע גלייכוועררטיגע בירגער. דאָס אַלגעמיינע וואַלרעכט, דער רעפערענדום, דאָס רעכט פון צוריקרופען די אויסגעוויילטע, די ווייטגעהענדסטע זעלבסטפאַרוואַלטונג זיינען די געזעצגעבערישע פאַרקערפּערונג פון דעם דאָזיגען פּרינציפּ. דער לעצטער ענדציל פון דער דעמאָקראַטיע ליגט אָבער נאָך ווייטער, ער ליגט אין דעם רעכט, אין דער מעגליכקייט פון יעדען יחיד צו געפינען, אויסצולעבען זיין גאַנצע אינדיווידואַליטעט אין דער געמיינשאַפט. אַזוי לאַנג ווי די איינהייט פון שטאַט, פאָלק און קולטור האָט פאַר אַלע קינדער פון פאָלק אַ היסטאָריש זיך שטייגערנדען ווערט, איז די מינאָריטעט גלייכווערטיג און גלייכבאַרעכטיגט מיט דער מאַיאָריטעט. די קאָנסעקווענטע דעמאָקראַטיע זוכט ניט נאָר אויסצושיידען פון דער קאָמפּעטענץ פון שטאַט אַלע אַנגעלעגענהייטען פון אינדיווידועלען לעבען, נאָר אַפּילו אַלע סאָציאַלע און קולטורעלע לעבענס־אינהאַלטען, צו וועלכע פאַרשידענע פאָלקס־גרופּען קענען האָבען אַ פאַרשידענע באַציאונג. די ווייטגעהענדסטע אָרטיגע זעלבסטפאַרוואַלטונג און די שאַפענדע טעטיגקייט פון די ווייטגעהענדסטע פרייע אַסאָציאַציעס און פאַרבאַנדען, אונטער דער אָנהאַלטונג פון דער איינהייט פון שטאַט און פאָלק, איז אַ געבאָט פון דער דעמאָקראַטיע. אין נאַציאָנאַל פאַרשידענאַרטיג צוזאַמענגעזעצטע שטאַטען מוז די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטען געגעבען ווערען דאָס ווייטסטע רעכט פון נאַציאָנאַלען שוץ און אויטאָנאָמיע. די דעמאָקראַטיע מיט אַלע אירע קאָנסעקווענצען און געבאָטען מוז געפינען איר ווייטסטע אָנווענדונג אין דעם אידישען ארץ־ישראל, בנוגע צו דער אידישער און דער ניט־אידישער באַפעלקערונג.

ד ע ר ס אָ צ י אַ ל ע ר ג ע ב ו י.

פיל שווערער און פאַרוויקעלטער אָבער איידער די פּאָליטישע דעמאָקראַטיע, איז די פראַגע וועגען סאָציאַלען בוי פון אונזער נייער געזעלשאַפט, די סאָציאַלע דעמאָקראַטיע. מיר ווילען ניט נאָר בויען אַ נייע לאַנד, נאָר איבערבויען סאָציאַל דאָס אידישע לעבען, מיר ווילען ניט נאָר איבערפּלאַנצען דאָס אידישע אַרבייטס־פאָלק קיין ארץ־ישראל, נאָר פאַרפּלאַנצען אין ארץ־ישראל אַ נייעם געזעלשאַפטס־בוים, וואָס זיינע פרוכטען זאָלען רייך פאַלען אין דער שויס פון דער גאַנצער ליידענדער און האָפענדער מענשהייט. מיר ווילען פאַרווירקליכען דעם סאָציאַליסטישען צוקונפטשטאַט שוין איצט אין דער געגענוואַרט פון אונזערע באַשטרעבונגען און אונזער אַרבייט. דאָ איז אונזער פעלד שוין אַ גאַנץ נייער, נאָך ניט קיין באַאַקערטער און ניט קיין פאַרזייטער. די פראַגען וועגען דעם סאָציאַליס־

טישען איבערבוי פון דער וועלט שטעהען אין דעם מיטעלפונקט פון דער גאַנצער איצטיגער קולטור־דיסקוסיע. דורך דעם אין זיין גאַנצער ערנסט־קייט און מעכטיגקייט אויפגעשטאַנענעם פּראָבלעם פון סאָציאַליזם איז די היינטיגע צייט געוואָרען אַן איבערגאַנגס־צייט, אין וועלכער די וועגען פון דער צוקונפט שיידען זיך און געהען זיך אזוי ווייט פאַנאַנדער פון די וועגען פון דער פארגאַנגענהייט. דער סאָציאַליסטיש־ציוניסטישער געדאַנק שטעהט דאָ פאר גרויסע שאַפונגס־נויטען, אָבער אויך שאַפונגס־מעגליכקייטען. די סאָציאַליסטישע טעאָריע און די סאָציאַליסטישע פּראַקטיק פון די מאָדערנע פעלקער קען אונז דאָ נאָר טיילוויז העלפען. זי קען אונז נאָר אָנווייזען, אין וועלכע וועגען דער שאַפענדער סאָציאַליסטישער ווילען פון די מענשען געהט, אין וועלכע געזעלשאַפטליכע פאָרמען די צוקונפטיגע מענשליכע האַר־מאָניע גיסט זיך אויס. אָבער אזוי ווי די צילען און מעגליכקייטען פונ׳ם סאָציאַליסטישען ציוניזם זיינען אין א געוויסען זין נעהענטער און אונמיטעל־באַרער, איידער די סאָציאַליסטישע צילען און מעגליכקייטען אין וועלכען עס איז אַנדערען פאָלק און לאַנד, שטעהט אונזער באַוועגונג פאר מער ענטשיידענע פּראָבלעמען און פאר מער פאַראַנטוואָרטליכע שריט, איידער אַלע אַנדערע סאָציאַליסטישע באַוועגונגען. מיר דאַרפען אָבער פאר דער גרויסקייט און ערנסטקייט פון אונזער וועג ניט אָפּגעשרעקט ווערען. זוכענדיג די וועגען און מעגליכקייטען צום סאָציאַליסטישען בוי פון ארץ־ישראל, גע־דענקען מיר דאָס וואָרט פון דעם פילאָזאָף, אַז אַלץ וואָס איז גרויס און אמת אין דער וועלט, איז אַקוראַט אזוי זעלטען ווי שווער.

די מאָראַלישע אידעע פונ׳ם סאָציאַליזם.

די סאָציאַליסטישע טעאָריעס און פּראַקטישע פּרואוועס קענען אונז נאָר, ווי געזאָגט, טיילוויז העלפען און פירען אויף אונזער נייעם וועג. אָבער די פירענדע מאָראַלישע אידעע פון סאָציאַליזם איז אויך די פירענדע אידעע פון אונזער באַוועגונג. אין באַוואוסטזיין פון דער מאָדערנער מענשהייט איז אויסגעוואַקסען און רייף געוואָרען די מאָראַלישע אידעע פון סאָציאַליזם, וואָס זי צו פאַרקערפּערען איז דער זין און דער ציל פון די דראַמאַטישע קאַמפען פון דער צייט. דער קאָמוניזם איז די נייע מאָראַלישע אידעע פון דער קומענדער געזעלשאַפט פון דעם פולען סאָציאַליזם, וועלכער שטעהט איצט אויף דער שוועל פון זיין פאַרווירקליכונג. פרייער, פריידיגער קאָמו־ניזם אין דער פּראָדוקציע און פרייער, עסטעטישער קאָמוניזם אין דעם פאַר־ברויך. אונגעצוואונגען, פון דעם מאָטיוו פון שאַפונגס־פרייד און סאָציאַלער ליבע, זאָלען די מענשען קאָמוניסטיש שאַפען אַלע לעבענס־מיטלען, ברייט עפענען אַלע לעבענס־קוואַלען, וועלכע זאָלען זיך רייך אויסגיסען איבער אַלע

מענשען. דאָס איז די מאָראַלישע אידעע פון דער נייער געזעלשאַפט, וועלכע ווערט געבאָרען אין שמערץ און פיין פון דער שוים פון אונזער דראַמאַטישער צייט. אין באוואוסטזיין פון מאָדערנעם פראָלעטאַריאַט, אין דעם הארץ פון דער ליידענדער און האָפענדער מענשהייט, וועלכע שעפּט איהר קראַפט פון דער גאַנצער מענשליכער קולטור, און וועלכע ווערט געטריבען פון דער זינלאָזיגקייט און אונמאָראַל פון דער אינדיווידואַליסטישער דיסהאַרמאָנישער געזעלשאַפט, אינ'ם באוואוסטזיין פונ'ם פראָלעטאַריאַט ווערט רייף און רייפער דיזע נייע סאָציאַליסטישע אידעע. דער קאָמוניזם, וועלכער איז די לייטענדע אידעע פון אַלע סאָציאַליסטישע טעאָריעס און פּראַקטישע פּרוואווען פון אונזער צייט, איז אויך די שאַפענדע אידעע פונ'ם סאָציאַליסטישען ציוניזם.

דאָס מעגליכע, און אפשר מער איידער דאָס מעגליכע, זאָל דער סאָציאַליסטישער ציוניזם באַשאַפען היינט, און ער זאָל מיט דעם ליכט פון דער קאָמוניסטישער אידעע דערקענען די אונפאָלקאָמענהייטען און באלייכטען דעם ווייטערען וועג.

פּראָלעטאַריאַט און פאָלק ביי דער פארווירקליכונג פונ'ם ציוניזם.

דער אויפבוי פון דעם סאָציאַליסטישען ארץ־ישראל איז נאָר מעגליך דורך די העכסטע ענטוויקלונג פון דער אַקטיוויטעט ביי דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט פון איין זייט און ביי דעם אידישען פאָלק פון דער אַנדער זייט, אַן אַקטיוויטעט, וועלכע זאָל זיך שטייגערן ביז צו הערָאאישען ענטוזיאַזם און ווילען. די נויט דרענגט איצט דאָס היימלאָזע אידישע גלות-פאָלק, איבער וועלכען עס איז געקומען די אַפּאָקאַליפּטישע קאַטאַסטראָפע, אויף דעם וועג פון נאַציאָנאַלער ערוואַכונג און נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע. דער ציוניזם איז פאַר דעם אידישען פאָלק געוואָרען איצט אַ פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע נויטוועגדיגקייט, און די נייע וועלט-לאַגע האָט געמאַכט די פארווירקליכונג פונ'ם ציוניזם פּאָליטיש מעגליך, מעגליך כמעט ביז צו דער מדרגה פון אַ אידישען אויטאָנאָמען געמיינ־וועזען. פאַר די אידישע פאָלקסמאַסען אָבער, וועלכע שטעהען איצט, ווי אין די דראַמאַטישסטע מאָמענטען פון דער אידישער געשיכטע, מיט דעם וואַנדער־שטעקען אין די הענד, ציללאָז און הילפלאָז אין דער פארבלוטיגטער וועלט, פאַר די מיליאָנען אידישע פאָלקס־מאַסען קען ציוניזם ווערען די לעבענס־גאולה, דער וועג צו זייער עקאָנאָמישער אָרגאַניזירונג, צו זייער סאָציאַלער באַפרייאונג, צו זייער קולטורעלער דערהויבונג און ווידערגעבורט. אָבער די פאָלקס־מאַסען קענען נאָר שטרעבען צו אַ סאָציאַליסטישען ארץ־ישראל, צו אַן ארץ־ישראל אויף נייע געזעלשאַפטליכע יסודות פון פרייהייט און סאָלידאַריטעט, וועלכע זאָל

זיין בהסכם מיט די סאָציאַליסטישע לײדענשאַפטען און האָפנונגען פון דער אידישער פּראָלעטארישער נשמה. וועקען און אָרגאַניזירען די נאַציאָנאַלע אַקטיוויטעט פונ׳ם אידישען פאָלק, און אויפהויבען דעם אידישען פּראָלע־טאַריאַט צו דער הויך פון א שאַפענדען און אָרגאַניזירענדען כח פאַר א סאָציאַליסטישען ארץ־ישראל, דאָס איז די אויפגאַבע פון אונזער רעוואָלו־ציאָנערער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

אייניגע טעאָרעטישע באַטראַכטונגען.

אָבער גראַד אין דיזען פּונקט איז דער פּועלי־ציוניסטישער געדאַנק פאַרבלאָנדזשעט אויף אונגליקליכע טעות׳ן, וועלכע מאַכען אים אונפרוכט־באַר און באַרויבען פון אים זיין שאַפענדען און בויענדען כח. פון פריערדיגע צייטען, ווען די פּועלי־ציון זיינען געווען מער דיסקוסיאָנס־פאַראיינען איידער א פּאַרטיי פון אַקציאָן, שלעפּט זיך נאָך הינטער דער פּאַרטיי אַן איבער־בלייבעניש פון ווערטער און אויסדרוקען, וואָס איז נאָר דער סימן פון אונזער ווילענס־לאָזיגקייט און פאַלשער אָריענטירונג. אַנשטאַט צו זוכען פאַר די אייגענאַרטיגע ערשיינונגען פונ׳ם אידישען לעבען, וועלכע זעהען אויס אָפט־מאָל נאָר ווי אַן אויסנאַם־פאַל אין דעם גאַנצען היסטאָרישען פּראָצעס, אַנשטאַט צו זוכען דערפאַר די אייגענאַרטיגע אידעאָלאָגיע, וועלכע זאָל זיין וויסענשאַפטליך גערעכט צו דער ווירקליכקייט, זאָל דיזע ווירקליכקייט קרי־טיש דערקענען און איבערווינדען דורך העכערע היסטאָרישע צילען, האָט מען אַריינגעפּאַסט די אידישע ווירקליכקייט אין דעם ציוניזם אין דעם סדום־בעטעל פון אַנאַנדער אידעאָלאָגיע. נאָך דער הערשענדער סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע געהט איבער אין דעם עקאָנאָמישען ענטוויקלונגס־פּראָצעס די קליין־פּראָדוקציאָן אין דער גרויס־פּראָדוקציאָן, און די גרויס־פּראָדוקציאָן פירט צו דער סאָציאַליזירונג פון דער פּראָדוקציאָן, אַזוי אַז די סאָציאַליסטי־שע געזעלשאַפט ענטוויקעלט זיך סטיכיש און נאַטורנויטווענדיג. אפילו בנוגע צום סאָציאַליזם איז די דאָזיגע טעאָריע א פּראָבלעמאַטישע, הגם זי האָט געהאַט אין די צייטען פון דער סאָציאַליסטישער מאַכטלאָזיגקייט אירע אַגיטאַטאָרישע ערפאָלגען. אָבער וואָס פאַר אַן אונגליקליכע קאַריקאַ־טור איז עס געוואָרען, ווען די ס.־ס.־אָוסקע און נאָך איר די פּועלי־ציוניס־טישע טעאָרעטיקער האָבען זיך געפּרוואווט אַריינשטופּען אין אָט די פאָרמולע דעם טעריטאָריאַליזם און ציוניזם: ווי קליין־פּראָדוקציאָן געהט איבער אין גרויס־פּראָדוקציאָן, אַזוי געהט איבער אויף׳ן סטיכישען פּראָצעס עמיגראַציע אין טעריטאָריאַליסטישע קאָלאָניזאַציע, עמיגראַציע אין ישוב ארץ־ישראל. אויב עס איז דער ריינסטער אונזין צו דערצעהלען, ווי דאָס האָבען געטאָן די ס.־ס., אַז די אידישע עמיגראַציע אין אַמעריקאַ געהט איבער מיט׳ן סטי־

כישען פּראָצעס אין קאָנצענטרירטע קאָלאָניזאציע, טאָ וואו איז די וויסענ־
שאַפטליכע באגרינדונג פאר דער באהויפּטונג, דאָס די אידישע מאַסע עמי־
גרירט מיט'ן סטיכישען פּראָצעס קיין ארץ־ישראל.

דער סטיכישער פּראָצעס, דאָס הייסט די לעבענס־אינטערעסען פון די
יחידים, אָהן וועלכע ערציאונג צו העכערע געזעלשאַפטליכע און סאָציאַלע
צוועקען, האָט גאָר פּארקערט שטענדיג געטריבען די וויניגע אידען פון ארץ
ישראל אין די אלע וועלט־ווינטען פון גלות. אָבער די דערשראָקענקייט
פאר דער ארומיגער אידעאָלאָגיע האָט אונז גערויבט די פייאיגקייט, צו
אָריענטירען זיך אין די איינפאכסטע ערשיינונגען, און עס איז ענטשטאַנען
די טעאָריע, דאָס דער ציוניזם ווערט פארווירקליכט דורך א סטיכישען
פּראָצעס.

דער סאָציאַליזם קען קומען אויף דער וועלט דורך קלאסען־קאמף, דורך
דעם היסטאָרישען אויפשטאַנד פון דעם פּראָלעטאריאט געגען דעם הער־
שענדען קלאַס, אָבער די באפרייאונג פון אן אונטערדריקטען פאָלק איז מעגליך
דורך קלאסען־קאמף און קלאסען־סאָלידאריטעט, ווי סתירה'דיג דאָס זאָל
ניט קלינגען. אין יעדען נאציאָנאלען באפרייאונגס־קאמף איז פאראַן דער
יסוד פון קאמף, קאמף געגען דעם נאציאָנאלען פאררא‏ט, געגען די נאציאָ־
נאלע גלייכגילטיגקייט פון דעם הערשענדען קלאַס. אָבער דיזער קאמף ווערט
געפירט צוליב דער סאָלידאריטעט, כדי דער הערשענדער קלאַס זאָל זיך
פאראייניגען מיט דעם אונטערדריקטען פאָלק, זיך אים אונטערוואַרפען אין
זיין נאציאָנאלען קאמף. אָבער קיין נאציאָנאלע פרייהייטס־באוועגונג ווערט
ניט אזוי געטריבען פון די מאָמענטען פון קלאסען־סאָלידאריטעט און
קלאסען־קאמף ווי דער ציוניזם. דער ציוניזם וויל אויפריכטען דאָס אידישע
פאָלק, אויפלעבען דעם אידישען גייסט, דערהויבען דעם אידישען נאָמען.
אין דעם זיינען סאָלידאריש צווישען זיך דער פּראָלעטאריאט, — דער גאַנ־
צער אידישער המון, די בעלי־בתים, די פאָרגעשריטענע עלעמענטען פון אלע
אידישע סאציאלע קלאסען, אפילו די בעסערע עלעמענטען פון דער אידישער
בורזשואזיע, הכלל דער רוב מנין ורוב בנין פונ'ם אידישען פאָלק. אָבער
דער בויער און שאפער פון דער אידישער געזעלשאפט קען זיין נאָר דער
אידישער ארבייטער־קלאַס, דער סאָציאל־ליידענדער און האָפענדער עלעמענט
פון דער אידישער געזעלשאפט. ער איז דער אַקטיווער טרעגער פון דער
ציוניסטישער פרייהייטס־באוועגונג, און ער וויל די אידישע געזעלשאפט
נאָך זיין סאציאליסטישען עבענבילד, אין הסכם מיט אלע אמת'ע אינטערע־
סען פון גאנצען המון. דאָ עפענט זיך אין ציוניזם און צוליב דעם ציוניזם
פאר דעם אידישען פּראָלעטאריאט דער אמת פרוכטבארער פעלד פון קאמף:
אָנפירען א קאמף געגען דער אסימילאַטאָרישער בורזשואזיע און געגען אירע

אינסטיטוטען צוליב דעם ציוניזם, אָנפירען א קאמף געגען דער ציוניסטישער בורזשואזיע און קליין־בורזשואזיע אין ציוניזם גופא צוליב דער סאָציאַליסטישער קאָלאָניזאציע, דורכפירען די אלגעמיינע פּראָגרעסיווע באשטייערונג פון אלע אידען צוליב די נאציאָנאל־ציוניסטישע פאָנדען, פארווירקליכען דורך קאמף און אקטיוויטעט די נייע אידישע געזעלשאפט. אנשטאט צו רופען דעם אידישען פּראָלעטאריאט צו דיזען גרויסען און היסטאָרישען קאמף, וואָס זיין פרוכט זאָל זיין דער טריאומף פונ׳ם סאָציאַליזם אין דער אידישער געשיכטע, האָט יענע טעאָריע צוליב דער הערשענדער אידעאָלאָגיע אָנגעזאָגט, דאָס דער ציוניזם ווערט פארווירקליכט דורכ׳ן קלאסען־קאמף. סטרייקס אין גלות צוליב העכערען לוין זיינען דער קאמף־עלעמענט, וועלכער וועט צוזאמען מיט דעם סטיכישען עמיגראציאָנס־פּראָצעס געבוירען אַ נייע אידישע קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט אין ארץ־ישראל. ווארום עס פארשטעהט זיך, דאָס לויט דיזער טעאָריע דארף די נייע אידישע געזעלשאפט זיין אַ קאפּיטאַליסטישע, ווייל קיין סאָציאליסטישער ביכעל האָט ביז היינט ניט גערעדט וועגען דירעקטער סאָציאליסטישער שאפונג און אַקציאָן. אויב דיזע טעאָריע מאכט איצט א ביסעל שלום מיט דער אידעע פון דער סאציאליסטישער קאָלאָניזאציע, איז דאָס ווידער נאָר דער ביישפּיל פון איר צופּאַסונג צו דער פאַרענדערטער אידעאָלאָגיע פון ארום.

דער אויפבוי פון ארץ־ישראל איז אָבער נאָר מעגליך דורך די קריטישע און שאפענדע ווירקונג פון דעם אידישען פּראָלעטאריאט אין דעם אידישען פאָלק. דער אידישער פּראָלעטאריאט דארף דאָס אידישע פאָלק דערוועקען, אָרגאניזירען, אָנפירען, די אסימילאציע באקעמפען, די ציוניסטישע בורזשואַזיע דרענגען אויף דעם וועג פון אקטיוויטעט, וועלכער זאָל ענטשפּרעכען צו די סאָציאַליסטישע אידעען און אידעאלען פונ׳ם פּראָלעטאריאָט. די טעאָריע, וועלכע פּראָקלאַמירט, אז דער ציוניזם וועט פארווירקליכט ווערען דורך קלאסען־קאמף, און וועלכע איז דערפאַר געגנעריש געגען די באטייליגונג פון די פּועלי ציון אָן דעם ציוניסטישען קאָנגרעס און די ציוניסטישע אינסטיטוטען, דיזע טעאָריע זעהט ניט, דאָס אייגענטליך ערוואַרטעט זי די פארווירקליכונג פון ציוניזם דורך ריינע קלאסען־סאָלידאריטעט. כמעט ווי אין א אידיליע וועלען דער אידישער קאפּיטאליזם און דער אידישער פּראָלעטאַריאט אין שלום ואחוה שטראָמען אין ארץ־ישראל און זיך דאָרט איינלעבען, יעדער קלאס צוליב זיינע אינטערעסען. און כדי די בורזשואזיע זאָל ניט חרטה האָבען און ניט ברוגז ווערען אויף דעם גאנצען עסק, וועט זיך דער פּראָלעטאריאט מוזען שטארק אָבהאַלטען פון קלאסען־קאמף אין ארץ־ישראל, צוליב דער פארמערונג פון דעם קאפּיטאליסטישען ישוב. א קאפּיטאליסטישע ארץ־ישראל, פארווירקליכט דורך דעם סאָרט קלאסען־קאמף מיינט

אייגענטליך ישוב ארץ־ישראל דורך אונטערטעניגקייט פון פראלעטאריאט צו דער בורזשואזיע, ווי פאראדאקס עס זאל ניט קלינגען. אויב אין דער איצט הערשענדער סאציאליסטישער אידעאלאגיע זיינען נאך ניטא די סאציאלאגישע און רעוואלוציאנערע טערמינען, וועלכע זאלען קענען צוגעפאסט ווערען צו די אייגענארטיגע אידעען און וועגען פון סאציאליסטישען ציוניזם, דארף ניט דער סאציאליסטישער ציוניזם פארענגט און אונפרוכטבאר ווערען, נאר פארקערט, די פרייע שאפונג פונ׳ם סאציאליסטישען ציוניזם דארף באפרוכפערען און באדייכערען די סאציאליסטישע אידעאלאגיע. ווער עס וויל אריינשטויסען די אידישע אויסנאם-ערשיינונג אין די טעאריעס, וועלכע פאסען פאר אנדערע סאציאל־היסטארישע טיפען, דער פארזינדיגט זיך אן דעם וויסענשאפטליכען אמת, און דער מאכט אונפרוכטבאר דעם אידישען סאציאליזם. וועלען פירען מיט דער אידעע פון סטיכישען פראצעס דעם אידישען פראלעטאריאט צו א סאציאליסטישער געזעלשאפט אין ארץ־ישראל, איז אקוראט ווי דער אלטער קאנט האט עס אמאל געזאגט: מעלקען א באק און האלטען אונטערגעשטעלט א רעשעטע.

אלוועלטליכע אידישע ארגאניזאציע

אזוי לאנג ווי עס איז ניטא קיין אידישער שטאט אין ארץ־ישראל, מוז די אלוועלטליכע אידישע ארגאניזאציע, און אזוי לאנג ווי ס׳איז ניטא קיין אלוועלטליכע אידישע ארגאניזאציע, מוז די ציוניסטישע ארגאניזאציע, וועלכע איז צום גליק איצט שוין פאראן, איבערנעמען אויף זיך די ארבייט פון דער נאציאנאלער קאלאניזאציע. דיזע אלוועלטליכע אידישע ארגאניזאציע אדער די ציוניסטישע ארגאניזאציע וועט מוזען ערווערבען לאנד, און זי וועט דארפען באשאפען אלע לאנדווירטשאפטליכע און טעכנישע מיטלען פאר דער מאסאווער קאלאניזאציע פון ארץ־ישראל.

זי וועט באקומען אין איר שטענדיגען באזיץ איצט פרייע ערד פון ארץ־ישראל, און זי וועט מוזען אויסקויפען דעם גרונד־באזיץ, דעם אראבישען אזוי ווי דעם אידישען, און אויף ווי ווייט מעגליך אויך דעם קליינעם גרונד־באזיץ. זי וועט באגרינדען פארזוך־סטאנציעס און היגיענישע אינסטיטוטען פאר דער לאנדווירטשאפט. זי וועט נעמען אין איר באזיץ וואסער־פאלען, האפענס, די פארשידענע נאטור־רייכטימער. די ערד, איר אויבערפלעכע, אירע טיפענישען, אירע פארשידענארטיגע ענערגיען דארפען זיין אייגענטום פון דעם גאנצען פאלק. די אלוועלטליכע אידישע ארגאניזאציע וועט דארפען בויען די אייזענבאנען און די וועגען, עקספלואטירען די מינעראלען, באשאפען א גרויסען סיסטעם פון איריגאציע און דרענאזש. בויען עלעקטריציטעטס־ווערק, ארגאניזירען די שיפס־קאמוניקאציע, באשא־

פען גרויסע אינדוסטריען. אין נגב פון ארץ ישראל און מעבר לירדן קען דער אויסבוי פון א גרויסען איריגאַציאָנס־סיסטעם איצט שוין, אינ׳ם פּראָצעס פון דער ארבייט גופא, געבען לעבענסמעגליכקייטען פאַר הונדערט־טויזענדער מענשען. דורך דער באשאפונג פון עלעקטריציטעטס־ווערק וועט די גאנצע באפעלקערונג אין דאָרף און שטאָט, יעדעס הויז און יעדעס שטיקעל לאנד קענען האָבען עלעקטרישע קראַפט פאַר באַלייכטונג און ארבייט. די אייזענבאַנען, האַפענס און שיפען, אין באזיץ פונ׳ם שטאַט, וועלען מעגליך מאַכען די סאָציאַליזירונג פון דער גאנצער ווירטשאַפט. אויך גרויסע אינ־דוסטריען וועט די אָרגאַניזאַציע מוזען גלייך באגרינדען, כדי צענדליגער טויזענדער נייע עמיגראַנטען זאָלען דאָרט געפינען באשעפטיגונג. אזוי איז מעגליך גלייך צו שאַפען א גרויסע טעקסטיל־אינדוסטריע, קליידער־אינ־דוסטריע, שיך־אינדוסטריע, א מעבעל־אינדוסטריע, קאָנסערוון־אינדוסטריע, א נאַציאָנאַלע דרוקעריי און א בוך־פאַרלאַג, א פילם־אינדוסטריע, ליטאָגראַ־פישע אינדוסטריע, א. אז. וו. אז דער שטאַט זאָל האָבען אין זיין באזיץ אָט די אַלע נאַטור־רייכטימער, טראַנספּאָרט־מיטלען און אינדוסטריען, איז ניט אויסערגעוויינליך. רעדט מען דאָך איצט אין ענגלאַנד וועגען דער נאַציאָנאַליזירונג פון די מינען און פון דער קוילען־אינדוסטריע. איז דאָך שוין אין דייטשלאַנד איצט דורכגעפירט דאָס געזעץ וועגען דער נאַציאָנאַליזי־רונג פון די עלעקטריציטעט־ווערק. זעלבסטפארשטענדליך וועלען אויך אַלע העכערע קולטור־אינסטיטוטען אויסגעבויט און פאַרוואַלטעט ווערען פון דעם גאַנצען פאָלק.

לאַנדווירטשאַפטליכע קבוצות.

ווי באַלד דער כלל וועט באשאַפען די נאַציאָנאַלע ווירטשאַפטליכע פאַר־מעגען פונ׳ם לאַנד, הויבט זיך אָן די אויפגאַבע פון דעם ארבייטענדען פאָלק, אריינצוטראָגען דעם לעבעדיגען סאָציאַלען אינהאַלט אין דיזע ווירטשאַפט־ליכע פאָרמען. דאָס איז די ארבייט פון דעם אַלוועלטליכען פועלי־ציון־פאַרבאַנד. עס אָרגאַניזירען זיך ארבייטער־קבוצות, ארבייטער קאָאָפּעראַ־טיווען, ארטעלען, וועלכע נעמען איבער די ארבייט אין דיזע פארשידענע צווייגען פון דער ווירטשאַפט. קודם כל אָרגאַניזירען זיך ארבייטער־קאָאָפּעראַטיוון, נאָך דעם סיסטעם פון דער אמעריקאַנער „אחוה“, וועלכע געהען איבער צו לאַנדווירטשאַפט אויף נאַציאָנאַלער ערד. וואָס גרעסער אזעלכע אחוה־גרופּען זיינען, אַלץ בעסער און העכער איז די ווירטשאַפט און אַלץ קולטורעלער איז דאָס לעבען. אין א קאָאָפּעראַטיווען דאָרף פון אייניגע טויזענט מענשען איז אין דאָרף אליין פאַראַן דער אָבזאַץ־מאַרק פאַר די פארשידענסטע לאַנדווירטשאַפטליכע פּראָדוקטען — פאַר גרינס,

מילך, פלייש, עופות, בשעת דער קליינער דאַרף מוז דיזע פּראָדוקטען עקס־פּאָרטירען אין שטאָט און אַנוועדען דערביי גרויסע הוצאות. די קאָאָפּעראַ־טיווע גאָרטען־שטאָט, וואו ס׳איז פאַראייניגט לאנדווירשאַפט מיט אינדו־סטריע, איז די העכסטע אידעאַלע פאָרם פון קאָלאָניזאַציע, בפרט אין ארץ ישראל וואו עס איז נויטיג סעזאָן־ארבייט. וועלכע ארבייטען אין דעם קאָ־אָפּעראַטיווען דאַרף ווערען דורכגעפירט קאָאָפּעראַטיוו און וועלכע אינדיווי־דועל, ווערט ענטשידען אין דער ענטוויקלונג פון דער ווירטשאַפטליכער גע־מיינשאַפט גופא. זיכער איז, אז אלע לאנדווירטשאַפטליכע אינדוסטריען, די מילך־ווירטשאַפט, די פלייש־אינדוסטריע, דער גאַנצער אינוועניגער קאָנ־סום, פאַרקויף, איינקויף, א. ז. וו. זיינען אויפגעבויט אויפ׳ן קאָאָפּעראַטיווען יסוד. דורך דער אויסשיידונג פון פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישען ערד־באַזיץ און די באַגרענעצונג פון דער צאָל פון די דונאַם לאַנד, וועלכע מ׳קען ארענדירען, איז די קאַפּיטאַליסטישע עקספּלואַטאַציע אויסגעשידען, און די מעלות פון קאָאָפּעראַטיווער צוזאַמענאַרבייט זיינען געגעבען. טאָמער וויל אימיצער ארבייטען גאַנץ אינדיווידועל, אויף זיין אייגענעם ריסק, זאָל אים אויסגע־טיילט ווערען, נאַטירליך נאָר אין ירושה־פאָרם, זיין אנטייל, אויף וועלכען ער קען זיך זעלבסטשטענדיג בעל־הבית׳עווען. די פרייע קאָאָפּעראַטיווע פּראַקטיק וועט אויף אזא אופן דורך די ערפאַרונג לערנען, ביז צו וועלכע גרענעצען די קאָאָפּעראַציע פון דער ארבייט איז טעכניש און פּסיכאָלאָגיש ווינשענסווערט און מעגליך. אין די קאָאָפּעראַטיווען, אין דער לאנדווירט־שאַפט אזוי ווי אין דער אינדוסטריע, באַקומט דער ארבייטער א באַשטימטע לוין, פעסטגעזעצט פון זיין קאָאָפּעראַטיוו, אין הסכם מיט די סאָציאַל־קאָ־אָפּעראַטיווע געזעצען און באַשטימונגען פונ׳ם גאַנצען לאַנד, און דער ריוח ווערט פאַנאַנדערגעטיילט צווישען די ארבייטער לפי ערך נאָך דער צאָל ארבייטסטעג, וועלכע יעדער ארבייטער האָט געאַרבייט אין משך פון יאָר.

א ר ב י י ט ע ר ק ב ו צ ו ת.

אנדערע ארבייטער־קבוצות אָרגאַניזירען זיך און נעמען איבער די אר־בייטען אויף די אייזענבאַנען, אין די האַפענס, אין די עלעקטריציטעטס־ און וואַסער־ווערק, אין די אינדוסטריען, אין טראַנספּאָרט. זיי נעמען ווי קבוצות איבער באַשטימטע טיילען ארבייט פון שטאָט, קאָנטראָלירען און אדמיניסט־רירען די ארבייט זעלבסטשטענדיג צווישען זיך, און זיינען אלס קאָאָפּעראַ־טיווען פאַראַנטוואָרטליך פאַר דעם שטאָט פאַר דער ארבייט. איצט שוין קאָנטראָלירען אין א געוויסער מאָס די גרויסע אידישע געווערקשאַפטען די אידישע קליידער־פאַבריקען אין אמעריקא. זייער קאָנטראָל באַציט זיך אָבער נאָך אויף דעם לוין, אויף די ארבייטסבאַדינגונגען, אויף דאָס רעכט

אויף באשעפטיגונג. די געווערקשאפט, וועלכע ווערט א קבוצה, נעמט איבער אין איר רשות די גאנצע פּראָדוקציע. נאטירליך, געהערט ניט די פאבריק און ניט דער גאנצער ריוח צו דער קבוצה. איבער דער איינצעלנער קבוצה, וועלכע איז נאָר א גרופּע פון די ארבייטער, שטעהט דער גאנצער ארבייטער־כלל, דאָס גאַנצע ארבייטענדע פאָלק.

שטאָטישער באזיץ און קאָאָפּעראַטיווער באזיץ.

אין דעם קרייז פון׳ם גאנצען פאָלק, וועלכער וועט האָבען אין זיין רשות די ערד, די נאטור־רייכטימער, די טראנספּארט מיטלען, די גרויסע אינדוסטריען און די קולטורעלע אינסטיטוטען, שטעהען די קלענערע קרייזען, די שטאָט, דאָס דאָרף, דער פאראיין, וואָס זיי אלע באזיצען אויך ווירטשאפטס־מעכאניזמען, פּראָדוקציאָנס־מיטלען, פארמעגען פאר זייערע קלענערע גע־מיינשאפטען. די שטאָט אָדער דאָס שטאָט־דאָרף וועט האָבען אין איר מוניציפּאלען באזיץ די וואסערלייטונג, די שטאָט־באַן, די קלענערע אינדוסט־ריען, דעם טעלעפאָן, די טעאטערס, די פארוויילונגס־פּלעצער, א טייל פון די הייזער, די האָטעלען, די קראָמען, די רעסטאָראנען, די קראנקען־הייזער א. ז. וו. אין פילע לענדער ווערט שוין איצט איינגעפירט אזא ברייטע מוני־ציפּאַלע ווירטשאַפט. א חוץ דער שטאָטישער פארוואלטונג, וועלכע וועט האָבען אין איר באזיץ און לייטונג א סך ווירטשאפטליכע אנשטאלטען פאר דער באפעלקערונג, וועלען זיך אויך בילדען קאָנסום־פאראיינען אין צוזאַ־מענהאַנג מיט פּראָדוקציאָנס־פאראיינען, וועלכע וועלען אָרגאניזירען און אָנפירען די פּראָדוקציאָן און די פארטיילונג פון סחורות. די מוניציפּאלי־טעט קען ארבייטען צוזאמען מיט די קאָנסום־פאראיינען, קען זיי געבען קרעדיט און אונטערשטיצונג. אין פאריז למשל פאָדערט מען איצט פון דער מוניציפּאליטעט א קרעדיט פון פילע מיליאָנען פאר די קאָאָפּעראטיוון. די שטאָטישע פארוואלטונג, אָדער ספּעציעל געגרינדעטע בוי־קאָאָפּעראטיוון וועלען אויך בויען הייזער אויף דעם נאַציאָנאלען לאנד. די הייזער וועלען פארדונגען ווערען, אָדער אויך פארקויפט ווערען, אויב זיי וועלען ניט אריבערשטייגען א באשטימטע סומע און וועלען דינען נאָר אלס אייגענע דירה.

דאָס אינדיווידועלע לעבען

מען דאַרף ניט מיינען, אז דיזע סאָציאַל־קאָאָפּעראטיווע ווירטשאפט באַ־גרענעצט אין וועלכען עס איז אופן דאָס אינדיווידועלע לעבען. פארקערט, זי שליסט נאָר אויס די עקספּלואטאציע פון קאפּיטאליזם, דעם מאָנאָפּאָל אין גרויסען און אין קליינעם, און עפענט ערשט אלע מעגליכקייטען, מאכט

פריי אלע ענערגיען פאר'ן רייכען אינדיווידועלען לעבען. יעדער בירגער, דאָס הייסט יעדער חבר פון דער אידישער סאָציאַל־קאָאָפּעראַטיווער געמיינשאַפט, איז פריי און זעלבסטשטענדיג אין זיין ארבייט, זיין פארברויך, זיין לעבענספירונג. ער איז געצוואונגען צו ארבייט, ווי דאָס האָבען מיט א אייזערנער דיסציפּלין געפאָדערט א סך קאָמוניסטען, פון קאבע ביז צו די איצטיגע דוכאָבאָרען. אלס ארבייטער האָט ער נאָר די גליקליכע מעגליכקייט צו ארבייטען ניט ביים קאפּיטאליסט, נאָר ביי דעם כלל, וועלכער איז ווידער נאָר דער צבור פון אלע יחידים און דינט נאָר די יחידים. דער פארברויך און די לעבענספירונג פון דעם איינצעלנעם זיינען אבסאָלוט אינדיווידועל. דער יחיד קען זיך אפילו אויפבויען א הויז, מיט באזונדערען קאָמפאָרט, ווייל א הויז דאָ איז א געברויכס־מיטעל און ניט קיין פּראָדוקציאָנס־מיטעל. ער קען אויך לעבען פון זייטיגע הכנסות אָדער אפילו פּרנסות, וועלכע זיינען אויסגעשפּראָכען אינדיווידועל און קענען לכתחילה ניט קאָנטראָלירט ווערען פונ'ם כלל. ער קאָן האָבען אינוועסטירט א קאפּיטאל אין די אידישע נאציאָנאלע בענק, אָדער אין פּרעמדע בענק, און קען ציהען דערפון הכנסות. ער קען וואוינען אין דער געמיינשאַפט און פירען געשעפטען אנדערשוואו. ער קען אלס ארבייטער דורך אָבשפּאָרונגען פון זיין אינדיווידועלען פארברויך אָנקלייבען געלט אין זיין פּריוואט־באזיץ. ווייל די אָרגאניזאציע פון די קאָנסומענטען איז ניט דורכגעפירט שטרענג אין אלע צווייגען פון לעבען, קען דער ערפינדער, דער טעכניקער, דער קינסטלער, דער העכערער ספּעציאַליסט, אלע וועלכע זיינען ניט אָנגעשטעלט ביי דעם שטאט אָדער אין דער שטאָט און וואָס זייער ארבייט איז א ריין אינדיווידועלע און העכסט קוואליפיצירטע, דיזע העכערע ספּעציאליסטען קענען אפילו פאָדערען זייער באזונדערען פּרייז. אין דער איבערגאנגס־צייט פון דער סאָציאל־קאָאָפּעראטיווער געמיינשאַפט צום קאָמוניזם איז דיזע מעגליכקייט זעהר וואַרשיינליך.

פּ ר י וו א ט ע א י נ י צ י אַ ט י וו ע

אָבער אויך פאר דער אינדיווידועלער פּריוואט־איניציאַטיווע אין ווירטשאפטליכען לעבען דאַרף, אין די ערשטע ענטוויקלונגס־יאָרען וועניגסטענס, נעגעבען ווערען א מעגליכקייט. עס קען קומען א פּריוואט־קאפּיטאליסט מיט א נייער ווירטשאפטליכער אונטערנעמונג, פאר וועלכער אין דער געמיינשאפט איז דערווייל ניטאָ נאָך ניט קיין טעכנישע צוגרייטונג און ניט קיין פאַרשטענדניס. דער פּריוואט־קאפּיטאליסט דאַרף האָבען א רעכט, אויף זיין ריסק, אזא אונטערנעמונג צו באגרינדען. דאָס רעכט צו פירען ־עם פּריוואטגעשעפט דאַרף אים געגעבען ווערען נאָר אויף א באשטימטע צאָל יאָרען. נאָך דעם אָבלויף פון דער צייט דאַרף זיין אונטערנעמונג ווערען

סאָציאַליזירט. ער מוז זיך נאַטירליך אונטערוואַרפען אונטער די אַלגעמיינע געזעצען פונ'ם לאַנד וועגען ארבייט און געהאַלט. זיינע געשעפטס־ביכער מוזען זיין אָפען פאַר'ן שטאַט, און דער שטאַט קען זיין אונטערנעמונג קאָנטראָלירען. אויף דעם פּריוואַט־אונטערנעמער, אַזוי ווי אויף יעדען ריי־כען מאַן בכלל, וועט שטענדיג נאַטירליך הענגען דער סאָציאַליסטישער דאַמאָקלוס־שווערד פון הויכער באַשטייערונג מן הצד פון שטאַט.

דער סאָציאַלער יושר פון גלייכען לוין.

די סאַציאַליסטישע געזעלשאַפט, וואו אַלץ אפילו זאָל זיין נאַציאָנאַליזירט און סאָציאַליזירט, קען דאָך זיין א געזעלשאַפט פון אונגלייכהייט און אפילו פון אונטערדריקונג, ווען צו דער סאַציאַליזירונג זאָל ניט צוקומען דער מאָמענט פון גלייכהייט פון לוין פאַר אַלעמען. דורך די פאַרשידענהייט פון לוין און געהאַלט גנב'עט זיך אריין אפילו אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט די גאַנצע נידערטרעכטיגקייט פון קאַפּיטאַליזם. דער באַזיס פון אמת'ען סאָציאַליזם איז דערפאַר דער גלייכער לוין פאַר אַלע מעגליכע ארבייטען. מאַרקס באַשטימט אויך דעם ווערט פון דער סחורה ניט נאָך דער קוואַליטעט פון דער פאַרברויכטער ארבייט, נאָר נאָך דער קוואַנטיטעט פון דער פאַרווענדעטער ארבייטס־צייט. דאָס איז אויך די פאָדערונג פון דעם יושר. דער פּרעזידענט פון דער רעפּובליק דאַרף על פּי יושר ניט באַקומען מער באַצאָלט, איידער דער גאַסען־ריייניגער. אויב די עגאָאיסטישע עקאָנאָמיק וויל אַנטרייבען די העכערע קוואַליטעט פון ארבייט דורך העכערען לוין, דאַרף דער סאָציאַלער יושר זיך פאַרקערט ענטשולדיגען ביי דער נידעריגערער קוואַליטעט פון ארבייט מיט העכערען לוין. הערצקא אין זיין אוטאָפּיסטישען „פריילאַנד“ דערצעהלט טאַקע, דאָס דאָרט באַקומען די איינפאַכסטע ארבייטער דעם העכסטען לוין, ווייל זיי טוען א ערגערע ארבייט. יעדענפאַלס איז מינדעסטענס דער גלייכער לוין פאַר אַלע ארבייטען און באַשעפטיגונגען דער ערשטער באַזיס פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. שוין אין די היינטיגע קאָאָפּעראַטיווע און סאָציאַליסטישע אינסטיטוטען שטרעבט מען דערצו, דעם לוין פון די ארבייטער צו דערהעכערען און די געהעלטער פון די הויכע באַאמטע, פון די געשעפטספירער, סעקרעטאַרען, רעדאַקטאָרען צו האַלטען גאַנץ נידריג. מען ווייס, למשל, ווי גאַנץ אונבאַדייטענד עס איז דער געהאַלט פון די דירעקטאָרען פון די ענגלישע קאָאָפּעראַטיוועו, פון די רעדאַקטאָרען פון די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אויסגאַבען. די טענדענץ צו דער גלייכער באַצאָלונג פון אַלע ארבייטען שטאַמט פון דעם גאַנצען וועזען פון סאָציאַליזם אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

מינימום־לוין און מאַקסימום־געהאַלט.

אין דעם סאציאַל־קאָאָפּעראַטיווען ארץ ישראל דארף על פּי יושר הערשען דער פּרינציפּ פון גלייכען לוין פאַר אַלע טעטיגקייטען. אָבער דאָס איז דערוויילּ נאָר א אידעאַל. אין דער הארטער ווירקליכקייט מוז געפונען ווערען א פּשרה צווישען דעם סאָציאַליסטישען פּרינציפּ פון גלייכען לוין און די אינדיווידואַליסטיש־עגאָאיסטישע טענדענצען פון די ניט־סאָציאַליסטישע מענשען. פאַר א קליינעם לוין וועט מען אין ארץ ישראל אפשר ניט געפינען די העכערע ספּעציאַליסטען אין טעכניק, אָרגאַניזאַציע, וויסענשאַפט, וועלכע קענען אנדערשוואו באקומען הויכע געהעלטער. אפילו דאָס באָלשעוויסטישע רוסלאַנד האָט זיך געזעהן געצוואונגען צו באַשטימען העכערע געהעלטער פאַר העכערע אָנגעשטעלטע, כדי בייצוקומען דעם סאבאָטאַזש פון דער בורזשואַזיע, וועלכע באהערשט דערווייל די טעכניק. איינפירען גלייך שוין א גלייכען לוין פאַר אַלע ארבייטען, איז אזוי צו זאָגען א גזרה, שאין רוב הצבור יכול לעמוד בה.

דער קאָמפּראָמיס צווישען דער אידעע און דער ווירקליכקייט באַשטעהט אין דעם, אז עס זאָל איינגעפירט ווערען א מינימום־לוין און א מאַקסימום־געהאַלט. דער מינימום־לוין ווערט איינגעפירט פאַר אַלע ארבייטען, וועלכע האָבען א מאַסאָווען כאַראַקטער. דער מאקסימום־געהאלט ווערט באַשטימט פאַר אַלע טעטיגקייטען, וועלכע האָבען א אינדיווידועלע פאַרבונג. די ארבייטער זאָלען ניט באצאָלט ווערען נידריגער, איידער א באשטימטער מינימום. דער מינימום פון ארבייטס־לוין דאַרף ענטשפּרעכען צו דער פרייער און קולטורעלער לעבענס־האַלטונג פון די ארבייטער. דער ארבייטער איז בארעכטיגט צו א קאָמפאָרטאבעלער לעבענס־פירונג, צו דירה, נאַרונג, קליידונג און הויפּטזעכליך צו בילדונג און קולטור. דאָס דאַרף אים דער מינימום־לוין קענען פאַרשאַפען. מיט דעם מינימום־לוין געהט נאַטירליך האַנט אין האַנט די באשרענקונג פון דער ארבייטס־צייט, וועלכע איז די פאָרבארייטונג פון דער העכערער קולטורעלער לעבענס־האַלטונג פון דעם ארבייטער. און אזוי ווי עס דאַרף זיין א מינימום פאַר לוין, אונטער וועלכען קיין ארבייטער טאָר ניט באצאָלט ווערען, אזוי דאַרף זיין א מאקסימום פון געהאַלט, איבער וועלכען קיין אָנגעשטעלטער טאָר ניט באצאָלט ווערען. דער געהאלט פון די מיניסטאָרען, דירעקטאָרען, טעכניקער, געלערנטע, קורץ אַלע העכערע קוואַליפיצירטע אָנגעשטעלטע דאַרפען זיין באשרענקט דורך א מאַקסימום. ווי הויך דער מאקסימום פון געהאלט דאַרף זיין לפי ערך צו דעם מינימום פון לוין, איז שווער פעסט צו שטעלען איצט. ער דאַרף זיכער ניט זיין דריי מאָל אזוי הויך, ווי דער מינימום. מען דאַרף ניט מורא האָבען,

דאָס עס איז א זעהר גרויסע באשריינקונג. ווערט דען ניט איצט אין דייטשלאנד אפילו אויף פארמעגען און העכערע הכנסה ארויפגעלעגט א באַדייטענדער גרויסער שטייער, וועלכער רעדוצירט יעדע העכערע הכנסה אויף א העלפט און נאָך וויינינגער ? נאָר אין דער דיפערענץ צווישען דעם מינימום־לוין און מאקסימום געהאלט וועט נאָך מעגליך זיין די סאָציאלע אונגלייכהייט. וואָס קלענער דיזע דיפערענץ וועט ווערען, מיט דער סאָציאלער און נאָך מער מיט דער קולטורעלער ענטוויקלונג פון פאָלק, אלץ מער וועט זיך די צייטווייליגע סאָציאלע אונגלייכהייט דערנענטערען צו קאָמוניסטישער גלייכהייט.

בירגערליכע ציוניסטען פאר א סאָציאל־קאָאָפעראטיווען ארץ ישראל.

די אָרגאניזירונג פון א סאָציאל־קאָאָפעראטיווען ארץ ישראל איז ניט אַן אוטאָפּיע, א פאנטאסטישע אויסטראכטעניש פון א יחיד אָדער א פארטיי, זי ווערט שוין די אלגעמיינע אידעע פון דעם גאנצען ציוניזם, פון דעם גאנצען אידישען פאָלק. די אמעריקאנער ציוניסטען און ניט לאנג די דייטשע ציוניסטען האָבען אָנגענומען א סאָציאלען פּראָגראם פאר ארץ ישראל, וועלכער ליגט אין דער גלייכער ליניע. די נאציאָנאליזירונג פון דער ערד איז שוין זייט לאנג א איבערצייגונג, וועלכע איז אריינגעדרונגען אין דעם ציוניסטישען באוואוסטזיין און וועלכע האָט געטריבען די ציוניסטען אויף דעם געדאנק בכלל, דאָס ארץ־ישראל דארף זיין געבויט אויף נייע סאָציאלע יסודות. די ענטוויקלונג פון דעם פּראָלעטארישען ציוניזם אין אמעריקא, די אָבהאלטונג פון דעם ארבייטער־קאָנגרעס פאר ארץ ישראל, און דער צוטריט פון פילע באדייטענדע ראדיקאלען און סאָציאל־רעפאָרמער צו דעם אמעריקאנער ציוניזם האָבען מעגליך געמאכט די פּיטסבורגער רעזאָלוציע. אין דייטשען ציוניזם איז שטארק געוואָרען א יונגער ראדיקאלער פליגעל, וועלכער האָט דורכגעפירט אויף דער לעצטער קאָנפערענץ פון די דייטשע ציוניסטען א רייהע פון רעזאָלוציעס אין גלייכען גייסט. אלזא אפילו די בירגערליכע ציוניסטען קענען זיך ניט שטעלען געגען דעם נייעם גייסט פון אונזער צייט און הויבען אויך אָן צו באגרייפען די אינוועניגע סתירות פון א קאפּיטאַליסטישען ארץ־ישראל.

פינאַנציעלע אינסטיטוטען.

ווי זאָלען געשאפען ווערען די פינאנציעלע אינסטיטוטען פאר אזא סאָציאל־קאָאָפעראטיווער קאָלאָניזאציע ?

עס דארפען געשאפען ווערען צווייערליי פאָנדען : אלגעמיין־אידישע אָדער ציוניסטישע, און פּועלי־ציוניסטישע אָדער ארבייטער־פאָנדען. אויב

די ציוניסטישע אָרגאניזאציע זאָל באמת'ן געהן אויף דעם וועג פון קאָלאָניזאציע, ווי זי האָט עס באשלאָסען אין אמעריקא און דייטשלאנד, וועלען די פאָנדען פונ'ם ציוניזם דינען סאָציאל-קאָאָפעראטיווע צוועקען, און דער אידישער פראָלעטאריאט דארף נאַטירליך נעמען אין זיי א טיפען אינטערעס.

ד ע ר נ א צ י אָ נ א ל - פ אָ נ ד.

אין דער ערשטער רייהע שטעהט דער נאציאָנאל-פאָנד. דורך דעם סיסטעם פון זעלבסט-באשטייערונג פון אלע אידען, וועלכען מען וועט מוזען איינפירען, קען מען זאמלען מינדעסטענס 50 מיליאָן פראנק א יאָר. דאָס איז דורכאויס ניט איבערטריבענע פאָרשטעלונג. וועלען זיך דען ניט געפינען אין דער גאנצער וועלט פינף טויזענט אידען, וועלכע וועלען געבען צו טויזענט דאָלאר א יאָהר? דאָס וועט שוין זיין א העלפט פון דיזען סכום. קיין איד טאָר ניט אויסבלייבען אין דער וועלט, וועלכער זאָל זיך ניט באטייליגען אין דעם נאציאָנאל-פאָנד. באזונדערס אָבער מוזען די רייכע און די גאָר רייכע קלאסען זיך אליין באשטייערן. פאר הילפס-פאָנדען האָט מען אין אמעריקא און אייראָפא געזאמעלט נאָך גרעסערע סומען. די קאָלאָניזאציע פון ארץ-ישראל אויף א ברייטער גרונדלאגע איז דאָך די גרעסטע הילף-אקציע פאר די אידישע פאָלקס-מאסען.

נ א צ י אָ נ א ל ע ה ל ו א ה.

דער פלאן פון דער נאציאָנאלער הלואה, וועלכער ווערט שוין לאנג דיסקוטירט, דארף איצט פארווירקליכט ווערען. דער יסוד פון דיזער הלואה איז דאָס אידישע לאנד און זיינע נאטור-רייכטימער. דער נאציאָנאל-פאָנד און זיינע הכנסות איז ווידער א באזיס פאר דער נאציאָנאלער הלואה. דאָס גאנצע אידישע פאָלק וועט זיך מוזען אין דעם באטייליגען מיט אלע מעגליכקייטען. עס וועלען זיכער העלפען אין דער אידישער נאציאָנאלער הלואה ענגלאנד און די פאראייניגטע שטאטען. יק"א און די אנדערע גרויסע אידישע פינאנץ-אינסטיטוטען דארפען געצוואונגען ווערען זיך צו באטייליגען אין דעם מיט זייער גאנצען געלט. די פאָלקס-מאסען וועלען דאָ דארפען ענטוויקלען א געוואלטיגע אקציע, כדי דיזע הלואה דורכצופירען. דורך אגיטאציע און דעם דרוק פון דער אָרגאניזירטער עפענטליכער מיינונג וועט די אידישע בורזשואזיע געצוואונגען ווערען צו באטייליגען זיך אין דיזער נאציאָנאלער פינאנץ-אקציע. עס וואָלט געווען אויסער פלאץ פרואווען דאָ פעסטזעצען די סומע פון דיזער נאציאָנאלער הלואה, אָבער זי מוז זיין א הויכע, ענטשפרעכענד צו איר הויכער אויפגאבע.

דער פּאַלעסטינאַ ארבייטער פאָנד.

א חוץ דיזע אלגעמיין־אידישע פינאנץ־אינסטיטוטען מוזען מיר אלס ארבייטער־פּארטיי באשאפען אונזערע פּראָלעטארישע פינאנץ־אינסטיטוטען. דורך די אלגעמיינע רעגיסטרירונג פון די ארבייטער־מאסען און די זעלבסט־באשטייערונג פון די ארבייטער קענען מיר אויפזאמלען גרויסע סומען פאר דעם פּאַלעסטינאַ ארבייטער־פאָנד. די יערליכעביישטייערער פאר דעם ארבייטער־פאָנד קענען דערגרייכען אין די הונדערטער טויזענטער.

ק אָ פּ ע ר א ט י ו ו ע ב אַ נ ק.

א חוץ דעם איז אונזער נאָענטסטע אויפגאבע, צו גרינדען א קאָאָפּעראַ־טיווע באנק, וועלכע זאָל מיט קרעדיט העלפען דער קאָאָפּעראַטיווער ענטוויק־לונג. מיט דער הילף פון דיזע פינאנץ־אינסטיטוטען וועלען מיר פּאַראויס־געהן דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אויף דעם וועג פון דער סאָציאַל־קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאציע. מיר וועלען אליין באשאַפען שוין א גאנצע רייהע פון קבוצות, פון קאָאָפּעראַטיווע קראָמען, פאבריקען, האָטעלען, הייזער, טעאַטערען א. ז. וו. אויף אזא אופן וועלען מיר פּאַראויסגעהן אין דער סאָציאַליסטישער קאָלאָניזאציע, וועלען שטאַרקען און אָרגאניזירען דעם ארבייטער־קלאַס אין זיינע סאָציאַל־קאָאָפּעראַטיווע און געווערקשאַפטליכע פּאָזיציעס, און פון דער אנדערער זייט אלץ מער שטופּען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אויף דעם וועג פון אונזער קאָלאָניזאציע.

ה ח ל ו ץ א ו ן א ח ו ה.

אונזער ווייטערע ארבייט וועט דארפען באשטעהן אין אָנהויבען צו אָרגאַניזירען די ארבייטער־מאסען צוליב דער אויסוואנדערונג און דער קאָ־אָפּעראַטיווער קאָלאָניזאציע לויט דעם סיסטעם פון „החלוץ“ און „אחוה“. די ארבייטער, וועלכע ווילען זיך אָנשליסען אין ארץ ישראל אָן קבוצות, כדי צו ארבייטען קאָאָפּעראַטיוו אין די נאציאָנאלעווירטשאפטס־אנשטאל־טען, בילדען החלוץ־גרופּען. די ארבייטער, וועלכע ווילען זיך באזעצען אין קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס, בילדען אחוה־גרופּען. די החלוץ־ אזוי ווי די אחוה־גרופּען דארפען זיין פאראייניגט אין איין גרויסע פּראָלעטארישע קאָלאָניזאציאָנס־געזעלשאפט. די אחוה־חברים וועלען דארפען איינצאָלען, זאָגען מיר, ביז 500 אָדער 1000 דאָלאר א חבר, כדי זיי זאָלען האָבען אויך זייער אייגענעם פאָנד פאר דער קאָלאָניזאציע. די איבריגע סומען וועלען זיי מוזען באקומען אויף לאנגיאָריגען קרעדיט. די החלוץ־גרופּען וועלען איינצאָלען א סך ווייניגער, כדי צו דעקען זייערע נסיעה־הוצאות. יעדער

חבר ווערט קרעדיטירט מיט דער סומע, וועלכע ער האָט פאַר זיך איינגע־צאַלט. אויף אזא אופן קומען די ארבייטער אין ארץ־ישראל שוין אלס אָרגאניזירטע סאָציאַלע קראַפט. עס ווערט אויף אזא אופן אָרגאַניזירט א גרויסער ארבייטער־עלעמענט, וועלכער האָט זיין אייגענעם קאָלאָניזאַציאָנס־פאָנד פאַר דער קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע. צענדליגער אויב ניט הונ־דערטער טויזענטער ארבייטער קענען זיך אָרגאַניזירען אין די החלוץ־גרופּען. און דורך דיזע אָרגאַניזאַציע פון די ארבייטער אויף זייער וועג קיין ארץ ישראל וועט איינמאָל פאַר אלע מאָל בטל ווערען יעדער פּרואוו צו קאָלאָ־ניזירען ארץ ישראל אויף פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישע יסודות און אונטער־צוזעגען דעם אידישען פריייהייטס־בוים אין זיין ערשטער שפּראָצונג.

אַלגעמיינע קאָלאָניזאַציאָנס־חברות.

א חוץ די פּראָלעטאַריש־סאָציאַליסטישע קאָלאָניזאַציאָנס־קאָאָפּעראַטי־ווען נאָך דעם טיפּ פון דער „אחוה“, וועלען זיך אויך אומעטום אויפהויבען פאַרמעגליכע יחידים און וועלען זיך אָרגאַניזירען קאָלאָניזאַציאָנס־געזעל־שאַפטען פון מיטעל־קלאַס־מענשען, כדי זיך צו באַזעצען אין ארץ ישראל. עס זיינען פאַראַן הונדערטער טויזענדער אידען אין דער וועלט איצט, וועלכע זיינען אין באַזיץ פון אביסעל, ווען אויך שטאַרק ענטווערטעטען, קאַפּיטאַל, וועלכע ווערען געצוואונגען און ווילען זיך באַזעצען אין ארץ ישראל. בנוגע צו דיזע פאַרמעגליכע יחידים און גרופּען דאַרפען מיר האָבען אונזער שאַרפע סאָציאַליסטישע באַציאונג. שטרענג און דייטליך מוזען מיר פּראָקלאַמירען דעם געדאַנק, דאָס פאַר דעם גרויסען קאַפּיטאַליזם און נאָך ווייניגער פאַר קליינע פּריוואַטע קרעמער, פאַבריקאַנטלאַך, אונטערנעמערלאַך, באַנקירלאַך א. א. וו. קען אין דעם נייען ארץ ישראל ניט זיין קיין אָרט. אלץ, וואָס דיזע פּריוואַט אונטערנעמער קענען באַשאַפען דורך עקספּלואַטאַציע פון די ארבייטער און דער הילף פון נאַציאָנאַלען קרעדיט, קענען די ארבייטער אליין באַשאַפען דורך די קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציעס. די אויפריכטונג פון דעם קליינעם געשעפטסמאַן אין ארץ־ישראל וואָלט הייסען באַשאַפען א פּאַראַזיטישען קלאַס אין לאַנד און לכתחילה עם בויען אויף צופוילטע און דעמאָראַליזירטע יסודות. פאַר דעם אידישען מקח־וממכר־קלאַס, וועלכער זאָל זיך פּלאַנען אין ווירקליכקייט און לעבען אין חלום, דאָס ער וועט זיך דערהויבען נאָך צו א ריכטיגען בורזשואַזנעם קלאַס, ככל העמים, איז ניטאָ אין ארץ ישראל קיין אויסזיכט. אויף די טויערען פון יפו דאַרף דער אידי־שער ארבייטער־קלאַס אויפקריצען דאַנטע׳ס באַקאַנטע יאוש־ווערטער צו די זינדיגע: גיט אויף יעדע האָפנונג! פאַר פאַרמעגליכע יחידים און קאָלאָ־ניזאַציאָנס־חברות פון מיטעל קלאַס זאָל אָבער יאָ זיין א מעגליכקייט איבער־

צוגעהן צו לאַנדווירטשאַפט, אָבער דאָס נאָר אויף דעם יסוד, פאַרשטעהט זיך, פון דער נאַציאָנאַליזירונג פון לאַנד און דער באַשרענקונג פון דער גרויס פון דער געפאַכטעטער ערד. ווײבאַלד דאָס לאַנד איז נאַציאָנאַליזירט און דער לאַנד־אַנטייל איז באַשרענקט, איז אויסגעשלאָסען די מעגליכקייט פון ספּעקולאַציע און עקספּלואַטאַציע פון פרעמדער ארבייט. די פאַרמעגליכע קאָלאָניזאַציאָנס־געזעלשאַפטען וועלען מוזען אליין ארבייטען, און וועלען דורך זייער פאַרמעגליכקייט ניט זיין אבהענגיג פון קרעדיט, און וועלען אייגענטליך אויך אויסגעשלאָסען ווערען פון נאַציאָנאַלען קרעדיט, וועלכער איז באַשטימט פאַר די ארימערע פּאָלקס־מאַסען. זיי וועלען קענען אָרגאַניזירען א רייכערע ווירטשאַפט, בויען בעסערע הייזער, איינפירען העכערע קולטורען און א העכערע טעכניק, אָבער זיי וועלען ניט קענען ווערען קיין סאָציאַלער קלאַס, וועלכער וועט עקספּלואַטירען אַן אנדער קלאַס.

קולטור־אינסטיטוטען

פאַראַן אויך אַ באַלדיגע גרויסע געמיינשאַפטליכע אַרבייט צווישען אונזער ארבייטער־באַוועגונג און דעם גאַנצען אידישען פאָלק, און דאָס איז דער אויפבוי פון די נאַציאָנאַלע קולטור־אינסטיטוטען, ווי אַן אוניווערסיטעט, אַ נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק, אַ מוזעאום, אַ נאַציאָנאַלער טעאַטער א. א. וו. אויב אין דער פאָלקס־שולע זיינען נאָך פאַראַן אונטערשידען צווישען דער פּראָלעטאַרישער אויפפאַסונג וועגען דעם אינהאַלט פון לערנען און דער בירגערליכער אויפפאַסונג, ווערען אין אַלע העכערע קולטור־אנשטאַלטען כמעט אַלע חלוקים פון קלאַסען אויסגעגליכען. דיזע קולטור־אינסטיטוטען דאַרפען אונז זיין זעהר נאָענט און מיר דאַרפען שענקען זיי מער אויפמערקזאַמקייט, איידער מיר האָבען עס ביז איצט געטאָן. אַלע העכערע לער־אַנשטאַלטען און קולטור־ אינסטיטוטען דאַרפען דינען, לויט אונזער באַגריף, קודם כל, דעם ארבייטענדען פאָלק. אונזער שטרעבונג איז, אַז אַלע ארבייטער, מענער און פרויען, זאָלען באַקומען אַ העכערע אוניווערזיטעט־בילדונג און זאָלען ערשט מיט ניינצען־צוואַנציג יאָר פאַרלאָזען די בילדונגס־אנשטאַלטען. מען זאָל ניט וועלען שרעקען דערמיט, דאָס די פאַרלענגערונג פון די לערן־יאָרען וועט פאַראַרעמען די פּראָדוקציע. דאָס איז אַן אַלטער טעות. קיין זאַך קען ניט אזוי פאַרמערען די פּראָדוקציע און באַרייכערן דאָס פאָלק, ווי די הויכע בילדונג פון די ארבייטענדע מאַסען. די הויך געבילדעטע ארבייטער וועלען ערשט זיין ביכולת צו באַשאַפען נייע העכערע מעטאָדען פון ארבייט, טעכנישע און סאָציאַלע, וועלכע וועלען אויפהויבען די פּראָדוקציע אויף אַן אויסערגעוועהנליכער מדרגה. דער בוי פון אַלע היזע קולטור־אנשטאַלטען איז דערפאַר נוגע קודם כל דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט. אחוץ דעם איז עס אויך א

גרויסע קאָלאָניזאַטאָרישע אונטערנעמונג, וועלכע וועט קענען גלייך באַ־שעפטיגען א גרויסע צאָל ארבייטער.

אונזער שטעלונג צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

פון דיזע באטראכטונגען איז קלאָר, אז מיר מוזען באשאפען פיל ענגערע באציאונגען מיט דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע, איידער ביז איצט. אין דער פּראָדוקציע איז דער פּראָלעטאריאט אָבגעטיילט פון דער בורזשואַ־זיע דורך די קלאסען אינטערעסען, אין ציוניזם איז דער פּראָלעטאריאט אָב־געטיילט פון דער בורזשואזיע דורך דער קלאסען־פּסיכאָלאָגיע. פארבייטען קלאסען־אינטערעסען מיט קלאסען־פּסיכאָלאָגיע וואָלט ניט נאָר געווען אונגע־רעכט, ס׳וואָלט געווען נאָך פיל ערגער, ס׳וואָלט געווען נאריש. אין דעם שטאט קען זיין ביים פּראָלעטאריאט א פראגע וועגען אנטייל נעמען אין די געזעצגע־בענדע קערפּערשאפטען פון שטאט אָדער זיך פון זיי רעוואָלוציאָנער אָבצוהאל־טען. די ציוניסטישע אָרגאניזאציע איז אָבער ניט קיין שטאַט, זי איז א פריי־וויליגע נאציאָנאלע אָרגאנזאצע, א נאצאָנאלער בונד צוליב צוועקען, וועלכע דינען דעם גאנצען פאָלק און קענען מער און מער דינען דעם אידישען פּראָלע־טאריאט. אין דער צייט ווען דער צוזאמענהאנג צווישען די פּועלי־ציון און דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע איז געוואָרען א גאנץ לויזער און ס׳ווערט געשטעלט ביי אונז אין צווייפעל די מעגליכקייט און נויטווענדיגקייט צו געהערען צום אַל־אידישען ציוניסטישען בונד, זיינען אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאציע ארויסגעוואקסען נייע האלב־פּראָלעטארישע און ראַדיקאַלע עלעמענטען, וועלכע שטעהען פאר דער סאָציאל־קאָאָפּעראטיווער קאָלאָני־זאציע. מיר געהען זיך פאנאנדער מיט דער ציוניסטישער דעמאָקראַטיע אין אלע פּאָליטישע פראגען, אין דער אידעאָלאָגיע פון ציוניזם, מיר קריטי־קירען און באקעמפען זי אין די טעאָריען און אידעאלען פון קאָלאָניזאציע. אָבער די אייגענטליכע אויפגאבע פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאניזאציע דארף זיין נאָר א נאציאָנאלע און קאָלאָניזאטאָרישע, און דאָ מוזען מיר מיטגעהן מיט דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע אפילו ברוגז׳דיגערהייט. בפרט אז די ציוניסטישע אָרגאניזאציע לאָזט זיך פירען אויף דעם וועג פון סאָציאל־קאָאָפּעראטיווער קאָלאָניזאציע, מיינענדיג געוויינליך, אז זי פירט אליין. מיר מוזען ארויסשיילען פונ׳ם ציוניזם און פון דעם ציוניסטישען פּלאָנטער דעם ריינעם נאציאָנאל־קאָלאָניזאטאָרישען אינהאלט און אויף דיזען יסוד דארפען מיר און מוזען מיר געהן צוזאמען מיט דעם ציוניסטישען כלל ישראל. מיר האלטען צוזאמען פעסט, זיכער און אָבגעשידען אונזער פּראָלעטארישע ציוניסטיש־סאָציאליסטישע אָרגאניזאציע, אָבער צוליב דעם אויפבוי און באזונדערס צוליב דעם סאָציאל־קאָאָפּעראטיווען אויפבוי פון דעם אידישען

לאַנד מוזען מיר געהן מיט כלל ישראל צוזאַמען. מען זאָגט, אז די ציוניס־טישע קליין־בורזשואזיע און בורזשואזיע פארטרעט אין דער ציוניסטישער אָר־גאַניזאַציע אירע קלאַסען־אינטערעסען. פאַר אירע אינטערעסען האָט די אידי־שע בורזשואזיע מער ווירקזאַמע און פאַסענדע וועגען, איידער די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע ווערט ניט באַהערשט פון די קלאַסען אינטערעסען פון דער אידישער בורזשואַזיע, נאָר פון אירע קלאַ־סען־פּראָווינצעלן. גענען דיזע קלאַסען־פּראַווינצעלן פון דעם אידישען בעל־הבית דאַרפען מיר ארויסשטעלען די קלאַסען־פּאַראורטיילען פון דעם אידישען ארבייטענדען פאָלק, וועלכע פאַלען צוזאַמען מיט דער אידעע פון יודענטום, און דעם פילאָזאָפישען און קולטורעלען תוכן פונ'ם ציוניזם בכלל.

שטעהן אויסערהאַלב פון דעם ציוניסטישען קאָנגרעס און דער וועלט־אָרגאַניזאַציע וואָלט הייסען מיאוס פאַרנאַכלעסיגען די אינטערעסען פונ'ם אידישען פּראָלעטאַריאַט און פון דער גאַנצער אידישער פאָלקס־מאַסע, וועל־כע וויל איצט אויסוואַנדערן קיין ארץ ישראל. מיר וואָלטען דאַן איבערגע־לאָזען די ציוניסטען צו זיך אליין און אָהן וועלכען עס איז גרונד איבער־געגעבען זיי די אָנפירונג איבער ארץ־ישראל, איבער דער קאָלאָניזאַציע, איבער דעם אידישען פאָלק און דער גאַנצער רענעסאַנס־באַוועגונג. און אַזוי ווי די גאַנצע אידישע פאָלקס־מאַסע אין אַלע לענדער איז איצט גרייט זיך אויפ־הויבען און אויסוואַנדערן אין ארץ־ישראל, קען אונזער אָבהאַלטען זיך פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע נאָר ווערען אַ לעבערליכע. מיר ווען מיט ווייניג שטאָלץ ארויסגעהן פאַר דער טיר פונ'ם ציוניסטישען קאָנגרעס און וועלען מיט נאָך ווייניגער שטאָלץ זוכען אריינקריכען אין די פענסטער פון די פאַרשידענע ציוניסטישע אנשטאַלטען און אינסטיטוטען, כדי אויס־צואווירקען דאָרט אַ פאַרשטענדניס און הילף פאַר אונזער סאָציאַל־קאָאָפּע־ראַטיווער קאָלאָניזאַציע. מיר דאַרפען ערליך און זעלבסט־זיכער, אַלס רעוואָלוציאָנערע פּראָלעטאַרישע פארטיי, שטעהן אין דעם ציוניסטישען וועלט־בונד, אנטייל נעמען אין די קאָנגרעסען, באַהערשען די ציוניסטישע עפענטליכע מיינונג, פאַרנעמען די אינסטיטוטען און פינאַנץ־אנשטאַלטען. דורך אונזער פאַרטיי אין דער וועלט, דורך דעם ענטשיידענדען כח פון אונזער אייגענער ארבייט אין ארץ ישראל, און אויף דעם יסוד פון די אומעטום אין ציוניזם אויפגעוואַכטע סימפּאַטיעס פאַר אונזערע סאָציאַלע אידעען אין ארץ ישראל, קענען מיר באַהערשען און אָנפירען די גאַנצע ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע.

עס איז ניטאָ קיין שום סאָציאַליסטישער גרונד, פאַר וואָס מיר זאָלען ניט אנטייל נעמען אין דעם ציוניסטישען קאָנגרעס און ניט זוכען דעם קאָנטראָל איבער די ציוניסטישע אינסטיטוטען. עס איז נאָר פאַראַן אַ

סאָציאַליסטישע מורא, א מורא פאר אונזערע סאָציאַליסטישע געגנער. אָט פון דיזער מורא דארפען מיר זיך באפרייען. די ניט־אידישע סאָציאַליסטען זיינען גאָרניט אזעלכע נארען, דאָס זיי זאָלען ניט פארשטעהן, פאר וואָס מיר דארפען געהן דיזען וועג, און זיי זיינען גאָרניט אזעלכע קלוגע, דאָס אויב זיי פארשטעהען ניט, זאָלען מיר זיי פאָלגען.

ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע ר צ י ו נ י ז ם.

עס איז איצט געקומען די גרויסע צייט פאר דער העכסטער שעפּפונג פון דעם אידישען פאָלק און דעם אידישען גייסט, פאר דעם בוי פון א סאָציאַליסטישען ארץ ישראל. ניטאָ קיין ציוניזם אָהן סאָציאַליזם! אויך אין אַלע משיח־באוועגונגען און משיח־חלומות איז געשטאנען אין מיטעלפונקט פון אַלע נאציאָנאַלע האָפנונגען די אַלמענשליכע אידעע פון דער אויסלעזונג פון דעם לעבען, דער תיקון עולם. מיט דיזער אידעע פון א נייע לאַנד און א נייע געזעלשאַפט קענען מיר דערוועקען די טיפסטע פארבאָרגענע כחות פון דעם אידישען ארבייטענדען פאָלק. דער סאָציאַליסטישער ציוניזם איז די דערוואכונג פון דעם שעפּפערישען רעוואָלוציאָנערען גייסט פון ישראל סבא, מיט וועלכען עס קען אויסגעלעזט ווערען דאָס אידישע פאָלק, און מיט וועלכען עס קען אויך אָנגעצונדען ווערען די גאנצע וועלט.

1919.

משיח און שמד*)

אין דער הערצעל־לעגענדע האט געפעלט נאָך איין שטריך, וועלכער זאָל מאַכען די לעגענדע פאַר אַ טראַגעדישע, מיסטיש־אידישע, עס האָט געפעלט דער שמד־מאָטיוו אין דער משיח־לעגענדע. און האָנס הערצל האט זיך גע׳שמד׳ט. איצט שטעהט פאַר אונז די לעגענדע אין איר גאַנצען טראַגישען שרעק, אין איר גאַנצער פילפאַרביגער סתירה, אין איר העכסטער גרויס, אין איר טיפסטער ירידה.

טעאָדאָר הערצל האָט זיך דערפילט אלס משיח, און זיין זוהן האָנס הערצל האָט זיך גע׳שמד׳ט. עס ליגט אין דעם כמעט ווי אַ מיסטישע נויטווענדיגקייט, משיח־שיקזאַל. עס איז אַן אַלטע געשיכטע, דאָך בלייבט זי אימער ניי. אַלע משיחים, אַלע באַנייער פון אידענטום, אַלע טיפזיניגע אידישע מיסטיקער זיינען אליין, אָדער אַן זייער צווייטן דור, געקומען צום אָפּגרונד פון שמד. די משיחים שבתי צבי, און יעקב פראנק האבען זיך אָפּגעווענדעט פון אידענטום. אפילו דער פרומער און באַשיידענער יהודה חסיד, וועלכער האט זיך נאָך דעם שבתי צבי טומעל געלאזט געהן אין ארץ ישראל מיט אַ מחנה אידען, האט שפּעטער אָפּגעגעבען זיין פּלי־מעניק צו דער מחמד׳אַנישע רעליגיע. עס טראגט זיך אַ מעשה ביי חסידים, דאָס אַ זוהן פון ר׳ זלמן ליאַדיער, דעם ערשטען חסידישען רבי, איז געוואָרען אַ פּראוואָסלאַוונער גלח און האָט געקלונגען אין אַ צערקווע. און די מאָדערנע באַנייער פון אידענטום, אָנהויבענדיג מיט משה מענ־דעלסאָן און ענדיגען מיט מענדעלע מוכר ספרים, זיינען דען ניט זייערע זיהן און איניקלאַך, אָפּטמאָל גאַנצע דורות געוואָרען אָפּטריניגע פון אידען?

וואו ליגט דער גרונד פון דער מערקווירדיגער ערשיינונג?

אידישקייט איז אַ הערָאָישע אידעע, און יעדע הערָאָישע אידעע שוואַנקט צווישען באַרג און אָפּגרונד, וויל זינקען פון דער פייערדיגער התלהבות צו דעם אייז־קאַלטען יאוש. פון געניאַליטעט צו וואַהנזין, פון איבערמענשליכקייט צו בעסטיאַליטעט פירט דיזעלביגע ליניע, די וועלט־דיכטער האָבען עס געפילט. פאַוסט, וועלכער האָט זיך פאַרמאָסטען צו דערגרונטעווען דעם וועלט־גייסט, ווערט דורך גרעטכען׳ס נאַריש פּנים׳ל

---

*) דאָס איז דער לעצטער אַרטיקעל, וועלכען סירקין האָט געשריבען. אָפּגע־דרוקט אין „טאָג“ פון דעם 23טען אויגוסט, 1924.

מעפיסטאָ דעם שטנ׳ס פארברעכערישער שקלאַף. די אידישע הערָאָישע אידעע האט ניט קיין דויערענדע שליטה אויף דעם אידישען געמיט, ניט אויפ׳ן יחיד און ניט אויפ׳ן כלל. וואס שטאַרקער די אידישקייט פלאקערט זיך אַמאָל פאַנאַנדער, אַלץ מעהר לויערט די סכנה, דאס דער פייער זאל ניט פּלוצים זיך זעלבסט פארלעשען און זיך זעלבסט באַגראָבען. די בגידה, דער שמד, דער פאַרראַט פאַרפאָלגט שטענדיג, ווי אַ פינסטערער שטן די אומבאַגרייפלאַכע אידישקייט. הינטער דער אידישקייט, אויף איהר העכסטער מדרגה, הינטער דער משיח־אידישקייט, הינקט דער טייוועל מיט זיין פאַרשייטען קוק, און ער וויקעלט אַרום איהר דעם שמד־נעץ, ־עם בגידה־געפלעכט. מיט דער זונה, דער פראַסטיטוטקע, פארגלייכט שטענדיק דער נביא דאס פאַררעטערישע פאָלק ישראל, וואס האָט בוגד געווען אָן זיך זעלבסט, און ווי פורכטבאַר קלינגט עד היום יחזקאל׳ס וואָרט צום פאָלק ישראל, ווי ער שרייט אויס: זונה שמעי דבר יהוה!

פון דער הייליגקייט פון משיח׳ן ביז צו דער פראַסטיטוציע פון שמד שוואנקט די מיסטישע אידישקייט. און אפשר ליגט אין דיזער אייביגע אומבאַשטענדיגקייט, אין דיזער הערָאָישער זוכעניש, אין דיזען בעטען אויף זיך דעם טויט, די אומשטערבליכקייט פון דער אעדישקייט. „היילען קאָן מיך נאָר דער טויט, אָבער, אך, איך בין אומשטערבלאַך“, זאגט היינע וועגען דעם פאָלק ישראל. וואָס אַנדערש האָט האַנס הערצל געקאָנט טאָן מיט זיין אידישקייט, ווי זי פארברענען אויף דעם מזבח פון קאַטוי־ליציזם? זייענדיג אַ גאַנץ מיטעלמעסיגער זוהן פון אַ הערָאָישען איד, האט אויף איהם די אידישע ירושה שווער געדריקט, ער האָט ניט געקאָנט מער טראָגען דאָס „היטעל פון מאָנאָמאַך“. טויזענדע אַנדערע האַנס הערצל׳ס שמד׳ן אויך אָפּ פאַקטיש זייער אידישקייט, פאַריאָגען זי, פאַר־קיבעצען זי, פאַרשמוצען זי, אמת אָהן טויף־וואַסער, אָהן דעם יעזוס־שקר, אָהן די עפענטליכע אָפּזאָגונג, אָהן דעם טריאומפּירענדען גלאָקען־קלאַנג. האַנס הערצל האָט זיך געמוזט עפענטליך לויז־בינדען פון דער גאָלדע־נער קייט, וועלכע די ירושה האָט אויף איהם אַרויפגעלייגט. וואָס האָט פאַר אַ ווערט פאַר אַ קליין מענשעלע ארץ ישראל, דאָס אידישע פאָלק, די אידישע קולטור אידעע, די אידישע מיסטעריע. דאָס אידישע מאַרטי־רערטום? דאס זיינען שטערונגען, אַ באַלאַסט אין לעבען, אַ געוויכטיגע משא, וועלכע דערדריקט. אויף הערצל׳ס מיטעלמעסיגען זוהן האָט די אידישקייט געדריקט ווי אַ באַרג.

האַנס הערצל, איז ניט בלויז טעאָדאָר הערצל׳ס זוהן, נאָר אויך יוליאַ הערצל׳ס זוהן. און יוליאַ הערצל, הערצל׳ס קליינע פרוי, איז געווען דער יצר, וועלכען הערצל האט גובר געווען. זי האט געזוכט אין לעבען דאָס

אַלץ, וואָס הערצל האָט מיט אַזאַ גבורה צוריקגעשליידערט. הערצל האָט זיין פרוי ניט געליבט. דיזער שענסטער און מענליכסטער פון אַלע מענ־שען פון זיין צייט איז געווען אַ פּרוש און אַ קדוש. און יוליאַ הערצל האָט געהאַסט דעם ציוניזם, וועלכער האָט ביי איהר אוועקגערויבט איהר מאַן, און זי האָט איינגעפּלאַנצט ביי איהרע קינדער אַ שנאה צום ציוניזם, וועלכער האָט צושטערט זייער בירגערלאַכע היים. ווער ווייס וועלכע אונ־טערשטראָמען פון פאַרביטערונג, אומצופרידענקייט, האָבען זיך געטראָגען אין דעם אינטימען לעבען פון דער הערצל־פאַמיליע נאָך הערצל'ס טויט. האָנס הערצל'ס שמד דעקט־אויף דעם פאָרהאַנג פון דעם צובראָכענעם לעבען פון דער הערצל־פאַמיליע. די שעהנע בורזשואַזנע וויענער פרוי האָט סוף־כל־סוף גענומען נקמה אָן דעם אידישען פאָלק וועלכעס האָט ביי איהר אוועקגענומען איהר מאַן, איהר ליבע, איהר היים.

פון משיח'ן פיהרט אַ וועג צו שמד. אָבער פון שמד פיהרט נאָך אַ ברייטערער וועג צו משיח'ן. אויב דאָס אידענטום איז אַן אומגליק, איז דער שמד נאָך אַ פיהל טיפערער אומגליק. קיין קאַפּיטעל פון דער אידישער געשיכטע איז ניט אַזוי דראַמאַטיש, ניט אַזוי פול פון שרעק און קאַמפף און ליידען, ווי די געשיכטע פון די אידישע אנוסים, פון די אונטער־צוואַנג־גע'שמד'טע, פון די מאַראַנען פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל. אין קאַרדאַווא, ליסאַבאָן, גרענאַדאַ, מאַדריד, אין דעם 15־טען און 16־טען יאהרהונדערט האָבען זיך אויפגעהאַלטען די קהלות פון די אנוסים, קהלות פון מאַרטירער, פאַר קדוש־השם, פון באַהאַלטענע שטילע הייליגע קעמפער. דאָרט האָט געפלאַקערט דער שייטער־הויפען פון דער אינקוויזיציע, און דאָרט האָט זיך געטראָגען דער כל־נדרי־ניגון, דער כל־נדרי־געשריי, מיט וועלכען די אנוסים האָבען געמאַכט צו שפּאָט און צו שאַנד אַלע זייערע נדרים און שבועות און חרמים צום קריסטענטום, האָבען אויסגעשריען דעם רעבעלישען „בטלין ומבטלין" אנטקעגען אַלץ, וואָס זיי האָבען גענומען אויף זיך אונטער'ן צוואַנג פון דער אינקוויזיציע. ביי די אַנוסים האָט געברענט דער באַלדיגער גלויבען אין משיח'ס באַלדיגען קומען, און די אנוסים האָבען זיך ניט איינמאָל אָנגענומען מיט מוט און זיינען מיט וואָפען אין דער האַנט אַרויסגעטראָטען אויף די גאַסען געגען זייערע בלוטיגע פאַרפאָלגער.

מנשה בן ישראל, אוריאל אקאסטא, האָבען געשטאַמט פון אַנוסים, און האָבען געפונען דעם וועג צוריק צו אידען. אַלע משיח־באַוועגונגען פון יענע יאהרהונדערטער האָבען געפונען ביי די אַנוסים אַ ליידענשאַפט־ליכען אָפּקלאַנג. פון די אַנוסים איז אויפגעטראָטען די מערקווירדיגע משיח־געשטאַלט פון שלמה מלכו, וועלכער איז געקומען מיט דעם פּלאַן

צו אָרגאַניזירען אַן אַרמיי און אַ פלאָט און אָפּנעמען ארץ ישראל פון די טערקען, און וועלכער האָט פאַר זיין מוט באַצאָלט מיט'ן לעבען אויפ'ן שייטער־הויפען פון דער אינקוויזיציע. קיין טהייל פון דעם אידענטום האָט ניט געוואַרט אַזוי לעבעדיג און ליידענשאַפטליך אויף משיח'ן, ווי די אנוסים. ווען שבתי־צבי איז געפאַלען פון זיין משיח־הויך און אידען פון אַלע לענדער האָבען זיך פון איהם אָפּגעזאָגט מיט טיפען יאוש, האָבען די אנוסים־געמיינדעס אין מערב־אייראָפּאַ נאָך פאַר לאַנגע יאָהרען ניט געוואָלט אויפגעבען דעם פאַנטאַסטישען משיח־חלום.

די הערצל־לעגענדע ווערט ניט צערונען דורך האַנס הערצל'ס שמד. זי איז נאָר געוואָרען רייכער און טרויעריגער מיט נאָך אַ מאָטיוו, מיט דעם עכט־אידישען יאוש־מאָטיוו. עס איז נאָר אַ צער אויפ'ן אידישען פאָלק, וואָס די פרעמדע וועלט האָט אַמאָל דערזעהן זיין אינטימען האַר־צענס־פּיין, זיין היימישען נאַציאָנאַלען לייד, — „כי ראו ערותה", ווי עס קלאָגט דאָס איכה־ליעד. און דער טיפסטער צער איז אויף האַנס הערצל'ען גופא, וועלכער האָט זיך גע'שמד'ט, ווי די אַמאָליגע אנוסים, אונטער דעם טיפסטען דרוק, אונטער דעם דרוק פון דער אייגענער מאַכטלאָזיגקייט.

אויגוסט 23 1926

א י נ ה א ל ט

אינהאַלט פון ערשטען באַנד:

סירקין דער מענש און דענקער — יצחק זאר — 6

ערשטע שריפטען — 17-69

- דער היסטאָרישער פּראָצעס — 19
- אויפרוף צו דער אידישער יוגענט — 35
- דאָס פאָלק אין קאַמף פאַר זיין פריהייט — 47
- דער ציוניזם און דער המון — 55

אַרטיקלען וועגען „בונד“ — 71-122

- דער ציוניזם און דער „בונד“ — 73
- די נאַציאָנאַלע ענטוויקלונג פון „בונד“ — 92
- דער „בונד“ און דער ציוניזם — 106
- דער עם־הארץ פון דער אידישער גאַס — 117

צו דער געשיכטע פון סאָציאַליסטישען ציוניזם — 123-149

- צו דער פאָרגעשיכטע פון סאָצ. ציוניזם — 125
- צו דער געשיכטע פון סאָצ. ציוניזם — 130

פון דער ס. ס. פּעריאָדע — 151-165

- די רעוואָלוציע און די אידישע בורזשואַזי — 153
- די רעאַקציע און די אידישע רעוואָלוציע — 160
- מאָזעס העס — 166
- די באַדייטונג פון שבת — 176
- דער יעצטיגער מאָמענט אין ציוניזם — 181
- אַן אָפענער בריף צו אַלע סאָצ. טעריטאָריאַליסטען — 185
- די אידענפראַגע — 191
- דער אידישער נאַציאָנאַליזם — 206

אידישער קאָנגרעס פּעריאָדע — 211-253

- אידישער קאָנגרעס אין אמעריקא — 213
- צו אַלע אידישע אַרבייטער אין אַמעריקא — 230
- פאָלקס־איינהייט — 235
- העסטער סטריט און וואָל סטריט (פעליעטאָן) — 239

רעאַקציאָנערער און פּראָגרעסיווער נאַציאָנאַליזם — 254

דער אידישער ארבייטער און דער ציוניזם — 259

דער אידישער שטאַט — 263

דער סאָציאַליסטישער ציוניזם — 267

צ י נ י ז ם געגען ציוניזם — 272

די יסודות פון דער סאָצ. קאָאָפּעראַטיווער ווירטשאַפט אין א״י. — — 276
קאָאָפּעראַטיוועו אין דער קאָלאָניזאַציע פון ארץ ישראל — — — — — — — 285
דער גייסטיגער שלום — — — — — — — — — — — — — — 297
ב. באָראָכאָוו און דער פועלי ציוניסטישער געדאַנק — — — — — — — 300
סאָציאַליזם — די שאַפונג פון אידישען גייסט — — — — — — — — — 304
באַשיצונג פון לעבען — — — — — — — — — — — — — — 310
געדאַנקען וועגען סאָציאַליסטישען ציוניזם — — — — — — — — — — 316

אינהאַלט פון צווייטען באַנד:

עפּאָכען אין דער אידישער געשיכטע — — — — — — — — — — — 4־80
די וואונדערבאַרע אידישע נאַציאָנאַליטעט — — — — — — — — — 5
דער מדבר־גייסט און דער „אהלים“־גייסט אין דער אידישער געשיכטע — 10
דער אידישער שטאַאַט און זיין היפוך די נבואה — — — — — — — 15
די לייטערונג פון אידענטום אין גלות בבל — — — — — — — — — 20
דער גייסטיגער שטילשטאַנד אין אָנהויב פון בית שני — — — — — — 25
דער צוזאַמענשטויס צווישען אידענטום און גריכענטום — — — — — — 29
די פאַרשפּרייטונג פון אידען אין דער היינטיגער וועלט — — — — — 35
די גריכיש־רוימישע ליטעראַטור וועגען אידען — — — — — — — — 40
די אידישע פאַרגייסטיגונג פאַר דעם צווייטען חורבן — — — — — — 46
דער אונטערגאַנג פון דער אידישער זעלבסשטענדיגקייט — — — — — 52
די ענטשטעהונג פון קריסטענטום — — — — — — — — — — — 57
קריסטענטום רייסט זיך אָפּ פון אידענטום — — — — — — — — — 67
די ענטשטעהונג פון דער קריסטוס לעגענדע — — — — — — — — — 75
אידישע משיח־באַוועגונגען — — — — — — — — — — — 81־130
דאָס שעפּעלע צווישען זיבען וועלף — — — — — — — — — — 83
דער אָנהויב פון מיטעלאַלטער — — — — — — — — — — — 90
די אידען אונטער מאַכמעד׳ס אויפגעהעכענדען שטערען — — — — — 96
דער אידישער רענעסאַנס אין אַראַבישען שפּאַניען — — — — — — 102
די אידען אין דער צייט פון די כאַליפען — — — — — — — — 107
אין דעם קאַמף צווישען קאַטאָליציזם און פרייען גייסט — — — — — 112
דוד ראובני און שלמה מלכו — — — — — — — — — — — — 118
דער לעצטער משיח — — — — — — — — — — — — — — 124
אידענפראַגע און דער סאָציאַליסטישער אידענשטאַאַט — — — — — 132־179
די אידישע עמאַנציפּאַציע און דער אנטיסעמיטיזם — — — — — — 133
אינטערנאַציאָנאַליזם און נאַציאָנאַליזם — — — — — — — — — 145
דער ציוניזם — — — — — — — — — — — — — — — — 155
דער סאָציאַליסטישער אידענשטאַאַט — — — — — — — — — — 167
שפּראַכען פראַגע — — — — — — — — — — — — — — 181־219
נאַציאָנאַלע קולטור און נאַציאָנאַלע שפּראַך — — — — — — — 183
אידיש אָדער העברעאיש — — — — — — — — — — — — — 205
געזאָגט נביאות און אַליין ניט געוואוסט — — — — — — — — — 210

וועגן אינטערנאַציאָנאַל — — — — — — — — — — — — — — — 222־287
דער אינטערנאַציאָנאַל און דאָס אידישע פאָלק — — — — — — — — — — 223
די פועלי ציון אין אינטערנאַציאָנאַל — — — — — — — — — — — — — 227
אוטאָפּיסטיש, רעפאָרמיסטיש און קאָנטר־רעוואָלוציאָנער — — — — — — 230
נאַציאָנאַלע פרייהייט און אינטערנאַציאָנאַלע איינהייט — — — — — — 239
דער קאָנסטרוקטיווער סאָציאַליזם אין ארץ ישראל — — — — — — — — 291
משיח און שמד — 291